STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04186

A RAYZE OYF'N GRUND YAM

Jules Verne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א רייזע אויפ'ן גרונד ים

אדער

צוואנציג טויזענד מייל אונטער'ן וואסער

פון

זשול ווערן

איבערזעצט פון

א. ד. אָגוז

NEW YORK

JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

1912

1טעם קאפיטעל

דער זאָנדערבאַרער ים־מזיק

אין יאָהר 1866 איז א גרויסער טהייל פון דער וועלט אויפגערודערט געוואָרען איבער א זאָנדערבארע, אונערקלערליכע ערשיינונג אויף'ן ים, וואָס איז אָהן צווייפעל ביז יעצט נאָך ניט פערגעסען געוואָרען. ניט נור האָבען וועגען דעם גערעדט רייזענדע אויף'ן ים, זאָנדערן גאנצע פעלקער און נאציאָנען האָבען וועגען דעם גערעדט און דיסקוטירט. סוחרים, שיפס־אייגענטהימער, קאַפיטאנען און אָפיצירען פון קריעגס־פלאָטען פון אייראָפא און אמעריקא זיינען געווען העכסט פעראינטערעסירט מיט דער זעלטענער ערשיינונג און דיא רעגיערונגען פון ביידע וועלט־טהיילען האָבען דערויף געשענקט גרויס אויפמערקזאמקייט.

אין דעם דערמאָהנטען יאָהר האָט זיך אין פערשיעדענע געגענדען אויף'ן ים בעוויזען אן אונגעהייער גרויסער געגענשטאנד, אָדער א מין בריאה אין דער פאָרמע פון א שפינדעל, עס הייסט: לאנג, קיילעכדיג, איין זייט ברייט און דער צווייטער שמעלער. דער דאָזיגער געגענשטאנד אָדער בעשעפעניס האָט צייטענווייז פון זיך ארויסגעלאָזט א בעלייכטונג אזוי וויא פון פאָספאָר און ער האָט זיך בעוועגט פיעל מאָל מעכטיגער און שנעלער פון א וואלפיש.

פערשיעדענע שיפען האָבען דעם דאָזיגען געגענשטאנד בעגעגענט אין פערשיעדענע געגענדען פון דער וועלט און דיא בעשרייבונגען וואָס שיפס־קאַפיטאנען און ים רייזענדע האָבען געמאכט איבער איהם האָבען אין דיא מעהרסטע פרטים געשטימט. אלע האָבען דעם דאָזיגען געגענשטאנד אָדער ים חיה בעצייכענט אלס שפינדעל־פאָרמיג. אלע האָבען דערצעהלט פון דיא פאָספאָרלייכטונג וואָס ער גיט ארויס און אלע האָבען אויף איין אופן געשילדערט דיא אויסערגעוועהנליכע קראפט און שנעלקייט אין זיינע בעוועגונגען. אָבער פון דיא אלע איינצעלהייטען וואָס מען האָט וועגען דעם געזעהענעם געגענשטאנד אָנגעגעבען, האָט קיינער ניט געקענט פערשטעהן וואָס דאָס איז אזעלכעס, ווייל אָננעהמענדיג, אז דאָס איז אזא מין לעבעדיגע בעשעפעניס, וואָס געהערט צו דיא גרעסטע זאָרט חיות פון ים, אזוי וויא, צום־ביישפיעל, וואלפישען,

האָט מען אָבער געמוזט צוגעבען, אז אזא גרויסער וואלפיש איז נאָך קיינמאָל ניט געזעהן געוואָרען און דיא גרעסטע איקטהיאָלאָגיסטען (קענער פון פיש וויסענשאפט) האָבען קיינמאָל פון אזא מאָנסטער, פון אזא אומגעלומפערטע בריאה ניט געהערט.

שוין אָבגערעדט פון דיא מגזמים, פון דיא איבערטרייבער, וועלכע האָבען דעם זאָנדערבארען געגענשטאנד געזעהן און האָבען אָנגעגעבען זיין לענג דריי מייל און א מייל דיא ברייט, זאָגדרען אפילו לויט דאָס שאטצען פון אנדערע, וועלכע האָבען משער געווען זיין לענג אין הונדערטע פוס, האָט מען אויך ניט געקענט בעשליסען, אז דאָס איז א לעבעדיגעס וועזען, ווייל קיין נאטור פאָרשער און דיא וויסענשאפט אין אלגעמיין האָט פון אזא בריאה ניט געוואוסט. אָבער נאָך אלעמען האָט קיינער ניט געקענט אָבלייקענען, אז אזא ערשיינונג, וואָס עס זאָל ניט זיין, עקזיסטירט, ווייל עס קען דאָך ניט זיין, אז פיעלע מענשען פון פערשיעדענע לענדער, וואָס האָבען זיך קיינמאָל ניט בעגעגענט איינע מיט דיא אנדערע זאָלען אויסטראכטען איינעם און דעם זעלבען ליגען, און מען קען דאָך אויך ניט גלויבען, אז אלעמען זאָל זיך האָבען אויסגעדראכט איינע און דיא זעלבע זאַך! אָבער וואָס דיעזע משונה'דיגע ערשיינונג איז, האָט מען ניט געקענט ערקלעהרען און עס איז פערבליבען פאר דער וועלט צו ריידען און דיסקוטירען דעריבער.

דאָ זיינען א טהייל פון דיא בעריכטען און פאקטען, וואָס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען וועגען דעם ביז דאמאָלס ניט געזעהענעם געגענשטאנד:

דעם 20טען יולי פון דעם יאָהר 1866, איז דער דאמפפער "גאָווערנאָר היגינסאָן" פון דיא קאלקוטא סטים-שיף קאָמפאני, געפאָהרען אויף'ן ים ניט וויט פון דיא מזרח ברעגעס פון אויסטראליען. דער שיפס-קאפּיטאן בייקער און א פּאָר פון זיינע מאטראָזען האָבען פּלוצלונג דערזעהן א געוואלדיג גרויסען געגענשטאנד אויף'ן וואסער. דער קאפּיטאן האָט אָנפאנגס געמיינט, אז דאָס איז א פעלז אָדער א זאמד-בארג, וואָס איז נאָך ניט בעוואוסט אויף דער ים-קארטע און ער האָט אָנגעהויבען אָבקירעווען דיא שיף, אום אויסצומיידען א שיפס-ברוך. אָבער באלד האָט דיעזער געגענשטאנד ארויסגעלאָזט א הילכיגען, שארפען פייף און צוויי גרויסע שטראָמען וואסער האָבען זיך פון איהם אויפגעהויבען ביז 150 פוס הויך. בייקער האָט געמיינט, אז דאָס איז אן אויסברוך פון א "גאַיזער" און ער האָט זיך מיט אינטערעס איינגעקוקט אויף דער סצענע.

מיר וועלען ביי דיעזע געלעגענהייט ערקלערען וואָס א "גאַיזער" איז.

א "גאַיזער" איז א וואונדערבארע נאטור ערשיינונג. דאָס איז א קוואל וואָס שפריצט קאָכעדיגעס וואסער. אזא קוואל הויבט זיך אָפט אויף מיט א שטראָם אריבער הונדערט פוס און אָפטמאָל פיעל העכער. עס שלעפּט מיט מיט זיך בלאָטע פון אונטער דער ערד און דאָס רוב קומט עס ארויס מיט א גערויב-

טען דאמפף (סטים), אזוי וויא ווען מען גיסט וואסער אויף גליהענדע שטיינער. "גאיזערס" זיינען פאראן א סך אויף'ן ערד קוגעל, מעהרסטענטהייל אין ניו זעעלאנד. מען קען אויך זעהן אזא קוואל, וואָס ווארפט פון זיך הייסע וואסער, אין יעלאָוסטאָון פארק, נאָרד וועסט קאָרנער פון וואיאָמינג.

דער קאפיטאן פון דער "גאָווערנאָר היגינסאָן" האָט אלזאָ גערענקט, אז ער זעהט פאר זיך א זאמד־בארג מיט א "גאיזער" אויסברוך. אָבער דער געגענשטאנד האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען און שווימען, דאן האָט זיך דער ערשטוינטער קאפיטאן איבערצייגט, אז ער האָט דאָ ניט צו טהאָן מיט קיין טויטען פעלז, אָדער זאמד־בארג, זאָנדערן מיט א לעבעדיגע בעשעפעניס, זאָ צו זאָגען, אזא מין לויתן.

עהנליכע פאקטען זיינען אָנגעגעבען געוואָרען פון דעם קאפיטאן פון דער שיף "קאָלומבוס" פון דיא וועסט אינדיא און פאסיפיק סטים־שיף קאָמפאני. דעם 23טען יולי פון דעם זעלבען יאָהר האָט דער קאפיטאן פון דיעזער שיף געזעהן דעם זעלבען אונערקלערטען געגענשטאנד אין שטילען ים, 700 זעע מיילען ווייט פון דעם אָרט וואו דיא "גאָרווערנאָר היגינסאָן" האָט זיך מיט איהם בעגעגענט מיט דריי טעג פריהער. אזא שטרעקע דורכצושווימען אין דריי טעג, האָט נאָך קיין שיף און קיין ים־חיה ניט בעוויזען.

מיט פופצעהן טעג שפעטער האָבען צוויי אנדערע דאמפפערס, דיא "העלוועשא" און דיא "שאנאָן" בעגעגענט דיא רעטזעלהאפטע בעשעפעניס אין אטלאנטישען ים, צווישען אייראָפא און דיא פעראייניגטע שטאאטען. דאָס איז געווען צוויי טויזענד מייל ווייט פון דעם פלאץ וואו דיא "קאָלומבוס" האָט זיך מיט איהם אָנגעטראָפען. פון דיא צוויי שיפען האָט מען דיא אומגעלומפערטע זאך גוט בעאָבאכטעט און לויט וויא דיא לייטע פון דיא שיפען האָבען געשאצט איז עס געווען וועניגסטענס אריבער 300 פוס לאנג. און אזוי וויא דיא גרעסטע וואלפישען וואָס געפינען זיך ביי דיא אלעאוטישע און קולאמאקישע אינזלען האָבען ניט מעהר וויא 60 פוס לענג, האָט קיינער ניט געקענט בעשטימען וואָס פאר א מין ים ריעז דער זאָנדערבארער געגענשטאנד איז און עס איז פערבליבען א טיעפע רעטעניס זאָגאר פאר דיא גרעסטע וויסענשאפטסמענער.

אזעלכע און עהנליכע וויא דיא דערמאָהנטע בעריכטען זיינען אָנגעקומען איינע נאָך דיא אנדערע, אלע מאָל מיט מעהר איינצעלהייטען, מיט מעהר בעאָבאכטונגען און דיא משונה'דיגע בריאה אין ים איז געוואָרען א טאגעס פראגע, וועלכע האָט שטארק בעשעפטיגט א גרויסען טהייל פון דער ציוויליזירטער וועלט. איבעראל האָט מען וועגען דעם גערעדט, איבעראל האָט מען זיך געבראָכען דיא מחות צו ערקלערען דיא מאָדנע רעטענים פון ניינצעהנטען יאָהר־הונדערט.

עס איז כמעט ניט געוועזן קיין לאנד, וואו מען האט ניט גערעדט פון דעם וואונדערבארען געגענשטאנד, וועלכען מען האט ניט געוואוסט וואס פאר א נאמען צו געבען. מען האט וועגען דעם געזונגען אין דיא קאפע הייזער, וויטצ־ליגגע האבען זיך געוויטצעלט אויף דעם חשבון פון דעם "ים־מאנסטער", צייטונגס לייטע האבען געהאט גענוג שטאף צו שרייבען וועגען דעם וויסענשאפט־ליכע אבהאנדלונגען און פעליטאנען, און צייכענער — צו מאכען פערשיעדענע קאריקאטורען.

וויא געוועהנליך זיינען ניט אלע געוועזן מיט איין מיינונג. מאנכע האבען דיא פראגע בעשפראכען ערנסט און מאנכע האבען עס צוגערעכענט צו דיא לעגענדארישע ערצעהלונגען פון זאנדערבארע בעשעפעניסען און פיפערנאטערס, וואס זאלען האבען געלעבט אין ים און אויף דער יבשה.

דיא מאמינים. אז אזעלכע "מאנסטערס", אזעלכע מאדנע ברואים עקזיסטירען אין דיא ווירקליכקייט, האבען געזוכט משלים און ראיות, אז זיי האבען רעכט. זיי האבען דערצעהלט מעשיות, אז אין ים לעבען אזעלכע ברואים אדער ים־שלאנגען, וואס האבען בכח ארונטער צו שלעפען אויף'ן גרונד דיא גרעסטע שיף וואס וועגט ביז 500 טאן. אנדערע האבען אויך בעוויזען וויסענשאפטליך, אז אזעלכע בעשעפעניסען זיינען פאראן און זיי האבען אנגעציינגט, אז דיא גרויסע נאטור פארשער פון אלטערטהום, וויא אריסטאטלעס, פליניוס און אויך שפעטערע געלעהרטע, וויא דער נארוועגישער בישאף פאנטאפידאן און פאול העגעדעס זיינען מיט דער מיינונג, אז דיזע ברואים עקזיסטירען. מען האט אויך אנגעוויזען אויף דיא ערקלערונג פון א געוויסען בענלויבטען רייזענדען הארינגטאן, וועלכער דערצעהלט, אז אין יאהר 1857 האט ער אליין פון דער שיף "קאסטילאן" געזעהן א ים־שלאנג פון דיזען סארט.

פיעלע אנדערע האבען אבער חוזק געמאכט פון אזעלכע וויסענשאפט און זיי האבען ערקלערט, אז דאס זיינען בלויז פאנטאזיעס. דערפון זיינען ארויסגעקומען הייסע דיספוטען צווישען וויסענשאפטס מענער אין צייטונגען און זשורנאלען. עס האט זיך אנגעפאנגען א ליטעראַרישע מלחמה, ביי וועלכע עס זיינען פערגאסען געווארען ניט נור טייכען טינט, זאנדערן אויך א היבשע ביסעל טראפענס בלוט, ווייל דיא דיסקוסיאנען איבער דעם דאמאלס געזעהענעם געגענשטאנד און איבער מיילען לאנגע ים־שלאנגען אין אלגעמיין האבען געבראכט צו פערזענליכע בעליידיגונגען און אין מאנכע פעלע — אויך צו פעטש.

זעקס מאנאטען האט דיא פעדער מלחמה אנגעהאלטען אין פערשיעדענע וויסענשאפטליכע צייט־שריפטען פון פערשיעדענע לענדער און אויך אין צייטונגען און זשורנאלען, וואס האבען ווייניג געהאט צו טהאן מיט וויסענשאפט. הומאריסטישע שריפטשטעלער, וועלכע האבען קיין אמונה געהאט, אז אומגעלומפערטע ריעזען חיות געפינען זיך ערגיץ, האבען זייערע געגנער געענגט־

פערט מיט דעם בעוואוסטען ווערטעל פון דעם גרויסען שוועדישען באָטאַניקער לינאָעאוס, אז "דיא נאטור בעשאפט קיינע דומקעפּ". געוועהנליך, האָבען זיך דיא, אויף וועמען דער שפּרוך איז געווען געציעלט, שטארק בעליידיגט דערפון, אָבער זיי האָבען זייער קאמפּף ניט אויפגעגעבען, ביז ענדליך איז אַן אַלגעמיין בעליעבטער סאטירישער זשורנאל ארויס מיט א לאנגען סאטירישען ארטיקעל, אין וועלכען ער האָט אָבגעשפּאָט און אויסגעלאכט דיא גאנצע געשיכטע און מען האָט זיך געשעהמט וועגען דעם ווייטער צו ריידען און דיא דיספּוטען וועגען דיא אונבעוואוסטע ים־חיות זיינען שטיל געוואָרען.

דער וויטץ האָט בעזיעגט דיא וויסענשאפט.

א קורצע צייט איז שטיל געווען, אָבער נאכהער האָט מען זיך ארומגעזעהן, אז מיט שווייגען און אויך מיט חכמות און וויטצען קען מען דיא פראגע ניט פּטור'ן, ווייל זיא איז געוואָרען צו ערנסט און זיא מוז ערנסט בעהאנדעלט ווערען, ניט פון דעם וויסענשאפטליכען שטאנדפּונקט וועגען דעם עקזיסטענץ פון דער משונה'דיגער בריאה אין ים, ווייל עס איז שוין מעהר קיין צווייפעל געווען, אז אזא חיה עקזיסטירט; אָבער מען האָט געדארפט דיסקוטירען און זוכען מיטעל וויא אזוי צו פערהיטען אונגליקען וואָס זיא האָט געקענט פּערורזאכען צו שיפען אויף'ן ים. דאָס מערקווירדיגע בעשעפעניס האָט ענדליך בעשטימט בעוויזען, אז זיא איז ניט קיין אינזעל, ניט קיין פעלז, זאָנדערן אַן אונבעשטימטעס לעבעדיגעס וועזען, א מין לויתן, פאר וועלכען מען מוז זעהר פאָרזיכטיג זיין.

דעם פינפטען מערץ פון דעם פאָלגענדען יאָהר, 1867 האָט זיך דיא שיף "מאָראוויאן" פון דיא מאָנטרעאַל אָושען קאָמפּאני אָנגעשטויסען אָן עפּעס א זאך אונטער'ן וואסער אין אזא פלאץ, וואו נאָך דער ים־קארטע איז קיינמאָל קיין פעלז ניט געווען. דער שכּיים איז געווען זעהר א שטארקער. ווען אַן אנדער שיף בעקומט אזא קלאפּ, וואָלט זיא זיכער געזונקען. אָבער דיא "מאָראוויאן" איז געווען איינע פון דיא בעסטע דאמפפערס, פעסט געבויט און האָט געהאט א פיער הונדערט פערד קראפט, און צו פערדאנקען איהר שטארקייט און שנעלקייט האָט זיא זיך גערעטעט צוזאמען מיט דיא 237 פּאסאזשירען וואָס זיינען אויף איהר געווען. דער אונטערשטער דעק פון שיף איז שטארק בעשעדיגט געוואָרען. אָבער מען האָט עס ניט געוואוסט ביז דיא שיף איז אָנגעקומען אין איהר האפען אין קענעדע.

דיא סבה האָט פּאסירט אום פינף דעם זייגער בעגינען. דיא אָפיציערען פון שיף האָבען געמאכט אַן אונטערזוכונג און גוט בעאָבאכטעט דעם אָרט וואו דיא שיף האָט דעם געפעהרליכען קלאפּ בעקומען און עס איז דייטליך איבערצייגט געוואָרען, אז דאָרט איז קיין פעלז ניטאָ. זיי האָבען אָבער געזעהן, אז עטוואָס ווייטער האָט דער ים געזאָדען, געשוימט און געוואָרפען כוואַליעס אַן

זיי זיינען געווען זיכער, אז עטוואס אן אונגעהייער גרויסער געגענשטאנד איז דארט דורכגעשוואומען.

דיעזער פאקט, אבוואהל ער איז גענוג צו שענקען אויף איהם ערנסטע אויפמערקזאמקייט, וואלט פיליכט פערגעסען געווארען אזוי וויא דיא פריהעריגע פאקטען וואס מען האט דערצעהלט וועגען דער זאנדערבארע ים בריאה. אבער אין דריי וואכען ארום האט ווידער פאסירט א פאל אונטער עהנליכע אומשטענדען. דיעזען מאל האט עס בעריהרט א קאמפאני, וועלכע האט זיך שטארק גענומען בעהאנדלען דיא פראגע זעהר ערנסט און א גרויסער טהייל פון דער וועלט איז אויפגערודערט געווארען.

דער קרבן פון דער אונבעקאנטער בריאה איז ערשט געווען דיא שיף "סקאשא" פון דיא קונארד ליין קאמפאני. דיעזע קאמפאני, געגרינדעט פון דעם בעריהמטען ענגלישען שיפס-מאגנאט קונארד, האט געהאט א נאמען. איהרע שיפען האבען געמאכט דיא וויטעסטע רייזען איבער'ן ים. דיא קונארד ליין קאמפאני עקזיסטירט הייגט אויך און דער פערקעהר פון איהרע שיפען איז זעהר גרויס. דיא "סקאשא" איז געווען א שטארקע שיף. זיא איז געווען גוט געפאנצערט און איהרע אינדזשענס זיינען געווען פון בעסטען סארט.

דאס איז געווען דעם דרייצעהנטען אפריל, 1867. דיא "סקאשא" איז געפאהרען איבער'ן אטלאנטישען ים. דאס וועטער איז געווען שעהן, דער ים רוהיג און דיא שיף האט זיך געגליטשט מיט פולע שנעלקייט. נאך פיער דעם זייגער פאר נאכט, וועהרענד דיא פאסאזשירען זיינען געזעסען אין שפייזזאל ביים טיש, האט מען פלוצלינג דערפיהלט אן אויסערגעוועהנליכען שטויס, אזוי וויא יעמאנד זאל אונטער'ן וואסער דורכשניידען אדער דורכבויערען דעם דעק פון דער שיף. אנפאנגס האט זיך קיינער ניט געקימערט וועגען דעם, ווייל דער שטויס איז געווען אזוי לייכט, דאס אלע זיינען פערבליבען זיצען אויף זייערע פלעצער און זאגאר דיא כלים וואס זיינען געשטאנען אויף'ן טיש האבען זיך כמעט ניט בעוועגט. קיינער האט ניט געדענקט, אז דאס זאל זיין פערבונדען מיט אירגענד וועלכע געפאהר.

אבער באלד האט איינער פון דיא שיפס-אנגעשטעלטע אויסגעשריען: "מיר זינקען! מיר זינקען!" אלע האבען זיך צושראקען און אין שיף איז געווארען א גרויסע מהומה. אבער קאפיטאן אנדערסאן האט אלעמען בערוהיגט, ערקלערענדיג, אז אויף'ן ערגסטען פאל קען מיט דער שיף אזוי גיך קיין געפאהר ניט זיין, ווייל זיא איז איינגעטהיילט אין זיעבען אבטהיילונגען, וועלכע זיינען אבגעצאמט מיט שטארקע אייזערנע ווענד און ווען אפילו וואסער זאל אריינדרינגען אין איינע פון דיא אבטהיילונגען, קען עס זיכער ווייטער ניט קומען.

דער שיפס-קאפיטאן איז ארונטערגעגאנגען טיעפער אין שיף און ער האט אויסגעפינען, אז דאס וואסער דרינגט אריין אין דיא פינפטע אבטהיילונג, וואו

אין דעק איז דורכגעשניטען א לאָך. צום גליק איז דיעזע אָבטהיילונג געווען ווייט פון קעסעל, זאָנסט וואָלט געקענט געשעהן אן עקספּלאָזיאָן און דיא שיף וואָלט פיליכט צושמעטערט געוואָרען אויף שטיקלאך.

דער קאפּיטאן האָט געהייסען אָבשטעלען דיא שיף און מען האָט זיך אראָבגעלאָזט אין וואסער אונטער'ן דעק אונטערצוזוכען אויף וויפיעל דיא שיף איז בעשעדיגט. עס איז אויסגעפונען געוואָרען, אז דאָרט איז אזוי וויא פון א שארפען אינסטרומענט אויסגעהאקט געוואָרען א לאָך צוויי איילען גרויס. דיא וייטערע רייזע האָט שוין דיא שיף ניט געקענט מאכען מיט איהר געוועהנליכע שנעלקייט און דיא "סקאָשא" איז אָנגעקומען אין ליווערפּול מיט דריי טעג שפּעטער וויא אימער.

מען האָט דיא בעשעדיגטע שיף ארויפגעשלעפּט אויף א דאק און אינזשינירען האָבען בעאָבאכטעט דעם צובראָכענעם פּלאץ אין איהר. דיא אינזשינירען האָבען זייערע אייגענע אויגען ניט געגלויבט. זיי האָבען דייטליך געזעהן, אז דיא לאָך איז ניט געקומען פון א קלאפּ אָן א שטארקען פעלז. עס איז געווען אויסגעשניטען אזוי וויא מיט א שארפען אינסטרומענט. אָבער ווער האָט אזוי געקענט אויסשניידען אן אייזערנע פּלאטע, אן אינטש מיט דריי פיערטעל דיק? און מיט וואָס פאר אן אינסטרומענט האָט מען עס געקענט מאכען? דאָס האָט קיינער ניט געקענט פערשטעהן. מען האָט דארום געמוזט צוגעבען, אז אין ים געפינט זיך אזא בעשעפעניס וואָס קען בעווייזען אזא זאך און אלע האָבען אָנגעהויבען גלויבען, אז דיא אומגעלומפּערטע ים־בריאה אָדער לויתן, וועגען וועלכע מען האָט אזוי פיעל גערעדט און געשריבען, עקזיסטירט אין דיא ווירקליכקייט און זיא איז פעראנטוואָרטליך פאר דעם שאדען פון דער "סקאָשא".

מען האָט דאן אָנגעהויבען גלויבען, אז דער אונבעקאנטער "ים־מאָנסטער" איז פעראנטוואָרטליך פאר דיא הונדערטע אָדער טויזענדע שיפען וואָס געהען פערלאָרען אויף'ן ים יעדעס יאָהר און א שטארקע בעוועגונג האָט זיך אָנגעפאנגען צו זוכען מיטעל וויא אזוי לויז צו ווערען פון דער פירכטליכער בעשעפעניס, וועלכע מאכט דעם פערקעהר אויף'ן ים אונזיכער.

דיא קונארד ליין קאָמפּאני איז געשטאנען אן דער שפּיצע פון דיעזער בעוועגונג.

2טעם קאפּיטעל

מלחמה געגען דעם לויתן

אין דער צייט ווען דיא דערמאָהנטע בעגעבענהייטען האָבען פּאסירט, בין איך געקומען צוריק נאָך ניו יאָרק פון נעבראסקאָ, וואוהין דיא פראנצויזי־

שע רעגיערונג האט מיך, אלס אסיסטענט פראפעסאר אין מוזעאום און נייטשראל היסטארי, געשיקט אויף א רייזע פאר א וויסענשאפטליכען צוועק. נאכדעם וויא איך האב אין נעבראסקא פערבראכט אריבער זעקס מאנאטען צייט בין איך צוריק געקומען אין ניו יארק אין ענדע פון מאנאט מערץ, אנגעלאדען מיט פערשיעדענע קאסטבארע זאמלונגען. איך האב זיך געדארפט אומקעהרען צוריק נאך פראנקרייך אין אנפאנג פון מאנאט מאי. דערווייל בין איך געוועזן בעשעפטיגט אין קלאסיפיצירען מיינע זאמלונגען, איינטהיילען אלעס אין ריכטיגען ארדנונג, לויט דיא פערשיעדענע קלאסען פון נאטור וויסענשאפט, נעמליך: דאס וואס בעלאנגט צו זאאלאגיע (וויסענאשפט פון לעבעדיגע ברואים) בעזונדער, באטאניק (וויסענשאפט פון פלאנצונגען) בעזונדער און אזוי ווייטער. און וועהרענד איך בין געוועזן בעשעפטיגט מיט דיעזער ארבייט, האט פאסירט דיא זאנדערבארע סבה מיט'ן דאמפפער "סקאשא".

איך בין געוועזן גוט בעקאנט מיט דער פראגע וועגען דעם מעכטיגען, פאר דער וויסענשאפט אונבעשטימטען ים־ריעז, וואס איז דאמאלס געווארען א וויכטיגע טאגעס פראגע. איך האב וועגען דעם פיעל געלייענט אין אמעריקאנישע און אייראפעאישע צייטונגען און מיך האט עס שטארק פעראינטערעסירט. דאס איז פאר מיר געוועזן א זאנדערבארע טיעפע רעטעניס, איבער וועלכע איך האב קיין מיינונג ניט געקענט ארויסגעבען. איך האב זיך דארום ניט בעטהייליגט אין דער ליטעראַרישער מלחמה וואס איז מיט מאנאטען צוריק אנגעגאנגען וועגען דעם אומגעלומפערטען געגענשטאנד אין ים. אבער איך בין דורכאויס געניינט געוועזן צו גלויבען, אז דאס איז עפעס און אז קיין אויסגעטראכטע זאך איז עס זיכער ניט.

ווען איך בין געקומען נאך ניו יארק און איך האב ערפאהרען וועגען דעם פאל מיט דער שיף "סקאשא", איז מיר דיא זאך געווארען מעהר אינטערעסאנט. אבער איך האב אלץ ניט געקענט בעשטימען וואס דאס איז אזעלכעס. איך האב געהערט פערשיעדענע מיינונגען וועגען דעם. מאנכע האבען געזאגט, אז דער אונבעוואוסטער געגענשטאנד איז א שווימענדער אינזעל; אנדערע זיינען געוועזן מיט דער מיינונג, אז דאס איז א שטיק פון א צובראכענע שיף, און אנדערע האבען אויסגעטראכט פערשיעדענע אנדערע בויך סברות. אבער קיינע פון דיא בעהויפטונגען האבען זיך ניט געלאזט גלויבען, ערשטענס, ווייס נאך דיא וויסענשאפט ניט פון שווימענדע אינזלען און אויב אפילו אזעלכע זאלען יא עקזיסטירען, איז דאך אונמעגליך, אז זיי זאלען אזוי שנעל שווימען און א צובראכענע שיף וואלט זיכער אזעלכע קונצען ניט בעוויזען. א צובראכענע כלי קען דאך זיכער ניט אויפטהאן דאס וואס א גאנצע כלי איז ניט אימשטאנד אויפצוטהאן.

צוויי מיינונגען זיינען בלויז פערבליבען וואס האבען זיך מעהר געלייגט

אויף'ן שכל: ענטוועדער דאָס איז א משונה'דיגע בריאה, פון וועלכע דיא ווי־סענשאפט האָט נאָך ניט ערפאהרען, אָדער אזא מעכטיגע פעסטע שנעל־שיף, וואָס לויפט אונטער'ן וואסער.

אָבער ביי דער לעצטער ערקלעהרונג האָט מען אלץ ניט געקענט פערבלייבען. אין דער עקזיסטענץ פון אזא שיף האָט מען געקענט גלויבען. מעגליך אז דיא ארכיטעקטור און דיא מעכאניק האָבען אזא שיף געשאפען; דיא פראגע האָט זיך אָבער געשטעלט: ווער האָט דיא שיף געבויט? וואו האָט מען זיא געבויט? פאר א פריוואט פערזאָן איז אויסבויען אזא ריעזען־שיף אן אונמעג־ליכע אונטערנעהמונג. אזא זאך דארף קאָסטען אוצרות מיט גאָלד, פיעל אר־ביימס־קראפט און גרויס קונסט, און ווען אפילו עס געפינט זיך ערגיץ אזא רייכער, ענערגישער מאן, אָדער זאָגאר א רייכע קאָמפּאני וואָס קען אונטער־נעהמען אזא ריעזען־ארבייט, קען דאָך אָבער ניט זיין, אז אזא מערקווירדיגע געביידע זאָל אויפגעבויט ווערען אין געהיים. מען האָט דאָך אזא זאך ניט געקענט אויסבויען אין א פערבאָרגענעם צימער, דאָס דארף דאָך פערנעה־מען אן אונגעהייער גרויסען פּלאַץ, היינט וויא אזוי האָט עס געקענט פער־בלייבען א געהיימניס פאר דער וועלט? עס איז זיכער, אז ווען אזא שיף וואָלט געבויט געוואָרען וואָלט מען דערפון געוואוסט נאָך איידער עס וואָלט געווען פערטיג.

אנגעהמענדיג וויערער, אז א רעגיערונג האָט עס געבויט, קען דאָך געוויס ניט זיין, אז דיא וועלט זאָל ניט האָבען געוואוסט דערפון. א רעגיערונג טהוט קיין זאך ניט בסוד, בפרט אזא גרויסע אונטערנעהמונג, וואָס איז פערבונ־דען מיט אונגעהייער גרויסע קאָסטען, וועט קיין רעגיערונג ניט אונטערנעהמען אָהן דעם וויסען פון פאָלק אָדער איהרע פערטרעטער. און אָנגעהמענדיג אפילו, אז א רעגיערונג האָט עס געטהאָן הינטער דעם פאָלק'ס פלייצעס, שטעלט זיך דאָך אלץ דיא פראגע: וויא אזוי האָט מען עס געקענט בעהאלטען אין דער צייט פון בויען, און וויא אזוי האָט מען עס ארונטערגעלאָזט אין וואסער און מען זאָל דערפון ניט וויסען?

מען האָט פון דעסטוועגען געמאכט נאָכפאָרשונגען אין ענגלאנד, רוסלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, איטאליען, שפאניען און אין אנדערע אייראָפּעאישע, אמעריקאנישע און אזיאטישע לענדער און איבעראל האָט מען ערקלערט, אז אזא שיף איז אין זייערע לענדער ניט געבויט געוואָרען, ניט פון פריוואט אונ־טערנעהמער און ניט פון דיא רעגיערונגען.

נאָך מיין אָנקומען אין ניו יאָרק האָבען אייניגע בעוואוסטע מענער זיך גע־ווענדעט צו מיר, איך זאָל זאָגען מיין מיינונג וועגען דער זאָנדערבארער בריאה אין ים. מיין נאָמען אלס פּראָפעסאָר איז געווען גוט בעקאנט. נאָך מיט אייניגע יאָהר צוריק איז אין פראנקרייך ערשיענען מיינס א ווערק אין צוויי גרויסע

בענדער, אונטער דעם נאָמען: "דיא געהיימניסע פון דיא טיעפענים אין ים". דיא געלעהרטע וועלט האָט מיין בוך גוט אויפגענומען און מען האָט מיך אנערקענט אלס ספעציאליסט אין דער וויסענשאַפט פון ים־ברואים. מען האָט דארום פיעל געוויכט געלייגט אויף מיין מיינונג אין דיעזער פראגע און מען האָט אונגעדולדיג ערוואַרטעט מיין אנטוואָרט. איך האָב זיך אייגענטליך ענטזאגט צו זאָגען עטוואָס דעריבער, ווייל איידער געבען אַן אונבעשטימטע תשובה איז גלייכער צו שווייגען. אָבער מען האָט מיך ניט אָבגעלאָזט און מען האָט מיך איינפאַך געצוואונגען, אז איך זאָל עפענטליך ארויסזאָגען וואָס איך מיין און וואָס איך דענק וועגען דעם געפעהרליכען געגענשטאנד אין דיא גרויסע וואַסערען פון דער וועלט.

דיא "ניו יאָרק העראָלד" האָט מיך, "דעם עהרענווירדיגען פּיער אראָנאקס, פּראָפעסאָר פון פאריזער מוזעאום" אויפגעפאָדערט, אז איך זאָל מיין מיינונג ארויסזאָגען. אנדערע צייטונגען האָבען אויך דאָס זעלבע פון מיר פערלאנגט און איך האָב זיך מעהר ניט געקענט צוריקהאלטען און געמוזט עטוואָס זאָגען, געגען מיין אמת'ן ווילען.

איך האָב אָנגעשריבען א לאנגען ארטיקעל, אין וועלכען איך האָב בעהאנדעלט דיא פראגע לויט מיין ערפאהרונג, שכל און מיינע ידיעות אין וויסענשאַפט האָבען מיר דיקטירט. דער ארטיקעל איז פערעפענטליכט געוואָרען דעם 30טען מאי. מיין ערקלערונג איז הויפּטזעכליך בעשטאנען פון פאָלגענדעם:

"נאָכדעם וויא איך האָב נאָכגעדענקט וועגען אלע מיינונגען וואָס זיינען ביז איצט אויסגעשפּראָכען געוואָרען, איז אם ריכטיגסטען צו גלויבען, אז אין ים לעבט אזא מין משונה'דיג גרויסע און מעכטיגע חיה, וועלכע האָט בכח צו שעדיגען דיא גרעסטע און שטארקסטע שיפען און זאָגאר צו מאכען זיי זינקען אין אָבגרונד.

"דיא טיעפענים פון ים איז נאָך ביז איצט ניט אויסגעפאָרשט געוואָרען. מען קען דעם גרונד פון ים ניט ערגרייכען און מיר קענען ניט וויסען גענוי וואָס עס טהוט זיך טויזענדע מיילען אונטער'ן וואסער. מיר קענען ניט וויסען בעשטימט וואָס פאר א מינים חיות דאָרט לעבען און וועלכע עס קענען דאָרט לעבען. עס ווענדעט זיך אָן דעם: קענען מיר גענוי אלע ברואים וואָס לעבען אויף אונזער פּלאנעטע — דיא ערד, אָדער מיר קענען זיי נאָך ניט? אויב דיא נאטור־וויסענשאַפט גיבט נאָך פאר אונז אירגענד וועלכע אונערקלערליכע געהיימניסע אויף אונזער וועלטעל, דאן מוזען מיר גלויבען, אז אין ים זיינען זיכער פאראן פיעלע ברואים, פון־וועלכע מיר האָבען קיין בעגריעף. זיי לעבען דאָרט אונטען טיעף, זעהר טיעף און מיר קענען זיי ניט זעהן אָדער עטוואָס וויסען וועגען זיי, עס קען דארום פּאסירען, אז איינע פון יענע ברואים פערגלוסט זיך

אמאָל מאכען א שפּאציר אין דער הויך אויף'ן וואסער. און מיר ווערען ער־שטוינט הערענדיג פון איהר זאָנדערבארע געשטאלט און שרעקליכע גבורות.

"ווען אָבער, אומגעקעהרט, אז מיר ווילען זאָגען אז דיא נאטור וויסענ־שאפט ווייס בעשטימט פון אלע בעשעפעניסע וואָס געפינען זיך אויף'ן ערד־קוגעל, דאן מוזען מיר זאָגען, אז דער "מאָנסטער" וואָס איז לעצטענס געזעהן געוואָרען אין ים איז א בריאה פון וועלכע מיר ווייסען, אָבער זיא איז ענט־וויקעלט געוואָרען אין אן אונגעהייער גרויסע מאָס, אקוראט וויא עס פּאסירט אמאָל, אז א מענש וואקסט אויס העכער, דיקער און קרעפטיגער פון אנדערע מענשען.

"דער געוועהנליכער נארוואל אין ים איז אָפט ביז זעכציג פוס לאנג.

"אָננעהמענדיג, אז דיא נאטור־וויסענשאפט האָט שוין אלעס ערפאהרען און עס גיבט ניט ערגיץ אזעלכע בעשעפעניסע וואָס זאָלען ניט זיין געגוי בע־שריבען, דאן איז נאָך מיין מיינונג יענע ים־חיה אן אויסערגעוועהנליך ענטוויי־קעלטער נארוואל.

רעכענענדיג, אז א נארוואל איז אויסגעוואקסען פינף אָדער מעהר מאָל אזוי לאנג וויא ער איז געוועהנליך, שטימט עס שוין מיט יענער בריאה וואָס האָט בעשעדיגט דיא "סקאָשא".

"דער נארוואל טראָגט אויף'ן קאָפּ א האָרן וואָס האָט דיא פאָרמע פון א שווערד פון עלעפאנט ביין און איז הארט אזוי וויא דער בעסטער שטאָהל. דער נארוואל בעפאלט זאָגאר אזעלכע גרויסע ים טהיערע וויא א וואלפיש און בעזיעגט זיי. ער קען מיט זיין האָרן דורכבויערען א לאָך אין א שיף און ער האָט עס שוין פיעל מאָל בעוויזען. אין דיא דעקען פון פיעלע שיפען האָט מען געפונען לעכער אזוי וויא דיא שפּונט־לעכער פון א פאס — דאָס איז געווען א נארוואל'ס ארבייט. אין א פּאריזער מוזעאום געפינט זיך א האָרן פון דיעזען ים־ריעז. ער איז צוויי יארד מיט א פיערטעל לאנג און פופ־צעהן אינטשעס אין דיאמעטער.

"אצינד, אָננעהמענדיג, אז א נארוואל, אָדער לאָמיר עס רופען "א וואסער־איינהאָרן" איז אייניגע מאָל אזוי גרויס וויא ער איז געוועהנליך, איז זיין האָרן אויך אייניגע מאָל גרעסער וויא ער איז געוועהנליך, און עס קען שוין שטימען מיט דער מאָס פון דעם ברוך אין דעם דאמפפער "סקאָשא". נא־טירליך, אום דורכצוברעכען אזא דיקע אייזערנע פּלאטע וויא דער דעק פון דער "סקאָשא" פאָדערט זיך אן אונגעהייער שטארקער האסט. דער קלאפּ האָט געמוזט קומען מיט א שנעלקייט אזוי וויא א קויל וואָס לויפט פון א ביקס אָדער פון א קאנאָנע, און דאָס איז דאָך בעשטעטיגט, אז דיא זאָנדערבארע ים־חיה שווימט ווירקליך אונבעגרייפליך שנעל. שליסליך, קען מען שטארק גלויבען,

אז דער רעטזעלהאפטער געגענשטאנד אין ים, איבער וועלכען דיא וועלט איז אזוי אויפגערודערט, איז קיין אנדער זאך וויא א גרויס-געוויקסיגער נארוואל".

אין דיא ריכטיגקייט האָט מיך מיין הארץ געשראָקען, אז דיא אמעריקאנער וועלען אויסלאכען מיין מיינונג און איך וועל ביי זיי פערלירען מיין רעפוּ־טאציע אלס פּראָפעסאָר, אָבער איך האָב גליקליכערוויזע גראדע ניט גע־טראָפען. מיין ארטיקעל איז גראדע איבעראל אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס בייפאל און מיין מיינונג האָט פיעל אנהענגער ערוואָרבען, פילייכט ניט אזוי פיעל, ווייל זיי האָבען געהאלטען מיט מיר, נור צוליעב דעם, ווייל איך האָב געעפענט א וועג פאר זייערע פאנטאזיעס צו פערנאנדער שפּיעלען זיך און זיי האָבען געהאט וועגען וואָס צו דענקען און צו פאנטאזירען — א זאך וואָס יעדער מענש, זאָגאר דער געבילדעטסטער, ליעבט זעהר שטארק.

דער ים איז דער בעסטער אָרט פון וועלכען מען קען זעהר פיעל טרוימען און פאנטאזירען. וויפיעל מען ווייס פון ים אוז דיא בעשעפעניסען וואָס ער ענטהאלט, איז ער דאָך א פער'חתמ'עטער בריעף און מיר ווייסען ניט גענוי אלעס וואָס אין איהם געהט פאָר. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז דאָרט זיינען פאראן ברואים, וואָס אונזערע עלעפאנטען זיינען געגען זיי אזוי וויא פליעגען, און וואָס קען א מענשען'ס פאנטאזיע ניט פארשטעלען?

אָבער אזוי צו אזוי, איך בין צופריעדען געוועזען וואָס מיין מיינונג איז אָנגענומען געוואָרען און איך האָב צוליעב מיין ערקלערונג קיין חרפות וביושים ניט געהאט.

קורץ, דיא אלגעמיינע צושטימונג, אז א נארוואל, א לויתן אָדער וועלכע עס איז אונבעשטימטע געפעהרליכע חיה שפּאצירט אום אין ים, האָט גע־פיהרט דערצו, אז מען זאָל אם שנעלסטען אָנהויבען זוכען מיטלען וויא אזוי דעם אומגעלומפּערטען, שרעקליכען ריעז צו פערניכטען. שיפס-קאָמפּאניעס און גרויסע האנדעלס-פירמאס האָבען זיך פעסטער גענומען דיא זאך דורכצוּ־פיהרען און אלע צייטונגען האָבען וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט זעהר פיעל געשריעבען. אין פיעלע לענדער איז מען געוועזען שטארק בעשעפטיגט אין זוכען פלענער וויא אזוי אָנצופיהרען א מלחמה מיט דעם מעכטיגען ים־ריעז.

אָבער דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען איז דיא ערשטע ארויס אויף'ן פעלד און ערקלערט קריעג געגען דעם ריעזיגען לויתן, און וועהרענד אין אנדערע לענדער האָט מען גערעדט און געטראכט וועגען דעם, האָט זיך אָנקלסעם שוין גענומען צו דער ארבייט. דיא פריגאטע (אזא מין קריעגס־שיף) "אייברעהעם לינקאָלן", וועלכע איז געוועזען איינע פון דיא שטארקסטע און שנעלסטע קריעגס־שיפען, איז בעשטימט געוואָרען צו פערפאָלגען דעם ריע־זען-נארוואל. הערר פאראגוט, דער קאָמאנדיר פון דיעזער שיף איז באלד

שטאַרק בעשעפטיגט געוואָרען אין מאַכען אַלע פּאַרבערייטונגען און צוגרייטען אַלע נויטווענדיגע זאַכען וואָס שנעלער.

אָבער פונפצן דאַמאָלס, ווען אַלעס איז שוין געווען גרייט צו דער מלחמה, איז דער שונא פערשוואונדען. עס זיינען אריבער מעהר וויא צוויי מאָנאַטען און מען האָט פון דער גרויסער ים־בריאה ניט געזעהן און ניט געהערט. דאָס איז געווען א גרויסע ענטטוישונג פאַר דיא מאַסען מענשען, וואָס האָבען גלאַט אויס נייגעריגקייט געוואָלט הערען און וויסען נייעס פון שלאַכט־פעלד אין דער קריעג צווישען דיא צוויי מעכטע, דיא "אייברעהעם לינקאָלען" און דער "מאָנס־טער". עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי וויא דיא ים־חיה האָט געהערט פון דיא פערשווערונג וואָס מענשען האָבען געגען איהר געמאַכט און זיא האָט זיי אָב־געטהאָן א שפּיצעל און זיך בעהאַלטען.

פאַר דיא הומאָריסטישע צייטונגען האָט זיך געעפענט א נייע וועלט. זיי האָבען ערשט געהאַט איבער וואָס צו מאַכען זיך לוסטיג און טרייבען שפּאַס. זיי האָבען פּאָרגעשטעלט קאַריקאַטורען וויא דער נאַרוואַל לעגט צו זיין אויער צו א טעלעפאָן דראָט אונטער'ן ים און הערט זיך צו דיא סודות וואָס ווערען גערעדט געגען איהם דורך קייבעל דעפּעשען. זיי האָבען געדרוקט ליעדלאַך און פּאַראָדיען, וויא דיא גרויסע חיה לאַכט און מאַכט חוזק פון דעם מענשען, וועלכער האַלט זיך פאַר'ן בחיר כל היצורים — פאַר'ן בעסטען און קליגסטען פון אַלע בעשעפעניסען. מיט איין וואָרט: מען האָט זיך געוויצעלט און גע־חכמה'ט, אַקוראַט אַזוי וויא אין אָנפאַנג, ווען מען האָט וועגען דעם זאָנדער־באַרען געגענשטאַנד אין ים אָנגעהויבען ריידען.

דער גרויסער קריעגס־דאַמפּפער "אייברעהעם לינקאָלן" איז שוין גע־שטאַנען פערטיג צו דער רייזע, אויסגעשטאַטעט מיט אַלע נויטיגע זאַכען, אָבער, מען האָט ניט געוואוסט נאָך וועלכע געגענד פון ים זיך צו ווענדען. דיא שיף איז געווען אויסגעפּוצט אַזוי וויא א כלה צו דער חופּה, אָבער מען האָט ניט געוואוסט וואו דער "חתן" איז היגגעקומען. ענדליך אָבער האָט מען ערהאַלטען א ידיעה, אַז א דאַמפּפער פון סאַן פראַנציסקאָ ליניע האָט געזעהן דעם זאָנ־דערבאַרען נפש מיט דריי וואָכען צוריק אין דיא נאָרד וואַסערען פון דעם פּאַ־סיפיק אָקעאַן (שטילער מעער).

דיא אַלגעמיינע אויפרעגונג איז געוואָרען זעהר גרויס. מען האָט דעם קאָמענדאַנט פאַראַגוט קוים פיער און צוואַנציג שטונדען צייט געגעבען צו מאַ־כען דיא לעצטע פּאָרבערייטונגען צו דער רייזע. באַלד איז אַלעס אַם שנעלסטען פערשאַפט געוואָרען. מען האָט געבראַכט אַלע נויטיגסטע מאַטעריאַלען וואָס האָבען נאָך געפעהלט, מען האָט אָנגעפילט דיא קאָהלען מאַגאַזינען מיט קאָהלען, דיא גאַנצע מאַנשאַפט פון שיף זיינען צושטעלט געוואָרען יעדער אויף זיין פּאָס־טען און עס איז בלויז פערבליבען איינצוהייצען דעם אויווען און אָברייזען.

דריי שטונדען איידער דיא קריענס־שיף איז אבגעפאהרען, האב איך ער־האלטען פאלגענדען בריעף:

"העררן אראנאקס, פראפעסאר פון פאריזער מוזעאום, פינפטע עוועניו האטעל, ניו יארק.

"דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען וואלט העכסט צופריע־דען געוועזען, ווען איהר וואלט איינשטימען אנצושליסען זיך צו דער עקספעדי־ציאן פון דער שיף "אייברעהעם לינקאלן", וואס פאהרט באלד אב מיט דעם צוועק צו קעמפפען געגען דער משונה'דיגער חיה, וואס איז א גרויסע געפאהר פאר שיפען אויף'ן ים. דער קאמאנדיר פאראגוט האלט פאר אייך א בעזונ־דערע קאיוטע.

"העכסט ערגעבענסט י. ב. האבסאן, מארין־סעקרעטער".

3טעס קאפיטעל

דיא אונערוואַרטעטע רייזע

מיט דריי סעקונדען פריהער איידער דער בריעף פון מר. האבסאן איז מיר אנגעקומען, האב איך אזוי פיעל געטראכט צו בעטהייליגען זיך אין דער עקספעדיציאן אויף דער "אייברעהעם לינקאלן", אקוראט וויא איך האב גע־טראכט צו מאכען א רייזע צום נארד פאל. איך האב ניט אנגעהויבען צו דענקען וועגען דעם און מיר איז גאר ניט איינגעפאלען צו דענקען וועגען דעם. אבער דריי סעקונדען נאכדעם וויא איך האב דעם בריעף ערהאלטען, האב איך ניט אנ־געהויבען צו צווייפלען, אז איך וועל דיא איינלאדונג אננעהמען. איך האב גע־פיהלט, אז איך אלס פראפעסאר בין פערפפליכטעט אנטהייל צו נעהמען אין אזא וויכטיגע זאך, מיט וועלכע דיא גאנצע וועלט אינטערעסירט זיך אזוי פיעל.

איך בין אפילו געוועזען זעהר אויסגעמאטערט פון א לאנגע, שווערע רייזע און איך האב נויטיג געדארפט אויסרוהען. מיר האט זיך אויך שטארק געבענקט אהיים און איך האב וואס ניכער געוואלט קומען אין מיין פאטערלאנד, איך האב וואס שנעלער געוואלט זיין אין מיין ליעבליכען, שטילען וואהנונג און איך בין זעהר גערן געוועזען צו געניסען פון דיא היימישע בעקוועמליכקייטען. אבער דאס אלעס האט מיך ניט געקענט צוריקהאלטען און איך האב פעסט בעשלאסען מיטצומאכען דיא רייזע צו וועלכע איך בין אויפגעפאדערט געווארען. אום מיט מיינע אייגענע אויגען דיא וואונדערבארע בעשעפענים צו זעהן.

אויסער דעם, האב איך געטראכט: אלע וועגען פיהרען צוריק נאך אייראַ־פא. וואו מען זאל ניט זיין, וואו מען זאל ניט אומרייזען אויף'ן ים, קען מען אלץ קומען קיין אייראפא. און פיליכט — איז מיר ארייגעפאלען א געדאנק אין קאפ — וועט דער ריעזען־נארוואל מיר טהאן א טובה און ער וועט זיך

לאָזען טויטען אָדער פאנגען אין דיא אייראָפּעאישע וואסערען נעבען פראנק־רייך? ווען אזא זאך זאָל פּאסירען — האָב איך געדענקט — וועל איך ברייג־גען כאָטש א האלבען יארד פון זיין שטארקען, מעכטיגען האָרן אין פּאריזער נאטור־היסטאָרישען מוזעאום און דאָס וועט מיר פיעל עהרע פערשאפען. אָבער דאָס איז געוועזען בלויז א פּאנטאזיע. פאָרלויפיג האָבען מיר געדארפט פאָהרען זוכען דעם געפעהרליכען ים־מזיק אין דיא נאָרד געגענדען פון שטילען אָקעאן, און דורך דיעזען וועג קומען נאָך פראנקרייך איז ווייט, זעהר ווייט.
גלויבט איהר ווירקליך ניט אין דער עקזיסטענץ פון דיעזען אונגעהייער גרוי־
— קאָנסייל! — האָב איך אונגעדולדיג אויסגערופען.

קאָנסייל איז געוועזען א האָלענדער. ער איז זייט יאָהרען געוועזען מיין טרייער און איבערגעבענער דיענער. ער האָט מיך שטענדיג אויף אלע מיינע רייזען בעגלייט און ער איז צו מיר געוועזען איבערגעבען מיט לייב און לעבען. איך האָב איהם ליעב געהאט און ער האָט מיך אויך געליעבט. ער איז געוועזען פון נאטור קאלטבלוטיג, רעגעלמעסיג און פּינקטליך אין זיין ארבייט. קיין זאך האָט איהם ניט אָבגעשראָקען און פון קיין זאך איז ער ניט איבערראשט געוואָרען. ער איז געוועזען שנעל אין זיינע הענד, פּעהיג און פלייסיג צו יעדע זאך. ער איז אויך געוועזען זעהר געהאָרכזאם און ער האָט זיך קיינמאָל ניט ענטזאגט צו טהאָן א זאך וואָס איך האָב פון איהם פערלאנגט. קיין עצות אָדער א מיינונג וועגען א זאך האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט געבען, אפילו ווען מען האָט עס פון איהם געפאָדערט.

קאָנסייל האָט מיך בעגלייט זייט צעהן יאָהר. מיר זיינען אומגעפאָהרען אויף ווייטע רייזען און ער האָט זיך קיינמאָל ניט בעקלאָגט, אז ער איז מיעד פון וועג. דיא וועיטסטע רייזען האָט ער אונטערגענומען מיט פערגעניגען און ער האָט קיינמאָל ניט געצייגט קיין ברעקעל צייכען פון אונצופריעדענהייט. אויסער דעם איז ער געוועזען געזונד און שטארק און זעהר גוט אין כאראקטער. ער איז קיינמאָל ניט געוועזען אויפגערעגט. שטענדיג גוטמוטהיג, איבערלעגט און געלאסען. ער איז געוועזען א יונגער מאן פון דרייסיג יאָהר. איך בין דאָ־מאָלס געוועזען מיט צעהן יאָהר עלטער פון איהם.

אָבער איין פעהלער האָט מיין טרייער דיענער געהאט, וואָס ער האָט צו מיר שטענדיג גערעדט אזוי וויא וועגען א דריטע פּערזאָן. זיין אויסדרוק איז שטענדיג געוועזען: "וואָס ווינשט דער הערר?" "דער הערר רופט מיך?" און דאָס גלייכען. דאָס פלעגט מיר אָפטמאָל איבערדריסיג זיין, אָבער דאָס איז ביי איהם געוועזען א געוואָהנהייט, פון וועלכע איך האָב איהם פאר קיין פאַל ניט געקענט אָבגעוועהנען.

— קאָנסייל! — האָב איך ווידער אמאָל אויסגערופען אָנהויבענדיג מאַ־כען פאָרבערייטונגען צו דער רייזע.

געוועהנליך, האָב איך קיינמאָל מיין איבערגעבענעם דיענער ניט געפרעגט, אויב ער איז איינשטימיג מיטצופאָהרען מיט מיר. אָבער דיעזען מאָל האָב איך געהאַלטען פאר א פפליכט צו פרעגען זיין הסכמה, ווייל עס האָט זיך גע־האנדעלט וועגען א ריזיקאַלישע רייזע. איך האָב גערעכענט, אז עס וועט זיין אן אונרעכט פון מיין זייט, אויב איך וועל איהם פאָראויס ניט זאָגען, אז דיא רייזע וועלכע איך געה אונטערנעהמען איז פערבונדען מיט געפאַהרען, ווייל דער "מאָנסטער", דיא אונגעהייער גרויסע און מעכטיגע ים־חיה, געגען וועלכע דיא עקספעדיציאָן פאָהרט קעמפפען, קען נאָך צוברעכען אָדער איבערקעהרען אונזער שיף און מיר קענען פערשלונגען ווערען אין דיא טיעפענים פון ים.

— קאָנסייל! — האָב איך א דריטען מאָל אויסגערופען.

— דער העהר רופט מיך? — האָט ער געפרעגט אריינקומענדיג אין צימער.

— יא, איך רוף דיך. מאַך פאָרבערייטונגען פאר מיר און פאר דיר. אין צוויי שטונדען ארום פאָהרען מיר אָב.

— דער וואונש פון דעם העהר זאָל געשעהן.

— קיין מינוט ניט צו פערלירען. פאַק איין רייזע־קליידער און אנדערע נויטיגע בגדים, און מאַך עס שנעל.

— און דיא נאַטור־היסטאָרישע זאַמלונגען? און דער ווילדער מענש, וואָס דער העהר פיהרט מיט?

— ניין! מיר וועלען אַלעס דאָ איבערלאָזען. איך וועל דאָ געבען אַן אָרדער, אז מען זאָל דיא אלע זאַכען אָבשיקען נאָך פראנקרייך.

— וויא? דער העהר פאָהרט ניט צוריק נאָך פאַריז?

— יא, געוויס. אָבער מיר פאָהרען ניט דירעקט אהין. מיר פאָהרען פון דאַנען מיט דער קריעגס־שיף "אייברעהעם לינקאָלן".

— אויב עס איז דעם העהר אזוי בעקוועם, בין איך צופריעדען.

— ווייסט דו, מיין פריינד? — האָב איך געזאָגט — דאָ האַנדעלט זיך וועגען דער משונה'דיגער בריאה אין ים, וועגען דעם זאָנדערבאַרען נאַרוואַל. געגען וועלכען אן עקספעדיציאָן פאָהרט אָנפיהרען א מלחמה, און איך, דער פערפאַסער פון "דיא געהיימנים פון דיא טיעפענים פון ים", קען זיך ניט צו־ריקהאַלטען און איך מוז ערפילען דעם וואונש פון קאַפּיטאַן פון שיף און מיט־פאָהרען. דאָס איז א גלענצענדע שליחות, וואָס קען פיעל כבוד ברייננען, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך א געפעהרליכע. פיליייכט ווילסט דו אליין פאָהרען צוריק נאָך פראנקרייך?

— ניין! — האָט קאָנסייל געענטפערט — וואוהין דער העהר פאָהרט, פאָהר איך מיט.

אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען אונזערע קאָפערס געוועזען איינגע־

פאקט און אבגעשיקט נאך ברוקלין, וואו דיא פריגאטע איז געשטאנען. איך האב אויך פערזארגט אז אלע זאכען, וואס איך האב איבערגעלאזט זאלען טראנס־פארטירט ווערען נאך פראנקרייך און גאכהער בין איך מיט מיין דיענער אוועק־געפאהרען צו דער שיף.

אומגעפעהר אין א שטונדע ארום זיינען מיר שוין געוועזען אין ברוקלינער נייווי יארד. מיר האבען געזעהן וויא פון דיא גרויסע קוימענס פון דער "אייב־רעהעם לינקאלן" געהט א שווארצער, געדיכטער רויך און מיר האבען גע־וואוסט, אז דיא קעסלען זיינען שוין אונטערגעהייצט און דיא שיף איז פערטיג אבצופאהרען.

איך בין ארויף אויף'ן דעק און איך האב זיך פארגעשטעלט פאר'ן קאמאנ־דיר פאראגוט, וועלכער האט מיך זעהר פריינדליך און מיט גרויס כבוד אויפ־גענומען. ער האט געהייסען א מאטראז ער זאל מיר אנצייגען מיין צימער, מיט וועלכען איך בין געוועזען העכסט צופריעדען. דאס איז געוועזען זעהר א בע־קוועמע קאיוטע, אין דעם הינטערשטען טהייל פון שיף, נים ווייט פון דעם גע־וועהר־צימער.

עס האט לאנג נים געדויערט און מען האט געבראכט אונזער געפעק. איך האב איבערגעלאזט מיין דיענער אויסצופאקען אונזערע קאפערס און אליין בין איך ארויף אויף'ן דעק בעאבאכטען וויא דיא שיף וועט אבפאהרען.

דיא "אייברעהעם לינקאלן" איז געוועזען גוט אויסגעשטאטעט און איינ־געריכטעט מיט דיא בעסטע מאשינערי צו טרייבען דיא שיף און מיט אלערליי געצייג און וואפען צו פערפאלגען דעם ריעזען־טהיער. דיא שיף איז געוועזען א שנעלע. זיא האט געקענט מאכען אכטצעהן מייל א שטונדע. אבער געגען דיא שנעלקייט פון יענער זאנדערבארער חיה האט עס געהייסען זעהר לאנגזאם.

עס האט גענומען בלויז א פיערטעל שטונדע צייט, אדער פיעלייכט נאך ווייניגער, ביז דיא לעצטע קייט, מיט וועלכע דיא שיף איז געוועזען צוגעבונדען צום האפען איז אבגעבונדען געווארען. דער קאמאנדיר האט דאן געגעבען א בעפעהל מען זאל דיא שיף לאזען געהן און באלד האט זיא זיך אנגעהויבען ריהרען פון ברעג.

בעגלייטעט פון פיעלע שיפען, שיפלאך און יאכטען איז אונזער מאיעסטע־טישע שיף געפאהרען פערביי דעם ברעג, וואו הונדערטע טויזענדע מענשען זיינען געשטאנען און אונז בעגריסט און געוואונשען א גליקליכע רייזע. אן אונשעצבארע צאהל טאשען־טיכלאך און היטלען האבען זיך געהויבען אין דער הויך און דיא בעגייסטערטע הורראַ געשרייען האבען פערהילכט דיא לופט. דיא בעגריסונגען האבען נים אויפגעהערט ביז אונזער שיף איז אוועק ווייט פון שטאדט.

מיר זיינען נאכדעם פערבייגעפאהרען דיא וואונדער שעהנע ברעגעס פון

ניו דזשוירזי, וואס זיינען פערנומען מיט פראכטפאל שעהנע געביידעס און רייכע ווילאס. אויך דארט האט מען אונז ווארים בעגריסט און אויך דארט האבען טויזענדע מיילער הורא געשריען. מיר זיינען דאן פארבייגעפאהרען דיא פארטס (פעסטונגען), וועלכע האבען אונז בעגריסט מיט קאנאנען שיסע. דיא "אייבערהעם לינקאלן" האט געענטפערט מיט אויפהויבען דיא אמעריקא־נער פלעג מיט דיא 39 שטערן, דריי מאל.

דאן האט אונזער שיף אנגעהויבען געהן שנעלער און שנעלער. אום אכט אוהר אבענדס זיינען דיא ארומיגע אינזלען פערשוואונדען געווארען פון אונ־זערע אויגען און דיא "אייבערהעם לינקאלן" איז דאן מיט פולער דאמפף־קראפט אריינגעפאהרען אין אטלאנטישען אקעאן.

דיא שיפען און שיפלאך וואס האבען אונז בעגלייט זיינען נאכגעפאהרען ביז אונזער שיף האט דערגרייכט דעם ים.

4טעם קאפיטעל

דער אפיקורוס

קאפיטאן פאראגוט איז געוועזען א געניטער און טיכטיגער זעע־מאן. ער האט זעהר גוט געוואוסט וויא צו פיהרען א שיף און ער איז געוועזען זעהר אי־בערגעגעבען צו זיין אמט. פאראגוט און זיין שיף זיינען געוועזען איינס. ער איז געוועזען דאס לעבען, דיא נשמה פון דער שיף. דער ערפאהרענער ים־רייזענ־דער האט ניט אנגעהויבען צו צווייפלען, אז אין ים עקזיסטירט ווירקליך אן אונגעהייער גרויסע בעשעפענים. זיין אמונה אין דעם איז געוועזען אזוי שטארק, אז ער האט ניט ערלויבט מען זאל וועגען דעם ויכוחים האבען. איבער א זאך וואס מען וויים אויף זיכער, דארף מען ניט דיסקוטירען. איבער אן ענין וואס איז פעסטגעשטעלט, דארף מען קיין רייד ניט ארויסווארפען. ער האט אין דעם געגלויבט, ניט ווייל ער איז געוועזען איבערצייגט, אז אזא בריאה געפינט זיך. קיין ריכטיגע ארגומענטען האט ער דערויף ניט געקענט אנגעבען, אבער ער האט אין דעם געהאט אמונה, אקוראט אזוי וויא פרומע מענשען גלויבען, אז עס געפינט זיך ערגיץ א לויתן אדער א שור הבר, ניט ווייל זיי אליין האבען אזעלכע ברואים געזעהען, נור ווייל דאס איז אן איינגעווארצעלטע אמונה. פאראגוט האט געגלויבט באמונה שלמה, אז ער וועט זיין דער שליח פון הימעל צו טויטען דיא געפעהרליכע בריאה און בעפרייען דיא וועלט פון אונזיכערהייט צו פאהרען אויף'ן ים.

דיא אפיציערען פון שיף האבען געהאלטען מיט זייער טשיעף — מיט'ן קאפיטאן. זיי זיינען אויך געוועזען איינפערשטאנדען מיט דער מיינונג פון קאָ־מאנדיר, אז א זאנדערבארער ים־ריעז עקזיסטירט און זיי פלעגען זיך נור

אָפטמאָל דורכריידען צווישען זיך און זיך האלטען עצות, וויא אזוי אָנצוגריי־פען דעם מזיק, ווען מען וועט איהם אָנטרעפען. אז אזא מזיק איז גאָר ניטאָ, דאָס האָט זיך זיי ניט געלאָזט גלויבען. זיי האָבען דארום געהאלטען זייערע אויגען אָפען און ניט אויפגעהערט אכטונג צו געבען אויף'ן ים פון אלע זיי־טען, פיליירט וועלען זיי האָבען דאָס גליק צו דערזעהן דעם נארוואל. דיא ארבייט פון האלטען וואך איז זעהר ניט קיין אנגענעהמע, און איינפאכע מאטראָזען ווילען זיך דערפון אויך אויסקויפען, יעצט אָבער האָט עס יעדער אָפיציער מיט פערגניגען ערפילט. אויף דיא מאטראָזען האָבען גאנצע טעג ניט אויפגעהערט צו קלעטערען אויף דיא הויכע מאסטען, אום זיי זאָלען קענען וואָס ווייטער זעהן, אָבוואָהל דיא שיף איז נאָך געווען גאנץ ווייט פון יענע וואַ־סערען, וואו מען האָט לעצטענס דיא משונה'דיגע בריאה געזעהן.

חוץ דעם וואָס יעדער איינער פון דיא מאנשאפט פון דער "אייברעהעם לינקאָלן" האָט געוואָלט זיין דער העלד פון טאָג און זיין דער ערשטער צו ענטדעקען דעם נארוואל, איז געווען נאָך אן אורזאכע וואָס האָט זיי געבראכט דערצו, אז זיי זאָלען מיט אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט אויסקוקען דעם "מאָנס־טער", נעמליך; דער פרייז וואָס דער קאָמאנדיר האָט בעשטימט פאר דעם יעניגען וואָס וועט געבען דעם ערשטען סיגנאל, אז דער נארוואל זעהט זיך. צוויי טויזענד דאָלאר האָט פאראגוט בעשטימט פאר דיעזער בשורה — א סומע וואָס איז ניט אזוי לייכט צו פערדיענען, ניט נור פאר א מאטראָז, זאָנ־דערן אויך פאר אן אָפיציער. דער לוסט צו דיא ביידע זאכען: צו געלד און צו כבוד, האָט זיי אלעמען געפיהרט דערצו, אז זיי זאָלען אנשטרענגען זייערע בליקען און האלטען אויסגעשטרעקט זייערע אויגען אויף דעם ברייטען, ווייטען ים.

וואָס אנבעלאנגט צו מיר, בין איך נאטירליך אויך ניט געבליבען הינ־טערשטעליג אין דיעזער הינזיכט. איך האָב אויך מיט גרויס אינטערעס בעאָבאכטעט דעם ים. נור קאָנסייל, מיין קאלטבלוטיגער דיענער, האָט קיין אנ־טהייל גענומען אין דיא אלגעמיינע בעגייסטערונג. ער איז אימער געשטאנען פון ווייטען, אזוי וויא דיא גאנצע זאך זאָל מיט איהם קיינע שיכות האָבען.

וויא געזאָגט, איז אונזער שיף געווען פערזאָרגט מיט אלערליי ווערקציי־גען און מאשינערי וואָס זיינען נויטיג אזא מעכטיגע חיה צו טויטען. עס האָט קיין זאך ניט געפעהלט. אָנפאנגענד פון א הארפון (אזא מין שפיעז, וואָס ווערט בענוצט צו טויטען וואלפישען) וואָס מען ווארפט מיט'ן האנד, ביז דיא גרעסטע קאנאָנע, וואָס ווארפט צעהן פונטיגע עקספלאָזיאָן קוילען אויף מיילען ווייט, איז אין שיף אלעס געווען. קיין שיף וואָס פאָהרט אויף וואלפישען יאגד איז קיינמאָל געווען אזוי גוט בעוואפענט וויא דיא "אייברעהעם לינקאָלן".

אויסער דיא מאָדערנסטע, דיא קינסטליכסטע געצייג און אָפּאראטען

וואס אונזער שיף האט געהאט, האבען אויף איהר אויך ניט געפעהלט קיין מענשען וואס האבען גוט פערשטאנען וויא דיא דאזיגע אינסטרומענטען צו בענוצען. אבער דער וויכטיגסטער פון זיי אלעמען איז געווען נעד לענד, וועלכער האט געהאט א נאמען אלס דער קעניג פון אלע הארפון'ער (וואס טויטעט וואל־פישען מיט אן הארפון).

לענד איז געווען א געבוירענער פון קענעדע. אין זיין געפעהרליכע פראַ־פעסיאן אלס וואלפיש־פאנגער איז צו איהם קיין גלייכען ניט געווען. ער איז געווען זעהר געשיקט און האט געהאט בכח צו ווארפען זיין הארפון פון גאנץ וויט און אימער טרעפען אין ציעל. דיא מעכטיגסטע ים־ברואים, דיא קליגסטע וואלפישען אדער אנדערע גרויסע בעשעפעניסען פון ים האבען זיך פון נעד לענד'ס הענד ניט געקענט ארויסדרעהען. זיין קאלטבלוטיגע העלדענמוטה און זיין קלארע און פינקטליכע בערעכענונג אין צייט פון גרעסטען געפאהר, האט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט צו קעמפפען געגען דיא שטארקסטע ים־טהיערע.

דיעזער לענד איז געווען א מאן פון א יאהר פיערציג. ער איז געווען א ריעז פון אריבער זעקס פוס הויך און זעהר קרעפטיג געבויט. ער איז געווען א מאן פון שטילען כאראקטער, מיט אן ערנסטע מינע אויף'ן פנים און ער האט גאנץ ווייניג גערעדט. אבער וויא שטיל ער איז געווען, איז ער אפטמאל געווען היטציג, נאך צופיעל היטציג, און מען האט איהם גאנץ לייכט געקענט אויפרייצען צום גרעסטען צארן.

אלע קענעדע'ר האלטען זיך פאר פראנצויזען. נעד לענד האט זיך אויך געהאלטען פאר א פראנצויז, און מיט רעכט האט ער זיך געקענט רעכענען אלס פראנצויז, וויל זיינע עלטערען האבען זיך בעזעצט אין קוויבעק, נאך אין יענע צייט, ווען דיעזע שטאדט האט בעלאנגט צו פראנקרייך. און אבוואהל קוויבעק און גאנץ קענעדע איז נאכדעם איבערגעגאנגען צו ענגלאנד און עס איז דארט איינגעפיהרט געווארען דיא ענגלישע שפראך און ענגלישע זיטען, דאך האט לענד מיט פערגעניגען בענוצט יעדע געלעגענהייט צו ריידען דיא פראנ־צויזישע שפראך. און אבוואהל ער איז געווען א מענש פאר זיך און ער האט אויסגעמיטען דיא קאמפאני פון דיא מאנשאפט פון שיף, האט ער אבער מיך אנערקענט אלס לאנדסמאן און אין א קורצע צייט איז ער צו מיר צוגעבונדען געווארען און ער האט ליעב געהאט צו פערברייינגען און צו אונטערהאלטען זיך מיט מיר. איך פלעג אויך מיט גרויס אינטערעס צוהערען זיינע ערצעהלונגען וועגען דיא מערקווירדיגע רייזען וואס ער האט דורכגעמאכט אין דיא וויי־טעסטע געגענדען פון אייז־מעער און אנדערע ימים און פון דיא שרעקליכע פאסירונגען און בעגעבענהייטען, וואס ער האט דורכגעמאכט.

זיינע ערצעהלונגען און שילדערונגען זיינען געווען זעהר שפאנענד און פאעטיש און איך האב זיי שטענדיג אויסגעהערט מיט פערגעניגען.

אונזער פריינדשאפט איז אלע מאל שטארקער געוואָרען און איך בין איהם פערבליבען דער בעסטער גוטער פריינד ביז היינטיגען טאָג, און איך וועל איהם ניעמאלס, ניעמאלס פערגעסען, אָבוואָהל אין אונזערע אנזיכטען און מיי־נונגען וועגען דעם ריעזען־נארוואל האָבען מיר ניט איינגעשטימט. נעד לענד האָט קיין ברעקעל אמונה געהאט, אז אזא לעבעדיגער נפש עקזיסטירט ערגיץ און ער האָט ניט געוואָלט ריידען דעריבער, ווייל ער האָט עס געהאלטען פאר א באָבע מעשה וואָס פאסט פאר אונוויסענדע מענשען אָדער פאר קליינע קינדער. ווען איך האָב אמאָל עטוואָס אָנגעהויבען ריידען וועגען דער משונה'דיי־גער ים־בריאה, האָט ער געזוכט אָבצוּוואוענדען מיך פון דיעזען געשפרעך און ער פלעגט אָנציהען א געשפרעך וועגען אן אנדער ענין.

אָבער איך האָב געהאלטען פאר מיין פפליכט אריינצורייעדען מיט מיין פריינד טיעפער אין דעם ענין פון דעם נארוואל. און איינמאָל אין א שעהנעם, פראכט־פאָלען אבענד, דעם דרייסיגסטען יוני, דאָס הייסט, דריי וואָכען נאָכדעם וויא מיר זיינען אָבגעפאָהרען פון ניו יאָרק, האָב איך בעשלאָסען עס דורכצופיהרען. אונזער שיף האָט זיך דאמאָלס געפונען געגען דעם בארג־שפּיטץ פון קייפ בלאנק, דרייסיג מייל פון דיא ברעגעס פון פאטאגאָניען. מיר האָבען געקענט רעכענען, אז אין אכט טעג ארום וועט דיא "אייברעהעם לינקאָלן" אריין אין דיא וואסערען פון דעם שטילען אָקעאן.

איך און נעד לענד זיינען זיך געזעסען אויף דעם הינטערשטען טהייל פון שיף און מיר האָבען געפלוידערט וועגען פערשיעדענע געגענשטאנדען און אנגעלעגענהייטען, און רעדענדיג וועגען דעם געהיימניספאָלען ים מיט זיינע טיעפעניסען, וועלכע קיין מענשליכע אויג האָט נאָך קיינמאָל ניט בעאָבאכטעט, האָב איך אָנגעפאנגען פיהרען א געשפרעך וועגען דעם ריעזען־נארוואל און געפרעגט לענד'ס מיינונג, אויב מיר וועלען איהם קענען בעזיעגען. לענד איז גע־זעסען שטיל, האָט מיך אויסגעהערט, אָבער ער האָט א וואָרט ניט געענטפערט.

— אָבער זאָגט מיר, פריינד — בין איך ענדליך צו איהם צוגעשטאנען — גלויבט איהר ווירקליך ניט אין דער עקזיסטענץ פון דיעזען אונגעהייער גרוי־סען טהיער, וועלכען מיר האָבען אונטערגענומען צו פערפאָלגען? און ווארום זייט איהר דער איינציגער אויף'ן שיף, וואָס גלויבט עס ניט? קענט איהר דען ערקלערען א ריכטיגען גרונד, קענט איהר דען אָנגעבען א ריכטיגע אור־זאכע ווארום איהר גלויבט עס ניט?

דער הארפונער האָט זיך אויף א ווייל פערטראכט, האָט געקראצט דעם שטערען, אזוי וויא איינער וואָס וויל אויפזאמלען געדאנקען, אָדער עראינערען זיך עפּעס, און האָט געלאסען געענטפערט: פיליכט יא, הערר ארונאקס.

— דאן ערקלערט מיר אייערע אנזיכטען! — האָב איך געזאָגט — איך דענק געראָדע פערקעהרט, אז אזא מאָן וויא איהר, א וואלפיש־פאנגער,

וואס האט אין זיין לעבען אזוי פיעל גרויסע ים־בהמות געזעהן, דארף גיכער וויא אן אנדערער זיין איבערצייגט אין דיעזער זאך. פאר וואס, צום ביישפּיעל, קען ניט פּאסירען, אז פון דעם זארט נארוואלען זאל איינער אויסוואקסען אוי־סערגעוועהנליך גרויס און זאל אימשטאנד זיין א שטארקע שיף צו שעדיגען?

— אמת טאקע צוליעב דעם, ווייל איך בין א וואלפיש־פאנגער, האב איך אין דעם קיין אמונה ניט! — האט לענד געענטפערט — איך האב שוין דורכגע־מאכט פיעלע רייזען אויף פערשיעדענע ימים, איך האב שוין פיעל ים־טהיערע בעגעגענט און געטויטעט און איך האב נאך קיינמאל אזא בריאה ניט געזעהן. וויא שטארק וואלפישען אדער אנדערע גרויסע בעשעפעניסען אין ים זאלען ניט זיין, זיינען זיי אלץ ניט בכח דורכצולעכערען אייזערנע פּלאטעס פון א שיף.

— אבער, נעד! — האב איך זיך אבגערופען — מען דערצעהלט דאך אבער פּארט, אז נארוואלען האבען געמאכט לעכער אין שיפען!

— פּיליכט אין הילצערנע! — האט דער קענעדער געענטפערט — און דאס האב איך אויך קיינמאל ניט געזעהען מיט מיינע אויגען. דאס וואס מענשען דערצעהלען, איז נאך ווייניג. פרעגט זיי, ווער האט עס געזעהן וויא א נארוואל האט געבויערט א לאך אין א שיף?

— איהר וועט עס ביי מיר פון הארצען ניט ארויסנעהמען! — האב איך געזאגט — איך האלט זיך ביי מיין מיינונג אדער איבערצייגונג, אז אזעלכע חיות זיינען יא פאראן. איך האב געגלויבט און איך גלויב ערשט אויך, אז עס לעבען אין ים אזעלכע בהמות מיט אונגעהייער שטארקע הערנער, מיט וועלכע זיי קענען דורכבויערען ניט נור האלץ, זאנדערן אויך דיקען שטאהל.

— און איך, הערר פּראפעסאר — האט לענד געענטפערט — האב עס ניט געגלויבט און איך וועל עס ניט גלויבען. ניין! עס גיבט ניט א נארוואל מיט אזא שטארקען הארן, וואס זאל קענען דורכלעכערען דיקען שטאהל.

— ווארום זאלט איהר עס ניט גלויבען? איך בין פעסט איבערצייגט, אז אזא טהיער וואס לעבט און בעוועגט זיך פריי טויזענדע מייליען אונטער דיא טיעפעניס פון ים, מוז בעזיטצען אזא גבורה אין קערפּער, וועלכע מיר קע־נען זיך גאר ניט פארשטעלען.

— מיט וואס קענט איהר עס בעווייזען?

— הערט נור אוים אויפמערקזאם, מיין טהייערער קענעדע'ר. דיא ווי־סענשאפט האט ריכטיג ערקלערט, אז דיא אטמאספערע, דיא לופט, וואס מיר פיהלען און קענען ניט אנטאפּען, האט א וואג — און א שווערע וואג. עס איז פעסטגעשטעלט, אז דער דרוק פון דער לופט איז גלייך צו דעם דרוק פון א זייל וואסער 32 פוס הויך. ים וואסער איז אייגענטליך שווערער פון טייך אדער קוואל וואסער, און מיר דארפען רעכענען, אז אין ווייניגער וויא 32 פוס טיעף

אין ים האבען מיר שוין דעם דרוק פון איין אטמאָספערע. אָבער לאָמיר עס נאָכ־לאָזען און רעכענען דעם דרוק פון ים וואסער פונקט אזוי שטארק וויא דער דרוק פון טייך אָדער קוואל וואסער. עס הייסט, אז אום צו בעקומען דיא שטארקייט פון דעם דרוק פון איין אטמאָספערע דארף מען זיך ארונטערלאָזען פולע 32 פוס אין ים. היינט ווייסט איהר דיא געוויכט פון דער אטמאָספערע?
— דאָס איז שוין בעשטימט אויסגערעכענט, אז דער מענש, לאָמיר זאָגען, טראָגט ארום זיך דיא משא פון 15 פונט לופט אויף יעדער סקווער אינטש פון זיין קערפער. און וויפיעל סקווער אינטש צעהלט דעם מענשען'ס קערפער?
— אומגעפעהר 6,500. אצינד רעכענט 15 מאָל אזוי פיעל און עס וועט אויס־מאכען, אז יעדער פון אונז האלט אויס דעם דרוק פון 97,500 פונט.
אָבער ווארום פיהלען מיר ניט דיעזע ריעזיגע משא? — דאָס איז איינ־פאך צוליעב דעם, ווייל מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט לופט פון אלע זייטען און אונזערע קערפערס זיינען אָנגעפילט מיט לופט. דיא לופט שפארט אלזאָ פון אלע זייטען מיט דער זעלבער קראפט און מיר פיהלען עס ניט. ווען אָבער מען זאָל פון איין זייט, למשל, אויספומפען דיא לופט, וואָלט אונז דער דרוק פון דיא אנדערע זייטען צודריקט אזוי וויא אונטער א שווערע מאשינע.
אָבער דאָס איז אלץ אויף דער יבשה; אין ים אָבער איז עס אנדערש. ווען א מענש, צום בייאשפיעל, זאָל זיך ארונטערלאָזען 32 פוס טיעף אין וואַ־סער, וועט ער האָבען אויסצושטעהן אזא דרוק וואָס איז גלייך צו איין אטמאָס־פערע, און אזוי וויא ער האָט ניט אינוויינינג אזא קראפט, וואָס זאָל דעם דרוק צוריקטרייבען, מוז ער צודריקט ווערען. 320 פוס טיעף אין וואסער, איז דער דרוק צעהן מאָל שטארקער וויא דער דרוק פון דער אטמאָספערע; 3,200 פוס טיעף, האָבען מיר הונדערט אטמאָספערעס, און 32,000 פוס טיעף, וואָס איז בערך זעקס מייל, מאכט דעם דרוק אזוי גרויס אזוי וויא פון טויזענד אטמאָס־פערעס, דאָס הייסט 97,500,000 פונט! איהר דארפט אויך ניט פערגעסען, אז מיר רעדען דאָ פון אזא קליין געגענשטאנד וויא א מענש, וואָס זאָל זיך ארונטערלאָזען בלויז זעקס מייל טיעף אין ים, היינט וויא איז שוין אַן אונגע־הייער גרויסע חיה, וואָס לעבט טויזענד מיילען טיעף אונטער'ן וואסער? וואָס פאר אן אויסערגעוועהנליכע גבורה דארף עס האָבען יענע בעשעפעניש אי־בערצוטראָגען אזא ריעזיגען דרוק? גלויבט איהר ניט, אזא אזא בריאה זאָל קענען צוברעכען א שטאָהלענע שיף?
— ווירקליך, פיליכט! — האָט לענד געזאָגט נאָכדענקענדיג.
— נו, האָב איך אייך שוין יעצט איבערצייגט? — האָב איך מיט טריאומף געפרעגט.
— יא, העדר נאטור־פאָרשער! איהר האָט מיר בעוויזען, אז אויב אויף'ן גרונד פון ים עקזיסטירען ווירקליך אזעלכע בראַאים, מוזען זיי זיין אזוי שטארק

אזוי וויא איהר זאָגט; דיא פראגע איז אָבער, אויב זיי געפינען זיך דאָרט אין דיא ווירקליכקייט! איך אליין בין אן אפיקורוס און איך גלויב עס ניט.

— איהר זיינט אן איינגעשפּארטער מענש! — האָב איך מיט גרויס אונ־געדולד געזאָגט — אויב אזוי, דאן מוזט איהר דאָך ערקלערען דיא אורזאכע, פון וועלכע דיא "סקאַשא" איז דורכגעבויערט געוואָרען!

— דאָס ווייס איך ניט! — האָט דער הארפּון־ווארפער געענטפערט — און וועגען א זאך וואָס איך ווייס ניט, וויל איך ניט רעדען.

איך האָב איינגעזעהן, אז נעד לענד האַלט זיך ביי זיין אפיקורסות און איך וועל מיט איהם גאָר ניט מאכען. איך האָב דארום ניט געוואָלט ארויסוואַרפען קיין אומזיסטע טרחה און איך האָב אויפגעהערט טענה'ן מיט איהם וועגען דיע־זען ענין. איך אליין אָבער האָב זיך פעסט געהאַלטען ביי מיין טהעאָריע, אז אן אויסערגעוועהנליכער ריעזען־נארוואל שווימט אום אין דיא וואסערען און מאכט דעם ים אונזיכער פאר שיפען און רייזענדע.

5טעס קאפּיטעל

ענדליך געפונען

דעם 30טען יולי האָט זיך אונזער שיף בעגעגענט מיט איניגע אמעריקאַ־נער שיפען, וואָס זיינען ארומגעפאָהרען פאנגען וואַלפישען. מיר האָבען זיך נאָכגעפרעגט וועגען דעם ריעזען־נארוואל, אָבער קיינער האָט אונז קיין גרוס פון איהם ניט אָבגעגעבען, ווייל זיי האָבען איהם אויף זייער רייזע ניט געזעהן און זיי האָבען זאָגאר ניט געוואוסט וועגען איהם. דער קאפּיטאן פון דער שיף "מאָנראָו" האָט ערפאהרען, אז דער בעריהמטער נעד לענד געפינט זיך אויף אונזער פריגאטע און ער האָט געבעטען דיא ערלויבניס, אז דיעזער מאן זאָל איהם העלפען פערפאָלגען א וואלפיש, וועלכען ער האָט ניט ווייט בעמערקט. אונזער קאָמאנדיר איז העכסט צופריעדען געוועזן צו זעהן וויא דער קענעדע'ר וועט צייגען זיין קונסטשטיקעלע בריה'שאפט און ער האָט איהם דיא ערלויבניס געגעבען. נעד לענד אליין האָט אויך דיא איינלאדונג אָנגענומען מיט גרויס פערגעניגען.

ער האָט בעשטיגען דיא "מאָנראָו", וועלכע איז צוגעפאָהרען צו דעם פלאץ, וואו דער וואלפיש איז געזעהען געוואָרען. לענד האָט דאן מיט איין וואָרף צוויי הארפּונען ארויסגעשליידערט און ביידע האָבען זיי גוט געטראָפען, און ניט נור האָט ער געטויטעט איין וואלפיש, זאָנדערן צוויי מיט אמאָל. איינעם האָט ער געטראָפען פונקט אין הארצען און דעם אנדערען האָט ער דורכגעלעכערט אין אן אנדער טהייל פון זיין ריעזען־קערפּער. דיא גאנצע געיעג האָט בלויז געדויערט איניגע מינוטען.

דאָס האָט אונז אַלעמען צוגעגעבען מעהר שטאָלץ און מוטה. מיר זיינען ערשט זיכער געווען, אז אויב נור מיר וועלען אַנטרעפען דיא געפעהרליכע בריאה וואָס מיר זוכען, וועט זיא שוין פון נעד לענד'ס הענד טרוקען ניט ארויס.

דיא "אייברעהעם לינקאָלן" איז שנעל פערבייגעפאָהרען דעם סאוט־איסט ברעג פון אמעריקא. דעם דריטען יולי זיינען מיר אָנגעקומען צום אריינגאנג פון דעם שמאָלען וואסער, בעוואוסט אונטער דעם נאָמען "מאגעלאן". קאפּיטאן פאראגוט האָט ניט געוואָלט פאָהרען דורך יענעם שמאָלען וואסער־וועג און ער האָט בעסער געפיהרט דיא שיף ארום, איבער'ן אָפענעם מעער, אנטקעגען קייפּ האָרן.

דיא מאנשאפט פון שיף זיינען געווען איינשטימיג מיט'ן קאָמאנדיר אויסצומיידען דעם שמאָלען פאס וואסער, ווייל דאָרט, איז מען זיכער געווען, געפינט זיך געוויס ניט דער נארוואל וואָס מיר זוכען. ער איז צו גרויס פאר יענעם פּלאַץ, און מען וועט איהם דאָרט געוויס ניט טרעפען.

דעם זעקסטען יולי זיינען מיר פערביי געפאָהרען דעם לעצטען אמעריקאני־שען אינזעל, וועלכער ליגט איינזאם אין מיטען ים און וועלכען האָלענדישע מאטראָזען האָבען א נאָמען געגעבען "קייפּ האָרן", נאָך דעם נאָמען פון דער שטאָדט פון וועלכע דיא מאטראָזען זיינען געקומען. פון דאָרט זיינען מיר גע־פאָהרען נאָך א מעת לעת און מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין דיא וואסערען פון שטילען אָקעאַן.

— האלט דיא אויגען אָפען! גיט אכטונג! — האָבען אונזערע מאטראָ־זען איינער דעם אנדערען אויפגעמונטערט. אין שטילען ים, האָט מען געהאָפט, וועט מען דיא זאָנדערבארע בריאה אָדער דעם "גערעטענעם" נארוואל אָנ־טרעפען און דיא לייטע האָבען זיך גענומען מיט מעהר חשק און מיט מעהר פרישקייט אויסצוקוקען איהם. אויגען, טעלעסקאָפען און ספּאקטיוועז זיינען אָהן אויפהער געווען אויסגעשטעלט אין אלע זייטען פון ברייטען ים, ווייל יע־דער איינער האָט געוואָלט האָבען דיא זכיה צו דערזעהן דעם "מאָנסטער" צו ערשט און געווינען דעם פּרייז פון צוויי טויזענד דאָלער.

ביי מיר האָט דיא געלד ניט געשפּיעלט קיין ראָלע. מיך האָט דיא גרויסע בעלאָהנונג גאָר ניט געקימערט, דאָך האָב איך זיך פיליכט מעהר פון אלע אָנגעשטרענגט און איך האָב מיינע אויגען פון ים ניט ארונטערגענומען. איך האָב זיך ניט פערגונען דיא צייט צו עסען און צו שלאָפען, טאָג און נאכט בין איך געשטאנען אין דער הויך אויף'ן דעק. קיין רעגען און קיין ווינד האָט מיך ניט אָבגעהאַלטען פון בעטראכטען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט דיא וואסערען ארום און ארום, אזוי וויט וויא מיינע אויגען האָבען געקענט גרייכען.

זעהר אָפט בין איך צוזאמען מיט דיא מאטראָזען און אָפיציערען העככסט איבערראַשט געוואָרען, ווען א וואלפיש האָט זיך פערוואָלט ארויסצושטעלען

זיין שווארצען רוקען פון אונטער'ן וואסער. ניט איינמאָל האָבען וואלפישען אונז אָבגענארט. זיי האָבען אונז ערפרעהט אויף א ווײלע, ווייל מיר האָבען געגלויבט, אז דאָס איז דער ריעזיגער נארוואל מיט זיין מעכטיגען האָרן, לסוף האָבען זיי געצייגט ווער זיי זיינען און מיר זיינען נאראָנים געבליבען. אָבער דאָס האָט מיר ניט געשטערט צו שטעהן ווייטער אויף'ן דעק מיט אויפגעריסענע אויגען און ווייטער אויסקוקען; פיליכט וועל איך דעם ריכטיגען מזיק דערזעהן. שטונדען לאנג פלעג איך שטעהן אזוי וויא א מארמאָרנע סטאטוע, ניט ריה־רענדיג זיך פון אָרט, ביז מיין דיענער פלעגט מיר מיט זיין געוועהנליכען לשון אויפמערקזאם מאכען: "דער הערר שטרענגט צופיעל אָן דיא אויגען. דאָס קען דעם הערר שאַדען".

אָבער מיין מיה און דיא מיה פון דיא מאנשאפט פון שיף איז געווען אומ־זיסט. אויסער געוועהנליכע וואלפישען האָבען מיר דעם קלענסטען צייכען פון דעם אומגעלומפערטען נארוואל ניט געזעהן און ניט געהערט.

צום גליק האָט אונז ווייניגסטען דאָס וועטער גוט געדיענט. אָבוואָהל אין דיא געגענד וואו מיר זיינען געווען איז אין מאָנאט יולי געוועהנליך ווינטער און שנעע, רעגענס און שטורמס זיינען דאָרט אין דיעזער צייט פון יאָהר זעהר אָפט, דאָך איז דיעזען מאָל דער ים געבליבען רוהיג און אויסער קליינע רעגענס און אונבעדייטענדע ווינטען האָבען מיר ניט געהאט. אונזער רייזע איז ניט גע־שטערט געוואָרען און אונזער שיף האָט זיך רוהיג געגליטשט איבער דיא בלויע אונענדליכע וואסערען.

נעד לענד איז נאָך אלץ פערבליבען דער זעלבער אפיקורוס וויא פריהער און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון דער משונה'דיגער ים־בעשעפענים. ער האָט ווייניג וואָס אכטונג געגעבען אויף'ן ים און דיא גאנצע אנגעלעגענהייט האָט איהם ניט געקימערט. ער פלעגט ארויפגעהן אויף'ן דעק בלויז ווען ער האָט געדארפט, ווען ער איז געווען גע־צוואונגען דערצו, זאָנסט איז ער זיך רוהיג געשלאָפען אין זיין קאיוטע, אָדער ער פלעגט זיטצען און לעזען א בוך. מיר האָט דיא זאך פערדראָסען, ווייל זיין שארפער בליק וואָלט אונז שטארק צונוטץ געקומען. מיך האָט זעהר געערגערט, פיליכט האָבען מיר דעם נארוואל פערזעהן, און ווען ער, דער ערפאהרענער וואלפיש פאנגער וואָלט מיט זיינע שארפע אויגען געקוקט אויף'ן ים, וואָלטען מיר שוין פיליכט אונזער צוועק עררייכט. איך האָב איהם איינמאָל פאָרווירפע געמאכט פאר זיין גלייכגילטיגקייט צו דער זאך און ער איז אויף מיר אביסעל בייז געוואָרען.

— איך ווייס ניט וואָס איהר ווילט פון מיר, הערר פראָפעסאָר! — האָט ער געזאָגט — זאָל שוין זיין אז איהר האָט רעכט, אז אזא בריאה וויא איהר זאָגט עקזיסטירט, אָבער איהר דערצעהלט דאָך אליין, אז דיא דאָזיגע בריאה

קען דורכשווימען הונדערטע מיילען א טאָג, היינט וויא אזוי לעגט זיך אייך אויף'ן מח, אז איהר וועט זיא פאנגען? אויסער דעם, האָבען מיר דאָך בלויז א דונקעלע, אונבעשטעטיגטע נאַכריכט וועגען דעם ריעזען־נאַרוואַל, וואָס איהר זאָגט. מיט צוויי מאָנאַטען צוריק האָט מען דיעזע בעשעפעניס געזעהן ערגיץ וואו אויף דיעזען ים, איז דאָך ערשט א פראַגע: וואָס האָבען יענע לייטע געזעהן? פיליכט איז עס גאָר ניט יענער געגענשטאַנד, וועלכען איהר רופט ריעזען־נאַרוואַל? און אויב אפילו יא, דענקט איהר, הערר פראָפעסאָר, אז ער וועט דאָ ליגען און וואַרטען פאר אונז, ביז מיר וועלען איהם דורכלעכערען מיט האַרפונען אָדער מיט קוילען פון קאַנאָנען? ווייבאַלד אז ער איז אזא שנעלער שווימער, איז ער שוין ערשט געוויס אויף יענער זייט וועלט און ער לאַכט זיך אויס פון זיינע פערפאָלגער! היינט וויא אזוי קען איך האָבען אן אינטערעס און אזא עקספּעדיציאָן?

איך בין מודה, אז איך האָב געגען דיעזע ארגומענטען ניט געהאַט וואָס אַנצוואַווענדען. עס איז גאַנץ ריכטיג! מיר האָבען ארומגעטאַפּט אזוי וויא בלינדע אין דער פינסטער, פאָהרענדיג אויף גאָט'ס בעראַטה, וואוהין דער צופאַל וועט אונז פערטראָגען. איך בין אין דיא וואַרהייט א ביסעל אָבגעשוואַכט געוואָרען און איך האָב אָנגעהויבען דענקען: פיליכט האָט דער קאַנעדע'ר רעכט. דיא מאַטראָזען אָבער, וויא אויך דיא אָפיציערען האָבען זיך פעסט געהאַלטען ביי זייער גלויבען און האָבען געהאָפט און ערוואַרטעט, אז מיר וועלען מיט דער צייט דעם ריעזען־נאַרוואַל אָנטרעפען.

דעם 27טען יולי זיינען מיר אריבערגעפאָהרען דעם עקוואַטאָר אויף'ן אנדע־רען האַלבען ערד־קוגעל און אונזער שיף האָט זיך אָנגעהויבען ציהען צו דיא וועסט זייט, אין דיא געגענדען וואו דאָס וואַסער איז טיעפער. מיסטער פאַ־ראַגוט האָט גאַנץ ריכטיג געאורטהיילט, אז עס איז פיעל גלייכער אויסצומיי־דען דיא פלאַכע ערטער אין ים, ארום דיא אינזלען, וואו אזא אונגעהייער גרויסע בעשעפעניס וועט זיך געוויס ניט אויפהאַלטען. אזא גרויסער נפש זוכט געוויס געגענדען וואו עס איז איהם בעקוועמער צו שווימען און זיין מקום מנוחה איז אָהן צווייפעל אין דיא טיעפסטע געגענדען פון ים. מיר זיינען דאַ־רום געפאָהרען ווייט פון דיא מאַרקיז און סענדוויטש אינזלען, ביז מיר האָ־בען דערגרייכט דיא וואַסערען פון כינעזישען ים.

מיר זיינען ענדליך געקומען אין דיא געגענדען, וואו מען האָט, לויט דיא לעצטע בעריכטען, דיא משונה'דיגע בריאה געזעהן. דיא אויפרעגונג וואָס איז געוואָרען אויף אונזער שיף איז ניט צו בעשרייבען. אלע האָבען פערגעסען צו עסען און טרינקען, קיינעם איז אין זינען ניט געלעגען שלאָפען אָדער רוהען און מען האָט נור געהאַלטען אויסגעשטעלט דיא אויגען אויף'ן ים און מיט דאָס גרעסטע אונגעדולד, נייגעריגקייט און שרעק ערוואַרטעט, אז יעדען מאָ־

מענט וועט זיך דער וואונדערבארער ריעז בעווייזען. מען האט געדענקט, אז דא וועט זיך שוין זיכער אבשפיעלען דער לעצטער אקט פון דער נארוואל שאר־שפיעל און מען האט דארום פערגעסען אן עסען און טרינקען און אלעמען'ס אויגען זיינען אהן אויפהער געווען גערינכטעט אויף'ן ים, ווער מיט די נאקעטע אויגען און ווער דורך גלעזער און טעלעסקאפען. די גאנצע מאנשאפט פון שיף איז געווען אזוי אנגעשטרענגט און אויפגערעגט, אז קיין זאך האט ביי זיי קיין ראלע ניט געשפיעלט און וועגען קיין זאך האבען זיי זיך ניט געקימערט. אבער דא האט מען געזעהן, אז אלעמען'ס גערולד וועט מוזען פלאצען, אז אזא פיעבערהאפטער צושטאנד וועט לאנג ניט קענען אנהאלטען.

און עס איז ווירקליך אזוי געווען. דריי מאנאטען זיינען פאראיבער וואר־טענדיג אויף דעם געווינשטען גאסט — אויף'ן ריעזען־נארוואל, אבער ער איז ניט געקומען. יעדער טאג פון די דריי מאנאטען האט זיך געצויגען אזוי וויא א יאהר־הונדערט. די "אייברעהעם לינקאלן" איז שוין דורכגעפאהרען אלע געגענדען פון די אמעריקאנישע און יאפאנעזישע ברעגען פון שטילען ים. עס איז ניט פערבליבען איין שטיקעל ים, וואס מיר זאלען ניט האבען אויסגע־פארשט און נאך אלעמען האבען מיר וועהרענד די גאנצע רייזע קיין שום בעוועגונג פון אירגענד וועלכע אונגעוועהנליכע חיה ניט געזעהן. פיעל מאל האט יא געטראפען, אז וואלפישען האבען אונז אבגענארט. מיר האבען זיי פון ווייטענס געזעהן און מיר האבען געדענקט, אז דאס איז דער נפש, וועלכען מיר זוכען. מיר האבען אנגעפיהרט געיעג נאך זיי, אבער נאכדעם האבען מיר זיך פאר זיך אליין געשעהמט, ווען עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז מיר האבען א טעות געהאט.

די וואלפישען האבען עפעס אזוי וויא אבגערעדט צווישען זיך צו פראווען מיט אונז שפאס און זייער שפאס האט אונז פיעל מיה און געזונד געקאסט.

קורץ: מיר האבען קיין אויסערגעוועהנליכע זאך, קיין אויסערגעוועהנליכע בריאה און זאגאר קיין פערבארגענעם פעלז אויף אונזער רייזע ניט אנגע־טראפען און דאס האט אלעמען ארונטערגעשלאגען פון מוטה און אלע האבען פערלארען דעם חשק צו דער גאנצער אונטערנעהמונג.

די הייסעסטע אנטהייל־נעהמער אין דער עקספעדיציאן זיינען אבגע־קיהלט געווארען. עס איז געווארען אן איבערקעהרעניס אין די הערצער פון די אפיציערען און מאטראזען. אלע זיינען געווארען פויל און מען האט שוין מעהר ניט געוואלט קוקען אויף'ן ים, ווייל מען האט איינפאך אנגעהויבען צווייפלען, אויב די גאנצע געשיכטע איז אמת און אויב די אונטערנעהמונג איז עפעס ווערטה. געפיהלען פון צארן און שאנדע האבען אויפגעקאכט אין יעדען'ס ברוסט און מען האט אנגעהויבען מורמלען, אז די גאנצע זאך איז געווען לעכערליך פון אנהויב אן, אז דאס איז אין גאנצען געווען א ניט געשטוי־

גענע, ניט געפלויגענע פאנטאזיע און עס איז יעצט א שאנדע דיא אויגען פאר דער וועלט צו ווייזען. דער דעק פון שיף איז געבליבען לעער און אויסער דיא וואס זיינען געוועזען פערפפליכטעט זייער דיענסט צו ערפילען אין דער הויף אויף'ן דעק, האט זיך דארט כמעט קיינער ניט בעוויזען. יעדער איינער איז געלעגען אדער געזעסען אין זיין ווינקעלע מיט גרויס פערדרוס און ערגערניס. עס איז גאר ניט פערבליבען צו טהאן — נור אומקעהרען זיך צוריק מיט פער־שעהמטע פנים'ער.

אונזער שיפס־קאפיטאן איז אלץ פערבליבען ביי זיין גלויבען, אז דער ריעזען־נארוואל עקזיסטירט און ער האט נאך אלץ ניט אויפגעגעבען דיא האפ־נונג אז פריהער אדער שפעטער וועלען מיר איהם אנטרעפען. זיין מיינונג איז געוועזען, אז מען זאל ווייטער רייזען. אבער דיא אפיציערען און מאטראזען האבען אנגעהויבען צושטעהן צו איהם, אז מען זאל מאכען אן ענדע, ווייל זיי זיינען שוין צופיעל מיעד און צובראכען און זיי ווילען זיך שוין מעהר ניט יאגען נאך א בעשעפעניס, וואס איז נאך אפשר ניט געבוירען געווארען. זיי האבען איהם ער־קלערט, אז דיא "אייברעהעם לינקאלן" האט גענוג געטהאן איהר פפליכט און קיי־נער איז ניט מחויב ארום צו טרייבען זיך איבער ימים אזוי וויא בלינדע, אהן אירגענד וועלכע אויסזיכט.

דער קאמאנדיר האט אנפאנגס פון אזעלכע רייד ניט געוואלט הערען, ענדליך אבער האט ער ניט געקענט ווידערשטעהן דעם ווילען פון דיא מאנ־שאפט און ער האט זיי געמוזט נאכגעבען. אבער אזוי וויא קריסטאפאר קאלומ־בוס האט פאר דיא ענטדעקונג פון אמעריקא געבעטען זיינע אונצופריעדענע בעגלייטער, אז זיי זאלען האבען געדולד נאך דריי טעג, אזוי האט מיסטער פאראגוט אויך פערלאנגט פון זיינע מענשען דריי טעג צייט, און אויב אין פער־לויף פון דיא קומענדע דריי טעג וועט זיך דיא געזוכטע בעשעפעניס ניט בע־ווייזען, דאן וועט זיך דיא "אייברעהעם לינקאלן" אומקעהרען צוריק צו דיא אייראפעאישע וואסערען. פאראגוט האט עס ביי זיינע מענשען גע'פועל'ט.

דיעזער בעשלוס איז געמאכט געווארען דעם 2טען נאוועמבער. עס הייסט, אז דער 5טער נאוועמבער איז געוועזען בעשטימט פאר'ן לעצטען טערמין. אויב דער ריעזען־נארוואל וועט ניט ערשיינען ביז דיעזען טאג, דאן וועט מען איהם אויפ־הערען זוכען. דיא האפנונג, אז מען ווערט שוין באלד פטור פון דער אונגליק־ליכער רייזע, האט דיא מאנשאפט צוריק געשענקט מוטה און ענערגיע און מען האט ווידער אנגעהויבען קוקען אויף'ן ים מיט גרויס אינטערעס און שפא־נונג.

צוויי טעג זיינען פאריבער. דיא שיף איז געגאנגען לאנגזאם, אום מען זאל בעסער קענען בעאבאכטען דעם ים ארום און ארום. מען האט דורך דער צייט א היבשע ביסעל געדוויכערטע פלייש אריינגעווארפען אין ים, מיט דער

האָפנונג, פּילייכט וועט עס דעם ים־ריעז פערשמעקען און ער וועט קומען מאכען זיין סעודה, אָבער היי־פישען האָבען דיא פלייש אויפגענאשט און דער געזוכ־טער נארוואל איז אלץ ניט געקומען. מען האָט אויך ארויסגעשיקט קליינע שיפ־לאך אין אלע ריכטונגען, אָבער דיא געהיימע חיה איז אלץ ניט ענטדעקט גע־וואָרען.

בלויז דיא נאכט און אויף מאָרגען ביז האלבען טאָג איז אונז, לויט דעם אָבמאַך, פערבליבען צו זוכען און נאָכקוקען פּילייכט געפינט זיך ערגיץ דיא אומגעלומפּערטע בריאה. אויב ניט, וועט זיך אונזער שיף אומקעהרען אהיים, ניט האָבענדיג קיין זאך אויפגעטהאָן.

עס איז געווען אום אכט אוהר אבענדס. אונזער שיף איז געשטאנען א פּאָר הונדערט מייל ווייט פון דיא יאפּאנישע ברעגען. דער הימעל איז געווען פערכמאַר'עט און גערדיכטע וואָלקענס האָבען צוגעדעקט דיא לבנה. רוהיגע וועל־לען האָבען אזוי וויא פערשלאָפען זיך געצויגען ביי דיא ווענד פון שיף און דיא נאטור אין אלגעמיין איז געווען שטיל און רוהיג.

אין יענער צייט בין איך געשטאנען אין פראָנט פון דעק. מיין דיענער קאָנסייל איז געווען נעבען מיר. אייניגע מאטראָזען זיינען געזעסען אויף דיא מאסטען בעטראכטענדיג דעם ווייטען און ברייטען מעער, וועלכער איז אלע ווייַ־לע דונקעלער און דונקעלער געוואָרען. דאָ און דאָרט האָט זיך בעוויזען אן אָפיציער, וועלכער האָט דורך זיינע נאכט־גלעזער געוואָרפען בליקען אויף דיא פינסטערע וואסערען, זאָנסט האָט מען קיין זאך ניט געזעהן און פון קיין זאך ניט געהערט.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף מיין דיענער און איך האָב געזעהן, אז ער איז דיעזען מאָל עפּעס פער'טראכט און אין עטוואָס טיעף פעראינטערעסירט. אויף אונזער גאנצע רייזע האָב איך איהם ניט געזעהן אין אזא פּאָזע וויא איצט. דיא גאנצע צייט האָט ער זיך גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דעם וואָס אויף'ן שיף איז פּאָרגעקומען און ערשט האָט ער אָנגעהויבען טראכטען וועגען דעם ים־ריעז, מיט וועלכען מיר האָבען דיא עהרע ניט געהאט בעקאנט צו ווערען — אזוי האָב איך ווייניגסטענס געדענקט.

— אציגד, קאָנסייל! — האָב איך צו איהם געזאָגט — איז דיא לעצטע געלעגענהייט צו בעקומען דיא צוויי טויזענד דאָלער בעלאָהנונג, וואָס דער קאָמענדאנט האָט פערשפּראָכען.

— זאָל מיר דער העדר ערלויבען צו זאָגען — האָט קאָנסייל געענטפערט — אז איך זוך ניט דיעזען פּרייז צו בעקומען. פון מיינטוועגען מעג דיא רעגיע־רונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען צוזאָגען א פּרייז פון הונדערט טויזענד דאָלער, וועט עס מיך אויך ניט קימערען.

— דו האָסט רעכט, קאָנסייל. נאָך אלעמען איז דיא זאך דורכאויס געווען

א נארישקייט, אין וועלכע מיר זיינען אריינגעשלעפט געוואָרען. אזוי פיעל צייט און אזוי פיעל מיה אומזיסט פערלאָרען! מיר וואָלטען נאָך מיט זעקס מאָנאטען צוריק געקענט אין דער היים זיין.

— יא, דער הערר האָט שוין לאנג געקענט זיין אין זיין וואָהנונג, אין זיין מוזעאום. דעם העררן'ס זאמלונגען וואָלטען שוין לאנג געווען אויסגעשטעלט און פיעלע מענשען וואָלטען עס בעוואונדערט.

— געוויס! און ערשט וועט דיא וועלט האָבען וואָס צו לאכען פון אונז.

— איך דענק אויך אזוי, אז דיא וועלט וועט לאכען פון הערר. מעג איך עס זאָגען?

— ריכטיג, מיין פריינד!

— געוויס! ווען איינער האָט דיא עהרע צו זיין א געלעהרטער אזוי וויא דער הערר איז, דארף ער זיך פריהער גוט ארומזעהן —

איידער קאָנסייל האָט צייט געהאַט צו ענדיגען זיין קאָמפּלימענט, איז פּלוצלונג דיא הערשענדע שטילקייט אונטערבראָכען געוואָרען פון א הילכענדע שטימע, וועלכע האָט אויסגערופען:

— זעהט דאָרט! דער געזוכטער געגענשטאנד איז דאָ אנטקעגען אונז!

דער וואָס האָט דיא בשורה אָנגעזאָגט איז געווען דער אונגלויביגער נעד לענד.

6טעס קאפּיטעל

דיא שרעקליכע בעגעגעניס

דערהערענדיג לענד'ס געשריי איז זיך דיא גאנצע מאנשאפט פון שיף אויגענ־בליקליך צוזאמענגעלאָפען. דער קאָמענדאנט, דיא אָפיציערען, מאטראָזען, שיפס־ארבייטער און זאָגאר דיא אינזשינירען און דיא הייצער האָבען פערלאָזען זייערע ארבייטס־פּלעצער און אלע זיינען געקומען צולויפען אויף'ן דעק און ארומ־גערינגעלט דעם הארפון־ווארפער.

מיסטער פאראגוט האָט באלד געגעבען אַן אָרדער אָבצושטעלען דיא מאַ־שינערי. דער אָרדער איז אין א ווײַלע ארום אויסגעפיהרט געוואָרען און דיא שיף האָט זיך נאָך א ביסעל געשלעפּט פון דעם האטס מיט וועלכען זיא איז פריהער געלאָפען. עס איז געווען גוט פינסטער און איך האָב געמוזט בע־וואונדערען דעם קענעדער'ס שארפע אויג, וואָס האָט דיזע זאָנדערבארע בריאה דערזעהן. אָבער באלד האָבען מיר אלע דערזעהן דאָס וואָס לענד'ס אויג האָט פריהער בעמערקט. א זעלטענע ערשיינונג האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען פאַר אונזערע אויגען, פון וועלכע מיר זיינען אלע ערשטוינט געוואָרען.

גאָר ניט ווייט פון אונזער שיף איז דער ים געווען אילומינירט, אָבער ניט מיט א פאָספאָר־לייכטונג, אזוי וויא רייזענדע האָבען אמאָל דערצעהלט,

זאנדערן אן אנדער מין העלע ליכט האט בעלויכטען דעם דונקעלען וואסער. די געפעהרליכע חיה וואס איז געלעגען אונטער'ן וואסער האט פון זיך ארויס־געשיקט אונערקלערליכע, מערקווירדיגע שטראהלען. אין מיטען פון דעם בע־לויכטעטען פלאץ איז דאס ליכט געווען זעהר שטארק און די אבשיינונג אדער די שטראהלען האבען זיך געצויגען ארום און ארום אויף א היבשע שטרעקע.

— פיליייכט איז עס נור א צוזאמענהויפונג פון פאספאר מאסען? — האט איינער פון די אפיציערען געזאגט.

— ניין, מיין הערר! — האב איך זיך אבגערופען — פאספאר קען אזא שטארקע ליכט ניט ארויסגעבען. דיעזע שיינונג איז מעהר עהנליך צו עלעק־טריציטעט.

דערווייל האב איך בעמערקט וויא די זאנדערבארע לייכטונג בעוועגט זיך און קומט אלץ נעהענטער צו אונז.

— זעהט נור! — האב איך אויסגערופען — עס בעוועגט זיך הין און צוריק! עס דערנעהענטערט זיך צו אונזער שיף! די ווילדע, געפעהרליכע בעשעפענים וויל אונז בייזעס טהאן!

אלע האבען איינגעזעהן אז איך האב רעכט און עס איז א גרויסע מהומה געווארען.

— שטיל! — האט דער קאפיטאן בעפאהלען — לאזט לויפען די אינ־דזשענס און רודערט די שיף אן א זייט!

די מאטראזען זיינען באלד צוגעלאפען צום רודער און די אינזשינירען זיינען אין דעם אויגענבליק געווען צוריק אין מאשינען־צימער. די "אייברע־העם לינקאלן" האט זיך אבגעווענדעט אן א זייט און האט אנגעהויבען אנטלוי־פען פון דער זאנדערבארער ערשיינונג, וועלכע האט אונז אבער מיט דאפעלטע שנעלקייט נאכגעפאלגט.

מיר זיינען אלע אויפגעציטערט געווארען. עס האבען זיך געטרייסעלט די צייהן אין אונזערע מיילער, פיליייכט ניט אזוי פיעל פון שרעק, וויא פון פלוצלינגע איבערראשונג. דער ים־ריעז האט זיך אנגעהויבען דרעהען ארום אונזער שיף גאנץ נאהענט מיט אזא אויסערגעוועהנליכע שנעלקייט, אז עס האט אויסגעזעהן, דאס מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט א גרויסען עלעקטרישען רייף. דאן איז ער מיט אמאל אוועקגעפליגען אויף א שטרעקע פון א פאר מייל און איז דארט געבליבען שטעהן. אבער עס האט אויסגעזעהן, אז ער רוהט זיך נור אויס אביסעל, אום ער זאל אויף אונז קענען אנפאלען מיט מעהר האסט, מיט מעהר מאכט, דען באלד האט ער ווידער גענומען לויפען צו אונז אזוי וויא א פייל פון בויגען און איז געבליבען שטעהן בלויז א צוואנציג פוס ווייט פון אונז.

פלוצלונג איז ער אין גאנצען פערשוואונדען געווארען און מיט איינינע

מינוטען שפּעטער האָט ער זיך ווידער בעוויזען אין אנדערען זייט פון שיף, אין זיין פולען העל־גלענצענדען ליכט. אויב ער איז דורכגעשוואומען אונטער אונזער שיף אָדער פערבייא איהר איז ניט געוועזען מעגליך צו ערקלערען, אָבער יעדע ווייל זיינען מיר געשטאנען אין געפאהר צו קומען מיט איהם אין א צוזאמענשטויס און דאן וואָלט אונזער שיף געווים אונטערגעגאנגען.

מיסטער פאראגוט, וועלכער האָט דיא גאנצע צייט אזוי פיעל געשטרעבט צו פערפאָלגען דעם "מאָנסטער" איז גֶעשטאנען און אָנגעקוקט דיא סצענע מיט בעוואונדערונג, און ניט געגוג וואָס ער האָט ניט געגעבען קיין אָרדער צו פער־פאָלגען דעם פון לאנג געזוכטען מזיק, האָט ער נאָך פערקעהרט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל קיין אטאקע אויף דער חיה ניט מאכען. מיך האָט דיא זאך זעהר געוואונדערט און איך האָב דעם קאָמאנדיר געפרעגט, ווארום ער האנדעלט אזוי און ווארום ער שטעלט אין געפאהר אזוי פיעל מיה וואָס מיר האָבען שוין געלייגט ביז ערשט אויפצוזוכען דעם געפעהרליכען נארוואל? ווארום, ווער וויים? ער קען דאָך ווידער פערשוואונדען ווערען און מיר זאָלען איהם ניט קענען געפינען, אָדער ער קען אונז פּלוצלונג בעפאלען און צושמעטערען אונ־זער שיף? פאראגוט האָט מיר דערויף געענטפערט:

— הערר אראָנאקס, איך וויים דאָך ניט מיט וואָס פאר א פורכטבארע בעשעפענים איך האָב דאָ צו טהאָן. איך וויים ניט וויא זיא אָנצוגרייפען און וויא זיך צו פערטהיידיגען. עס איז מיר דארום יעצט, אין דיא פינסטערניס פון דער נאכט, אונמעגליך צו טהאָן עטוואָס און שטעלען מיין שיף אין גע־פאהר. איך האָב מורא אזא ריזיקאלישע ארבייט אָנצופאנגען. מיר מוזען אָב־ווארטען ביז טאָג, דאן וועלען מיר אימשטאנדע זיין איהם צו פערפאָלגען.

— אָבער ערשט איז שוין, הערר קאָמאנדיר, קיין ספק ניט, אז דאָס איז ווירקליך א משונה'דיגע ריעזען־טהיער? — האָב איך מיט טריאומף געפרעגט.

— געווים זעה איך, אז עס איז אזוי! —האָט דער קאָמענדאנט געענטפערט

— דאָס איז זיכער אן אונגעוועהנליך גרויסער נארוואל און נאָך אן עלעקטרי־שער דערצו.

— שרעקליך! — האָב איך אויסגערופען מיט שוידער — זיין עלעקטרישע קראפט אליין קען דאָך א גאנצע שטאָדט חרוב מאכען!

— דעריבער — האָט דער קאָמאנדיר זיך אָבגערופען — זאָג איך, אז עס איז בעסער צו ווארטען ביז טאָג און דאן וועלען מיר זעהן וואָס מיר האָבען צו טהאָן. אָבער מיר מוזען האלטען אן אויג אויף איהם און זעהר פאָרזיכטיג זיין. אנטלויפען פון דיעזע געגענדען, דענק איך, וועט ער ניט אזוי גיך.

דיא גאנצע נאכט האָט קיינער פון אונז ניט פערזוכט שלאָפען. אלע זיינען געשטאנען אויף דיא פיס און וועגען שלאָפען האָט קיינער ניט געדענקט. אונזער פריגאטע האָט זיך אין געשווינדקייט מיט'ן ים־ריעז ניט געקענט פער־

גלייבען. מיר האָבען איהם דורך דער נאכט איינינע מאָל געזעהן און מיר האָבען זיך אלץ צוריקגעצויגען צו זיין וואָס ווייטער פון איהם, אָבער ער פלעגט אונז מיט איין שפּרונג אָניאָגען. א האלבע נאכט פון שרעק און מאַטערניס האָבען מיר דורכגעלעבט און יעדע ווילע האָבען מיר געדענקט, אז אָט אָט פאַלען מיר קרבנות פון דער מעכטיגער בריאה און קיינער וועט גאָר ניט וויסען וואו מיר זיינען הינגעקומען.

דער נארוואַרל האָט אונז ענדליך אויפגעהערט צו פערפאָלגען און זיך וויעגענדיג אויף'ן וואסער איז ער פערבליבען ליגען אויף אן אָרט, ווייט פון אונזער שיף.

שפּעטער איז ער פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען. אויב ער האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף'ן גרונד, אָדער ער איז אנטלאָפען, האָבען מיר ניט געקענט בעשטימען. זיין עלעקטרישע ליכט איז פלוצלונג פערלאָשען געוואָרען און וואו ער איז הינגעקומען האָבען מיר ניט געקענט זעהן. מיר זיינען אָבער לאַנג ניט פערבליבען אין צווייפעל, דען מיט אומגעפעהר א שטונדע שפּעטער האָט ערגיץ וואו, ניט ווייט פון אונז אָנגעהויבען פייפען מיט א ווילדען, זאַנדערבארען קול, אז מיר זיינען שיער פערטויבט געוואָרען. דערצו האָט מען אויך געהערט וויא מאַסען וואסער שפּריצט מיט א שרעקליכע קראַפט.

דער קאַפּיטאַן, נעד לענד און איך זיינען דאמאָלס געווען ביים פאָדערסטען טהייל פון שיף און נייגעריג געקוקט אין דיא נאכט דונקעלקייט אויף'ן ים.

— לענד! — האָט דער קאָמאנדיר געזאָגט צום הארפון'ער — איהר האָט דאָך געוויס ניט איינמאָל געהערט דאָס ברויזען, ווען א וואלפיש שיסט פון זיך ארויס וואסער?

— יא, הערר קאָמאנדיר! — האָט לענד געענטפערט — איך האָב עס פיעל מאָל געהערט, אָבער עס קומט ניט מיט אזא משונה'דיגען פייף וויא פון דיעזען פיש, וועלכער האָט מיר צוויי טויזענד דאָלער פערשאַפט.

— גאַנץ געוויס, לענד, דעם פּרייז האָט איהר עהרליך פערדיענט. אָבער זאָגט מיר: האָט דיעזעס ברויזען גאָר קיין עהנליכקייט מיט דיא קולות וואָס א וואלפיש גיט ארויס?

— עהנליך איז עס יא, הערר קאָמאנדיר, אָבער ניט אָבצושאַטצען שטארקער. יעצט מוז איך אויך גלויבען, אז דאָס איז א לעבעדיגעס בעשעפעניס, א אונגעהייער גרויסער ריעז פון וואלפיש געזינדעל. אָבער, מיט אייער ערלויבניס, הערר קאָמאנדיר, וועלען מיר מאָרגען מיט איהם א פּאָר ווערטער רעדען.

— אויב ער וועט נור לוסט האָבען אייך צו הערען! — האָב איך געענטפערט מיט א שפּאָטהאפטען צווייפעל.

— ווען איך וועל נור א ביסעל נעהענטער צו איהם קומען — האָט לענד

געזאָגט מיט זיכערהייט — וועט ער מיך שוין הערען. איך וועל איהם נור געבען צו שפּירען דעם טעם פון מיין הארפּון, וועט ער ביי מיר א געהאָרכזאמער תלמיד ווערען.

— רעכענט איהר צו פערפאָלגען איהם וויא געוועהנליך אין א קליינע שיפעל? — האָט פאראגוט געפרעגט — איך גלויב אז דאָס וועט זיין זעהר ריזיקאליש און געפעהרליך.

— דאָס איז ריכטיג! אָבער עס גיבט קיין אנדער מיטעל ניט — האָט לענד געענטפערט.

ארום צוויי דעם זייגער פארטאָג האָט זיך דיא ליכטונג ווידער בעוויזען ביי א פינף מייל ווייט פון אונז. מיר האָבען אויף אזא וויטע שטרעקע געהערט וויא דאָס וואסער ברויזט ארום דעם טהיער און זאָגאר זיין אָטהעמען האָבען מיר געהערט. זיין אָטהעמען האָט מען געקענט פערגלייכען מיט דעם רוישען פון א לאָקאָמאָטיוו, וואָס בעזיצט וויינינסטענס צוויי טויזענד פערד קראפט.

— א וואלפיש מיט א קראפט פון א גאנצען קאוואלעריע־רעגימענט! — האָב איך ביי זיך געטראכט.

מיר האָבען אָנגעהויבען מאכען פּאָרבערייטונגען צום קאמפף און ביז טאָג זיינען מיר געווען פערטיג מיט אונזער ארבייט. מיר האָבען אָנגעלאָדען דיא מאשינען, וועלכע ווארפען הארפּונען אויף א מייל ווייט, און דיא לאנגע ביקסען, וואָס שיסען מיט דינאמיט קוילען, פון וועלכע דאָס שטארקסטע טהיער מוז גע־טויטעט ווערען. נעד לענד איז דיא האלבע נאכט געווען בעשעפטיגט מיט שאר־פען זיינע הארפּונען. קיין אנדערע פּאָרבערייטונגען האָט ער ניט געדארפט מאכען. אבי נור ער האָט געהאט גרייט זיינע ווערק־צייג, איז ער שוין געווען זיכער, אז זיינע געשיקטע הענד וועלען זיי שוין שליידערען ריכטיג אין ציעל.

אום זעקס אוהר האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. אין דער זעלבער צייט, ווען דער ים איז א ביסעל בעלויכטען געוואָרען פון דיא ליכט פון טאָג, איז דער עלעקטרישער גלאנץ פון דעם נארוואל פערשוואונדען געוואָרען. מיט א שטונדע שפּעטער איז שוין אין גאנצען טאָג געווען. אָבער דער ים איז דורכאויס גע־ווען בעדעקט מיט אזא געדיכטען נעבעל, אז זאָגאר מיט דיא בעסטע גלעזער האָט מען ניט געקענט זעהן וואָס אייניגע איילען ווייט פון שיף טהוט זיך. דיע־זע שטערונג האָט אונז אלעמען גרוים פערדרוס און ערגערנים פערשאפט.

איך האָב ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען מאסט. אייניגע אָפיציערען האָ־בען נאָכגעפאָלגט מיין ביישפּיעל און האָבען אויך ארויפגעקלעטערט אויף העכערע און ניעדריגערע זעגעל־שטאנגען. מיר האָבען אונזערע אויגען ניט אראָבגענומען פון ים, אָבער אונזערע אָנשטרענגונגען זיינען געווען אומזיסט. דעם ים־ריעז האָט זיך ניט בעוויזען. יעדענפאלס האָבען מיר איהם ניט געקענט זעהן צוליעב דעם נעבעל מיט וועלכען דאָס וואסער איז געווען פערצויגען.

ארום אכט דעם זייגער, ווערהענד דער נעבעל האט עטוואס אנגעהויבען פערשווינד'ען, זיינען מיר פלוצלינג איבערראשט געווארען פון נעד לענד'ס אויסגעשריי:

— דער געזוכטער געגענשטאנד איז הינטער אונז, לינקס!

אלעמענס אויגען האבען זיך געווענדעט צום בעצייכענטען פונקט. דארט, אומגעפעהר א מייל און א האלב ווייט פון אונזער שיף, איז געווען צו בעמערקען א לאנגען, דונקעלען קערפער, וואס האט ארויסגעשטארצט פון דיא וועללען מעהר אויף א יארד הויך. מען האט פון וויטענס געהערט דיא געוואלדיגע קלעפ פון זיין לאנגען עק און דאס שרעקליכע ברויזען פון וואסער. הינטער איהם, האט מען געזעהן, האט זיך געצויגען איבער'ן ים א לאנגער, ווייסער פאס, אזוי וויא א גרויסע שנעל-שיף לאזט איבער הינטער זיך.

אונזער שיף איז צוגעקומען נעהענטער צו דער זאנדערבארער חיה און איך האב געהאט דיא מעגליכקייט עטוואס גענויער צו בעטראכטען זיא.

לויט וויא איך האב משער געווען, זיינען דיא בעריכטען פון דיא "שאנאן" און "העלוועשא", וועלכע האבען אנגעגעבען דיא לענג פון דעם "מאנסטער" אריבער דריי הונדערט פוס, געווען אביסעל איבערטריבען. נאך מיין מיינונג, איז ער געווען אונגעפעהר 250 פוס לאנג. דיא דיק פון זיין קערפער האב איך ניט געקענט אבשאצען, ווייל ער איז געלעגען אין וואסער. אבער נאך דיא לענג האט מען שוין געקענט זיך פארשטעלען וויא דיק ער איז.

ווערהענד איך האב מיט גרויס אינטערעס געקוקט אויף דער חיה פון וויטען, האט דיא שרעקליכע בעשעפעניס פלוצלונג ארויסגעשליידערט פון איהרע נאז-לעכער צוויי זיילען וואסער צומישט מיט דאמפף. דיא זיילען זיינען געווען בערך 120 פוס הויך. איך האב אנגענומען, אז דער אונגעהייער גרויסער פיש אטהעמט עס אזוי און איך בין ביי זיך געווען פעסט איבערצייגט, אז דיא בעשעפענים בעלאנגט צו ים-מעמעל-זויג-טהיערע וואס לעבען אין ים. דער וואלפיש, פאטפיש און דעלפין געהערען צו דיעזער קלאסע. דיעזע אלע זויגען זייערע קינדער, אקוראט אזוי וויא דיא ברואים וואס לעבען אויף דער יבשה. צו וועלכע פון דיעזע מינים דיעזער ריעז בעלאנגט, האב איך געהאפט, וועלען מיר אויסגעפינען דאן, ווען ער וועט בעקאנט ווערען מיט אונזערע קאנאנען און הארפונען.

דיא גאנצע מאנשאפט פון דער "אייברעהעם לינקאלן" האט מיט דאס גרעסטע אונגעדולד געווארט אויף דיא בעפעהלען פון קאמאנדיר, וועלכער איז געשטאנען גלייך מיט אונז און בעטראכט דיא זאנדערבארע בעשעפענים. דאן האט מיסטער פאראגוט ארויסגערופען דעם אינזשיניר און איהם געפרעגט:

— האבען מיר ערשט גענוג דאמפף?

— יא, הערר קאמאנדיר! — האט יענער געענטפערט.

— גוט! — האָט פאראגוט אויסגערופען — דאָך הייסט שטארקער אָנ־הייצען ביז צו פולע דאמפף־קראפט.

א הורראַ געשריי האָט בעגריסט דעם אָרדער, ווייל דערפון האָבען אַלע געוואוסט, אז דיא צייט פון מלחמה איז שוין געקומען. מיט אייניגע מינוטען שפעטער האָט פון דיא צוויי גרויסע קוימענס פון אונזער שיף ארויסגעשטיגען א געדיכטער, שווארצער רויך און דער דעק האָט זיך געטרייסעלט פון דיא שטאר־קע בעוועגונגען פון דיא מאשינען.

דיא גרויסע, מעכטיגע שרובע האָט אָנגעפאנגען שנעל ארבייטען און דיא "אייברעהעם לינקאָלן" האָט זיך געצויגען אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום מעכטיגען לויתן. דיא זאָנדערבארע בריאה איז געבליבען שטעהן אויף איהר אָרט גאָר אונערשראָקען, ביז אונזער שיף איז צו איהר צוגעקומען גאַנץ נאָ־הענט. דיא חיה האָט דאן פּלוצלונג א פליה געטהאָן, האָט דורכגעשניטען דעם וואסער און אין איין אויגענבליק איז זיא שוין געווען אָנדערטהאלבען מייל ווייט פון אונז.

ביי א דריי פיערטעל שטונדע האָבען מיר דעם געפעהרליכען מזיק פער־פאָלגט, אָבער ער האָט זיך מיט אונז געבייצט. וויא נור מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט צו איהם, איז ער אנטלאָפען.

מיר האָבען געזעהן, אז מיר וועלען אויף אזא אופן גאָר ניט אויספיהרען. דער קאָמאנדיר האָט געבערענט פון כעס און פערדרוס.

— נעד לענד! — האָט פאראגוט אויסגערופען.

דער קענעדע'ר איז צו איהם צוגעגאנגען.

— נו, וואָס זאָגט איהר יעצט? האָט דער קאָמענדאנט ביי איהם געפרעגט

— דענקט איהר, אז איך זאָל הייסען ארונטערלאָזען א שיפעל, אום דיעזען שרעקליכען טהיער צו הארפונירען?

— ניין, הערר קאָמאנדיר. היינטיגען מאָל איז עס צו געפעהרליך.

— וואָס דען ראטה איהר אונז צו טהאָן?

— הייסט טרייבען דיא שיף אזוי שנעל וויא מעגליך. איך וועל זיטצען אויף'ן פאָדערסטען שפּיץ פון שיף און אָבווארטען אויף דעם ריכטיגען מאָמענט, ווען מיר וועלען קומען צום טהיער נעהענטער, דאן וועל איך פון שיף מיין הארפון אין איהם שליידערען.

— זעהר גוט, לענד! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט — אינזשיניער, הייסט געבען מעהר דאמפף און טרייבט דיא שיף מיט'ן העכסטען גראד שנעל־קייט!

לענד האָט זיך בעגעבען צו זיין פּאָסטען. דער פייער אונטער'ן קעסעל איז געוואָרען גרעסער, דיא רעדער פון דיא מאשינען האָבען זיך געדרעהט

אונגעהייער שנעל, דיא שיף איז דאן געלאָפען מיט דיא געשווינדקייט פון אכטצעהן און א האלב מייל א שטונדע.

אָבער דער פערפאָלגטער ים־ריעז איז אויך געשוואומען אזוי שנעל. אומ־געפעהר צוויי שטונדען האָבען מיר איהם אזוי נאָכגעיאָגט און עס איז אונז ניט געלונגען צו דערנעהענטערען זיך צו איהם אפילו אויף איין יארד. דאָס איז ווירקליך געווען א שאנדע פאר א שנעל־דאמפפער פון דער אמעריקאנישער פלאָטע. אלע אויף'ן שיף זיינען העכסט אויפגערעגט געווען און יעדער איינער האָט ניט אויפגעהערט צו שילטען און פערדאמען דעם ריעזען־נארוואל, וואָס פראוועט אזעלכע צו להכעים און לאכט אונז אויס אין פנים אריין.

אָבער דיא משונה'דיגע בריאה האָט זיך וויינינ וואָס געקימערט און זיא האָט מיט אונז אלץ קאץ־און־מויז געשפיעלט.

דער קאָמאנדיר האָט נאָך אמאָל געשיקט רופען דעם אינזשיניער און איהם בעפאָהלען, אז ער זאָל דיא שיף לאָזען לויפען נאָך שנעלער. דיא "אייב־רעהעם לינקאָלן" האָט אָנגעהויבען לויפען מיט דיא שנעלקייט פון נייצעהן און דריי פיערטעל מייל א שטונדע. דאָס איז געווען א ריזיקאלישע זאך און דיא מאנשאפט פון שיף איז העכסט ערשטוינט געווען פון אזא וואגענדען שריט, וואָס דער קאָמענדאנט האָט געמאכט.

און דער קאָמאנדיר האָט געשריען אין איין קול: נאָך פעסטער! נאָך שנעלער! דיא מאסטען האָבען געציטערט און דער צוזאמענגעדריקטער רויך האָט קוים געקענט ארויסדרינגען פון דיא רעהרען.

— קאָנסייל! האָב איך געזאָגט צו מיין דיענער — ווייסט דו, אז מיר מעגען זיך ריכטען אין גיכען צוזאמען מיט דער שיף אין דיא לופט ארויפצור־שפרינגען?

— וויא דער הערר ווינשט! — האָט זיך מיין קאלטבלוטיגער האָלענדער אָבגערופען.

און וויא טרויעריג עס איז מיר געווען אויף'ן הארצען, האָב איך דאָך געמוזט לאכען פון זיין נארישען אנטוואָרט.

אָבער וויפיעל פייער מען האָט געלייגט אונטער'ן קעסעל, וויא שנעל מען האָט אונזער שיף געטריבען, האָבען מיר געזעהן, אז דער ים־טהיר הייצט זיין לעבעדיגע מאשינע אויך אזוי שטארק און ער שווימט גאנץ לייכט מיט דיא שנעלקייט פון צוואנציג מייל א שטונדע. איינינע מאָל האָט ער זיך זאָגאר אָב־געשטעלט און אונז געגעבען א געלעגענהייט צו דערפרעהען זיך אויף א ווייל ע, און באלד האָט ער אונז ווידער אויסגעלאכט און איז אנטלאָפען.

יעדעס מאָל ווען מיר זיינען צוגעקומען א ביסעל נעהענטער צו איהם, האָט לענד מיט בעגייסטערונג אויסגערופען: מיר וועלען איהם בעקומען! באלד איז ער אונזערער! אָבער איידער מיר האָבען צייט געהאט ארומקוקען זיך איז

דער ים־ריעז שוין ווידער געווען ווייט פון אונז, נאָך פיעל ווייטער וויא פריהער, און ער האָט אויף קיין פאל ניט געגעבען דעם הארפון־ווארפער דיא געלעגענהייט צו ווארפען זיין הארפון.

וויא מיר האָבען משער געווען, איז דיא משונה'דיגע בריאה א פּאָר מאָל געלאָפען מיט דיא שנעלקייט פון דרייסיג מייל א שטונדע און אונזער שנעלדאמפּפער האָט געגען איהר אויסגעזעהן אזוי וויא א שפּיעלצייג.

אום צוועלף אוהר זיינען מיר פון דעם מזיק אזוי ווייט געווען, אזוי וויא אום אכט אוהר, אפילו א האָאר נעהענטער, זיינען מיר צו איהם ניט געקומען. דער קאָמאנדאנט איז שטארק בייז געוואָרען און ער האָט בעשלאָסען אָנצוואָווענדען אנדערע מיטעל!

— אך, דו פערפלוכטעס וועזען! — האָט ער געדונערט — דו ביזט שנעלער וויא דיא "אייברעהעם לינקאָלן", אָבער מיר וועלען זעהן אויב אונזערע קוילען זיינען ניט שנעלער פון דיר! מייסטער, דיא מאנשאפט, אלע צו דער קאנאָנע אין דיא פראָנט.

דיא קאנאָנע אויף דעם פאָדערסטען טהייל פון שיף איז באלד אָנגעלאָדען געוואָרען און א קויל איז אָבגעפייערט געוואָרען. אָבער זיא איז אריבערגעפלויגען איבער דעם טהיער און איז אריינגעפאלען אין וואסער א היבשע שטרעקע ווייטער.

— שיסט נאָך אמאָל! — האָט פאראגוט אויסגערופען — ווער עס פערשטעהט בעסער וויא מיט דער קאנאָנע אָנצוגעהן, דער זאָל פייערען. פינף הונדערט דאָלער בעלאָהנונג דעם יעניגען וואָס וועט דיא בעסטיע טרעפען!

אן אלטער קאנאָנען־שיסער איז גאנץ קאלטבלוטיג צוגעגאנגען. א קורצע צייט איז ער געשטאנען און האָט מיט א רוהיגען בליק בעטראכט דיא ווייטקייט פון אונזער שיף ביז'ן טהיער. ער האָט נאָכדעם אויסגעשאָסען און א פרעהליכער הורראַ געשריי האָט פערהילכט דיא לופט.

דיא קויל האָט ריכטיג געטראָפען אין ציעל, אָבער אונזער פרייד איז דאָך געווען אומזיסט. דיא קויל איז פון גרויסען קערפּער אָבגעשפּרונגען און איז אוועקגעפלויגען גאנץ ווייט אין ים. דעם ים־מזיק האָט גאָר ניט געשאדט.

— צום טייפעל! — האָט דער שיסער אויסגעשריען! דיעזע מערקווירדיגע בעסטיע האָט וואהרשיינליך א שטאָהלענע פעל, וואָס איז וויינינגסטענס זעקס צאָל דיק!

— איך וועל זיך ניט אונטערגעבען! — האָט דער קאפּיטאן העכסט אויפגערעגט געזאָגט — איך וועל דיעזע ווילדע בעסטיע פערפאָלגען אזוי לאנג ביז דיא מאשינערי אין מיין שיף וועט פּלאצען!

קיינער האָט ניט געזאָגט א וואָרט דאגעגען און דיא שיף האָט ווידער אָנגעפאנגען יענע אונבעגרייפליכע בעשעפעניס נאָכצוּיאָגען.

מיר האבען אונזער האפנונג ניט פערלארען. מיר האבען **גערעכנט, אז** דיעזעם טהיער, וויא שטארק עס זאל ניט זיין, וועט דאך שליסליך **מיער ווערען,** וויל נאך אלעמען איז עס דאך א לעבעדיגער נפש, וועלכער מוז דעם אטהעם כאפען, וועלכער מוז רוהען און ער וועט ניט לאנג קענען קאנקורירען מיט דיא מעכטיגע דאמפף־מאשינען. אבער וויא עס האט זיך נאכדעם ארויסגעוויזען, האבען מיר א טעות געהאט. עס זיינען נאך א פאר שטונדען פאראיבער און אויף דער מערקווירדיגער בריאה איז קיין צייכען פון ערמיעדונג ניט קענטיג געווען.

מען מוז צוגעבען אז דיא "אייברעהעם לינקאלן" האט יענעם טאג געטהאן אלעס וואס נור מעגליך, אום איהר אויפגאבע צו ערפילען. אונזער פריגאטע איז אין יענעם געפעהרליכען טאג, דעם 6טען נאוועמבער, אבגעלאפען א שטרעקע פון א ביסעל וויינינגער וויא דריי הונדערט מייל, ביז עס איז ענדליך נאכט גע־ווארען און דיא דונקעלהייט האט בעדעקט דעם אונרוהיגען ים. דער לויתן, וועל־כען מיר האבען געיאגט, איז פערשוואונדען געווארען.

איך האב דאן אנגעהויבען דענקען, אז דערמיט איז אונזער עקספעדיציאן געענדיגט און מיר וועלען שוין דעם נארוואל מעהר אין דיא אויגען ניט זעהן. איך האב שוין כמעט אויפגעגעבען דיא האפנונג, אז מיר וועלען זיך נאך אמאל בעגעגענען מיט איהם און איך האב שוין אפילו קיין גרוים חשק געהאט אנצושטרענגען מיינע אויגען און קוקען אויף'ן ים. עס האט זיך אבער שפע־טער בעוויזען, אז מיין מיינונג איז ניט ריכטיג. אומגעפעהר אום עלף אוהר פאר האלבע נאכט איז דיא עלעקטרישע בעלייכטונג ווידער ערשיענען, בלויז דריי מייל וויט פון אונז, אזוי ריין און העל פונקט אזוי וויא אין דער פארי־גער נאכט.

דער נארוואל איז געלעגען רוהיג און אונבעוועגט, אזוי וויא ער זאל שלא־פען פון גרוים ערמיעדונג. דער גרויסער קערפער האט זיך געוויעגט אויף דיא וועללען פון ים און מען האט פון איהם קיין שארך ניט געהערט. דער קאמענ־דאנט האט בעשלאסען צו בענוצען זיך מיט דיעזער געלעגענהייט.

ער האט געגעבען אן ארדער, אז מען זאל דיא שיף לאזען לויפען לאנגזא־מער. מען טרעפט זעהר אפט וואלפישען, וועהרענד זיי כאפען א דרעמעל אין מיטען ים און דאן איז דיא בעסטע צייט צו אטאקירען זיי. נעד לענד האט שוין ניט איין וואלפיש געטויטעט, וועהרענד ער איז געשלאפען. מיסטער פאראגוט האט גערעכענט אז מיט דיעזען ים־ריעז וועט אויך אזוי זיין.

דיא "אייברעהעם לינקאלן" האט אנגעפאנגען צו געהן גאנץ פארזיכטיג, מיט שוואכען דאמפף און אהן גערויש, אום ניט אויפצוואועקען דיא מעכטיגע חיה. לענד האט זיך אוועקגעשטעלט אויף'ן פאדערסטען שפיטץ פון שיף גרייט צו ווארפען זיין הארפון אין קערפער פון מעכטיגען ריעז.

דיא שיף איז גאנץ שטיל צוגעקומען אליץ נעהענטער און נעהענטער אוז

האט זיך אבגעשטעלט נור א פיערטעל מייל ווייט פון דעם נארוואל. אלע אויף'ן דעק זיינען געוועזן שטיל, מען האט ניט גערעדט און מען האט זאגאר דעם אטהעם איינגעהאלטען, אום דער שלאפענדער ריעז זאל זיך ניט אויפכאפען און ווייטער ניט אנטלויפען. מיר זיינען ענדליך געקומען בלויז הונדערט פוס ווייט פון דעם אומגעלומפערטען קערפער, פון וועלכען דיא עלעקטרישע שיין האט געגלאנצט און געפינקעלט אזוי, אז אונזערע אויגען זיינען שיער פערבלענדעט געווארען.

אין דיעזען מאמענט האט לענד אנגעשטעלט זיין הארפון גרייט צו שליידערן עס ווען דיא גינסטיגע צייט וועט קומען, און ווען אונזער שיף איז געווען בלויז צוואנציג פוס פון דער בריאה, האט דער העלדישער וואלפיש־פאנגער א שליידער געטהאן זיין שארפע וואפע מיט א שרעקליכען האסט. איך האב געהערט וויא דער הארפון האט זיך אנגעקלאפט אזוי וויא אן א שטארקען אייזערנעם קערפער. פלוצלונג איז דיא עלעקטרישע ליכט אויסגעלאשען געווארען און צוויי שטארקע, רייסענדע שטראמען וואסער האבען אזוי וויא פון א קאנאנע ארויפגעשאסען אויף'ן דעק פון אונזער שיף, אומשליידערינג דיא גאנצע מאנשאפט און צורייסענדיג דיא שטריק פון אונזערע זעגלען. באלד נאכ'ועם איז דיא גאנצע שיף אויפגעטרייסעלט געווארען פון א שרעקליכען שטויס און איך בין אריבערגעפאלען איבער'ן גאלענדער (פארענצע) אין ים אריין.

7טעס קאפיטעל

א זאנדערבארער מין וואלפיש

דער אונערווארטעטער האסטיגער שליידער אין ים האט מיך העכסט איבערראשט און ערשראקען. איך האב אנפאנגס זיך ניט געקענט בעדענקען וואס מיט מיר האט פאסירט. איך בין צומישט געווארען און איך האב ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט. איך בין געהאט ארייגגעפאלען ביי א צוואנציג פוס טיעף אין וואסער. אבער זייענדיג א גוטער שווימער, האב איך אין דיעזען געפעהרליכען מאמענט זיך ניט פערלארען אין גאנצען. איך בין באלד צו מיין זינען געקומען און נאך א קליינע אנשטרענגונג בין איך באלד צוריק ארויפגעשוואומען. דיא ערשטע זאך האב איך מיט מיינע אויגען אנגעהויבען זוכען אונזער שיף. האט דיא מאנשאפט פון דיא "אייברעהעם לינקאלן" בעמערקט וויא איך בין ארונטערגעפאלען? האט דער קאמענדאנט ארונטער געשיקט א שיפעל מיך צו רעטען? קען איך האפען גערעטעט צו ווערען?

דיא פינסטערניס איז געווען זעהר שטארק. איך האב ניט געקענט זעהן ריכטיג וואס אויף'ן ים געהט פאר. אבער בעמערקט האב איך וויא א דונקעלע מאסע פערשווינדעט אין מזרח זייט, און איהר בעלייכטונג ווערט דארט פון דערווייטענס אויסגעלאשען. דאס איז געווען אונזער שיף, וועלכע איז האסטיג

אנטלאָפּען פון דעם געמעהרליכען פּלאַץ. דיא לייטע אויף'ן שיף האָבען פיליכט אין טומעל גאָר ניט געזעהן, אז איך בין אראָבגעשליידערט געוואָרען און זיי ווייסען גאָר ניט אין וואָס פאר א געפאהר איך געפין זיך. איך האָב גערענקט, אז איך בין פערלאָרען.

— העלפט! רעטעט! — האָב איך געשריען אין גרוים פערצווייפלונג שווימענדיג מיט אלע קרעפטען נאָך דער ריכטונג, וואו די "אייברעהעם לינקאָלן" איז אנטלאָפען.

מיינע אויסגעווייקטע קליידער האָבען מיר זעהר פיעל געשטערט. זיי האָבען זיך צוגעקלעפּט צו מיין קערפער און איך האָב זיך ניט געקענט בעוועגען. בלויז א קורצע צייט האָב איך זיך געהאלטען אויף'ן וואסער, אָבער באלד האָב איך אָנגעפאנגען שפּירען, אז דער אטהעם געהט מיר אויס.

— העלפט! רעטעט! — האָב איך ווידער מיט דיא לעצטע קרעפטען אויסגעשריען.

דאָס איז געווען מיין לעצטער אויסגעשריי. דאָס געזאַלצענע, ביטערע ים־וואסער איז מיר ארייגגעקומען אין מויל און איך בין מעהר ניט געווען אימשטאנד צו האלטען זיך אויף'ן וואסער. איך האָב געפיהלט, אז אָט, אָט זינק איך אין אבגרונד און מיין לאגע איז געווען שרעקליך, זעהר שרעקליך.

פּלוצלונג האָט א קרעפטיגע האנד אָנגעכאפּט מיינע קליידער און האסטיג מיך ארויפגעשלעפּט איבער'ן וואסער. אין דער זעלבער צייט האָב איך געהערט א בעקאנטע שטימע, וועלכע האָט קאָלטבלוטיג געזאָגט:

— ווען דער העררשאפט וויל אזוי גוט זיין און זיך אָנשפּארען אויף מיינע שולטערען, וועט ער בעקוועמער און לייכטער קענען שווימען.

איך האָב פערשטאנען, אז דאָס איז מיין טרייער דיענער קאָנסייל. איך האָב זיך מיט איין האנד אָנגעכאפּט אָן איהם.

— ביזט דו עס? — האָב איך איבערראשט געפרעגט — דו ביזט עס? האָט דער שטויס אויך דיך אראָבגעוואָרפען אין ים?

— ניין! — האָט קאָנסייל געענטפערט — דער שטויס האָט מיך ניט ארונטערגעוואָרפען. אָבער איך האָב געזעהן וויא דער העררשאפט איז אראָבגעפאלען, בין איך איהם נאָכגעשפּרונגען.

— און וואו איז אונזער שיף? — האָב איך איהם געפרעגט.

— דיא שיף? — האָט קאָנסייל געענטפערט זיך אומקעהרענדיג אויף'ן רוקען — איך דענק אז דער העררשאפט קען ווייניג וואָס האָפען אויף איהר.

— אזוי דענקסט דו?

— איך זאָג עס, ווייל אין דעם אויגענבליק, ווען איך האָב זיך אין ים געוואָרפען, האָב איך געהערט וויא מען האָט אויף'ן שיף געשריען, אז דיא מאשינערי און דער רודער זיינען צובראָכען.

— צובראָכען! — האָב איך מיט שרעק אויסגערופען — וויא אזוי?

— דיא שרעקליכע בריאה האָט דיא שיף בעשעדיגט מיט איהרע ציינער. אזא שטארקע שיף וויא דיא "אייברעהעם לינקאָלן" און זיא האָט ניט געקענט ווידערשטעהן דיא חיה רעה! אָבער דיא שיף וויא דיא שיף, פאר אונז איז עס אן אונגליק, ווייל מיר קענען ניט האָפען אויף הילפע פון איהר.

— אויב אזוי — האָב איך בעזאָרגט געזאָגט — זיינען מיר דאָך פערלאָרען.

— עס קען זיין! — האָט קאָנסייל קאלטבלוטיג געזאָגט — אָבער מיר וועלען זיך נאָך קענען האלטען אויף'ן וואסער אייניגע שטונדען און אין פערלויף פון אזא צייט קען נאָך פיעלעס פאסירען.

קאָנסייל'ס קאלטבלוטיגקייט האָט אויף מיר פיעל געווירקט און איך בין א ביסעל מוטהיגער געוואָרען. איך בין אזוי וויא ניי בעלעבט געוואָרען. עס זיינען מיר קרעפטען צוגעקומען און איך האָב זיך געקענט האלטען אויף'ן וואסער, אָבער מיט גרויס שווערינקייט, ווייל מיינע נאסע קליידער זיינען אויף מיר געווען שווער אזוי וויא בליי און זיי האָבען מיך געשלעפט ארונטער. קאָנסייל האָט עס בעמערקט.

— דער הערר וועט מיר ערלויבען צו מאכען איהם בעקוועמער? — האָט ער מיך מיט זיין געוועהנליכען קאלטבלוטיגען טאָן געפרעגט.

ריידענדיג דיעזע ווערטער האָט ער ארויסגענומען א קליין מעסעריל און דורכגעשניטען אלע מיינע קליידער פון אויבען ביז אראָב און זיי אראָבגעריסען פון מיר. איך האָב זיך באלד דערפיהלט, אזוי וויא שווערע שטיינער זיינען פון מיר אראָבגעפאלען און איך בין געוואָרען פריי צו בעוועגען זיך. איך האָב דאן דאָס זעלבע געטהאָן מיט קאָנסייל'ס קליידער און מיר האָבען לייכט און בעקוועם געשוואומען איינער נעבען אנדערען.

אונזער לאגע איז פון דעסטוועגען געווען גענוג שרעקליך. פיליייכט ווייסען דיא לייטע אויף'ן שיף ניט פון אונזער אונגליק? פיליייכט האָבען זיי גאָר ניט בעמערקט, אז מיר פעהלען? אָדער זיי ווייסען אז מיר זיינען אין וואסער, אָבער זיי קענען אונז ניט קומען צו הילף מיט א צובראָכענעם רודער?

קאָנסייל, דער מערקווירדיגער קאלטער לונג און לעבער, האָט וועגען אונזער טרויעריגער, שרעקליכער לאגע גערעדט אזוי געלאסען און האָט זיך אזוי אונטערשראָקען בענומען, אקוראט אזוי וויא מיר וואָלטען געווען ביי אונז אין דער היים.

ער האָט אויסגעשפראָכען זיין מיינונג, אז אויף דער "אייברעהעם לינקאָלן" ווייסט מען ניט וואָס מיט אונז האָט פאסירט. אָבער שליסליך וועט מען זיך דאָרט ארומזעהן אז מיר זיינען ניטאָ און מען וועט ארונטערשיקען א שיפעל אונז צו רעטען. מיר מוזען דארום אָנווענדען אלע מעגליכקייטען צו האלטען זיך אויף'ן וואסער וואָס לענגער ביז הילף וועט קומען.

איך און מיין טרייער דיענער האָבען דארום בעשלאָסען, אז מיר זאָלען

ביידע מיט אמאָל ניט אויסנוצען אונזערע קרעפטען און זעהן שפּאָרען וואָס מעהר כחות. דאָס איז אונז מעגליך געווען דורכצופיהרען אויף פאָלגענדען אופן: ווערענד איינער פון אונז איז געבליבען ליגען רוהיג מיט'ן געזיכט ארויף, איז דער צווייטער געשוואומען און געשטופט דעם ערשטען אלץ נעהענטער צו דער שיף. ווען דער וואָס איז געשוואומען איז מיעד געוואָרען, האָט ער זיך אוועק־געלייגט רוהיג אויף'ן רוקען און דער אנדערער איז געשוואומען און איהם גע־שטופּט פאָרווערטס. מיר האָבען זיך אזוי יעדע צעהן מינוט געביטען און עס איז יעדען פון אונז אויסגעקומען צעהן מינוטען צו ארבייטען און צעהן מינוטען צו רוהען. אויף דיעזען אופן האָבען מיר געקענט האָפען, אז מיר וועלען זיך פּיליכט קענען האַלטען אויף'ן וואסער איינינגע שטונדען ביז הילף וועט קומען, אָדער ביז מיר וועלען דערגרייכען דיא צובראָכענע פריגאטע.

אונזער אויסזיכט אויף רעטונג איז נאָך אלעמען דאָך געווען זעהר שוואך. קאַלטע האָפנונג! אָבער דאָך האָבען מיר געהאָפּט, ווייל דיא האָפנונג וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין מענשען'ס הארץ לאָזט איהם ניט אָב אפילו אין לעצטען מאָמענט פאר זיין טויט.

דער צוזאמענשטויס פון אונזער שיף מיט דער אומגעלומפּערטער ים־חיה האָט פּאסירט אום עלף אוהר פאר האַלבע נאכט. איך האָב אויסגערעכענט, אז מיר האָבען אכט שטונדען צו שווימען ביז דיא זונן וועט אויפגעהן. פריהער, האָב איך גערעכענט, וועט מען זיך אויף'ן שיף ניט ארומזעהן אז מיר פעהלען, היינט וויא אזוי איז עס מעגליך, אז מיר זאָלען אזא לאנגע צייט קענעי אויסהאַל־טען אויף'ן וואסער? פיליכט וועט אונז געלינגען איבערלעבען דיא אכט שטונ־דען — גיכער אָבער איז עס אונמעגליך. מיט איין זאך האָבען מיר זיך געטרייסט, וואָס דער ים איז געווען רוהיג און מיר האָבען זיך ניט געדאַרפט פיעל אָנשטרענ־גען צו שווימען. דיא קלאָהרע וואסער האָט געשוויינקט אונזערע קערפּער רוהיג און געלאַסען און עס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא מיר באָדען זיך אין קוועק־זילבער.

ארום איינס דעם זייגער נאָך האַלבע נאכט בין איך זעהר מיעד געוואָרען. מיינע גליעדער זיינען געוואָרען שטייף אזוי וויא געלעהמט און איך האָב זיך ניט געקענט בעוועגען. קאָנסייל האָט מיך געמוזט אונטערהאַלטען, זאָגנדיג בין איך געווען אין געפאהר צו זינקען אזוי וויא א שטיק בליי. דער אָרימער יונג האָט זיך געבאָך געמאַטערט מיט אלע קרעפטען. ער האָט ניט געקענט בעווייזען אליין צו שווימען און מיך אויפהאַלטען. איך האָב געזעהן אז זיינע כחות געהען איהם אוים און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל געווען, אז מיר זיינען פערלאָרען.

— לאָז מיך אָב, קאָנסייל! — האָב איך צו איהם געזאָגט — זעה רעטע זיך אליין.

— לאָזען דעם הערר דערטרונקען ווערען? — האָט דער גוטער האַלענדער געזאָגט — ניין, קיינמאָל ניט! איך וועל פריהער אליין דערטרונקען ווערען.

אין דיעזען מאָמענט האָט זיך בעוויזען דיא לבנה, וועלכע איז פריהער פערבאָרגען געווען צווישען וואָלקענס, און האָט מיט זילבער שטראהלען בעגאָסען דעם אונענדליכען מעער. דיא העלע שיין האָט אונז וויעדער א ביסעל אויפגעמונטערט און ניי בעלעבט אונזערע קרעפטען. איך האָב געקענט אויפהויבען דעם קאָפּ און בעטראַכטען א ווייטערע שטרעקע איבער'ן ים. איך האָב פון ווייטענס געזעהן אונזער שיף און איך האָב משער געווען, אז זיא איז פינף מייל ווייט פון אונז, אָבער קיין סימן פון א רעטונגס־שיפעל איז געווען צו זעהן.

איך האָב געוואָלט אָנהויבען שרייען, אָבוואָהל איך האָב ניט געקענט האָפען, אז מען זאָל אזוי ווייט מיין שטימע הערען, אָבער קאָנסייל האָט מיך פערכאַפּט פאָראויס און ער האָט אָנגעהויבען שרייען מיט אלע זיינע קרעפטען. איך האָט זיך גוט צוגעהערט און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז אימיצער ענטפערט פון דערווייטענס. איך בין ניט געווען זיכער, אויב דאָס איז ווירקליך דיא שטימע פון אן אנדער פערזאָן, אָדער דאָס איז דער וויעדער־קול פון קאָנסייל'ס געשרייען.

— דו הערסט, קאָנסייל? — האָב איך מיין דיענער געפרעגט.

— יא, איך הער! — האָט ער געענטפערט און ער האָט וויעדער א פּאָר מאָל אויסגעשריען: העלפט! רעטעט!

מיר האָבען וויעדער געהערט א קול פון דערווייטענס. דיעזען מאָל זיינען מיר שוין געווען זיכער, אז דער קול קומט ווירקליך פון דעם מויל פון אן אנדער פערזאָן. אָבער מיר האָבען ניט געקענט וויסען, אויב מען שרייט עס צו אונז פון שיף דורך א שפּרעך־רעהר, אָדער דאָס סיגנאַלירט נאָך אן אונגליקליכער וואָס איז ארונטערגעפאַלען פון שיף אין ים אריין.

קאָנסייל האָט צוזאַמענגענומען אלע זיינע קרעפטען, האָט זיך אָנגעשפּארט אויף מיין אקסעל און אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אום צו זעהן פון וואנען דער אנטוואָרט קומט. אין א ווייל'ע ארום איז ער א צושראָקענער צוריק געפאַלען.

— וואָס האָסט דו געזעהן, קאָנסייל? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איך האָב געזעהן — האָט ער געשטאַמעלט מיט גרויס שרעק — איך האָב געזעהן... אָבער זאָל דער הערר ניט ריידען. אלע קרעפטען אָנווענדען און שווימען ווייטער, שנעלער.

וואָס האָט ער געזעהן? וועמעס שטימע האָט זיך דאָ געהערט? האָב איך קיין אהנונג געהאַט. עס איז אָבער ניט געווען קיין צייט איבער צו פרעגען נאָך אמאָל. איך שווים מיט דיא לעצטע כחות, וועהרענד קאָנסייל שטופּט מיך ווייטער. יעדע מינוט הויבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך ארום און שרייט אויס מיט א העכסט דערשראָקענעם קול. מיינע כחות געהן מיר אויס און איך הער שוין אלעס אזוי וויא אין חלום. מיינע פינגער זיינען אויסגעשפּרייט אזוי וויא

שטיקלאך האַלץ און מיינע הענד קענען זיך שוין מעהר ניט בעוועגען. איך קען ניט איינהאַלטען דעם אָטהעם. מיינע ליפּען עפענען זיך און דאָס וואסער לויפט מיר אין מויל און אין האַלז. א שוידער איז אריבער מיין לייב. צום לעצטען מאָל האָב איך אויפגעהויבען מיין קאָפּ און איך בין געזונקען.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן א הארטען קערפּער. איך האָב געפיהלט, אז מען שלעפּט מיך ארויס פון וואסער און איך האָב אָנגעהויבען פרייער צו אטהמען. אָבער דאָס האָט בלויז א קליינע ווײלע געדויערט און איך בין אין אונמאכט געפאַלען.

איך בין וואהרשיינליך לאַנג ניט פערבליבען אין בעוואוסטלאָזען צושטאנד. איך האָב געשפּירט וויא קרעפטיגע הענט האָבען געריבען מיינע פערגליווערטע גליעדער און האָבען אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע מיך אָבצומינטערען. באַלד האָב איך ווידער מיינע אויגען געעפענט.

— קאָנסייל! — האָב איך קוים אויסגשטאַמעלט.

— רופט מיך דער הערר? — האָט קאָנסייל מיט זיין געוועהנליכען טאָן געפרעגט.

ביי דיא העלע שטראהלען פון דער לבנה האָב איך געזעהן מיר א צווייטע פערזאָן דערזעהן.

— נעד לענד! — האָב איך אויסער זיך אויסגעשריען.

— איך זעלבסט, מיין הערר! — האָט דער קענעדער געענטפערט — איך בין עס, דער וואָס זוכט דעם צוויי טויזענד דאָלער פּרייז.

— זייט איהר אויך דורך דעם צוזאמענשטויס פון שיף ארונטערגעפאַלען?

— יא, הערר פּראָפעסאָר. אָבער מיר איז עס גליקליכער אָבגעגאַלטען, דען איך האָב באַלד געפונען א שווימענדען אינזעל, אויף וועלכען איך בין פערבליבען שטעהן מיט דיא פיס.

— אן אינזעל? — האָב איך מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

— בעסער געזאָגט — האָט זיך לענד אָבגערופען — אויף אונזער ריעזען־נארוואַל.

— איך פערשטעה אייך ניט, הערר לענד. ערקלערט מיר בעסער וואָס איהר מיינט.

— איך מיין דאָס וואָס איך זאָג. מיר געפינען זיך ערשט אויף'ן רוקען פון דעם שרעקליכען ים־מזיק. איך פערשטעה שוין ערשט ווארום מיין הארפּון איז פון איהם אָבגעשפּרונגען, ווייל ער איז געמאכט פון דיקע אייזערנע פּלאַטען.

לענד'ס לעצטע ווערטער האָבען אויף מיר געמאכט אזא געוואַלדיגען איינדרוק, אז איך בין פון גרויס איבערראשונג און ערשטוינונג אויפגעשפּרונגען, פערגעסענדיג אין גאנצען מיין מיעדיגקייט און שוואכקייט. איך בין ארויף־געקראָכען אויף'ן רוקען פון דיעזער בעשעפעניס אָדער געגענשטאנד, וואָס איז

געלעגען גאנץ רוהיג ארויסגעשטעקט פון וואסער, איך האָב פּרובירט טופּען מיט'ן פוס און איך האָב זיך איבערציייגט, אז דיזער קערפּער איז ניט פון דיא פלייש פון א זויג־טהיער וואָס לעבט אין ים, זאָנדערן פון א הארטען מעטאל. אָנפאנגס האָב איך געדענקט, אז דאָס איז פיליכט א לעבעדיגעס בעשעפעניס פון יענע סאָרטען ברואים, וואָס טראָגען אויף זיך אָנשטאָט א פעל — א הארטען פּאנצער, וויא, צום בייש פּיעל: קראָקאָדילען, אליגאטאָרען און דאָס גלייכען, נאטירליך, א צוואנציג, אָדער מעהרערע מאָל גרעסער וויא דיא געוועהנליכע חיות פון יענע מינים. עס איז אמת, אז מען האָט נאָך קיינמאָל אזא מין גרויסע בריאה ניט געזעהן, אָבער עס קען דאָך זיין, אז זיי געפינען זיך ערגיץ אין דיא אונבעוואוסטע טיעפעניסען פון ים, און איינעם האָט זיך גראדע פערגלוסט ארויף שפּאצירען אין דער הויך.

אָבער ניט לאנג האָב איך וועגען דעם פאנטאזירט, ווייל איך האָב זיך באלד ארומגעזעהן, אז דאָס איז ניט דאָס וואָס איך מיין. דער שווארצליכער רוקען פון דיעזען געגענשטאנד, אויף וועלכען מיר זיינען געזעסען, איז ניט געווען שופּען־פאָרמיג און עס האָט קיין עהנליכקייט ניט געהאט צו דער פעל פון א קראָקאָדיל אָדער אן אנדער ים־חיה פון דיעזען סאָרט. דאָס איז געווען גלאַט, פּאָלירט און ווען מען האָט דארויף א קלאַפּ געטהאָן, האָט זיך געהערט אן אָב־קלאנג אזוי וויא פון מעטאל. איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אז דאָס איז צוזאמען־געשלאָסענע פּלאטען פון שטארקען אייזען אָדער שטאָהל.

איך בין ביי זיך זעהר אראָבגעפאלען, דען איך האָב שוין געזעהן, אז דער ריעזען־נארוואל, איבער וועלכען איך האָב ביז יעצט געטרוימט, איז געווען ניט מעהר וויא א פּוסטע פאנטאזיע, און דער געגענשטאנד, וועלכער האָט אויפ־געררודערט א וועלט און משוגע געמאכט דיא גרעסטע געלעהרטע, איז גאָר ניט קיין לעבעדיגעס בעשעפעניס, זאָנדערן א געביידע אָדער א מאשינע, געמאכט דורך דיא הענד פון מענשען, וועלכעס איז נאָך מעהר וואונדערבאר און איבער־ראשענד.

עס איז שוין מעהר קיין ספק ניט געווען, אז דיא גאנצע וועלט און דיא וויסענשאפט אליין האָט א מיאוס'ען טעות געהאט. איך וואָלט העכסט צופרידען געווען, ווען דאָס וואָלט ווירקליך א לעבעדיגע בריאה געווען. דאן וואָלט מען עס איינפאך געקענט ערקלערען, אז דיא נאטור איז גענוג רייך אין געהיימניסע וואָס מיר ווייסען ניט, אָבער צו זעהן, אז דיעזע אונמעגליכע, אונבעגרייפליכע געהיימניס איז בעשאפען געוואָרען פון מענשען'ס הענד—דאָס האָט מיר צומישט מיינע געדאנקען און איך האָב שוין אליין ניט געוואוסט וואָס צו דענקען און וואָס צו טראכטען.

יא, מיר האָבען זיך געפונען אויף דעם רוקען פון א זאָרט שיף, וואָס שווימט אונטער'ן וואסער. איך האָב געקענט משער זיין, אז דיא שיף איז געבויט

אין דער פאָרמע פון א שרעקליך גרויסען פיש, געמאכט פון שטאָהל און איך האָב מיט שאנדע געמוזט בויגען דעם קאָפּ געגען דעם וואלפיש־פאנגער, וועלכער האָט ניט געגלויבט אין דיא עקזיסטענץ פון א ריזען־נארוואל.

— אָבער דיעזע שיף — האָב איך זיך אָבגערופען — מוז דאָך האָבען א מאשינע, וואָס בריינגט איהר אין בעוועגונג, וואָס טרייבט איהר. זיא מוז דאָך אויך האָבען א מאנשאפט, אזוי גוט וויא געוועהנליכע שיפען, און אויך מענשען, וועלכע בענוצען זיך מיט איהר.

— גאנץ געוויס! — האָט לענד געענטפערט — אָבוואָהל איך זיץ שוין דאָ דריי שטונדען און קיינער האָט זיך דאָ ניט בעוויזען, דאָך בין איך זיכער, אז אינוויינייג זיינען פאראן מענשען.

— און זיא איז דיא גאנצע צייט אויף'ן זעלבען אָרט געשטאנען? — האָב איך געפרעגט.

— יא, הערר אראָנאקס! — האָט לענד געענטפערט — זיא בעוועגט זיך ניט. זיא שאָקעלט זיך בלויז פון דיא וועללען וואָס קלאפּען איהר.

לענד האָט נאָך זיינע ווערטער ניט געענדיגט, האָט זיך אָנגעהויבען הערען א גערויש אין הינטערשטען טהייל פון דער מערקווירדיגער שיף, ריכטיג אזוי וויא פון דיא שרובע וואָס דרעהט זיך אונטער'ן וואסער. דיא שיף האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען און מיר האָבען קוים צייט געהאט ארויפכאפּען זיך העכער אויף'ן דאָך. דאָרט האָבען מיר זיך געקענט אָנהאלטען ניט ארייצופאלען אין וואסער. צום גליק איז דיא שיף ניט געלאָפען צו האסטיג, זאָנסט וואָלטען מיר געוויס ארונטער געפאלען, אזוי שטארק האָט זיא זיך געטרייסעלט.

— אזוי לאנג וויא זיא געהט נאָך אין א גלייכע ריכטונג — האָט לענד געזאָגט — איז נאָך ניט אזוי געפעהרליך. אָבער אויב עס וועט זיך איהר פער־וועלען ארונטער שווימען אונטער'ן וואסער, איז אונזער לעבען קיין צוויי שטרוי ניט ווערטה.

און לענד האָט אייגענטליך ניט ריכטיג געזאָגט. מיר זיינען געוועזן אין גרויס געפאהר, זאָגאר ווען דיא שיף איז געגאנגען לאנגזאם און אין דער הויך אויף'ן וואסער. מיר זיינען יעדע ווייל! געוועזן א טריט פון טויט, ווייל עס איז אונז זעהר שווער געוועזן אָנצוהאלטען זיך אויף דעם קיילעכדיגען, גלאטען רוקען פון דיעזען אייזערנעם וואלפיש. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אז אינוויינייג געפינען זיך דאָך געוויס מענשען, אָבוואָהל מיר ווייסען ניט ווער זיי זיינען, דאָך איז ערשט פאר אונז איין וועג צו ציהען זייער אויפמערקזאמקייט אויף אונז און זעהן זיך צוזאמענרניידען מיט זיי און בעטען אז זיי זאָלען אונז ארייננעה־מען אין שיף. איך האָב אָנגעהויבען זוכען איבער'ן גאנצען דעק, פיליכט וועל איך ערגיץ געפינען אן אָפענעם פלאץ, אָבער דיא אייזען־פלאטען זיינען איבער־ראל געווען פעסט צוזאמענגעשלאָסען, אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזן פון איין

שטיק. צו אלע אונזערע ליידען איז דיא לבנה פערצווייגען געוואָרען מיט געדיכטע, שווארצע וואָלקענס און מיר זיינען אין אונזער שרעקליכע לאגע נאָך פערבליבען אין דער פינסטער.

שרעקליך, שוידערליך איז געוועזען אונזער לאגע. מיר האָבען ערשט געמוזט ווארטען ביז עס וועט טאָג ווערען, פיליייכט וועט אונז דאן געלינגען אויסצוגעפינען א מיטעל וויא אזוי אין שיף אריינצוקומען, עס איז אָבער געוועזען א גרויסער צווייפעל אויב מיר וועלען ביז טאָג דערלעבען. דיעזע שיף, וואָס איז געמאכט צו שווימען אונטער'ן וואסער, קען יעדע מינוט זיך ארונטערלאָזען און אונז אראָבשוויינקען, און ווען אפילו ניט, זיינען מיר יעדע ווייליע אין געפאהר ארונטערצוגליטשען זיך אין וואסער. אויב דיא מענשען אין שיף ווייסען פון אונז אָדער ניט, האָבען מיר ניט געקענט בעשטימען, אָבער יעדענפאלס, האָבען מיר געוואוסט, אז אונזער לעבען איז אבהענגינג אָן זייער קאפּריז און גוטען ווילען. עס איז אין זייערע הענד צו לאָזען אונז אומקומען, אָדער אריינצונעהמען אונז אין שיף.

אויף דיא "אייבערהעם לינקאָלן" האָבען מיר שוין ניט געהאט וואָס צו האָפּען. אונזער אייזערנער וואלפיש שווימט אלץ ווייטער צו דיא וועסט און דערווייטערט זיך אלץ מעהר און מעהר פון אונזער שיף. עס איז אלזאָ אונמעגליך, אז דיא צובראָכענע שיף זאָל אונז צו הילף קומען און עס איז אונז פערבליבען בלויז איינס — צו קוקען דעם טויט אין דיא אויגען און ערווארטען יעדע ווייליע בעגראָבען צו ווערען אין א נאסען קבר.

פארטאָג האָט דיא שיף אָנגעהויבען געהן שנעלער. עס האָט אונז געשווינדעלט אין דיא אויגען און דיא נשמות האָבען זיך אין אונז קוים איינגעהאלטען. דאָס וואסער האָט יעדע מינוט געשווענקט דעם דאך פון שיף און מיר זיינען יעדע מינוט שיעור ניט אראָבגעשווינקט געוואָרען. נעד לענד האָט צום גליק דערטאפּט אן אייזערנעם רינג און מיר האָבען זיך אָן איהם געהאלטען מיט אונזערע האלב פערגליווערטע הענד. אָבער אין דיעזע פירכטליכע מאָמענטען, אין דיעזער פערצווייפעלטער לאגע, וואָס מיר זיינען געווען, האָט דאָך א שטראהל פון האָפּענונג אריינגעדרונגען אין מיין מח. דיא וואונדערבארע שיף — האָב איך געטראכט — מוז דאָך ערגיץ האָבען אָן עפענונג אריינצולאָזען פרישע לופט. אָהן לופט קענען מענשען ניט לעבען, און וויא קונציג דיא שיף און איהר מאשינערי זאָל ניט זיין, מוזען דיא לעבעדיגע ברואים וואָס געפינען זיך אינווייניג האָבען לופט. איך האָב דארום געהאפט, אז דיא לייטע וועלען קירצליך עפענען ערגיץ א פערבאָרגענע טהיר און מיר וועלען האָבען דיא מעגליכקייט זיך צוזאמען ריידען מיט זיי.

דיא לאנגע, שרעקליכע נאכט איז ענדליך פאָראיבער און עס האָט אָנגעהויבען טאָגען. עס איז מיר אונמעגליך צו בעשרייבען וואָס מיר זיינען דורך

דער צייט אויסגעשטאנען. מיין עראינערונג ווערט צומישט פון דיא פעז־שיעדענע געדאנקען און געפיהלען, וואס האבען אין מיין מח און אין מיין הארצען גע־שטורמט. נור איין זאך געדענק איך קלאהר, אז וועהרענד דאס וואסער אין ים און דער ווינד זיינען רוהיג געווען, האט זיך מיר אייניגע מאל געדאכט, אז ערגיץ וואו אין דיא טיעפענים פון שיף הערען זיך אבקלאנגען פון מענשען שטימען. ווער זיינען אלזא דיא מענשען וואס לעבען אין דיעזער מערקווירדיגער שיף? וואס פאר א וואונדערבארע קראפט טרייבט איהר מיט אזא געשווינדקייט? מיט דיעזע פראגען זיינען מיינע געדאנקען, אזוי ווייט וויא איך געדענק, געווען פערנומען. מיר האט זיך זעהר געוואלט וויסען דיא סודות פון דער געהיימניס־פאלער ריעזען־שיף.

עס איז טאג געווארען. א קורצע צייט האט א געדיכטער טומאן בעדעקט דיא אומגעגענד, אבער ער איז באלד פערנאנדער געגאנגען. איך האב אנגעהויבען אונטערזוכען דיא פלאטפארם אויף דער אויבערשטער טהייל פון שיף, אום צו געפינען ערגיץ אן עפענונג, אבער באלד בין איך געבליבען שטעהן אזוי וויא פערשטיינערט פון שרעק. איך האב אנגעהויבען שפירען, אז דער אייזערנער וואלפיש זינקט גאנץ לאנגזאם אין דיא טיעפענים פון וואסער. אט, אט לאזט ער זיך ארונטער און מיר זיינען פערלארען!

— אך, פערפלוכט זאלט איהר ווערען! — האט נעד לענד העבסט אויפ־גערעגט אויסגעשריען טופענדיג מיט דיא פיס — עפענט דאך אויף, איהר ניט־דערטרעכטיגע שורקעס!

צום גליק האט דיא שיף אויפגעהערט זינקען און איז מיט אמאל געבליבען שטעהן. פלוצלונג האט זיך דערהערט א גערויש אזוי וויא מען רוקט אב אייזערנע ריגלען. איינע פון דיא אייזערנע דיקע פלאטען האט זיך פלוצלונג געעפענט און א מאן האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ און מיט א זאנדערבארען ווילדען געשריי איז ער אויגענבליקליך צוריק פערשוואונדען געווארען.

מיר האבען נאך ניט צייט געהאט ארומקוקען זיך, זיינען ארויסגעשפרונגען אכט שטארקע מענער מיט פערמאסקירטע פנים'ער און ניט רעדענדיג אווארט הא... זיי אונז געכאפט און ארונטערגעשלעפט אין דער פירכטליכער מאשינע.

8טעם קאפיטעל

בעוועגליכעס אין בעוועגליכעם

דער געוואלד־טהאט וואס איז געגען אונז בעגאנגען געווארען אזוי גראב און ברוטאל, האט געווארפען א ליכט אויף דער זאנדערבארער ים־געהיימניס. איך האב זיך אנגעהויבען בעדענקען: מיט וועמען האבען מיר דא אייגענטליך צו טהאן? ווער זיינען דיעזע מענשען? פארוואס בעהאלטען זיי זיך פון דער

וועלט? עס איז דארום העכסט וואהרשיינליך, אז מיר זיינען דאָ אריינגע־פאלען אין דיא הענד פון א נייעם זאָרט ים־רויבער, וועלכע האָבען אויסגעפונען א מערקווירדיגען מיטעל, וויא אזוי זיכער צו זיין פון פערפאָלגער.

א שוידער איז אונז בעפאלען און מיר האָבען אָנגעהויבען ציטערען מיט אלע גליעדער. ווען דיא טהיר, דורך וועלכע מען האָט אונז ארונטערגעשלעפט האָט זיך האסטיג פערמאכט איבער אונזערע קעפּ, זיינען מיר פערבליבען פער־דעקט מיט א דיקע פינסטערניס. דער איבערגאנג פון דאָם העלע ליכט דרויסען אין דיעזע טיעפע דונקעלהייט האָט אויף מיינע אויגען אזוי געווירקט, אז עס איז מיר אונמעגליך געווען עטוואָס צו זעהן. איך האָב געשפירט מיט מיינע נאקעטע פים, אז מען פיהרט מיך איבער דיא שטאפלען פון אן אייזערנעם לייטער. נעד לענד און מיין דיענער זיינען געשלעפט געוואָרען הינטער מיר. מיר זיינען באלד געקומען אונטען. א טהיר האָט זיך געעפענט און איז באלד מיט גרוים גערויש פערשלאָסען געוואָרען הינטער אונז.

מיר האָבען קיין אהנונג געהאט, וואו מיר זיינען דאָ אריינגעפאלען. ארום אונז איז געווען דונקעל, שווארץ און א חושך מצרים.

לענד איז שטארק אויפגערעגט געוואָרען און האָט אָנגעהויבען שילטען און פלוכען.

— פערפלוכטע זאָלט איהר ווערען, איהר טייפלען! — האָט ער געשריען — קאניבאלען, מענשען־פרעסער, איהר ווילט פון אונז א סעודה מאכען? איך וועל אָבער מיט אלע מיינע קרעפטען קעמפפען געגען אייער פון גאָט פערשאָלטענע באנדע!

— בערוהיגט זיך, פריינד לענד! האָט קאָנסייל געלאסען געזאָגט — צו וואָס דארפט איהר זיך שוין אזוי ערגערען? איהר וועט צייט האָבען צו שרייען דאן, ווען מען וועט אונז לייגען אויף'ן פייער אָבצוברָאָטען. אָבער דערווייל טשעפעט מען דאָך אונז ניט.

— דערווייל טשעפעט מען אונז ניט! — האָט זיך לענד געקאָכט — אָבער דיא באנדע דענקט דאָך דאָס צו טהאָן! דאָ איז דאָך אזוי פינסטער אזוי וויא אין גהינום! דענקט איהר, אז מען האָט אונז דאָ אויפגענומען אלס פיינע געסט? אָבער צום גליק האָב איך ביי מיר מיין ברייטען מעסער, זאָלען זיי נור קומען, דיא באנדיטען! דעם ערשטען וואָס וועט זיך אונטערשטעלען מיך צו בעריהרען, וועל איך...

— גענוג שוין שרייען, לענד! — האָב איך איהם איבערגעשלאָגען אין מיטען דיא רייד — פיליכט ברענגט איהר אונז מיט אייערע ווערטער נאָך אין א גרעסערע געפאהר? עס קען דאָך מעגליך זיין, אז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט ציוויליזירטע מענשען וואָס פערשטעהען אונז און הערען אייערע שימפפערייען. לאָמיר בעסער זוכען אויסצוגעפינען וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

איך האָב אויסגעשטרעקט דיא הענד און זיך געלאָזט געהן, פיליכט וועל איך עפּעס אָנטאפּען. אָבגעהענדיג פינף טריט האָב איך אָנגעטאפּט אָן אייזערנע וואנד, וועלכע איז געווען צוזאמענגעשלאָסען פון דיקע פּלאטען. איך האָב זיך אָבגעדרעהט אָן א זייט און איך האָב אָנגעטאפּט א הילצערנעם טיש, ארום וועלכען עס זיינען געשטאנען אייניגע שטוהלען. דער באָדען פון אונזער געפענגניס, האָב איך געפיהלט, איז געווען בעדעקט מיט אזא ווייכען, דיקען דיוואן, אז איך האָב מיינע אייגענע טריט ניט געהערט. איך האָב געטאפּט ארום דיא נאקעטע ווענד און איך האָב ניט אָנגעטאפּט קיין טהיר, קיין פענסטער און קיין זאך, בלויז קאלטע שטאָהל אָדער אייזען און ניט מעהר. קאָנסייל, וועלכער איז אזוי וויא איך אומגעגאנגען און געטאפּט דיא ווענד פון צווייטען זייט צימער, איז זיך מיט מיר צוזאמען געקומען און אונזערע נעזער האָבען זיך שיער אָנגעשטויסען איינער אָן דעם אנדערען. נאָך אונזער רעכענונג איז דיא קאיוטע געווען מינדסטענס צוואנציג פוס לאנג און צעהן פוס ברייט. דער הויך־געוואקסענער נעד לענד האָט אויפגעהויבען דיא הענד, אום דעם דאך אָדער דיא סטעליע צו דערגרייכען, אָבער ער האָט עס ניט געקענט בעווייזען.

א האלבע שטונדע איז אזוי פּאראיבער און אונזער לאגע האָט זיך ניט פערבעסערט אויף א האאר. מיר האָבען שוין ניט געוואוסט וואָס צו קלערען און וואָס צו טראכטען. פּלוצלונג איז אונזער פינסטערער געפענגניס אזוי העלל בעלויכטען געוואָרען, אז דיא אויגען האָבען אונז געבלענדעט פון דער ריינער, שטארקער שיין. איך האָב באלד דערקענט, אז דאָס איז עלעקטרישע בעלייכטונג, דער זעלבער זאָרט מיט וועלכען דיא אונטערוואסערדיגע שיף האָט בעלויכטען דיא וועללען פון ים. א קורצע צייט האָב איך געמוזט האלטען דיא אויגען געשלאָסען, ביז איך האָב זיך צוגעוואָהנט צו דער מערקווירדיגער שיין. איך האָב דאן געזעהן, אז דיא לייכטענדע קראפט קומט פון א גלאטען האלב־קוגעל וואָס איז איינגעזעצט אויבען, אין סטעליע פון אונזער קאיוטע.

— ענדליך איז וועניגסטענס ליכטיג! — האָט לענד אויסגעשריען האלטענדיג פעסט זיין ברייטען מעסער אין האנד.

— יא! — האָב איך זיך אָבגערופען — עס איז ליכטיג, אָבער מיר לעבען דאָך אין דער פינסטער! אונזער לאגע איז אלץ פערוויקעלט אין א געדיכטע דונקעלהייט.

— זאָל נור דער הערר געדולד האָבען! — האָט מיין דיענער געזאָגט — אז דיא מענשען וואָס געפינען זיך דאָ זיינען ניט קיין ווילדע, זעהען מיר דאָך שוין און מיר קענען האָפען אז מיר וועלען באלד מעהר זעהן און הערען.

ביי דיא העלע ליכט האָבען מיר שוין געקענט גענוי בעקוקען און בעטראכטען אלעס וואָס אין דער קאיוטע האָט זיך געפונען. אויסער א טיש מיט פינף שטוהלען איז דאָרט קיין מעבעל ניט געווען. מיר האָבען דאָרט געפונען טהירען, אָבער זיי

זיינען געווען אזוי קונסטפאל איינגעפאסט, אז עס איז שווער געווען צו דער־קענען זיי. קיין גערויש, קיין שארף האט זיך ניט געהערט, אזוי וויא אלעס אין שיף וואלט געווען טויט. אויב מיר פאהרען אויף דער אויבערפלעכע פון ים, אדער מיר זיינען פערזונקען אין דיא טיעפענים פון וואסער — דאס האבען מיר ניט געקענט וויסען.

איך האב איינגעשטימט מיט מיין דיענער קאנסייל, אז דאס וואס מען האט אונזער צימער בעלויכטען איז א גוטער סימן, אז דיא לייטע פון שיף וועלען זיך צו אונז בעוויזען. לענד האט אויך אזוי געגלויבט, און אונזער האפענונג איז טאקי באלד פערווירקליכט געווארען.

עס האט זיך געהערט א גערויש אזוי וויא מען רוקט אב א ריגעל. א טהיר האט זיך געעפענט און צוויי מענער זיינען אריינגעקומען.

איינער פון זיי איז געווען א ניעדעריגער, פעסט־געבויטער מאן מיט ברייטע שולטערען און שטארקע גליעדער. זיין קאפ איז געווען בעדעקט מיט געדיכטע, שווארצע האאר, זיין בליק שארף, דורכדרינגענד און זיין גאנצע ערשיינונג איז געווען לעבהאפט און בעוועגליך, גראדע אזוי וויא דיא מענשען וואס וואהנען אין דרום פראנקרייך.

דער צווייטער האט אויסגעזעהן צו זיין א מערקווירדיגע פערזאן. אויף זיין קלאהרען געזיכט איז דייטליך געווען צו דערקענען זיינע אייגענשאפטען און זיין כאראקטער. פון זיינע שווארצע אויגען האט געשטראהלט שטאלץ, ענט־שלאסענער מוטה, שטארקער ווילענסקראפט און רוהיגע געלאסענהייט. מען האט לייכט געקענט זעהן, אז דער מאן בעזיצט אן עדעלע, ערהאבענע זעעלע און אז זיין מח איז פערנומען מיט הויכע געדאנקען. זיינע מאניערען און בענעהמונגען זיינען געווען פון א פיינעם דזשענטעלמאן.

קוקענדיג אויף דיעזען מאן האב איך זיך שטארק בערוהיגט. ניט פיעל טראכטענדיג האט איך אנגעהויבען גלויבען, אז פון אזא פערזאן קען מען נור גוטעס ערווארטען.

וויא אלט דיעזער מערקווירדיגער מענש איז געווען, האב איך ניט געקענט בעשטימען. מען האט איהם געקענט שאטצען 35 יאהר אלט און אויך פופציג. זיין געוואוקס איז געווען הויך, זיין קלאהרער שטערען ברייט און אלע געזיכטס־ציגע שעהן און עדעל. איבערהויפט איז אין זיינע אויגען געלעגען א מאדנע צו־ציהונגס־קראפט. זיין בליק איז געווען אזוי שארף, דאס עס האט זיך אויסגע־וויזען, אז ניט נור איז ער אימשטאנד צו לעזען דיא געדאנקען פון א מענשען, זאנדערן אויך דורכדרינגען דיא פערבארגענע טיעפענים פון מעער ביז'ן פינ־סטערען אבגרונד.

דיא צוויי מענער האבען געטראגען קליידער פון אן אונבעקאנטען ווייכען שטאף, וואס האט זיי געמאכט לייכט און בעקוועם צו בעוועגען זיך. זייערע

קעפּ זיינען געווען בעדעקט מיט מיטצען, געמאכט פון דיא פעל פון אָטטער—אזא ים־חיה, און שטיפעל האָבען זיי געטראָגען, געמאכט פון דיא פעל פון זעע־הינד.

דער העכערער פון דיא צוויי פערזאָנען, וואהרשיינליך דער קאפּיטאן אָדער אנפיהרער פון שיף האָט אונז א קורצע ווײלע בעטראכט מיט פאַרשענדע בליקען, ניט רעדענדיג א וואָרט. דאן האָט ער זיך געווענדעט צו זיין קאָמעראד און איהם עפּעס געזאָגט אין א שפּראך, וועלכע איז מיר געווען גאָר אונבעקאנט. איך האָב בלויז געהערט א צוזאמענמישונג פון זילבען און קלאנגען מיט א זאָנדערבארע בעטאָנונג, אָבער איך האָב ניט אָנגעהויבען פערשטעהן וואָס זיי בעדייטען. דער צווייטער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און עטוואָס געענטפערט אין דער זעלבער שפּראך.

דאן האָבען זיך דעם העכערען'ס בליקען אָבגעשטעלט אויף מיר מיט א פראגענדען אויסדרוק.

איך האָב איהם אין מיין פראנצויזישע מוטער־שפּראך ערקלערט, אז איך פערשטעה ניט וואָס ער פרעגט מיר, אָבער איך האָב באלד געזעהן, אז ער פערשטעהט אויך ניט וואָס איך רעד, און מיר זיינען ביידע געבליבען אין א גרויס פערלעגענהייט.

— דער הערר דאָרף אונזער גאנצע געשיכטע דערצעהלען — האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען — דאן וועלען דיא הערען פיללייכט אייניגע ווערטער בעגרייפען.

איך האָב געפאָלגט מיין דיענער'ס ראטה און איך האָב אָנגעפאנגען צו ערקלערען אלע אייניצעלהייטען וואָס מיט אונז האָט פּאסירט. איך האָב גערעדט לאנגזאם, געצעהלטע ווערטער, קלאָהר און דייטליך. איך האָב אלעס אויסדערצעהלט און נאכהער האָב איך זיך פאר דיא צוויי לייטע פאָרגעשטעלט אלס פּראָפעסאָר אראָנאקס פון פּאריז, און איך האָב אויך פאָרגעשטעלט מיינע קאָמעראדען, קאָנסייל און נעד לענד.

דער שטאָלצער הויכער מאן האָט מיך געלאסען אויסגעהערט און איז דערביי געווען זעהר העפליך און אויפמערקזאם. אָבער אויף זיין געזיכט איז אונמעגליך געווען צו דערקענען, אויב ער האָט מיך פערשטאנען. ווען איך האָב געענדיגט רעדען, איז ער פערבליבען גאנץ רוהיג און האָט א וואָרט ניט געזאָגט.

איך האָב אלזאָ נאָכדעם איינגעזעהן, אז מיין פראנצויזישע ערקלערונג האָט קיין ווירקונג געמאכט, ווייל דיא לייטע האָבען מיך ניט פערשטאנען.

עס איז ערשט פערבליבען איין וועג צו רעדען מיט דיא לייט ענגליש, וואָס איז אנערקענט אלס וועלט־שפּראך. איך אליין פערשטעה גוט ענגליש און דייטש. איך קען לעזען און שרייבען אין דיעזע לשונות, אָבער רעדען קומט מיר אָן שווער. מיר האָבען אָבער געמוזט זוכען א מיטעל וויא אזוי מיט דיא מענשען אויסצו־טענה'ן זיך.

— דיא לייטע, וויא איך זעה, פערשטעהן קיין פראנצויזיש — האָב איך צו

לענד געזאָגט — מען דארף פּרובירען ריידען צו זיי ענגליש. אָבער איך בין א ביסעל טעמפּליך אין דיעזער שפּראך, פּרובירט איהר רעדען מיט זיי, פּיליכט וועט עס אייך בעסער געלינגען וויא מיר.

לענד האָט זיך ניט געלאָזט בעטען און אָנגעפאנגען ווידערהאָלען אונזער ערצעהלונג אין ענגליש. דערביי האָט ער דיא לייטע פון שיף שארף אויסגערעדט פארוואס זיי האלטען אונז געפאנגען און פארוואס זיי לאָזען אונז הונגערען.

דיא לעצטע בעמערקונג איז געווען א גאנץ ריכטיגע, ווייל אפילו זייענדיג אין אזא פערצווייפעלטע לאגע האָבען אונזערע מאָגענס געמאָהנט זייער חוב און מיר האָבען געפיהלט גרוים הונגער. אָבער לענד'ס ריידען איז אויך געווען ארויס־געוואָרפען, ווייל דיא לייטע האָבען איהם אויך ניט פערשטאנען.

אונזער שפּראכען קענטעניס האָט זיך דערמיט געענדיגט. מיר זיינען פער־בליבען אין א גרויס פערלעגענהייט און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן און אויף וואָס פאר אן אופן מיט דיעזע לייטע צוזאמען צו רעדען זיך.

— אויב דער הערר וועט מיר ערלויבען — האָט מיין דיענער זיך אָבגערו־פען — וועל איך פּרובירען רעדען מיט זיי דייטש.

— וויא? דו פערשטעהסט דייטש? — האָב איך מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

— וויא א האָלענדער, געוועהנליך! אָבער גענוג צו ערקלערען זיך עטוואָס.

איך האָב קאָנסייל'ן מיט פערגעניגען דאָס ערלויבט און ער האָט מיט זיין געוועהנליכע רוהיגע און געלאסענע בענעהמונג אָנגעפאנגען צו דערצעהלען אונ־זער געשיכטע צום דריטען מאָל אין א געבראָכענעם דייטש. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. דיא לייטע האָבען ניט אָנגעהויבען פערשטעהן וואָס ער רעדט.

וואָס טהוט מען ווייטער? וויא אזוי רעדט מען זיך דאָך צוזאמען מיט דיא מענשען? האָב איך צוזאמען גענומען אלע מיינע ערינערונגען פון מיין שטודיום אין דיא יונגע יאָהרען. איך האָב זיך דערמאָהנט א ביסעל ווערטער און פראזען פון דער לאטיינישער שפּראך און איך האָב פּרובירט אויס'טענה'ן זיך אין לאטייניש. איך האָב געוועהנליך ניט אזוי פליסיג און גראמאטיקאליש גערעדט, אָבער דער וואָס פערשטעהט דיעזע שפּראך האָט מיך לייכט געקענט פערשטעהן. דיא לייטע אָבער האָבען מיך אויסגעהערט און א וואָרט ניט געזאָגט אָדער עטוואָס געגעבען צו מערקען, אז זיי בעגרייפען וואָס איך זאָג. זיי האָבען וואהרשיינליך אויך דיעזע שפּראך פערשטאנען ניט מעהר וויא פראנצויזיש, ענגליש און דייטש.

דיא אונבעקאנטע האָבען ווידער צווישען זיך גערעדט אייניגע ווערטער אין זייער אונפערשטענדליכע שפּראך און זיי זיינען ארויסגעגאנגען, פערשלי־סענדיג דיא טהיר הינטער זיי.

— פערדאמט! — האט לענד בייז אויסגעשריען — האט איהר ווען גע־הערט? מען רעדט צו דיא שופטען פראנצויזיש, ענגליש, דייטש און ליטייניש און זיי מאכען זיך גע'פגר'ט און ווילען אפילו א ווארט ניט ענטפערען!

— רוהיג, לענד! — האב איך צו איהם געזאגט — האלט איין אייער צארן. אייער כעס וועט דא גאר ניט העלפען.

— אבער ווייסט איהר, הערר פראפעסאר — האט לענד נאך מעהר אויפ־גערעגט געזאגט — אז מיר וועלען אין דיעזען שטייג פון הונגער אויסגעהן?

— ניט אזוי געפעהרליך! — האט זיך קאנסייל אבגערופען — מיר וועלען נאך א רעכט שטיקעל צייט קענען אויסהאלטען.

— הערט נור צו, ליעבע פריינדע — האב איך מיינע קאמעראדען געטרייסט — מיר דארפען פארלויפיג ניט אזוי פערצווייפלען. יעדענפאלס איז פריהער, איידער מען האט אונז אהער אריינגענומען, געוועזן אונזער לאגע פיעל ערגער. זייט נור א ביסעל רוהיג. איך וועל זיך בעקלערען וואס פאר א זארט מענשען דיעזער קאפיטאן און זיין מאנשאפט זיינען.

— איך האב שוין גוט בעטראכט וואס פאר א מענשען זיי זיינען! — האט לענד אויסגעשריען — זיי זיינען שופטען, ניעדערטרעכטיגע שופטען!

— זאל זיין וויא איהר זאגט! אבער פון וואס פאר א לאנד קומען זיי?

— פון שופטען־לאנד! — האט לענד אויסגעשריען.

— אבער — האב איך לאכענד געזאגט — איהר ווייסט דאך, אז אזא לאנד איז אויף דער לאנד־קארטע ניטא. איהר שטערט מיך בלויז מיט אייערע רייד, וועלכע קענען קיינע נוצען ניט ברייגגען. האט בעסער געדולד, ביז איך וועל בעטראכטען צו וועלכע נאציאן דיא לייטע געהערען. ענגלענדער, דייטשען אדער פראנצויזען זיינען זיי געוויס ניט, ווייל זאנסט וואלטען זיי דאך איינע פון יענע שפראכען פערשטאנען. בעטראכטענדיג אבער זייערע געזיכטער, קומט מיר פאר, אז זיי שטאמען פון אירגענד וועלכע לאנד פון דיא הייסערע געגענדען. זייער בענעהמען זיך און זייערע מאניערען צייגען, אז זיי קומען פון יענע מקומות; אבער אויב זיי זיינען שפאניער, טערקען, אראבער אדער אינדיאנער, איז שווער צו בעשטימען. איבערהויפט קומט מיר פאר זייער שפראך זעהר פרעמד. אך, ווען איך פערשטעה כאטש עטוואס, וואס זיי רעדען!

— אט דאס איז דיא צרה, וואס מענשען פערשטעהען ניט אלע שפראכען, אדער וואס אלע מענשען פון דער וועלט רעדען ניט איין שפראך. א סך צרות קומען פון דיא פערשיעדענהייט אין דיא לשונות — האט זיך קאנסייל אבגע־רופען.

דער בייזער קענעדע'ר האט ווידער עפעס געוואלט זאגען. אבער פלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט און דער סטווארט (פראוויאנט־מאסטער) פון שיף איז אריינגעקומען. ער האט אונז אלעמען געבראכט קליידער פון אן אונבעקאנ־

טען שטאָף און מיר האָבען זיי מיט פערגעניגען אָנגעצויגען. פון דעם סטוארט איז אונז אויך ניט געלונגען זאָגאר א וואָרט צו הערען. אויב ער איז געווען שטום, אָדער ער האָט אונז ניט פערשטאַנען, האָבען מיר ניט געקענט וויסען. ביז מיר זיינען פערטיג געוואָרען מיט'ן אָנקליידען זיך, האָט ער געגרייט צום טיש און פערנאַנדער געשטעלט דרייערליי עס־געשיר.

— אָט דאָס האָב איך געמיינט! — האָט קאָנסייל געזאָגט מיט שמחה.

— באה! — האָט לענד אויסגעשריען מיט כעס — א קלייניגקייט! וואָס מיינט איהר פרעסען אזעלכע ווילדע מענשען? לעבער פון שילדקרעטען (טשע־רעפּאַכע) הייפיש פלייש און ביפשטעקס פון זעע־הינד!

— מיר וועלען שוין זעהן! — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען.

אָבער דער קענעדע'ר האָט דיעזען מאָל א טעות געהאַט. ווען מיר האָבען אויפגעהויבען דיא דעקלאָך פון דיא טעלער, וועלכע זיינען געווען פון א ווייסען מעטאַל אזוי וויא זילבער, האָבען מיר פאר אונזערע אויגען דערזעהן אויסגע־צייכענטע, פּראַכטפאָלע מאכלים, מיט וועלכע מען האָט זיך ניט געדאַרפט שעה־מען זאָגאר אין גראַנד האָטעל פון פּאַריז. דאָרט זיינען געווען אייניגע סאָרטען טהייערע פיש און פערשיעדענע פליישען און אנדערע געריכטען, וועלכע מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס דאָס איז. דיא שפּייזען זיינען געווען גוט, שעהן און געשמאַקפאָל געמאַכט. בלויז צוויי זאַכען האָבען געפעהלט אויף'ן טיש, נעמליך: ברויט און וויין. אָבער מיר האָבען דיעזען מאַנגעל ניט געפיהלט, ווייל אנשטאָט ברויט האָבען מיר געהאַט אן אנדער זאָרט אונבעוואוסטע שפּייז און נאָך וויין האָבען מיר ניט געבענקט, וויינינגסטענס איך — געוויס ניט.

מיר האָבען אלעס געגעסען מיט גרויס אפּעטיט און מיר האָבען שטאַרק הנאה געהאַט. פון וואָס דיא אלע מאכלים זיינען געמאַכט געוואָרען האָב איך קיין בעגריף געהאַט. זאָגאר דיא פליישען וואָס מיר האָבען געגעסען, האָב איך אויך ניט געוואוסט, אויב דאָס איז פלייש פון חיות, פון פיש אָדער גאָר גע־מאַכט פון גרינס אָדער פלאַנצונגען.

פון דיא עלעגאַנטע כלים און פּראַכטפאָלע שפּייזען האָבען מיר זיך איבער־צייגט, אז מיר געפינען זיך ניט צווישען ווילדע, זאָנדערן צווישען ציוויליזירטע און העכסט געבילדעטע מענשען. איך בין נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען צו זעהן אויף אלע טעלער, גאָפּעל, לעפעל און מעסער דעם פאָלגענדען אויפשריפט אין לאַטיינישע בוכשטאַבען: "Mobilis in Mobili". ביי דער זייט פון דיעזע ווערטער איז געווען דער בוכשטאַב N.

דיא ווערטער "מאָבילים אין מאָבילי" וואָס בעדייטען: בעוועגליכעס אין א זאַך וואָס בעוועגט זיך, האָבען זיך זעהר געפּאַסט צו זאָגען אויף דער רעטזעל־האַפטער שיף, אויף וועלכער מיר האָבען זיך געפונען און איך האָב עס אזוי אויסגעטייטשט. דער בוכשטאַב N, האָב איך גערייכט, איז וואַהרשיינליך דער

אינישעל — דער ערשטער בוכשטאב פון קאפיטאנ'ס אדער איינענטהימער'ס נאמען. ער פערשטעהט אלזא דיא ליטיינישע שפראך און ער בענוצט זיך מיט איהר.

לענד און קאנסייל האבען, וויא עס האט אויסגעזעהן, וויניג וואס געטראכט וועגען דעם. זיי זיינען געוועזען פערטהאן אין עסען און האבען מיט גרויס אפעטיט געשלונגען דיא שפייזען וואס מען האט פאר אונז צוגעגרייט. איך האב נאטירליך אויך דאס זעלבע געטהאן, וויל איך בין געוועזען ניט וויניגער הונגעריג וויא זיי. און איך האב גענעסען מיט א פרעהליך געמיטה, וויל איך האב איינגעזעהן, אז אונזער שיקזאל איז פערזיכערט און מען וועט אונז דא ניט אויפפרעסען, אזוי וויא לענד האט פריהער פראפעצייהעט.

— אי, וואלט איך ערשט געכאפט א דרעמעל! — האט קאנסייל געזאגט — נאך אזא מאהלצייט קען מען געשמאק שלאפען.

— איך וואלט עס אויך גערן געטהאן! — האט לענד זיך אבגערופען. און ווירקליך, נאך פיערצעהן שטונדען מאטערניס, שרעק און הונגער, און געפינענדיג זיך ערשט אין א בעקוועמען צימער, האבענדיג אבגעגעסען א גוטע סעודה, האט אונז טאקי געפעהלט א ביסעל שלאף. מיינע קאמעראדען האבען זיך טאקי באלד אוועקגעלייגט אויף'ן דיוואן און זיי זיינען באלד געשמאק אנטשלאפען געווארען.

וואס אנבעלאנגט צו מיר, האב איך ניט געקענט איינשלאפען. מיינע רעיונות האבען זיך געמישט אין מיין מח, און וויא שטארק איך האב זיך ניט אנגעשטרענגט אנטשלאפען צו ווערען, איז עס מיר ניט געלונגען. איך האב נור געטראכט: וואו זיינען מיר אין דער וועלט? וואס פאר א געהיימניספאלע קראפט טראגט אונז אין דיעזער שיף? מיר האט זיך געדאכט, אז אונזער שיף לאזט זיך ארונטער צום גרונד פון ים און א שוידער איז אריבערגעגאנגען מיין קערפער. מיין פאנטאזיע האט מיר פארגעשטעלט זאנדערבארע זאכען. מיר האט זיך אויסגעוויזען אז מיר פאהרען ארונטער אין א נייע, אונבעקאנטע וועלט, וואו עס געפינען זיך געהיימניספאלע, פירכטליכע ברואים, וואס זיינען גלייך צו אונזער שיף. דיא דאזיגע ברואים לעבען, בעוועגען זיך און שאפען, אזוי זאנדערבאר, אז איך האב זיך עס קיינמאל ניט פארגעשטעלט.

ענדליך האבען זיך מיינע געדאנקען פערפלאנטערט אין פערשיעדענע פאנטאסטישע בילדער, ביז איך בין געבליבען בעוואוסטלאז און בין אריינגעפאלען אין א טיעפען שלאף.

9טעם קאפיטעל

נעד לענד מאכט א סקאנדאל

וויא לאנג מיר זיינען געשלאפען, ווייס איך ניט; אבער מיר האבען זיכער נעהאט א לאנגען שלאף, דען מיר זיינען אויפגעשטאנען העכסט אויסגערוהט

און פֿאלשטענדיג ערהאַלט. איך האָב זיך דער ערשטער אויפגעכאפּט. מיינע קאמעראדען זיינען נאך געלעגען אויסגעצויגען און געכראָפּעט, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט.

באלד וויא איך בין אויפגעשטאנען פון מיין הארטען געלעגער, האָב איך געפילט, אז מיינע געהירען זיינען פריי און מיינע גדאנקען קלאָהר. איך האָב זיך אָנגעהויבען ארומקוקען אין אונזער קאיוטע און איך האָב געזעהן, אז קיין זאך איז דאָרט ניט געענדערט געוואָרען. מיר זיינען פּונקט אזוי וויא פריהער איינגעשלאָסען און געפאנגען אין דיעזען קערקער. בלויז איין זאך האָב איך בעמערקט, אז דיא כלים זיינען אויפגעראמט געוואָרען פון טיש, וואהרשיינליך האָט זיי אימיצער צוגענומען, ווערענד מיר זיינען געשלאָפען, זאָנסט איז אלעס געווען אין זעלבען אָרדנונג וויא פריהער.

אָבער איך האָב אָנגעהויבען פיהלען, אז דיא לופט איז שטיקענד און עס דריקט מיינע לונגען. איך האָב ניט געקענט דעם אָטהעם אָבציהען, אָבוואָהל דיא קאיוטע איז געווען גענוג גרויס און הויך. אין יענע מינוטען איז דאָרט דיא לופט געווען פערדאָרבען. דיא אורזאכע וואָס האָט געבראכט דערצו, איז איינפאך.

דיא לופט וואָס רינגעלט ארום דעם ערד קוגעל בעשטעהט הויפּטזעכליך פון דרייערליי גאזען: אָקסידזשען (זויער־שטאָף), נאיטראָדזשען (שטיק־שטאָף) און קארבאָניק עסיד (קאָהלען־זויערע). דער זויער־שטאָף איז דער לעבענס מאַטעריאל פון אונזער קערפּער, דען ער איז א ריינער שטאָף וואָס איז נויטיג צו דיא סירקולאציאָן פון אונזער בלוט. דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן שטיק־שטאָף. ווען אָבער דיא ביידע גאזען קומען זיך צוזאמען אין אונזערע לונגען, ווערט פון זיי ענטוויקעלט דער קארבאָניק עסיד גאז, וועלכען מיר אָטהעמען אויס, מיר שיקען ארויס פון זיך. דיעזער גאז איז דיא פּסולת וואָס ווערט אויסגעארבייט פון דיא ערשטע צוויי גאזען. ער איז שעדליך און א לעבעדיגע בריאה קען איהם ניט איבערטראָגען. מיר ווייסען, צום ביישפּיעל, אז ווען פיעלע מענשען זיצען אין א פערמאכטען צימער, ווערט דאָרט דיא לופט שטיקענד און עס איז שווער צו אָטהעמען. דאָס קומט דערפון, ווייל דער זויער־שטאָף איז פון אלעמענס לונגען פערברויכט געוואָרען און יעדער איינער האָט אויסגעאָטהעמט דעם שעדליכען קאָהלען־זויער גאז, אין אזא פאל עפענט מען א פענסטער, דאן געהט דער פערדאָרבענער גאז ארויס און פרישע זויער־שטאָף קומט אריין. עס איז אויסגערעכענט, אז יעדער מענש פערברויכט אין איין שטונדע אזוי פיעל זויער־שטאָף, וויפיעל עס געפינט זיך אין 17 פּיינט לופט. פֿאַלגליך, אז דאָס ווערט אויסגעארבייט אין קארבאָניק עסיד, ווערט עס אונ־ערטרעגליך.

איך האָב דארום אויסגערעכענט, אז דורך דער צייט וואָס מיר זיינען פערשפּארט אין אונזער געפענגניס, האָבען מיר פערצעהרט א גרויסען טהייל פון

דיא זויער־שטאָף און יעדער פון אונז האָט אויסגעאָטהעמט דיא שלעכטע גאַזען, וואָס מאכט דיא לופט אזוי שטיקענד.

עס איז אלזאָ נויטיג געוועזן אריינצולאָזען פרישע לופט אין אונזער צימער און וואהרשיינליך אויך אין דער גאנצער שיף. איך בין זיכער געווען, אז אונזער שיף, וועלכע שווימט אונטער'ן וואסער, מוז האָבען מיטעל וויא אזוי זיא זאָל פון ציים צו צייט דיא לופט אינווייניג אָבפרישען, אנדערש וואָלטען דאָך דיא מענשען ניט אויסגעהאלטען. עס האָט זיך מיר אָבער געשטעלט דיא פראגע: וויא אזוי שאפען זיי דיא לופט? לאָזען זיי איינפאך אלע מאָל ארויף דיא שיף אין דער הויך און שעפען אָן לופט, אזוי וויא דיא גרויסע ים־טהיערע, אָדער זיי מאכען עס דורך כעמישע מיטעל? עס זיינען פאראן אזעלכע כעמישע מאטעריאלען פון וועלכע מען קען ענטוויקלען גוטע זויער־שטאָף און וויעדער אזעלכע, וואָס קענען אָבציהען דעם שעדליכען גאז. צו אזא זאך פאָדערען זיך געוועהנליך מאגאזינען מיט כעמישע שטאָפען, וואָס איז פערבונדען מיט גרויסע קאָסטען. אָבער אזוי וויא דיא גאנצע שיף איז א זאָנדערבארע און געהיימניספאָלע שטיק ארבייט, קען מען שוין אויף איהר אלעס אין דער וועלט גלויבען.

אָבער יעדענפאלס האָב איך זעהר געוואָלט, אז דער קאפיטאן זאָל וואָס שנעלער אָנווענדען וואָס פאר א מיטעל עס איז צו מאכען דיא לופט ריינער, ווייל פון מינוט צו מינוט איז דיא לופט אלץ געוואָרען מעהר שטיקענד, מיין אָטהעם אלץ שווערער און איך האָב איינפאך אנגעהויבען פיהלען אזוי וויא א מינוט צום טויט.

פלוצלונג האָט אין קאיוטע אריינגעצויגען א שטראָם ריינע, פרישע זעע־לופט און איך האָב פריי אויפגעאָטהעמט. איך האָב איינפאך ניי אָבגעלעבט. דער געשמאקער ווינטעל האָט דורכגענומען מיינע גליעדער און איך בין ערקוויקט געוואָרען. צו דער זעלבער צייט האָב איך געפיהלט, אז אונזער אייזערנער וואלפיש הויבט זיך אלץ העכער און העכער אויף'ן וואסער. איך בין שוין אלזאָ זיכער געווען, אז דיא לופט ווערט אָנגעשעפט אין שיף פון דרויסען, ניט דורך כעמישע מיטעל.

פון דעם אנגענעהמען ווינטעל וואָס האָט געבלאָזען ביי אונז אין קאיוטע און פון דיא ערפרישענדע לופט וואָס איז אין איהר אריינגעדרונגען, האָבען זיך מיינע קאמעראדען אויפגעכאפט. זיי האָבען אויסגעריבען זייערע אויגען, אויסגעצויגען זייערע גליעדער און זיינען אויפגעשפרונגען פון זייער געלעגער.

— האָט דער העדר גוט געשלאָפען? — האָט מיך קאָנסייל געפרעגט.

— זעהר גוט, מיין בראַווער יונג! און איהר, נעד לענד? — האָב איך געפרעגט.

— זעהר געשמאק, הערר פּראָפעסאָר! — האָט לענד געענטפערט — פיליכט האָב איך א טעות, מיר דאכט, אז איך פיהל פרישע ים־לופט.

דער זעע־מאן האָט נאטירליך קיין טעות ניט געהאט, און איך האָב איהם דערצעהלט וואָס מיט א פּאָאר מינוטען פריהער איז פאָרגעקומען.

— גאנץ ריכטיג! — האָט ער געזאָגט — דאָס ערקלערט מיר דעם שאר־פען גערויש וואָס מיר האָבען געהערט פון דער שיף, ווערהענד מיר זיינען נאָך געוועזען אויף דער פריגאטע "אייברעהעם לינקאָלן".

— יא, לענד. אונזער אייזערנער וואלפיש האָט אויף דיעזען אופן דעם אָטהעם אָבגעצויגען.

— נור איין זאך, הערר אראָנאקס, קען איך ניט בעגרייפען: וויא שפּעט קען עס ער־שט זיין? איך גלויב, אז עס איז צייט צו עסען מיטאָג.

— מיטאָג? זאָגט בעסער פריהשטיק! מיר האָבען שוין געוויס א ביסעל אריינגעלעבט אין אן אנדער טאָג.

— אויב אזוי — האָט קאָנסייל מיט פערוואונדערונג געזאָגט — זיינען מיר דאָך געשלאָפען פיער און צוואנציג שטונדען!

— יא, דאָס איז מיין מיינונג.

— איך וועל אייך ניט ווידערשפּרעכען! — האָט נעד לענד געזאָגט — זאָל זיין פריהשטיק אָדער מיטאָג! יעדענפאלס וואָלט איך וועלען, אז דער פערדאמטער פּראָוויאנט־מאסטער זאָל וואָס שנעלער בריינגען עפּעס צום עסען, ווייל איך בין שטארק אויסגעהונגערט.

— הערר לענד! — האָב איך זיך אָבגערופען — מיר מוזען האָבען גע־דולד. מיר מוזען נאָכקומען דיא רעגעלען פון דיעזער שיף. מסתמא, אז עס וועט קומען דיא צייט פון עסען, וועט מען אונז אויך ניט לאָזען הונגערען.

— איהר זיינט מאָדנע מענשען! האָט זיך דער קענעדע'ר געבייזערט — איהר זיינט קאלטע לונג און לעבערס און פון קיין זאך מאכט איהר קיין וועזען ניט. וואָס הייסט, האָבען געדולד? וואָס הייסט ווארטען? איך קען אזא בעהאנדלונג ניט פערטראָגען! דער העררער פּראָפעסאָר מעג זיך בייז זיין אויף מיר, אָבער איך וועל זאָגען נאָך אמאָל, אז זיי זיינען א באנדע מענשען־פרעסער, ים־רויבער — געוויס! איך וועל זיך ניט שעהמען און איך וועל עס זיי אין דיא אויגען זאָגען. זיי האָבען קיין רעכט צו האלטען אונז איינגעשפּארט דאָ אין דיעזען שטייג. איך וואָלט זעהר וועלען הערען אייער מיינונג, העררער אראָ־נאקס. וויא לאנג, דענקט איהר, וועלען מיר דאָ פערבלייבען?

— נור ניט געבייזערט זיך! — האָב איך פּרובירט איהם בערוהיגען — וויא לאנג מיר וועלען דאָ פערבלייבען, וויים איך ניט מעהר פון אייך, אָבער מיין שכל דיקטירט מיר, אז מיר זיינען דאָ צוזאמענגעקומען מיט א וויכטיגע געהיימניס. אצינד איז אונזער שיקזאל אָבהענגיג אָן דעם: אויב דיא מאנשאפט

פון שיף מוזען דורכאוים דיעזע געהיימנים האלטען פערבאָרגען, וועלען זיי אונז זיכער האלטען געפאנגען ביז אונזער טויט, אָדער זיי וועלען פיליכט אונזער לעבען ניט שוינען און זיי וועלען אונז אַבראמען פון וועג; ווען אָבער דער פאל איז ניט אזוי, וועלען זיי אונז זיכער צופיהרען צו א ברעג און לאָזען לאנדען. יעדענפאלס מוזען מיר געדולדיג ווארטען און זעהן וואס דיא ווייטע־רע צוקונפט וועט אונז ברייגגען. מאַכען קולות און שפּרינגען פון דער הויט, וועט אונז געוויס גאָר ניט העלפען. מיר קענען דערמיט מעהר קאליע מאכען וויא פערריכטען.

— גראדע פערקעהרט, הערר פּראָפעסאָר! — האָט לענד ניט געוואָלט נאָכגעבען — מיר מוזען טהאָן אלעס מעגליכע, אום צו רעטען זיך, אום צו אנטלויפען פון דאנען.

— אָבער וויא אזוי? — האָב איך געפרעגט — פון א געפענגנים אויף דער יבשה איז אויך ניט אזוי לייכט צו אנטלויפען, בפרט נאָך פון דיא טיעפענים פון ים!

דער הארפּון־ווארפער איז פערבליבען זיטצען אין א פערלעגענהייט און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. ענדליך, נאָך א לענגערען טראכטען, האָט ער זיך אָבגערופען:

— מיר לעגט זיך אויף'ן זינען עטוואָס אנדערש. אויב מיר מוזען שוין יא דאָ פערבלייבען אויף דיעזער פערדאמטער שיף, קענען מיר פיליכט פּטור'ן אונזערע וועכטער, אונזערע פייניגער?

— וויא? — האָב איך ערשטוינט געפרעגט — אייך לעגט זיך אויף'ן מח, אז מיר קענען ביי זיי דיא שיף אוועקנעהמען? וואָצו רעדען אזעלכע נאַ־רישקייטען?

דער בייזער קענעדע'ר האָט זיך אלץ געקאָכט און געהיצט און ער האָט מיר געוואָלט איבערצייגען, אז מיר קענען אלעס טהאָן, ווען נור אונזער ווילען זאָל זיין דערביי. איך האָב מיט איהם גערעדט און גע'טענה'ט, ביז ענדליך האָט ער מיר צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך שוין פערהאלטען רוהיג און וועט קיינע סקאנ־דאלען ניט מאכען. אָבער, וויא איך האָב פערשטאנען, האָט ער מיר דעם פער־שפּרעכען געגעבען בלויז אוים רעספּעקט און אכטונג צו מיר; אין הארצען אָבער האָט ביי איהם געזאָדען אזוי וויא אין א קעסעל און עס איז ביי איהם אויסגעקומען, אז טויטען דיא מאנשאפט און צונעהמען די שיף איז אזוי לייכט וויא הרג'ענען א פליעג אויף'ן וואנד.

און דאָס האָט זיך דער היציגער בעסן פערגעסען, אז דיא שיף איז אזא קונציגע, מיט אזוי פיעל זאָנדערבארע געהיימניסע, אז מיר אליין, אָהן איהר קאפּיטאן און אָהן דיא מענשען, וועלכע וויסען איהרע סודות, וועלען זיא ניט קענען טרייבען און מיר וועלען זינקען מיט איהר צוזאמען. היינט וואָס וועט

אונז ארויסקומען, ווען אפילו מיר וועלען דיא זאך דורכפיהרען און מיר וועלען אליין פערבלייבען דיא בעלי הבתים פון שיף? אויסער דעם, מיט וואס פאר א יושר, מיט וואס פאר א רעכט זאלען מיר גאר אזעלכעס דענקען?

עס איז אוועק נאך א היבשע שטיקעל צייט און מיר זיינען אלע שרעקליך הונגעריג געוואָרען. עס איז שוין ווירקליך געווען צופיעל געווארט און איך האב אויך אָנגעהויבען צווייפלען, אויב דיא לייטע פון שיף מיינען צו לאזען אונז לעבען. אויב זיי דענקען ניט אומצובריינגען אונז — האב איך געטראכט — האבען זיי דאך אונז ניט געדארפט לאזען הונגערען אזוי פיעל! נעד לענד האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און ער האט ווידער געשריען און געלארעמט.

נאך צוויי שטונדען זיינען פאראיבער און קיין צייכען פון עסען איז נאך אלץ ניט געווען. נעד לענד איז שוין הייזעריג געוואָרען שרייענדיג, אבער אומ־זיסט! דיא ווענד פון אונזער געפענגניס זיינען געווען טויב און זיי האבען א וואָרט ניט געענטפערט. א טויטע שטילקייט האט געהערשט איבעראל. קיין גע־רויש, קיין שאָרך האט מען ערגיץ ניט געהערט, דיא שטילקייט איז בלויז אונ־טערבראָכען געוואָרען פון נעד לענד'ס קללות און שימפפערייען. דיא שיף איז געשטאנען אונבעוועגליך און וויא מיר האבען פערשטאנען, געפינט זיא זיך גאנץ טיעף אין וואסער און מיר זיינען אין גאנצען אָבגעשניטען פון דער וועלט.

דיא טויטע שטילקייט האט אויף מיר א בייזע מורא געוואָרפען. איך האב זיך שטארק געשראָקען, אז דיא לייטע ווילען אונז מאכען א שטילען טויט און א שטילע לויה. איך בין געבליעבען זיצען פערצווייפעלט און פערזאָרגט און פערשיעדענע רעיונות האבען זיך געמישט אין מיין מח. איך האב שוין אין הארצען געגעבען רעכט דעם הארפוניסט, אז מיר דארפען קעמפפען פאר אונזער לעבען, אבער גען קעמפף! מיט וועמען? אז מיר זעהען קיין לעבעדיגען נפש ניט אָן! און ווען אפילו יא — וועלען מיר, דריי פערזאָן עפעס קענען אויספיהרען? און וואס טהוען מיר, אז זיי וועלען אונז לאָזען אויסגעהן פון הונ־גער? קענען מיר עפעס טהאָן געגען דעם הונגער מלאך המות?

בלויז קאָנסייל האט זיך פערהאלטען גאנץ רוהיג און אויף זיין פנים האט זיך געזעהן זיין שטענדיגע קאלטבלוטיגקייט.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א גערויש. טריט זיינען געקומען אלץ נע־הענטער און נעהענטער. דער ריגעל האט זיך אָבגערוקט און דיא טהיר האט זיך געעפענט. דער פראוויאנט־מאסטער איז אריינגעקומען.

איידער איך האב צייט געהאט אָבצוהאלטען איהם, איז נעד לענד בע־פאלען דעם מאן, האט איהם אומגעשליידערט און געגומען ווערגען. דער פראָ־וויאנט־מאסטער איז געבליבען ליגען האלב גע'חלש'ט אונטער לענד'ס הענד.

קאָנסייל איז צוגעלאָפען, אום דעם האלב דערשטיקטען מאן צו רעטען

פון דעם אויפגערעגטען קענעדער'ס הענד. איך האָב זיך אויך א לאָז געטהאָן אַבצורייסען דעם הארפון־ווארפער פון זיין קרבן, ווען פלוצלונג האָב איך דער־הערט א שטימע, וועלכע האָט אויסגערופען אין פראנצויזיש:

— בערוהיגט זיך, הערר לענד! און איהר, הערר פראָפעסאָר, ווילט איהר אזוי גוט זיין און מיך אויסהערען?

10טעס קאפּיטעל

דער הערשער פון דיא ימים

דער קול איז געקומען פון דער זייט פון טיהר. איך האָב זיך ארומגע־קוקט און געזעהן, אז דאָס האָט גערעדט אונזער נעכטיגער בעזוכער, דער שלאנקער, שעהנער מאן, וועלכער איז טאקי געווען דער קאָמאנדיר פון שיף.

נעד לענד איז ביי דעם קאפּיטאן'ס ווערטער אויפגעשפּרונגען. דער פּראָוויאנט־מאסטער, וועלכער איז געווען צוקלאפּט אזוי וויא א פוילער עפּעל, איז הינקענדיג ארויסגעקראָכען פון קאיוטע מיט גרויס אונטערטעניגקייט און ער האָט אפילו קיין ברעקעל צייכען פון צאָרן ניט ארויסגעוויזען געגען זיין אַנגריי־פער. דיא מאכט פון קאפּיטאן איבער זיינע לייטע, האָט אויסגעזעהן, איז זעהר גרויס. מיר אלע זיינען פערבליבען העכסט איבערראשט און פערוואונדערט און מיר האָבען אונגעדולדיג געווארט צו זעהן וואָס דער סוף פון דיעזער סצענע וועט ארויסקומען.

דער קאפּיטאן איז א קורצע ווייַלע געשטאנען אַנגעשפּארט אָן טיש און געשוויגען. ער האָט אונז אַלעמען בעטראכט און מיט זיינע שארפע בליקען אונז אַבגעמאָסטען פון דיא קעפּ ביז דיא פיס, דאן האָט ער זיך אַבגערו־פען:

— מיינע הערען, איך קען גוט פראנצויזיש, ענגליש, דייטש און לאטיי־ניש. עס איז מיר אלזאָ גאנץ לייכט געווען נעכטען, ביי מיין ערשטען בעזוך, אייך צו ענטפערען. אָבער איך האָב געוואָלט פריהער ערקונדיגען זיך ווער איהר זיינט און דאן זיך איבערלעגען וויא אזוי מיט אייך צו האנדלען. איך וויים ערשט, אז א צופאל האָט אויף מיין שיף געבראכט דעם הערר'ן אראנאָקס, פּראָ־פעסאָר פון נאטור געשיכטע אין פאריזער מוזעאום, וועמען זיין רעגיערונג האָט געשיקט אויף א וויסענשאפטליכע רייזע אין אויסלאנד; זיין דיענער קאָנסייל און נעד לענד, הארפוניסט פון דער אמעריקאנישער קריעגס־שיף "אייברעהעם לינקאָלן"

איך האָב זיך פערנייגט אלס צייכען פון צושטימונג אָדער בעשטעטי־גונג. גערעדט האָב איך גאָר ניט, ווייל דער מאן האָט מיר קיין פראגע גע־שטעלט און ער האָט מיך ניט געצווינגען פאר'ן צונג איך זאָל רעדען. ער האָט

גערעדט מיט א שעהנע, קלאָהרע אויסשפּראכע, מיט'ן ריכטיגען פראנצויזישען אקצענט, אזוי וויא א געבאָרענער געבילדעטער פראנצויז. דאָך האָב איך אין איהם ניט דערקענט מיינעם א ריכטיגען לאנדסמאן.

— איהר האָט זיך געוויס גערוואונדערט — האָט דער קאפּיטאן פאָרטגעזעצט — וואָס איך האָב אזוי לאנג געוואַרט מיט מיין צווייטען בעזוך. אָבער איהר דארפט זיך ניט וואונדערען. איך בין א מענש מיט אויסרעכענונג. איך האָב ליעב צו איבערלעגען זיך אין יעדע זאך איידער איך טהו עס. איך האָב, וויא געזאָגט, זיך ניט געוואָלט ארייגלאָזען אין געשפּרעכען מיט אייך, ביז איך וועל ניט בעשליסען וויא און אויף וואָס פאר אן אופן צו האנדלען מיט אייך, און צו קיין ריכטיגען בעשלוס בין איך ביז ערשט ניט געקומען. עס איז צו בעדויערען, וואָס דער שיקזאל האָט אייך צוזאמענגעבראכט מיט א פּערזאָן וואָס וויל פון דער וועלט ניט וויסען און האָט אָבגעבראָכען אלע בעציהונגען מיט דער מענשהייט. דורך אייער אָנוועזענהייט אויף מיין שיף שטערט איהר מיר זעהר פיעל.

— מיר האָבען עס, הערר קאפּיטאן, ניט געטהאָן אבזיכטליך — האָב איך זיך פערענטפערט — און איהר קענט אונז ניט בעשולדיגען. מיר האָבען עס געטהאָן געגען אונזער ווילען.

— אונאבזיכטליך? — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט מיט עטוואָס א העכערען טאָן — האָט מיך דיא "אייבערעהעם לינקאָלן" פערפאָלגט אויף אלע ימים געגען איהר ווילען? זיינט איהר, הערר פּראָפעסאָר, געצוואונגען געווען מיט געוואלד מיטצופאָהרען אויף יענער פריגאטע? האָבען אייער קוילען פון זיך אליין געשאָסען אויף מיין שיף? האָט הערר לענד'ס הארפּון מיך געטראָפען געגען זיין ווילען?

דער קאפּיטאן האָט אפילו גערעדט געלאסען, אָבער מען האָט לייכט געקענט דערקענען, אז ער איז שטארק אויפגערייצט, נור ער האלט איין זיין צאָרן. נאטירליך, איז מיר גאנץ לייכט געווען געגען זיינע בעשולדיגונגען צו פערטהיידיגען זיך און איך האָב דערויף געענטפערט:

— מיין הערר, וויא איך זעה, האָט איהר א גרויסען טעות. איהר ווייסט וואהרשיינליך ניט וואָס עס איז וועגען אייך, בעסער געזאָגט: וועגען אייער שיף, גערעדט געוואָרען אין אמעריקא און אין גאנץ אייראָפּא. איהר האָט, אָהן צווייפעל, ניט געהערט וויא שטארק אויפגערעגט פיעלע לענדער זיינען געווען איבער דיא סיבות וואָס פערשיעדענע שיפען זיינען געקומען אין צוא־מענשטויס מיט אייער שיף. איך וויל אייך אזוי פיעל ניט בעמיהען אויסצו־הערען אלע מיינונגען וואָס זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען איבער דיעזע אונערקלערליכע געהיימניספאָלע ערשיינונג, אָבער דאָס מעגט איהר און דארפט וויסען, אז וועהרענד מיר האָבען אייך אויף דער "אייבערעהעם לינקאָלן" פער־

פאָלגט, זיינען מיר געווען פעסט זיכער, אז מיר פערפאָלגען עס א ריעזיגע ים־חיה, וועלכע מיר האָבען גערעכענט אלס א פליאגע פאר שיפען און ים רייזענדע און פון וועלכע דיא וועלט דארף פטור ווערען.

דער קאפיטאן האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— ווילט איהר דען בעהויפטען, אז איהר וואָלט אזוי גוט און פרום גע־ווען און מיך ניט פערפאָלגט, ווען איהר וואָלט געווען וויסען, אז איהר האָט דאָ ניט צו טהאָן מיט א לויתן, זאָנדערן מיט אן אונטערוואסערדיגע שיף, וואס בעלאנגט צו א פריוואט פערזאָן?

דיעזע פראגע האָט מיך געשטעלט אין א גרויס פערלעגענהייט, ווייל איך האָב איינפאך ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען דערויף. ביי מיר אין הארצען האָב איך גאנץ גוט געוואוסט, אז יעדע רעגיערונג וואָלט אזא שיף מעהר פער־פאָלגט וויא אירגענד וועלכע ים־חיה, און קאפיטאן פאראגוט וואָלט געוויס דיעזע שיף גראדע אזוי וויא א ריעזען־גארוואל פערניכטעט, ווען דאָס וואָלט איהם נור מעגליך געווען.

— איהר פערשטעהט דאָך, מיין הערר — האָט דער קאפיטאן ווייטער געזאָגט — אז איך האָב פאָלקאָמען רעכט צו בעהאנדלען אייך אלס מיינע שונאים.

איך האָב דארויף גאָר ניט געענטפערט, דען וואָס קען העלפען דיסקוסי־אָנען און דעבאטעס, אז מיר זיינען ביי איהם אין דיא הענד און זיין מאכט קען צושטערען אלע תירוצים וואָס איך וועל איהם ענטפערען!

— איך האָב זיך א היבשע צייט גע'ישוב'ט — האָט דער קאפיטאן פאָרט־געזעצט — און איך בין געקומען צום בעשלוס, אז איך בין ניט פערפפליכטעט אויפצונעהמען אייך אלס געסט. עס איז ניט געלעגען אין מיינע אינטערעסען צו בעגעגענען זיך מיט אייך און אייער אָבוועזענהייט וועט מיך אויך ניט קימערען. איך קען אייך צוריק ברייגגען אויף'ן דעק פון מיין שיף, אויף וועלכע איהר האָט זיך ארויפגעכאפט אָהן מיין ערלויבנים, איך לאָז זיך דאן ארונטער אין דיא טיעפענים און איך פערגעס אויב איהר זיינט גאָר אויף דער וועלט געווען. האָב איך רעכט?

— יא, אזא רעכט קען נור האָבען א ווילדער, ניט קיין ציוויליזירטער מענש! — האָב איך זיך אָבגערופען.

— הערר פראָפעסאָר! — האָט זיך דער קאפיטאן עטוואָס אויפגערעגט אָבגערופען — איך בין ניט דאָס וואָס איהר רופט "א ציוויליזירטער מענש". איך האָב זיך ענטזאגט פון אייער מענשליכע געזעלשאפט צוליעב געוויסע אורזאכען, וועלכע איך אליין האָב אנערקענט. איך פאָלג ניט אייערע געזעצע און יושר פון דער זאָגענאנטער ציוויליזאציאָן. זיי שפיעלען ביי מיר קיין ראָלע ניט, ווייל איך האָב אנדערע בעגריפע וועגען יושר און גערעכטיגקייט.

דיעזע ווערטער האָט ער אויסגערעדט מיט א הארטען טאָן און מיט א היבשע ביסעל אויפרעגונג. אין זיינע אויגען איז געווען צו בעמערקען אן אויס־דרוק פון כעס און פעראכטונג, פון וועלכעס מען האָט דייטליך געקענט פער־שטעהען, אז אין דיא פערגאנגענהייט פון דיעזען מאן איז פערבאָרגען אירגענד וועלכע פורכטבארע געהיימניס. עס האָט אויסגעזעהן, אז ער פערהאסט און פערדאמט דיא גאנצע מענשהייט מיט איהרע געזעצע, פון וועלכע ער האָט זיך פאָלשטענדיג בעפרייט און פון וועלכע ער וויל מעהר ניט וויסען. זיינע בליי־קען האָבען עדות געזאָגט, אז ער שעצט זיך ערשט גליקליך, וואָס ער איז אָבגעזונדערט פון דער וועלט און לעבט אזוי וויא א פרייע פויגעל. קיינער קען דאָך ניט וואגען צו פערפאָלגען איהם אויף'ן וויטען, ברייטען ים. אין דיא אונענדליכע טיעפע אָבגרונדען קען איהם קיינער ערגרייכען. געגען דעם שטויס פון זיין געהיימניספאָלע שיף קען קיין פאנציר־שיף ניט בעשטעהן און עס גיבט קיין מאכט וואָס זאָל איהם קענען בעקעמפּפען. זיין ריכטער איז נור איין גאָט, אויב ער גלויבט אין איהם, אָדער זיין אייגענער מענשליכער געוויסען— אויב ער בעזיצט עס.

דיעזע געדאנקען זיינען דורכגעפלויגען אין מיינע געהירען, וועהרענד דער זאָנדערבארער מאן איז שטיל געבליבען, אזוי וויא פערטיעפט אין גע־דאנקען. ניט ווילענדיג איז מיך א שרעק בעפאלען, בעטראכטענדיג מיט וואָס פאר א מענשען מיר האָבען דאָ צו טהאָן.

נאָך א היבשע ווילע שטיל־שוויגען, האָט דער קאפּיטאן ווידער געזאָגט:

— עס איז מיר אלזאָ שווער געווען צו קומען צו א ריכטיגען בעשלוס, וויא אזוי איך זאָל זיך מיט אייך בעגעהן. אָבער ענדליך האָב איך זיך בע־רעכענט, אז עס איז מיר מעגליך מיינע אינטערעסען צו זיכערען און אין דער זעלבער צייט בעהאנדלען אייך לויט דעם מענשליכען געפיהל. איהר פערבלייבט אין מיין שיף. איהר ווערט דאָ זיין פערהעלטניסמעסיג פריי, אָבער מיט א גע־וויסע בעדינגונג, אויף וועלכע איהר מוזט מיר געבען אייער עהרען־וואָרט, אז איהר וועט עס נאָכקומען.

— גאנץ געוויס, מיין העררר! — האָב איך געענטפערט — אויב דיעזע בעדינגונג איז נור אזעלכע, וואָס יעדער עהרענמאן קען אָננעהמען.

— יא, מיין העררר! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט — דאָס איז אזא בעדינגונג, וואָס עס איז גאנץ לייכט נאָכצוקומען און דערביי פערבלייבען א העכסט אָרענטליכער מענש. איך וועל אייך ערקלערען וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך. עס קען זעהר מעגליך זיין, אז צוליעב געוויסע אנגעלעגענהייטען וועל איך אייך מוזען האלטען אָבגעזונדערט אין א קאיוטע פאר איינינע שטונדען אָדער זאָגאר פאר א פּאָאר טעג. נאטירליך, וואָלט איך עס געקענט אויספיה־רען מיט געוואלד אויך, ניט פרעגענדיג אייער ערלויבניס. אָבער איך וויל קיין

געוואלד טהאטען ניט בעגעהן. איך וויל בעסער, אז איהר זאָלט מיר צוזאָגען, אז איהר וועט מיר געהאָרכזאם זיין און זיך צוריקהאלטען אין אן אָבגעזאָנ־דערטען פּלאַץ, ווען איך וועל עס פון אייך פאָדערען. פאר אייך וועט אויך זיין פיעל בעסער, ווען איהר וועט ניט זעהן אזעלכע זאכען וואָס קיינער דארף ניט וויסען. זיינט איהר צופריעדען אָנצונעהמען דיעזע בעדינגונג?

איך בין ערשטוינט געוואָרען הערענדיג דיא דאָזיגע ווערטער. אן איינזאמע שיף, וואָס וויל ניט וויסען פון דער ציוויליזירטער וועלט, וואָס פעראכטעט דיא געזעצע פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט און האָט סודות וואָס מענשען פון דער ציוויליזירטער וועלט דארפען ניט וויסען! איך האָב ניט פיעל געטראכט און געענטפערט אויף'ן קאפּיטאן'ס פראגע: "יא!"

— אָבער — האָב איך זיך צו איהם געווענדעט — איך פערלאנג, אז איהר זאָלט מיר דייטליכער ערקלערען אייערע פריהעריגע ווערטער: איהר זאָגט אז מיר ווע̇לען דאָ פערהעלטניסמעסיג פריי זיין; וואָס פערשטעהט איהר איי־גענטליך מיט דיעזע בעשטימונג?

— גאנץ איינפאך! — האָט דער קאפּיטאן געענטפערט— איהר וועט זיין פריי ארומצוגעהן איבעראל, זאָגאר צו זעהן וואָס אויף'ן שיף געהט פאָר, אָבער אין געוויסע זעלטענע פעלע וועט איהר מוזען זיין צוריקגעצויגען. קורץ, איהר וועט האָבען דיא זעלבע פרייהייט, וועלכע איך און דיא מאנשאָפט פון מיין שיף האָבען.

דער מאן האָט וואהרשיינליך ניט פערשטאנען, וואָס איך מיין.

— ענטשולדיגט, מיין הערר! — האָב איך צו איהם געזאָגט — אזא פריי־הייט האָט דאָך יעדער געפאנגענער, ארומצוגעהן אין זיין אָבגעשלאָסענעם געפענגניס־צימער. אזא פרייהייט קען אונז ניט צופריעדען שטעלען.

— איהר מוזט צופריעדען זיין! מעהר קען איך אייך ניט געבען.

— וויא? איהר פערלאנגט ווירקליך, אז מיר זאָלען זיך אויף אייביג ענטזאגען פון דער וועלט, פון אונזער היימאטה און פון אונזערע פריינד און גוטע פריינד?

— יא, מיין הערר, איך פערלאנג עס! — האָט דער קאפּיטאן געענטפערט מיט א בעשטימטען טאָן — און מיינט ניט דאָס איז אזא שווערע אויפגאבע צו ענטזאגען זיך פון יענעם שקלאפען יאָך, וועלכען דיא מענשען אויף דער ערד רופען מיט דעם פאלשען נאָמען "פרייהייט".

— ניין! — האָט זיך נעד לענד ארויסגעבאָפּט — איך וועל קיינמאָל ניט איינשטימען דערויף און איך וועל ניט צוזאָגען, אז איך וועל ניט זוכען צו אנטלויפען פון דאנען.

— איך פערלאנג גאָר ניט איהר זאָלט מיר צוזאָגען, הערר לענד! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט מיט א קאלטע מינע.

— מיין הערר ! — האָב איך זיך אָבגערופען אביסעל אויפגערעגט — נאַטירליך, זיינען מיר ביי אייך אין דיא הענד און איהר קענט מיט אונז טהאָן וואָס איהר ווילט, אָבער איהר בעגעהט געגען אונז א געוואלד טהאט, אן אונגעהערטע גרויזאמקייט !

— ניין, הערר פּראָפעסאָר ! — האָט דער קאַפּיטאן געלאסען געזאָגט — איך בעגעה זיך מיט אייך גאנץ מילד און גאנץ גנעדיג. איהר זייט מיינע קריעגס־געפאנגענע און איך לאָז אייך לעבען, ווערהענד עס דארף מיר נור איין וואָרט קאָסטען אייך אין ים ארייניצושליידערען. איהר האָט מיך אָנגעגריפען און איהר האָט דארום צופעליג ערפאהרען א געהיימניס וואָס קיין מענש אין דער וועלט דארף ניט וויסען. איהר האָט, נעמליך, ערפאהרען פון מיין עקזיסטענץ, וואָס דארף זיין א סוד פאר דער וועלט, גלויבט איהר אז איך וועל אייך צוריק ארויסלאָזען אויף דער ערד אום איהר זאָלט דעם סוד ענטדעקען ? אָה ניין ! דאָס וועט קיינמאָל ניט פאסירען. איך פערהאלט אייך דאָ אויף'ן שיף ניט צוליעב אייך, זאָנדערען צוליעב מיינע אייגענע אינטערעסען, וועלכע איך וויל און מוז שיצען.

פון דעם קאַפּיטאן'ס לעצטע ווערטער האָב איך איינגעזעהן, אז ער איז פעסט ענטשלאָסען צו האלטען אונז געפאנגען און קיינע טענות און קיינע רייד וועלען ניט העלפען.

— אלזאָ, מיין הערר — האָב איך נאָך א קורצען נאָכדענקען געזאָגט — הייסט עס, אז איהר גיט אונז צוויי ברירות : ענטוועדער דעם טויט, אָדער פערבלייבען ביי אייך אייביגע געפאנגענע.

— גאנץ געוויס ! — האָט דער קאַפּיטאן געענטפערט.

— פריינדע ! — האָב איך זיך געווענדעט צו מיינע קאמעראדען — געגען אזא בעשטימונג וועלען דאָך אונזערע רייד ניט העלפען. אָבער מיר זיינען מיט קיין עהרען־וואָרט פערבונדען צו דיעזען הערר, צום ווירטה פון דער שיף.

— געוויס ניט ! — האָט דער קאַפּיטאן געענטפערט — איך פערלאנג פון אייך קיינע פערשפּרעכונגען.

א קורצע ווײַלע האָבען מיר אלע געשוויגען, נאכהער האָט דער קאַפּיטאן ווידער אָנגעפאנגען צו רעדען, אָבער פיעל פריינדליכער וויא פריהער.

— יעצט, הערר אראָנאקס — האָט ער געזאָגט — ערלויבט מיר דורכצורעדען זיך מיט אייך גענויער און דייטליכער. וויפיעל איך האָב וועגען אייך געהערט און וויפיעל איך קען אייך, בין איך פאָלשטענדיג זיכער, אז איהר וועט ניט פיעל בעדויערען דעם שיקזאל וואָס האָט אייך אויף מיין שיף געבראַכט. איהר וועט ביי מיר געפינען א רייכע ביבליאָטהעק פון דיא בעסטע און ניצליכסטע ביכער, זאָגאר אייער אייגענע ווערק איבער "דיא געהיימניסע פון דיא טיעפענים פון מעער". דיעזעס ווערק האָט מיר ווירקליך גרוים פער־

גענינגען פערשאפט און איך האָב מיך איבערצייגט אז איהר זיינט אין דיעזער ווי־סענשאפט אזוי וויט דערגאנגען וויפיעל דאָס איז נור מעגליך געווען פאר א מענש וואָס וואָהנט אויף דער ערד. נאטירליך, קענט איהר ניט וויסען אזעלכע זאכען וואָס איהר האָט ניט געזעהן. איך וויל אייך זאָגען, הערר פּראָפעסאָר, אז איהר וועט העכסט צופריעדען זיין מיט אייער אנוועזענהייט אויף מיין שיף. איהר וועט רייזען אין א וואהרע וואונדער־לאנד, פול מיט איבערראשונגען און נאטור־וואונדער, וועלכע זאָגאר איהר, אלס פּראָפעסאָר, האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אין אייער פאנטאזיע. איהר וועט דאָ ניט לאנגווייליגען, ווייל אלעס וואָס איהר וועט זעהן וועט אייך אינטערעסירען. איך וויל גראדע יעצט אונטערנעהמען א רייזע ארום דער וועלט אויף'ן גרונד פון ים און איהר וועט האָבען דיא געלעגענהייט צוזאמען מיט מיר צו שטודירען דיא מערקוויר־דיגסטע וואונדערבארע זאכען. פון היינטיגען טאָג אָן קומט איהר אריין אין א וועלט פון וואונדער, וועלכע קיין מענשען'ס אויג האָט נאָך ביז יעצט ניט בעטראכט. אונזער ערדען־פּלאנעט וועט אייך איהרע פערבאָרגענע געהיימניסע ציינען.

דיעזע ווערטער האָבען אויף מיר א שטארקען איינדרוק געמאכט. דער קאפּיטאן האָט אָנגעריהרט א סטרונע אין מיין נשמה, וועלכע האָט זיך אין מיר פונאנדערגעשפּיעלט און איך בין עפּעס מאָדנע בעגייסטערט געוואָרען. איך האָב פון שטענדיג אָן געהאט א גרויס לוסט צו וויסען גענוי וואָס אויף'ן גרונד פון ים טהוט זיך און ערשט, אז ער האָט מיר ערקלערט אז איך וועל מיין ציעל עררייכען, בין איך אויסער זיך געוואָרען. איך האָב אין דיעזען אויגענבליק זאָגאר פערגעסען, אז דיעזער גענוס, דיעזער פערגניגען וועט מיר מיין פריוהייט קאָסטען און איך בין העכסט צופריעדען געווען. איבעריגענס האָט מיך א שטראהל פון האָפנונג געטרויסט, אז דיא צוקונפט וועט אונז פיליכט אן אנדער וועג ווייזען און מיר וועלען ענדליך אונזער פרייהייט אויך געווינען.

— מיין הערר! — האָב איך זיך אָבגערופען — אויב אפילו איהר האָט אָבגעבראָכען דיא פערבינדונג מיט דיא גאנצע מענשהייט וויל איך דאָך גלוי־בען, אז איהר האָט דעם מענשליכען געפיהל ניט פערלאָרען. מיר זיינען פער־אונגליקטע, וועלכע איהר האָט אויף אייער שיף בארעמהערציג אויפגענומען. דאָס וועלען מיר קיינמאָל ניט פערגעסען. וואָס אָנבעטרעפט מיך אליין, וויל איך ניט לייקענען, אז איבער דיא גרויסע לוסט צו וויסענשאפט, קען איך זאָגאר דיא פערלאָרענע פרייהייט פערגעסען און איך האָף, אז איך וועל, וויא איהר זאָגט, ניט בעדויערען דעם צופאל, וואָס האָט מיך אהער געבראכט. אָבער נאָך איין פראגע וויל איך אייך פרעגען: מיט וואָס פאר א נאָמען זאָל איך אייך רוּ־פען?

— איך בין פאר אייך קאפּיטאן נעמא, הערר פּראָפעסאָר! — האָט דער

קאפיטאן געענטפערט — און איהר זיינט דיא פאסאזשירען פון מיין שיף "נאָטילוס".

אי דער נאָמען פון קאפיטאן, אי דער נאָמען פון שיף האָט געשטימט מיט'ן בוכשטאב N, וואָס איז געווען אויף דיא טיש־כלים.

קאפיטאן נעמאָ האָט א רוף געטהאָן. א דיענער איז אריינגעקומען און ער האָט איהם עפּעס געזאָגט אין א שפּראך, וועלכע איך האָב א וואָרט ניט פער־שטאנען. דאן האָט זיך דער קאפיטאן געווענדעט צום קענעדע'ר און צו מיין קאָנסייל און געזאָגט:

— דער מאָהלצייט ערווארטעט אייך אין א קאיוטע וואָס איז בעשטימט פאר אייך. געהט געפעליגסט מיט דיעזען מאן.

— דאָס איז פּאָרלויפיג בעסער וויא אלע געשפּרעכען! — האָט נעד לענד אויסגערופען און איז צוזאמען מיט מיין דיענער אוועק אין בעגלייטונג פון דעם מאן.

— און יעצט, העררי אראָנאקס—האָט זיך דער קאפיטאן געווענדעט צו מיר — אונזער פריהשטיק איז אויך פערטיג. ערלויבט מיר אייך צו בעגלייטען.

— זעהר גערן! — האָב איך העפליך געענטפערט.

מיר זיינען ביידע אויף ארויסגעגאנגען. דער קאפיטאן האָט מיך געפיהרט דורך אן עלעקטריש־בעלייכטעטען קאָרידאָר, וואָס איז געווען אומגעפעהר 12 פוס לאנג. דאן האָט זיך פאר אונז א טהיר געעפענט.

מיר זיינען אריינגעקומען אין שפּייז־זאאל, וועלכער איז געווען פּראכטפאָל מעבלירט און גרויסארטיג בעפּוצט. ביי צוויי זייטען פון זאאל זיינען געשטאנען הויכע רייך־געשניצטע בופעטען, אין וועלכע עס זיינען געווען אויסגעשטעלט טהייערע גלעזערנע, זילבערנע און אויך גאָלדענע כלים, קונציג און געשמאקפאָל געמאכט. דיא עלעקטרישע שטראהלען פון א גרויסען עלעקטרישען לאָמפּ, וואָס איז געווען איינגעריכטעט אין דער הויך, האָבען בעלויכטען דיא כלים, און אזוי וויא אלערליי פייערען האָבען פון זיי געפינקעלט.

דיא וועגד זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט טהייערע פּאָרטרעטען און קונסט־בילדער.

אין מיטען זאאל איז געשטאנען א רייך־געדעקטער טיש. קאפיטאן נעמאָ האָט מיר אָנגעצייגט מיין פּלאץ און איך האָב זיך אוועקגעזעצט.

דער פריהשטיק איז בעשטאנען פון פערשיעדענע מאכלים און געריכטען. דיא מעהרסטע פון זיי, האָב איך פערשטאנען, זיינען פערפערטיגט פון פּראָ־דוקטען וואָס דער ים ליפערט. מאנכע פון זיי זיינען מיר געווען גאָר אונבע־קאנט, אבער געשמאק זיינען זיי געווען.

קאפיטאן נעמאָ האָט וואהרשיינליך בעמערקט וויא איך בעוואונדער דיא

שפייזען און איך בעטראַכט יעדע זאַך בעזונדער, און ניט ווארטענדיג ביז איך וועל איהם עטוואָס פרעגען, האָט ער זיך אָבגערופען:

— דיא מייסטע פון דיעזע געריכטען זיינען אייך געוויס אונבעקאנט. אָבער איהר מעגט זיי רוהיג און אונערשראָקען עסען. זיי זיינען פאָלשטענדיג געזונד און ערנעהרענד. פון דיא שפייז פראָדוקטען וואָס קומען פון דער ערד האָב איך זיך שוין לאנג ענטזאגט און דאָך בין איך געזונד און שטארק און מיר פעהלט קיין זאַך. דיא מאַנשאַפט פון מיין שיף זיינען אויך פון דיעזע עסענוואַרג געזונדער און קרעפטיגער געוואָרען.

— און איהר בעקומט ווירקליך דיעזע שפייזען בלויז פון מעער? — האָב איך זיך געוואונדערט.

— יא, הערר פראָפעסאָר, דער ים בעפרידיגט מיך אין אַלעם וואָס איך דארף. איך שפרייט אויס מיינע נעצען און איך פאנג דיא בעסטע זאָרטען פיש. זעהר אָפט געה איך ארויס אויף יאגד אין אזעלכע געגענדען וואו קיין מענש קען ניט צוקומען, אין דיא וועלדער וואָס וואקסען אויף'ן גרונד פון ים. דאָרט אין יענע אונענדליכע וועלדער פיטערען זיך פערשיעדענע טהיערע, וועלכע איך קולטיווירע, בענוץ און בעהערש אזוי וויא נעפטון, דער מיטהאָלאָגישער גאָט פון ים.

— קאפיטאן! — האָב איך מיט גרויס ערשטוינען ערוויעדערט — איך קען בעגרייפען, אז מיט אייערע נעצען האָט איהר דיא מעגליכקייט גוטע פיש צו פאנגען און פון זיי פערשיעדענע שפייזען פערפערטיגען; אָבער מיר לעגט זיך ניט אויף'ן שכל וויא אזוי איהר זאָלט געהן אויף'ן גרונד פון ים און שיסען פערשיעדענע טהיערע אין דיא דאָרטיגע וועלדער. אז צווישען אייערע געריכטען זאָל זיך געפינען כאָטש איין שטיקעל פלייש, איז פאר מיר אונבעגרייפליך.

— ווער זאָגט דען, אז אויף מיין טיש קומט ארויף פלייש פון לאנד טהיערע? — האָט דער קאפיטאן געפרעגט — דאָס וואָס איהר, פראָפעסאָר, נעהמט אָן פאר פלייש איז ניט קיין אנדער זאַך וויא דיא פלייש פון דיא ריעזען־שילדקרעטען (טשערעפּאַכעס), וואָס לעבען אין ים, וועלכעס איז פיעל בעסער וויא אייערע רינדער־פלייש. איהר האָט דאָ אויך א געריכט פון דאלפין־לעבער, וועלכעס איהר נעהמט זיכער אויף אָן פאר שארף־געווירצטע פלייש. מיין קוכער פערשטעהט זיין פאַך אויסגעצייכענט און ער קען אזעלכע פראָדוקטען זעהר גוט צובערייטען און בעוואָהרענען אז זיי זאָלען זיין פריש, געשמאַק, אנגענעהם און געזונד. פערזוכט אַלעס וואָס איהר זעהט דאָ אויף'ן טיש. אויף מיין פער־אנטוואָרטליכקייט, עס וועט אייך זיכער ניט שאדען. איהר האָט דאָ אויך סמעטענע פון דיא מילך פון זויג־טהיערע, וואָס לעבען אין ים און פערשיעדענע

איינגעמאכצען, געפרעגעלט פון וואקסונגען אין ים, און וועלכע זיינען פיעל בעסער וויא אייערע פרוכט־איינגעמאכצען.

איך האב פון אלעס פערזוכט צו ביסלאך, ניט אויס מבינות, נור ווייל איך בין נייגעריג געוועז צו וויסען וואס פאר א טעם זיי האבען. וועהרענד איך האב פרובירט דיא מאכלים איינע נאך דיא אנדערע, האט דער קאפיטאן געפלוי־דערט און מיר דערצעהלט פערשיעדענע מעשיות פון ים.

— האט איהר ליעב דעם ים? — האב איך איהם געפרעגט.

— געוויס האב איך איהם ליעב! — האט ער געענטפערט — דער ים איז אלעס אין דער וועלט. ער פערנעהמט זיעבען צעהנטעל פון דעם ערד־קוגעל און עס איז אין איהם פאראן פיעל מעהר צו זעהן און צו געניסען. דיא לופט פון ים איז ריין און געזונד. דער מענש קען אין איהם קריגען אלעס וואס זיין הארץ געלוסט. קיין זאך פעהלט דא ניט. דער ים איז דער עיקר פון דער וועלט. איידער אונזער וועלט איז בעשאפען געווארען, איז מעהר וויא ים ניט געוועזען און ווער ווייסט? פילייכט וועט ביים אונטערגאנג פון דער וועלט אויך אלעס פערוואנדעלט ווערען אין א גרויסען, בריימען און אונענדליכען ים?

— יא, הערר פראפעסאר! — האט נעמא פארטגעזעצט נאכדעם וויא ער האט זיך א ווײלע אבגערוהט — דיא נאטור לעבט נור אין ים. דא איז אימער שטיל און רוהיג. דא הערשט אייביגער פריעדען. דער ים ליגט ניט אונטער דיא הערשאפט פון טיראנען. אויבען אויף'ן וואסער קענען זיי זיך נאך אפטמאל שלאגען און בעגעהן ניעדערטרעכטיגע, שרעקליכע טהאטען, אבער דרייסיג פוס אונטער'ן וואסער זיינען זיי אויס העלדען, אויס שלעגער און אויס בריה'ס! אך, מיין הערר, נור אין שויס פון ים הערשט דער וואהרער גליק, דא איז דער מענשווירקליך פריי!

דער קאפיטאן איז אין מיטען פון זיין בעגייסטערטע רעדע שטיל געווארען. עס האט אויסגעזעהן, אז ער האט חרטה געהאט פאר וואס ער האט אוועקגע־ווארפען זיין געוועהנליכע קאלטע בענעהמונג. אייניגע מינוטען איז ער ארומגע־גאנגען איבער'ן זאאל הין און צוריק אזוי וויא אויפגערעגט, דאן האט ער זיך ווידער געווענדעט צו מיר מיט דיא ווערטער:

— יעצט, הערר פראפעסאר, אויב איהר ווילט גענוי בעטראכטען מיין שיף נאטילוס, שטעה איך צו אייערע דיענסטע.

איך האב דיעזע איינלאדונג מיט פערגעניגען אנגענומען. איך האב זיך אויפגעהויבען פון מיין פלאץ און בין דעם קאפיטאן נאכגעגאנגען.

11טעס קאפיטעל

דעם קאפיטאן'ס אוצרות

א דאפעל־טהיר האט זיך געעפענט און מיר זיינען אריינגעקומען אין א

צימער, וועלכער איז געווען כמעט אזוי גרויס וויא דער שפייז־זאאל. דאָס איז געווען דיא ביבליאָטהעק.

איבעראל ארום דיא וואנד זיינען געשטאנען הויכע אָפענע שאפעס פון א טהייערען זאָרט האָלץ און אויסגעלעגט מיט מעש. אין דיא שאפעס זיינען גע־ווען אויסגעשטעלט רייהעס מיט שעהנע, עלעגאנט איינגעבונדענע ביכער. איך האָב משער געווען אז דאָרט געפינען זיך פון זעקס ביז זיעבען טויזענד בי־כער.

אין פערשיעדענע פּלעצער פון צימער האָבען זיך געוואָרפען אין דיא אויגען טהייערע, דיקע און ווייכע דיוואנען, אויף וועלכע עס איז זעהר בע־קוועם צו ליגען אָנגעשפּארט און לעזען. קליינע טישלאך, זעהר קונציג געמאכט, אויף וועלכע אוועקצולעגען דיא ביכער, אום מען זאָל זיי ניט דארפען אין דיא הענד האלטען; בעוועגענדע שטוהלען, שרייב־טישען און אנדערע מעבעל פון שעהנסטען און טהייערסטען זאָרט און נאָך בעקוועמליכקייטען, וואָס נור א רייכע ביבליאָטהעק קען האָבען. אין מיטען צימער איז געשטאנען א גרויסער טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען העפטען, ביכער און איינינע אור־אלטע שריפטען. דער צימער איז געווען בעלויכטען מיט מילדע עלעקטרישע שטראהלען, וואָס האָבען ארויסגעשיינט פון'ם שעהן דעקאָרירטען סאפיט. איך האָב זיך פון די־זען שעהנעם צימער ניט געקענט אָבוואונדערען און מיינע אויגען זיינען ניט זאט געוואָרען פון קוקען אויף איהם.

— קאפּיטאן נעמאָ! — האָב איך צו איהם געזאָגט — מיט אזא ביב־ליאָטהעק וואָלט דער שעהנסטער פּאלאסט אויף דער ערד געקענט שטאָלצירען, און איך בין ווירקליך העכסט ערשטוינט צו געפינען אזא פּראכט אויף דעם גרונד פון מעער.

— איבערהויפּט דיא רוהע, דער פריעדען! — האָט דער קאפּיטאן אויס־גערופען — האָט איהר ערגיץ אויף דער ערד אזא שטילען אונגעשטערטען אָרט? איז אין שטודיר־צימער פון אייער וואָהנונג בעסער און בעקוועמער צו לע־זען?

— ניין, מיין הערר! און אין אמת זאָגענדיג איז מיין ביבליאָטהעק זעהר אָרים אין פערגלייך מיט אייערע. איהר האָט דאָ געוויס פון זעקס ביז זיעבען טויזענד ווערקע.

— צוועלף טויזענד, הערר אראָנאקס! דיא ביכער זיינען דיא איינציגע געגענשטאנדען וואָס עראינערען מיך אָן דער ערד און דיא מענשהייט. אָבער פון דעם טאָג וואָס מיין "נאטילוס" איז צום ערשטען מאָל ארונטער געשוואומען אין דיא טיעפענים פון ים, עקזיסטירט מעהר ניט דיא ערד פאר מיר. אין יענעם טאָג האָב איך מיינע לעצטע ביכער, מיינע לעצטע העפטען און צייט־שריפטען געקויפט און פון דאן אָן איז פאר מיר אלץ איינס, אויב אימיצער האָט נאָך

עטוואס געשריבען און פערפאסט, אדער ניט. מיט דיעזע אלע ביכער קענט איהר זיך, הערר פראפעסאר, בענוצען צו יעדע צייט. דיא טהיר פון מיין ביבליאטהעק איז פאר אייך אימער אפען.

איך האב דעם קאפיטאן אויסגעדריקט א הערצליכען דאנק. איך בין צוגע־גאנגען נעהענטער צו דיא שראנקען און בעטראכט וואס פאר א זארט ביכער דאס זיינען. עס זיינען צווישען זיי געווען זעהר וויכטיגע ווערק, פילאזאפישע און וויסענשאפטליכע. א מאסע שריפטען איבער אלע צווייגען פון וויסענשאפט, אבער קיין איינציגער בוך איבער שטאאטס־פאליטיק. אזעלכע ווערקע וואס בע־שפרעכען דיא פראגע פון הערשען און רעגיערען, אין וואס פאר א פארמע עס זאל ניט זיין, איז וואהרשיינליך אויף דער "נאטילוס" א פערבאטענע סחורה. אלע ביכער זיינען געווען איינגעטהיילט, לויט דעם אינהאלט און לויט דיא ענינים וועלכע זיי בעהאנדלען, אהן אונטערשיעד אין וועלכע שפראך זיי זיינען געשריעבען. ביכער איבער כעמיע, צום ביישפיעל, בעזונדער; איבער פיזיק, בעזונדער, איבער אסטראנאמיע בעזונדער און אזוי אלעס. דאס האט בעוויזען, אז קאפיטאן נעמא פערשטעהט אלע שפראכען און ער לעזט יעדעס בוך, וואס קומט איהם צו ערשט אין האנד אריין.

צווישען דיא ביכער האב איך בעמערקט דיא ערהאבענסטע מייסטערווער־קע פון דער אלטער און נייער ליטעראטור. אלע שעהנסטע און בעסטע שריפ־טען וואס דער מענשליכער גייסט האט נור געשאפען, אנפאנגענד פון דעם אלטען גריכישען פאעט האמער, וועלכער האט געלעבט מיט נעגויע דריי טויזענד יאהר צוריק, ביז צו דיא בעריהמטסטע שריפשטעלער פון אונזער צייט. אבער דיא וויסענשאפטליכע ווערקע זיינען געווען מעהר צאהלרייך. דארט האבען זיך געפונען דיא בעסטע ווערקע וועגען מעכאניק, מאטהעמאטיק, פיזיק, געאלאגיע א. ז. וו. איבערהויפט זיינען דארט געווען פיעלע ווערקע איבער נאטור־וויסענ־שאפט, מיט וועלכע דער קאפיטאן האט זיך, וויא עס ווייזט אויס, אממעהרסטען בעשעפטיגט. צווישען דיעזע לעצטע ביכער האב איך אויך געפונען מיין אייגענע פערפאסונג אין צוויי בענדער, צוליעב וועלכע קאפיטאן נעמא האט מיך ערשט מיט עהרע און אכטונג אויפגענומען. דער איינגסטער פון אלע ביכער איז געווען א ווערק פון יאזעף בערטראנד, ארויסגעגעבען אין יאהר 1865. דערפון האב איך פערשטאנען, אז דיא "נאטילוס" איז וואהרשיינליך צו יענער צייט פער־טיג געווארען, און שליסליך פיהרט שוין קאפיטאן נעמא זיין לעבען אונטער'ן וואסער אומגעפעהר דריי יאהר.

— מיין הערר! — האב איך געזאגט צום קאפיטאן — איך דאנק אייך זעהר פיעל פאר דיא ערלויבניס וואס איהר האט מיר געגעבען צו בענוצען זיך מיט דיעזער ביבליאטהעק. זיא ענטהאלט ווירקליך דיא שעהנסטע אוצרות

פון ליטעראטור און וויסענשאפט און איך וועל זעהר פיעל פראפיטירען פון אריינקוקען אין דיא ביכער וואס געפינען זיך דא.

— דיעזער זאאל — האט דער קאפיטאן זיך אבגערופען — איז ניט נור א ביבליאטהעק, זאנדערן אויך א צימער צום רויכען.

— צום רויכען? האב איך פערוואונדערט געפרעגט — קען מען דא רויכען אויך?

— געווים! פאר וואס דען ניט?

— אויב אזוי, הערר קאפיטאן, מוז איך גלויבען אז איהר זיינט נאך אין גאנצען ניט אבגעשניטען פון דער בעוואהנטער ערד און איהר שטעהט נאך אין פערבינדונג מיט האוואנא!

— דאס גראדע ניט, הערר פראפעסאר! קיין האוואנא טאבאק אדער האוואנא סיגארס האב איך דא ניט. איך בעקום מיינע רויך־מאטעריאלען אויך פון מעער. נעהמט, הערר אראנאקס, א סיגאר און אויב נור איהר זיינט א מבין אויף גוטע סחורה, וועט איהר זיכער צופריעדען זיין.

מיט דיעזע ווערטער האט ער מיר דערלאנגט א סיגאר, וועלכער איז געוועזען זעהר שעהן אויסגעארבייט אויף לאנדאנער סטייל. אבער ער האט געהאט א געלען גלענצענדען קאליר און עס האט אויסגעזעהן, אז ער איז געמאכט פון גאלד בלעטער. איך האב איהם אנגעצונדען אן א פייערעל וואס האט געברענט אויף א פראכטפאלע בראנזענע סטאטוע און איך האב איהם גערויכערט מיט אזא פערגעניגען אזוי וויא א שטענדיגער רויכער, וועלכער האט איניגע טעג געהונגערט דערויף. דער סיגאר האט ווירקליך זעהר גוט געשמעקט.

— פארטרעפליך! — האב איך געזאגט שלינגענדיג דעם רויך פון סיגאר — אבער קיין טאבאק איז עס ניט.

— ניין! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — איך האב דאך אייך פאראויס געזאגט, אז דאס איז ניט קיין טאבאק וואס וואקסט אויף דער ערד. איך ארבייט אוים דיעזען מאטעריאל פון א געוויסען זארט ים־גראז, וואס ענטהאלט אין זיך דיא זעלבע ניקאטין־שטאף וויא טאבאק, אבער ער איז זעהר שפארזאם. וואלט אייך בעסער געשמעקט א האוואנא סיגאר?

— ניין, הערר קאפיטאן! — געגען אייערע סיגארען זיינען האוואנא סיגארען גאר ניט ווערטה.

— דאן רויכט זיי פיעל איהר ווילט, ניט טראכטענדיג פון וואנען זיי קומען. עס איז אפילו קיין אקציז ניט אבגעצאהלט פאר זיי, אבער איהר וועט דא קיין שטראף ליידען און איהר מעגט זיי רויכען פראנק און פריי, אבי נור זיי שמעקען אייך.

איך האב געלאכט פון קאפיטאן'ס וויציגע בעמערקונג.

קאפיטאן נעמא האט דאן געעפענט א צווייטע טיהר, פונקט געגענאיבער

יענע טהיר דורך וועלכע מיר זיינען אריינגעקומען אין ביבליאָטהעק, און מיר זיינען אריינגעגאנגען אין א גאנץ גרויסען גלענצענד בעלויכטעטען זאאל.

דאָס איז געוועזן א פראכטפאָלער צימער, 30 פוס לאנג, 18 ברייט און 15 פוס הויך. דיא סטעליע פון דיעזען זאאל איז געוועזן פראכטפאָל דעקאָרירט מיט דיא שעהנסטע מאלערייען און עלעקטרישע לייכטונגען, וועלכע האָבען צוגאָסען זייער ליכט אין אלע זייטען, אז אלעס האָט דאָרט געגלענצט און גע־פינקעלט. דיעזער זאאל איז געוועזן קאפיטאן נעמאָ'ס מוזעאום, וואו עס האָבען זיך געפונען מאסען אנטיקען און קונסט־ארבייט געשאפען פון דיא הענד פון גרויסע קינסטלער און פון דער נאטור. עס איז געוועזן א זאמלונג פון טהייערע אוצרות פון נאטור און קונסט, וואָס נור א גאנץ רייכער מאן האָט געקענט זאמלען.

דרייסיג ערשטע קלאסע קונסט־בילדער, איינגעפאסט אין פראכטפאָלע, טהייערע ראמען אלע פון גלייכער פאָרמע, האָבען בעדעקט דיא וואנד, וועלכע זיי־נען געוועזן בעהאנגען מיט קונסטפאָלע דיוואנען. איך האָב צווישען זיי געזעהן אזעלכע פאָרטרעטען, וועלכע וואָלטען געווים ביי יעדע וועלט־אויסשטעלונג ארויסגערופען דיא גרעסטע בעגייסטערטע בעוואונדערונג. אין דיא ווינקלען פון דיעזען ערהאבענעם מוזעאום זיינען געוועזן אויסגעשטעלט טהייערע סטאטוען פון בראָנז און גאָלד, נאָכגעמאכט נאָך דיא שעהנסטע אנטיק מוסטערס, און פיעלע אנדערע זאכען פון גרויסען ווערטה.

— הערר פראָפעסאָר! — האָט דער קאפיטאן צו מיר געזאָגט — ענט־שולדיגט מיר, אויב איהר געפינט דאָ אירגענד וועלכע אונאָרדנונגען.

— מיין הערר! — האָב איך ערוויעדערט — אָבוואָהל איך ווייס ניט גענוי ווער איהר זיינט, אָבער דאָס גיב איך צו, אז איך אנערקען אין אייך א א וואהרען קינסטלער.

— ניין, הערר אראָנאקס! העכסטענס בין איך נור א ליעבהאָבער פון קונסט. איך האָב אמאָל זעהר ליעב געהאט צו זאמלען אזעלכע שעהנע ווערק, געשאפען פון מענשען'ס הענד. איך האָב עס שטענדיג געזוכט און מיר איז געלונגען אויפצוזאמלען אייניגע ווערטהפאָלע זאכען. דאָס זיינען מיינע לעצטע עראינערונגען אָן דער ערד, וועלכע איז שוין פאר מיר טויט. אייערע מאָדערנע קינסטלער פון איצטיגען דור זיינען אין מיינע אויגען גלייך אזוי ווי זיי וואָל־טען שוין אלט געוועזן טויזענדע יאָהרען. איך פערניכטע זיי אין מיינע געדאנקען, דאָך קען איך ניט זאָגען אז זיי זיינען טויט, ווייל קינסטלער זיינען קיינמאָל ניט טויט. דער גייסט פון קינסטלער לעבט אייביג! און אזוי וויא דיא וועלט איז טויט פאר מיר, אזוי בין איך טויט פאר דער וועלט, טויט אזוי וויא אלע טויטע וועמעס ביינער עס זיינען שוין צופוילט געוואָרען אונטער בערגלאך ערד.

אין א ווינקעל פון זאאל איז געשטאנען א פראכטפאָלע ארגעל־פיאנאָ, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען קאָמפאָזיציאָנען פון דיא גרעסטע מוזיקער דער

וועלט, וויא: וועבער, ראָסיני, מאָזארט, מעערבער און אנדערע. איך האָב דיא פיאנאָ בעטראכט און זיך אָבגערופען:

— איהר בעשעפטיגט זיך וואהרשיינליך מיט מוזיק.

— יא, מיין הערר! דאָס זיינען אויך אנדענקונגען פון אמאָליגע פערשוואונדענע צייטען. דיא מוזיק־בויגענס וואָס איהר זעהט דאָ בעשטעטיגען מיינע פאָריגע ווערטער, דאָס אויף קינסטלער קען מען ניט זאָגען, אז זיי זיינען טויט.

דער קאפיטאן איז אַ היבשע ווייל שטיל געוועזן. ער איז פערבליבען זיצען פערטיעפט אין געדאנקען און איך האָב דערווייל בעטראכט דיא אנדערע טהייערע אוצרות פון זאאל. דאָרט זיינען אויך געווען זעלטענהייטען פון דער נאטור־רייך, וואָס האָבען געהאט א גרויסען ווערטה, דיא טהייערסטע מושעלען (מויער־קעפּ) און אנדערע ים־ארטיקלען, וועלכע דער קאפיטאן האָט וואהר־שיינליך אליין אויפגעזאמעלט. אין מיטען זאאל איז געשטאנען א פאָנטאן (שפּרינג־ברונען) מיט א בעקען, געמאכט פון איין ריעזען־מושעל. דער בעקען האָט געמאָסטען זעקס איילען ארום. דער גלאנץ פון דיעזעס פּראכטווערק און דיא וואסער שטראָמען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט מיט דיא שעהנסטע רעגענבויגען קאָלירען פון דיא עלעקטרישע שטראהלען, וואָס זיינען געפאלען אויף'ן פאָנטאן פון דער הויך.

אונטער גלעזערנע דעקען, איינגעפאסט אין קופּערנע ראמען זיינען געלעגען קאָסטבארע פּראָדוקטען פון ים. קיין אויג פון א נאטור־פאָרשער האָט נאָך אזעלכע וואונדערבארע זאכען ניט געזעהן. אויף יעדער געגענשטאנד איז געווען א צעטעלע מיט דיא בעשרייבונגען פון דער זאך. מיך, אלס נאטור־פאָרשער, האָבען דיא דאָזיגע זאכען זעהר אינטערעסירט און איך האָב איינפאך ניט געקענט אָבווענדען מיינע אויגען דערפון.

אָבער דאָס איז ניט אלעס וואָס דאָרט איז געווען צו זעהן. דאָרט איז אויך געווען אן אָבטהיילונג פון זאאפיטען — אזעלכע קלאסען לעבעדיגע ברואים וואָס זעהען אויס אזוי וויא פּלאנצונגען. פון דיא גרופּען פּאליפּען און עכינאָדערמען איז דאָרט געווען צו זעהן דיא מערקווירדיגסטע מוסטערען. אויך זיינען דאָרט געווען פיעלע זאָרטען מאלוסקען — ברואים וואָס ליגען אין הארטע שאָלאכץ, אזוי וויא אויסטערס א. ד. ג., וועלכע זיינען געפאנגען געוואָרען אין פערשיעדענע ימים און וואָס האָבען פאר דער וויסענשאפט א גרויסען ווערטה. אין אן אנדער פּלאץ וויעדער זיינען געלעגען גאנצע רייהען פון דיא שעהנסטע שניר פּערל, וואָס האָבען געבליצט און געבלאנקט מיט פּראכטפאָלע פערשיעדענע פארבען. איינינע פון דיעזע פּערלען זיינען געווען גרעסער וויא אן איי פון א טויב. אזא פּערל איז פיעל מעהר ווערטה וויא דער בעריהמטער פּערל וואָס דער פּערסישער שאך טראָגט אין זיין קרוין. א רייזענדער מיט'ן נאָמען

טאוורניער האָט יענעם פערל פערקויפט צום פערסישען הערשער. ער האָט פאר איהם גענומען מיליאָנען געלד, ווייל ער איז א גרויסע זעלטענהייט, און איך זעה דאָ א היבשע צאָהל אזעלכע פערל און נאָך גרעסערע און שעהנערע פון יענעם!

אויסער דיא אלע זאכען איז דאָרט אויך געווען אן אויסשטעלונג פון פער־שיעדענע זאָרטען פיש, מאנכע פון זיי אזעלכע, וואָס קיין מענש אין דער וועלט האָט ווען געזעהן און דיא וויסענשאפט ווייסט פון זיי פיליכט ניט. איך האָב זיך ניט געקענט אָבקוקען פון דיא אלע וואונדער זאכען, וואָס זיינען געווען פאר מיינע אויגען און איך האָב זיך ניט געקענט אָבוואונדערען פון דעם מאן וואָס איז אימשטאנד געווען אזעלכע אוצרות צו זאמלען.

אָבשאצען דעם ווערטה פון דיא זאמלונגען איז מיר געווען אונמעגליך. אָבער איך בין זיכער געווען, אז ווען קאפיטאן נעמאָ זאָל עס ווען פערקויפען, וואָלט מען איהם דערפאר געגעבען א סך מיליאָנען. זייענדיג אליין א פראָפע־סאָר אין א מוזעאום, האָב איך זיך שוין אויף מיין לעבען גענוג אָנגעזעהן, אָבער אזעלכע רייכטהימער, אזעלכע וואונדערזאכען איז מיר נאָך ניט אויסגעקומען צו זעהן, זאָגאר פארצושטעלען זיך אין מיין פאנטאזיע.

ווערהענד איך בין געשטאנען און געקוקט אויף דיא זאָנדערבארע מושלען און פערל, האָט דער קאפיטאן פלוצלונג אונטערבראָכען מיינע געדאנקען מיט דיעזע ווערטער:

— איהר בעטראכט מיינע מושלען און פערל, הערר פראָפעסאָר? זיי קע־נען זיכער אינטערעסירען יעדער נאטור־פאָרשער, אָבער פאר מיר האָבען זיי נאָך א בעזונדערען רייץ, ווייל איך אליין האָב זיי אויפגעזאמעלט, און עס גיבט אויף דער וועלט קיין ים, וועלכען איך האָב ניט אויסגעפאָרשט זוכענדיג דיעזע קאָסטבארקייטען.

— איך קען פערשטעהן, קאפיטאן, — האָב איך געענטפערט — וויא טהייער און בעליעבט דיא אלע זאכען זיינען ביי אייך און וויא גליקליך איהר מעגט זיך שעצען וואָס איהר בעזיצט אזעלכע אוצרות, איבערהויפט, וואָס איהר האָט זיי אליין געזאמעלט. קיין מוזעאום אין איירָאפא האָט ניט אזא זאמ־לונג פון ים־פראָדוקטען. אָבער בעוואונדערענדיג דיעזע אלע זעלטענהייטען, וואָס איך זעה צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען, בעוואונדער איך נאָך איין זאך מעהר, נעמליך — אייער שיף "נאָטילוס", אין וועלכע מיר געפינען זיך. איך וויל אפילו אין אייערע געהיימניסע ניט אריינדרינגען, דאָך מוז איך זאָגען, אז דיא אונערקלערליכע קראפט וואָס דיעזע שיף האָט אין זיך, דיא מאשינערי, וואָס ברייננט איהר אין בעוועגונג, דיא זעעלע וואָס בעלעבט דיעזען שטאָה־לענעם קערפער — דאָס אלעס רייצט אויף מיין נייגעריגקייט ביז דיא העכסטע שטופע. איך זעה אויף דיא וואנד פון דיעזען זאאל אזעלכע אינסטרומענטען

וואָס זייער בעשטימונג און געברויך איז מיר גאנץ אונבעקאַנט. איז מיר ערלויבט צו פרעגען —

— הערער אראָנאַקס! — האָט דער קאַפּיטאַן מיך אונטערבראָכען — דיא זעלבע אינסטרומענטען וועט איהר קענען זעהן אין מיין פּריוואַט צימער און איך וועל אייך מיט פערגעניגען ערקלערען צו וואָס און וויא אזוי זיי ווערען געברויכט. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אז איהר זיינט אויף מיין שיף פאָלשטענדיג פריי. איהר מעגט דארום וויסען און זעהן אלעס וואָס איהר פערלאַנגט. קומט, לאָמיר געהן אין מיין צימער און דאָרט וועלען מיר אביסעל רעדען.

מיר זיינען ביידע ארויסגעגאַנגען. דער קאַפּיטאַן האָט מיך געפיהרט דורך אן אנדער קאָרידאָר אין דעם פאָדערסטען טהייל פון שיף. מיר זיינען אריינגעקומען אין אן עלעגאַנטען צימער, וועלכער איז געוועזן אויסגעפּוצט מיט דיא שעהנסטע מעבעל, טואַלעטען, א בעט און אלערליי בעקוועמליכקייטען.

— דאָס איז אייער צימער — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. איך האָב איהם הערצליך געדאַנקט.

— אייער צימער איז דער נעכסטער פון מיינעם — האָט נעמאָ פאָרטגעזעצט עפענענדיג א צווייטע טהיר דערביי — און פון מיין צימער קען מען אריינקומען אין דעם זאַאל פון וועלכען מיר זיינען ערשט ארויסגעגאַנגען.

מיר זיינען אריינגעקומען אין קאַפּיטאַן'ס וואָהנונג, וואו קיין איבעריגע לוקסוס זאכען איז ניט געוועזן צו זעהן. קיינע פערציערונגען און בעפּוצונגען זיינען דאָרט ניט געוועזן, נור דאָס וואָס עס איז נויטווענדיג: אן אייזערנע בעט, אן ארבייטס טיש און איינינע שטיק מעבעל — דאָס אלעס.

— זיצט, הערר פּראָפעסאָר! האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — איך האָב זיך אוועקגעזעצט און ער האָט אָנגעפאַנגען זיינע ערקלערונגען.

12טעס קאַפּיטעל

דיא קראַפט פון עלעקטריציטעט

— מיין הערר! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, צייגענדיג אויף פערשיעדענע אינסטרומענטען וואָס זיינען געהאנגען אויף דיא וועגד פון צימער — דאָ האָב איך דיא אַפּאַראַטען און אינסטרומענטען, וועלכע זיינען מיר נויטיג צו טרייבען מיין שיף. איך האָב זיי דאָ, גראַדע וויא אין מיין מוזעאום. איך האַלט זיי שטענדיג פאַר מיינע אויגען, אום איך זאָל צו יעדע צייט קענען ריכטיג וויסען, וואו איך געפין זיך אין מיטען ים און נאָך וועלכע ריכטונג איך פאָהר. איינינע פון דיעזע אינסטרומענטען זיינען אייך וואהרשיינליך בעקאַנט. דער טהערמאָמעטער, וואָס צייגט דיא טעמפּעראַטור, דיא גראַדען פון היץ און פון קעלט אין דער "נאַטילוס"; דער באַראָמעטער, וועלכער

ציינט דאָס געוויכט פון דער לופט און זאָגט אָן דיא ענדערונג פון וועטער; דער היגאָמעטער, וואָס ווייזט וויפיעל פייכטקייט עס געפינט זיך אין דער לופט; דאָס וועטער־גלאָז, וואָס גיט צו וויסען ווען א שטורם קומט; דער קאָמ־פאס, וועלכער ציינט דיא ריכטונג וואוהין מען זאָל פאָהרען; דער סעקסטאַנט, אן אינסטרומענט וואָס בעשטימט דיא הויכקייט פון דער זונן; דער כראָנאָ־מעטער, דורך וועלכען איך מעסט דיא צייט, און דיא טאָג און נאכט ספאַק־טיוועז, וואָס דיענען מיר צו בעטראכטען דאָס מעער גאנץ ווייט, ווען דיא "נאָטילוס" שווימט אין דער הויך אויף'ן וואסער.

— דאָס זיינען געוועהנליכע אינסטרומענטען, וועלכע אלע ים־רייזענדע בענוצען — האָב איך זיך אָבגערופען — זייער געברויך איז מיר גאנץ גוט בע־קאנט. אָבער איך זעה דאָ אנדערע כלים און אינסטרומענטען, וועלכע זיינען מיר אונבעקאנט און וואָס דיענען וואהרשיינליך בלויז פאר דיא "נאָטילוס" אלס אונטערוואסערדיגע שיף. דיא ציפער־בלאט מיט דעם ווייזער וואָס לויפט אויף איהר אום איז דאָך געוויס א זארט מאָנאָמעטער?

— יא, דאָס איז א מאָנאָמעטער. דיעזער אינסטרומענט ציינט וויא שווער דער דרוק פון דאָס וואסער איז און דאדורך קען איך צו יעדער צייט וויסען וויא טיעף דיא שיף געפינט זיך אין וואסער.

— און וואָס זיינען דיעזע אינסטרומענטען, פון וועלכע איך האָב קיין בעגריעף צו וואָס מען קען זיי געברויכען?

— דאָ, העררר פראָפעסאָר! — האָט דער קאפיטאן געענטפערט — מוז איך אייך אביסעל ערקלערען. ווילט איהר אזוי גוט זיין און אויסהערען מיך?

ער האָט א ווײלע געשוויגען און דאן ווידער אָנגעפאנגען:

— איך האָב אויף מיין שיף א שטארקע, שנעלע, פאָלגזאמע און זעהר ניצ־ליכע קראפט. זיא גיבט מיר אלעס וואָס איך דארף, בעלייכטעט, ערווארעמט און ברייננט דיא מאשינערי און בעוועגונג. קורץ, זיא איז דיא איינציגע לע־בענס־קראפט פון מיין "נאָטילוס". איהר נאָמען איז "עלעקטריציטעט"!

— עלעקטריציטעט? — האָב איך איבערראשענד אויסגערופען.

— יא, מיין העררר! — האָט נעמאָ געענטפערט.

— אָבער וויא ווייט איך האָב בעמערקט דיא שנעלקייט פון אייער שיף — האָב איך געזאָגט — קען דיא קראפט פון עלעקטריציטעט דאָס ניט בעווייזען. אלע ענטדעקונגען וואָס זיינען ביז יעצט מיט דיעזען שטאָף געמאכט געוואָרען, האָבען נאָך אזעלכע שנעלע ווירקונגען ניט בעוויזען.

— פראָפעסאָר! האָט דער קאפיטאן ערווידערט — מיין עלעקטריציטעט איז ניט דער זעלבער פון וועלכען יעדער איינער ווייס. איך געברויך גאָר אן אנדער מין עלעקטריציטעט.

— אָבער, מיין העררר, איך מוז אלץ בלייבען ביי מיין ערשטוינען. ערלויבט

מיר נור איין איינציגע פראגע צו שטעלען, און אויב מיין פראגע איז ניט פאסענד, וועל איך צו אייך גאר ניט האבען, אויב איהר וועט מיר קיין אנטווארט געבען. וואו נעהמט איהר אייגענטליך דיא שטאפען און מאטעריאלען, וועלכע מען מוז האבען ארויסצובריינגען עלעקטריציטעט, וויבאלד אז איהר האט קיין פערבינדונג מיט דער ערד? וואו בעקומט איהר, צום ביישפיעל, צינק, וואס ווערט דערצו געברויכט?

— איך וועל אייך ערקלערען, צוערשט וועל איך אייך זאגען, אז אויף'ן גרונד פון ים געפינט איהר ניט נור צינק, זאנדערען גאנצע מינעס פון פערשיעדענע מעטאלען, וויא אייזען, גאלד, זילבער און פיעלע אנדערע מעטאלען זיינען דארט פאראן לרוב. מען קען זיי דארט גאנץ לייכט זאמלען, פיעל לייכטער איידער ארויסציהען זיי פון דער ערד. אבער איך געברויך דיעזע מעטאלען ניט. אום מיין עלעקטריציטעט צו בעקומען האב איך א פיעל בעסערען און פראקטישערען מיטעל. איך דארף זיך זאגאר ניט ארונטערלאזען אויף'ן גרונד פון ים צו זוכען איהם, ווייל איך קריג איהם צו יעדער צייט אהן שווערע מאטערנים און מיה.

— פון וואס בעשטעהט אייער מיטעל, אויב מיר איז ערלויבט עם צו פרעגען?

— פון וואסער פון ים! — האט דער מערקווירדיגער מענש געענטפערט מיט בעגייסטערונג — איהר וויסט דאך וואהרשיינליך, אז אין ים וואסער געפינען זיך פערשיעדענע כעמישע שטאפען, וויא צום ביישפיעל: כלאר־סאדיום, כלאר־מאגנעזיום, זאלץ־זויערע קאלי, בראם־מאגנעזיום, שוועפעל־זויערע און קאהלען־זויערע פון קאלך. כלאר־סאדא ענטהאלט דאס וואסער א גרעסערען פראצענט וויא דיא איבעריגע שטאפען און פון דיעזען שטאף ציה איך דאס נויטיגע צו מיין עלעקטריציטעט.

— כלאר־סאדא? — האב איך ערשטוינט געפרעגט.

— גאנץ געוויס, מיין העדר! איך מיש עס מיט קוועק־זילבער און איך האב אן עלעמענט וואס איז פארטרעפליך פאר מיין ציעל. קוועק־זילבער נוצט זיך ניט אויס, נור דיא כלאר־סאדא ווערט פערברויכט, און דאס בעקום איך פיעל איך דארף פון ים. איך וויל אייך אבער נאך א זאך בעמערקען, אז דער עלעקטריציטעט וואס איך בעקום ארוים פון דיעזען שטאף איז צוויי מאל אזוי שטארק וויא דער וואס מען בעקומט ארוים פון דיא געוועהנליכע מאטעריאלען.

— זעהר גוט, קאפיטאן! איך פערשטעה אייך. אבער מיך וואונדערט זעהר וויא אזוי קריגט איהר ארוים דיא סאדא פון וואסער? וויא אזוי מאכט איהר עס? איהר מוזט דאך פיעל היץ האבען, אום ארויסצוציהען דיא סאדא פון וואסער און וואו נעהמט איהר דיא דאזיגע היץ? אויב איהר מאכט דיעזען פראצעס דורך דיא היץ פון עלעקטריציטעט, דענק איך, אז איהר מוזט דערביי מעהר עלעקטריציטעט פערברויכען, וויפיעל סאדא איהר קענט געווינען.

— הערר פראָפעסאָר, איך פערשווענד קיין עלעקטריציטעט אום דיא כלאָראָ־סאָדא פון וואסער צו בעקומען. איך מאַך עס איינפאַך מיט דיא היץ פון שטיין־קאָהלען.

— שטיין־קאָהלען, דאָ אין מיטען ים?

— רופט עס ים־קאָהלען!

— עס הייסט אלזאָ, אז איהר נעהמט קאָהלען פון דיא מינעס וואָס געפינען זיך אונטער'ן גרונד פון ים?

— הערר אראָנאקס, איהר וועט מיט דער צייט זעהן דורך וועלכע מיטעל איך מאַך דאָס. האָט געדולד אוןווארט. פאָרלויפיג איז פאַר אייך גענוג צו וויסען, אז איך דארף צו דער טרוקענער ערד מיט קיין זאַך ניט אָנקומען, ווייל אלעס גיבט מיר דער ים. ווארעמקייט, ליכט, בעוועגונג און אלעס וואָס איך געברויך, קורץ — דאָס גאנצע לעבען.

—-אָבער ניט קיין לופט צו אָטהעמען! — האָב איך זיך אָבגערופען.

— דאָס איז פון דיא קליינע זאכען! — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט

— איהר ווייסט דאָך, הערר פראָפעסאָר, אז לופט קען מען אימער פאַבריצירען פון געוויסע כעמישע שטאָפען, אָבער מיר איז עס ניט נויטיג, דען איך קען צו יעדע צייט ארויפשטייגען אין דער הויך אויף'ן וואסער און אָנשעפּען פרישע לופט, דאָך האָב איך אין דיעזער הינזיכט אויך נוצען פון עלעקטריציטעט. איך האָב דאָ אויף מיין שיף גרויסע פּומפּען, וועלכע ווערען געטריבען פון עלעקטריציטעט: דיעזע פּומפּען פּרעסען צוזאמען פיעל לופט אין פעסט און ענג פערמאכטע קאסטענס און מיר האָבען שטענדיג א גרויסען זאַפּאַס פון לופט, אום מיר זאָלען קענען פערבלייבען אונטער'ן וואסער א לענגערע צייט.

— קאַפּיטאַן! — האָב איך אויסגערופען — אייערע ערקלערונגען זיינען ווירקליך איבערראשענד. איך זעה אז איהר האָט ענטדעקט אזעלכע זאכען, וואָס מענשען וועלען נאָך דארפען לאנג ארבייטען ביז זיי וועלען עס דערגעהן.

— איך ווייס ניט, אויב זיי וועלען עס דערגעהן! — האָט דער קאַפּיטאַן מיט א קאלטע מינע געענטפערט — נור וויא דיא זאַך איז, האָט איהר ערשט א פאָלשטענדיגען בעגריף וועגען דיא קראפט וואָס ווערט אויף דער "נאָטילוס" אָנגעווענדעט. דאָס לעבען פון מיין שיף ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען און שטענדיג קען זיא זיך אזוי בעוועגען און שטענדיג קענען מיר אין איהר פערבלייבען און געניסען דיא בעסטע בעקוועמליכקייטען, וועלכע מען קען אויף דער הארטער ערד ניט בעקומען.

— אצינד — האָט דער קאַפּיטאַן פאָרטגעזעצט נאָך א קורצען שטיל־שווייגען — בעטראכט נור דיעזען זייגער. ער איז אויך עלעקטריש און דורך דיעזע קראפט געהט ער אזוי רעגעלמעסיג, אז קיין כראָנאָמעטער אין דער וועלט קען זיך מיט איהם ניט פערגלייכען. איך האָב איהם איינגעטהיילט,

נאָכ'ן איטאַליענישען סיסטעם, אין 24 שטונדען, ניט אין 12, אזוי וויא דיא געוועהנליכע זייגערס, ווייל פאר מיר איז קיין אונטערשיעד ווען עס איז נאכט און ווען עס איז טאָג; איך דארף ניט וויסען ווען דיא זונן געוועלטיגט און ווען דיא לבנה נעהמט איבער דיא הערשאפט. מיין אייגענע עלעקטרישע בעלייכ־טונג מאכט מיר ליכטיג בייטאָג אזוי גוט וויא ביינאכט. איך דארף בלויז וויסען דיא מעת לעת'ן און דאָס צייגט מיר מיין זייגער זעהר גוט. זעהט איהר? ערשט איז צעהן דער זייגער אין דער פריה.

— יא, גאנץ ריכטיג.

— דאָ האָב איך נאָך אן עלעקטרישען אינסטרומענט, וואָס איז מיר העכסט נויטיג. זעהט איהר דיא ציפער־בלאַט וואָס שטעהט פאר אונזערע אויגען? דאָס ווייזט מיר צו יעדע צייט וויא שנעל דיא "נאַטילוס" פאָהרט. אן עלעקטרישער דראָט ברענגט איהר אין פערבינדונג מיט דער שרובע און דער ווייזער צייגט וויא שנעל דיא שיף לויפט. יעצט פאָהרען מיר מיט דיא מעסיגע געשווינדקייט פון פופצעהן מייל א שטונדע.

— וואונדערבאר, העכסט וואונדערבאר! איך זעה, קאפיטאן, אז ווען מענשען אויף דער ערד וואָלטען אזוי פיעל געוואוסט אויסצונוצען דיא קראפט פון עלעקטריציטעט, וואָלטען זיי דערפון מעהר נוצען געהאט וויא פון ווינד, וואַסער און דאמפף.

— מיר זיינען נאָך ניט פערטיג, הערר אראָנאקס! — האָט קאפיטאן נעמאָ געזאָגט אויפהויבענדיג זיך — אויב איהר האָט חשק יעצט צו געהן מיט מיר, וועל איך אייך צייגען דאָס הינטערשטע טהייל פון שיף.

אין דיא ריכטיגקייט האָב איך ביז ערשט בלויז דאָס פאָדערטהייל פון דיעזער אונטערוואסערדיגער שיף געזעהן. דיא אלע צימערען וואָס זיינען שוין אויבען בעשריבען, צורעכענענדיג דערצו א גרויסען רעזערוואואר פאר געפּרעסטע לופט און דיא וואסער־זיכערע ווענד און טהירען וואָס זיינען געשטאנען צווי־שען איין צימער און דעם אנדערען און האָבען פערנומען א היבשען פּלאַץ, איז בלויז געווען דער פאָדערטהייל פון דער "נאַטילוס" און עס האָט פערנומען 105 פוס דיא לענג. דיא שיף איז אָבער געווען פיעל מעהר וויא צוויי מאָל אזוי פיעל לאנג און איך האָב נאָך דיא גרעסערע העלפט אלזאָ ניט געזעהן. דיא טהירען פון דיא וואסער־זיכערע ווענד זיינען דורך אזעלכע ראָבער (גומי) אינ־סטרומענטען אזוי פעסט און שטייף פערמאכט געוואָרען, אז קיין טראָפּען וואסער האָט דורך זיי ניט געקענט דורכדרינגען. דאָס איז געמאכט געוואָרען אלס בע־וואָהרעניס, אז קיין וואסער זאָל ניט אריינדרינגען אין א צווייטען צימער אין פאל, ווען אין איין צימער זאָל אריינקומען וואסער.

איך בין מיט קאפיטאן נעמאָ געגאנגען דורך דעם קאָרידאָר פון פאָדערס־טען טהייל, ביז מיר זיינען געקומען צום מיטעל־פונקט פון שיף, דאָרט האָב איך

צווישען צוויי וואסער־זיכערע ווענד דערזעהן אן אייזערנעם לייטער, וואס האט געפיהרט ארויף צום דעק. איך האב געפרעגט דעם קאפיטאן, צו וואס דיעזער לייטער ווערט בענוצט.

— דיעזער לייטער — האט דער קאפיטאן געזאגט — פיהרט צו א קליינע שיפעל.

— וויא? — האב איך פערוואונדערט געפרעגט — איהר האט אויף דער "נאטילוס" א קליינע שיפעל אויך?

— געוויס! און אן אויסגעצייכענטע, לייכטע און זיכערע שיפעל! מיר בענוצען זיא צו פאהרען שפאציערען אדער צו פאנגען פיש.

— אבער אויף אזא אופן מוזט איהר דאך מיט דער "נאטילוס" ארויפ־שטייגען פון אויבען אויף דער אבערפלעכע פון ים, אום אריינצוזעצען זיך אין שיפעל.

— ניין, נימ נויטיג! דאס שיפעל געפינט זיך אויבען אין א בעזונדער פערמאכטען צימער אונטער׳ן דעק. דער צימער איז ארומרינגעלט מיט וואסער־זיכערע ווענד. איך קום אריין אין יענעם צימער און שליס הינטער זיך דיא אינוועניגסטע טהיר. דאס שיפעל זעלבסט איז אויך ענג פערמאכט פון אלע זייטען אזוי, אז קיין טראפען וואסער זאל אין איהר נימ קענען אריינדרינגען. ווען איך געה אריין אין שיפעל און איך פערמאך פעסט דיא טהיר, גיב איך א געוויסען צייכען דורך אן עלעקטרישען דראט און מיינע לייטע עפענען מיט אן אינוויינינסטע שרובע דעם אויסערען דעק און מיין שיפעל שיסט ארויף אין דער הויך אזוי וויא א פייל פון בויגען. איהר ווייסט דאך, אז יעדער קערפער וואס ענטהאלט אין זיך לופט ווערט פון וואסער דרוק גע־טריבען ארויף, און דארום שטייג איך ארויף אויגענבליקליך פון דיא גרעסטע טיעפענים. קומענדיג פון אויבען אויף דער אבערפלעכע פון ים, נעהם איך ארונטער דעם צודעק פון שיפעל, שטעל אן דיא זעגלען מיט׳ן רודער און איך לאז זיא שווימען וואו איך וויל.

— אבער וויא אזוי קומט איהר צוריק צו דער "נאטילוס"?

— איך קום נימ צו איהר, העדר ארנאקס, נור זיא קומט צו מיר.

— וויא אזוי?

— אויף מיין ארדער.

— אויף אייער ארדער?

— יא! אן עלעקטרישער דראט האלט שטענדיג דאס שיפעל אין פערבינ־דונג מיט דער גרויסער שיף און איך קען שטענדיג שיקען מיינע בעפעהלע דורך אזא מין טעלעגראמע.

— ווירקליך? — האב איך העכסט ענטציקט אויסגערופען — דאס איז דאך אזוי איינפאך, אז איינפאכער קען גאר נימ זיין.

פערבייגעהענדיג ווייטער, האָב איך געזעהן אין א בעזונדערע קליינע קאיוטע מיין דיענער קאָנסייל און נעד לענד, וועלכע זיינען געזעסען און גענגע־סען זייער מאָהלצייט מיט'ן גרעסטען אפעטיט. פון דאָרט האָט זיך געעפענט א טהיר אין קיך, וועלכע איז געווען ניין פוס לאנג. דיא קיך איז געשטאנען צווי־שען צוויי שפייז־קאמערען. דאָרט האָב איך געזעהן וויא דיא עלעקטריציטעט ערפילט אלע ארבייט וואָס זיינען נויטיג צום קאָכען. דיא דראָטען, וועלכע האָבען זיך געצויגען אונטער'ן אויווען, האָבען דערהיצט אזעלכע רעהרען אין וועלכע דיא ווארימקייט האלט זיך לאנג און רעגעלמעסיג. דיא עלעקטריק האָט אויך געווארעמט דיסטילאציאָן־אפאראטען, וועלכע האָבען דיסטילירט דאָס וואסער פון ים, ארויסגעצויגען דיא זאלצען און פערשיעדענע בעמישע שטאָפען און געמאכט דערפון פאָרטרעפליכעס געשמאקעס וואסער צום טרינקען און צום קאָכען. פון קיך האָט מיך דער קאפיטאן ארייגעפיהרט אין א באדע צימער, מיט הייסע און קאלטע וואסער און מיט אלע בעקוועמליכקייטען, וואָס א באדע צימער אין דער רייכסטער הויז קען האָבען.

ביים קיך איז געווען נאָך א גרויסער צימער, אין וועלכען דיא מאנשאפט פון שיף האָבען געוואָהנט און געשלאָפען. אָבער איך האָב ניט געהאט דיא געלעגענהייט אריינצוקומען אינווייניג, ווייל דיא טהיר איז געווען פערשלאָסען און איך האָב דארום ניט געקענט וויסען וויפיעל מענשען אויף דער "נאָטילוס" געפינען זיך.

א וואסער־זיכערע וואנד האָט זיך געצויגען צווישען דיעזען צימער און דאָס מאשינען־צימער. עס האָט זיך געעפענט א טהיר און איך בין אריינגע־קומען אין יענעם צימער, וואו עס איז געלעגען דער הויפט לעבען, דיא נשמה פון דער מערקווירדיגער שיף. יענער צימער איז געווען מעהר וויא זעכציג פוס לאנג, אלזאָ דער גרעסטער צימער פון שיף. דאָרט זיינען געווען צוויי בעזונדערע אָבטהיילונגען. אין איין אָבטהיילונג האָט מען פאבריצירט דיא עלעקטריציטעט און אין צווייטע זיינען געווען דיא מעכאנישע איינריכטונגען און אינסטרו־מענטען, דורך וועלכע דיא "נאָטילוס" איז געטריבען געוואָרען. איך האָב אלעס אויפמערקזאם בעטראכט, ווייל איך האָב געוואָלט וויסען וויא אזוי דיא מאשינערי ארבייט.

ווערענד איך האָב מיט גרויס אינטערעס בעטראכט דיא עלעקטרישע מאשינערי, האָט דער קאפיטאן צו מיר געזאָגט:

— וויא איהר זעהט, בענוץ איך דיא עלעמענטען וואָס זיינען ענטדעקט געוואָרען פון דעם בעמיקער בונזען, ווייל זיי זיינען פיעל בעסער און שטארקער וויא דיא וואָס ווערען געוועהנליך געברויכט נאָך רוהמקאָרף'ס סיסטעמע. מען קען דיא עלעקטרישע מאשינע אָנשטעלען וויא מען וויל, שטארקער אָדער שוואכער און טרייבען דיא שיף שנעלער אָדער לאנגזאמער. דיא העכסטע

קראפט פון מיין עלעקטריציטעט קען מאכען דעם גרויסען ראַד ארומצודרעהען זיך 120 מאָל אין א סעקונדע.

— און וויא שנעל לויפט דאן אייער שיף?

— פופציג מייל א שטונדע.

— קאפיטאן נעמאָ! — האָב איך צו איהם געזאָגט — איך קוק מיט גרויס בעוואונדערונג אויף אלעס וואָס דאָ טהוט זיך, אָבער וויא אזוי דאָס ווערט געטהאָן, קען איך נאָך אלץ ניט בעגרייפען. שטעהענדיג אויף'ן דעק פון דער "אייבערהעם לינקאָלן" האָב איך געזעהן וויא אייער שיף מאנעווירט און איך האָב שוין געקענט משער זיין וויא שנעל זיא איז. איך פערשטעה, אז אן אונגעהייער שטארקער עלעקטרישער שטראָם טרייבט דיא שרובע פון דער "נאָטילוס", אָבער דאָס אליין איז דאָך ניט גענוג. איהר מוזט דאָך אויך קענען זיא קירעווענען רעכטס און לינקס און זיך ארונטערלאָזען און צוריק ארויפ־שווימען אויבען. וויא אזוי קענט איהר דערגרייכען דיא גרויסע טיעפענים פון ים, וואו דער דרוק איז אפשר אזוי שטארק אזוי וויא פון הונדערט אטמאָס־פערעס? וויא אזוי און מיט וואָס אופן פאר אן שווימט איהר צוריק ארויף? און וויא אזוי פערבלייבט איהר שטעהן אין מיטען פון דיא טיעפענים פון ים? פרעג איך צופיעל?

— ניין, הערר פראָפעסאָר! — האָט דער קאפיטאן געענטפערט נאָך א קורצען בעדענקען זיך — יעדענפאלס געהט איהר נאָך ניט ארונטער פון דיעזער שיף. איהר וועט דאָך דאָ נאָך פערבלייבען א שטיקעל צייט. קומט מיט מיר אין זאאל און דאָרט וועל איך אייך ערקלערען אלעס וואָס איהר ווילט וועגען דער "נאָטילוס" וויסען.

13טעם קאפיטעל

קאַפּיטאַן נעמאָ'ס חשבונות

א קורצע ווייל נאָכדעם זיינען מיר געזעסען בעקוועם אויף א דיוואן אין זאאל און גערויכט אונזערע סיגארען. דער קאפיטאן האָט מיר אין דער זעלבער צייט געצייגט דיא פּלאנען און צייכנונגען נאָך וועלכע דיא "נאָטילוס" איז געבויט געוואָרען. דאן האָט ער אָנגעפאנגען:

— אצינד, הערר ארנאַקס, וועל איך אייך געבען מעהר אויסקינפטע וועגען דער שיף, אויף וועלכע מיר געפינען זיך, און אלע קשיות וואָס איהר פרעגט וועלען פערענטפערט ווערען.

— דיא "נאָטילוס" איז געבויט אין דער פאָרמע פון א לאנגען סילינדער, פון וועלכען בײדע זייטען זיינען אָבגעשפּיצט. דיעזע פאָרמע איז אָנגענומען פאר'ן געבוי פון שיפען, ווייל דאָס מאכט דער שיף לייכטער דורכצושניידען

א וועג אין וואסער. דיא לענג פון מיין שיף איז 232 פוס און דיא ברייט — 26 פוס. עס הייסט אלזא אז דער שטח פון איהר פערנעהמט 6032 קוואדראט פוס. מעסטענדיג דיא הויך אויך ענטהאלט זיא 45,000 קוביק פוס. דיא וואג פון דער "נאטילוס" איז 1500 טאן.

— ווען איך האב געמאכט דיא פלאנען פאר דיזער אונטערוואסערדיגער שיף, האב איך געוואלט אז זיא זאל ביי איהר געוועהנליכע האלטונג שטעהן ניין חלקים אין וואסער און איין צעהנטעל פון איהר קערפער זאל זיין אויבען, איבער דיא אבערפלעכע פון ים. איך האב דעריבער אזוי אויסגעמאסטען און אויסגעוואויגען, אז עס זאל שטימען פונקט נאך מיין פערלאנג.

— דיא "נאטילוס" איז א דאפעל־שיף. אין איהר אויסערליכען קערפער איז אריינגעשטעלט נאך איינער, אן אינערליכער, וועלכער איז צוזאמענגע־שלאסען מיט'ן אויסערליכען מיט שטארקע, דויערהאפטע קלאמערס. דיא וועגד פון דער שיף זיינען געמאכט פון שטארקען, געדיכטען שטאהל און זיינען שטארק גענוג איבערצוטראגען דעם דרוק פון וואסער אין דיא טיעפענים פון ים. דיא אויסערליכע וועגד זיינען צוויי און א האלב אינטש דיק און דיא אינער־ליכע זיינען נאך פיעל דיקער. אויסער דעם זיינען דיא וועגד און דער אויי־בערשטער און אונטערשטער דעק גלייך אין אלע הינזיכטען, אין דיא דיק פון דיא פלאטען, אין וואג און אין דיא אייגענשאפט פון דעם מאטעריאל. דאס גלייכגעוויכט מאכט אלזא, אז דער דרוק פון וואסער זאל אויף אלע זייטען האבען דיא זעלבע ווירקונג און דאס מאכט דעם דרוק אונשעדליך. פאלגליך, קען איך זיך מיט מיין שיף ארונטערלאזען וויא טיעף עס זאל ניט זיין און זיא וועט אליין וויעדערשטעהן דעם דרוק פון דיא וואסער. אצינד ווילט איהר וויסען, וויא אזוי איך לאז דיא "נאטילוס" ארונטער און וויא אזוי איך הויב זיא אויף? איך וועל עס אייך ערקלערען.

דער קאפיטאן האט זיך א ביסעל אבגערוהט, דאן האט ער פארטגעזעצט:

— איך האב אייך שוין ערקלערט, אז דער געוועהנליכער שטאנד פון מיין שיף איז מיט א צעהנטעל פון איהר קערפער איבער'ן וואסער. דיא שיף וועגט 1500 טאן, הייסט עס אלזא אז 150 טאן פערבלייבט אויף דער אבער־פלעכע פון ים. אצינד, אז איך וויל זיא ארונטערלאזען ביז'ן אויבערשטען דעק אין וואסער, מוז איך אין שיף צוגעבען 150 טאן משא. צו דיזען צוועק איז געמאכט געווארען דער אינערליכער בעזאנדערער טהייל פון דער שיף, וואס איך האב אייך פריהער געזאגט. דארט האב איך גרויסע רעזערוואוארס אדער וואסער־בעהאלטער, אין וועלכע איך לאז אן וואסער דורך גרויסע קראנען וואס געפינען זיך אין דיא וועגד. אין דיא רעזערוואוארס זיינען פאראן נומע־רען, וועלכע צייגען מיר, וויפיעל טאן וואסער זיי ענטהאלטען. ווען איך וויל, צום ביישפיעל, ארונטערלאזען דיא שיף אזוי, אז מען זאל זיא פון אויבען

ניט זעהן, לאָז איך אַן 150 טאָן וואסער און ווען איך וויל זיא זינקען טיעפער, לאָז איך אריין מעהר וואסער.

— גוט, קאפיטאן! — האָב איך זיך אָבגערופען — איך פערשטעה אָבער אלץ ניט, וויא אזוי איהר קענט זיך ארונטערלאָזען גאנץ טיעף אין ים? ווען איהר קומט ארונטער, לאָמיר זאָגען, דרייסיג פוס טיעף אונטער'ן וואסער, האָט איהר דאָרט דעם דרוק פון איין אטמאָספערע, וואָס מאכט אויס פופצעהן פונט אויף יעדער סקוועער אינטש. טרייבט ניט דיעזער דרוק דיא שיף אויף צוריק אין דער הויך? איז אייך גענוג דיא פּראָפּאָרציאָן וואָג וואָס איהר האָט אויסגערעכענט צו מאכען אייער שיף זינקען אין דיא טיעפענים? מיר דאכט, אז אום ווידערצושטעהן דעם דרוק אין דיא טיעפענים האָט איהר דיא גאנצע שיף געדארפט אָנפילען מיט וואסער.

— ענטשולדיגט, הערר פּראָפעסאָר! — האָט זיך נעמאָ אָבגערופען — איהר האָט א גרויסען טעות, ווען איהר מישט צוזאמען סטעטיקס (דיא לעהרע פון גלייכגעוויכט) מיט דאינעמיקס (דיא קראפט־לעהרע). איהר פערגעסט גאָר, הערר אראָנאקס, אז עס איז א געזעץ פון דער נאטור, דאָס יעדער קערפּער ציהט ארונטער. נאטירליך, ווען דער געגענשטאנד איז שווערער איז דיא קראפט צו זינקען פאר איהם שטארקער. איהר מוזט אויך געדענקען, אז דאָס וואסער איבער מיין שיף שפּארט זיא אויף ארונטער. דאָס וואסער וואָס ליגט אויבען אויף איהר דעק פּרעסט איהר און דיא נאטור אליין טרייבט איהר אויך אלץ ניעדעריגער. היינט בערעכענט דיעזעביידע קרעפטע און איהר וועט גאנץ לייכט אויסגעפינען, אז אום צו זינקען דיא "נאָטילוס" טיעף, ברויך איך גאָר ניט אזוי פיעל משא וויא צו לאָזען איהר זינקען אויף דער צעהנטעל, וואָס שטעקט ארויס פון וואסער. וואָס דיא שיף געהט ארונטער ניעדעריגער, אלץ וויניגער געוויכט ברויכט מען, לויט דיא פּראָפּאָרציאָן צו צוגעבען, אום ארונ־טערצולאָזען זיא וויטער, ווייל וואָס מעהר וואסער זיא האָט אויף זיך, אלץ לייכטער זינקט זיא. איהר קענט שוין אלזאָ לייכט איבערצייגט זיין, אז איך ברויך ניט אזוי פיעל משא וויא איהר דענקט, און ווען אפילו איך זאָל עס יא מוזען האָבען, וואָלט אויך קיין מניעה ניט געווען, ווייל איך האָב צו יעדע צייט דיא מעגליכקייט ארייצולאָזען אין מיינע וואסער־בעהעלטער הונדערטע טאָנען וואסער אין א מינוט.

— זעהר גוט, הערר קאפיטאן! — האָב איך געזאָגט — אצינד פערשטעה איך שוין, וויא אזוי איהר קענט זיך האלטען אין יעדע שיכטע וואסער און וויא אזוי איהר קענט זיך ארונטערלאָזען טיעפער. אָבער ערלויבט מיר אצינד פרעגען: וויא אזוי הויבט איהר זיך אויף צוריק?

— גאנץ איינפאך! — האָט נעמאָ געענטפערט — אין דיא וואסער־בעהאלטערס האָב איך פּומפּען, מיט וועלכע איך פּומפּע ארויס דאָס וואסער

צוריק אין מעער. איך האב איך שוין פריהער ערקלערט, אז אין דיא רעזער־וואוארען זיינען פאראן נומערען, וועלכע צייגען מיר וויפיעל טאנען וואסער איך האב אין זיי, און ווען איך וויל דיא שיף אויפהויבען אויף א געוויסע שטרעקע, ווייס איך גענוי וויפיעל וואסער ארויסצולאזען, אום צו מאכען דיא שיף לייכטער. וויל איך זיך אויפהויבען גאר אין דער הויך, פומפע איך אויס דאס גאנצע וואסער.

— אבער דאס איז מיר אונפערשטענדליך! — האב איך זיך אבגערופען — ווען איהר געפינט זיך צום ביישפיעל דריי טויזענד פוס טיעף אין וואסער, דאן מוזען דיא וועגד פון דער "נאטילוס" אויסהאלטען דעם דרוק פון אומגעפעהר הונדערט אטמאספערעס, דאס הייסט דיא פרעסונג פון 1500 פונט אויף יעדער קוואדראט אינטש. מילא, דיא שיף אליין, האט איהר מיר שוין ערקלערט, האט בכח עס איבערצוטראגען, אבער וויא אזוי קענען אייערע פומפען טרייבען דאס וואסער פון דיא רעזערוואוארען געגען אזא מעכטיגער קראפט? מען דארף דאך דערצו האבען א קראפט פון —

— איהר פערשפארט צו רעכענען! — האט מיך נעמא פערכאפט — איהר ווייסט ניט, הערר פראפעסאר, דיא קראפט פון מיין עלעקטריציטעט, וואס איז אימשטאנד נאך פיעל גרעסערע גבורות צו בעווייזען. דיא קראפט פון מיינע מאשינען זיינען אונבעגרענעצט. איהר, זייענדיג אויף דער "אייברעהעם לינקאלן" האט דאך געמוזט שפירען מיט וואס פאר א קראפט דיא "נאטילוס" שיסט איהרע וואסער שטראמען. איבריגענס, בענוץ איך זעהר זעלטען דיא רעזערוואוארס מיט דיא פומפען, סיידען ווען איך וויל זיך ארונטערלאזען אויף עטליכע מייל טיעף, דאן פיל איך אן דיא וואסער־בעהאלטערס און איך ווענד אן דיא מיטלען וואס איך האב אייך ערקלערט; ווען אבער איך וויל זיך ניט ארונטערלאזען אזוי טיעף, האב איך אנדערע מיטעל, דורך וועלכע איך פיהר עס דורך.

— וואס נאך פאר א מיטעל האט איהר, הערר קאפיטאן? — האב איך נייגעריג געפרעגט.

— איך וועל עס אייך ערקלערען — האט נעמא גוטמוטהיג געענטפערט — מיין שיף האט, אזוי וויא אנדערע שיפען, א רודער, דורך וועלכען מען קירעוועט זיא רעכטס אדער לינקס, אדער מען לאזט איהר געהן אין א גלייכע ריכטונג. אבער דער רודער איז אזוי איינגעריכטעט, אז מען קען דורך איהם ארונטערלאזען דיא שיף אונטער'ן וואסער און אויך אויפהויבען זיא ארויף. איך קען מיין "נאטילוס" קירעווען אקוראט וויא מען קירעוועט א באלון, אז איך וויל הויב איך זיא אויף און אז איך וויל לאז איך זיא ארונטער.

— בראווא, קאפיטאן! — האב איך העכסט ענטציקט אויסגערופען — אציגד ווייס איך שוין כמעט אלע געהיימניסע פון מיין געמיינטען לעבעדיגען

לויתן. אָבער יעצט ערקלערט מיר נאָך א זאך: וויא אזוי קען דער שטייערמאַן, דער מאַן וואָס פיהרט דעם רודער, זייענדיג אין דער פינסטער אין מיטען וואסער, זעהן וויא צו רודערען דיא שיף וואוהין איהר הייסט איהם?

— וויא אזוי דער שטייערמאַן קען זעהן? — האָט דער קאפיטאַן האלב סארקאסטיש געענטפערט — ער איז דאָך ניט קיין בלינדער!

— אָהן שפּאַס, הערר קאפּיטאַן, איך קען דאָך ניט פערשטעהן וויא אזוי מען קען עפּעס זעהן זייענדיג אין דיא טיעפענים פון ים!

— דער שטייערמאַן — האָט נעמאָ געלאסען געענטפערט — האָט א בעזאָנדערע ליכטיגע שטיבעל מיט פענסטער, דורך וועלכע ער קען לייכט זעהן וואָס אויסער דער שיף מהוט זיך, אזוי גוט וויא מען קען עס זעהן אין דער הויך אויף'ן ים.

— פענסטער? — האָב איך זיך געוואונדערט — איז דען מעגליך, אז גלאָז זאָל אויסהאלטען אזא וואסער דרוק?

— ווארום ניט? א גלאָז, וועלכע מען קען גאנץ לייכט צוברעכען איז אין דיעזער הינזיכט גאנץ שטארק. גלאָז האָט אזא מין נאטור אייגענשאפט, אז מיט א האלב־פונטיגען שטיינדעל קען מען עס צושמעטערען, און א וואסער־דרוק קען עס איבערטראָגען גאָר א שטארקען. ביי דיא וויסענשאפטליכע פּישע־ריי פּראָבען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען אין יאָהר 1864, איז בעוויזען געוואָרען, אז שטיקער גלאָז וואָס זיינען געווען עטוואָס מעהר וויא א פיערטעל אינטש דיק, האָבען געקענט אויסהאלטען א פרעסונג פון 15 אטמאָספערען. דיא שויבען פון מיין שטייערמאַן'ס צימער זיינען אָבער דרייסיג מאָל אזוי דיק און איהר קענט שוין פערשטעהן וואָס פאר א וואסער־דרוק זיי קענען אויסהאלטען.

— רעכט! איז מיר שוין דיעזע פראגע אויך פערענטפערט. אָבער איהר זיינט נאָך, הערר קאפּיטאַן, מיט מיר ניט פערטיג. מיינע פראגען האָבען זיך נאָך אלץ ניט אויסגעשעפּט און איך מוז נאָך א פראגע שטעלען, אויב נור דאָס איז אייך ניט צו לאַסט.

— איהר קענט פרעגען, הערר פּראָפעסאָר. מיינע אנטוואָרטען האָבען זיך נאָך אויך ניט אויסגעשעפּט און איך וועל אייך זיכער ענטפערען.

— איך פערשטעה אָבער ניט — האָב איך געזאָגט — וויא אזוי קען דער שטייערמאַן דאָך זעהן דעם רודער אין פינסטערען ים? טיעף אין וואסער איז דאָך פינסטער, היינט וואָס קענען איהם העלפען דיא גלעזערנע שויבען?

— א וויכטיגע פראגע! — האָט דער קאפּיטאַן צוגעגעבען — אָבער איך וועל עס אייך פערענטפערען. הינטען אין דעם שטייערמאַן'ס הייזעל געפינט זיך א ריפלעקטאָר פון א שטארקע עלעקטרישע ליכט, וועלכע ווארפט ליכטיגע

שטראהלען. דיעזע שטראהלען דרינגען דורך דיא פענסטער און בעלייכטען דיא וואסערען פון ים אויף א האלב מייל ארום.

— אויסגעצייכענט! — האב איך אויסגערופען מיט בעגייסטערונג — איצינד פערשטעהע איך שוין ווארום דאס וואסער ארום אייער שיף איז שטענ־דיג בעגאָסען מיט אזא שטארקע עלעקטרישע בעלייכטונג, איבער וועלכע פיעלע געלעהרטע האבען זיך דיא קעפ צובראָכען טראכטענדיג, און איך בין אויך געוועזען אזוי דום און דאס אָנגענומען אלס עלעקטרישען ריעזען־נארוואל. ביי דיעזער געלעגענהייט ערלויב איך מיר צו פרעגען: איז דער צוזאמענשטויס צווי־שען אייער "נאָטילוס" מיט דעם דאמפפער "סקאָשע", איבער וועלכעס דיא גאנצע וועלט איז דאמאָלס אויפגערודערט געוואָרען, געוועזען בלויז א צופאל?

— יא, מיין הערר, א ריינער צופאל. איך בין דאן געפאָהרען אייניגע פוס טיעף אונטער'ן וואסער און דער צוזאמענשטויס איז געקומען. אָבער איך האב באלד געזעהן, אז קיין גרויס געפאהר איז דערפון ניט ארויסגע־קומען.

— דאס איז ריכטיג, קאפיטאן! אָבער דער שאדען וואס איהר האט געמאכט צו דער "אייברעהעם לינקאָלן"?

— הערר פראָפעסאָר! עס טהוט מיר זעהר לייד וואס איך האב עס גע־טהאן, אָבער איך בין דערצו געוועזען געצוואונגען. מען האט מיך אָנגעגריפען און איך האב זיך געמוזט פערטהיידיגען. איך האב דיא פריגאטע בלויז אויף אזוי פיעל געשאדעט, אז זיא זאל מיך ווייטער ניט קענען פערפאָלגען, אָבער דער שאדען איז ניט גרויס און מען וועט דיא שיף קענען פעררעכטען און אין אָרדנונג ברייגנען, אָהן פיעל מיה און קאָסטען, ווען זיא וועט דעם ערשטען האפען ערגרייכען.

— איך מוז אייך זאָגען, קאפיטאן, אז אייער "נאָטילוס" איז ווירקליך א וואונדערבארע שיף! — האב איך אויסגערופען און איך בין געוועזען אויסער זיך פון דיא אלע ערקלערונגען וואס דער קאפיטאן האט מיר געגעבען.

— יא, הערר פראָפעסאָר! — האט נעמאָ געזאָגט — און איך ליעב דיעזע שיף אזוי וויא מיין פלייש און בלוט. דיא בעסטע פון אייערע שיפען זיינען אונטערוואָרפען פערשיעדענע צופעלע און געפאהרען. מען איז מיט קיין שיף ניט זיכער צו פאָהרען אויף'ן ים. צו יעדע צייט קען פאסירען א צוזא־מענשטויס צווישען צוויי שיפען; צו יעדער צייט קען אויף יעדע שיף דער דאמפף־קעסעל פלאצען; צו יעדער צייט קען א שטורם פעראונגליקען א שיף, וועהרענד מיין "נאָטילוס" איז פון אלעם געזיכערט. אונז קען דאָ קיין אונגליק טרעפען. קיין שיף וועט זיך מיט אונז ניט צוזאמענשטויסען, קיינע שטורמס פאַ־סיר'ען ניט אונטען אין וואסער און אונזער קעסעל וועט קיינמאל ניט פלאצען. אָט דאָס, מיין הערר, איז א שיף וויא א שיף דארף זיין! און אויב עס איז

ריכטיג וואס מען זאגט, אז דער אינזשיניר האט מעהר אנפערטרויען אויף זיין שיף וויא דער ארכיטעקט וואס האט זיא געבויט און דער ארכיטעקט מעהר פון קאפיטאן אליין, דאן קענט איהר א בעגריעף האבען וויא גרויס עס איז דאס אנפערטרויען וואס איך האב אויף דיעזער שיף און וויא ליעב און וויא טהייער זיא איז ביי מיר, דען איך אליין בין איהר אינזשיניר, איך אליין האב זיא געבויט און איך אליין בין איהר קאפיטאן.

ער האט דיעזע ווערטער גערעדט מיט א ריהרענדען טאן און פון טיעפען הארצען. עס איז ווירקליך געווען צו בעמערקען, אז ער ליעבט דיא שיף, אקוראט אזוי וויא א פאטער ליעבט זיין קינד.

— איהר זיינט אלזא אינזשיניר, העדר נעמא? — האב איך געפרעגט.

— יא, מיין העדר! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — איך האב דיעזע קונסט שטודירט אין לאנדאן, פאריז און ניו יארק, אין דער צייט ווען איך בין נאך געווען אן ערד־בעוואהנער.

— אבער וויא אזוי איז אייך מעגליך געווען אויפצובויען דיעזע מערקווירדיגע שיף, אזוי שטיל אז קיינער זאל דערפון ניט ערפאהרען?

— גאנץ איינפאך, העדר אראנאקס, יעדע איינצעלנע שטיק איז געבראכט געווארען פון אן אנדער ארט און אונטער פערשיעדענע פרעמדע נעמען, ווייל איך האב ניט געוואלט אז מיין נאמען זאל ארויס אין דיא עפענטליכקייט און איך האב אויך ניט געוואלט אז יעמאנד זאל זיך אנשטויסען, דאס איך געה עפעס מאכען אדער בויען. דאס הינטער־טהייל פון שיף האב איך בעשטעלט אין דיא בעריהמטע מעטאל פאבריקען פון קרעסא, דיא מאשינערי איז געמאכט געווארען ביי דער פירמא פען און קאמפאני, אין לאנדאן; דיא שטאהלענע פלאטען פאר דעם קערפער פון שיף האב איך געליפערט פון דער פירמא לירד און קאמפאני, אין ליווערפול; דיא שרובע האט געמאכט דיא פירמא סקאט, אין גלאזגאו; דעם אינדזשען אדער דיא הויפט מאשינע האט געמאכט דער בעריהמטער פאבריקאנט קרופ אין פרייסען; איינינע טהיילען פון שיף האט מען פאבריצירט אין פאריז, נאך איינינע אין שוועדען און אין אנדערע מקומות. דיא אינסטרומענטען זיינען פערפערטיגט געווארען ביי דיא געברידער הארט אין ניו יארק. דיא פלאנען פאר יעדע זאך האב איך אליין געמאכט און איך האב מיינע אָרדערס געגעבען אין דיא פאבריקען אונטער פערשיעדענע נעמען.

— אבער מען האט דאך דיא אלע שטיקער און טהיילען געמוזט צוזאמענשטעלען און וויא אזוי האט איהר עס געקענט מאכען אין געהיים? אזא געביידע קען מען דאך ניט צוזאמענשטעלען אין א שלאף־צימער! — האט זיך מיר געוואלט וויצלען.

— פראפעסאר, איך וועל אייך דאס אויך ערקלערען. איך האב מיינע ווערק־שטאטען אויפגעשטעלט אויף אן איינזאמען אינזעל, אין וויטען אקעאן,

וואוהין איך האב דיא אלע טהיילען און שטיקער פון דער שיף אוועקגעפיהרט. דארט האבען מיינע ארבייטער, דאס הייסט, מיינע יעצטיגע קאמעראדען, וועלכע זיינען דא מיט מיר צוזאמען אויף'ן שיף, אלעס צוזאמענגעשטעלט און אויסגעפערטיגט, לויט וויא איך האב זיי געלערענט, און נאכדעם וויא דיא "נאטילוס" איז אויפגעשטעלט געווארען, האבען מיר זיא ארונטערגעלאזט אין וואסער און דורך פייער פערניכטעט דעם לעצטען שפור פון אונזער אנוועזענהייט אויף'ן אינזעל.

— אויף דיעזען אופן האט דאך דיא "נאטילוס" געמוזט קאסטען א מאסע געלד? — האב איך געפרעגט.

— גאנץ געוויס, הערר אראנאקס! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — יעדע אייזערנע שיף קאסט געוועהנליך 45 פונט ענגלישעס געלד אדער בערך 225 דאלער אמעריקאנישעס געלד פער טאן, און אז מיין שיף וועגט 1500 טאן האט זיא לויט דעם רעכענונג געדארפט קאסטען 67,500 פונט, עס הייסט 337,500 דאלער אמעריקאנישעס געלד, היינט וואו זיינען דיא איינריכטונגען און דיא ארבייט, וואס האט געקאסט אריבער 80,000 פונט? און דיא קונסטווערקע און זאמלונגען וואס בעטרעפען בערך 200,000 פונט?

— נאך איין פראגע, הערר קאפיטאן.

— אפילו צוויי, הערר פראפעסאר. איך וועל אייך אויף אלעס אנטווארט געבען.

— וויא איך הער, זיינט איהר זייער רייך, איז עס אזוי?

— אונענדליך רייך, מיין הערר. ביי מיר וואלט גאר א קלייניגקייט געווען אויסצוצאהלען דעם נאציאנאלען חוב, וואס פראנקרייך איז שולדיג.

איך בין העכסט ערשטוינט געווארען הערענדיג דיא דאזיגע ווערטער. אזא רייכטהום אין דיא הענד פון א פריוואט פערזאן איז גאר אונגעהערט! שפאסט דיעזער מאן, אדער ער זאגט עס ערנסט? דאס איז א זאך וואס דיא צוקונפט וועט בעווייזען.

14טעס קאפיטעל

דער שווארצער טייך

דער טהייל פון דער ערד, וועלכער איז בעדעקט מיט וואסער, שאצט מען, פערנעהמט דעם שטח פון אריבער אכציג מיליאן אקער. דיעזע פליסיגע מאסע ענטהאלט אין זיך צוויי ביליאן צוויי הונדערט און פופציג מיליאן קוביק מייל. עס הייסט: ווען מען זאל דאס וואסער פון דיא ימים און טייכען וואס געפינען זיך אויף'ן ערד-קוגעל צושניידען אין שטיקער, א מייל דיא לענג, א מייל דיא ברייט און א מייל דיא הויך, וואלטען מיר געהאט דיא עבענדער-

דערמאָהנטע צאָהל שטיקער וואסער, אָדער וואסער־בערג. דיא וואָג פון דיא אלע וואסערען איז דריי קווינטעליאָן טאָן.

אום דיזען צאָהל צו בעגרייפען, דארף מען בערעכענען פאָלגענדעס: א מיליאָן איז טויזענד מאָל טויזענד; א ביליאָן ענטהאלט טויזענד מיליאָנען און א קווינטעליאָן ענטהאלט אזוי פיעל ביליאָנען, וויפיעל א ביליאָן האָט אין זיך איינציגע. דייטליכער געזאָגט הייסט עס, אז א קווינטעליאָן צעהלט א ביליאָן ביליאָנען.

דיא געאָלאָגישע וויסענשאפט וויל האָבען, אז דיא יעצטיגע ערד פלאנעטע איז, געוועהנליך פיליכט מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק, בעשטאנען פון א גרוי־סע מאסע פייער. דאָס פייער האָט זיך ביסלעכווייז אָבגעקיהלט, דער דאמפף האָט זיך אָבגעזעצט און דער גאנצער קוגעל ארום און ארום איז בעדעקט געוואָרען מיט וואסער. דאן האָט זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען דאָס טרוקענע לאנד פון אונטער'ן וואסער, פריהער דיא שפיצען פון דיא הויכע בערג, דאן אינזלען, וועלכע זיינען איבער געוויסע אורזאכען פערשוואונדען געוואָרען און זיי האָבען זיך נאכהער צוריק בעוויזען, ביז עס האָבען זיך ענטוויקעלט דיא גרויסע ערד טהיילען, וועלכע מען רופט "קאָנטינענטען", און ענדליך האָט דיא ערד בעקומען איהר געאָגראפישען צושטאנד, וויא מיר זעהען זיא יעצט.

דיא הויפט וואסער־טהיילען, וואָס בעדעקען דעם ערד־קוגעל זיינען פינף גרויסע ימים: דער ארקטישער, אָדער נאָרדליכער אייז־מעער (ים הקרח), אין צפון זייט פון דער וועלט; דער אנטארקטישער אָדער זידליכער אייז־מעער, אין דרום זייט; דער אינדישער, דער אטלאנטישער, און דער פאסיפיק אָקעאן (שטילער ים).

דער שטילער ים פערברייטעט זיך צווישען דיאביידע אייז־מעערען, צווי־שען ארקטישען און אנטארקטישען און צווישען אזיען און אמעריקא אויף 145 גראד פון דער לענג פון דער ערד. דאָס איז אונגעפעהר 10,070 מייל. דיעזער גרויסער וועלט־מעער האָט ניט אומזיסט בעקומען דעם נאָמען "שטילער", ווייל ער איז ווירקליך דער שטילסטער און רוהיגסטער פון זיינע ברידער ימים. ער איז א שטאטעק, דיעזער ים. דיא טייכען וואָס שטראָמען דורך איהם זיינען גרוים און ברייט, אָבער זיי פליסען לאנגזאם. זיי זיינען ניט קיין שטיעפערס אזוי וויא אנדערע טייכען וואָס לויפען דורך אנדערע ימים און זיי פערהאלטען זיך אזוי וויא גוטע, געהאָרכזאמע קינדער. רעגענס פאלען זעהר אָפט אין יענע וואסער געגענדען. אט דורך דיעזען ים האָט מיך דער שיקזאל בעשטימט צו מאכען מיין ערשטע רייזע אונטער זאָנדערבארע אומשטענדען.

— מיין הערר! — האָט קאפיטאן נעמאָ צו מיר געזאָגט — אויב איהר ערלויבט, וועלען מיר ערשט פעסטשטעלען דעם אָרט און דעם פונקט פון וועלכען

מיר פֿאָהרען אָב. עס איז יעצט ארום צוועלף אוהר מיטאָג. מיר וועלען ארויפ־שטייגען אויף'ן וואסער.

רעדענדיג דיעזע ווערטער, האָט ער דריי מאָל א דריק געטהאָן אויף אן עלעקטרישען זייגער. דיא פּומפּען האָבען אָנגעהויבען ארויסטרייבען דאָס וואַסער פון דיא רעזערוואוארען. דער ווייזער אויף'ן מאַנאָמעטער צייגט, אז מיר שטייגען ארויף אלץ העכער און העכער, ביז ענדליך איז דיא "נאָטילוס" געבליבען שטעהן.

— מיר זיינען שוין אין דער הויך! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט.

מיר זיינעןביידע דורך'ן לייטער, וואָס איז געשטאנען אין מיטען שיף, ארויף אין דער הויך, ביז מיר זיינען געקומען אויף'ן דעק אָדער דאך פון שיף.

איך האָב דאן גוט געקענט בעקוקען וויא דיא "נאָטילוס" זעהט אויס אויסוויינינג. איך האָב געזעהן, אז דיא שיף איז סיגאר־פאָרמיג, פערשפּיצט פוןביידע זייטען. איך האָב בעטראכט דיא שטאָהלענע פּלאטען, וועלכע זיינען געוועזען געמאכט אין דער פאָרמע פון דאך־ציעגעל און האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא דיא שופּען־פּאנצער, מיט וועלכע דיא קראָקאָדילען און גרויסע שילדקרעטען זיינען בעדעקט. עס איז מיר שוין דאן קיין וואונדער ניט געוועזען, וואָס מיר האָבען דיא "נאָטילוס" אָנגענומען פאר א ים־טהיער, ווייל זיא האָט ווירקליך געהאט דעם געשטאלט פון א ריעזיגע חיה.

אויף דער מיטעלסטער פּלאטפאָרם האָב איך בעמערקט איין פּונקט וואָס איז עטוואָס העכער. דאָס איז געוועזען דער פּלאץ, וואו דאָס קליינע שיפעל איז געוועזען איינגעפּאסט. פון פאָרענט און פון הינטען זיינען געשטאנען צוויי הייזלאך מיט קרומע ווענד, וועלכע זיינען טהיילווייז בעשטאנען פון דיקע לינזען־גלעזער. איינע פון דיעזע הייזלאך איז געוועזען פאר דעם שטייערמאן וואָס פיהרט דעם רודער פון דער "נאָטילוס" און אין דער צווייטער איז געוועזען דיא גרויסע גלענצענדע עלעקטרישע שיף־לאנטערנע, וואָס האָט בעלויכטען דעם וועג.

דער ים איז געוועזען פּראכטפאָל, דער הימעל קלאָהר און ריין. אונזער לאנגע שיף שפּירט קוים דעם שטוים פון דיא לייכטע וועללען. א שטילער ווינד בלאָזט איבער דיא וואסערען. ארום דעם גאנצען האָריזאָנט זעהען מיר קיין זאך, קיין פעלז, קיין אינזעלע, קיין שיף. פון דער "אייבערעהעם לינקאָלן" איז קיין שפּור ניטאָ. מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט אן אונענדליכע ים־וויכטענים.

קאפּיטאן נעמאָ האָט אָנגעשטעלט דעם סעקסטאנט, אום נאָך דיא הויכקייט פון דער זונן אויסצומעסטען דעם פּונקט פון דער וועלט, וואו דיא שיף געפינט זיך. דער קלאָהרער הימעל האָט געגעבען דיא מעגליכקייט דיא זאך גענוי צו בעשטימען. נעמאָ איז געשטאנען מיט זיין אינסטרומענט אין האנד און האָט ניט בעוועגט מיט קיין גליעד, אקוראט אזוי וויא א מארמאָרנע סטאַ־

טוע. איך האב אויף איהם געקוקט מיט פערוואונדערונג. דער מאן איז מיר פארגעקומען העכסט זאנדערבאר און אונבעגרייפליך.

— צוועלף אוהר מיטאג — האט נעמא געזאגט נאכדעם וויא ער איז פערטיג געווארען מיט זיינע בעאבאכטונגען — ביטע, הערר פראפעסאר, ווילט איהר ארונטערגעהן ?

איך האב געווארפען דעם לעצטען בליק אויף דיא וואסערען אויף וועלכע עס האט זיך פון וויטענס אבגעשפיגעלט א געלבליכער קאליר און איך בין מיט'ן קאפיטאן ארונטער אין גרויסען זאאל פון זיין מוזעאום. דארט האט ער אנגעפאנגען אויסרעכענען דעם פונקט אויף וועלכען מיר געפינען זיך, לויט דיא בעשטימטע צייכענס וואס דער סעקסטאנט האט בעוויזען.

דיא געאגראפישע לעהרע האט דעם ערד־קוגעל איינגעטהיילט אין גע־וויסע טהיילען, וועלכע ווערען גערופען גראדען. פון דעם נארד־פאל (צפון ברעג) ביז'ן זיד־פאל (דרום ברעג) צעהלען זיך 180 גראדען. דער מיטעל־פונקט צווישען צפון און דרום הייסט עקוואטאר. וואס נעהענטער צום עקוואטאר איז אלץ הייסער, ווייל דארט פאלען דיא שטראהלען פון דער זונן אין א גלייכע ריכטונג. ביי דיא פאלארס, ביי דיא ברעגען פון צפון און דרום, איז געוועהנליך גאנץ קאלט. און אזוי וויא אונזער ערד־פלאנעטע איז קיילעכ־דיג אזוי וויא א פילקע אדער א באל, וויא מען רופט עס אין ענגליש, האט זיא אויך א צווייטען זייט, און אויך דארט צעהלען זיך צו ניינציג גראדען פוןביידע זייטען פון עקוואטאר.

דיא לענג פון דער ערד, פון מזרח צו מערב, איז אויך יעדער האלב־קוגעל איינגעטהיילט אין הונדערט און אכציג גראדען. א גראד ענטהאלט אומגע־פעהר 9 מייל. אצינד, אז דיא אסטראנאמישע אינסטרומענטען צייגען דיא הויכקייט פון דער זונן, ווייס מען שוין נאך געוויסע רעכענונגען אויף וועלכען גראד ברייט און לענג מען געפינט זיך, און דורך דעם קען מען שוין אין לאנד־קארטען לייכט געננוי אויסגעפינען וואו מען איז אין דער וועלט.

— הערר אראנאקס ! — האט דער קאפיטאן צו מיר געזאגט — מיר גע־פינען יעצט זיך בערך 300 מייל פון יאפאנישען ברעג. היינט, דעם אכטען נאוועמבער, אום צוועלף אוהר בייטאג פאנגען מיר אן אונזער רייזע אויף'ן גרונד פון ים.

— גאט זאל אייך צו הילף זיין, הערר קאפיטאן ! — האב איך אויס־גערופען.

— יעצט, הערר פראפעסאר — האט נעמא צו מיר געזאגט — קענט איהר זיך נעהמען צו אייער שטודיום. אונזער שיף געהט ערשט 150 פוס אונטער'ן וואסער. דא האט איהר קארטען, וועלכע וועלען אייך צייגען דיא ריכטונג פון

אונזער רייזע. איהר מעגט זיך אויך בענוצען מיט דיא אינסטרומענטען וואס געפינען זיך דא, מיר אבער מוזט איהר ערלויבען זיך צוריק צו ציהען.

מיט דיעזע ווערטער האט זיך נעמא העפליך פערנייגט און איז ארויס־געגאנגען.

איך בין פערבליבען אליין פערטיעפט אין געדאנקען וועגען דעם זאנדער־בארען קאפיטאן פון אונזער אונטערוואסערדיגע שיף. וועט מיר ווען עס איז געלינגען צו ערפאהרען ווער און וואס ער איז און פון וועלכען פאלק ער שטאמט? — האב איך ביי זיך געטראכט — ער אליין גיט ניט אן זיין יחוס און ער האט נאך מיט מיר א ווארט ניט גערעדט וועגען פעלקער און נאציאנען. און פון וואנען קומט עס וואס ער פערהאסט אזוי דיא מענשליכע געזעלשאפט? וואהרשיינליך האט איהם דיא מענשהייט זעהר פיעל שלעכטעס געטהאן, וואס ער קען זיא אזוי פיעל ניט דולדען. פיליכט האבען איהם דיא מענשען אויף דער ערד פערשטויסען און אויסגעלאכט? פיעלייכט האט מען איהם פערפאלגט, וויא עס האט שוין פאסירט מיט פיעלע געלעהרטע און וויסענשאפט מענער? אדער פיליכט האט מען איהם פעריאגט דורך פאליטישע אינטריגעס אדער רעוואלוציאנען? אויף דיעזע אלע פראגען האב איך קיין אנטווארט ניט געקענט בעשטימען. דער מאן איז געווען א טיעפע רעטעניס, א זאנדערבארע רעטענים אין אלע הינזיכטען. פון זיין בענעהמונג געגען מיר האב איך אויך ניט געקענט אורטהיילען, וואס פאר א זארט מענש ער איז, וואס פאר א כאראקטער ער בעזיצט און וואס ער דענקט וועגען מיר? ער האט מיך אפילו גאסט־פריינדליך בעהאנדעלט, אבער ער האט מיר קיינמאל זיין האנד גערייכט און קיין עכט וואריםען מענשליכען געפיהל האב איך נאך ביז יעצט פון איהם ניט געזעהן.

א שטונדע צייט בין איך געזעסען און געטראכט וועגען דיא מערקוויר־דיגע געהיימניסע, מיט וועלכע איך בין ארומגערינגעלט. דאן האב איך א קוק געטהאן אויף דער קארטע וואס איז געלעגען פאר מיינע אויגען און איך האב בעצייכענט דעם פונקט פון וואנען אונזער רייזע האט זיך אנגעפאנגען.

דער ים האט טייכען אזוי וויא דאס טרוקענע לאנד. אין דיא וואס־סערען פון דיא ימים פליסען טייכען און שטראמען אזוי גוט וויא אויף דער יבשה. דיא טייכען אין דיא ימים אונטערשיידען זיך פון דיא ימים גופא דער־מיט, וואס וועהרענד דאס וואסער פון ים איז א שטעהענדיגעס, לויפען דיא וואסערען פון דיא טייכען אהן אויפהער; און צווייטענס, האבען זיי א בע־זונדערען קאליר. דאס איז איינע פון דיא מערקווירדיגסטע נאטור ערשיינונגען, וואס דיא וואסערען מישען זיך ניט צוזאמען און דיא טייכען פליסען דארט אקוראט אזוי וויא צווישען שטיינערנע ווענד. דער מעהר בעוואוסטער גרויסער ים־טייך איז דער גאלף־שטראם, וואס לויפט דורך דאס גרעסטע טהייל פון אט־

לאנטישען אָקעאַן. דיא וויסענשאַפט האָט ביז יעצט בעצייכענט פינף הויפּט שטראָמען אין פערשיעדענע גרויסע ימים.

איינער פון דיעזע שטראָמען איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען "דער שווארצער טייך", וועלכער פאנגט זיך אָן אין בענגאַליען, וואו דיא זונען שטראה־לען דערווארעמען זיינע וואסערען און מאכען דאָרט וואקסען פערשיעדענע וואסער־פּלאַנצונגען. ער לויפט פערביי דיא ברעגען פון אזיען, דאַן ציהט ער זיך אוועק ווייט אין נאָרד פון שטילען ים און פון דאָרט ציהט ער זיך ביז דיא אלעאוטישע אינזלען. מיט דיעזען שטראָם, האָב איך געוואוסט, וועט אונזער "נאָטילוס" מאכען איהר אונטערוואסערדיגע רייזע. איך בין דארום געזעסען און מיט גרויס אינטערעס בעטראכט אויף דער קארטע דיא גאנצע שטרעקע וואו דער "שווארצער טייך" לויפט און דעם מארשרוט פון אונזער רייזע. פּלוצלונג זיינען נעד לענד און מיין דיענער קאָנסייל צו מיר אריינגעקומען.

מיינע קאמעראדען זיינען געבליבען שטעהן ביים טהיר אזוי וויא פערשטיי־נערט, קוקענדיג אויף דיא מערקווירדיגע וואונדערבארע זאכען, וואָס האָבען זיך אין דיעזען צימער געפונען.

— וואו זיינען מיר? וואו זיינען מיר? — האָט לענד אויסגערופען מיט פערוואונדערונג — אין מוזעאום פון קוויבעק?

מיין קאָנסייל האָט געווישט זיינע אויגען, קענטיג אז ער האָט ניט גע־גלויבט, אז ער זעהט עס אלעס אין דיא ווירקליכקייט.

— מיינע פריינדע, — האָב איך צו זיי געזאָגט — קומט אריין. איהר ווייסט גאנץ גוט, אז מיר זיינען ניט אין קוויבעק, אויך ניט אין אנדער שטאָדט, זאָנדערן אין דער שיף "נאָטילוס", וועלכע שווימט ערשט 150 פוס טיעף אונטער'ן וואסער.

— אָבער וואָס פאר א מערקווירדיגע זאכען איך זעה דאָ! — האָט קאָנסייל אויסגערופען — איינפאַך ערשטוינט צו ווערען!

— יא, מיין פריינד! — האָב איך געזאָגט — דאָ געפינען זיך ווירקליך מערקווירדיגקייטען, וועלכע מען קען ניט זעהן אין קיין אנדער מוזעאום אין דער וועלט. פאר דיר, קאָנסייל, איז דאָ פאראַן פיעל אינטערעסאנטעס צו בע־טראכטען, איבערהויפּט אין דער אָבטהיילונג פון נאטור־געשיכטע.

— יא, האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען — דער הערר האָט מיך געמאכט פאר א האלבען נאטור־פאָרשער און נאטור שאפונג אינטערעסירט מיך זעהר.

מיין האָלענדער האָט מעהר ניט גערעדט. ער איז צוגעגאנגען און העכסט אויפמערקזאם בעטראכט דיא פערשיעדענע פלאנצונגען און מושעלען וואָס זיינען דאָרט אויסגעשטעלט געווען.

נעד לענד, וועלכער איז ווייניג וואָס געווען איבערגעגעבען צו אזעלכע זאכען, האָט מיט מיר פערפיהרט א געשפּרעך וועגען קאפּיטאַן נעמאָ. ער האָט

מיך געפרעגט, אויב איך האָב ערפאהרען ווער דער זאָנדערבארער קאפּיטאן איז? פון וואנען ער קומט? וואוהין ער פאָהרט? וואָס איז זיין ציעל? און נאָך אזעלכע צעהנדליגע פראגעס.

איך האָב איהם ערקלערט אלעס וואָס איך וויים און איהם געפרעגט, פילייכט האָט ער עטוואָס געזעהן אָדער געהערט?

— קיין זאך ניט געהערט און ניט געזעהן! — האָט נעד לענד פערדריסליך געענטפערט — אפילו קיין איינציגען פון דיא מאנשאפט ניט געזעהן. ווער וויים? פילייכט זיינען זיי גאָר ניט קיין לעבעדיגע ברואים, נור עלעקטרישע מענשען?

— עלעקטרישע מענשען? — האָב איך איבערראשט געפרעגט — וואו האָט איהר געהערט אויף אייער לעבען פון עלעקטרישע מענשען?

— איך וויים? — האָט לענד געענטפערט — אויף דיעזער געהיימניספאָלער שיף איז אלעס מעגליך! דיא גאנצע שיף איז א רעטעניס און איהרע מענשען זיינען אויך א רעטעניס! אָבער איהר, הערר אראָנקאָס, קענט איהר מיר פילייכט זאָגען אומגעפעהר וויפיעל מענשען געפינען זיך דאָ? צעהן? צוואנציג? הונדערט?

— איך קען אייך דערויף קיין אנטוואָרט געבען, הערר לענד — האָב איך געענטפערט פערשטעהענדיג וואָס ער מיינט מיט דיעזער פראגע — איבריגענס וואָלט איך אייך געראטהען אויפצוגעבען אייערע פּלענער אוועקצונעהמען דיא שיף, אָדער אנטלויפען פון דאנען. דיא "נאָטילוס" איז דאָס גרעסטע מייסטערווערק וואָס דיא אינדוסטריע האָט געקענט שאפען, און מיר וואָלט ווירקליך לייד געטהאָן, ווען מיר זאָל ניט אויסקומען אזא וואונדער צו זעהן. איך וויים אז פיעלע וואָלטען זיך געוואונשען אין אונזער לאגע ארייננצופאַלען, אום דורך דיעזע מערקווירדיגקייטען צו שפּאצירען. אלזאָ פערהאלט זיך בעסער רוהיג און קוקט מיט אָפענע אויגען אויף אלעס וואָס דאָ געהט פאָר.

פּלוצלונג איז דיא בעלייכטונג אין צימער אויסגעלאָשען געוואָרען און עס איז געוואָרען שטאָק פינסטער און איך האָב דערפיהלט א שמערץ אין דיא אויגען פון דיא פּלוצלונגע ענדערונג.

— איהר הייסט מיר קוקען אויף אלעס וואָס דאָ געהט פאר! — האָט לענד דערשראָקען און אויפגערעגט אויסגעשריען — שוין גענענדיגט, יעצט וועלען מיר שוין פערשפּאָרען צו קוקען!

א וויילע זיינען מיר געבליבען זיצען שטיל, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט, ניט וויסענדיג וואָס דיא פּלוצלונגע פינסטערניס וועט אונז ברייננגען. צו דער זעלבער צייט האָט זיך געהערט א גערויש ארום אונז אזוי וויא ווענד וואָלטען אָבגערוקט ווערען.

— וואָס איז דאָס פאר א נייע טייפעל־שפּיעל? — האָט לענד אויסגערופען
— עס זעהט אויס, אז דאָ וועט שוין קומען אן ענדע צו אלעם!

קאָנסייל איז געבליבען שטעהן מורמלענדיג דיא נעמען פון פערשיעדענע מושעלען און אינזעקטען, וועלכע ער האָט נור וואָס געזעהן און איז געווען פער־אינטערעסירט אין זיי.

מיט אמאָל איז אין זאאל ווידער ליכטיג געוואָרען, אָבער ניט פון דיא עלעקטרישע בעלייכטונג פון סטעליע. עס האָבען זיך געעפענט דיא אייזערנע וועגד פוןביידע זייטען שיף און דאָס וואסער איז ווייט ארום אונז געווען בע־לייכטעט דורך עלעקטרישע שטראָמען. מיר זיינען געווען אָבגעטהיילט פון מעער בלויז מיט דיקע קריסטאָלענע וועגד, דורך וועלכע אלעס אין ים האָט זיך געזעהן קלאָהר און דייטליך. אָנפאנגס האָב איך אויפגעשוידערט ביי דעם געדאנק, אז אזעלכע וועגד קענען לייכט איינגעבראָכען ווערען. אָבער זעהענדיג וויא זיי זייי־נען בעפעסטיגט אין שטארקע קופערנע איינפאסונגען, און בעטראכטענדיג וויא דיק דיא גלאָז איז, האָב איך זיך איבערציינט, אז עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, ווייל דער שווערסטער וואסער־דרוק קען דיעזע וועגד גאָר ניט שאדען.

אומגעפעהר א מייל ארום דער "נאָטילוס" איז דער ים געווען דורכזיכטיג. עס איז געווען אזוי וואונדערבאר שעהן, אז קיין פעדער קען עס שילדערען! דיא ליכט שטראהלען וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט דורך דעם פליסענדען עלעמענט האָט פאָרגעשטעלט א בילד וואָס קיין מאהלער, קיין קינסטלער איז אימשטאנד צו מאָהלען.

עס איז א בעוואוסטע זאך, אז דאָס מעער וואסער איז פיעל מעהר דורכ־זיכטיג וויא טייך אָדער קוועל וואסער. אין ים געפינען זיך פערשיעדענע מינע־ראלען אין א צושמאָלצענעם צושטאנד און זיי לייכטען אָב, אזוי וויא צום ביישפּיעל, זאלץ אָדער צוקער אין א גלאָז וואסער. דארום זיינען דיא וואסע־רען שטארק דורכזיכטיג אין פיעלע פונקטען פון אָקעאָן. ביי דיא אנטילישע אינזלען, למשל, קען מען אויף אייניגע הונדערט פוס טיעף זעהן אלעס, זאָגאר יעדע קלייניגקייט וואָס אין ים געפינט זיך. ארום אונזער שיף איז דאָס וואסער געווען נאָך מעהר דורכזיכטיג, ווייל דיא שטראהלען פון דער זונן קומען ניט אזוי טיעף, און דיא עלעקטרישע שטראָמען האָבען דארום אין דיא פינסטערניס פון ים זעהר שטארק געווירקט. עס איז אונז פאָרגעקומען, אז מיר שווימען איינפאך אין א ים ליכט און מיר זיינען געווען אויסער זיך פון איבערראשונג.

ביי דיא ערשטע בעאָבאכטונג האָט אונז אויסגעוויזען אז דיא "נאָטילוס" שטעהט אויף איין אָרט, ווייל דאָס בילד אין דרויסען איז פערבליבען אונגע־ענדערט, אָבער זיך צוקוקענדיג דורך דיא גלאָז־וועגד, האָבען מיר געזעהן דיא וואסער שטרייפען וואָס האָבען זיך געצויגען ביים שיף און מיר האָבען זיך גלייך איבערציינט, אז זיא געהט גאנץ שנעל פאָרווערטס.

איניגע מינוטען זיינען מיר געשטאנען ביי דיא גרויסע שויבען העכסט ערשט, ינט און פון גרויס איבעררראשונג האט קיינער פון אונז א וואָרט ניט גערעדט. אָבער גראדע דער שווייגענדער קאָנסייל איז דיעזען מאָל דער ערשטער ארוים מיט לשון.

— קוקט נור, בעטראכט נור, פריינד לענד! — האט ער מיט גרויס ענט־ציקונג אויסגערופען — זעהט וויא וואונדערבאר שעהן דאס איז!

— מערקווירדיג! מערקווירדיג! — האט דער קענעדע'ר ערוויעדערט, פערגעסענדיג אין יענעם מאָמענט זיין צאָרן און זיינע פראָיעקטען צו אנטלויפען — מען האט ווירקליך געמעגט קומען פון יענער זייט וועלט, אום נור אזעלכע וואונדער צו זעהן.

— יא, מען מעג דעם קאפיטאן פון דיעזער שיף מקנא זיין! — האב איך זיך אָבגערופען — ער האט דיא ערד פערלאָזען, אום זיך א נייע וואונדער־וועלט צו בעשאפען.

— אָבער וואו זיינען דיא פיש? — האט לענד געפרעגט — ווארום זעה איך קיין פיש ניט?

— פריינד לענד! — האט קאָנסייל מיט א שטאָלצען טאָן אויסגערופען — ווארום פרעגט איהר אויף פיש? קענען דען דיא פיש פאר אייך אינטע־רעסאנט זיין? איהר ווייסט דאך ניט צו בעשטימען זייערע מינים און זאָר־טען לויט דיא נאטור־געשיכטע.

— דרעהט מיר ניט דעם קאָפּ מיט אייער נאטור־געשיכטע! — האט לענד בייז געענטפערט — דאס איז דומהייטען! איך וויים גענוג וואס פיש זיינען אָהן אייער נאטור־געשיכטע.

— איהר ווייסט זיי פיליכט, ווען מען דערלאנגט אייך זיי געקאָכטע אָדער געבראָטענע אויפ'ן טעלער! — האט זיך מיין דיענער געוויצעלט — איהר זיינט פיליכט א מבין, וועלכע פון זיי עס זיינען געשמאק און וועלכע ניט.

צווישען דיא צוויי האט אויסגעבראָכען א שטרייט, ווער פון זיי עס פער־שטעהט בעסער וואס פאר א זאָרט ברואים דיא פיש זיינען. קאָנסייל האט אלס גוטער פריינד און קאמעראד דעם קענעדע'ר דורכאויס געוואָלט בעגליקען מיט דער לעהרע און וויסענשאפטליכע ערקלערונגען וועגען פיש.

— פריינד לענד! — האט קאָנסייל ערנסט געזאָגט — איהר זיינט א גע־שיקטער פישער און איהר פערשטעהט זעהר גוט וויא אזוי פיש צו פאנגען אָדער טויטען, אָבער אין וועלכע זאָרטען דיעזע בעשעפעניסע ווערען איינגעטהיילט אין זייער נאטירליכען ארט און לעבען, ווייסט איהר דאך ניט.

— אבי איך וויים צו אונטערשיידען דיא פיש וואס טויגען צום עסען פון דיא וואס מען קען אלס שפייז ניט בענוצען! — האט לענד געענטפערט.

— אזא אונטערשייד מאכט נור א פרעסער! — האט קאָנסייל האלב

ביז געזאָגט — אין דער וויסענשאפט איז עס גאנץ אנדערש. עס גיבען נעמליך צוויי גרויסע אָבטהיילונגען: קנאכען־פיש און קנארפעל־פיש, עס הייסט, אזעל־כע וואָס האָבען הארטע ביינער און אזעלכע וואָס אנשטאָט ביינער אָדער קנאָכען בעזיצען זיי אזא זאָרט ווייכען מארך־שטאָף. אָבער דיעזע צוויי הויפט מינים ווערען איינגעטהיילט אין פערשיעדענע פאמיליען און גאטונגען.

— אָבער, פריינד קאָנסייל! — האָט זיך דער הארפוניסט איבערראשט אָבגערופען — איידער צו הערען דיא ערקלערונגען פון אייערע ביכער, וועל איך בעסער יעצט זעהן דיעזע פאמיליען און גאטונגען וויא זיי שווימען פערביי אונזער פענסטער.

עס האָבען זיך ווירקליך בעוויזען גאנצע מחנות פערשיעדענע פיש, וועל־כע זיינען פריי אומגעשוואומען פערביי אונזער שיף.

— אָה, וואונדערבאר, ווירקליך וואונדערבאר! — האָט קאָנסייל ענט־ציקט אויסגעשריען — עס זעהט אוים אז מיר געפינען זיך אין אן אונגעהייער גרויסען אקוואריום.

— ניין, ניט גלייך! — האָב איך זיך אָבגערופען — אן אקוואריום איז דאָך בלויז א געפענגניס וואו דיא פיש זיינען איינגעשפארט געגען זייער ווילען, אָבער דאָ זעהען מיר זיי אין דעם נאטירליכען פרייען עלעמענט, אזוי וויא דיא פויגעלאך אין דער לופט. עס איז פיעל מעהר אינטערעסאנט צו זעהן זיי דאָ וויא אין אקוואריום.

— אצינד, פריינד קאָנסייל, — האָט לענד געזאָגט מיט א געלעכטער — איהר זיינט דאָך א גרויסער געלעהרטער, זאָגט מיר, ערקלערט מיר וואָס פאר א זאָרטען פיש זיינען דיעזע וואָס שווימען יעצט פאר אונזערע אויגען?

קאָנסייל איז געבליבען אין א פערלעגענהייט, דען אָבוואָהל ער האָט גע־קענט פלוידערען וועגען נאטור־וויסענשאפט, איז ער דאָך אין דיא ווירקליכקייט געווען היבש טעמפּ אין דעם און ער האָט ניט געוואוסט אונטערצושיידען א האי־פיש פון א לאקס, וועהרענד לענד האָט אוים פראקטיק גאנץ גוט געוואוסט וויא יעדער פיש רופט זיך.

— כינעזישע הארן־פיש! — האָט דער וואלפיש פאנגער אויסגערופען ציינענדיג אויף א געוויסע גרופּע פיש, וואָס האָבען זיך לוסטיג געשפּיעלט ארום דער "נאָטילוס".

איך האָב מיט גרוים פערגעניגען און שפּאנונג געקוקט אויף דיעזע וואונ־דער־שעהנע פיש. זייער קערפּער איז פלאציג און דער רוקען איז בעזעצט מיט שטאכעלען, וועלכע שטארצען ארוים אזוי וויא בערשט. דיא הויט איז פון אויבען גרוי און אונטען ווייס, מיט גאָלדפארביגע פלעקען. צווישען זיי זיינען אומ־געשוואומען אנדערע מינים פיש: מולעטען; דיא וואונדערבארע פיש וואָס הייסט גאָבי, וועלכע האָבען קיילעכדיגע עקען און זייערע קערפּערם זיינען

אזוי שעהן בעפלעקט, אז זיי זעהען אויס וויא בלומען; דיא שעהנע מאקרע־לען, מיט זייערע בלויע קערפערס און זילבערנע קעפּ; אזורוסען, וועלכע בליש־צען און פינקלען אזוי וויא בריליאנטען; יאפּאנעזער סאלאמאנדערס און פער־שיעדענע מינים ים־שלאנגען.

מעהר פון אלע האָבען זיך אונז געוואָרפען אין דיא אויגען דיא ים־ברואים, וואָס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען דיא "ריטער־פיש". זייער מערקוויר־דיגקייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי גיבען ארויס פון זיך מוזיק טענער, וועלכע מען קען דייטליך הערען אין וואסער. מיר האָבען געוועהנליך זייערע שטימען ניט געהערט דורך דיא גראָבע גלעזערנע ווענד, אָבער עס איז אונז העכסט אינטערעסאנט געווען צו בעאָבאכטען זיי און שענקען אונזער אויפ־מערקזאמקייט אויף זייערע בעוועגונגען.

צוויי שטונדען האָבען פערשיעדענע פיש און ים־טהיערע בעגלייטעט אונ־זער שיף. עס איז געווען העכסט אנציהענד און רייצענד צו בעטראכטען דיעזע שפּיעלענדע און שפּרינגענדע ים־ברואים, וועלכע שטייגען איבער איינע דיא אנדערע אין שעהנהייט, גלאנץ און שנעלקייט. מיר זיינען דיא גאנצע צייט העכסט ענטציקט געווען פון דיא פּראכטפאָלע פרייע פאָרשטעלונגען אין ים. מיר האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערען פון דיא זעלטענע בעשעפּעניסען, וועלכע מיר האָבען געזעהן פריי אין זייער נאטירליכען עלמענט. דאָס עלעקטרי־שע ליכט האָט צוגעצויגען אזוי פיעל מאסען פיש, אז דיא שיף איז איינפאך געווען בעלאגערט פון זיי. אזא צופריעדענשטעלענדען גענוס, וויא איך האָב געהאט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער סצענע, האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהאט.

פּלוצלונג איז אין זאאל צוריק ליכטיג געוואָרען. דיא אייזערנע ווענד האָבען זיך צוזאמענגעצויגען און דיא הערליכע סצענע אין וואסער איז פערשוואונדען. אָבער איך בין נאָך לאנג געזעסען פערטראכט, אזוי וויא אין א חלום פערזונקען, און דיא וואונדערבארע פּאנאראמע איז מיר פאר דיא אויגען געשטאנען.

קאפּיטאן נעמאָ האָט אונז, וויא עס האָט אויסגעזעהן, א פרייע פאָרשטע־לונג געגעבען און מיך האָט שטארק פערדראָסען וואָס דער פאָרהאנג איז אזוי גיך געפאלען און דיא פאָרשטעלונג איז צו ענדע.

עס איז שוין געווען פינף אוהר נאָכמיטאָג. איך האָב ערוואַרטעט צו זעהן קאפּיטאן נעמאָ, אָבער ער איז ניט געקומען. מיינע קאמעראדען זיינען אוועק אין זייער קאיוטע און איך אין מיין צימער. דאָרט האָב איך געטראָפען דעם טיש געגרייט פאר מיר. מיין יעצטיגער מאָהלצייט איז בעשטאנען פון א טהייערען מין זופּ און אנדערע געשמאקפאָלע שפּייזען, וועלכע מען קען אויף'ן לאנד ניט בעקומען.

דעם גאנצען אבענד האָב איך צוגעבראכט איינער אליין אין לעזען און

שרייבען. ווען עס איז געקומען דיא צייט פון שלאָפען, האָב איך זיך אוועקגע־לעגט אויף מיין ווייכע בעט און איך בין געשמאק איינגעשלאָפען, ווערענד דיא "נאַטילוס" האָט זיך מיט איהר געוועהנליכע געשווינדקייט געגליטשט דורך דעם שטראָם פון שווארצען טייך.

15טעם קאפיטעל

דיא איינלאַדונג אויף געיעג

דעם קומענדען טאָג, דאָס איז געווען דער נייַנטער נאָוועמבער, בין איך אויפגעשטאנען שפּעט נאָך א לאנגען שלאָף פון צוועלף שטונדען. מיין טרייער דיענער קאָנסייל איז וויא געוועהנליך געקומען פרעגען: "וואָס דער הערר מאַכט און וויא דער הערר איז געשלאָפען?" אקוראט וויא דער "הערר" וואָלט פאָריגען טאָג זעהר שווער געהאָרעוועט אָדער ער זאָל אויפשטעהן פון א קראַנקהייט.

ווען קאָנסייל איז געווען ביי מיר אין צימער איז נעט לענד נאָך געשלאָפען. דער קענעדע'ר האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן אויף דער "נאַטילוס" און ער האָט זיך פערגונען צו שלאָפען אזוי וויא א מענש וואָס האָט אויף זיין לעבען ניט גע־וואוסט מעהר וויא עסען און שלאָפען.

קאָנסייל איז געשטאנען נעבען מיר און געפּלוידערט, אָבער איך האָב ניט געשענקט פיעל אויפמערקזאמקייט אויף זיינע רייד און איך האָב איהם וועניג וואָס געענטפערט. מיינע געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט אן אנדער זאך. איך האָב נעמליך געטראַכט, ווארום בעווייזט זיך ניט דער קאפּיטאן נעמאָ זייט נעכטען מיטאג צייט? איך האָב ערווארטעט, אז ער וועט פיליַיכט באלד צו מיר אריינקומען.

איך האָב אָנגעצויגען מיינע קליידער, וועלכע מען האָט מיר אויף דער "נאַטילוס" געגעבען. קאָנסייל האָט מיר אָנגעהויבען שטעלען פראגעס: פון וואָס דיעזע קליידער זיינען געמאכט? איך האָב איהם ערקלערט, אז זיי זיינען געוועבט פון אזעלכע דינג, איידעלע פעדים וואָס געפינען זיך אין דיא מושעלען פון מיטעללענדישען מעער. דיעזער שטאָף איז דויערהאַפט און ווארים און איז אין אלע הינזיכטען פיעל בעסער וויא דיא זייד און אטלעס וואָס מען געברויכט אויף'ן לאנד.

ווען איך בין פערטיג געוואָרען מיט מיין אנקליידונג, בין איך אריין אין גרויסען זאאל, אום צו שטודירען דיא וואונדערבארע רייכטהימער און זעלטענ־הייטען וואָס געפינען זיך דאָרט. איך האָב ווידער אמאָל אויפמערקזאם בע־טראַכט דיא פערשיעדענע גראָזען און פלאנצונגען פון ים און אנדערע נאטור־שאפונגען, פון וועלכע מיינע אויגען זיינען ניט זאט געוואָרען קוקענדיג אויף זיי. דיא שיף איז געלאָפען שנעל אין דיא זעלבע טיעפקייט וואָס נעכטען.

קאפּיטאן נעמאָ האט זיך דעם גאנצען טאָג ניט געלאָזט זעהן. דיא אייזערנע וועגד זיינען געבליבען פערשלאָסען. וויא עס האָט אויסגעזעהן, ווילען דיא לייטע פון שיף אונז ניט פערשאפען אלע טאָג דעם פערגעניגען וואָס מיר האָבען געב־טען געהאט. און עס וואָלט ווירקליך געווען צופיעל פערלאנגט צו האָבען אזעלכע פרייע פאָרשטעלונגען אלע טאָג.

מיר איז אין אמת'ן דיא פאָרשטעלונג וויניג וואָס אין זינען געלעגען. איך האָב בעסער געוואָלט זעהן דעם קאפּיטאן. איך האָב זעהר געוואָלט וויסען, וואָ־רום ער ציינגט זיך ניט פאר מיר? איך האָב פערשטאנען, אז אין דעם ליגט עפּעס א סוד און דיעזען סוד האָב איך געוואָלט דערגעהן, אָבער איך האָב געמוזט ווארטען און דולדען.

דעם צעהנטען נאָוועמבער בין איך דעם גאנצען טאָג געבליבען איינזאם. זאָגאר קיין איינציגען פון דיא מאנשאפט האָב איך ניט געזעהן. דעם גרעסטען טהייל פון טאָג האָב איך פערבראכט אין דיא געזעלשאפט פון מיינע קאמעראדען לענד און קאָנסייל, וועלכע האָבען זיך אויך זעהר געוואונדערט איבער דעם קאַ־פּיטאן'ס אבוועזענהייט. איז דיעזער מערקווירדיגער מאן קראנק געוואָרען? איז ער פיליייכט עפּעס בייז געוואָרען אויף אונז און ער וויל אונז מעהר ניט זעהן? עס איז אמת, אז מיר געניסען פאָלשטענדיגע פרייהייט ארומצוגעהן אין שיף וואו מיר ווילען. אונזער טיש איז געגרייט מיט כל טוב און מיר עסען און טרינ־קען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, אָבער ווארום זאָל זיך דער קאָמאנדיר פון דער שיף פון אונז בעהאלטען? ווארום זאָלען אפילו דיא דיענער זיינע זיין צוריקגעצויגען פון אונז? קאפּיטאן נעמאָ האָט אפילו פאָראוים מיט אונז אויסגענומען א תנאי, אז צו געוויסע צייטען וועלען מיר מוזען זיין אָבגע־זונדערט, אָבער צו וואָס האָט ער גאָר אזא בעדינגונג געשטעלט? וואָס פאר א זאָנדערבארע געהיימניסע זיינען עס דאָ פאראן וואָס מיר טאָרען ניט וויסען?

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהויבען פיהרען מיין טאגע־בוך, וועלכען איך האָב געשריבען אויף פּאפּיער, געמאכט פון זעע־גראָז. איך האָב פון דאן אָן פערצייכענט אלעס וואָס מיט אונז איז פאָרגעקומען, וועהרענד אונזער וואונדער־בארע רייזע.

דעם עלפטען נאָוועמבער, גאנץ פריה, האָב איך דערפיהלט א פרישע, ער־קוויקענדע ים־לופט. דאָס האָט בעוויזען, אז אונזער שיף איז ארויפגעשטיגען אין דער הויך איבער'ן וואסער. איך האָב זיך בעגעבען צום לייטער וואָס איז גע־שטאנען אין מיטען שיף און איך בין ארויף אויף'ן דעק.

עס איז געווען זעקס אוהר מאָרגענס. דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט א געדיכטען טהוי, דאָס וואסער האָט געהאט א גרויען קאָליר, אָבער אזוי רוהיג, אז עס איז קוים געווען צו בעמערקען אירגענד וועלכע בעוועגונג פון א כוואַליע. מיין האָפנונג איז געווען, אז איך וועל דעם קאפּיטאן נעמאָ אויבען טרעפען,

אבער אויף'ן דעק איז קיינער ניט געווען, אויסער דער שטייערמאן וואס איז געזעסען אין זיין גלעזערנע הייזעל. איך האב זיך אוועקגעזעצט און מיט פער־גענינען איינגעאטהעמט דיא פרישע, פראכטפאלע ים־לופט.

דיא זונן האט זיך בעוויזען און האט געשטיגען אלץ העכער און העכער. דער טהוי איז ביסלעכווייז פערשוואונדען געווארען און דער ים איז אזוי וויא דורך א צויבער־מאכט מיט אמאל בעגאסען געווארען מיט רויטע פלאמען. דיא לייכטע וואלקענס האבען אויסגעזעהן אזוי וויא אבגעפארבט אין פערשיעדענע שאטירונגען.

איך בין געזעסען און בעוואונדערט דיא הערליכע נאטור ערשיינונג, וועלכע האט מיך בעצויבערט. עס איז ווירקליך געווען א הערליכע סצענע פון וועלכע איך האב מיינע אויגען ניט געקענט אברייסען. פלוצלונג האב איך דערהערט אז יעמאנד קומט דיא טרעפ ארויף.

דאס איז געווים דער קאפיטאן! — האב איך ביי זיך געטראכט און איך האב זיך אויפגעהויבען פון מיין פלאץ, אום צו בעגריסען איהם. אבער דאס איז ניט געווען דער קאפיטאן, וועמען איך האב אונגעדולדיג ערווארטעט, זאנדערן יענער מאן, וועלכער איז צום ערשטען מאל צוזאמען מיט נעמא אין אונזער געפענגניס קאיוטע געקומען. איך האב זיך ערשט אנגעשטויסען, אז ער איז וואהרשיינליך דער שיפס־לייטענאנט, אדער דער ערשטער אפיציער פון שיף. ער איז ארויף אויף'ן פלאטפארם ניט קוקענדיג אויף מיר. אויב ער האט מיך ווירקליך ניט בעמערקט אדער ער האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג, קען איך ניט זאגען. ער האט דורך א שפאקטיוו געגוי בעטראכט דעם האריזאנט ארום און ארום, דאן איז ער צוגעגאנגען, האט געעפענט א דעקעל פון א לאך און ארויס־געשריען אייניגע ווערטער, וועלכע זיינען מיר פערבליבען אין זכרון, ווייל איך האב דיא זעלבע ווערטער נאכהער זעהר אפט געהערט פון איהם ביי עהנליכע צופעלע. דיא ווערטער זיינען פאלגענדע:

"נאוטראן רעספאק לארני ווירטש".

דיא בעדייטונג פון דיעזער פראזע האב איך ניט פערשטאנען. דער מאן איז נאכהער צוריק ארונטערגעגאנגען. איך האב געדענקט, אז דיא "נאטילוס" וועט זיך באלד צוריק ארונטערלאזען אונטער'ן וואסער און איך בין אויך אויף'ן דעק לאנג ניט פערבליבען. איך בין באלד ארונטערגעגאנגען און אריין אין מיין צימער.

פינף טעג זיינען אזוי פאראיבער, אהן אירגענד וועלכע בעזאנדערע בע־געבענהייטען. דיא שיף איז אלץ געווען אויף דער אבערפלעכע פון ים און איך פלעג אלע פריהמארגען ארויפגעהן אויף'ן דעק. דער שיפס־לייטענאנט פלעגט אלע טאג פינקטליך אין דער זעלבער צייט קומען, בעאבאכטען דיא געגענד ארום און דורך דיא זעלבע עפענונג ארויסרעדען דיא אויבען דערמאהנטע פיער

ווערטער. צו מיר האט ער א ווארט ניט גערעדט און האט זיך זאגאר ניט אומ־געקוקט אויף מיר.

קאפיטאן נעמא האט זיך אלץ ניט בעוויזען.

איך האב זיך שוין צוגעוואהנט צו דעם געדאנק, אז פיליכט וועלען מיר איהם שוין קיינמאל ניט זעהן, און איך האב שוין כמעט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען איהם. ווען איך בין דעם 16טען נאוועמבער געקומען אין מיין צימער, האב איך אויפ'ן טיש געפונען א פערזיענלטען בריעף אדרעסירט צו מיר. מיט גרויס אונגעדולד האב איך האסטיג אויפגעריסען דעם קאנווערט און איך האב פאר מיינע אויגען געזעהן אייניגע צייל׳ען, געשריבען אין א קלאהרע, שעהנע האנד־שריפט. דער בריעף האט זיך געלייערנט וויא פאלגט:

"הערן פראפעסאר ארא נאקס, אויף דער שיף "נאטילוס", 16טען נא־וועמבער, 1867.

"קאפיטאן נעמא לאדעט איך איין מיטצוגעהן אויף א יאגד וואס וועט שטאטפינדען מארגען אין דיא וועלדער פון דעם אינזעל קרעספא. דער קאפיטאן האפט, אז דער הערר פראפעסאר וועט זיך ניט ענטזאגען פון אנ־טהייל נעהמען אין דיעזער יאגד און וועט אויך מיט פערגעניגען זעהן, אז זיינע קאמעראדען זאלען אויך מיטקומען.

קאפיטאן נעמא, קאמאנדיר פון "נאטילוס".

— א יאגד! — האט לענד אויסגערופען מיט ערשטוינונג, נאכדעם וויא ער און קאנסייל זיינען אריינגעקומען און איך האב זיי דעם בריעף געציינט.

— און אין דיא וועלדער פון קרעספא! — האט זיך קאנסייל געוואונדערט.

— אויב אזוי — האט לענד דערפרעהט געזאגט — וועלען מיר דאך ענדליך בעטרעטען דעם טרוקענעם באדען פון דער ערד! איך וואלט שוין טאקי זעהר וועלען עסען א שטיקעל פלייש פון א אן אייגענע געפאנגענע חיה!

— איך גלויב אויך אזוי! — האב איך געזאגט מיט אן אונזיכערען טאן, ווייל איך האב דיא בעדייטונג פון בריעף ניט זיכער פערשטאנען.

— יעדענפאלס מוזען מיר דיא איינלאדונג אננעהמען, האט דער קענעדע'ר זיך אבגערופען — לאמיר נור קומען אויף טרוקענע לאנד, לאמיר נור פיהלען א פעסטען באדען אונטער אונזערע פיס, וועלען מיר שוין וויסען וואס מיר האבען צו טהאן.

איך האב פארלויפיג וועגען דעם פיעל ניט געקענט רעדען, דען עס איז מיר איבערהויפט שווער געווען צו ערקלערען וויא קאפיטאן נעמא ערלויבט זיך צו געהן אויף געיעג אויף דיא ערדישע וועלדער, אין דער צייט ווען דיא ערד, דיא טרוקענע ערד איז איהם אזוי פערהאסט. איך האב דארום בלויז געענטפערט:

— לאמיר צוערשט זעהן וואס פאר א מין אינזעל קרעספא איז.

איך האב זיך דאן ארומגעקוקט אויף דער לאנד־קארטע און איך האב

אויסגעפונען, אז דער קליינער, איינזאמער אינזעל קרעספּאָ ליגט אונטער 32.40 גראד פון נאָרד־פּאָל און 157.50 גראד וועסט פון דיא לענג פון דער וועלט. איך האָב אויך אויסגעפונען, אז דיעזער אינזעל איז ענטדעקט געוואָרען פון א שפּאנישען קאפּיטאן מיט'ן נאָמען קרעספּאָ אין יאהר 1801. קרעספּאָ האָט דאן דעם אינזעל א נאָמען געגעבען "ראָקא דע לא פּלאטא", דאָס מיינט אויף שפּאַניש: "דער זילבער פעלז". איך האָב אויסגערעכענט אז מיר זיינען שוין אָבגעפאָהרען אומגעפעהר אכטצעהן הונדערט מייל פון דעם פּלאץ וואו מיר האָבען אָנגעפאנגען אונזער רייזע אונטער'ן ים און דיא ריכטונג פון דער "נאָטילוס" איז ערשט עטוואָס געענדערט און מיר פאָהרען א ביסעל צוריק נאָך זיד־אָסט. ציינענדיג מיינע קאָמעראדען דעם קליינעם אינזעל וואָס שטעהט אזוי וויא פערלאָרען און אונזיכטבאר אין דעם אונענדליכען שטילען אָקעאן, האָב איך בעמערקט:

— אויב קאפּיטאן נעמאָ בעזוכט אמאָל יא טרוקענע לאנד, קלייבט ער אוים אונבעוואָהנטע, איינזאמע און פערוואָרפענע אינזלען.

לענד איז בייז געוואָרען. איהם האָט שטארק פערדראָסען, וואָס זיינע פּלענער צו אנטלויפען זיינען צו נישט געוואָרען, דען וואוהין לויפט מען פון אן איינזאמען אינזעל, וואוהין קיין לעבעדיגער מענש קומט קיינמאָל ניט? אָבער ער האָט דיעזען מאָל איינגעהאלטען זיין צאָרן און ער איז צוזאמען מיט קאָנסייל ארוים ניט רעדענדיג א וואָרט.

א ביסעל שפּעטער האָט דער סטוארט מיר געבראכט מיין אבענד־מאָהלצייט, און אויך דיעזען מאָל איז ער געוועזען שטום און האָט א וואָרט ניט גערעדט. איך האָב אָבגעגעסען און בין איינגעשלאָפען טראכטענדיג וועגען דיא מאָרגענדיגע יאגד.

אויף מאָרגען, דעם 17טען נאָוועמבער אין דער פריה בין איך אויפגעשטאַנען פון שלאָף און דערפיהלט, אז אונזער שיף שטעהט גאנץ שטיל אויף אן אָרט. איך האָב שנעל אָנגעצויגען מיינע קליידער און איך בין אריין אין דעם גרויסען זאאל.

קאפּיטאן נעמאָ האָט דאָרט אויף מיר געוואַרט. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ און ער האָט מיך העפליך בעגריסט, דאן האָט ער מיך געפרעגט, אויב איך בין צופריעדען אָנצונעהמען זיין איינלאָדונג? איך האָב איהם געענטפערט, אז איך און מיינע קאמעראדען זיינען פאָלקאָם איינשטימיג דיעזע איינלאָדונג אָנצונעהמען. איך האָב געדענקט, אז ער וועט זיך ענטשולדיגען אדער וויינינגסטענס געבען אן ערקלערונג וועגען זיין אבוועזענהייט זייט אכט טאָג, אָבער ער האָט א וואָרט ניט דערמאָהנט וועגען דעם און איך האָב עס איהם ניט געפרעגט.

— מיין הערר — האָב איך צו איהם געזאָגט נאָך א קורצען שטילשווייגען
— איך וויל אייך נור איין פראגע שטעלען, אויב איהר וועט עס מיר ערלויבען.
— איהר מעגט פרעגען, הערר אראָנאקס! — האָט נעמאָ גוטמוטהיג געענטפערט — אויב נור מעגליך וועל איך אייך אנטוואָרט געבען.
— מיך וואונדערט זעהר — האָב איך געזאָגט — וואָס נאָכדעם וויא איהר האָט אויפגעגעבען יעדע פערבינדונג מיט דער ערד און איהר זיינט אן אויסגעשפּראָכענער שונא פון דער טרוקענער לאנד, געהט איהר מאכען א יאגד אויף דעם אינזעל קרעספּאָ.
— הערר פּראָפעסאָר! — האָט דער קאפּיטאן געענטפערט מיט א שמייכעל — דיא וועלדער וועגען וועלכע איך רעד, דארפען ניט קיין ליכט פון דער זונן, זיי ברויכען ניט איהר ווארימקייט, זיי וואקסען אָהן זוננען שטראהלען און אָהן טהוי. דאָרט געפינען זיך ניט קיין לייבען, טיגערס, לעמפּערטען אָדער אירגענד וועלכע אנדערע פיערפיסיגע חיות וואָס דיא ערד פערמאָגט. מיט איין וואָרט, דאָס זיינען קיין לאנד־וועלדער, זאָנדערן אונטערוואסערדיגע, אויף'ן גרונד פון ים.
— אונטער'וואסערדיגע וועלדער? — האָב איך ערשטוינט אויסגערופען.
— געוויס, הערר פּראָפעסאָר! וואָס וואונדערט איהר זיך אזוי?
— און איהר ווילט, איך זאָל מיט אייך אהין געהן צופוס?
— גאנץ ריכטיג! געוויס צופוס, זאָגאר גאנץ טרוקען.
— צופוס, מיט'ן ביקס אין האנד?
— וויא דען אנדערש? ווען מען געהט אויף יאגד, מוז מען א ביקס האָבען!
— האָט דער זאָנדערבארער מאן רוהיג געענטפערט.
איך האָב אויף'ן קאפּיטאן א קוק געטהאָן מיט א מינע פון וועלכע ער האָט זיך ווירקליך געדארפט בעליידיגען.
— דער מאן איז וואהנזיניג! — האָב איך ביי זיך געטראכט — ווער ווייסט, וואָס פאר א משוגענעם פּלאן ער האָט זיך איינגערעדט אין פערלויף פון דיא אכט טאָג וואָס ער איז געזעסען אבגעזונדערט אין זיין צימער, און ערשט פלוידערט ער עס אוים! אין הארצען האָט מיר שטארק לייד געטהאָן, וואָס אזא מאן, אן ערפינדער און א קאָפּ מענש, זאָל זיין אזוי משוגע.
דיעזע געדאנקען וואָלט יעדער איינער געקענט לעזען אויף מיין געזיכט. וויא איך האָב פערשטאנען, האָט מען ניט געדארפט האָבען קיין גרויסען פּסי־כאָלאָג צו קענען בעמערקען וואָס פאר א מחשבות עס לויפען ארום אין מיין מח, אָבער קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך וואהרשיינליך געמאכט ניט וויסענדיג און האָט מיך איינגעלאָדען צו געהן מיט איהם. איך בין איהם נאָכגעגאנגען, אזוי וויא א מענש וואָס האָט שוין זיך אליין מפקיר געווען און איז מיט אלעם צופריעדען.

מיר זיינען אריינגעקומען אין שפייז זאאל, וואו דער פריהשטיק איז שוין גע־שטאנען גרייט אויף'ן טיש.

— הערר אראָנאקס — האָט דער קאפּיטאַן זיך אָבגערופען — ערהאָלט זיך פון אייער איבערראשונג און פריהשטיקט מיט מיר צוזאמען. איהר פער־שטעהט דאָך נאטירליך, אז מיר וועלען אין וועג קיין רעסטאוראנט ניט געפינען און אונזער יאגד וועט וואהרשיינליך געדויערען ביז גאנץ שפּעט נאָך מיטאג.

איך האָב זיך צום פריהשטיק לאנג ניט געלאָזט בעטען, ווייל איך בין געוועז הונגעריג און דיא שפּייזען זיינען געוועזן אזעלכע וואָס האָבען מיר זעהר גוט געשמעקט. אונזער סעודה איז בעשטאנען פון פראכטפאָלע פערשיעדענע מינים פיש און געריכטען געמאכט פון ים־פּלאנצונגען. נאָך'ן עסען האָבען מיר פער־טרונקען מיט קלאָרעס וואסער, אין וועלכע עס איז געוועזן אריינגעמישט א פראכטפאָלער מין ליקער, אזוי וויא דער וואָס מען מאכט אין קאמטשאטקא פון א סאָרט ים־פלאנצונג. דיעזער ליקער איז ארויסגעצויגען געוואָרען פון דער פלאנצע, וועלכע מען רופט "רהאָדאָמעניא פאלמאטא". דיא גאנצע צייט פון עסען האָט קאפּיטאַן נעמאָ א וואָרט ניט גערעדט. ווען מיר זיינען פערטיג גע־וואָרען מיט אונזער מאָהלצייט, האָט ער זיך אָבגערופען:

—הערר פּראָפעסאָר, אָנפאנגס, ווען איהר האָב געגלויבט אז איך רוף אייך צו דער יאגד אויף'ן טרוקענעם ערד־באָדען, איז ביי אייך אויסגעקומען א וואונ־דער, וויא אזוי איך קען האנדלען נעגען מיינע פּרינציפּען; נאָכדעם הערענדיג מיין ערקלערונג וועגען אונטערוואסערדיגע וועלדער, האָט איהר אויף מיר געקוקט אזוי וויא אויף א משוגענעם. אָבער, מיין הערר, מען דאַרף א מענשען ניט אזוי שנעל אורטה'ילען.

— אָבער, קאפּיטאַן, גלויבט מיר אז . . .

— הערט מיך נור אויס! — האָט נעמאָ מיך איבערגעשלאָגען און ניט גע־לאָזט ענדיגען וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען — לאָזט מיר אייך איבערצייגען, אז איך בין שטרענג צו מיינע פּרינציפּען און משוגע בין איך אויך ניט. איהר, הערר פּראָפעסאָר, ווייסט אזוי גוט וויא איך, אז א מענש וואָלט געוועזן אימ־שטאנד צו לעבען אונטער'ן וואסער, ווען ער זאָל דאָרט נור האָבען דיא נויטיגע לופט איינצואטהמען. דיא לייטע וואָס ארבייטען אונטער'ן וואסער, דיא וואַ־סער־טויכער וואָס זוכען קאָראלען און פּערל אין ים, אָדער דיא וואָס ארבייטען אין וואסער ביי'ם בויען פונדאמענטען פאר בריקען, ציהען זיך אָן אין אזעלכע קליידער וואָס ווערען ניט דורכגענעצט און אויף'ן קאָפּ טראָגען זיי מעטאלענע שיידען, פון וועלכע עס ציהען זיך רעהרען ביז אין דער הויך, איבער'ן וואסער. דיעזע רעהרען זיינען פערבונדען מיט לופט־פּומפּען און רעגולאטאָרען, דורך וועל־כע מען לאָזט ארונטער לופט און דיא לייטע קענען שטונדען לאנג אין וואסער פערבלייבען.

— איך ווייס — האָב איך געזאָגט — דיא וואסער־טויכער אפּאראַטען זיינען מיר גוט בעקאַנט.

— גאַנץ ריכטיג. אָבער אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז דער מענש ניט פריי. ער מוז זיין צוגעבונדען צו דער פּומפּע, וועלכע ליפערט איהם לופט דורך דעם גומענעם רעהר. דאָס הייסט איינפאַך, אַז דער וואסער־טויכער איז צוגע־שמידט צו דער שיף, אָדער צום ברעג וואסער, וואו דיא פּומפּען געפינען זיך. אויב מיר זאָלען אויך אַזעלכע מיטלען דאַרפען אָנווענדען, וואָלט אונז ניט מעג־ליך געווען וועיט פון אונזער שיף אוועקצוגעהן.

— אָבער איך זעה ניט איין קיין אנדער מיטעל — האָב איך זיך אָבגערופען.

— עס איז גראָדע פאַראַן אַן אנדער מיטעל, און אַ זיכערער און גוטער מי־טעל! — האָט נעמאָ געענטפערט — ווייסט איהר ניט, אַז צוויי פון אייערע לאַנדסלייט רוקוועיראָל און דענערוז, האָבען ערפונדען אַ בעסערען מיטעל פאַר וואסער־טויכער? דורך דעם רוקוועיראָל און דענערוז אפּאַראַט קען זיך דער אַרבייטער אונטער'ן וואסער פריי בעוועגען און אומשפּאַצירען אויף'ן גרונד וואו ער וויל. איך האָב דיעזען אפּאַראַט נאָך אויסגעבעסערט נאָך מיינע אייגענע מע־טהאָדען און מיר קענען אויף'ן גרונד פון וואסער טהאָן אַלעס אַזוי פריי און אונגעזיקאַליש אַזוי וויא אויף אַ פרייען פעלד. דער נייער אפּאַראַט בעשטעהט נעמליך פון אַ דיקע בלעכענע קעסטעל, אין וועלכע עס איז צוזאַמענגעפּרעסט אַ מאַסע לופט, אונטער דעם דרוק פון פופציג אַטמאָספערעס. דאָס קעסטעל זעהט אויס אַזוי וויא אַ געוועהנליכער ראַנעץ, וועלכען דער טויכער טראָגט בע־פעסטיגט מיט רימענס ביי זיך אויף'ן רוקען. אין אויבערשטען טהייל פון ראַנעץ איז געמאַכט געוואָרען אַזאַ מין קאַפּסעל, דורך וועלכע דיא צוזאַמענגעדריקטע לופט געהט אַרויס אין דער שייד איבער'ן קאָפּ. אָבער דיא לופט פליסט לאַנגזאַם, ביסלעכווייז, אַזוי פיעל וויפיעל מען דאַרף געברויכען. ביי דעם געוועהנליכען רוקוועיראָל אפּאַראַט, וויא מען געברויכט איהם יעצט, ציהען זיך צוויי גומענע רעהרלאַך צום נאָז און צום מויל. איינער פון דיעזע רעהרלאַך עפענט זיך אין דעם מאָמענט ווען דער מענש דאַרף אריינציהען דעם אָטהעם מיט פרישע לופט און דער צווייטער — דאַן ווען ער אָטהעמט אויס פערדאָרבענע לופט. דיא פער־דאָרבענע לופט אָדער גאַזען לויפען אַרויס דורך דער צווייטער רעהרעל. איך האָב דיעזען אפּאַראַט אויסגעבעסערט דערמיט, וואָס איך האָב דיא שייד איבער'ן קאָפּ געמאַכט פון שטאַרקען קופּער, ווייל אין אַזאַ טיעפענים פון ים וויא מיר לאָזען זיך אַרונטער, איז דער דרוק פון וואסער שווער און אַ לייכטער מאַטעריאַל קען צודריקט ווערען.

— גוט, הערר קאַפּיטאַן! אָבער דיא לופט וועלכע איהר נעהמט מיט זיך מוז דאָך באַלד פערברויכט ווערען; היינט, וויא אַזוי קענט איהר פערבלייבען לאַנג אונטער'ן וואסער?

— איהר האט רעכט, הערר פראפעסאר. אבער איך האב אייך שוין איינמאל ערקלערט, אז דיא פומפען וואס איך האב אויף מיין שיף קענען צוזאמען פרעסען לופט ביז דיא לעצטע מעגליכקייט, און אויף דיעזען אופן נעהם איך מיט אין ראנגע אזוי פיעל לופט, וואס זאל מיר גענוג זיין אויף צעהן — צוועלף שטונדען.

— נון, האב איך ניט מעהר וואס אנצוואווענדען אין דיעזער הינזיכט. אבער איך וועל אייך פרעגען, הערר קאפיטאן, וויא אזוי קענט איהר אייער וועג בעלייכטען אזוי טיעף אויף'ן גרונד פון מעער? — האב איך נייגעריג געפרעגט.

— מיט א רוהמקארף אפאראט! — האט נעמא געענטפערט — איין רוהמקארף אפאראט טראגט מען צוגעבונדען אויף'ן רוקען און נאך איינעם ביי'ם ברוסט. דיעזער אפאראט איז ערפונדען געווארען מיט דעם צוועק, אז א לאנטערנע זאל קענען ברענען אין וואסער דורך געוועהנליכע עלעקטריצעט. דיא קארבאניק גאז, וואס גיט ארויס פייער געפינט זיך אין א געוויסע גלאז. ווען דער אפאראט פאנגט אן צו ארבייטען, גיט דאס גלאז ארויס פון זיך א גאנץ ווייסע, העלע ליכט. איך בענוץ דערצו מיין אייגענע עלעקטריציטעט, וועלכע איז פיעל שטארקער און העלער.

— קאפיטאן נעמא — האב איך געזאגט — אויף אלע מיינע פראגען האט איהר מיר בעגניגענדע אנטווארטען געגעבען אזוי, אז איך צווייפעל שוין ערשט ניט אין קיין זאך. אבער וואס אנבעטרעפט דיא ביקסען, קען איך ניט בעגרייפען. וואס פאר א ביקסען קענען עס זיין מיט וועלכע מען זאל קענען שיסען אין וואסער?

— הערר פראפעסאר — האט דער קאפיטאן געזאגט מיט א שמייכעל — ווען מיר קענען אומגעהען אויף'ן גרונד פון ים און דארט האבען לופט און לייכטונג, ווארום זאלען מיר ניט קענען בעזיצען אזעלכע ביקסען וואס קענען שיסען אין וואסער? דיא ביקסען אונזערע זיינען ניט קיין פייער־געוועהר און זיי ווירקען אין וואסער אזוי גוט וויא אויף דער יבשה.

— אויב אזוי, זיינען עס וואהרשיינליך ווינד־ביקסען, אדער לופט ביקסען.

— גאנץ ריכטיג! וואס דען האט איהר געוואלט, איך זאל אויף מיין שיף נאך האבען א פולווער פאבריק? און וואו וועל איך נעהמען סאלפעטער, שוועבעל און קאהלען, וואס מען דארף צו דיעזע פאבריקאציאן?

— אויסערדעם — האב איך זיך אבגערופען — מוז מען דאך האבען אן אונגעהייער מעכטיגען קראפטמיטעל צו שיסען אונטער'ן וואסער, וועלכער איז אכט הונדערט פופציג מאל שטייפער וויא לופט.

— דאס וואלט שוין ניט אויסגעמאכט! — האט נעמא געענטפערט — עס גיבט אזעלכע קאנאנען וואס זיינען ערפונדען געווארען פון פולטאן און אויסגעבעסערט פון דיא ענגלענדער קאלס און בורלי, פון דעם פראנצויז טורסי און פון

איטאַליענער לאַנדי. ווייסט איהר, הערר אראָנקאַס, פון דיעזע קאַנאָנען? דיעזע קאַנאָנען זיינען אזוי געמאכט, אז מען קען מיט זיי שיסען אונטער'ן וואסער. אָבער איך געברויך ניט יענע מעטהאָדע. צו מיינע ביקסען דאַרף מען קיין פּולווער. זיי שיסען דורך געפּרעסטע לופט, וועלכע איך קען צו יעדע צייט גענוג בעקומען אויף מיין "נאַטילוס".

— אָבער דיעזע לופט מוז דאָך שנעל פערברויכט ווערען און וואָס טהוט איהר ווייטער?

— דערויף האָב איך דאָך א ראַנעץ מיט לופט אויף מיין רוקען. איך דאַרף נור א דרעה געבען א שרייפעל און מיין ביקס איז ווידער אָנגעלאָדען. איבּ־ריגענס, הערר אראָנאַקס, וועט איהר ביי דעם יעצטיגען שפּאציר גאַנג אויף'ן גרונד פון ים אַלעם זעהן מיט אייערע אויגען און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז אָהן לופט, ליכט און קוילען פון אייער יבשה קען מען זיך אויך גאַנץ גוט בעגעהן.

— אָבער אזוי פיעל איז דאָך זיכער, אז אונטען, אין דער ים־פליסיגקייט, וועלכע איז הונדערט מאָל געדיכטער און שטייפער פון דער אַטמאָספערע, קען א קויל ווייט ניט לויפען און ניט פיעל שאַדען.

— מיין הערר, איהר האָט א טעות. דאָס בעשעפּעניס וואָס ווערט געטראָ־פען פון א קויל פון מיין געוועהר, פאַלט אויגענבליקליך טויט.

— וויא אזוי איז עס מעגליך?

— ווייל איך שיס ניט מיט געוועהנליכע קוילען זאָנדערן מיט גלעזערנע קאַפּסלען, אָדער פּוסטע קייקעלאַך, וועלכע דער עסטרייכישער בעמיקער לעניע־בראָק האָט ערפונדען. דיעזע קאַפּסלען זיינען געפּאַסט אין שטאָהל און אינווייניג זיצט א קליינע בלייענע קויל, וועלכע איז שווער געלאָדען מיט עלעקטריציטעט. ביי דעם קלענסטען שטויס פון דיא צוזאַמענגעדריקטע לופט שיסען זיי אויס מיט אזא האַסט, אז דאָס גרעסטע טהיער מוז פאַלען טויט אויף'ן אָרט. אזעלכע קאַפּסלען, דאַרפט איהר וויסען, וואָלט מיר אליין שווער געוועזן צו פאַבריצירען, אָבער איך האָב זיי צוגעגרייט פערטיג זעהר פיעל און פאַרלויפיג האָלט נאָך ניט ביי קיין מאַנגעל אויף זיי.

— אַלזאָ — האָב איך זיך אָבגערופען — אצינד זיינען מיר שוין אַלע קשיות פערענטפערט און איך האָב שוין ניט מעהר וואָס צו פרעגען. קאַפּיטאַן, וואוהין איהר געהט, געה איך מיט.

קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיך אוועקגעפיהרט צום הינטערשטען טהייל פון שיף, און געהענדיג פערביי דיא קאַיוטע פון מיינע קאַמעראַדען, האָב איך זיי גערופען און זיי זיינען אויך מיטגעגאַנגען. מיר זיינען דאַן אריינגעקומען אין א קליינעם צימער, נאָהענט פון דיא מאַשינערי אָבטהיילונג. דאָרט האָבען מיר געדאַרפט

אַנטהאַן דיא זאַנדערבארע יאגד קליידער און ארויסגעהן אין אונטערוואסערדיגען וואלד.

16טעם קאפּיטעל

אַ שפּאַציער אויפ'ן גרונד פון ים

דאַס צימער אין וועלכען מיר האָבען זיך געפונען איז געוועזן דער ארסענאל און גארדעראָב צימער פון דער "נאַטילוס". א דוצענד טויכער־אפּאראטען זיינען דאָרט געהאנגען ארום דיא ווענד. אויך פיעלע אנדערע קליידער און יאגד־געװעהר, וועלכע מיר האָבען געדארפט געברויכען, זיינען דאָרט געוועזן.

נעד לענד האָט א קוק געטהאַן אויף דיא אפּאראטען און אויף דיא משונה'דיגע בגדים און ער האָט געצייגט צייכענס פון אונצופריעדענהייט אַנצוטהאַן זיי.

— ווייסט איהר, ווערטהער הערר לענד — האָב איך צו איהם געזאָגט — אז דיא וועלדער פון קרעספּאָ געפינען זיך גאָר אונטער'ן וואסער, אויפ'ן גרונד פון ים?

— פון מיינעטוועגען — האָט לענד געענטפערט מיט פערדרוס — מעגען זיי זיין אפילו אויפ'ן הימעל! און איהר, הערר פּראָפעסאָר, וועט אויף זיך ארויפשלעפּען אזעלכע העסליכע קליידער?

— נאַטירליך! דאָס איז דאָך נויטיג צו אונזער שפּאַציר־גאַנג. אין מיין יעצטיגען אנצוג קען איך דאָך אין וואסער ניט געהן.

— טהוט וויא אייך געפעלט, מיין הערר! — האָט לענד געענטפערט — מיך אָבער שרייבט אוים פון צעטעל, ווייל איך וועל מיט'ן גוטען ווילען זיך ניט מאכען פאר אזא מיאוס'ע פערשטעלעניס, און צווינגען דערצו קען מיך אויך קיינער ניט.

דער קענעדע'ר איז, וויא עס שיינט, שטארק ברוגז געוואָרען וואָס זיין האָפענונג אויף א פרישען בראטען פון א לאנד־טהיער איז צושטערט געוואָרען.

— מיט געוואלד וועט מען אייך ניט שלעפּען, הערר לענד — האָט זיך קאפּיטאן נעמאָ אָבגערופען — אז איהר ווילט ניט מיטגעהן מיט אונז, קענט איהר דאָ פערבלייבען.

— און איך וועל דעם הערר ניט פערלאָזען! — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען — וואוהין דער הערר געהט געה איך מיט.

קאפּיטאן נעמאָ האָט א רוף געטהאָן. צוויי לייטע פון דיא שיף מאנשאפט זיינען באלד געקומען און האָבען אונז געהאָלפען אָנציהען דיא שווערע קליידער, וועלכע זיינען געוועזן געמאכט פון אינדיא־ראָבער (אינדיאנישע גומי), וואָס לאָזען ניט דורך קיין וואסער. דערצו זיינען דיזע קליידער אזוי געמאכט געוועזן, אז זיי האָבען געקענט אויסהאלטען דעם גאנצען וואסער־דרוק און דער קערפּער

זאָל עס ניט שפּירען. דער קאָסטיום איז בעשטאַנען פון הויזען, וועלכע האָבען זיך אונטען געענדיגט מיט א פּאָר שיך מיט שווערע בלייענע זאָהלען (פּאָדעש־ווען) און א וועסט, וועלכע איז אויף'ן ברוסט געווען בעדעקט מיט קופּערנע בלעטלאך, אזוי וויא א פּאַנציר, אום דאָס וואסער זאָל ניט דריקען דיא לונגען און מען זאָל פריי קענען דעם אטהעם אָבציהען. דיא ארבעל האָבען זיך געענ־דיגט מיט גאַנץ בעקוועמע האנדשוה, אין וועלכע מען האָט דיא פינגער גאַנץ לייכט געקענט בעוועגען. דיעזע וואסער־קליידער זיינען געווען פיעל בעסער און בעקוועמער אלס דיא וועלכע מען פלעגט געברויכען אין 18טען יאָהר־הונדערט.

דער קאַפּיטאַן און איינער פון זיינע לייטע, א געזונדער און ריעזיגער מאַן, אויך איך און מיין דיענער קאָנסייל זיינען שנעל פערטיג געוואָרען מיט דיא אָנקליידונג. יעצט איז אונז נור פערבליבען אָנצוטהאָן דיא מעטאַלענע שיידען אויף אונזערע קעפּ. אָבער איך האָב געבעטען בײ'ם קאַפּיטאַן דיא ערלויבניס פריהער צו בעטראַכטען און אונטערזוכען דיא געוועהר וואָס מיר האָבען גע־דארפט מיטנעהמען.

איינער פון דיא מאַנשאַפט פון שיף האָט מיר דערלאַנגט אַן איינפאַכע ביקס, וועלכע איז געווען ציעמליך דיק. דער אונטערשטער טהייל פון ביקס איז געווען געמאַכט פון שטאָהל. דיא ביקס האָט געהאַט א בעזונדער בעהאַלטער, אין וועלכען מען האָט אריינגעלאָזט געפּרעסטע לופט. אין דעם דיקען טהייל אונטער'ן שלאָס איז געווען איינגעפּאַסט א קעסטעלע, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען ביי א צוואנציג עלעקטרישע קוילען און דורך דעם דרוק פון א שפּרינג־פעדער (פּרוזשינע) האָט דיא ביקס געשאָסען. וויא נור איין קויל איז אָבגעשאָסען געוואָרען איז שוין א צווייטע פערטיג געווען אָבצושיסען.

— קאַפּיטאַן נעמאָ! — האָב איך געזאָגט — דאָס געוועהר איז אויסגע־צייכענט און מען קען דערמיט לייכט אָנגעהן. איך בין שוין ווירקליך אונגע־דולדיג. איך וואָלט וועלען וואָס שנעלער דיעזע מערקווירדיגע וואפע בענוצען. אָבער וויא אזוי קומען מיר ארוים אויף'ן גרונד פון ים?

— הערר פּראָפעסאָר — האָט נעמאָ געענטפערט — דיא "נאָטילוס" שטעקט ערשט דרייסיג פוס טיעף אויף דעם באָדען פון מעער, און מיר קענען באלד אָנפאַנגען ארויסגעהן אין וועג.

— אָבער וויא אזוי וועלען מיר ארויסקומען פון שיף?

— דאָס וועט איהר באלד זעהן!

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעטהאָן אויף'ן קאָפּ דעם קיילעכדיגען מעטאַלענעם שייד. איך און קאָנסייל האָבען אויך דאָס זעלבע געטהאָן, וועהרענד נעד לענד האָט אונז מיט שפּאָט געוואונשען "גליקליכע יאגד". דיא וועסט האָט זיך אויבען געענדיגט מיט א קופּערנעם האלז־באַנד, צו וועלכען דער מעטאַלענער קאָפּ־שייד איז פעסט צוגעשרויפט געוואָרען. אין דיעזען מעטאַלענעם קאָפּ־בע־

שיצער זיינען געווען דריי לעבער, פערשמעלט מיט דיקע, ליכטיגע גלעזער, דורך וועלכע מען האָט גאַנץ גוט געקענט זעהן אין אלע זייטען. באלד וויא מיר האָבען דיא לעצטע בעקליידונג אָנגעצויגען, האָט שוין דער רוקוועיראַל־אפּאראט אָנגעפאנגען צו ארבייטען. דיא פרישע לופט פון ראנעץ איז מעסיג אריינגעדרונגען און איך האָב געשפּירט, אז עס איז גאנץ לייכט און בעקוועם צו אטהעמען.

מיט דיא רוהמקאָרף לאנטערנעס צוגעבונדען צו מיין גארטעל און מיט דיא געוועהר אין האנד בין איך שוין פערטיג געווען ארויסצוגעהן. אָבער אין דיעזע שווערע בעקליידונג מיט דיא בלייענע זאָהלען האָב איך זיך זאָגאר פון אָרט ניט געקענט ריהרען.

אָבער דיעזע שוועריגקייט איז באלד פאָריבער. מען האָט מיך און מיינע בעגלייטער אריינגעשטופּט אין אן אנדער קליינעם צימער. דיא טהיר פון קליידער־קאמער איז הינטער אונז פעסט פערשלאָסען געוואָרען און מיר זיינען געבליבען שטעהן אין א טיעפע פינסטערניס.

אין אייניגע מינוטען ארום האָט זיך געהערט א געררויש און איך האָב דערפיהלט, אז א קעלט געהט מיר דורך אלע גליעדער, אָנפאנגענדיג פון דיא פיס ביז ארויף צום קאָפּ. איך האָב פערשטאנען, אז דער קאמער, אין וועלכען מיר האָבען זיך געפונען, איז אָנגעפילט געוואָרען מיט וואסער און מיר זיינען שוין אין דיעזען עלעמענט איבער'ן קאָפּ. באלד נאָכדעם האָט זיך געעפענט א צווייטע טהיר ביי'ם זייט פון שיף און דאן איז דיא דונקעלהייט עטוואָס ליכטיגער געוואָרען. אין א ווייל ארום זיינען מיר שוין געשטאנען מיט אונזערע פיס אויף'ן גרונד פון ים.

עס איז מיר אונמעגליך צו שילדערען דעם איינדרוק וואָס דיעזער שפּאציר־גאנג האָט אויף מיר געמאכט. קיין פעדער און קיינע ווערטער זיינען אימשטאנד צו דערצעהלען און איבערגעבען וויא איך האָב געפיהלט זעהענדיג דיא גרויסע וואונדער און מערקווירדיגע ערשיינונגען אונטער'ן וואסער. קאפּיטאן נעמאָ איז געגאנגען פאָראויס, זיין קאָמעראד איז איהם נאָכגעגאנגען א פּאָר טריט ווייט פון הינטען און איך און קאָנסייל זיינען פערבליבען צוזאמען און מיר זיינען געגאנגען זייט ביי זייט. מיר זיינען געגאנגען שטילשווייגענד, ווייל דורך דיא דיקע קופּערנע שיידען אויף אונזערע קעפּ איז אונז אונמעגליך געווען איינער צום אנדערען א וואָרט צו רעדען. דיא שווערקייט פון מיינע קליידער האָב איך מעהר ניט געשפּירט. דער שווערער העלמעט (קאָפּ־פּאנציר), דיא בלייענע זאָהלען און דיא אפּאראטען וואָס איך האָב ארום זיך געטראָגען האָבען ניט געשטערט מיין גאנג און איך האָב זיך אין זיי געפיהלט אזוי וויא אין געוועהנליכע קליידער. נאָך מיט איבער טויזענד יאָהר צוריק האָט א גרויסער מאטהעמאטיקער ערקלערט, אז עס איז א נאטור־געזעץ, דאָס א שווערע מאסע פערלירט אין וואסער פון איהר געוויכט אויף אזוי פיעל, וויפיעל עס וועגט דאָס

וואסער, וואָס זיא פערדרענגט. איך האָב זיך דאן פון פּראַקטיק איבערצייגט, אז עס איז ווירקליך אזוי.

העכסט וואונדערבאר איז מיר געוועזן צו בעטראכטען וויא שטארק דאָס ליכט פון דיא זוננען שטראהלען דרינגען אריין אין ים. מיר זיינען דאָך געוועזן דרייסיג פוס ווייט פון דיא אָבערפלעכע פון ים, דאָך איז איבעראל געוועזן גאנץ ליכטיג און העל. איך האָב דעם קלענסטען געגענשטאנד געקענט בעמערקען אויף א שטרעקע פון 450 פוס. דאָס וואסער האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין פערשיעדענע העלע קאָלירען און איז דורכאויס געוועזן דורכזיכטיג אזוי וויא א ריינע, זויבערע גלאָז.

מיר זיינען געגאנגען ווייטער איבער א דינעם גלאַטען זאמד, אזעלכער וואָס מען טרעפט אימער ביי'ם ברעג פון ים, נאָכדעם וויא דאָס וואסער פאלט אָב. דער ריינער זאמד פון גרונד האָט זעהר פיעל אָבגעשלאָגען אין דער הויך מיט א זעלטענעם גלאנץ און עס איז אין דיא טיעפענים פאָלשטענדיג מעגליך געוועזן אלעס צו זעהן, פּילייכט נאָך בעסער וויא אויף דער יבשה אין א שעהנעם העלען טאָג.

אומגעפעהר א פּיערטעל שטונדע צייט בין איך געגאנגען אויף דיעזען זאמד, וועלכער איז איבעראל געוועזן אזוי וויא פערזעעט מיט בלישצענדע מושעלען. דיא "נאָטילוס", וואָס האָט פון ווייטען אויסגעזעהן אזוי וויא א לאנגער, שווארצער פעלז, איז באלד פערשוואונדען געוואָרען פון אונזערע אויגען, אָבער זיין עלעקטרישע ליכט האָט געשטראהלט זעהר ווייט. דיא בעלייכטונג פון שיף איז אבזיכטליך פערשטארקט געוואָרען, אום צו צייגען אונז דעם וועג צוריק אהיים, אין פאל אויב מיר וועלען זיך פערזאמען ביז אבענד צייט, אָדער ווען דער הימעל וועט זיך גראדע פערציהען מיט וואָלקענס און אין וואסער וועט פינסטער ווערען. דיא עלעקטרישע ליכט פון דער שיף איז אין וואסער געוועזן פיעל העלער וויא זיא וואָלט געוועזן אויף'ן לאנד, ווייל אויף דער יבשה איז דיא לופט דורכגעדרונגען מיט שטויב און אירגענד וועלכע בעלייכטונג זעהט פון ווייטענס אויס פערדונקעלט, וועהרענד אין דעם ריינעם וואסער איז דיעזע שטערונג ניטאָ און דער שיין שפּיגעלט זיך אָב אויף א לאנגע שטרעקע זעהר קלאָהר און גלענצענד.

מיר האָבען אונזער וועג פאָרטגעזעצט ווייטער און ווייטער. מיר האָבען געזעהן, אז דיעזער זאמדיגער באָדען האָט ניט קיין גרענעץ. א ביסעל שפּעטער אָבער האָב איך פון ווייטענס דערזעהן גרויסע געגענשטענדע, וועלכע איך האָב דערקענט אלס שטיקער פעלזען בעדעקט מיט דיא הערליכסטע זאָרטען זופּהייטען (טהיער־פּלאנצען). איך בין פון דיעזע ערשיינונגען העכסט איבעררראשט גע־וואָרען.

עס איז דאמאָלס געוועזן צעהן אוהר פאָרמיטאָג. דיא זוננען־שטראהלען

וועלכע זיינען געפאלען אין א קרומע ריכטונג אויף דער אָבערפלעכע פון ים, האָבען דורכגעדרונגען דיא וואסערען און האָבען אלעס בעלויכטען מיט דיא זיעבען פארבען פון א רעגענבויגען. עס איז ווירקליך געווען ענטציקט צו ווערען קוקענדיג אויף דיא פעלזען, בלומען, פלאנצען, מושעלען און אנדערע זאכען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. אלעס האָט געגלאנצט און געפינקעלט פון א צוזאמענמישונג פון פערשיעדענע קאָלירען: גרין־געלב, ארענדזש, וויאָלעט, דונקעל און העל־בלאָה. זאָגאר דער פערשלאָפענער, קאלט־בלוטיגער קאָנסייל איז אויך שטארק איבערראשט געוואָרען פון דיא אלע שעהנהייטען און ער האָט דיא אויגען ניט געקענט אראָבנעהמען פון דיא פראכטפאָלע נאטור־שאפונגען, וועלכע האָבען זיך געזעהן פון ווייטענס און זאָגאר אונטער אונזערע פיס. מיר האָבען געטרעטען אויף וואונדער־שעהנע מושעלען, קאָראלען און טהיער־פלאנצען פון פערשיעדענע געשטאלטען און פארבען. עס האָט איינפאך דיא אויגען געבלענדט קוקענדיג אויף שעהנהייטען, וועלכע קיין מאהלער, קיין קינסטלער וואָלט אימשטאנד געווען צו מאָהלען און מיר האָט זעהר שטארק באנג געטהאָן וואָס מיר צוטרעטען אזעלכע וואונדערבארע זאכען. יעדע זאך וואָס איך זעה דאָ — האָב איך ביי זיך געטראכט — וואָלט מען דאָך אין דיא גרעסטע מוזעאומס דעם אויבען אָן אוועקגעשענקט. מענשען וואָלטען דאָך שווערעס געלד געצאָהלט פאר אָנקוקען עס, און דאָ טרעט איך עס מיט דיא פיס! אָבער וואָס האָבען מיר געקענט בעסער מאכען? מיר האָבען זיך געוואָלט אָבשטעלען, אום גענויער צו בעטראכטען דעם גלענצענדען באָדען, אויף וועלכען מיר זיינען געגאנגען, אָבער קאפּיטאן נעמאָ האָט א וואונק געטהאָן, אז מיר זאָלען שנעלער נאָך איהם נאָכקומען.

אומגעפעהר א פיערטעל מייל זיינען מיר געגאנגען אויף דעם וואונדער־שעהנעם ים־באָדען, אָבער נאכהער איז יענער שעהנער גרונד פון ים פערבליבען הינטער אונז און מיר זיינען געקומען אויף א באָדען וואָס איז געווען בעדעקט מיט א בלאָטע, בעשטעהענד פון קליינע, ווייכע און קלעפּיגע שטיינדלאך. דיא אמעריקאנער רופען עס "ooze". נאכהער זיינען מיר געגאנגען דורך אין אונטערוואסערדיגע לאָנקע, בעדעקט מיט פערשיעדענע גראָזען און וואקסונגען. דער גראָז איז געווען ווייך און מיר האָבען שפּאצירט אזוי וויא אויף א דיקען דיוואָן. צו דער זעלבער צייט האָבען מיר געזעהן, אז איבער אונזערע קעפּ איז פערשפּרייט א גרינע דעקע פון ים פלאנצונגען, פון וועלכע עס זיינען בעוואוסט מעהר וויא צוויי טויזענד מינים, וואָס וואקסען אויבען אויף'ן וואסער. דיעזע פלאנצונגען זיינען דיא מערקווירדיגסטע וואונדער אין דעם פלאנצען־רייך פון דער נאטור. מען געפינט צווישען זיי אזעלכע גרעזעלאך וואָס מען קען קוים דערזעהן מיט א שטארקען מיקראָסקאָפּ, וועהרענד אנדערע גראָזען זיינען הונדערטע פוס לאנג. עס איז העכסט אינטערעסאנט געווען צו בעאָבאכטען דעם

וואונדער־שעהנעם דאך איבער אונזערע קעפּ און דעם ווייכען נאטור־דיוואן אונטער אונזערע פיס. איך בין דערפון אזוי ענטציקט געווען, אז איך האָב זיך אין יענע מאָמענטען פערגעסען אן דער גאנצער וועלט.

עס איז שוין געווען אומגעפעהר א שטונדע און א האלב זייט מיר האָבען פערלאָזען אונזער שיף. פון דיא זוננען שטראהלען, וועלכע האָבען זיך געצווייגען ארונטער אין א גלייכע ליניע האָב איך פערשטאנען אז עס איז מיטאג צייט. דיעזע זוננען שטראהלען האָבען שוין ניט אזוי פיעל געווירקט, און דיא צויבער־האפטע פארבען פון פריהער זיינען ביסלעכווייז פערשוואונדען. אונטער דיא איינפאכע העלע ליכט זיינען מיר ווייטער געגאנגען און דורך דיא שטילקייט וואָס האָט געהערשט אונטער'ן וואסער האָבען זיך אונזערע טריט גוט געהערט אויף א ווייטע שטרעקע. עס איז א בעוואוסטע זאך, אז יעדער טאָן, יעדער אָבקלאנג דרינגט דורך אין וואסער פיעל שטארקער וויא אין דער לופט, און דער קלענסטער גערויש אין וואסער קען זיך הערען גאנץ ווייט. דער באָדען פון ים האָט דאן אָנגעהויבען געהן בארג אראָב און עס האָט ניט לאנג געדויערט ביז מיר זיינען ארונטער אזוי טיעף, אז דאָס וואסער איבער אונז איז געווען אריבער דריי־הונדערט פוס און מיר האָבען זיך געפונען אונטער דעם דרוק פון עטליכע אט־מאָספערעס. דאָך האָב איך דעם שווערען דרוק גאָר ניט געשפירט און מיר איז געווען גאנץ לייכט צו געהן און צו בעוועגען זיך אזוי וויא פריהער, ווייל מיינע קליידער און דער פאנציר האָבען מיך בעשיצט.

דאָרט, אין יענע טיעפענים איז דיא ליכטיגקייט פון דיא זוננען שטראהלען פערשוואונדען געוואָרען און אלעס איז געווען איינגעוויקעלט אין א דונקעלהייט, אזוי וויא פאר נאכט, אין דער צייט צווישען זונן־אונטערגאנג און דיא שטערען אויפשיינונג. דאָך האָבען מיר נאָך געקענט גענוג זעהן און מיר האָבען ניט געדארפט געברויכען אונזערע רוהמקאָרף'ס לאנטערנען.

קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געווארט ביז איך און מיין דיענער זיינען צו איהם צוגעקומען. דאן האָט ער מיר געצייגט מיט'ן פינ־גער אויף איינינע דונקעלע מאסען, וועלכע האָבען זיך בעוויזען פון ווייטען.

— דאָס זיינען דיא אונטערוואסערדיגע וועלדער, וועלכע דער קאפּיטאן רופט מיט דעם נאָמען "קרעספּאָ" — האָב איך ביי זיך געטראכט — און איך האָבווירקליך קיין טעות ניט געהאט.

17טעס קאפּיטעל

דער וואלד אויפ'ן גרונד פון ים

מיר זיינען ענדליך געקומען אין יענעם וואלד, וואָס קאפּיטאן נעמאָ האָט וואהרשיינליך פערעכענט אלס איינע פון זיינע שעהנסטע גיטער. נעמאָ האָט

זיך בעטראכט אלס דער הערשער איבער אלע געגענדען אין ים און אלס איינגעטיהמער פון אלעם וואָס דאָרט געפינט זיך. און אין דיא ווירקליכקייט, ווער האָט דען דיעזע רעכט פון איהם געקענט אוועקנעהמען? ווער האָט דען געקענט קומען מיט א טענה, אז ער איז דאָרט בעל הבית?

דער וואלד איז בעשטאנען פון גרויסע פלאנצונגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא בוימער. איך האָב אויף דיא צווייגען פוז דיא דאָזיגע בוימער בעמערקט א זאָנדערבארע מערקווירדיגקייט. איך האָב איינגעזעהן, אז קיין איינציגער צווייג וואקסט ניט אין א גלייכע אָדער אראָבהענגענדע ריכטונג, זאָנדערן זיי ציהען זיך אלע ארויף־צו, צו דער אָבערפלעכע פון ים. זאָגאר דיא גאנץ דינע פלאנצונגען בויגען זיך אויך ניט ארונטער, נור זיי שטעהען גלייך, אזוי וויא זיי וואָלטען געווען געגאָסען פון הארטען שטאָהל. קיינע פון דיא פלאנצונגען האָבען זיך ניט בעוועגט, ניט געריהרט זיך אויף א האָאר. מיר זיינען איינפאך געווען אין א וועלט פון אונבעוועגליכקייט.

איך האָב זיך שנעל צוגעוואָהנט צו דיעזע מערקווירדיגקייטען און צו דיא האלב דונקעלהייט וואָס האָט געהערשט ארום אונז. נאָך מיין רעכענונג איז אויסגעקומען, אז דיא פערשיעדענע פלאנצונגען וואָס וואקסען אונטער'ן ים זיינען פיעל צאָהלרייכער פון דיא וואָס וואקסען אויף דער יבשה, זאָגאר אין דיא ווארימע געגענדען. ווען אָבער איך האָב זיך אייניגע מינוטען ארומגעקוקט, האָב איך דערזעהן, אז ניט אלעס וואָס עס געפינט זיך פאר מיינע אויגען זיינען טויטע וואקסונגען, זאָנדערן צווישען זיי זיינען אויך פאראן פיעלע פון יענע מערקווירדיגע ברואים וואָס זעהען אויס אזוי וויא פלאנצען. אין דער אונטערוואסערדיגער וועלט זיינען דיא ביידע נאטור־רייכען אזוי צוזאמענגעמישט, אז מען דארף זיין אן ערפאהרענער נאטור־פאָרשער, אום דיא אמת'ע פלאנצונגען פון דיא טהיערע צו אונטערשיידען.

דיא טהיער־פלאנצען זיינען פאראן פערשיעדענע זאָרטען. אייניגע זיינען בלויז אזוי גרויס וויא א קאָרן קערענדעל און אנדערע, וואָס זייער קערפער איז א פוס דיק. זייער געשטאלט וואָס איז עהנליך צו קלענערע אָדער גרעסערע פלאנצונגען איז אָבער מערקווירדיג פערשיעדען. פיעלע זעהען אויס וויא בוימער, אנדערע וויא דיקע בלעטער און אנדערע וויא גראָזען. דיא הויפט נאָהרונג פון דיא טהיערען־פלאנצונגען איז וואסער. אָבער עס זיינען פאראן אזעלכע וואָס ערנעהרען זיך מיט קליינע בעשעפעניסען וואָס טרייבען זיך ארום זיי. אייניגע לאָזען פון זיך ארויס לאנגע פערגיפטעטע פעדים, מיט וועלכע זיי בעטויבען דיא קליינע חיה'לאך וואָס פערפלאָנטערען זיך אין זייער נעץ. מאנכע פון דיא דאָזיגע מערקווירדיגע בעשעפעניסען לעגען אייער, אָבער דאָס רוב לאָזען זיי פון זיך ארויס בליהונגען אזוי וויא דיא ריכטיגע פלאנצונגען און דערפון פערמעהרען זיי זיך. דיא לעבעדיגע פלאנצונגען זיינען זעהר לויז צוגעוואקסען

צום באָרען פון ים, ווייל זיי ערנעהרען זיך ניט פון דיא זאפט פון דער ערד. דיא מעהרסטע טהייל פון זיי לאָזען ארויס בלעטער און בליהונגען פון העכסט זאָנדערבארע געשטאַלטען און פראכטפאָלע פארבען פון ראָזא, קארמין, ברוין און אנדערע קאָלירען.

אין דיעזען אונטערוואסערדיגען וואלד זיינען אויך געווען ריכטיגע בוימער מיט צווייגען, אונטער וועלכע עס זיינען געווען גרויסע בושעס פון טהיער־פלאנצען. אויף דיעזע בוימער זיינען אנשטאט פויגלאך אומגעפליויגען פראכט־פאָל שעהנע פישעלאך. זיי זיינען געשפרונגען פון איין צווייג אויף'ן אנדערען, פונקט אזוי וויא פויגעלאך אין א לאנד־וואלד.

איך האָב פיעלע פון דיא אלע וואונדערבארע זאכען געזעהן אין נעמאָ'ס מוזעאום, אָבער דאָרט זיינען דיא טהיער־פלאנצען טויט, און דאָ האָב איך זיי געזעהן אין זייער נאטירליכען צושטאנד און מיר דאכט, אז איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט געהאט אזא איבערראשונג וויא קוקענדיג אויף דיא דאָזיגע וואונ־דער פון דער נאטור.

אומגעפעהר מיט א שטונדע שפעטער האָט קאפיטאן נעמאָ געגעבען א צייכען אז מיר זאָלען זיך אָבשטעלען. איך בין דערמיט זעהר צופריעדען גע־ווען, ווייל איך בין שוין גערן געוועזן צו רוהען א ביסעל נאָך אונזער וואנדע־רען ביי א פיער שטונדען צייט. מיר האָבען זיך אלע אוועקגעלייגט אויף'ן באָ־דען פון ים, אונטער א מאסע בוימער און הויכע צווייגען.

מיר איז דיעזע לאנגע זעהר געפעלען געווען. איין זאך האָט נאָך אָבער געפעהלט און מיין פערגעניגען וואָלט געווען פאר פול. זייענדיג אין אזא צו־שטאנד וואָלט זעהר גוט געווען, ווען מיר וואָלטען זיך געקענט אונטערהאלטען, ווען מיר וואָלטען אימשטאנד געווען צו רעדען, צו באלאקען איינע מיט דיא אנדערע, אָבער דאָס איז אונז אונמעגליך געווען. איך האָב דורך דיא גלעזערנע אויגען פון מיין דיקען קופערנעם קאָפּ א קוק געטהאָן אויף מיין דיענער קאָנ־סייל און איך האָב געזעהן וויא זיין פנים שטראהלט פון צופריעדענהייט, און אום צו געבען מיר צו מערקען וויא ווייט ער איז צופריעדען, האָט ער אין זיין שייד געמאכט זאָנדערבארע און קאָמישע בעוועגונגען.

קיין הונגער האָב איך ניט געשפירט און מיך האָט עס זעהר געוואונ־דערט. נאָך א שפאציר פון פיער שטונדען צייט וואָלט איך זיך, דאכט מיר, שטענדיג גוט אויסגעהונגערט און יעצט דענקט גאָר ניט מיין מאָגען וועגען עסען! פון וואנען דאָס קומט, איז מיר געווען אונבעגרייפליך. אָבער דערפאר האָט מיך זעהר געצויגען צו שלאָפען. מיינע אויגען האָבען זיך מיר איינפאך געקלעפּט און איך האָב דעם שלאָף ניט געקענט בעהערשען. דאָס איז א געוועהנ־ליכע זאך, אז פערבלייבענדיג לאנג אונטער'ן וואסער בעפאלט שטענדיג א שלאָף. וואכער־טויכער וויסען עס פון זייער פראקטיק. וואהרשיינליך איז עס

א נאַטור־געזעץ. מיינע אויגען זיינען טאַקי באלד געשלאָסען געוואָרען אונטער דיא דיקע גלעזער פון מיין העלמעט און איך בין פערזונקען אין א טיעפען שלאָף. קאַפּיטאַן נעמאָ און זיין בעגלייטער האָבען וואהרשיינליך אויך דאָס זעלבע געטהאָן.

וויא לאַנג איך בין געשלאָפען, קען איך ניט בעשטימען, אָבער ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין דיא זונן געווען טיעף געניינט צום אונטערגעהן. קאַפּיטאַן נעמאָ איז שוין געווען אויפגעשטאַנען. איך האָב אָנגעהויבען אויסציהען מיינע גליעדער, אלס פּלוצלינג האָט אן אונערוואַרטע ערשיינונג מיך געבראַכט אויפצושפּרינגען שנעל אויף מיינע פיס.

אייניגע טריט פון מיר איז געשטאַנען א ריעזיגע מעער־שפּין, אריבער א יאַרד דיא הויך, און אויסשטעלענדיג אויף מיר איהרע עקעלהאַפטע קרומע אויגען, איז זיא שוין פערטיג געווען מיך צו בעפאַלען. אָבוואָהל מיין בעקליידונג איז געווען דיק גענוג און איך האָב געקענט זיכער זיין געגען דעם ביס פון דיעזע גיפטיגע בעשעפענים, דאָך האָב איך ניט ווילענדיג אויפגעשוידערט. קאָנסייל און דער מאַטראָז פון דער "נאָטילוס" זיינען שוין אויך געווען וואַכעדיג. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט זיין מאַטראָז אָנגעצייגט אויף דער אבשייליכער שפּין און דער מאַן האָט מיט איין קלאַפּ פון זיין ביקס זיא צושמעטערט. מיך האָט אָנגענומען אן עקעל קוקענדיג וויא דיא פירכטליכע פיס פון דער מיאוס'ער בעשעפענים צאַפּלען זיך און קרימען זיך אין טויטליכע קאָנוואולסען.

דיעזער פאַל האָט מיר געבראַכט אויף'ן געדאַנק, אז אין דיא דונקעלע אָבגרונדען פון ים קענען זיך געפינען נאָך אזעלכע פירכטליכע טהיערע, געגען וועלכע מיין דיקע הלבשה וועט מיך פיללייכט אויך ניט קענען בעשיצען. איך האָב פריהער וועגען דעם ניט געדענקט, אָבער זעהענדיג דיא שפּין האָב איך זיך דערמאָהנט, אז עס גיבט אין ים, צום ביישפּיעל, אזא מין פיש, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "דער ים־וואָלף". דיעזע בריאה איז ביז זיעבען פוס גרויס און בעזיצט דיא שטאַרקסטע און שאַרפסטע צייהנער פון אלע אנדערע בעשעפעניסע אין ים. דער ים־וואָלף ליגט בעהאַלטען אויף'ן גרונד, איבערהויפּט צווישען פעלזען און ער לויערט אויף זיינע אָפּפער זיי צו בעפאַלען. מיט זיינע צייהן קען ער צוברעכען זאָגאַר מושלען וואָס זיינען האַרט וויא שטיין. דיעזער מערקווירדיגער ים־מזיק קען אויך לעבען א לענגערע צייט אויף דער טרוקענים און ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען איז ער אליין געפעהרליך. אויסערדעם קען מען אין יענע געגענדען פון ים אָנטרעפען ים־שלאַנגען און אנדערע שרעקליכע ברואים. איך האָב דאַרום בעשלאָסען צו זיין זעהר פאָרזיכטיג אין אונזער ווייטערען גאַנג. איבריגענס האָב איך געדענקט, אז דאָ וועט זיך אונזער שפּאַציר ענדיגען, אָבער קאַפּיטאַן נעמאָ האָט גענומען געהן ווייטער און מיר האָבען איהם געמוזט נאָכפאָלגען.

מיר זיינען ווייטער געגאַנגען בארג אַראָב. דער באָדען האָט זיך אַרונטער־געלאָזט אַלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער און מיר זיינען געקומען אין א גרויסע טיעפענים פון אָבגרונד. עס איז דאַמאָלס געווען אומגעפעהר דריי אוהר נאָכ־מיטאָג, ווען מיר זיינען געקומען אין אַן ענגען טהאָל, וואָס איז פון ביידע זייטען געווען אָבגעשלאָסען מיט הויכע פעלזען־ווענד. דיא טיעפקייט פון יענעם פּלאַץ איז געווען ביי א 450 פוס. אַזוי טיעף אונטער'ן וואַסער איז נאָך קיין מענש ניט אַרונטערגעשטיעגען. מיר וואָלטען עס זיכער אויך ניט געקענט בעווייזען, ווען מיר וואָלטען אַזעלכע טויכער־בגדים און אַפּאַראַטען ניט געהאַט.

ווען איך זאָג "450 פוס טיעף", קען איך עס נאַטירליך גענוי ניט בעשטי־מען. איך האָב דיא טיעפקייט מיט קיין אינסטרומענט געמאָסטען. אָבער אַזוי פיעל וויים איך, אַז דיא ליכטיגקייט פון דיא זוננען־שטראַהלען קען זאָגאַר אין קלאָהרסטען וואַסער טיעפער ניט איינדרינגען, און אַזוי וויא מיר זיינען דאָן געווען אין א פאָלשטענדיגער דונקעלהייט, אַז מען האָט אויף צעהן טריט ווייטער קיין זאַך ניט געקענט בעמערקען, בין איך משער אַז מיר זיינען דאַמאָלס געווען 450 פוס ווייט פון דער אָבערפלעכע פון ים. איך בין ווייטער געגאַנגען טאַפּענדיג דעם וועג אין דער פינסטער. אָבער פּלוצלונג האָט א בליאַסק גע־טהאָן א העלע שיין און עס איז מיר אין דיא אויגען ליכטיג געוואָרען. קאַפּי־טאַן נעמאָ האָט זיין עלעקטרישע לאַנטערנע אָנגעצונדען. זיין קאַמעראַד האָט אויך דאָס זעלבע געטהאָן און באַלד האָב איך מיט מיין דיענער זייער ביישפּיעל נאָכגעפאָלגט. עס איז דערצו נויטיג געווען בלויז א דרעה צו טהאָן א קליינע שרייפעל און דיא לאַנטערנען האָבען זיך אָנגעצונדען. דאָס מעער איז פון אונ־זערע פיער לאָמפּען בעלייכטעט געוואָרען אויף אריבער הונדערט פוס אַרום.

קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אונז אַלץ געפיהרט דורך א טיעפען, געדיכטען וואַלד. א היבשע צייט זיינען מיר געגאַנגען צווישען בוימער און פּלאַנצונגען, אָבער נאָכהער זיינען ביסלאַכווייז דיא בוימער און וואַקסונגען געוואָרען זעלטענער, דערפאַר אָבער האָט זיך פערמעהרט דאָס בעוועגליכע טהיערישע לעבען און אַרום אונז זיינען אַרומגעשוואומען מאַסען פון אַלערליי מאַלוסקען, פיש און פערשיעדענע אַנדערע ברואים. איך האָב באַלד ערפאַהרען, אַז דאָס ליכט פון אונזערע אַפּאַראַטען ציהט צו דיעזע בעשעפעניסע צוזאַמען צו קלייבען זיך אַרום אונז. איך האָב בעמערקט וויא דער קאַפּיטאַן שטעלט זיך אָפּטמאָל אָב און גרייפט אָן זיין ביקס צו שיסען, אָבער ער טהוט עס ניט, וואַהרשיינליך דאַרום, ווייל עס איז ניט ווערטה אויף אַזעלכע געוועהנליכע חיות צייט און קוילען צו פערלירען. ענדליך זיינען מיר געקומען צו דעם ציעל פון אונזער שפּאַציער־גאַנג. דאָס איז געווען אַרום א זייגער פיער נאָכמיטאָג. מיר זיינען געשטאַנען נעגען א וואַנד פון א פּראַכטפאָל שעהנעם פעלז, וועלכער איז געווען אַזוי וויא צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקער גראַניט. אין דער הויך האָבען זיך געזעהן עפ־

נונגען פון קליינע הייהלען. דאס איז וואהרשיינליך געווען דער גרענעץ, דיא אבשיידס־וואנד פון דעם אינזעל קרעספא וואס קאפיטאן נעמא האט געזאגט.

איך בין שטארק נייגעריג געווארען צו וויסען וואס אויף יענער זייט וואנד טהוט זיך און איך האב גרויס חשק געהאט אריבערצוקלעטערען זיא. אבער אויסערדעם וואס איך האב איינגעזעהן אז דאס איז זעהר א שווערע אויפגאבע, האט דער קאפיטאן זיך אבגעשטעלט און אונז א וואונק געגעבען מיר זאלען צוריק געהן, אקוראט אזוי וויא אויף יענער זייט וואנד זאל זיין אויסער זיין טעריטארי און ער וויל קיין פרעמדע לאנד ניט בעטרעטען.

וויא מיר האט אויסגעוויזען, זיינען מיר ניט געגאנגען צוריק מיט דעם זעלבען וועג מיט וועלכען מיר זיינען געקומען. דיעזער וועג האט געפיהרט מיט אמאל בארג ארויף אזוי, אז דער גאנג איז מיר געווען זעהר שווער. עס איז באלד וויעדער ליכטיג געווארען פון דיא זוננען שטראהלען וואס האבען דורכגעדרונגען דאס וואסער אין א קרומע ריכטונג אזוי וויא פאר האלבען טאג. אלעס וואס איז געווען אין וואסער האט געגלאנצט און געפינקעלט אזוי וויא אין דער צייט ווען מיר האבען אונזער שפאציר אנגעפאנגען. מיר זיינען וויעדער געווען בלויז א דרייסיג פוס טיעף אין ים.

מיר האבען געוואנדערט דורך מאסען פערשיעדענע מינים קליינע פיש, וועלכע זיינען ארום אונז געשוואומען נאך שנעלער וויא פויגעלאך פליהען אין דער לופט. קיין זאנדערבארעס טהיער וואס זאל ווערטה זיין צו שיסען, האבען מיר נאך ביז יעצט ניט בעגעגענט. אבער פלוצלונג האב איך געזעהן וויא דער קאפיטאן האט ארונטערגעכאפט זיין ביקס פון זיין אקסעל און האט נאכגעפאלגט א זאנדערבארען געגענשטאנד אין דיא קליינע בוימלאך וואס זיינען אויף'ן באדען געוואקסען. ער האט דאן אויסגעשאסען. א שוואכער פייף האט זיך באלד דערהערט און אייניגע טריט פון אונז איז א טהיער געפאלען טויט. דאס איז געווען א פראכטפאלער מעער־אטער, דיא איינציגע פיער־פיסיגע חיה וואס לעבט נאך אין ים. זיין פעל, וועלכע איז אויבען ברוין און אונטען זילבער־העל, איז איינע פון דיא טהייערסטע רויכווארג אין מארקעט. א שעהנע און גוטע אטער־פעל איז ווערטה אכציג פונט סטערלינג, אדער 400 דאלער אמעריקאנישעס געלד. דיעזע ים־זויג טהיערע ווערען דארום שטארק פערפאלגט פון דיא פישערס, וועלכע האבען זיי שוין כמעט אויסגעראטען און מען געפינט זיי זעהר זעלטען בלויז אין נארד פון שטילען אקעאן. איך האב דיא דאזיגע זעלטענע בעשעפענים זעהר בעוואונדערט און איך האב א היבשע ווײלע פון איהר דיא אויגען ניט אראבגענומען.

דער מאטראז פון אונזער שיף האט דיא געשאסענע חיה גענומען צו זיך אויף'ן פלייצע און מיר האבען דאן פארטגעזעצט אונזער וועג. א שטונדע צייט האבען מיר געהאט צו געהן דורך א גלייכען זאמדיגען פלאץ, וועלכער

האט זיך אפטמאל אויפגעהויבען ביז פינף אדער זעקס פוס אונטער דיא אבער־פלעכע פון ים. דאס וואסער איבער אונז איז געווען אזוי וויא א שפיעגעל און מיר האבען זיך אליין געזעהן אבגעשפיעגעלט איבער אונזערע קעפ, אבער מיר זיינען דארט אויסגעקומען מיט דיא קעפ אראב און מיט דיא פיס ארויף. זייענדיג ניט טיעף אין וואסער, האב איך פון אונזער מאטראז געזעהן א מערקווירדיגע שטיק יעגער־קונסט. א גרויסער פויגעל איז מיט אויסגעברייטעטע פליגלען געפלויגען שנעל אין דער הויך אייניגע פוס ווייט פון וואסער. דער מאטראז האט אויף איהם געציעלט מיט זיין ביקס און אויסגעשאסען אין דער הויך. דיא עלעקטרישע קויל האט דעם פויגעל געטראפען און ער איז ארונטערגעפאלען אין וואסער. דער געשיקטער יעגער האט איהם צוגענומען. דאס איז געווען אן אלבאטראס פון שעהנסטען זארט.

דיא אלבאטראסען זיינען גרויסע, קרעפטיגע שווים־פויגעל. זיי פליהען זעהר געשווינד און קענען זיך האלטען א לאנגע צייט אין דער לופט. אן אלבאטראס פליהט אפטמאל נאך א שיף פאר הונדערטע מיילען. דיעזע פויגעל ערנעהרען זיך אממייסטען פון פערשיעדענע לעבעדיגע זאכען וואס שווימען ארום אויבען אויף'ן מעער. אראבלאזען זיך אין וואסער קענען זיי ניט.

אונזער גאנג איז דורך דיעזען צופאל ניט געשטערט געווארען. צוויי שטונדען זיינען מיר געגאנגען איבער פערשיעדענע זאמדיגע ערטער אדער אונטערוואסערדיגע וויעזען (לאנקעס), בעוואקסען מיט גראז, וואו עס איז געווען גאנץ שווער צו געהן. איך בין שוין, אין אמת זאגענדיג, געווען זעהר מיעד פון געהן און איך האב שוין גרוים לוסט געהאט אבצורוהען זיך. איך בין דארום העכסט צופריעדען געווען, ווען איך האב פון ווייטענס דערזעהן דיא שטארקע עלעקטרישע בעלייכטונג פון דער "נאטילוס". איך האב משער געווען, אז אין פערלויף פון א צוואנציג מינוט וועלען מיר אין דער היים זיין און דאס האט מיך שטארק ערפרעהט, ווייל איך האב אנגעהויבען שפירען, אז דער זויערשטאף פון מיין אפאראט איז שוין באלד פערברויכט און מיר איז שוין געווען אביסעל שווער צו אטהעמען.

איך בין פערבליבען אייניגע טריט פון הינטען, און פלוצלונג האב איך דערזעהן וויא קאפיטאן נעמא לויפט האסטיג צוריק. מיט זיין קרעפטיגע האנד האט ער מיך אומגעשליידערט צום באדען פון מעער, ועהרענד זיין מאטראז האט דאס זעלבע געטהאן מיט מיין דיענער קאנסייל. אנפאנגס האב איך אליין ניט געוואוסט וואס צו דענקען פון אזא בענעהמונג, אבער באלד האט דער קאפיטאן אליין זיך אויף אויסגעצויגען נעבען מיר און איז געבליבען ליגען אונבעוועגליך.

איך בין אזוי געלעגען אויף'ן גרונד פון ים האלב בעהאלטען אונטער הויכע

ים־גראָזען. איך האָב פאָרזיכטיג דעם קאָפּ אויפגעהויבען און בעמערקט וויא איינינע אונגעהייער גרויסע דונקעלע געשטאלטען, ארומגערינגעלט מיט פאָס־פאַר־שיין שווימען איבער אונז האסטיג מיט שטורם און גערויש.

פון גרויס שרעק איז דאָס בלוט פערגליווערט געוואָרען אין מיינע אָדערען. איך האָב דערקענט, אז דאָס זיינען איינינע פון דיא גרויזאמסטע האי־פישען מיט זייערע פירכטליכע אויגען, אויף וועלכע עס איז א שרעק געווען צו קוקען.

האי־פישען זיינען פאראן אייניגע זאָרטען, גרעסערע און קלענערע. זיי זיינען אלע זעהר רויבעריש און זיי קענען א מענשען צוברעקלען מיט זייערע אייזערנע צייהן. דיא גרעסטע און געפעהרליכסטע מזיקים פון דיעזען מין זיינען די טינטאָרעאָס. ווען א מענש קומט נאָהענט פון דיעזען "מאָנסטער" איז ער זי־כער פערלאָרען. ער שלינגט איהם איין מיט איין שלונג. טויטע וואָס מען ווארפט ארונטער פון שיפען אין וואסער, געפינען זייערע קברים אין דיא געדערים פון דיא דאָזיגע ים־ברואים. איך האָב זיי דאן בעטראכט און גוט בעאָבאכטעט זייערע בעזילבערטע בייכער, זייערע אונגעהייער גרויסע מיילער און שרעקליכע צייהן, ניט פון דעם נאטור־וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט, נור מעהר אלס זייער קרבן.

דיא זעהע קראפט איז ביי דעם האי־פיש ניט שטארק אויסגעבילדעט. דער האי־פיש האָט זעהר א שוואכע ראיה, און דאָס איז יעצט געווען אונזער גליק. זיי זיינען אריבערגעשוואומען איבער אונז און זיי האָבען אונז ניט בעמערקט. איינער פון זיי האָט מיך זאָגאר בעריהרט מיט זיין שווים־פעדער, אָבער ער איז אוועקגעשוואומען וויימער און מיר זיינען אלע געראטעט געוואָרען פון געפאהר. מיר האָבען זיך אויפגעהויבען און געהענדיג נאָך דעם שיין פון דיא עלעקטרישע לייכטונג פון דער "נאָטילוס" זיינען מיר אין א האלבע שטונדע ארום געווען אויף אונזער שיף. דיא אויסערע טהיר איז געווען אָפען און ווען מיר זיינען אלע אריינגעגאנגען אין דעם קליינעם צימער, פון וועלכען מיר זיינען ארויס אויף אונזער יאגד, האָט דער קאפיטאן דיא טהיר פעסט צוגעמאכט. ער האָט א דריק געטהאָן א געוויסען קנאָפּ און באלד האָט זיך געהערט וויא דיא פומפען אין שיף ארבייטען. איך האָב געפיהלט, אז דאָס וואסער ארום מיר זינקט אראָב און אין אייניגע מינוטען ארום איז שוין אין צימער קיין וואסער געווען. אן אינערליכע טהיר האָט זיך געעפענט און מיר זיינען אריינגעקומען אין אר־סענאל אָדער קליידער קאַיוטע.

דאָרט האָט מען פון אונז ארונטערגענומען דיא טויבער־קליידער און זוי־ענדיג מיעד, הונגעריג און שלעפעריג, בין איך באלד אריין אין מיין צימער. מיינע געדאנקען זיינען געווען פול מיט דיא וואונדער וואָס איך האָב געזעהן און דיא פאסירונגען וואָס אונז האָט פאסירט אין אונזער שפּאציער אויף'ן גרונד פון ים.

[illegible]טעם קאפיטעל

פיער טויזענד ליגס אונטער'ן שטילען ים

אויף מאָרגען, דעם אכצעהנטען נאָוועמבער אין דער פריה, בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריש און מונטער, אזוי וויא איך בין געווען מיט צוויי טעג צוריק. איך בין געקומען אויף'ן פּלאַטפאָרם גראָדע אין דער צייט ווען דער לייטענאַנט האָט אריינגעשריען אין א רעהר פון שיף זיין געוועהנליכע אונפערשטענדליכע פראַזע: "נאַוטראָן רעספּאַק לאָרני וויירטש". איך האָב שליסליך אָנגעהויבען גלויבען, אַז דיזע ווערטער ענטהאַלטען אַן ערקלערונג אין וועלכען צושטאַנד דער ים געפינט זיך.

איך האָב בעטראַכט דעם ים אין אַלע זייטען און איך האָב ערגיץ קיין זאַך ניט בעמערקט. דער גאַנצער שטח פון ים איז געווען לעער און מעהר וויא הימעל און וואסער האָט מען אויף'ן גאַנצען האָריזאָנט ניט געזעהן.

וועהרענד איך בין אזוי געשטאַנען און בעוואונדערט דיא שעהנהייט פון דער נאַטור, איז קאַפּיטאַן נעמאָ ארויפגעקומען. וויא עס ווייזט אויס, האָט ער מיך ניט בעמערקט. ער האָט מיט אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען בעאָבאַכטעט דעם הימעל, דאַן האָט ער זיך אָנגעשפּארט אויף'ן הייזעל פון לייכט-טהורם און האָט בעטראַכט דעם גלאַטען שפּיעגעל פון ים. אונטערדעסען זיינען ארויפגעגאַנגען ביי א צוואנציג מאַטראָזען פון דער "נאָטילוס", לויטער קרעפטיגע און געשיקטע מענער, און זיי האָבען אָנגעפאַנגען ארויפציהען דיא נעצען, וועלכע זיינען געווען אויסגעשפּרייט א גאַנצע נאַכט. איך האָב דיא מענשען גוט בעטראַכט און וויא איך האָב געגלויבט, האָבען זיי בעלאַנגט צו פערשיעדענע נאַציאָנען, אָבוואָהל מען האָט אין זיי אַלע געזעהן דעם איירָאָפּעאישען טיפּ. איך האָב צווישען זיי דערקענט אירלענדער, פראַנצויזען, אייניגע פון דיא סלאַווישע פעלקער, א גרעק און א מאַן פון דעם אינזעל קאַנדיאַ. גערעדט האָבען זיי זעהר ווייניג און אין אין דער שפּראַך וואָס איך האָב ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן.

דיא נעצען זיינען ארויפגעצויגען געוואָרען אויף'ן דעק. זיי זיינען געווען אזוי געמאַכט, אַז דורך א שטאַנג און א שנור בלייבען זיי שטענדיג אָפען און נעהמען אריין אין זייערע טאַשען אַלעס וואָס קומט זיי אנטקעגען, וועהרענד זיי שווימען נאָך דער שיף. אין דיא נעצען זיינען דאַמאַלס געווען דיא בעסטע און טהייערסטע זאָרטען פיש אין אַזאַ צאָהלרייכע מענגע, אַז מען האָט זיי געקענט שאַצען ביז טויזענד פונט. מיר זיינען שוין אַלזאָ געווען פערזאָרגט מיט נאַהרונגס-מיטעל אויף א לענגערע צייט, אָבוואָהל קיין זאָרג וועגען דעם האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין, ווייל דיא עלעקטרישע בעלייכטונג פון דער "נאָטילוס" האָט שטענדיג צוגעצויגען צו זיך מאַסען פיש און מען האָט זיי אַלע טאָג געקענט פאַנגען אין דיא מאַסען.

דיא נאהרונגס־פּראָדוקטען זיינען באלד דורך א גרויסען רעהר ארונטער־געלאָזט געוואָרען אין דיא שפּייכלער, וואו דיא שפּייזען זיינען געהאַלטען גע־וואָרען. דאָרט האָט מען זיי צוגעריכטעט צו עסען פריש, אָדער צו לאָזען זיי ליגען אויף שפּעטער.

ווען מען איז פערטיג געוואָרען מיט דער ארבייט, האָב איך געגלויבט, אז דיא שיף וועט זיך באלד ארונטערלאָזען אונטער'ן וואסער. איך האָב שוין דארום געוואָלט ארונטערגעהן אין מיין קאיוטע. אָבער קאפּיטאן נעמאָ איז מיר אנט־קעגען געקומען, און אָהן אירגענד וועלכע בעגריסונג, אָדער "גוט מאָרגען", האָט ער זיך צו מיר אָבגערופען:

— פּראָפעסאָר, איז דיעזער אָקעאן ניט פול מיט לעבען? בעטראכט נור וואָס פאר א ווירקליכעס לעבען עס שוועבט איבער איהם! ער שלאָפט מיט אונז איין אבענדס צייט און ערוואכט מיט אונז אין דער פריה. דיא זונן בעריהרט איהם מיט איהרע גאָלדענע שטראהלען און ער וואכט אויף פון דעם נאכטיגען שלאָף. עס איז דאָך העכסט אינטערעסאנט צו בעטראכטען און צו שטודירען דיא ווירקונג און שאפונג פון דיא וואסערען. ווען מיר זאָלען גוט בעטראכטען, האָט דאָס וואסער א פּולס, אָדערען, און אמאָל בעקומט ער ספּאזמעס אָדער היס־טעריקע אזוי וויא א מענש. איך בין פאָלשטענדיג איינפערשטאנדען מיט דיא געלעהרטע, וועלכע זאָגען, אז דער ים האָט א צירקולאציאָן, א בעוועגונגס־קראפט, א מין לעבען וואָס איז אין איהם בעהאַלטען און וואָס ווירקט אזוי וויא דיא בלוט־צירקולאציאָן ביי לעבעדיגע ברואים. אום צו שאפען דיא צירקולאציאָן אין ים, האָט דער בעשעפער אין איהם אריינגעגעבען היץ־שטאָף, זאַלץ און קליינע טהיערע. דיעזע דריי זאכען זיינען דיא לעבהאפט פון ים. דורך זיי אָטהעמט ער און דורך זיי שאפט ער און ווירקט.

— יא, עס איז ווירקליך אזוי! — האָב איך זיך אָבגערופען — ווארימע וואסער איז לייכטער אלס קאלטע. ווארימע וואסער פערבלייבט אין דער הויך און קאלטע פאלט אימער צום גרונד. אין דיא ווארימע געגענדען פון עקוואטאָר ווערט דאָס וואסער פון ים אָנגעווארעמט פון דיא שטראהלען פון דער זונן. דיעזע ווארימע וואסער פון דער אויבערשטער שיכטע פון ים פליסט ארונטער צו דיא קאלטע געגענדען פון צפון אָדער דרום זייט. דאָרט ווערט עס אָבגעקיהלט און עס פליסט צוריק צום עקוואטאָר. דאָס אָבגעקיהלטע וואסער קומט שוין דאָרט ארונטער אונטער דיא אונטערשטע שיכטען פון ים. אין דער זעלבער צייט פליסט ווידער דאָס אויבערשטע אָנגעווארעמטע וואסער צו דיא פּאָלוס און קומט צוריק אין אן אָבגעקיהלטען צושטאנד אין דיא אונטערשטע שיכטען. אָט אזוי עקזיסטירט אין דיא ימים אן אייביגע בעוועגליכקייט, אקוראט אזוי וויא דיא בלוט אין מענשען'ס אָדערען. מען קען עס אָנרופען, אז דער ים אָטהעמט אזוי.

— וואס אנבעלאנגט צו דיא זאלץ וואס געפינט זיך אין ים, — האב איך פארטגעזעצט — איז עס אויך א נויטווענדיגקייט, וועלכע דער בעשעפער האט איינגעריכטעט אויפצוהאלטען דעם עקזיסטענץ פון דער וועלט, און דאס איז אויך א טהייל פון דעם לעבען און שאפען פון ים. דאס וואסער פון ים ווערט דערוואַרעמט פון דער זונן און א טהייל דערפון ווערט פערוואנדעלט אין דאמפף (פארע) וואס ציהט זיך ארויף אין דער הויך, וואו עס ווערט פערוואנדעלט אין טראָפענס וואסער און דערפון קומט דער רעגען, וואס בעלעבט און ערפרישט אלעס אויף דער ערד. דער ים מוז אבער האבען אין זיך זאלץ אום צו פערהינדערען, אז דיא זוננען שטראהלען און דיא ווינדען זאלען ניט קענען צופיעל וואסער פון איהם ארויסשעפען און עס פערוואנדלען אין דאמפף, ווייל זאנסט וואלטען געווען אזעלכע שלאקס-רעגענס, אז דיא וועלט וואלט פערטרונקען געוואָרען. ווען מען זאל דיא זאלץ פון דיא ימים ארויסציהען אין א צושמאלצענעם צושטאנד, וואלט עס בעדעקען דיא טרוקענע וועלט אויף צעהן פוס הויך. אט דיא מאסען זאלץ דערלאזען ניט ארויסצוציהען צופיעל וואסער פון מעער און ער פערבלייבט שטענדיג אין א רעגעלמעסיגען צושטאנד. זעהר וויכטיג זיינען אויך דיא קליינע בעשעפעניסען וואס מען רופט אינפוזאָרען, פון וועלכע גאנצע מיליאנען לעבען אין איין טראָפען וואסער. דיעזע חיה'לעך, קען מען זאגען, זיינען דאס בלוט פון ים. זיי בעשאפען א שטענדיגע בעוועגונג אין דיא וואסערען און זיי ווערען פערוואנדעלט אין קאראלען און בילדען אפטמאל גאנצע אינזלען.

— אט דאס — האט זיך דער קאפיטאן אבגערופען — זאג איך דאך, אז אין ים איז דער לעבענס-שטראם פיעל קרעפטיגער און טהעטיגער וויא אויף דער יבשה. דאס וואסער ענטהאלט אין זיך זעהר פיעל אייגענשאפטען פון לעבען. דאס וואסער גיבט צו לעבען אויף דער טרוקענער ערד. אהן וואסער וואלט אלעס וואס עקזיסטירט אויף דער וועלט פערניכטעט געוואָרען. איך קען זיך דארום פארשטעלען אדער פאנטאזירען פון אונטערוואסערדיגע שטעדט, וואס וועלען בעשטעהן פון אזעלכע הייזער וויא אונזער "נאטילוס", וועלכע וועלען אלע טאג ארויפשווימען אין דער הויך אנצושעפען פרישע לופט, אויב עס וועט ניט אויפשטעהן עפעס א דעספאט, א טיראן —

קאפיטאן נעמא האט ניט געענדיגט דאס וואס ער האט געוואָלט זאגען. ער האט עס איבערגעלאזט פאר מיר, אז איך זאל עס אליין פערשטעהן. אייניגע מינוטען איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן פלאטפארם פערטראכט מיט אן ערנסטעם געזיכט און מיט א מינע, פון וועלכע איך בין אביסעל געריהרט געוואָרען, דאן האט ער זיך אבגערופען:

— הערר אראנאקס, ווייסט איהר וויא טיעף דער ים איז?

— יא, קאפיטאן! — האב איך געענטפערט — איך האב וועגען דעם

געלייענט און אויף וויפיעל איך קען ערשט געדענקען, האָט מען אין נאָרד פון אטלאַנטישען ים געפונען א טיעפעניס פון 24 טויזענד פוס, אין מיטעללענדישען ים — 7,500 פוס, דערפאַר אָבער געפינען זיך אין זיד פון אטלאַנטישען ים פּלעצער וואָס זיינען פון 36 טויזענד ביז 45 טויזענד פוס טיעף, דאָס איז אביסעל וויינינער וויא ניין מייל, אָדער אומגעפעהר פיער פראַנצויזישע ליגס. אין אלגעמיין רעכענט מען, אז ווען דער גרונד פון ים זאָל אומעטום אויסגעגלייכט ווערען, וואָלטען מיר געהאַט איבעראל א טיעפעניס פון אומגעפעהר פיער מייל.

— גוט, פּראָפעסאָר — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָבגערופען — איך גלויב אז מיר וועלען קומען אין פיעל טיעפערע ערטער, אָבוואָהל אין דיעזע געגענד פון שטילען אָקעאַן גיבט עס דורכשניטליך קיין טיעפערער גרונד וויא 12 טויזענד פוס.

מיט דיעזען געשפּרעך זיינען מיר ביידע צוריק ארונטערגעגאַנגען אין שיף און איך בין אריין אין גרויסען זאאַל. דיא שרובע האָט אָנגעפאַנגען ארבייטען און דיא "נאָטילוס" איז אוועק מיט דיא שנעלקייט פון צוואנציג מייל א שטונדע.

אין פערלויף פון דיא פאָלגענדע טעג און וואָכען איז קאַפּיטאַן נעמאָ געוועזען זעהר שפּארזאַם מיט זיינע וויזיטען צו מיר. זיין לייטענאַנט פלעגט רעגעלמעסיג אויפנעהמען אלע אנגעלעגענהייטען פון דעם לויף און צושטאַנד פון שיף און בעצייכענען זיינען בעאָבאכטונגען אויף דער קארטע אזוי, דאָס איך האָב אימער געקענט וויסען אין וועלכע געגענד פון דער וועלט מיר געפינען זיך. דעם קאַפּיטאַן אליין האָב איך זעהר זעלטען געזעהן.

קאָנסייל און נעד לענד פלעגען פיעל צייט פערברייננגען ביי מיר. מיין דיענער האָט דעם קענעדער דערצעהלט פון דיא אלע מערקווירדיגקייטען וואָס מיר האָבען געזעהן אויף אונזער שפּאציר אויף'ן גרונד פון ים. לענד האָט, וויא עס האָט אויסגעוויזען, שטארק חרטה געהאַט וואָס ער איז מיט אונז ניט מיטגעגאַנגען און דורכגעלאָזט אזא געלעגענהייט צו זעהן אזעלכע מערקווירדיגקייטען. איך האָב געהאָפט, אז עס וועט זיך מיט דער צייט מאכען א צווייטע געלעגענהייט דיא אונטערוואסערדיגע וועלדער צו בעזוכען און דאַן וועט שוין דער איינגעשפּארטער לענד קליגער זיין.

כמעט יעדען טאָג פלעגען זיך אויף אייניגע שטונדען עפענען דיא אייזערנע וועגד פון זאאַל און מיר האָבען דורך דיא גלעזערנע שויבען געקענט קוקען אויף דיא געהיימניסע פון דער פערבאָרגענער אונטערוואסערדיגער וועלט.

דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען אין דיא ריכטונג פון סאוטה־אָסט און האָט זיך געהאַלטען אין דיא טיעפעניס פון אומגעפעהר 450 פוס. נור איין טאָג

איז זיא ארונטער גאנץ טיעף, אז זיא האָט בעריהרט דעם באָדען פון ים. ווארום דער קאפיטאן האָט עס געטהאָן, ווייס איך ניט.

דעם 27טען נאָוועמבער איז אונזער שיף אָנגעקומען ניט ווייט פון דער גרופּע סענדוויטש אינזלען, וועלכע דער בעריהמטער ענגלישער קאפּיטאן קוק האָט ענטדעקט און איז דאָרט ערמאָרדעט געוואָרען פון דיא ווילדע איינוואָהנער, דעם 14טען פעברואר, 1779. מיר זיינען שוין דאמאָלס געהאט אָבגעפאָהרען 4860 ליגס פון דעם פּלאַץ, פון וואנען מיר האָבען אונזער רייזע אָנגעפאנגען. ווען איך בין יענעם פריה מאָרגען ארויף אויף'ן פּלאטפאָרם פון שיף, האָב איך בעמערקט, אומגעפעהר צוויי מייל ווייט פון אונז דעם גרעסטען פון דיא האוואי אָדער סענדוויטש אינזלען, וואָס בעשטעהט פון א גרופּע פון זיעבען בעזונדערע שטיקער לאנד אויף'ן ים. יענער אינזעל איז גוט בעזעצט און אויך האָט מען דייטליך געקענט זעהן דיא געביידעס וואָס זיינען געשטאנען נאָהענט ביים ברעג. איך האָב אויך באלד דערזעהן זיינע בערג און דיא וואולקאנען פון דעם בארג מאונא־רעא, וועלכער איז 1500 פוס העכער פון דער אָבערפלעכע פון ים און ווארפט פון זיך פייער און רויך.

מיט איניגע טעג שפּעטער האָבען מיר נאָך א שנעלען פאָהרען דערגרייכט דיא מארקיז אינזלען, וועלכע געפינען זיך אונטער אכט גראדען אויף דרום זייט פון עקוואטאָר און 139 גראדען נאָך מערב. דיעזע אינזלען געהערען צו פראנקרייך. איך האָב פון ווייטען געזעהן דיא שפּיצען פון דיא מיט וואלד בעוואקסענע געבירגען. קאפּיטאן נעמאָ האָט נעהענטער צו דער יבשה ניט געוואָלט צופאָהרען. דאָרט האָבען דיא מאטראָזען פון שיף ארויסגעצויגען דיא נעצען, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען אלערליי פיש פון פערשיעדענע זאָרטען און גאטונגען, צווישען זיי אזעלכע וואָס איך האָב נאָך ביז דאמאָלס ניט געזעהן. עס האָבען זיך דאָרט געפונען אזעלכע שעהנע און פראכטפאָלע מינים פיש וואָס האָבען געבליאַסקעט אזוי וויא ריין געפּאלישטער גאָלד.

פון דעם פיערטען ביז עלפטען דעצעמבער האָט אונזער שיף געמאכט נאָך צוויי טויזענד מייל. דיעזע שטיק וועג איז געווען א מערקווירדיגע און העכסט אינטערעסאנטע. מיר האָבען אויף אונזער רייזע בעגעגענט מחנות פון זאָנדערבארע ים־ברואים, וועלכע מען האָט געקענט צעהלען אין מיליאָנען. צווישען זיי זיינען געווען פיעלע, וועלכע ווערען שטענדיג שטודירט פון נאטור פאָרשער. דיעזע ברואים, וועלכע ווערען אין אלגעמיין גערופען מאָלוסקען (ווייך־טהיערע) — טהיערע, וועלכע בעשטעהען פון ווייכע לייב, אָהן ביינער, אזוי וויא ווערים און דאָס גלייכען. זייער געשטאלט איז זעהר משונה'דיג, מיט מעהרערע פיס צוגעוואקסען צום קאָפּ, וועלכע זיינען אָפט לענגער וויא דער גאנצער קערפּער. דיא גרעסערע מינים פון דיא מאָלוסקען בעזיצען אין זייערע פיס א זעלטענע גבורה אזוי, דאָס דיא זאך וואָס זיי גרייפען אָן מיט זיי איז גאנץ שווער ארויס־

צורייסען. דיא מאַלוסקען זיינען געפעהרליכע רויב־טהיערע און ערנעהרען זיך פון פלייש. מאַנכע פון זיי קענען זאָגאר א מענשען אויפפרעסען. א געוויסער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן באָער האָט אין יאָהר 1861 אָנגעטראָפען א ריעזען־מאָלוסק, שווימענדיג אין דער הויך אויף'ן וואסער. דאָס טהיער איז געווען אומ־געפעהר 18 פוס לאַנג און האָט וואהרשיינליך געוואויגען ביי א צוויי טויזענד פונט. דאָס איז געווען אן אומגעלומפּערטער "מאָנסטער" וואָס יעדער מענש האָט געמוזט אויפשווידערען קוקענדיג אויף איהם. דער קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָזען האָבען איהם פערפאָלגט דריי שטונדען כסדר. זיי האָבען אין איהם פיעלע קוילען אריינגעיאָגט, אָבער טויטען איהם האָבען זיי ניט געקענט. דיא חיות וואָס האָבען קיין ביינער איז שווער צו דערשלאָגען מיט א ביקס. דיא קוילען רייסען פון איהם אוים שטיקער פלייש, אָבער ער בלייבט אלץ לעבען. באָער און זיינע מענשען האָבען דיא יאגד געמוזט אויפגעבען.

דיא מאָלוסקען וואָס מיר האָבען אָנגעטראָפען זיינען געווען פון א פיעל קלענערען זאָרט, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען קאַלמאָרען. דיא נאכט פון ניינטען אויף'ן צעהנטען דעצעמבער איז אונזער שיף געשוואומען דורך מחנות פון דיעזע ווייך־טהיערע, וועלכע האָבען זיך געצויגען נאָך ווארימע געגענדען, פערפאָלגענדיג דיא הערינג און סערדינען, וואָס זיינען זייער הויפּט שפּייז. מיר האָבען דורך דיא ליכטיגע גלעזערנע וועגד געקוקט אויף זיי מיט ערשטוינונג. מיר האָבען בעאָבאכטעט דיא סצענען פון זייער רויב און פרעסעריי. עס האָט אונז געשווידערט קוקענדיג וויא זיי כאפּען זייערע אָפּפער מיט זייערע העסליכע פיס און שלינגען זיי איין מאסענווייז. עס זיינען ווידער ארום זיי געשוואומען גרעסערע ים־טהיערע, וועלכע האָבען געפרעסען דיא העסליכע מאָ־לוסקען. עס איז געווען א צוזאמענמישונג פון רייסעריי און פערניכטונג! איי־ניגע שטונדען איז אונזער "נאָטילוס" געשוואומען דורך אזעלכע גרופּען פער־שיעדענע ים־גזלנים און מיר האָבען מיט אונזערע אויגען צוגעזעהן אלעס וואָס עס איז אָנגעגאנגען אויף'ן נאסען שלאכט־פעלד.

אויף מאָרגען פריה בין איך געזעסען און געלייענט א בוך, אין וועל־כען איך בין געווען שטארק פעראינטערעסירט. איך האָב זיך שוין גענוג אָנגע־קוקט אויף דיא טראגעדיעס און געהיימניסע פון ים און איך האָב מיר גענומען אביסעל צייט צו לעזען. מיין דיענער קאָנסייל און נעד לענד זיינען געשטאנען ביי דער גלעזערנער וואנד און געקוקט ארוים אין ים אריין. דיא "נאָטילוס" איז דאן געשטאנען אויף איין אָרט, אומגעפעהר דריי טויזענד פוס טיעף אין וואסער. יענע געגענד פון ים איז געווען אן איינזאמע. טהיערע אָדער זאָגאר גרויסע פיש האָט מען דאָרט זעלטען געזעהן. פּלוצלונג האָט קאָנסייל מיט א זאָנדערבארע שטימע אויסגעשריען:

— ווען דער הערר קומען אהער אויף א ווייל?

— וואָס איז דען דאָרט, קאַנסייל? — האָב איך געפרעגט ניט וועלענדיג אַברייסען זיך פון מיין בוך.

— איך וויל אז דער הערר זאָל קומען און א קוק טהאָן! — האָט קאַנסייל געענטפערט, און איך האָב געזעהן, אז ער איז העכסט איבערראשט אָדער דערשראָקען.

איך בין אויפגעשטאנען און צוגעגאנגען צום פענסטער. איך האָב ארויסגעקוקט און ביי דעם אַבשלאַג פון דיא עלעקטרישע לייכטונג האָב איך דערזעהן א גרויסע שווארצליכע מאסע. איך האָב אָנפאנגס ניט געוואוסט וואָס דאָס איז, אָבער באלד האָב איך זיך איבערצייגט, אז דאָס איז א שיף.

— א שיף! — האָב איך אויסגערופען מיט גרויס שרעק.

— יא — האָט לענד בעשטעטיגט — א צובראָכענע אונטערגעגאנגענע שיף.

מיר זיינען געווען גאָר ניט ווייט פון דער שיף און איך האָב זיא גענוי געקענט בעטראכטען. איך האָב געזעהן, אז איהרע זעגלען הענגען אראָב שטיקערווייז איבער דעם צובראָכענעם מאסט־בוים און אלע אנדערע צושטערונגען, וועלכע האָבען איהר צום אונטערגאנג געבראכט. דער קערפער פון שיף איז נאָך געווען אין א גוטען צושטאנד. עס איז קענטיג געווען, אז דער שיפברוך האָט פאסירט ניט לאנג צוריק. אויף'ן דעק האָט זיך געזעהן א העכסט שרעקליכעס און טראגישעס בילד. פיער טויטע קערפער פון מענשען זיינען דאָרט געווען פערפלאָנטערט אין דיא זעגעל־שטריק. איינער פון זיי איז געשטאנען און האָט געהאלטען דעם רודער אין זיינע הענד. אין דער טהיר פון דער הינטער־קאיוטע איז געשטאנען א יונגע פרוי, האלטענדיג א קינד אויף איהרע הענד. ביי דעם העלען עלעקטרישען שיין האָט מען איהר געזיכט דייטליך געקענט זעהן. איהר געזיכט איז נאָך ניט געווען פערדאָרבען און מען האָט געזעהן יעדען שטריך, יעדע מינע וואָס איז אויף איהם געלעגען. איהר טויטער פנים האָט אויסגעדריקט שרעקליכע פערצווייפלונג — א פערצווייפלונג וואָס א מענש קען פיהלען אין דעם מאָמענט ווען ער זעהט דעם טויט פאר דיא אויגען און ראנגעלט זיך מיט'ן מלאך המות. איהר קינד האָט זיא געהאלטען הויך איבער'ן קאָפּ, וואהרשיינליך האָט זיא געמיינט, אז דורך דעם וועט זיא עס רעטען, ווייל זיא וועט עס קענען אזוי הויך אויפהויבען, אז דאָס וואסער זאָל צו איהם ניט צו־קומען. שרעקליך איז אויך געווען דאָס אויסזעהן פון דיא פיער מאטראָזען, וועלכע האָבען, וויא מען האָט געקענט דערקענען, זיך אָנגעשטרענגט און גע־מאטערט אין דעם מאָמענט, ווען דיא שיף איז אונטערגעגאנגען.

וואָס פאר א שוידערליכע סצענע דאָס איז געווען! אונזערע הערצער זיינען שטארק פערביטערט געוואָרען קוקענדיג אויף דיא אומגעקומענע און מיר זיינען געשטאנען שטום און א וואָרט ניט געקענט רעדען. איך האָב פון ווייטענס

געזעהן וויא שרעקליכע האי־פישען לאָזען זיך צו דער צובראָכענער שיף מיט בלוט־דורשטיגע בליקען. וואהרשיינליך האָבען זיי דערשפירט דיא אונגליק־ליכע מענשען־קרבנות און זיי לויפען זיי אויפפרעסען. עס איז מיר קאלט גע־וואָרען אין אלע גליעדער און איך בין שיער אין חלשות געפאלען.

דיא "נאָטילוס" האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען. מיר זיינען פערבייגעפאָה־רען דיא געזונקענע שיף און איך האָב אויף איהר איבערגעלייענט דעם נאָמען "פלאָרידא סאָנדערלענד".

19טעם קאפיטעל

וואניקאָרא

דיא אויבענדערמאָהנטע שוידערהאפטע סצענע מיט דער אונטערגעגאנ־גענער שיף איז נור געוועזן א פאָרשפיעל צו אזעלכע טרויעריגע בעגעבענהייטען וואָס דיא "נאָטילוס" האָט פון דאן אָן זעהר אָפט אין וועג בעגעגענט. פון דער צייט וואָס מיר זיינען אריינגעקומען אין דיא מעהר בעפאָהרענע געגענדען פון ים, האָבען מיר ניט זעלטען געזעהן אויף'ן גרונד פון ים געבראָכענע שיפען, וועל־כע זיינען שוין געוועזן פערפוילט. עטוואָס טיעפער זיינען געלעגען איינגעגראָבען אין גרונד קאנאָנען, קוילען, אנקערס, קייטען און אנדערע געגענשטענדע, וואָס זיינען געוועזן בעדעקט מיט ראָסט פון אלטקייט. מיר האָבען פאָרטגעזעצט אונזער רייזע, ביז מיר זיינען דעם עלפטען דעצעמבער געקומען צו דיא פאָמאָטו אינזלען, דיא בוגאנוויל גרופע, וועלכע זיינען פריהער געוועזן בעוואוסט אלס "דיא געפעהרליכסטע גרופע", ווייל דער וועג צו יענע אינזלען איז געוועזן זעהר געפעהרליך. דאָרט זיינען געוועזן שארפע אונטערוואסערדיגע פעלזען, וואָס פלעגען דורכלעכערען שיפען. מען האָט שפעטער אויסגעפונען א וועג וויא אזוי אויסצומיידען דיא דאָזיגע פעלזען און מען האָט צו יענע אינזלען געקענט צוקומען אָהן געפאהר. אין גאנצען געפינען זיך אזעלכע זעכציג גרופען, וואָס פערנעהמען א פלאץ פון 370 קוואדראט מייל. דיעזע אינזלען זיינען קאראל אינזלען. זיי זיינען ענטשטאנען פון דיא בעשטענדיגע ארבייט פון דיא פאָליפען, קליינע לע־בעדיגע ברואים, וועלכע מען קען קוים מיט דער שטארקסטער פערגרעסערונגס־גלאָז דערזעהן. דיא ארבייט פון דיא דאָזיגע ברואים'לאך ווערט אָהן אויפהער פאָרטגעזעצט. זיי לייגען איין שיכט קאראל אויף'ן אנדערען, ביז דיעזע בערג אָדער אינזלען ווערען, נאָך א פערלויף פון פיעלע יאָהרען, אויסגעביל־דעט, דיעזע קאָראל אינזלען — האָב איך בעמערקט נעמאָ'ן — וועלען מיט טוי־זענדע יאָהרען שפעטער פעראייניגט ווערען און וועלען בילדען א נייעם קאָנטי־נענט, אָדער וועלט־טהייל.

הערענדיג דיעזע בעמערקונג, האָט דער קאפיטאן זיך אָבגערופען :

— דיא וועלט דארף ניט האבען קיין נייע קאנטינענטען, זאנדערן נייע מענשען!

פאהרענדיג ווייטער איז דיא "נאטילוס" אנגעקומען צום אינזעל קלער־מאנט־טאנער, איינער פון דיא מערקווירדיגסטע אינזעל, וואס דער קאפיטאן בעל פון דער שיף "מינערווא" האט ענטדעקט אין יאהר 1822. איך האב דאן געהאט א געלעגענהייט גענוי צו בעטראכטען וויא אזוי דיא אינזלען פון יענע געגענד ווערען אויפגעבויט פון דיא גאנץ קליינע ים־מילבען, וועלכע זיינען בע־וואוסט אונטער דעם נאמען מאדראפארען.

נאטור פארשער האבען דיא מאדראפארען איינגעטהיילט אין פינפערליי קלאסען אדער מינים. זיי לעבען מיליארדענווייז אין דיא ימים פון דיא ווארימע געגענדען. זיי זיינען בעדעקט מיט אזא מין קאלך, וועלכען זיי ווארפען אראפ פון זיך, ווען זיי ווילען, אקוראט וויא דיא שפין לאזט פון זיך ארויס דעם שטאף פון וועלכען זיא וועבט דיא שפינוועבס. פון דיעזען קאלך בויען זיי זייערע נעס־טען אין וועלכע זיי וואהנען. מען קען געוועהנליך ניט משער זיין וויא גרויס א נעסט פון א מאדראפאר איז, פיליייכט אזוי וויא דער שפיץ פון א דינע מענשען־האאר. אבער א שטאדט, לאמיר זאגען, פון מיליארדען אזעלכע וואהנונגען פער־נעהמען שוין עטוואס אן ארט. ווען דיא מאדראפארען שטארבען אויס פער־בלייבען זיי פערהארטעוועט אין זייערע הייזלאך און דער נעקסטער דור בויט שוין זיינע נעסטען פון אויבען איבער זיי. אזוי ווערען געלעגט שיכטען איבער שיכטען און אין פערלויף פון הונדערטע און טויזענדער יאהרען דערגרייכען דיא דאזיגע מאדראפארען שטעדט אדער לענדער גאנץ הויך אין וואסער און עס ביל־דען זיך פעלזען אדער ריפע. אין א משך פון נאך פיעלע און פיעלע יאהרען געהען זיי ארויס איבער דער אבערפלעכע פון ים און בילדען אינזלען. קאראלען און אנ־דערע פאליפען בילדען אויך ריפען און אינזלען אויף אן עהנליכען אופן.

עס טרעפט אמאל, אז דיעזע קליינינקע ברואים'לאך בילדען זייערע מדינות אין דער פארמע פון א רינג און מען טרעפט דארום אין ים לייקס (אזעראס) ארומגערינגעלט מיט שטיינערנע ווענד. אמאל וואקסען אויך אויס דיא ריפען איבער'ן וואסער אין דער פארמע פון גלייכע ווענד אדער אנדערע פארמען, לויט דיא ארכיטעקטור פון דיא קליינע, אונבעמערקבארע ארכיטעקטען.

דיא אינזלען וואס ווערען געשאפען אויף אזא אופן בעשטעהען פון שטיין, פון הארטען גראניט. אבער דאס וואסער ארום און דיא ווינדען פערטראגען אהין שטויב און קערנער פון זריעות און ביסלעכווייז בילדעט זיך אויף זיי א שיכטע ערד, וועלכע ווערט אין פערלויף פון א לענגערע צייט בעדעקט מיט אלערליי וואקסונגען. עס וואקסען אויס בוימער, אויף וועלכע עס בעזעצען זיך פויגלען פון נאהענטע אינזלען, פון ים קומען ארויס פערשיעדענע ברואים און לעגען דארט זייערע אייער, און אזוי ענטוויקעלט זיך דארט א פאלשטענדיגעס

לעבען, ביז ענדליך קומט דער אויבערהערשער פון אלע ברואים — דער מענש, און ער געניסט אלעס וואס דיא נאטור האט פאר איהם צוגעגרייט.

פאהרענדיג אונטער'ן וואסער א קורצע שטרעקע פערביי דעם אינזעל קלער־מאנט־טאנער, האב איך מיט ערשטוינען בעוואונדערט די ריעזען ווערק, וואס איז אויפגעטהאן געווארען פון אזעלכע ברעקעלאך מילבען, וועלכע מען קען גאר מיט'ן אויג ניט דערזעהן. איך האב ביי דיעזער געלעגענהייט גענוי בעטראכט דיא פעלזען־וואנד, וועלכע זיינען געוועזן ביי א 900 פוס הויך פון גרונד פון ים. ביי דעם שיין פון אונזער עלעקטרישע בעלייכטונג האבען דיעזע וואנד געגלאנצט אזוי וויא פרישע ווייס געפארבטע מויערען.

מיין דיענער קאנסייל, וועלכער האט געהאט א שטיקעל ידיעה אין נאטור־וויסענשאפט און ער האט געוואוסט וויא אזוי דיא דאזיגע וואנד זיינען ענט־שטאנען, איז נייגעריג געווארען און ער האט מיך געפרעגט:

— קען מיר דער הערר זאגען, וויא לאנג עס דארף ביי יענע חיה'לאך דויע־רען אויפצובויען, למשל, אזא וואנד?

איך האב איהם ערקלערט, אז אין צייט פון הונדערט יאהר קען צוקומען העכסטענס אן אכטעל אינטש (צאלל).

— אויב אזוי? — האט ער זיך געוואונדערט — האט דאך אזעלכע וואנד אויפצובויען געדארפט דויערען א צייט אפשר פון...

איך האב איהם ניט געלאזט טרעפען און האב איך פערכאפט אויף פריהער:

— פון א פאר מאל הונדערט טויזענד יאהר, ביזט דו צופריעדען, קאנ־סייל?

— אז דער הערר זאגט אזוי, בין איך צופריעדען — האט מיין האלענדער נאאיוו געענטפערט.

געגען אבענד איז דער אינזעל קלערמאנט־טאנער פערשוואונדען געווארען פון אונזערע אויגען. דיא "נאטילוס" האט זיך געווענדעט אין אן אנדער ריכ־טונג, דורכלויפענדיג דיא הייסעסטע געגענד אונטער'ן עקוואטאר. אין יענע געגענד איז אין מאנאט דעצעמבער עכט זומער. דיא זוננען־שטראהלען ברענען דארט אין דיעזען טהייל פון יאהר אונערטרעגליך. אבער אין אונזער שיף האבען מיר קיין היץ ניט געפיהלט, דען אונטער'ן וואסער, אין דיא טיעפענים פון א הונ־דערט אדער מעהר פוס, איז דיא טעמפעראטור אימער רעגעלמעסיג, פון צעהן ביז צוועלף גראד.

דעם 15טען דעצעמבער זיינען מיר פערבייגעפאהרען דיא גרופע פון דיא געזעלשאפט'ס אינזלען און דאס שעהנע שטיק לאנד טאיטי. גאנץ פריה, ווען אונזער שיף איז ארויפגעשוואומען אין דער הויך, האב איך געזעהן דיא הויכע געבירגען פון דיעזען אינזעל. דיא מאטראזען האבען יענעם פריהמארגען ארויס־געצויגען דיא פיש־נעצען מיט דיא פראכטפאלסטע, זעלטענסטע זארטען פיש,

וואָס מען קען אנדערשוואו קוים בעקומען; צווישען זיי א מין ים־שלאנג, וואָס מען רופט מוניראָפיס און איז זעהר גוט צום עסען.

מיר זיינען שפּעטער פערבייגעפאָהרען דיא אינזלען טאָנגאָ טאבו, אויף וועלכע אייניגע בעריהמטע רייזענדע זיינען ערמאָרדעט געוואָרן פון דיא דאָרטיגע ווילדע איינוואָהנער. דיא דאָזיגע גרופּע אינזלען זיינען ענטדעקט געוואָרען אין יאָהר 1463, אין דעם זעלבען יאָהר ווען דער געלעהרטער דארוסעלי, א תלמיד פון גרויסען פילאָזאָף גאלילעאָ, האָט ערפונדען דעם באראָמעטער (לופט־מעסטער).

אין פערלויף פון דיא נעכסטע צוועלף טעג זיינען מיר פערבייגעפאָהרען פערשיעדענע אנדערע אינזלען און לאנד־שטיקער. קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך דיא גאנצע צייט ניט בעוויזען. דעם 27טען דעצעמבער אין דער פריה איז ער אריינגעקומען אין גרויסען זאאל, וואו איך בין געזעסען און אריינגעקוקט אין דער לאנד־קארטע, אום בעשטימט צו וויסען אין וועלכע געגענד פון דער וועלט מיר געפינען זיך. דער קאפּיטאן איז צוגעגאנגען, האָט ארויפגעשטעלט א פינגער אויף א געוויסען פּונקט פון דער קארטע און האָט אויסגערעדט בלויז איין וואָרט:

— וואניקאָראָ.

דיעזע נאכריכט האָט אויף מיר א שטארקע ווירקונג געמאכט. דער אינזעל וואניקאָראָ איז יענער, וואו דער בעריהמטער פראנצויזישער ים־רייזענדער לא פערוז איז פערלאָרען געגאנגען צוזאמען מיט זיינע שיפען און מאנשאפט, אין יאָהר 1786. איך בין אויפגעשפּרונגען פון פּלאץ און געפרעגט:

— האָט אונז דיא "נאָטילוס" געבראכט נאָך וואניקאָראָ?

— יא, הערר פּראָפעסאָר — האָט נעמאָ געענטפערט.

— און איך וועל קענען בעזוכען דעם אינזעל וואו דיא בעריהמטע שיפען "באָסאָל" און "אסטראָלאב" זיינען צו גרונד געגאנגען צוזאמען מיט דעם בראַווען ים־העלד לא פּערוז?

— אויב איהר האָט נור חשק דערצו! פאר וואָס ניט?

— ווען וועלען מיר אהין אָנקומען, הערר קאפּיטאן?

— מיר זיינען שוין דאָרט.

איך בין מיט קאפּיטאן נעמאָ ארויסגעגאנגען אויף'ן פּלאטפאָרם און איך האָב מיט העכסט נייגעריגע בליקען בעטראכט דיא געגענד ארום און ארום. אונזער שיף איז דאן ווירקליך אריינגעקומען אין האפען, וואו עס איז געוועזען א פיערציג פעדהאָמס טיעף (א פעדהאָם איז זעקס פוס). דאָס לאנד איז איבריי בעראל געוועזען בעדעקט מיט פרוכטבארקייט. אין מיטען אינזעל האָט זיך ערהויבען דער בארג "קאפּאָגאָ", וועלכער איז אייניגע הונדערט פוס הויך. דער ברעג פון אינזעל איז געוועזען בעדעקט מיט גרינע ביימער און ריפען האָבען

ארויסגעשטעקט פון וואסער אין פערשיעדענע פלעצער. איך האב בעמערקט וויא אייניגע פון דיא ווילדע איינוואהנער פון אינזעל בעטראכטען אונזער שיף מיט פערוואונדערונג. זיי האבען וואהרשיינליך גדענקט, אז דאס איז א ים־טהיער און זיי האבען עס אנגעקוקט מיט זייערע ווילדע אויגען. קאפיטאן נעמא האט מיך דאן א פרעג געטהאן, אויב איך ווייס עטוואס פון דעם טרויעריגען צופאל וואס האט פאסירט מיט לא פערוז?

— איך ווייס וועגען דעם אזוי פיעל וויפיעל דיא גאנצע וועלט ווייסט! — האב איך געענטפערט.

— און קענט איהר מיר זאגען וואס ווייסט דיא גאנצע וועלט? — האט דער קאפיטאן געפרעגט מיט א מינע פון שפאט.

— געוויס, גאנץ לייכט! — האב איך געענטפערט — איך קען עס אייך שוין איבערגעבען.

איך האב איהם דאן אנגעהויבען דערצעהלען דאס וואס איך האב געוואוסט פון בעשרייבונגען:

— אין יאהר 1785 האט דער פראנצויזישער קעניג לואי דער 16טער געשיקט קאמאנדיר לא פערוז און זיין העלפער קאפיטאן דע לאנגעל אויף א רייזע ארום דער וועלט. זיי זיינען אבגעפאהרען אויף דיא רעגיערונגס־שיפען "באסאל" און "אסטראלאב", וועלכע זיינען קיינמאל צוריק געקומען. אין יאהר 1891 האט דיא פראנצויזישע רעגיערונג ארויסגעשיקט צוויי אנדערע גרויסע שיפען, אום אויסצוגעפינען וואס מיט לא פערוז און זיינע בעגלייטער איז געווארען. דער קאמאנדיר פון דיא צווייטע שיפען איז דורכגעפאהרען דיעזע אלע געגענדען, ער איז זאגאר ביי וואניקארא פערבייגעפאהרען, אבער ער האט זיך דא ניט אבגעשטעלט. דיא ענדע פון זייער רייזע איז געווען א טרויעריגע. דער קאמאנדיר און צוויי פון זיינע אפיציערען זיינען ערמארדעט געווארען פון ווילדע. דיא איבעריגע איז געלונגען זיך צו רעטען, אבער זיי האבען קיין ידיעה געבראכט פון דיא צוויי פערלארענע ערשטע שיפען.

דיא שפורען פון דעם פערשוואונדענעם לא פערוז האט צוערשט געפונען דער אלטער ענגלישער קאפיטאן דילאן, וועלכער איז גוט בעוואוסט פון אייניגע גרויסע רייזען וואס ער האט געמאכט. אין יאהר 1824 איז דילאן געקומען אויף'ן אינזעל טיקאפיא. א ווילדער האט איהם דארט אנגעבאטען צו פערקויפען א זילבערנע הענטעל פון א שווערד. דער ווילדער האט איהם דערביי דערצעהלט, אז וועהרענד ער איז מיט אייניגע יאהר צוריק געווען אויף'ן אינזעל וואניקארא, האט ער דארט געזעהן צוויי ווייסע מענשען וואס זיינען דארט פערבליבען, נאכדעם וויא זייער שיף איז ביי יענעם אינזעל אונטערגעגאנגען.

דילאן האט באלד געדענקט, אז דא האנדעלט זיך וועגען דיא שיפען פון לא פערוז, און וויסענדיג אז דיא וועלט איז שטארק פעראינטערעסירט מיט לא

פערוז'ס פערשווינדונג, האט ער באלד געוואלט פאהרען צום אינזעל וואניקארא, אום אויסצוגעפינען ריכטיגע שפורען צו דיא אונטערגעגאנגענע צוויי שיפען און ברייגנען דער וועלט א ריכטיגען בעריכט, אבער ווינטען און שטורמס זיינען איהם געשטאנען אין וועג און ער האט זיין פלאן ניט געקענט דורכפיהרען.

דילאן האט זיך אומגעקעהרט צוריק נאך קאלקוטא, אינדיען. דארט האט ער אין זיין ענטדעקונג פעראינטערעסירט דיא אזיאטישע סאסייעטי און דיא אינדיאנישע קאמפאני. מען האט איהם געגעבען א שיף מיט'ן נאמען "רע־טשערטשע" און דעם 23טען דזשענוארי, 1827 איז ער צוזאמען מיט א פראנ־צויזישען אגענט אבגעפאהרען נאך דעם אינזעל וואניקארא אויסצוגעפינען דיא ריכטיגקייט וואס פון קאמאנדיר לא פערוז און זיינע לייט איז געווארען.

דיא "רעטשערטשע" איז אנגעקומען קיין וואניקארא דעם 7טען יולי, 1827 און זיא האט געאנקערט אויף דעם זעלבען פלאץ, וואו דיא "נאטילוס" געפינט זיך ערשט. דארט האבען דילאן און זיינע מענשען געפונען פערשיעדענע זאכען פון צובראכענע שיפען—אייזערנע כלים, אנקערס, ביקסען, שטיקלאך פון אסטראנאמישע אינסטרומענטען, און א בראנזענעם זייגער אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט דיא ווערטער: "באזען האט מיך געמאכט", און נאך אזעלכע זאכען. עס איז שוין דאן קיין צווייפעל געווען, אז לא פערוז האט דארט געליטען שיפס־ברוך. דילאן האט דארט נאכגעפרעגט און נאכגעפארשט ביי דיא ווילדע, אבער ער האט מעהר קיין זאך געקענט ערפאהרען וועגען דיא פער־אונגליקטע שיפען און דיא מענשען וואס זיינען אויף זיי געווען. דילאן האט פערווײלט אויף'ן אינזעל ביז'ן מאנאט אקטאבער און ער איז אבגעפאהרען צוריק. ער איז אנגעקומען קיין קאלקוטא דעם 7טען אפריל, 1828. ער איז ווארים אויפגענומען געווארען פון פראנצויזישען קעניג טשארלז דעם צעהנטען.

אין דער זעלבער צייט האט דומאנט ד'אורוויל, קאמאנדיר פון דער קריעגס־שיף "אסטראלאב", אויך ערפאהרען וועגען שפורען פון דעם פערשוואונדענעם לא פערוז. א וואלפיש פאנגער האט איהם דערצעהלט, דאס ער האט געזעהן איי־ניגע מעדאלען און עהרע־צייכענס אין דיא הענד פון ווילדע פון ניו קאלעדאניא. ד'אורוויל האט פערשטאנען, אז דאס איז פון דעם פערשוואונדענעם לא פערוז און זיינע מענשען, און ניט וויסענדיג פון דילאן'ס אונטערנעהמונג, האט ער בעשלאסען דיעזע שפורען נאכצופארשען. מיט איינינע מאנאטען שפעטער נאך דילאן'ס אברייזען איז דיא "אסטראלאב" אנגעקומען צום אינזעל טיקאפיא. ד'אורוויל האט פון דארט מיטגענומען אלס דאלמעטשער און וועג־ווייזער א דעזערטיר, וועלכער האט דא געוואהנט צווישען דיא ווילדע און איז פון זיי אנטלאפען. ער איז ארומגעפאהרען ארום פערשיעדענע אינזלען, ביז ער איז ענדליך געקומען צו דיעזען אינזעל וואניקארא. דילאן איז שוין דארט ניט געווען.

איינינע טעג שפעטער האבען דיא אפיציערען פון דער "אסטראלאב" גע־

פונען אויף'ן אינזעל איינציגע געגענשטאנדען פון לאַ פערוז'ס פערשוואונדענע שיפען. ד'אורוויל האָט נאָכגעפאָרשט ביי די דאָרטיגע איינגעבאָרענע, אָבער די ווילדע האָבען ערקלערט, אז זיי וויסען גאָר ניט פון קיין אונטערגעגאנגענע שיף און פון קיין זאך. ד'אורוויל האָט זיי ניט געגלויבט. ער האָט פערשטאַנען, אז די ווילדע וויסען מעהר פון די צובראָכענע שיפען, אָבער זיי האָבען וואהרשיינליך לאַ פערוז און זיינע מענשען זעהר שלעכט בעהאנדעלט און זיי האָבען ערשט מורא, אז די אָנגעקומענע ווייסע וועלען פון זיי ראַכע נעהמען. דעם קאָמאנדיר איז ענדליך געלונגען איינצורעדען זיי, אז עס וועט זיי קיין בייזעס געשעהן. דערצו האָט ער די ווילדע געשענקט מתנות און זיי האָבען איהם געציינט דעם פּלאַץ, וואו לאַ פערוז האָט מיט אַ יאָהר פיערציג צוריק שיפס־ברוך געליטען.

דאָרט, צווישען די קאָראַלען פעלזען האָבען ד'אורוויל און זיינע מענשען געפונען פיעלע פערשיעדענע זאכען פון לאַ פערוז'ס געזונקענע שיפען, צווישען אנדערעס אויך אַ גרויסען, שווערען אנקער און אַ קאַנאָנע, וועלכע די מאַנשאַפט פון "אסטראָלאַב" האָבען קוים ארויסגעצויגען.

דומאָנט ד'אורוויל האָט ווייטער ערפאַהרען פון די ווילדע, אז נאָכדעם ווי לאַ פערוז'ס שיפען זיינען צובראָכען געוואָרען צווישען די פעלזען, האָט ער מיט די גרעסטע טהייל פון זיין מאַנשאַפט זיך געראַטעוועט אויף דיעזען אינזעל. אין אַ קורצע צייט האָבען זיי פון די מאַטעריאַלען, וואָס זיי האָבען געקענט ארויסבעקומען פון די אונטערגעגאַנגענע שיפען, אויסגעבויט אַ קלענערע שיפעל, אויף וועלכע זיי האָבען אָבגערייזט. וואוהין, ווייסט מען ניט ביז היינטיגען טאָג.

קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיך אויסגעהערט ביז צו ענדע און ער האָט מיין ערצעהלונג ניט געשטערט אפילו מיט אַ וואָרט. ווען איך האָב געענדיגט, האָט ער זיך אָבגערופען:

— איז דאָס אלעס וואָס איהר ווייסט פון לאַ פערוז מיט זיינע שיפען? ווייסט מען טאקי ביי אייך אויף דער יבשה ניט, וואָס פון דעם אונגליקליכען קאַפּיטאַן איז געוואָרען און וואו ער איז אהינגעקומען? איך אָבער ווייס דעם לעצטען אקט פון יענער טראַגעדיע און איך וועל עס אייך ערקלערען. דער קאָמאַנדיר לאַ פערוז איז נאָך דעם אונטערגאַנג פון זיינע שיפען אויף דיעזען אינזעל אויפגענומען געוואָרען. עס איז אמת, אז ער האָט דאָ אויפגעבויט אַ קליינע שיפעל און ער איז מיט אַ טהייל פון זיין מאַנשאַפט אָבגעפאָהרען. איינציגע פון זיינע מאַטראָזען זיינען דאָ צווישען די ווילדע פערבליבען און זיי זיינען שוין ערשט טויט. לאַ פערוז איז דאַמאָלס געפאָהרען נאָך די ריכטונג פון די סאַלאָמאָן אינזלען און דאָרט, ביי מזרח זייט, איז זיין קליין שיפעל צושמע־

טערט געוואָרען אָן דיא ריפען, אָבער דיעזעס מאָל זיינען לא פערוז מיט זיין מאנשאפט דערטרונקען געוואָרען.

— און פון וואנען ווייסט איהר עס אלעס? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— אָט דאָס האָב איך געפונען אויף'ן פלאץ, וואו לא פערוז האָט זיין לעצטען שיפס־ברוך געליטען — האָט נעמאָ געענטפערט.

ביי דיעזע ווערטער האָט דער קאפיטאן מיר דערלאנגט א פערראָסטעטע בלעכענע קעסטעלע, אויף וועלכע מען האָט נאָך דייטליך געזעהן דעם פראנצויזישען הערב. עפענענדיג דיא קעסטעלע, האָב איך דאָרט געפונען דיא אָפיציעלע פאפיערען פון דער פראנצויזישער רעגיערונג און אינסטרוקציאָנען, וועלכע דער דאמאָלסדיגער פלאָטע־מיניסטער האָט געגעבען צו לא פערוז. אויף דיא ברעגען פון דיא פאפיערען זיינען געוועזען בעמערקונגען, געשריעבען מיט דער האנד פון קעניג לואי דעם 16טען.

— לא פערוז ליגט אין א גרוב פון קאראלען! — האָט קאפיטאן נעמאָ אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע — פאר א ים־רייזענדען איז דאָס דער שעהנסטער טויט. איך ווינש איך אויך צו האָבען אזא קבר, ווען מיין צייט וועט קומען.

20טעם קאפיטאל

דיא טאָרעס מעער־ענגע

דורך דער נאכט פון 27טען אָדער 28טען דעצעמבער האָט דיא "נאָטילוס" פערלאָזען דיא ברעגעס פון וואניקאָרא מיט א גרויסע שנעלקייט. אין דריי טעג זיינען מיר איינגעפאָהרען 750 ליגס.

דעם ערשטען יאנואר, 1868 איז מיין דיענער קאָנסייל געקומען צו מיר אויף'ן פלאטפאָרם און געזאָגט:

— דארף איך הייגט דעם הערר א גליקליכעס נייע־יאָהר ווינשען?

— ווארום ניט? —האָב איך געענטפערט — איך נעהם אָן דיין גליקוואונש מיט דאנק, אזוי גוט וויא אימער, פונקט דאָס זעלבע אזוי וויא ווען מיר זיינען געוועזען ביי אונז אין דער היים אין פאריז. אָבער איך וועל דיך פרעגען: וואָס הייסט ביי דיר אייגענטליך גליק אונטער דיא אומשטענדען אין וועלכע מיר געפינען זיך יעצט? מיינסט דוא צו זאָגען, אז מיר זאָלען אויף'ן נייעם יאָהר בעגליקט ווערען און געווינען אונזער פרייהייט פון דיעזער שיף, אָדער מיר זאָלען דעם יאָהר אויסלעבען און דיעזע מערקווירדיגע רייזע פאָרטזעצען?

— איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערען דעם הערר אויף דיעזער פראגע! — האָט קאָנסייל געזאָגט — פאָרלויפיג האָבען מיר, זייט דיא צוויי מאָנאטען וואָס מיר זיינען דאָ, קיין אורזאכע צו בעקלאָגען זיך אָדער זיך צו לאנגווייליגען. מיר זעהען אימער אזעלכע וואונדערבארע זאכען, וואָס איז זיכער ווערטה צו זעהן

און בעטראכטען. איך מיין, אז מיר וואָלטען קיינמאָל געהאט א געלעגענהייט צו זעהן דיא אינערליכע געהיימניסע פון ים, ווען דער שיקזאל וואָלט אונז אהער ניט געבראכט.

— געוויס ניט! — האָב איך בעשטעטיגט — איך מיין אלזאָ, אז מיר קענען מיט צופריעדענהייט זיך ווינשען, דיעזען יאָהר דאָ צו פערברייגגען —

— און אלע וואונדערבארקייטען פון דער נאטור צו בעטראכטען! — האָט קאָנסייל אונטערגעכאפּט.

—אלע וואונדערבארקייטען! — האָב איך געלאכט — איז אביסעל צו־פיעל. דאָס וועט צו לאנג דויערען. אָבער זאָג מיר, קאָנסייל, וואָס דענקט ערשט נעד לענד וועגען אונזער רייזע אויף דיעזער שיף?

— לענד איז נאָך אלץ אזוי ביין אזוי וויא פריהער און אזוי וויא דער הערר ווייסט, הערט ער ניט אויף צו שעלטען דעם טאָג, אין ווען שיק־זאל האָט אונז אהער געבראכט. ביי איהם האָט קיין זאך קיין ווערטה. ער קוקט נור אוים אויף א שנאפּס און א גוטע שטיק בראטען פון רינד־פלייש, און ווייל ער קען עס דאָ ניט בעקומען, איז איהם דיא "נאָטילוס" פערהאסט און ער וואָלט זעהר וועלען לויז ווערען פון דאנען. נו, און דעם הערר געפעלט טאקי אונזער איצטיגע לאגע?

— יא, איך בין ווירקליך צופריעדען מיט אלעס, אָבער מיך פערדריסט איין זאך, וואָס איך קען דיר דאָ לכבוד נייע־יאָהר קיין פרעזענט ניט געבען.

— אָה, דעם הערר'ס גוטע ווערטער זיינען ביי מיר דיא שעהנסטע מתנה!

— האָט מיין טרייער דיענער אויסגערופען און איז באלד ארויסגעגאנגען.

דעם צווייטען יאנואר זיינען מיר געקומען צו דיא געפעהרליכע געגענד פון קאָראלען־מעער ביי דיא נאָרד־אָסט ברעגען פון אויסטראליען. מיר זיינען שוין דאמאָלס געהאט אָבגעפאָהרען 11,340 מייל, אָדער 5250 פראנצויזישע ליגס. אונזער "נאָטילוס" איז געשוואומען דורך דיא פירכטליכע קאָראלען־פעלזען, וואו דיא שיפען פון דעם בעריהמטען קאפּיטאן קוק זיינען שיער צוקלאפּט גע־וואָרען אין יאָהר 1770. דער גליק איז דאמאָלס געוועזען וואָס א שטיק פעלז איז פון דעם שטויס פון דער שיף אָבגעבראָכען געוואָרען און דאָס האָט געראַטעט דיא שיף פון אונטערגעהן.

איך האָב גרויס חשק געהאט צו בעטראכטען פון אויבען דיעזען אונרו־היגען ים, וויא זיינע וואסערען האָבען געקאָכט און געראַשט, אזוי וויא דער נעבריל פון א דונער, אָבער גראדע האָט קאפּיטאן נעמאָ ארונטערגעלאָזט דיא "נאָטילוס" גאנץ טיעף און איך האָב דיא הויכע קאָראלען־ווענד מעהר ניט געקענט זעהן. איך האָב זיך דאן געמוזט בעגוגענען מיט קוקען און בעטראכטען דיא זאָנדערבארע מינים פיש, וואָס דיא מאטראָזען האָבען ארויסגעצויגען מיט דיא נעצען. דאָס איז אויך ווערטה געוועזען צו זעהן, ווייל א סך פון זיי זיינען

געוועזן אזעלכע, וועלכע איך האב פריהער ניט געזעהן און זאגאר ניט געוואוסט, אז אזעלכע עקזיסטירען.

צוויי טעג נאכאנאנד זיינען מיר געפאהרען דורכ'ן קאראלען־מעער, ביז מיר האבען דעם פיערטען יאנואר דערגרייכט דיא ברעגען פון פאפואן. קאפיטאן נעמא האט מיר געלאזט וויסען, אז ער דענקט אריינצופאהרען אין אינדישען ים דורך דיא טארעס סטרייטס. מעהר האט ער צו מיר ניט גערעדט.

סטרייט, אין ענגליש, אדער מעער־ענגע, וויא מען רופט עס אין דייטש, הייסט א שמאלע וועג אין ים, זא צו זאגען, א מין קאנאל. אין ברייטען ים גיבען אזעלכע פלעצער, וואו עס זיינען בלויז פאראן שמאלע דורכגענגע פאר שיפען, ווייל אינזלען אדער פעלזען־וועגד צאמען אב דעם וועג. דיא טארעס סטרייטס זיינען כמעט פיער און דרייסיג ליגס ברייט, אבער דער וועג איז פערשטעלט מיט אינזלען, גרעסערע און קלענערע און מיט פעלזען אזוי, דאס א שיף קען קוים דורכשווימען דיא דאזיגע שמאלע וואסערן. זעלבסטפערשטענדליך קען נור א א העכסט פעהיגער און פראקטישער קאפיטאן וואגען צו אונטערנעהמען אזא ריזיקאלישע און געפעהרליכע שטיקעל וועג צו מאכען, ווייל דיא בעסטע און שטארקסטע שיף איז דארט יעדע ווײלע אין געפאהר צובראכען צו ווערען אדער בלייבען שטעקען אויף א פעלז אדער אויף אן אינזעל. עס זיינען אייניגע פראבעס געמאכט געווארען דורכצופאהרען יענע געגענד, אבער עס איז ניט געלונגען. דער בעריהמטער דומאנט ד'אורוויל האט פרובירט דורכפאהרען דיא טארעס מיט זיין קריעגס־שיף, אבער ער האט עס ניט געקענט בעווייזען. דיא שיף איז שיער צושמעטערט געווארען צווישען דיא פעלזען און ער האט זיך געמוזט צוריק־קעהרען. קאפיטאן נעמא האט געוואלט זיין גרויסע און מעכטיגע שיף דארט דורכפיהרען. ער האט זיך פריהער גוט צוגעגרייט איידער ער איז אהין אריינ־געפאהרען און ער האט דיא "נאטילוס" געלאזט געהן לאנגזאם און פארזיכטיג.

איך מיט מיינעביידע קאמעראדען, קאנסייל און לענד האבען זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און מיר זיינען ארויסגעגאנגען אויפ'ן פלאטפארם, אום דיא ארומיגע געגענדען צו בעטראכטען. איך האב אין שטייער־מאן'ס הייזעל בעמערקט דעם קאפיטאן. וואהרשיינליך האט ער אין יענע געפעהרליכע געגענד ניט אנגעטרויט דיא שיף אויפ'ן שטייער־מאן און ער האט אליין אכטונג גע־געבען זיא זאל ריכטיג געפיהרט און רעגולירט ווערען.

איך האב מיטגענומען פון זאאל דיא בעסטע לאנד־קארטען פון דיא טארעס סטרייטס, אום נאכצוזעהן אין וועלכע פונקטען מיר פאהרען דורך. דער ים ארום דער "נאטילוס" האט געברויזט און גערוישט. דער שטראם פון דיא וועל־לען האט זיך האסטיג געווארפען אריבער דיא קאראלען ריפען און פעלזען, פון וועלכע עס האבען זיך אין פערשיעדענע ערטער ארויסגעזעהן דיא שפיצען.

— דא איז זעהר א שלעכטער ים! — האט נעד לענד געזאגט.

— יא, זעהר געפעהרליך! — האב איך געענטפערט — איך בין נאך ניט זיכער, אויב אונזער שיף וועט דיא שטיקעל רייזע גליקליך דורכמאכען.

— און דער פערדאממטער קאפיטאן ווייס וואהרשיינליך וויא דא דורכצוקריכען — האט לענד ביינזליך זיך אבגערופען — אט זעהט נור יענעם שארפען קאראלען שפיץ! דיא "נאטילוס" וואלט געוויס צובראכען געווארען, ווען זיא זאל זיך נור אן איהם אנשטויסען. אבער דיא שיף געהט פערביי און בעריהרט איהם ניט אויף א הואר.

דיא לאגע איז ווירקליך געוועזען זעהר א געפעהרליכע. אבער עס האט אויסגעזעהן אזוי וויא אונזער שיף ווערט דורך א צויבער־קראפט דורכגעקוועטשט דורך דיא ענגע און שמאלע וועגען צווישען דיא פעלזען און אינזלען, וועלכע זיינען געדרעהט אזוי וויא שלאנגען ארום און אין אלע ריכטונגען. דיא שיף איז ניט געפאהרען מיט דער זעלבער וועג וואס דומאנט ד'אורוויל האט פרובירט דורכפאהרען, זאנדערן זיא האט זיך געדרעהט אין אנדערע ריכטונגען, אום דיא געפעהרליכסטע פלעצער אויסצומיידען. אונזער שיף האט זיך געדרעהט רעכטס און לינקס, הין און צוריק און מיר זיינען אלע מאל געקומען נעהענטער צום אינזעל גילבאא.

עס איז געוועזען ארום דריי דעם זייגער נאכמיטאג, ווען אונזער שיף איז אנגעקומען גאנץ נאהענט צום אינזעל גילבאא, וועמעס ברעגען עס זיינען געוועזען בעזעצט מיט גרויסע, געדיכטע בוימער. בלויז צוויי מייל ווייט זיינען מיר געוועזען פון יענעם אינזעל. פלוצלונג האט זיך דיא "נאטילוס" אנגעשטויסען אן א פעלז. איך האב געפיהלט א שטארקען טרייסעל און איך בין אומגעפאלען. דיא שיף האט זיך אנגעבויגען אויף א זייט און איז געבליבען שטעהן.

ווען איך האב זיך אויפגעהויבען, האב איך דערזעהן קאפיטאן נעמא און זיין לייטענאנט שטעהענדיג אויף'ן פלאטפארם. זיי האבען בעטראכט דיא לאגע פון דער שיף און זיך דורכגערעדט צווישען זיך אין זייער שפראך וואס איך האב ניט פערשטאנען.

דיא שיף איז ניט געוועזען בעשעדיגט. אבער זיא האט געשטעקט אזוי פעסט אויף'ן פעלז, אז עס איז געוועזען מורא צו האבען זיא זאל דארט אויף אייביג ניט פערבלייבען. דער ים איז דאמאלס געוועזען אויפגעשטיגען. דאס וואסער איז געוועזען הויך און דאך איז וועניג האפנונג געוועזען מען זאל דיא "נאטילוס" קענען ארונטערשלעפען פון'ם אונטערוואסערדיגען פעלז, הייגט וויא וועט שוין זיין, ווען דאס וואסער וועט אבפאלען?

ווערהענד איך בין געשטאנען און מיט שרעק בעטראכט דיא לאגע פון אונזער שיף, איז דער קאפיטאן צו מיר צוגעגאנגען מיט זיין געוועהנליכע קאלטבלוטיגע און זעלבסט־הערשענדע מינע, אזוי וויא עס זאל גאר ניט פאסירען.

— א סכנה געטראפען, הערר קאפיטאן? — האב איך געפרעגט.

— ניין, בלויז א קליינער צופאַל — האָט נעמאָ געענטפערט.

— אָבער דיעזער צופאַל — האָב איך געזאָגט — וועט, הערר קאַפּיטאַן, פיללייכט צווינגען איהר זאָלט צוריק ווערען א בעוואָהנער פון דער טרוקענער ערד, פון וועלכע איהר זיינט ענטלאָפען, אויב ניט אויף אימער, ווייניגסטענס אויף א געוויסע צייט ביז עס וועט געלינגען דיא שיף פון פעלז ארונטערשלעפען.

— ניין, הערר אראָנאַקס! — האָט דער קאַפּיטאַן האלב שפּאָטיש געענט־פערט — דיא "נאָטילוס" איז נאָך ניט אין אזא געפאהר וויא איהר דענקט. זיא איז נאָך אימשטאנד צו צייגען אייך אלע וואונדער פון ים. אונזער רייזע האָט זיך ערשט אָנגעפאנגען און עס האלט נאָך ווייט, ווייט דערפון אז איך זאָל ווערען א שכן אויף דער טרוקענער לאנד. איך רעכען נאָך לאנג צו געניסען דעם פערגעניגען פון אייער געזעלשאפט.

דיא לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט מיט א מינע פון אונערנסט און שפּאַס־טרייבעריי. אָבער איך האָב זיך געמאכט ניט הערענדיג און ניט פער־שטעהענדיג זיין שטאָך־וואָרט און איך האָב געפרעגט:

— אָבער, קאַפּיטאַן, דאָס וואסער אין מעער איז דאָך יעצט אין דיא העכסטע אויפשטייגונג און איך זעה קיין מיטעל וויא עס זאָל מעגליך זיין דיא שיף פון פעלז ארונטערצונעהמען, היינט, וויא וועט שוין זיין שפּעטער, ווען דאָס וואסער וועט אָבפאלען?

— דאָס איז גאנץ ריכטיג, הערר פּראָפעסאָר! — האָט נעמאָ געענטפערט — אויף דיא געוועהנליכע טעגליכע וואסער־שטייגונג האָבען מיר ניט וואָס צו האָפען, אָבער אין דער צייט, ווען דיא לבנה שטעהט ביי נאכט פול אין הימעל קומט אין ים צו וואסער מעהר וויא געוועהנליך און דאן וועט אונזער שיף לייכט ארונטערשווימען פון איהר יעצטיגע בעפעסטיגונג. מיר האָבען ערשט דעם פיערטען יאנואר. אין אייניגע נעכט ארום וועט דיא לבנה פול אויפשיינען און מיר וועלען קענען ווייטער פאָהרען.

דאָס וואסער אין ים הויבט זיך טעגליך אויף און פאלט אָב. דאָס אויפ־שטייגען פון וואסער רופט מען "פלוטה" און דאָס אָבפאלען "עבבע". מען קען דיעזע מערקווירדיגע ערשיינונג, דיעזע געהיימניספאָלע אייגענשאפט פון ים זעהן אלע טאָג, וויא אין איין צייט ווערט דער ברעג פערפלייצט און שפּעטער לויפט דאָס וואסער אָב און דער ברעג בלייבט טרוקען אויף א היבשע שטרעקע. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט בלויז צוגעגעבען, אז דער פלוטה איז ניט שטענדיג אויף איין מאָאס, אז אין דער צייט ווען דיא לבנה שיינט אין איהר פולען פּראכט און גלאנץ איז דער "פלוטה" גרעסער וויא געוועהנליך. וואָס פאר א שייכות דיא וואסערען האָבען מיט דער לבנה און פארוואָס דיא נאכט־מלכה האָט פערדיענט דיא עהרע, אז דיא ימים זאָלען זיך פאר איהר אויפהויבען, איז אונערקלערליך. נאָכדעם וויא קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיך בערוהיגט, אז מיר וועלען קירצליך

אונזער רייזע קענען פאָרטזעצען, איז ער מיט זיין לייטענאנט ארונטער געגאנגען אונטען אין שיף. דאָס וואסער ארום איז אין יענער צייט געווען רוהיג און האָט שוין עררייכט דיא העכסטע שטופע פון זיין אויפשטייגונג. באלד האָט געדארפט אָנקומען דיא "עבבע" (וואסער־אָבפאל) און דיא שיף וועט זיכער פערבלייבען פעסטער אויף'ן פעלז.

— נו, מיין הערר? — האָט לענד א פרעג געטהאָן — ענדליך איז דיעזע פערדאמטע שיף ניט אימשטאנד ווייטער צו געהן. איך דענק, אז אפילו ווען דער קאפּיטאן זאָל ארונטערווארפען אלעס וואָס אין שיף געפינט זיך, אום דיא משא לייכטער צו מאכען און ער זאָל אָנשטרענגען אלע זיינע מאשינען, וועט ער זיא אויך פון אָרט ניט קענען ריהרען.

— ער רעכענט גאָר ניט אז אזעלכע מיטלען וועלען נויטיג זיין! — האָב איך ערקלערט — נאָך זיין מיינונג וועט צו דער צייט פון פול־מאָנד דאָס אויפגעשטיגענע וואסער אליין דיא שיף אויפהויבען.

— ניין, דאָס וועט ניעמאלס געשעהן! — האָט לענד געענטפערט מיט א בייזען טאָן — איך זאָג אייך, אז דאָס גרויסע שטיק אייזען איז ערשט מעהר ניט ווערטה וויא אויף ברוך צו פערקויפען. איך האָף אז דאָס וועט ברייננען דער־צו, אז מיר וועלען קענען פון דיעזער שיף מיט איהר קאפּיטאן ערלייזט ווערען. איך גלויב אז מיר קענען שוין פּרובירען פון דאנען צו אנטלויפען. דיא טרוקענע ערד איז דאָ ניט ווייט.

— פריינד לענד! — האָב איך צו איהם געזאָגט — מיר דאכט אז איהר האָט א טעות. דיא "נאָטילוס" איז פאָרלויפיג ניט אונטערגעגאנגען. אין פיער־פינף טעג ארום וועלען מיר זעהן, אויב זיא קען ווייטער רייזען אָדער ניט. איבריגענס איז אייער ראטה צו אנטלויפען ניט קיין פּראקטישער. מיר וואָלטען געקענט דענקען דעריבער, ווען מיר וואָלטען זיך געפונען ניט ווייט פון א האפען פון ענגלאנד אָדער פון פראנקרייך, אָבער דאָ ביי דיעזע ווילדע אינזלען וואָס זיינען בעזעצט מיט ווילדע מענשען, קענען מיר גאָר ניט מאכען. אנטלויפען פון א פּלאץ וואו מיר האָבען צו עסען און צו טרינקען און זיין אין געפאהר אליין אויפגעפרעסען צו ווערען פון ווילדע, לוינט זיך ניט. לאָמיר בעסער ווארטען און זעהן וואָס דער סוף פון דער "נאָטילוס" וועט זיין.

— פון דעסטוועגען — האָט זיך דער איינגעשפּארטער האלבער פראנצויז אָבגערופען — האָבען מיר געדארפט פּרובירען צו קומען אויף דיעזען אינזעל! ניט אזוי גיך פרעסען אונז אויף דיא ווילדע און מען דארף אזוי פיעל ניט מורא האָבען. דערוויל, דענק איך, וואָלטען מיר דאָרט געקענט האָבען א גוטען מאָהלצייט. זעהט איהר דאָרט דיא וועלדער? דאָרט זיינען געוויס פאראן לאנד־חיות, פון וועלכע מיר וואָלטען געקענט מאכען גוטע קאָטלעטען אָדער אנדערע מאכלים, וועלכע איך בין זעהר גערן צו געניסען.

— אין דיעזער הינזיכט איז פריינד לענד גערעכט! — האָט זיך קאַנסייל אָבגערופען — ווען דער העדר זאָל בעטען דעם קאפיטאן וואָלט ער אונז ערלויבט צום ברעג צו צופאָהרען און מיר וואָלטען געמאַכט אַ שטיקעל שפּאַציר אויף טרוקענע לאַנד. מיר האָבען דאָך שוין באַלד פערגעסען וויא אַזוי מען געהט אום אויף דער ערד.

— איך וועל עס איהם בעטען! — האָב איך מיינע קאַמעראַדען פערשפּראָכען — אָבער ער וועט עס ניט וועלען טהאָן.

איך האָב ווירקליך ניט געגלויבט, אַז קאַפּיטאַן נעמאָ זאָל עס אונז ערלויבען. איך בין געווען אַזוי גוט וויא זיכער, אַז ער וועט מיר ענטזאָגען. אָבער איך אַליין האָב אויף חשק געהאַט דעם אינזעל צו בעזוכען און איך האָב דאַרום אונזער וואונש פאַר'ן קאַפּיטאַן פאָרגעלייגט, און וויא איבעררראַשט בין איך געוואָרען, ווען נעמאָ האָט מיך גאָר ניט געלאָזט פיעל רעדען און ער האָט מיר באַלד דיא ערלויבניס געגעבען דיעזען שפּאַציר צו מאַכען. ער האָט זאָגאַר ניט געפאָדערט פון מיר קיין פערשפּרעכען, אַז מיר וועלען זיך צוריקקעהרען אויף'ן שיף. וואהרשיינליך האָט ער פערשטאַנען, אַז אַנטלויפען וועט אונז ניט געלינגען, ווען אפילו מיר וועלען עס וועלען טהאָן, און מיר וועלען זיך מיט פערגעניגען אומקעהרען צוריק אויף דער "נאָטילוס" און פערבלייבען דאָרט געפאַנגען, איידער לאָזען זיך אויפפרעסען פון קאַניבאַלען (מענשען-פרעסער) וואָס געפינען זיך אויף'ן אינזעל.

אויף מאָרגען פריה האָבען צוויי מענער אַרונטערגענומען דיא קליינע שיפעל און זיא אַרונטערגעלאָזט אין וואַסער. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אונז געגעבען צו וויסען, אַז מיר קענען פאָהרען צום ברעג, אויב מיר ווילען. איך האָב אָנפאַנגס געמיינט אַז אימיצער פון דיא מאַנשאַפט וועט מיט אונז מיטפאָהרען און מיר האָבען דאַרום אַ היבשע ווייל געוואַרט, וועהרענד דיא שיפעל איז געשטאַנען גרייט מיט דיא רודער'ס, מיט ביקסען און אַלע אַנדערע נויטווענדיגקייטען. אָבער ווען קיינער איז ניט געקומען האָבען מיר זיך אַליין אַריינגעזעצט און אום אַכט אוהר זיינען מיר אָבגעפאָהרען.

קיין ריזיקע איז דערביי ניט געווען. לענד, וועלכער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַלס וואַלפיש-פאַנגער האָט געהאַט גענוג ערפאַהרונג און ער האָט גוט געוואוסט וויא אַזוי צו טרייבען אַ שיפעל, זאָגאַר צווישען פעלזען און מיר האָבען צו קיינעמס הילף ניט געדאַרפט אָנקומען.

דער ים איז געווען גאַנץ רוהיג. עס האָט געבלאָזען אַ לייכטער און אַנגענעהמער ווינטעל און מיר זיינען זיך גאַנץ בעקוועם געפאָהרען אונזער וועג.

לענד איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי גליקליך אַזוי וויא אַ געפאַנגענער וואָס איז בעפרייט געוואָרען פון געפענגניס. אין

דיעזע גליקליכע מאָמענטען איז איהם גאָר אויף'ן געדאנק ניט געקומען, אז ער וועט זיך ענדליך מוזען צוריקקעהרען אין אונזער ביזהעריגע געפענגניס.

— פלייש! — האָט ער ניט אויפגעהערט אויסצורופען אלע ווייל מיט גרויס ענטציקונג — יעצט וועלען מיר עסען פלייש און נאָך וואָס פאר א פלייש! בראטען און קאָטלעטען פון לאנד טהיערע! שאדע נור וואָס מיר קענען דאָ א שטיקעל ברויט ניט בעקומען, זאָנסט וואָלטען מיר ערשט געמאכט א היימישע, אן עכט היימישע סעודה! אָבער עס איז ניט קיין אונגליק, א פרישער בראטען אָהן ברויט איז אויך ניט קיין שלעכטער מאכל.

— נאשער! פרעסער! — האָט קאָנסייל פון איהם געלאכט — איהר מאכט מיר אויך א יצר הרע צו אזעלכע געריכטען.

— פרעהט זיך נאָך ניט אזוי, מיינע פריינדע! — האָב איך געזאָגט — איהר זיינט נאָך ניט זיכער אז אויף דיעזען אינזעל געפינען זיך אזעלכע טהיערע וואָס מען קען געברויכען צום עסען. פיליכט וועלען מיר גאָר געפינען אזעלכע וואָס וועלען פון אונזער פלייש וועלען מאכען א מיטאָג?

— איהר זיינט גערעכט, הערר אראָנאקס! — האָט דער קענעדע'ר גע־ענטפערט — איך ווייס ניט אויב מיר וועלען דאָרט קריגען אן אָקס אָדער אפילו אן האָז צו שיסען, אָבער פאר מיר איז רעכט אירגענד וועלכע פלייש, אפילו פון א וואָלף, אפילו פון א טיגער, אבי פלייש! זאָל זיין וואָס עס איז, ענטוועדער א פיער־פיסיגע חיה וואָס לעבט אויף דער ערד, אָדער א צוויי־פיסיגע בעשעפניס פון דער לופט, אלץ בעסער וויא דיא פערדאמטע פיש און ים־טהיערע.

— פון דעסטוועגען — האָב איך זיך אָבגערופען — זייט ניט אזוי היטציג, פריינד לענד. איהר זאָלט נור זעהן צו זיין פאָרזיכטיג מיט אייער שיסען און ריכטיג ציעלען.

— זאָרגט נור ניט, הערר אראָנאקס! — האָט דער הארפוניסט שטאָלץ געענטפערט — זייט זיכער, אז אין א האלבע שטונדע וועל איך אייך סערווירען א טיש מיט געריכטען נאָך מיין געשמאַק.

ביז האלב נאָך אכט דעם זייגער איז אונזער שיפעל גליקליך דורכגעפאָהרען אלע פעלזען און מיר האָבען געלאנדעט ביי א טרוקענעם זאמדיגען ברעג פון אינזעל.

21טעס קאפּיטעל

אַ פּאָר טעג אויף'ן לאַנד

דאָס בעטרעטען טרוקענע לאנד האָט אויף מיר א טיעפען איינדרוק געמאכט. איך האָב דאמאָלס געפיהלט אזוי וויא א מענש וואָס קומט אהיים נאָך א לאנגע אבוועזענהייט, און איך האָב אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון איבערראַ־שונג. נעד לענד האָט אָנגעהויבען טאנצען פון פרייד. ער איז ווירקליך געווען

אזוי צופריעדען אזוי וויא ער זאָל בעפרייט ווערען פון א צעהן יעהריגע גע־פאנגשאפט, אָבוואָהל עס איז ערשט אין גאנצען געווען צוויי מאָנאטען זייט מיר זיינען אויף דער "נאַטילוס" געקומען.

מיר האָבען זיך געלאָזט געהן פון ברעג און אין איינינע מינוטען ארום זיינען מיר שוין געווען א שטיק וועג פון וואסער. דער באָדען איז געווען בע־דעקט מיט פרוכטבארקייטען און פון וויטען האט זיך געזעהן א געדיכטער וואלד מיט אונגעהייערע הויכע בוימער, פון וועלכע איינינע זיינען געווען ביז צוויי הונדערט פוס הויך. דיא בוימער זיינען געווען פון פערשיעדענע זאָרטען, וועלכע מען געפינט נור אין דיא ווארימע לענדער. דיא נאטור אויף יענעם אינזעל איז מאיעסטעטיש שעהן און רייך. אָבער לענד האָט עס ניט בעמערקט און ער האָט קיין ברעקעל אויפמערקזאמקייט דארויף ניט געשענקט. דעם קענעדע'ר פרעסער איז נור אין זינען געלעגען א גוטער ביפשטעק אָנצופילען זיין מאָגען. דאָס איז ביי איהם געווען פיעל ליעבער און וויכטיגער וויא דיא שעהנהייט פון דיא נאטור בילדער. לענד האָט בעמערקט א קאָקאָס־בוים. ער האָט באלד אָבגעקלאפט איינינע פון זיינע פרוכטען, האָט זיי צושפּאָלטען און מיר האָבען אלע געטרונקען זייער מילך און גענעסען דיא קערנער. מיר האָבען אין זיי געפיהלט דעם בעסטען טעם און זיי האָבען אונז אויסגעוויזען געשמאקער וויא דיא בעסטע שפייזען וואָס מיר האָבען אויף'ן שיף געגעסען.

— פּאָרטרעפליך! — האָט נעד לענד אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג.

— אויסגעצייכענט! — האָט קאָנסייל צוגעגעבען.

— איך דענק — האָט זיך לענד ווידער אָבגערופען, אז אייער נעמאָ וואָלט זיך אויך מחיה געווען מיט א קאָקאָ־נוס. איך גלויב, אז ער וואָלט גאָר ניט געהאט דאגעגען, ווען מיר לאָדען אָן אונזער שיפעל מיט נים און מיר ברייג־גען עס אויף דער "נאַטילוס".

— דאָס גראדע ניט! — האָט קאָנסייל געענטפערט — קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך אָבגעזאגט פון אלע ערד פּראָדוקטען און ער וועט עס אפילו אין מויל אריין ניט נעהמען.

— אויב אזוי, איז נאָך בעסער! — האָט זיך דער קענעדע'ר אָבגערופען — וועט זיין מעהר פאר אונז.

— איין וואָרט, הערר לענד! — האָב איך זיך אָבגערופען, וועהרענד ער האָט שוין געריסען דיא גרויסע נים פון א צווייטען בוים — דיעזע פרוכטען זיינען גאנץ גוט און געשמאק, אָבער מיר דארפען זוכען פּיליכט וועלען מיר דאָ געפינען עטוואָס בעסערע פּראָדוקטען. פיליכט איז דאָ פאראַן אירגענד וועלכע גרינס. דאָס וואָלט זעהר גוט געווען מיטצונעהמען אויף'ן שיף.

— דער הערר האָט רעכט! — האָט קאָנסייל אויסגעשריען — איך שלאָג

פאַר, אז מיר זאָלען אין אונזער שיפעל מאכען דריי אַבטהיילונגען, איינע פאר בוים־פרוכטען, די צווייטע פאר קרייטער און די דריטע פאר טהיער־פלייש.

— פלייש, פלייש! — האָט לענד אויסגערופען צופריעדענדיג — דאָס איז דער עיקר. איך האָב אזא לוסט צו א שטיקעל פלייש, אז איך וואָלט ערשט, דאכט מיר, אפילו מענשען־פלייש געגעסען.

— לענד! — האָט קאָנסייל מיט א קאָמישען געלעכטער אויסגערופען — איהר קאניבאל, איהר מענשענפרעסער! אויב אזוי בין איך דאָך אין סכנה צו זיין מיט אייך אין איין קאיוטע! איך קען נאָך אין א געוויסען פריהמאָרגען אויפשטעהן און אויסגעפינען, אז איך בין האלב אָן אויפגעפרעסענער.

— איך האָב אייך גאנץ ליעב, קאמעראד קאָנסייל — האָט לענד געזאָגט מיט א געלעכטער — אָבער ניט אויף אזוי פיעל אז איך זאָל אייך אויפעסען.

— איך גלויב אייך ניט! — האָט זיך מיין דיענער וויעדער געוויטצעלט

— אָבער גענוג! מיר דארפען טאקי עפּעס אויסזוכען צו פערשטאָפען דיעזען פרעסער דעם האלז, ווייל זאָנסט וועט דער הערר אמאָל געפינען שטיקלאך פון זיין קנעכט צו בעדיענען איהם.

ביי די לעצטע ווערטער האָט קאָנסייל אריינגעקוקט אין מיין געזיכט צו זעהן וואָס פאר אן איינדרוק זיין חכמה האָט אויף מיר געמאכט.

מיר זיינען דערווייל אוועק טיעפער אין וואלד, מיר זיינען דאָרט אומגע־גאנגען ביי א צוויי שטונדען צייט און מיר האָבען דאָרט קיין לעבעדיגעס וועזען ניט בעמערקט, דערפאר אָבער האָבען מיר אין דער פלאנצען־רייך געפונען א זעלטענעם, טהייערען שפּייז־פּראָדוקט, וועלכער קען מיט רעכט אָנגערופען ווערען "דער ברויט־בוים". אין די פריכטע פון יענעם בוים געפינט זיך א זאָרט מעהל, פון וועלכע מען קען באקען דעם בעסטען און געשמאקסטען ברויט. אזעלכע ביימער וואקסען א סך אויף'ן אינזעל גילבאָא. זיי זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען "ארטאָקאָרפּוס". די נאטור האָט וואהרשיינליך יענע געגענד גע־שענקט דיעזע ביימער אָנשטאָט תבואה, וואָס איז דאָרט ניט צו זעהן.

נעד לענד, וועלכער האָט יאָהרען לאנג ארומגערייזט אין פערשיעדענע געגענדען, האָט געוואוסט פון דיעזע ברויט־פרוכט און ער האָט געהאט א ידיעה וויא אזוי צו מאכען פון זיי ברויט.

— מיינע הערען! — האָט ער זיך אָבגערופען — איך וועל אייך באלד אָבבאקען א געבעק ברויט, אז איהר וועט זיך גאָר דערקוויקען. עס וועט זיין א מין געבעקס, וואָס איהר קענט זאָגאר אין פאריז ניט בעקומען. די ארבייט וועט ניט לאנג דויערען.

מיט א ברען־גלאָז וואָס מיר האָבען ביי זיך געהאט, האָבען מיר אויפגע־ליינט א פייער פון דארע צווייגען און אין איניגע מינוטען ארום האָבען מיר שוין געהאט א בערגעל גליהענדע קאָהלען. לענד און איך האָבען צושניטען איי־

ניגע פון דיא פרוכטען אויף דיקע שטיקער. מאנכע פון זיי זיינען שוין געוועז גוט צייטיג און מאנכע האלב צייטיג. מיר האבען אויסגעקליבען דיא בעסערע און לענד האט זיי אוועקגעלעגט אויף'ן פייער. וועהרענד דיעזע פארבערייטונגען, האט לענד צו מיר געזאגט:

— איך זאג אייך, הערר פראפעסאר, אז אויב דיא קוכען וואס איך וועל אבבאקען וועלען אייך ניט געפעלען זיין, דאן בין איך אויס הארפון־ווארפער קעניג. האט איהר שוין אמאל געגעסען אזעלכע קוכען?

— ניין, קיינמאל ניט!

— דאן זייט גרייט צו פערזוכען א גוטען מאכל. אויב איהר וועט ניט בעטען נאך, בין איך ניט דער הארפון־ווארפער קעניג.

אין אייניגע מינוטען ארום איז דיא שאלאכץ פון דיא פרוכט אין פייער ארומגעברענט געווארען און דיא אינוויינינגסטע האט בעקומען א געשטאלט פון ווייסע ווייכע טייג. באלד נאכדעם איז דער פרוכטען־ברויט פערטיג געווארען. איך האב עס פערזוכט און מיר איז עס ווירקליך שטארק געפעלען געווארען. עס איז געווען פיעל געשמאקער וויא דער ברויט אדער קוכען וואס מען באקט פון געוועהנליכע תבואה־מעהל.

— ליידער — האב איך געזאגט — קען מען דיעזע פרוכט ניט האלטען לאנג אין א פרישען צושטאנד און עס לוינט דארום ניט פיעל מיטצונעהמען זיי אויף'ן שיף.

— איהר רעדט וויא א געלעהרטער, מיין הערר — האט לענד זיך אבגע־רופען — העלפט מיר נור אויפצוזאמלען א רעכט ביסעל פון דיעזע פרוכטען. זיי וועלען אונז אויף'ן שיף צונוץ קומען.

— און וואס וועט איהר מיט זיי מאכען? — האב איך נייגעריג געפרעגט.

— גאנץ איינפאך. איך מאך פון דיא פרוכטען־מעהל אן איבערגעזייערטען טייג, וועלכער קען גאנץ לאנג האלטען און ניט פערדארבען ווערען און צו יעדער צייט, ווען מיר וועלען לוסט האבען, וועלען מיר אין דער קיך פון שיף קענען ברויט באקען.

— וויא שפעט זאל ערשט זיין? — האט לענד פלוצלונג א פרעג געטהאן.

— אינווייניגסטענס צוויי דער זייגער — האט קאנסייל געענטפערט.

— אך, וויא דיא צייט לויפט שנעל! — האט דער קענעדע'ר געזאגט — לאמיר ניט פערלירען קיין צייט און לאמיר זאמלען ברויט־פרוכטען.

מיר האבען געמאכט א שפאציר אין וואלד. מיר האבען דארט אויסער ברויט־פרוכטען אויך געפונען פערשיעדענע אנדערע וואקסונגען וואס ווערען גע־ברויכט אלס שפייז אדער שפייז־צוריכטונגען. מיר האבען דארט ענטדעקט פאלם־קרויט, אזא זארט קליינע בעבלאך, וועלכע איך האב דערקענט אלס "אבראוס", וואס דיא איינוואהנער פון דיא מאלאי אינזלען עסען, יאמס (אזא

מין פלאנצע), און נאָך פערשיעדענע גרינס, וועלכע מיר האָבען אָנגעריסען א רעכט ביסעל.

— ענדליך, פריינד לענד! — האָט קאָנסייל געזאָגט — האָבען מיר שוין אַלעס. אצינד וועט אונז שוין קיין זאך ניט פעהלען.

— ניין, נאָך ניט אלעס! — האָט זיך לענד אָבגערופען האלב בייז — קיין מאָהלצייטען קען מען פון אזעלכע פרוכטען און געוויקסע ניט האָבען. דאָס קען נור דיענען אלס ביי־זאכען. דער עיקר איז א שטיקעל פלייש, א שטיקעל בראטען.

— יא, לענד! — האָט זיך מיין דיענער געווייצט — איך דענק, אז מיר וועלען שוין מוזען אויסקומען אָהן קאָטלעטען.

— מיין הערר — האָט לענד זיך אָבגערופען — לאכט נור ניט. אונזער יאגד איז נאָך ניט געענדיגט. מיר וועלען נאָך דיעזען אינזעל בעזוכען און מיר וועלען נאָך טהיערע אויך אָנטרעפען, אויב ניט דאָ, איז אויף אן אנדער פּלאַץ. איז מיין נאָמען ניט דער הארפון־וואָרפער קעניג, אויב מיר וועלען דאָ קיין פלייש ניט עסען.

— איך האָב מורא אז איהר וועט אייער טיטול פערלירען! — האָט זיך קאָנסייל געוויטצעלט — יעדענפאלס איז שוין ערשט קיין צייט צו געהן זוכען קאָטלעטען. מיר זיינען שוין גאנץ וייט פון ברעג און מיר דארפען זיך לאָזען צוריק, אום מיר זאָלען ביז נאכט צום שיף קומען.

מיר האָבען צוזאמען גענומען אלע אונזערע פרוכט און גרינס זאמלונגען ניט קוקענדיג אויף לענד'ס פּראָטעסטען האָבען מיר זיך אומגעקעהרט צוריק אונזער שיפעל.

[illegible]ם פינף אוהר האָבען מיר פערלאָזט דעם אינזעל און מיט א האלבע [illegible]נדע שפּעטער זיינען מיר שוין געוועזען אויף דער "נאָטילוס". דיא שיף האָט [illegible]ויסגעזעהן אזוי וויא פערלאָזען. מיר האָבען דאָרט קיינעם ניט געזעהן און פון [illegible]יינעם ניט געהערט. גלייך און קאָנסייל האָבען דיא שפּייז פּראָדוקטען, וואָס מיר [illegible]אָבען געבראכט, ארייַנגעטראָגען אין דיא שפּייז־קאמערען. מיר האָבען אָב[illegible]געסען אונזער מאָהלצייט, וועלכען מיר האָבען געפונען גרייט אויף'ן טיש און מיר האָבען זיך געלייגט שלאָפען יעדער אויף זיין פּלאַץ.

יענע נאכט בין איך זעהר געשמאַק געשלאָפען. אויף מאָרגען בעגינען, דעם זעקסטען יאנואר, בין איך אויפגעשטאנען און געזעהן, אז מיט דער "נאָ־טילוס" איז קיין ענדערונג פאָרגעקומען. זיא שטעהט אזוי וויא צוגעשמידט אויף'ן [illegible]ען אָרט און אויף פאָהרען ווייטער איז נאָך דערווייל קיין אויסזיכט [illegible] איז געוועזען שטיל און עס איז קיין צייכען פון לעבען דאָרט ניט [illegible] באַמערקען. דיא קליינע שיפעל איז געשטאנען אויף'ן וואסער אויך [illegible]ט וואו מיר האָבען זיא נעכטען איבערגעלאָזט. איך און מיינע קאמעראדען האָבען בעשלאָסען דיעזען טאָג נאָך אמאָל דעם אינזעל צו בעזוכען.

דער קאַטלעטען ליעבהאַבער לענד האַט פערלאַנגט מיר זאָלען אן אנדער געגענד פון וואלד בעזוכען, מיט דער האָפנונג ערגיץ וואו וואלד־חיות צו געפינען.

באלד וויא דיא זונן איז אויפגעגאנגען זיינען מיר אָבגעפאָהרען. דיא וואסער שטייגונג האָט אונזער שיפעל געהויבען. עס איז אונז דיעזען מאָל גע־וועזען פיעל לייכטער צו פאָהרען און אין אייניגע מינוטען ארום זיינען מיר שוין געווען ביי'ם אינזעל. מיר האָבען לענד'ען צוליעב געטהאָן און איהם געלאָזט זיין אונזער אנפיהרער. מיר האָבען איהם געלאָזט געהן פאָראויס און איך און קאָנ־סייל זיינען איהם נאָכגעגאנגען, אין א גאנץ אנדערע ריכטונג וויא נעכטען. מיר זיינען אייניגע קליינע וואסער־שטראָמען אריבער צו פוס און ענדליך זיינען מיר געקומען אויף א הויכען גלייכען פּלאַץ, וועלכער איז פון אלע זייטען געוועזען ארומגערינגעלט מיט וואונדערבארע וועלדער. אייניגע אייז־פויגעל האָבען גע־שוועבט איבער'ן וואסער. מיר וואָלטען פון זיי געקענט מאכען א גוטען פריה־שטיק, אָבער זיי האָבען זיך ניט געלאָזט פאנגען. זיי זיינען געווען אזוי פאָרזיכ־טיג, אז עס איז געווען אונמעגליך צו זיי נעהענטער צוקומען. זייער מורא פאר מענשען האָט בעוויזען אז דיעזער אינזעל איז בעזעצט מיט ציוויליזירטע אָדער אמווייניגסטען מיט ווילדע מענשען, וועלכע קומען אין יענעם וואלד אויף יאגד. ווען זיי וואָלטען א מענשען קיינמאָל ניט בעגעגענען און ניט אנערקענען איהם פאר א שונא, וואָלטען זיי פאר אונז קיין מורא ניט געהאט.

אריבערגעהענדיג א גרויסע וויעזען־פעלד (לאָנקע), וועלכע איז געווען גוט בעוואקסען, זיינען מיר געקומען צו א קליין וועלדעל, אין וועלכען פויגלאך האָבען געזונגען. לענד איז שוין פערטיג געווען אויף זיי א יאגד צו מאכען, אָבער קאָנסייל האָט איהם אָבגעהאלטען.

— דאָס זיינען נור פּאָפּוגאַיען — האָט קאָנסייל געזאָגט — און דיעזע פויגלאך קענען צום עסען ניט געברויכט ווערען.

— מען קען זיי יאָ עסען! — האָט דער קענעדע'ר זיך אָבגערופען.

— ניט אמת! — האָט מיין וויסענשאַפטליכער דיענער אויסגערופען — איך זעה דאָ בלויז פּאָפּוגאַיען און פּאָפּוגאַיען פלייש וואָלט איך ניט גענעסען אפילו נאָך א תענית פון אכט טאָג צייט.

— פריינד קאָנסייל — האָט דער פלייש הונגעריגער לענד געזאָגט — פּאָ־פּוגאַיען פלייש איז אויך גוט פאר דיא וואָס האָבען ניט קיין אנדערע.

אין דיא ווירקליכקייט האָבען דארט געפלאַטערט א גרויסע מחנה פּאָפּוגאַיען, וועלכע זיינען אומגעפלויגען צווישען דיא בוימער פון איין צווייג אויף'ן אנדערען. יוען דיעזע פויגעל וואָלטען זיך געהאָדעוועט צווישען מענשען און געקראָגען א בעסערע ערציהונג, האָלטען זיי זיך אויסגעלערענט דיא מענשליכע שפּראַך, אָבער זייענדיג פערווילדעט אין וואלד, האָבען זיי געשוואַצט און געברומט, אין

דער געזעלשאפט פון אנדערע מינים פויגעל פון פערשיעדענע קאָלירען און פאר־
בען, וואָס זיינען שעהן פאר'ן אויג, אָבער אונברויכבאר פאר'ן גאָפּעל־מעסער.

דיא פאפואן אינזלען זיינען בעריהמט מיט דיא שעהנסטע ארטען פויגלאך, וואָס איז זעלטען אין אירגענד וועלכען אנדער פלאץ צו טרעפען. מיר האָט זיך איבערהויפּט זעהר געוואָלט זעהן דעם הערליכען פאראדיז־פויגעל און מיין נייגעריגקייט איז באלד בעפרידיגט געוואָרען. דורכגעהענדיג ווייטער א שטיק וואלד, וועלכער איז געווען ניט זעהר געדיכט, זיינען מיר אָנגעקומען אויף א פרייען פרוכטבארען פלאץ, וואו איך האָב דערזעהן פראכטפאָלע פויגלאך מיט גלענצענדע פארבען. איך בין העכסט איבערראשט געוואָרען קוקענדיג אויף דיא שעהנע צוויי־פיסיגע ברואים און מיינע אויגען זיינען ניט זאט געוואָרען קוקענדיג אויף זיי. איך האָב זיי מיט גרויס אויפמערקזאמקייט בעאָבאכטעט. איך האָב צווישען זיי געוואָלט דערקענען דעם פאראדיז־פויגעל און איך האָב איהם ענדליך דערקענט.

— פאראדיז־פויגלאך! — האָב איך פול ענטציקט אויסגעשריען און איך האָב זעהר חשק בעקומען צו פאנגען כאָטש איינע פון זיי.

דיא איינוואָהנער פון דיא מאלאי אינזלען פיהרען אָן גרויסע געשעפטען מיט דיעזע פויגלאך, וועלכע זיי פערקויפען צו כינעזער. דיא מאלאיער זיינען קינסטלער אין דעם פאך פון פאנגען דיעזע געפליגעלטע ברואים, דאָך קומט זיי עס אָן זעהר שווער. זיי קלעטערען ארויף אויף דיא שפּיצען פון דיא העכסטע בוימער און פערשפרייטען דאָרט נעטצען. זיי לויערען אויף זיי טעג און נעכט און אָפטמאָל, ווען זיי געפינען קיין אנדער מיטעל, פערגיפטען זיי דיא טייכלאך, וואו דיא פויגלאך טרינקען, און דיעזער מיטעל געלינגט אָפטמאָל אויך ניט. דיא פאראדיז־פויגלאך זיינען זעהר קלוג און פאָרזיכטיג, דער ערפאהרענסטער שיסער קען צעהנדליגע קוילען פערברויכען ביז איהם געלינגט צו שיסען איינע פון זיי.

ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין וואונש, צו בעקומען א פאראדיז־פויגעל, האָט זיך לענד אָבגערופען:

—מיר וועלען עס פרובירען, הערר פראָפעסאָר. איך וועל אנווענדען מיין ביקס אויף זיי, אָבוואָהל אין דיא וואהרהייט זאָגענדיג, בין איך מיט דעם הארפון פיעל געשיקטער אלס מיט'ן ביקס.

לענד האָט אָנגעהויבען פייערען, אָבער זיין מיה איז געווען אומזיסט ער האָט א היבשע ביסעל פון קאפּיטאן נעמאָ'ס גלעזערנע קוילען פערברויכט, אָבער קיינער פון זיי האָט אירגענד וועלכען פויגעל געטראָפען. דיא צוויי־פי־סיגע חכמים האָבען זיך יעדעס מאָל אויסגעדרעהט און זיי זיינען ארויס מיט גאנצע ביינער.

ביז עלף אוהר פארמיטאג זיינען מיר דורכגעגאנגען דיא פאָרערשטע גע־

בירגען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין מיטעל פּונקט פון אינזעל. מיר האָבען אָנגעפאַנגען שפּירען הונגער, אָבער מיר האָבען ניט געהאט מיט וואָס אונזער'ע מאָגענס צו בעפרידיגען. מיר האָבען קיין שפּייז מיטגענומען, ווייל מיר האָבען געדענקט, אז מיר וועלען קענען אויסקומען מיט דיא פּראָדוקטען פון אונזער יאגד. אָבער אזוי וויא מיר האָבען קיין זאך געפונען צום עסען, איז אונז אויסגעקומען צו לייגען דיא צייהן אויף דיא פּאָליצעס. צום גליק איז מיין דיענער קאָנסייל געלונגען צו שיסען צוויי ווייסע וואלד־טויבען. מיר האָבען זיי אָבגעפליקט, אויפגעלייגט א פייער פון דארע צווייגען און זיי אָבגעבראָטען און מיר האָבען געהאט א שטיקעל פליישיגע סעודה.

— נו, לענד — האָב איך געזאָגט צום קענעדע'ר — אצינד זיינט איהר שוין צופריעדען? וואָס נאָך פעהלט אייך?

— ניין, הערר אראָנקאַס! — האָט ער געענטפערט — פויגעל פלייש קען מיך ניט צופריעדען שטעלען. דאָס איז נור גוט פאר א פאָר־שפּייז אָדער א צוביים און אזוי וויא איך וועל ניט האָבען א קאָטלעט פון א פיער־פיסיגע חיה, וועט מיין אפּעטיט פערבלייבען אונבעפרידיגט.

—און איך וועל אויך ניט צופריעדען זיין ביז איך וועל ניט פאַנגען א פּאראַדיז־פויגעל! — האָב איך זיך אָבגערופען.

— טאָ לאָמיר פּאַרטיזעצען אונזער יאגד! — האָט קאָנסייל געזאָגט — אָבער איך דענק, אז פערקריכען ווייט אין דיא בערג לוינט זיך פאר אונז ניט. לאָמיר זיך בעסער לאָזען געהן צום ים. צו וואָס ריזיקירען און געהן ווייטער? מיר קענען נאָך אמאָל אונגעריכט אריינפאַלען אין א דארף פון ווילדע און דאַן וועט אפילו אונזער לענד'ען פערגעהן דער אפּעטיט פון קאָטלעטען.

מיר האָבען זיין ראטה אָנגענומען. מיר האָבען שפּאַצירט אין וואלד אויף צוריק און מיר האָבען ענטדעקט נאָך אייניגע זאָרטען בוימער און פרוכטען, אָבער קיין שפּור פון אירגענד וועלכע פיער־פיסיגע טהיער. זאָגאר פייגלאך האָבען מיר דאָרט אויך ניט געזעהן און איך האָב שטארק בעדויערט, וואָס איך האָב קיין אויסזיכט געהאט א פּאראדיז־פויגעל צו פאַנגען. פּלוצלונג האָט קאָנסייל, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס, זיך איינגעבויגען און איז צוגעלאָפען צו מיר מיט אַן אויסרוף פון פרייד, האַלטענדיג אין האנד א לעבעדיגען פויגעל פון שעהנסטען זאָרט.

— אָה, בראַוואָ, קאָנסייל! — האָב איך אויסגעשריען — אָבער, מיין ליעבער יונגע, וויא אזוי איז דיר געלונגען דיעזען פויגעל מיט דיא הוילע הענד צו כאַפּען?

— דאָס איז ניט קיין גרויסע קונסט־שטיק! — האָט קאָנסייל געענטפערט — זאָל נור דער הערר גוט בעטראַכטען דעם פויגעל, וועט ער זעהן, אז ער איז בעטרונקען, איינפאַך שכור אזוי וויא א פויער!

— בעטרונקען? — האָב איך מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

— געוויס בעטרונקען! דער הערר זעהט דען ניט? ער האָט זיך אָנגע־זויפט מיט'ן זאפט פון מושקאט־ניס וואָס וואקסען דאָרט אויף יענעם בוים און איז פערבליבען מאכטלאָז.

— וואונדערבאר! — האָט לענד אויסגערופען — איך האָב שוין א פּאָר מאָנאטען קיין ביסעל שנאפּס אין מיין מויל ניט געהאט אין דיא פויגלאך אין וואלד שכור'ען!

איך האָב דעם פויגעל בעטראכט און אויסגעפונען, אז קאָנסייל האָט רעכט. ער איז טאקי געוועזן אזוי בעזויפען, אז ער האָט ניט געקענט בעוועגען, ניט זיינע פיס, ניט דיא פליגעל.

דיעזער פויגעל איז דער שעהנסטער און זעלטענסטער פון דיא אכט זאָרטען פּאראדיז פויגלאך וואָס געפינען זיך אויף יענע אינזלען. פון זיינע קאָלירען איז ווירקליך ערשטוינט און ענטציקט צו ווערען. זיין שנאָבעל איז געלב, דיא פיס און נעגעל—קאפע־ברוין, דער קאָפּ און דער רוקען האָבען וויעדער אן אנדער פארב און דיא פליגעל וויעדער אן אנדערען. דער פויגעל איז געוועזן ביי א דריי פוס לאנג, זיין קאָפּ קליין, לויט דיא גרויס פון זיין קערפּער און דיא אויגען כמעט ביים שנאָבעל. דיא איינגעבאָרענע פון יענע געגענדען רופען איהם "דער פויגעל פון דער זונן".

מיך האָט ניט געקימערט וואָס דער פויגעל איז אין אזא צושטאנד. איך האָב געוואוסט, אז עס איז מיט איהם קיין געפאהר, ווייל ער וועט זיך אויסשלאָ־פען און קומען צוריק צו זיין בעוואוסטזיין און זיינע כחות, און איך בין דארום העכסט צופריעדען געווען וואָס מיין פערלאנג איז ערפילט געוואָרען נאָך בעסער וויא איך האָב אליין געדענקט. איך וואָלט זיך פריהער געוועזן בענוגענט מיט א טויטען פויגעל פון דיעזען זאָרט, און ערשט אז איך האָב איהם בעקומען א לע־בעדיגען, האָב איך זיך געשעצט גליקליך איבער גליקליך.

נעד לענד איז נאָך אלץ אונצופריעדען געווען. איהם האָט זיך געזיג... קאָטלעטען און דאָס האָט ער ניט געהאט. אָבער שפּעטער האָט א צופאר... וואונש אויך בעפרידיגט. ארום צוויי דעם זייגער נאָכמיטאָג איז איהם געלונג... צו טויטען א מין ווילדען שוויין, וועלכען דיא איינגעבאָרענע רופען "בא... אָטאנג". דיא חיה איז איהם אָנגעקומען אנטקעגען און לענד האָט איהר פּאַ... גוטען גאסט צוגענומען. ער האָט איהר מכבד געוועזן מיט אן עלעקטרישע ... און זיא איז געפאלען טויט. לענד האָט דעם "בארי־אָטאנג" אָבגעשונדען און ה... פון איהם אויסגעשניטען אַ גרויסע שטיק פלייש צו פערפערטיגען פאר אבענד ברויט. דיא יאגד איז דאן פאָרטגעזעצט געוואָרען. לענד און קאָנסייל האָב... דעם בעסטען ערפאָלג געהאט.

געהענדיג ווייטער דורך'ן וואלד האָבען זיי אָנגעטראָפען א גאנצע סט...

קאנגארוס. דאָס זיינען נעמליך א זאָרט שפּרינג־בעק, וואָס לעבען אין און ארום אויסטראליען. די בעזאָנדערע מערקווירדיגקייט פון די דאָזיגע ברואים בעשטעהט אין דעם, וואָס דיא קאנגארו "זיא" האָט אונטער'ן בויך א דיקע הויט אזוי וויא א זאק אָדער א בייטעל. דיא קאנגארו מוטער בעהאלט דאָרטען איהרע קינדער, וועלכע ווערען געבאָרען זעהר שוואך און אונענטוויקעלט. זיי ליגען דאָרט מיט זייערע מיילכלעך צו דיא נאָפּלען פון דיא בריסט און זיי זויגען. זיא טראָגט זיי אזוי ארום מיט זיך א פּאָר מאָנאטען צייט ביז זיי ווערען גוט ענטוויקעלט און קרעפטיג און דאן לאָזט זיא זיי ארויס אויף דער ליכטיגער וועלט. דיא קאנגארוס טראָגען דארום א צווייטען נאָמען "בייטעל־טהיערע".

וויא דיא דאָזיגע מערקווירדיגע ברואים האָבען אונז דערזעהן זיינען זיי אנטלאָפען. אָבער דיא עלעקטרישע קוילען פון קאפּיטאן נעמאָ'ס ביקסען האָבען זיי אָנגעיאָגט און עס האָט גאָר ניט לאנג געדויערט ביז אייניגע פון זיי זיינען דערשאָסען געוואָרען.

— הערר פּראָפעסאָר! — האָט לענד העכסט צופריעדען אויסגערופען — איך מוז אייך זאָגען, אז אויף אזא פּרעכטיגען בראָטען מאָהלצייט האָב איך זיך אליין ניט געריכט. זעהט, פינף שטיק ליגען געשאָסען און דאָס אלעס וועלען מיר אליין פערצעהרען! דיא דומקעפּ פון אייער קאפּיטאן'ס מאנשאפט וועלען פון מיר זאָגאר א שטיקעל צו פערזוכען ניט בעקומען.

דיא יאגד האָט זיך געענדיגט מיט א דוצענד דערשאָסענע טהיערע. עס איז אונז קוים געלונגען ביז זעקס אוהר פארנאכט דיעזען פליישׁ־אוצר אויף אונזער שיפעל צו טראנספּאָרטירען. דיא "נאָטילוס" האָט זיך געזעהן אומגע־פעהר צוויי מייל ווייט פון אונז.

לענד האָט באלד אָנגעהויבען צו פערפערטיגען אונזער מאָהלצייט. אונזער קענעדע'ר איז געווען א גוטער קוכער און ער האָט גוט פערשטאנען דיעזען פאך. דיא געבראָטענע קאָטלעטען פון דעם באררי־אָטאנג האָבען ארויסגעגעבען אזא אנגענעהמען גערוך, אז אין מיר האָט זיך אויך ערוועקט אן אפּעטיט און א חשק פון דיא פליישׁ־שפּייז צו געניסען.

און אונזער מאָהלצייט איז ווירקליך געווען פאָרטרעפליך גוט. מיר האָבען געהאט א פאָלשטענדיגע סעודה מיט פלייש פון וואלד־טויבען אלס פאָר־שפּייז, מיט אנאנאסען פרוכט אלס דעסערט (צוביים־געריכט) און זאָגאר מיט א גוטע און געשמאקע משקה פון קאָקאָס־ניס. עס איז געווען א מאָהלצייט, וואָס זאָגאר דיא רייכסטע לייט קענען זיך ניט צו יעדער צייט פערשאפען.

— וואָס וואָלט געווען, ווען מיר זאָלען דאָ, אויף דיעזען אינזעל נעכטיגען?

— האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען.

— און פארוואָס ניט פערבלייבען דאָ אויף אימער? — האָט לענד גע־פרעגט.

מיינע קאמעראדען, איבערהויפט לענד, איז נאך דער גוטער אריסטאקראַ־טישער סעודה אויך ניט קליגער געוואָרען און נאָך זיין שכל איז אויסגעקומען, אז ער וועט דיא זאך קענען דורכפיהרען און אז ער וועט אויף'ן איינזאמען אינזעל בעסער און בעקוועמער לעבען וויא אויף דער "נאָטילוס".

אָבער אין יענעם מאָמענט איז א שטיין געפאלען ביי אונזערע פיס און דער געשפרעך איז אין מיטען אָבגעהאקט געוואָרען.

22טעם קאפיטעל

קאַפּיטאַן נעמאָ'ס בליץ

מיר האָבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען אויסצוגעפינען פון וואנען דער שטיין איז געקומען צו פליהען, אָבער מיר האָבען קיינעם ניט געזעהן. מיר זיינען שטארק איבערראשט געוואָרען.

— שטיינער פאלען ניט פון הימעל — האָט קאָנסייל געזאָגט — אימי־צער האָט דאָך דעם שטיין געוואָרפען און מיר זעהען דאָ קיינעם ניט.

באלד איז א צווייטער שטיין געפאלען, וויא עס האָט אויסגעזעהן אבזיכט־ליך געציעלט אויף אונז. דער שטיין איז געפאלען נעבען קאָנסייל, אָבער געטראָ־פען האָט ער איהם ניט. מיר האָבען אלע צוגעגרייט אונזערע ביקסען און מיר זיינען געשטאנען פערטיג צו פערטהיידיגען זיך פון אירגענד וועלכע אטאקע.

— פיליייכט זיינען דאָס אפען (מאָנקים)? — האָט זיך לענד אָבגערופען.

— כמעט געטראָפען! — האָט קאָנסייל געענטפערט — דאָרט שטעהען ווילדע מענשען אין וואלד.

— צום שיפעל! — האָב איך א קאָמאנדעווע געטהאָן לויפענדיג שנעל צום ים. מיינע קאָמעראדען האָבען מיר נאָכגעפאָלגט.

און מיר האָבען ווירקליך געטהאָן א גלייכע זאך. דען איידער אויפנעהמען א קאמפף ניט וויסענדיג וויא גרויס דיא מאכט פון שונא איז, איז גלייכער צו אנטלויפען פון איהם. און מיר האָבען טאקי באלד איינגעזעהן, אז מיר מוזען זיך וואָס שנעלער רעטען, ווייל א צוואנציג ווילדע, בעוואפענטע מיט שטיינער־שליידערער און בויגען זיינען ארויס פון א זייט פון וואלד, אומגעפעהר הונדערט טריט ווייט פון אונז.

דיא שווארצע מענשען פרעסער האָבען זיך געצויגען נעהענטער צו אונז. מיר זיינען געוועזן ביי א זעכציג פוס ווייט פון אונזער שיפעל און מיר האָבען אנגעהויבען געבען שנעלע טריט, אום גיכער צו קומען צום ברעג. וועהרענד מיר זיינען געלאָפען זיינען שטיינער געפאלען הינטער אונז, אָבער קיינער האָט אונז געטראָפען. לענד האָט אין דיא מאָמענטען פון געפאהר אויך געזשאלעוועט איבער־לאָזען דיא פלייש פּראָדוקטען וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעטראָגען. ער האָט זיך

אין דרייען נעבויגען אונטער זיין משא און איז געלאָפען גלייך מיט אונז. אין א פּאָר מינוטען זיינען מיר שוין געווען אויף אונזער שיפעל און מיר זיינען אָבגעפאָהרען.

מיר זיינען בלויז געווען א קורצע שטרעקע פון ברעג, ווען מיר האָבען דערהערט ווילדע, משונה'דיגע קולות. איך האָב זיך ארומגעקוקט און דערזעהן וויא א מחנה ווילדע ביי א הונדערט אין צאָהל לויפען אריין אין וואסער נאָך אונז. זיי זיינען געשטאַנען ביז'ן גארטעל אין וואסער און אזוי געליארעמט, אז מיר האָבען אויפגעשווידערט הערענדיג זייערע קולות און קוקענדיג אויף זייער געשטאַלט. איך האָב געקוקט אויף דער "נאָטילוס", פּיליימט שטעהט דאָרט אימיצער אויף'ן דעק, אָבער מען האָט דאָרט קיינעם ניט געזעהן. דיא גרויסע שיף האָט אויסגעזעהן וויסט און פערלאָזען אזוי וויא א וויסטער, פערלאָזענער אינזעל אויף'ן ים.

אין צוואנציג מינוטען ארום זיינען מיר געקומען צו דער "נאָטילוס". דער ארייננאַנג צום שיף איז געווען אָפען. מיר האָבען אונזער שיפעל צוגעבונדען און מיר זיינען אריין אין שיף.

איך האָב באַלד דערהערט זיסע מוזיק טענער. איך בין אריין אין זאאל און דאָרט האָב איך געטראָפען קאפּיטאַן נעמאָ שפּיעלענדיג אויף זיין פּיאַנאָ. ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין שפּיעלען, אז ער האָט מיך ניט בעמערקט.

— קאפּיטאַן! — האָב איך אויסגעשריען.

אָבער ער האָט מיך ניט געהערט און ער האָט זיך ניט ארומגעקוקט.

— קאפּיטאַן! — האָב איך נאָך אמאָל געזאָגט בעריהרענדיג זיין האנד.

— אָה, דאָס זיינט איהר, פּראָפעסאָר? — האָט ער זיך אָבגערופען — וויא איז אייך עפּעס געגאַנגען אייער יאגד? האָט איהר פיעל קרייטער און פרוכט געזאמעלט?

— יא, קאפּיטאַן! — אָבער מיר זיינען דאָרט צום אונגליק בעגריסט געוואָרען פון צוויי־פיסיגע ווילדע ברואים.

— וועלכע צוויי־פיסיגע ברואים מיינט איהר? האָט ער געפרעגט.

— ווילדע מענשען! — האָב איך געענטפערט.

— ווילדע! — האָט דער קאפּיטאַן אביסעל שפּאָטיש אויסגערופען — איז דען ביי אייך, הערר פּראָפעסאָר, א וואונדער, וואָס בעטרעטענדיג טרוקענע לאַנד האָט איהר ווילדע אָנגעטראָפען? וואו וועט איהר דען קיין ווילדע ניט אָנטרעפען? זיינען דען דיא שווארצע וואָס איהר האָט ערשט געזעהן ווילדער פון דיא ווייסע מענשען פון אייערע ציוויליזירטע לענדער?

— אָבער, קאפּיטאַן!...

— יא, אָט דאָס וואָס איהר הערט! — האָט נעמאָ מיך איבערגעשלאָגען

— נאָך מיין מיינונג זיינען אלע מענשען פון דער ערד ניט בעססער איינער פון דעם אנדערען.

— ווענען אלע מענשען פון דער וועלט, — האָב איך זיך אָבגערופען — וועלען מיר אן אנדערש מאָל רעדען. אָבער דיעזע ווילדע פון אינזעל קענען דאָך בעפאלען אונזער שיף, אויב איהר וועט ניט זעהן א מיטעל זיך צו שיטצען!

— וויפיעל, דענקט איהר, זיינען זיי דאָרט געוועזען?

— ביי א הונדערט שטיק!

— הערר אראָנאקס! — האָט דער קאפּיטאן זיך אָבגערופען — איהר מעגט רוהיג זיין. ווען אפילו אלע ווילדע פון דיא פּאפּואן אינזלען זאָלען זיך צוזאַמענקומען, דארפען מיר אויך ניט מורא האָבען פאר אן אנגריף.

נעמאָ האָט ווידער אָנגעפאנגען צו שפּיעלען א שעהנע און זיסע מעלאָדיע. ער האָט זיך שטארק פערטיעפט אין דיא הערליכע מוזיק, פון וועלכעס איך האָב איהם מעהר ניט געוואָלט שטערען און איך בין ארויסגעגאנגען אין דער הויך אויף'ן פּלאטפאָרם. עס איז באַלד פינסטער געוואָרען. אין יענע געגענד גיבט עס כמעט קיין פארנאכט און פון זונן־אונטערגאנג ביז שטערען־אויפגאנג דויערט בלויז א קליינע ווייל. דער ברעג פון אינזעל איז שנעל פערשוואונדען געוואָרען אין דיא פינסטערניס פון דער נאכט. דערפאר אָבער האָבען זיך דאָרט באַלד בעוויזען פיעלע פייערען. דאָס איז געווען א צייכען, אז דיא ווילדע פערבלייבען ביים ברעג און זיי דענקען ניט צוריק צו ציהען זיך אזוי שנעל.

איך בין אייניגע שטונדען פערבליבען אויף'ן דעק. דיא לבנה איז אויפגעגאנגען און בעלויכטען מיט איהרע זילבערנע שטראהלען דיא שטילע וואסער[illegible] פון ים און דיא בוימער ביים ברעג, וועלכער איז געווען בעזעצט פון דיא וויל[illegible] פּאפּואנער. דעם קאפּיטאן'ס פערזיכערונגען, אז עס וועט אונז קיין בייזעס [illegible] שעהן, האָט מיך בערוהיגט און איך האָב זיך ניט געשראָקען. ארום האלבע נא[illegible] בין איך ארונטער אין מיין קאיוטע און איך בין געשמאק איינגעשלאָפען.

דיא נאכט איז פאָריבער אָהן אירגענד וועלכע שטערונג. דער אר[illegible] צו דיא טרעפּ פון אונזער שיף איז פערבליבען אָפען א גאנצע נאכט [illegible]ון דיא [illegible] וואָלטען לייכט געקענט אריינקומען אינוויינינג, אָבער זיי האָבען [illegible] ניט [illegible] וואהרשיינליך האָבען זיי מורא געהאַט קומען [illegible]העענט צו דעם גרוי[illegible] געגנשטאנד, וואָס זיי האָבען פיליכט אָנגענומען פאר א מין ב[illegible] [illegible]כע קען זיי אלע איינשלינגען.

אום זעקס אוהר אין דער פריה, דעם אכטען יאנואר, בין איך א[illegible] [illegible] דעק. עס האָט נור וואָס אָנגעפאנגען צו טאָגען און דער מ[illegible] [illegible] לעבוויז פעריאָגט געוואָרען פון דיא ליכטיגקייט פון טאָג וואָס איז אָנגעקומען. ווען דיא זונן האָט זיך אויפגעהויבען אביסעל העכער און עס איז גוט ליכטיג געוואָרען האָב איך דייטליך געזעהן, אז דיא ווילדע געפינען זיך ביים ברעג,

אָבער אין א פיעל גרעסערען צאָהל וויא פריהער. איך האָב משער געווען, אז זיי געפינען זיך דאָרט פון פינף ביז זעקס הונדערט פערזאָן. דאָס וואסער פון ים איז דאמאָלס אָבגעפאלען. מאנכע פון זיי האָבען זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און זיי זיינען געשפּרונגען פון איין פעלז אויף'ן אנדערען, ביז זיי זיינען געקומען גאנץ נאָהענט צו אונזער שיף. איך האָב זיי גאנץ גענוי געקענט בעטראכטען. זיי זיינען געווען גרויס און פעסט געבויט, מיט ברייטע געזיכטער, דיקע נעזער און גלענצענדע ווייסע צייהן. דיא הויט פון זייערע קערפּערס איז געווען עכט שווארץ און אין דיא דורכגעשטאָכענע אויערען האָבען זיי געטראָגען שטיקער ביין אָדער האָלץ. זייערע האָאר איז געווען אזוי וויא וואָל פון שווארצע שעפּסען. דיא מעהרסטע פון זיי זיינען געווען גאנץ נאקעט, בלויז איינִיגע, וועלכע איך האָב דערקענט אלס פרויען האָבען געטראָגען אזעלכע בעקליידונג אָדער גארטעל געמאכט פון דינע צווייגען און בעהאנגען מיט פערשיעדענע בלעטער און פלאנצונגען. איך האָב צווישען זיי אויך בעמערקט אייניגע טשיפס אָדער אָנפיהרער, וועלכע זיינען אויך ניט געווען אין גאנצען נאקעט און האָבען געטראָגען האלדז־בענדער פון רויטע און ווייסע פּאטשערקעס. כמעט אלע זיינען זיי געווען בעוואפּענט מיט בויגענס, פיילען און פאנצערס. אויף דיא אקסלען האָבען זיי געטראָגען אזעלכע געפלאָכטענע טאָרבעס אָדער ראנצעס, פול מיט רונדע שטיינער. דאָס זיינען זייערע שיס־קוילען, וועלכע זיי ווארפען זעהר געשיקט.

איינער פון דיא אָנפיהרער איז צוגעקומען גאנץ נאָהענט און אויפמערקזאם בעטראכט אונזער שיף. ער איז וואהרשיינליך געווען א הויפּטלינג פון הויכען ראנג, וואָס מען רופט ביי זיי „מאדאָ", דען ער האָט געטראָגען א מין בגד אזוי וויא א פעלערינע, געמאכט פון באנאנא־בלעטער און פערציערט מיט פראנזען פון פערשיעדענע פארבען. מיר וואָלט זעהר לייכט געווען דיעזען הויפּטלינג צו דערשיסען, אָבער איך האָב בערעכענט, אז עס איז גלייכער פאר אונז ניט אָנצופאנגען דיא קריעג. מיר ציוויליזירטע אייראָפּעער דארפען קיינמאָל דיא ווילדע צוערשט ניט אָנגרייפען.

וועהרענד דיא גאנצע צייט וואָס דער מעער איז געווען אָבגעפאלען האָבען דיא ווילדע פאפּואנער זיך ארומגעטריבען אויף דיא פעלזען, ניט מאכענדיג קיין גרויסען ליארם. איך האָב געזעהן וויא זיי האָבען צו מיר געוואונקען און געהערט וויא זיי האָבען צו מיר געשריען „אסאי!" וואָס דיעזער וואָרט מיינט אויף זייער לשון ווייס איך ניט, אָבער נאָך זייערע מינעס און בעוועגונגען האָב איך פערשטאנען, אז זיי רופען מיך, איך זאָל צו זיי אויף'ן ברעג קומען. איך האָב געוועהנליך דיעזע איינלאדונג ניט געוואָלט אָננעהמען.

יענעם טאָג זיינען מיר שוין פערבליבען אויף דער „נאָטילוס", וויל ארויספאָהרען אויף'ן אינזעל האָבען מיר מעהר ניט געוואגט. אונזער פלייש־פּרעסער

לענד האָט דיא זאך שטארק פערדראָסען, אָבער וואָס האָט ער געקענט העלפען? געהן איינשטעלען דעם לעבען צוליעב א פליישיגען מאָהלצייט, דאָס האָט ער שוין אויך ניט חשק געהאט.

איבריגענס האָבען מיר מיטגעבראכט אביסעל פלייש פּראָדוקטען פון אינזעל און נעד לענד איז דערוויל ניט אזוי זשעדנע געוועזן אויף א קאָטלעט. דער געשיקטער קענעדע'ר איז געוועזן בעשעפטיגט מיט צוריכטען דיא פלייש און פרוכט־מעהל, אז עס זאָל קענען ליגען א לענגערע צייט און ניט פערדאָרבען ווערען, און ווע:רענד ער האָט דאָס געטהאָן האָט ער דיא ווילדע געשאָלטען מיט טויטע קללות.

אומגעפעהר אום עלף אוהר פאָרמיטאָג איז דאָס וואסער פון מעער אויפגעשטיגען. דיא ווילדע האָבען געמוזט פערלאָזען דיא פעלזען און זיך צוריקציהען צום ברעג. איך האָב פון וויטענס געזעהן, אז דאָרט ווערט דער צאָהל פון דיא ווילדע אלץ גרעסער און גרעסער, וואהרשיינליך קומען זיי פון פערשיעדענע ארומיגע אינזלען. קיין שיפלאך, אין וועלכע זיי זאָלען האָבען געקומען, האָב איך ניט בעמערקט.

אום דיא צייט צו פערטרייבען האָט זיך מיר פערוואָלט פאנגען מושעלען. איבערהויפט איז מיר יעדע מינוט צו גרויס געוועזן און איך האָב זיך געפיהלט זעהר לאנגווייליג. לויט קאפּיטאן נעמאָ'ס פערשפּרעכען איז דאָס געוועזן דער לעצטער טאָג וואָס מיר האָבען דאָרט געדאַרפט שטעהן און איך האָב שוין גיכער געוואָלט דערלעבען דיא מינוט, ווען דיא "נאָטילוס" וועט ארונטער פון פעלז און מיר וועלען קענען פאָרטזעצען אונזער רייזע. איך האָב גערופען מיין דיענער קאָנסייל און ער האָט מיר געבראכט א לייכטען קליינעם נעטץ און מיר האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט.

ביי א צוויי שטונדען כסדר האָבען מיר ארונטערגעלאָזט און אויפגעהויבען אונזער נעטץ, אין וועלכען מיר האָבען געפונען פערשיעדענע פישלאך און מושעלען. צולעצט האָב איך אין נעטץ דערזעהן א זעלטענע מושעל, וואָס איז אין מיינע אויגען פיעל ווערטה געוועזן פאר א מוזעאום. ווען איך האָב איהם ארויסגעצויגען, האָב איך פון גרויס איבערראשונג א זאָנדערבארען געשריי געטהאָן.

— וואָס איז? — האָט קאָנסייל דערשראָקען געפרעגט — האָט דער מושעל דעם הערר א ביס געטהאָן?

איך האָב איהם ערקלערט, אז דאָס איז ניט געווען קיין שמערץ־געשריי, זאָנדערן א פריידענס־געשריי, צוליעב דער טהייערער מציאה וואָס איך האָב געפונען.

וועהרענד איך האָב דעם זעלטענעם מושעל געהאלטען אין דיא הענד איז פּלוצלונג א שטיין אויף איהם געפאלען און ער איז צובראָכען געוואָרען. מיר

האָבען זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן אַ ווילדען זיצענדיג אין אַ שיפעל אייניגע מײַלען ווײַט פון אונז. איך האָב באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען דעם ווילדען'ס אַרבייט צו פערניכטען מײַן אוצר. קאָנסײַל האָט באַלד געכאַפּט זײַן ביקס און אויסגעשאָסען. איך וואָלט עס איהם ניט געלאָזט, אָבער ער האָט דאָס אָבגעטהאָן אַזוי געשיקט, אַז איך האָב קיין צייט געהאַט אָבצוהאַלטען איהם. די קויל האָט צובראָכען אַ מין בראַסלעט וואָס דער ווילדער האָט געטראָגען אויפ'ן האַנד.

— קאָנסײַל, קאָנסײַל! — האָב איך אויסגעשריען — אַ מושעל איז ניט ווערטה דאָס לעבען פון אַ מענשען. ניט כדאי זאָגאַר אַ ווילדען צו שיסען צוליעב אַזאַ קלייניגקייט.

— וואָס דען וויל דער הערר? — האָט קאָנסײַל העכסט אויפגערעגט געפרעגט — אַז דער ווילדער הונד זאָל אונז צוערשט ערמאָרדען? זעהט איהר ניט, אַז זײַן אַבזיכט איז געווען אונז צו טויטען?

איך האָב מיט מײַן דיענער ניט אײַנגעשטימט. נאָך מײַן מיינונג האָט ער אַן עולה געטהאָן, וואָס ער האָט זײַן ביקס בענוצט. אָבער באַלד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך, דער מילדער און דער גוטהערציגער, וועל אויך מוזען נאָכפאָלגען קאָנסײַל'ס בײַשפּיעל און שיסען. דען איך האָב פּלוצלונג דערזעהן בײַ אַ צוואַנציג לאַנגע, שמאָלע שיפלאַך, וועלכע די ווילדע האַקען געוועהנ־ליך אויס פון דיקע בוימער. זיי זײַנען געווען בעזעצט מיט ווילדע פּאַפּואַנער, וואָס האָבען זעהר געשיקט גערודערט אין דער ריכטונג פון אונזער שיף.

ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען די ווילדע אָנפאַנגס מורא געהאַט פאַר אונזער גרויסען אײַזערנעם צילינדער, אָבער אַז זיי האָבען געזעהן, אַז ער שטעהט אימער אויף איין אָרט און ער בעוועגט זיך ניט, האָבען זיי בעקומען מוטה און האָבען אָנגעפאַנגען נעהענטער צו צוקומען. און ווי אַזוי פערטרײַבט מען אַזאַ מחנה? — האָב איך בײַ זיך געטראַכט — אונזערע ביקסען זײַנען גערוישלאָזע, זיי שיסען שטיל, אַז מען הערט גאָר ניט ווי די קוילען לויפען אַרום און די ווילדע וועלען זיך דערפאַר געוויס ניט אָבשרעקען. דער ווילדער האָט מעהר מורא פאַר אַ גערויש, פאַר אַ קראַך ווי פאַר אַ שטילע זאַך וואָס טויטעט איהם. אַ ציוויליזירטער מענש דערשרעקט זיך אויך מעהר פאַר'ן דונער ווי פאַר'ן בליץ, אָבוואָהל טויטען טויטעט דער בליץ, ניט דער דונער.

די שיפלאַך מיט די ווילדע זײַנען געקומען אַלץ נעהענטער צו אונז און זיי האָבען אויף דער "נאָטילוס" געשאָטען מיט אַ האָגעל פון שטיינער און פײַלען.

— צום טייפעל! — האָט קאָנסײַל אויסגעשריען — דאָס איז שוין קיין שפּאַס ניט. מעגליך, אַז די פײַלען זײַנען פערגיפטעט.

— איך מוז עס דעם קאַפּיטאַן מעלדען! האָב איך געזאָגט און בין אַרונ־

טערגעגאנגען. איך האָב איהם אין זאאל ניט געפונען און ניט וועלענדיג פערלי־רען צייט, האָב איך אָנגעקלאפּט אין זיין צימער.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געוואגט אזעלכעס צו טהאָן. איך בין געווען זיכער אז ער וועט דערפאר קיין פערדרוס האָבען, ווייל וויא מיר האָט אויסגעזעהן, שטעהען מיר אין געפאהר.

— אריין! — האָב איך דערהערט נעמאָ'ס שטימע. איך האָב געעפענט דיא טהיר און איך האָב איהם געפונען זיצענדיג רוהיג ביי מאכען רעכענונגען.

— שטער איך אייך פיליכט? — האָב איך איהם געפרעגט אויס העפ־ליכקייט.

— ווירקליך יא, הערר אראָנאקס! — האָט ער געענטפערט — אָבער איהר האָט דאָך געוויס א נויטיגע אורזאכע מיך פלוצלונג צו בעזוכען.

— א זעהר וויכטיגע! — דיא ווילדע שווימען דאָ ארום אין זייערע שיפלאך און מען דארף יעדע מינוט ערווארטען, אז זיי וועלען אונז בעפאלען! — האָב איך האסטיג געענטפערט.

— אזוי? זיי זיינען גאָר אין שיפלאך געקומען? — האָט נעמאָ געלאסען און גלייכגילטיג געפרעגט.

— יא, הערר קאפּיטאן!

— אויב אזוי, דארף מען צושליסען דיא פלאטען איבער דיא טרעפּ.

— געוויס! דעריבער בין איך טאקי געקומען.

— אָה, דאָס איז א קלייניגקייט! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער א דריק געטהאָן אויף אן עלעקטרישען קנאָפּ. דאָס איז געווען א סיגנאל צו דיא מאנשאפט, אז זיי זאָלען דיעזען בעפעהל ערפילען.

— דיא פלאטען זיינען שוין געשלאָסען, מיין הערר! — האָט דער קאפּי־טאן א ווייל שפּעטער געזאָגט — אונזער שיף איז שוין ערשט זיכער. זאָרגט ניט, הערר פּראָפעסאָר. איהר ווייסט דאָך, אז דיא ווענד פון דער "נאָטילוס" האָבען אויסגעהאלטען דיא קוילען פון אייער "אייברעהעם לינקאָלן", וועלען זיי דיא אונבעדייטענדע פיילען פון דיעזע לייטע געוויס איבערטראָגען.

— אָבער, הערר קאפּיטאן! — האָב איך זיך אָבגערופען — מאָרגען וועט מען דאָך דיא טהיר מוזען עפענען אום פרישע לופט אריינצושעפּען, האָב איך מורא, אז דיא פראים קענען זיך נאָך אין שיף אריינכאפּען. דענקט איהר ניט אזוי, הערר קאפּיטאן?

— פון מיינעטוועגען, זאָלען זיי אריינקומען! — האָט נעמאָ געענטפערט — אין אמת זאָגענדיג, זיינען דאָך דיעזע מענשען אָרימע בעשעפּעניסען, וועלכע מען דארף מעהר בעדויערען אלס פערהאסען. יעדענפאלס וויל איך ניט אז עס זאָל קומען דערצו, אז אפילו איינער פון זיי זאָל דארפען זיין לעבען פערלירען

אויסהערענדיג נעמאָ'ס אנטוואָרט האָב איך שוין געוואָלט ארויסגעהן, אָבער ער האָט מיך אָבגעהאַלטען און געבעטען אז איך זאָל זיך נעבען איהם זעצען. ער האָט מיך געפרעגט וועגען אונזער בעזוך אויף'ן אינזעל און אונזער געיעג. איך האָב איהם אַלעס דערצעהלט און ער האָט ניט געקענט בעגרייפען וואָרום לענד בענקט אזוי נאָך פלייש, ווערענד ער קען דאָ אויף דער שיף בעקומען בע־סערע געריכטען. דער קאַפּיטאַן איז דיעזען מאָל געווען פריינדליכער וויא אַלע מאָל. מיר האָבען גערעדט וועגען פערשיעדענע זאכען און איך בין העכסט צו־פריעדען געווען פון אונזער אונטערהאַלטונג.

צווישען אנדערעס זיינען מיר ענדליך ארויפגעקומען אויף א געשפּרעך וועגען דיא "נאַטילוס", וואָס זיצט נאָך פעסט אויף'ן פעלז, גראדע אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו דער בעריהמטער ים־רייזענדער דומאָנט ד'אורוויל איז שיער נעזונקען מיט זיינע שיפען.

— דיעזער ד'אורוויל — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — איז געווען איינער פון דיא גרעסטע זעע־מענער, וואָס דיא וועלט האָט ווען געהאַט. דער אָרימער געלעהרטער! דורך דיא אייז־בערג פון זיד־פּאָל איז ער גליקליך דורכגעפּאָהרען, פיעלע אנדערע געפאהרען אין פערשיעדענע ימים איז ער איבערגעקומען, און צום סוף האָט איהם גאָר בעגעגענט דער טויט אויף דער יבשה, פון א באהן־אונגליק! אך, ווען דיעזער גרויסער מאַן וואָלט אין דיא לעצטע מאָמענטען פון זיין לעבען געקענט ארויסזאָגען, וואָס ער דענקט, וואָס ער טראַכט!

נעמאָ האָט דיעזע ווערטער גערעדט מיט א ריהרענדע שטימע, בעטראַכ־טענדיג אויף דער קאַרטע דיא ערטער וואָס ד'אורוויל האָט ענטדעקט אין וויטע וויסטע וואסערען. אויף יעדען פּלאַץ, אויף יעדען אינזעל וואָס דיעזער פראַנצוי־זישער רייזענדער און פאָרשער האָט ענטדעקט, האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעצייגט מיט'ן פינגער מיט א מינע פון בעדויערונג.

— דאָס זעלבע וואָס אייער לאַנדסמאַן ד'אורוויל האָט אויפגעטהאָן פון אויבען אויף'ן ים, האָב איך אויפגעטהאָן אין דיא טיעפענים פון ים — האָט נעמאָ געזאָגט — און איך האָב עס בעוויזען פיעל לייכטער, זיכערער און פּאָלשטענ־דיגער, וויל מיין "נאַטילוס" קען קיינע סבות ניט טרעפען.

— דאָך שטעקט ערשט אייער "נאַטילוס" אויף א פעלז גראדע אזוי וויא ד'אורוויל'ס שיפען! — האָב איך זיך אָבגערופען.

אין אַן אנדער צייט וואָלט איך פיללייכט ניט געוואגט צו געבען דעם קאַ־פּיטאַן אזא שטאָך־וואָרט, אָבער דאמאָלס איז ער, וויא געזאָגט, געווען צו מיר זעהר פריינדליך און איך האָב געהאָפט, אז ער וועט זיך ניט געפינען בעליידיגט. און ער איז ווירקליך ניט אין כעס געוואָרען און ער האָט מיר מיט א פריינדליכען טאָן געענטפערט:

— האָט קיין מורא, מיין הערר. אונזער שיף געפינט זיך ניט אין קיין

געפאהר. מאָרגען, אום צוואנציג מינוט צו דריי נאָכמיטאָג וועט דיא וואסער־שטייגונג אויפהויבען דיא "נאָטילוס" און מיר וועלען אונזער רייזע פאָרט־זעצען.

נאָך דיעזע ווערטער האָט זיך נעמאָ אויפגעהויבען און זיך לייכט פערנייגט, אלס צייכען אז אונזער געשפרעך איז געענדיגט. איך בין ארויסגעגאנגען און בין אריין אין מיין צימער. דאָרט האָב איך געטראָפען מיין דיענער קאָנסייל, וועלכער האָט געוואָרט אויף מיין קומען, אום צו וויסען וואָס דער קאפיטאן האָט געזאָגט וועגען דיא ווילדע.

איך האָב איהם דערצעהלט, אז נעמאָ קימערט זיך ניט וועגען דעם און לאכט זיך אויס פון זייער איבערפאל אויף אונזער שיף, ווייל ער איז זיכער אז עס קען צו קיין געפאהר ניט קומען. איך האָב מיין דיענער געהייסען ער זאָל האָבען צוטרויען צום קאפיטאן און געהן רוהיג שלאָפען.

— דארף מיך דאָ דער הערר ניט? — האָט קאָנסייל מיט א טאָן פון איבערגעבענהייט געפרעגט.

— ניין, מיין פריינד! — האָב איך געענטפערט — אָבער זאָג מיר וואָס טהוט אונזער פריינד לענד?

— לענד — האָט קאָנסייל געענטפערט מיט א שמייכעל — איהם ליגט נור איין זאך אין זינען: דיא אכילה. ער מאכט דאָרט א קאנגארו פלאָדען, וועל־כער, וויא ער זאָגט, וועט זיין אן אויסנאהם. איהם אַרט קיין זאך ניט. אפילו א מינוט פאר׳ן טויט וואָלט ער אויך געדענקט וועגען א גוטען מאָהלצייט.

קאָנסייל איז ארויסגעגאנגען און איך בין אליין פערבליבען און בין באלד געגאנגען צו בעט. איך האָב יענע נאכט זעהר שלעכט געשלאָפען. דיא ווילדע זיינען ענדליך ארויף אויף׳ן שיף און דיא גאנצע נאכט געליארעמט, געקלאפט און געטראמפעלט מיט דיא פיס, אז עס איז ניט מעגליך געוועזען אן אויג צוצו־מאכען. אין שיף האָט געהערשט א נאכטיגע רוה. דיא מאנשאפט האָבען זיך וועגען דעם ניט געקימערט.

אום זעקס אוהר פריה בין איך אויפגעשטאנען. דיא פלאטען זיינען נאָך אלץ געוועזען פערשלאָסען און עס איז דארום קיין פרישע לופט ניט אריינגעקומען. מען האָט זיך דערווייל בענוצט מיט דיא געפרעסטע לופט וואָס איז געוועזען גרייט אין דיא רעזערוואַרען, אום דיא אטמאָספערע מיט דעם נויטיגען זויער־שטאָף צו ערפרישען.

ביז נאָכמיטאָג בין איך געוועזען בעשעפטיגט אין מיין צימער. דעם קאפיטאן האָב איך דיא גאנצע צייט ניט געזעהן און איך האָב ניט בעמערקט מען זאָל מא־כען אירגענד וועלכע פאָרבערייטונגען צו א ווייטערע רייזע, אָבוואָהל דיא צייט וועלכע נעמאָ האָט נעכטען בעשטימט איז שוין באלד געקומען.

איך האָב געוואַרט נאָך אביסעל און איך בין אריין אין זאאל. דער זייגער

איז דאמאלס געווען האלב נאך צוויי, און אויב נעמא'ס פערזיכערונג וועט ניט גע־שעהן, וועט דיא שיף נאך בלייבען שטעהן אויף איהר פלאץ וואכען לאנג.

אבער איך האב באלד דערשפירט וויא דיא "נאטילוס" בעוועגט זיך אבי־סעל און איהר אונטערשטער דעק שארט זיך אן דעם קאראלען בארג. מיט פינף מינוט שפעטער איז דער קאפיטאן אריינגעקומען.

— מיר וועלען באלד פון דאנען אבפאהרען — האט ער געזאגט — איך האב שוין געהייסען עפענען דיא פלאטען, אום פרישע לופט אנצושעפען און מיר וועלען אונזער רייזע פארטזעצען.

— איהר האט געהייסען עפענען דיא טהיר פון אויבען? — האב איך אי־בערראשט און דערשראקען געפרעגט — און דיא ווילדע? זיי בעלאגערען דאך אויבען דעם גאנצען דעק, וועלען זיי באלד ניט ארונטערקומען צו אונז?

— הערר ארא‌נאקס! — האט נעמא געלאסען געענטפערט — ניט אזוי גיך דרינגט מען אריין אין מיין שיף, אפילו ווען דער אויבערשטער אריינגאנג איז אפען.

איך בין געבליבען שטעהן קוקענדיג אויף'ן קאפיטאן מיט פערוואונדער־טע בליקען.

— איהר פערשטעהט ניט? האט ער מיך געפרעגט.

— געוויס ניט!

— דאן קומט מיט מיר, וועט איהר זעהן.

איך האב דעם קאפיטאן נאכגעפאלגט ביז דיא טרעפ וואס פיהרען צום דעק. לענד און קאנסייל זיינען דארט געשטאנען און אנגעקוקט מיט שרעק וויא דיא אייזערנע פלאטען ווערען פערנאנדער גערוקט, וועהרענד אויבען אויף'ן דעק שרייען דיא ווילדע מיט פירכטליכע, אומגעלומפערטע קולות.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האבען זיך איבער דיא טרעפ בעוויזען ביי א צוואנציג שרעקליכע געשטאלטען, שטופענדיג זיך אריינצוקומען אין שיף. אבער דער ערשטער פון זיי, וויא נור ער האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף'ן גאלענ־דער (פארענטשע) פון טרעפ, איז ער צוריק געשליידערט געווארען אזוי וויא פון א פירכטליכען בליץ־שטראהל. ער איז אויפגעשפרונגען און איז אנטלאפען ברומענדיג ווילד מיט א מורא'דיגען קול.

צעהן פון זיינע קאמעראדען האבען אויך פרובירט אריינקריכען אין שיף און זיי האבען דעם זעלבען פסק געהאט.

קאנסייל איז געשטאנען און צוגעקוקט דיא סצענע; דער היציגער לענד אבער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און ער האט זיך א לאז געטהאן אויף דיא טרעפ, וואהרשיינליך צו אטאקירען דיא ווילדע, אבער וויא נור ער האט זיך אנגעכאפט מיט דיא הענד אן גאלענדער, איז ער צוריק געשליידערט גע־ווארען מיט א שרעקליכען האסט און איז געבליבען ליגען אויף'ן באדען.

— א דונער האט מיך איינגעשלאגען! — האט ער אויסגעשריען און דערביי־עטליכע קללות צוגעלעגט.

דאן האב איך פערשטאנען דעם קונץ פון דער אונזיכטבארער קראפט וואס שליידערט דיא מענשען צוריק. דורך'ן פארענטשע האט זיך געצויגען אן עלעקטרישער דראט פון אונטען ביז ארויף און דאס האט פעראורזאכט דעם שטארקען שטוים וואס דיא לייטע האבען געקראגען, ווען זיי האבען זיך אן פארענטשע צוגעריהרט. ווען דארט זאל זיין מעהר עלעקטריציטעט, וואלט מען דערביי געקענט גע'הרג'עט ווערען, אבער קאפיטאן נעמא האט ניט געוואלט אומברייינגען מענשען און ער האט דארום געלאזט א שוואכען שטראם עלעקטרי־ציטעט, בלויז אויף צוריק צו טרייבען דיא ווילדע, אבער עס זאל זיי ניט שאדען.

אונטערדעסען זיינען זיך דיא ווילדע אין גרוים שרעק צולאפען. לענד איז געלעגען און האט געפלוכט און געשימפפט אזוי וויא א משוגענער. מיר האבען איהם האלב לאכענדיג געטרייסט און געריבען זיינע צוקלאפטע גליעדער.

אין דיעזען מאמענט האט זיך דיא "נאטילוס" אויפגעהויבען און פער־לאזען איהר קאראלען־לאגער. עס איז געוועזען פונקט צוואנציג מינוט צו דריי דעם זייגער אזוי וויא קאפיטאן נעמא האט פערשפראכען. דיא שיף איז אוועק רעגעלמעסיג איהר וועג און עס האט לאנג ניט געדויערט ביז מיר זיינען ארוים־געפאהרען פון דיא געפעהרליכע טארעס סטרייטס.

23טעם קאפיטעל

אין א ים פון פייער

דעם נעכסטען טאג, דאס איז געוועזען דער צעהנטער יאנואר, איז דיא "נאטילוס" געשוואומען אונגעהייער שנעל, ניט ווייניגער וויא 35 מייל א שטונ־דע. איך האב ניט געקענט פערגעסען דיא נעכטיגע סצענע, וויא דיא ווילדע זיינען געשליידערט געווארען פון דעם עלעקטרישען שטראם, און בערעכענענדיג, אז דיא עלעקטרישע קראפט גיט דער שיף בעוועגונגען, ווארימקייט, ליכט און זיכערע בעשיצונג געגען אנגרייפער, האב איך שטארק בעוואונדערט דעם גרוי־סען מייסטער, וואס האט אזא זעלטענע געביידע אויסגעבויט.

דעם דרייצעהנטען יאנואר זיינען מיר אנגעקומען אין דעם ים פון טימאר, פערביי דעם גרויסען אינזעל, וועלכער טראגט אויך דעם זעלבען נאמען.

דיעזער אינזעל האט ביי א האלב מיליאן איינוואהנער און ווערט בעהערשט פון אינדישע פירסטען, וועלכע ווערען גערופען "ראדזשאס". דער טיטול פון אזא מין רעגיערער איז: "דער זוהן פון קראקאדיל". דאס איז ביי זיי דער העכסטער יחוס, צו וועלכען אנדערע קענען זיך ניט דערשלאגען. דיא איינ־וואהנער פון דיעזען אינזעל פערגעטערען דעם שרעקליכען קראקאדיל און זיי

דיענען צו איהם. דער טיטול "דער זוהן פון קראָקאָדיל" איז ביי זיי אלץ איינס וויא "דער זוהן פון גאָט". אין יענע וואסערען געפינען זיך דארום פיעל קראָקאָדילען, וועלכע ווערען געשפייזט מיט דיא בעסטע שפייזען פון דיא וואָס דיענען צו זיי. מען איז צו זיי מקריב קרבנות און ניט זעלטען גיט מען דיא דאָזיגע רויב־טהיערע פערזוכען דעם טעם פון מענשען־פלייש. ווען עס טרעפט אמאָל, אז א רייזענדער שיסט אויף א קראָקאָדיל־אָבגאָט, מעג זיך שוין דער שיסער געזעגענען מיט'ן לעבען.

מיר זיינען דעם אינזעל שנעל דורכגעפאָהרען און מיר האָבען זאָגאר קיין איינציגען קראָקאָדיל ניט געזעהן.

פון דיעזען פונקט איז דיא "נאָטילוס" געשוואומען אין דיא ריכטונג פון אינדישען אָקעאן. וואוהין פיהרט אונז דער קאפיטאן נעמאָ? דאָס האָב איך ניט געקענט וויסען. עס האָט זיך מיר ניט געלאָזט גלויבען, אז ער פיהרט אונז צו דיא ברעגען פון אזיען אָדער נאָך אירגענד וועלכען האפען אין אייראָפּא, ווייל איך האָב דאָך געוואוסט, אז ער זוכט אימער אויסצומיידען דיא גרויסע פיעל בעוואָהנטע ערד־טהיילען. פיליכט וועט ער פאָהרען ארום אפריקא און בעזוכען דעם אייז־מעער אין דרום זייט פון דער וועלט, אָדער ער וועט זיך אומקעהרען צוריק אין דעם אונענדליכען שטילען אָקעאן, וואו דיא "נאָטילוס" קען אונגעשטערט ארומרייזען? דאָס איז געווען א פראגע וואָס מען האָט געדארפט ווארטען, אז דיא צוקונפט זאָל זיא פערענטפערען.

מיר זיינען דעם דרייצעהנטען יאנואר געפאָהרען ניט ווייט פון דיא ברעגען פון פערשיעדענע אינזלען, אויף מאָרגען אָבער האָבען מיר שוין ארום און ארום קיין ברעקעל יבשה ניט געזעהן. דיא שיף האָט אָנגעהויבען געהן לאנגזאמער, מאנכעס מאָל שווימענדיג אויבען און מאנכעס מאָל אראָבזינקענדיג טיעף אין ים.

דורך דער צייט פון דיעזער רייזע האָט דער קאפיטאן געמאכט אינטערעסאנטע אונטערזוכונגען איבער דיא טעמפּעראטור פון דיא וואסערען פון ים אין פערשיעדענע טיעפעניסען. דיא "נאָטילוס" האָט זיך ארונטערגעלאָזט אלע מאָל טיעפער און טיעפער און נעמאָ'ס טערמאָמעטער האָט בעוויזען ביי וואָס פאר א גראד דיא טעמפּעראטור האלט. מיר האָבען זיך ארונטערגעלאָזט ביז דרייסיג טויזענד פוס אונטער'ן וואסער און דער אינסטרומענט האָט בעוויזען פינקטליך און דייטליך, אז דיא ווארימקייט פון וואסער איז דאָרט פיער און א האלב גראד.

א געוועהנליכער אינסטרומענט אָדער זאָגאר אן אויסערגעוועהנליך שטארקער טעמפּעראטור־מעסטער וואָלט פאר קיין אופן ניט איבערגעטראָגען דעם דרוק פון וואסער אין אזא טיעפענים, קאפיטאן נעמאָ'ס אינסטרומענט איז אָבער געווען אזעלכער וואָס דער שטארקסטער דרוק האָט איהם ניט געקענט שאדען. ער איז געווען איינגעריכטעט אויסענווייניג ביי דער וואנד פון שיף און מען האָט

אינוויינינג דורך דיא הילף פון אן עלעקטרישען לעמפעל געזעהן אויף וויפיעל גראד ער ציינט.

איך האָב דעם קאפיטאן אימער בעגלייט ביי דיעזע בעאָבאכטונגען און ער פלעגט מיר אלעס מיט פערגעניגען ערקלערען. זעהר אָפט פלעגט מיר ארויפקומען אויף'ן זינען דיא פראגע: צו וועלכען צוועק מאכט ער אזעלכע וויסענשאפטליכע פאָרשונגען? ער קען דאָך דערמיט ניט מיינען צו בריינגען נוצען דער מענשהייט, ווייל ער האָט דאָך גאָר ניט אין זינען צו קומען ווען עס איז צווישען מענשען, און פריהער אָדער שפּעטער וועלען דאָך אלע זיינע ערפינדונגען פערלאָרען געהן מיט איהם צוזאמען אין אירגענד וועלכען ים. און אפשר — האָב איך געטראכט — מיינט ער אז זיינע ערפאהרונגען זאָלען דורך מיר בעוואוסט ווערען? אויף אזא אופן דארף איך דאָך האָפען, אז מיין וואונדערבארע רייזע אויף דער "נאָטילוס" וועט זיך מיט דער צייט ענדיגען און איך וועל צוריק קומען אויף דער בעוואָהנטער ערד. אָבער איך האָב אין דעם אויך קיין אמונה ניט געקענט האָבען, ווייל פון'ם קאפיטאן'ס ביז־יעצטיגע בענעהמונג בין איך געוועזן אזוי גוט וויא איבערצייגט, אז זיין אבזיכט איז צו האלטען אונז אימער אלס זיינע געפאנגענע, אָדער וויא ער פלעגט זיך אויסדריקען העפליך: "אלס פאסאזשירען אויף דער "נאָטילוס".

דעם 16טען יאנואר איז דיא "נאָטילוס" געלעגען בלויז אייניגע אײלען אונטער דיא אָבערפלעכע פון ים. דיא שיף איז געוועזן אזוי וויא איינגעשלאָפען. איהר עלעקטרישער שיין האָט ניט געלויכטען און דיא שרובע איז פערבליבען אונבעוועגליך. איך האָב ארויסגעקוקט דורך דיא גלעזערנע שויבען, אָבער איך האָב דייטליך ניט געקענט זעהן וואָס אין ים געהט פאָר. דיא גרויסע פיש וואָס זיינען אומגעשוואומען האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא פערביי לויפענדע שאָטענס. ווען דיא זונן שיינט איז אין דיא טיעפענים, וואָס מיר זיינען דאמאָלס געווען, גאנץ ליכטיג. אָבער דער הימעל איז געוועזן פערצויגען מיט גערידכטע וואָלקענס און קיין ליכט האָט דארום אין וואסער ניט אריינגעדרונגען. ווארום דיא בעלייכטונג איז אויסגעלאָשען געוואָרען און ווארום דיא שיף שטעהט אויף איין אָרט, האָב איך ניט געוואוסט. וואהרשיינליך איז עטוואָס אויף דער "נאָטילוס" קאליע געוואָרען. איך און מיינע קאמעראדען זיינען א היבשע צייט געזעסען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אין דיא דונקעלהייט פון ים. פּלוצלונג האָט דיא שיף אָנגעהויבען שווימען און ארום און ארום איז העל ליכטיג געוואָרען.

אנפאנגס האָבען מיר געמיינט אז דיא עלעקטרישע בעלייכטונג איז צוריק אָנגעצונדען געוואָרען, אָבער באלד איז אונז קלאָהר געוואָרען, אז מיר האָבען א טעות. דיעזע העלע ליכט איז גאָר געקומען פון אן אנדער אורזאכע.

דיא "נאָטילוס" איז דאן געפאָהרען דורך א שיכטע וואסער, וואָס איז פול מיט גאנץ קליינע חיה'לאך, וועלכע גיבען ארויס א פאָספאָר ליכט. אזעלכע

ברוא ם'לאך זיינען דאָרט געווען אָהן שיעור און אָהן ערך און זיי האָבען אילומי־נירט דעם ים אויף א ווייטע שטרעקע. דאָס וואסער ארום אונז האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א גרויסע שטיק פייער און אונזער שיף איז געשוואומען אזוי וויא דורך א ריעזיגען הייצענדען אויוון.

אָבער דיעזער פייער איז געווען א קאַלטער און פול מיט לעבען. דיא קליינינקע אונבעמערקבארע טהיילען פון דער גרויסער פייער־מאַסע האָבען זיך בעוועגט, זיינען געווען טהעטיג און פלייסיג אזוי וויא מוראשקעס אין וואלד. אָבער מיר האָבען עס געוועהנליך ניט געקענט זעהן. א מענשען'ס אויג איז ניט שארף גענוג צו זעהן אן איינציגע פון דיא דאָזיגע חיה'לאך, מען דארף דערצו האָבען א גוטען מיקראָסקאָפ, וואָס זאָל זיא פערגרעסערען אויף הונדערטע מאָל און אויך דאן קען מען זיא קוים בעמערקען.

דער אלגעמיינער נאָמען פון דיא דאָזיגע ברואים'לאך, וועלכע צעהלען זיך פינף און צוואנציג טויזענד שטיק אין א האלבען אינטש וואסער, איז "אינפוזאָריען". אָבער עס גיבען אויך דונקעלע אינפוזאָריען, וועלכע מען קען ניט בעמערקען זאָגאר, ווען זיי זיינען אין גרויסע מאסען.

אין דעם דאָזיגען קאַלטען פייער־ים האָבען זיך געבאָדען פערשיעדענע זאָרטען פיש, גרויסע און קליינע. עס האָט אויסגעזעהן, אז זיי ברענען אלע אין א גליהענדען צושמאָלצענעם מעטאל, אָבער זיי זיינען פערבליבען גאנץ און האָ־בען זיך גאנץ לוסטיג בעוועגט און געשטיעפט אזוי וויא פרייע פויגלאך אין וואלד.

אייניגע שטונדען איז אונזער שיף לאנגזאם געפאָהרען דורך אזעלכע גלענ־צענדע וועללען. מיר זיינען שטארק בעצויבערט געווען פון דער דאָזיגער הערלי־כער און פראכטפאָלער ערשיינונג. מיר האָבען צווישען דיא פיש בעמערקט דיא שעהנע דעלפינען, וועלכע האָבען נאָך פיעל שעהנער אויסגעזעהן אין'ם פאָספאָר־בעלויכטענדען וואסער, און פיעלע אנדערע זאָרטען זעלטענע ים־ברואים פון פערשיעדענע קאָלירען און פארבען, וואָס האָבען דאָרט געהאט מעהר חן וויא אין געוועהנליכע וואסערען.

אין דיא פאָלגענדע פאָר טעג האָבען מיר נאָך אייניגע מאָל געהאט דיא גע־לעגענהייט פערשיעדענע וואונדער פון ים צו בעטראכטען. דער לעבענס־ארט אויף דער "נאָטילוס" איז אונז פאָרגעקומען גראדע אזוי וויא עס דארף און עס מוז אזוי זיין. מיר זיינען שוין אזוי געווען צוגעוואָהנט דערצו, אז מיר האָבען שוין באלד פערגעסען, דאָס מיר זיינען האלב געפאנגענע, אָבהענגיג אָן אנדערע, וועלכע האָבען דיא אויבערמאכט איבער אונז. אָבער מיר האָבען זיך אָן דעם קירצליך דערמאָהנט.

דאָס איז געווען דעם 18טען יאנואר. דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען אין א ווייטע, אונבעזוכטע, געגענד פון גרויסען מעער. דער וועטער איז געווען זעהר שטורמדיג און דיא כוואליעס זיינען ארויפגעשטיגען זעהר הויך, געטריבען פון

א שטארקען מזרח ווינד. דער באראָמעטער האָט געציינט, אז דער שטורם וועט באלד נאָך פירכטליכער אויסברעכען.

איך בין ארויפגעגאנגען אויף'ן דעק און געטראָפען דעם לייטענאנט מאַכענדיג זיינע טעגליכע בעאָבאכטונגען. אָבער דיזען מאָל האָט ער דורך'ן שפּראַך־רעהר ארייגעשריען אין שיף ניט דיא זעלבע אלטעגליכע פראזע, זאָנדערן א גאנץ אנדערע, פון וועלכע איך האָב אויך א וואָרט ניט פערשטאנען. א ווײלע שפעטער איז קאפיטאן נעמאָ אויך ארויפגעקומען און מיט א שפּאַקטיוו געקוקט נאָך א געוויסע ריכטונג וואָס דער לייטענאנט האָט איהם אָנגעוויזען. אייניגע מינוטען איז ער אזוי געשטאנען און געקוקט, דאן האָט ער ארונטערגעלאָזט דעם שפאקטיוו און האָט מיט'ן לייטענאנט אייניגע ווערטער גערעדט. דער לייטענאנט איז געווען זעהר אויפגערעגט, וועהרענד דער קאפיטאן האָט זיך בענומען גאנץ קאלטבלוטיג. איך האָב ניט געוואוסט וואָס דאָס בעדייט, אָבער נאָך זייערע בעוועגונגען און מינעס האָב איך פערשטאנען, אז נעמאָ צווייפעלט אין עטוואָס און זיין העלפער פערזיכערט איהם, אז דאָס איז ריכטיג דאָרט אין יענע געגענד, וואו ער ציינט איהם אָן.

איך האָב אויך אָנגעפאנגען קוקען אין יענע ריכטונג, אָבער עס איז קיין זאך ניט געווען צו בעמערקען. קיין לאנד האָט מען דאָרט זיכער ניט געקענט זעהן. דיא ים־קארטע האָט געציינט, אז פון דעם פּלאַץ וואו מיר געפינען זיך איז אייניגע הונדערט מייל צום נאָהענטסטען ברעג, היינט וואָס קענען זיי דאָרט זעהן, און ווארום איז דער לייטענאנט אזוי אויפגערעגט און צוטומעלט?

דער קאפיטאן איז געשטאנען רוהיג, מיט דיא הענד צוזאמענגעלעגט, אָבער איך האָב פערשטאנען, אז דאָס בעהערשט ער זיך נור און וויל ניט ארויסציינען זיין צאָרן, אין אמת'ן אָבער איז ער אויך שטארק אויפגערעגט. דער לייטענאנט האָט ווידער געקוקט אין זיינע גלעזער און איז האסטיג צוגעלאָפען צום קאַפּיטאן און איהם ווידער עפּעס אָנגעציינט אין דיא ווייטקייט פון ים.

איך בין זעהר אונרוהיג געוואָרען, ווייל איך האָב ניט געקענט בעגרייפען וואָס דאָ געהט פאָר, אָבוואָהל איך האָב געהאָפט, אז דיזע געהיימניס וועט קירצליך אויפגעדעקט ווערען, ווייל דער קאפיטאן האָט געגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל דיא שיף טרייבען וואָס שנעלער נאָך יענער ריכטונג און טאקי באלד האָט דיא „נאָטילוס" אָנגעהויבען לויפען מיט אן אויסערגעוועהנליכע שנעלקייט. איך האָב געדענקט, אז עפּעס געהט דאָרט פאָר, אָבער איך קען עס מיט מיינע נאקעטע אויגען ניט זעהן, און ווען אונזער שיף וועט צוקומען נעהענטער, וועל איך אלעס וויסען.

איך האָב אָבער קיין געדולד געהאט צו ווארטען. איך בין דארום ארונטער אין זאאַל און גענומען א גוטען שפאקטיוו און בין צוריק אויף'ן פּלאטפאָרם גע־

קומען. אָבער וויא נור איך האָב דעם שפּאַקטיוו געוואָלט צוטראָגען צו מיין אויג, האָט עס אימיצער פון מיין האַנד האַסטיג ארויסגעריסען.

איך האָב זיך ארומגעקוקט העכסט איבערראַשט און האָב דערזעהן דעם קאַפּיטאַן נעבען מיר. ביים ערשטען בליק האָב איך איהם ניט דערקענט. זיין פּנים איז געווען פערקרימט פון גרויס צאָרן. זיינע אויגען האָבען איינפאַך געשפּריצט מיט פייער, זיינע נאָז־לעכער זיינען געווען אָנגעבלאָזען, זיינע הענד צוזאַמענגעדריקט אין פויסטען און זיין האַלטונג האָט אויסגעדריקט געפיהלען פון ברענענדען האַס. דער אויפגערעגטער קאַפּיטאַן האָט מיין שפּאַקטיוו ארונטערגעשלײדערט און פון האַסטיגען שטויס מיט זיינע פיס איז דער אינסטרומענט פערפלויגען ווייט.

פאַרוואָס איז דיעזער מערקווירדיגער מאַן אַזוי שטאַרק אין כעס געוואָרען, האָב איך ניט געקענט פערשטעהן. פיליכט — האָב איך געטראַכט — שטעקט דאָ א געהיימניס, וועלכע ער וויל ניט אַז איך זאָל וויסען? אָדער פיליכט שטעהט איהם פאַר א וויכטיגע ענטדעקונג צו מאַכען און ער וויל ניט אַז איך זאָל עס אויסכאַפּען? פערשטאַנען האָב איך אַפילו, אַז זיין כעס איז ניט גראַדע געגען מיר, ווייל ער האָט יעדע ווילדע געוואָרפען בייזע בליקען אַהין, וואו דער לייטענאַנט האָט איהם אָנגעציינט, אָבער וואָס זעהט ער דאָרט? — דאָס איז פאַר מיר געווען א סוד.

ענדליך איז דער קאַפּיטאַן עטוואָס רוהיגער געוואָרען. אָבער עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער בעהערשט זיינע ברויזענדע געפיהלען מיט געוואַלד. ער האָט צו זיין לייטענאַנט א פּאָר ווערטער געזאָגט אין אַן אונפערשטענדליכע שפּראַך, דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר.

— הערר אַראָנאַקס! — האָט ער געזאָגט — איך וויל אייך יעצט דערמאָהנען וועגען אונזער אָבמאַך, דאַן ווען איך האָב אייך אויף מיין שיף ארויפגענומען.

— וועגען וואָס האַנדעלט זיך דאָ? — האָב איך געפרעגט.

— האָט איהר פערגעסען דיא בעדינגונג וואָס איך האָב אייך דאַמאָלס געשטעלט? וויא קומט עס, אַז א פּראָפעסאָר זאָל קיין זכרון ניט האָבען?

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָהנט וואָס דער קאַפּיטאַן מיינט, אָבער איידער איך האָב ציים געהאַט א וואָרט צו זאָגען, האָט נעמאָ פערכאַפּט און פאָרטגעזעצט:

— איהר מיט אייערע קאַמעראַדען מוזט אויף א געוויסע צייט זיין אָבגעזאָנדערט. איהר מוזט זיך לאָזען איינשפּאַרען ביז איך וועל געפינען פאַר נויטיג אייך צו בעפרייען. האָבען מיר ניט אַזוי אָבגעמאַכט?

— ריכטיג! — האָב איך זיך אָבגערופען — אייער בעפעהל מוז ערפילט ווערען. אָבער מעג איך זיך ערלויבען איין פראַגע צו שטעלען?

— קיין איינציגע, מיין הערר! — האט ער שטרענג געענטפערט.

געגען אזא בעשטימטע ערקלערונג האב איך ניט געהאט וואס אנצוואווענדען. זיין אן עקשן און דוקא וועלען פרעגען, האב איך געוואוסט, וועט זיין א גרויסע נארישקייט פון מיין זייט. איך בין דארום ארונטערגעגאנגען צו מיינע קאמע־ראדען און איך האב זיי מיטגעטהיילט פון דעם קאפיטאן'ס גזירה. לענד איז אויפגעשפרונגען און אנגעהויבען פלוכען, אבער עס איז אונז קיין צייט פערבליבען צו רעדען דעריבער. פיער פערזאן פון דיא מאנשאפט פון שיף האבען שוין גע־ווארט ביי דער טהיר פון קאיוטע און ניט קוקענדיג אויף לענד'ס געשרייען, זיינען מיר באלד אבגעפיהרט געווארען אין דעם זעלבען צימער, וואו מיר האבען גע־נעכטיגט דיא ערשטע נאכט, ווען מען האט אונז אין שיף אריינגעלאזט.

— קען דער הערר אונז ערקלערען וואס דא איז פארגעקומען? — האט קאנסייל געפרעגט, ווען דיא טהיר איז געשלאסען געווארען.

איך האב מיינע ערשטוינטע קאמעראדען דערצעהלט אלעס וואס מיט מיר איז פארגעקומען אויף'ן דעק, אבער מיר האבען דערפון ניט געקענט עטוואס בעשטימטעס ערקלערען. איך בין איבערהויפט געווען זעהר בעזארגט, ווייל איך האב געגלויבט, אז אירגענד וועלכע גרויסע געפאהר שטעהט אונז פאר, ווייל זאנסט וואלט קאפיטאן נעמא ניט אזוי אונרוהיג געווען.

— זאל זיין וואס עס איז! — האט דער קענעדע'ר פרעסער פרעהליכער אויסגערופען — זעהט נור וואס פאר א גוטער פריהשטיק עס שטעהט אויף'ן טיש!

דער טיש איז ווירקליך געווען געגרייט מיט אויסגעצייכענטע געריכטען, וואהרשיינליך האט דער קאפיטאן נאך פריהער געהייסען, מען זאל פאר אונז דיזען טיש גרייטען.

— וועט דער הערר מיר ערלויבען צו מאכען א פארשלאג? — האט קאנ־סייל געפרעגט.

— געוויס, ווארום ניט? אבי נור עפעס רעכטס! — האב איך געענטפערט.

— איך וואלט דעם הערר און פריינד לענד געראטהען, מיר זאלען געהן צום טיש עסען — האט קאנסייל געזאגט — ווער ווייסט וואס שפעטער וועט זיין, לאמיר דערווייל אפעסען.

— ניט קיין נארישקייט! — האב איך געענטפערט.

— מיך פערדריסט, — האט זיך לענד אבגערופען — וואס איך האב היינט ניט געקענט מאכען א מאהלצייט פון אונזערע אייגענע פלייש־פראדוקטען. אך, דיא פערדאמטע לייטע! מעהר וויא א פרייע רייזע גיבען זיי אונז ניט.

— פריינד לענד! — האט זיך קאנסייל אבגערופען — און וואס וואלט איהר שוין געזאגט, ווען דיא לייטע וואלטען פערגעסען געבען אונז עסען?

וואס נאך ווילט איהר? פאר דער רייזע צאהלען מיר ניט און עסען גיט מען אונז אויך, קענט איהר נאך מעהר פערלאנגען?

דער קענעדע'ר האט געגען דיעזען אנטווארט פון מיין דיענער ניט געהאט וואס אנצוזאווענדען. מיר האבען זיך געזעצט צום טיש און מיר האבען אנגעפאנגען פון דיא מאכלים צו געניסען. איך און קאנסייל האבען זעהר ווייניג געגעסען, לענד אבער האט זיין אפעטיט בעפרידיגט אויף'ן העכסטען גראד. נאכדעם וויא מיר האבען אבגעגעסען, האבען מיר זיך יעדער איינער אוועקגעלעגט אין אן אנדער ווינקעל.

אין יענעם אויגענבליק איז דיא עלעקטרישע בעלייכטונג אין אונזער געפענגניס אויסגעלאשען געווארען און עס איז געווארען שטאק פינסטער. נעד לענד, וועלכער האט גוט אנגעפאקט דעם מאגען, איז באלד איינגעשלאפען, און צו מיין ערשטוינען איז מיין דיענער אויך אנשלאפען געווארען. וואס עס האט אויף איהם אנגעווארפען אזא גיכען שלאף, האב איך ניט געקענט פערשטעהן.

טראכטענדיג אזוי וועגען דעם, האב איך אנגעהויבען פיהלען, אז עס שווינדעלט מיר אין מח, אזוי וויא פון א מין בערוישונג. מיינע אויגען האבען זיך געשלאסען מיט געוואלד און עס איז מיר שווער געוועזען דעם שלאף צו פערטרייבען. מיר איז דאן אויף'ן זינען ארויפגעקומען, אז אין דיא שפייז וואס מיר האבען געגעסען איז וואהרשיינליך געוועזען אריינגעמישט אזא מין בעטויבונגס-מיטעל צום איינשלאפען.

איך האב געהערט וויא אויבען האבען זיך דיא אייזערנע פלאטען געשלאסען. דיא "נאטילוס" האט זיך אנגעהויבען אנדערש בעוועגען. איך האב געפיהלט, אז זיא זינקט ארונטער אין דיא טיעפענים פון ים.

מיט אלע מעגליכקייטען האב איך געקעמפפט געגען דעם שלאף, אבער איך האב איהם ניט געקענט בעזיעגען. מיין אטהעם איז אלע מאל שוואכער און שוואכער געווארען. איך האב געשפירט אז א קעלט דרינגט דורך אלע מיינע גליעדער און עס איז מיר שווער געוועזען צו ריהרען זיך פון ארט. פערשיעדענע געדאנקען און פאנטאזיעס האבען זיך געדרעהט אין מיין מח. אבער באלד איז אלעס פערשוואונדען. איך האב אויפגעהערט דענקען, איך האב אויפגעהערט טרוימען און איך בין געבליבען ליגען פערזונקען אין א טיעפען שלאף.

24טעס קאפיטעל

א בית עולם אויף'ן גרונד פון ים

ווען איך האב זיך אויפגעכאפט אויף מארגען פריה, האב איך געפיהלט זעהר גוט און מיין קאפ איז נאך געוועזען קלעהרער וויא אימער. ווען א מענש כאפט זיך אויף פון א שלאף-געטראנק אדער פון א בעטויבונגס צושטאנד, פיהלט

ער זעהר ניט גוט און איבעל. אָבער איך האָב קיין זאך געפיהלט פון דיא נעכ־טיגע בעטויבונג, און דאָס האָט מיך זעהר געוואונדערט. נאָך מעהר ערשטוינט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב זיך ארומגעזעהן, אז איך געפין זיך ניט אין דעם געפענגניס צימער, אין וועלכען מיר זיינען איינגעשלאָפען, זאָנדערן אין מיין אייגענע קאיוטע. קאָנסייל און לענד זיינען דאָרט ניט געווען, וואהרשיינ־ליך האָט מען זיי אויך אין שלאָף איבערגעטראָגען אין זייער צימער. וואָס מיט דער שיף איז פּאָרגעקומען אין פערלויף פון דער פערגאנגענער נאכט, איז פאר מיר פערבליבען אן אונערקלערליכע געהיימניס.

בין איך פריי, אָדער איינגעשלאָסען אין מיין קאיוטע? — דיעזע פראגע האָט זיך מיר געשטעלט באלד וויא איך האָב דיא אויגען געעפענט און געזעהן וואו איך געפין זיך. איך בין באלד ארונטער פון בעט און איך האָב זיך אי־בערציינגט, אז דיא טהיר פון מיין צימער איז אָפען. איך האָב אָנגעצויגען מיינע קליידער און ארויסגעהענדיג פון מיין צימער האָב איך געזעהן, אז אונזער שיף שווימט אויבען און דיא פּלאטען איבער דיא טרעפּ זיינען אָפען. איך בין ארויפ־געגאנגען אויף'ן דעק.

איך האָב דאָרט געטראָפען מיינע קאמעראדען קאָנסייל און נעד לענד וואר־טענדיג אויף מיר. זיי האָבען מיר דערצעהלט אז זיי האָבען זיך אויפגעכאפט אין דער פריה אין זייער קאיוטע. וויא אזוי זיי זיינען אהין געקומען און וואָס עס האָט דורך דער נאכט פאסירט אויף דער שיף, האָבען זיי ניט געוואוסט מעהר פון מיר.

דיא "נאָטילוס" איז געווען געהיימניספאָל וויא אימער. זיא איז געשוואומען מיט מעסיגע געשווינדיגקייט איבער'ן וואסער־שפּיעגעל און מען האָט אין איהר קיין ענדערונג ניט בעמערקט. לענד האָט מיט זיין שארפען בליק בעטראכט דעם ים ארום און ארום, אָבער קיין זאך איז געווען צו זעהן. קיין זעגעל, קיין שיף, קיין לאנד, אויסער הימעל און וואסער. א וועסט ווינד האָט שטארק גע־בלאָזען און דיא שיף האָט זיך בעוועגט און אומגעטאנצט איבער דיא וועלען, אזוי וויא אימער אין אזא וועטער.

דער שיף לייטענאנט איז ארויפגעקומען אויף'ן דעק, האָט ארומגעקוקט דעם האָריזאָנט און דורך דער רעהר ארונטערגעזאָגט זיין שטענדיג אונפער־שטענדליכען רעפּאָרט. דער קאפּיטאן אליין האָט זיך אָבער ניט בעוויזען.

ארום צוויי אוהר נאָכמיטאָג בין איך איינער אליין געזעסען אין זאאַ־ און בין געווען בעשעפטיגט מיינע נאָטיצען אין אָרדנונג צו ברייננגען. דיא טהיר האָט זיך פּלוצלונג געעפענט און קאפּיטאן נעמאָ איז אריינגעקומען. איך האָב זיך פערנייגט און ער האָט מיר מיט דער זעלבער בעגריסונג צערעמאָניע גע־ענטפערט, ניט רעדענדיג א וואָרט. איך האָב זיך צוריק גענומען צו מיין ארבייט. מיט דער האָפנונג, אז ער וועט אָנפאנגען רעדען און ער וועט מיר ערקלערען

וואָס לעצטע נאכט איז פאָרגעקומען. אָבער ער איז פערבליבען שטיל. איך האָב אויף איהם געוואָרפען א שארפען בליק און איך האָב אָן זיין געזיכט פערשטאנען, אז ער איז מיעד, צובראָכען, שלעפעריג און העכסט פערזאָרגט. ער איז אומגע־גאנגען הין און צוריק איבער'ן זאאל, האָט זיך אייניגע מאָל אוועקגעזעצט און איז באלד צוריק אויפגעשטאנען, האָט אלע מאָל ארויסגענומען אן אנדער בוך און עס צוריק אוועקגעלייגט, האָט בעטראכט פערשיעדענע אינסטרומענטען און האָט זיך אומגעדרעהט הין און צוריק אזוי וויא א צומישטער. איך האָב געזעהן, אז דער מאן געפינט זיך קיין אָרט ניט, וואהרשיינליך פרעסט איהם עפּעס אויף'ן הארצען, אָבער ער וויל ניט אָדער עס לוינט פאר איהם ניט צו ענט־דעקען זיין סוד פאר מיר. ענדליך איז ער צו מיר צוגעגאנגען און געפרעגט:

— זיינט איהר א דאָקטאָר, הערר ארָאנאקס?

איך בין אביסעל איבערראשט געוואָרען פון דער דאָזיגער פראגע און איך האָב א היבשע ביסעל געוואָרט מיט מיין אנטוואָרט.

— זיינט איהר א דאָקטאָר? — האָט נעמאָ נאָך אמאָל געפרעגט — איי־ניגע פון אייערע קאָלעגען האָבען שטודירט מעדיצין, האָט איהר אויך דיא דאָזיגע חכמה געלערענט?

— יא! — האָב איך געענטפערט — איך בין א דאָקטאָר. איך האָב אין א האָספּיטאָל געדיענט און אויך אייניגע יאָהר פּריוואט פּראקטיצירט, איידער איך בין אָנגעשטעלט געוואָרען אלס פּראָפעסאָר אין מוזעאום.

— זעהר גוט, מיין הערר! — האָט ער צופריעדען געזאָגט.

איך האָב געזעהן, אז מיין אנטוואָרט האָט איהם בעפריעדיגט. אָבער ניט וויסענדיג וואָס ער מיינט דערמיט האָב איך געשוויגען און געוואָרט צו הערען וואָס ער וועט ווייטער זאָגען.

— הערר ארָאנאקס! — האָט ער זיך אָבגערופען — ווילט איהר אזוי פריינד־ליך זיין און איינעם פון מיינע לייטע א מעדיצינישען ראטה געבען?

— איהר האָט דאָ א קראנקען אויף דער שיף? — האָב איך געפרעגט.

— יא! — האָט ער בעזאָרגט געענטפערט.

— איך בין בערייט צו טהאָן אלעס וואָס מעגליך איז.

— דאן זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר.

מיין הארץ האָט מיר אָנגעהויבען קלאפּען. וואָס דאָס בעדייט האָב איך אליין ניט געוואוסט. עפּעס האָט מיר מיין הארץ געזאָגט, אז דיא קראנקהייט פון יענעם מאן איז פערבונדען מיט דיא געהיימניספאָלע בעגעבענהייט פון דער פערגאנגענער נאכט. דיעזער געדאנק האָט מיך שטארק בעאונרוהיגט און עס האָט מיך זעהר אינטערעסירט צו דערגעהן יענעם זאָנדערבארען סוד.

דער קאפּיטאן האָט מיך אריינגעפיהרט אין הינטערשטען טהייל פון שיף און ער האָט מיך אריינגעבראכט אין דער מאטראָזען־קאיוטע, וואו איך האָב גע־

טראָפען א מאן פון אומגעפעהר פיערציג יאָהר אלט ליגענדיג אויף א בעטעל, מיט אן ענטשלאָסענעם אויסדרוק אויף זיין געזיכט. דער מאן האָט אויסגעזעהן צו זיין אן ענגלענדער.

איך האָב זיך איינגעבויגען איבער איהם און געזעהן, אז דיעזער מאן איז שווער פערוואונדעט. זיין קאָפּ איז געווען איינגעוויקעלט אין א פערבלוטיגטען לייוואנד. איך האָב ארונטערגענומען דעם באנדאזש און איך האָב געזעהן, אז זיין שארבען איז צושמעטערט און דיא געהירען געלעכערט און בעדעקט מיט פערגליווערטע בלוט. וויא איך האָב פערשטאנען, איז עס איהם געקומען פון א שטארקען קלאָפּ מיט א שווערען אינסטרומענט אָדער מיט א שטיין.

דער אָטהעם איז ביים פערוואונדעטען זעהר שוואך געווען. ער איז אין גאנצען געווען אזוי וויא געלעהמט, ווייל דיא ענטצינדונג אויף דיא געהירען האָט זיך שטארק צושפּיעלט און ער האָט שוין געהאט פערלאָרען זיין בעוואוסט־זיין און דיא בעוועגונג פון זיינע גליעדער. א ווייلע שפּעטער איז זיין פּולס געווען קוים צו פיהלען. דיא אויסערע טהיילען פון קערפּער האָבען אָנגעהויבען קאַלט ווערען. איך האָב געזעהן, אז זיין טויט איז נאָהענט און עס איז קיין מיטעל ניטאָ איהם צו רעטען. איך האָב דעם אונגליקליכען צוריק דעם קאָפּ פער־בונדען, דאן האָב איך זיך געווענדעט צו קאפּיטאן נעמאָ.

— פון וואגען שטאמט דיא פערוואונדונג? — האָב איך איהם געפרעגט.

— וואָס מאכט עס אויס? — האָט ער טרויעריג געענטפערט — א שטויס פון שיף האָט אָבגעבראָכען א העבעל פון מאשינע און זיא האָט איהם געטראָפען אין קאָפּ. אָבער וואָס דענקט איהר וועגען זיין צושטאנד?

איך האָב זיך א ווייلע בעדענקט, איידער איך האָב מיין אנטוואָרט גע־געבען.

— איהר קענט רעדען! — האָט דער קאפּיטאן צו מיר געזאָגט — דיעזער אונגליקליכער, אויב אפילו ער הערט, פערשטעהט ער קיין פראנצויזיש.

— מעהר וויא צוויי שטונדען קען ער ניט לעבען! — האָב איך געענטפערט.

— און עס איז גאָר קיין מעגליכקייט ניטאָ איהם צו רעטען?

— ניין, קיין מיטעל.

דעם קאפּיטאן'ס האנד האָט א ציטער געטהאָן און אין זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען.

איינציגע סעקונדען האָב איך בעטראכט דעם קראנקען וויא ער ווערט אַלץ בלאַסער און בלאַסער. איך האָב אָנגעקוקט זיין אינטעליגענטען שטערען און דיא קנייטשען אויף איהם וואָס זיינען געקומען פאר דער צייט און איך האָב דער־פון געאורטהיילט, אז דער מאן האָט פיעל אונגליק און עלענד איבערגעטראָגען. איך האָב זעהר געוואָלט הערען פון איהם כאָטש איינציגע ווערטער, פיללייכט וועל

איך דערפון דערגעהן דיא סודות פון זיין לעבען, אָבער זיינע ליפּען זיינען גע־
וועז געשלאָסען.

— איהר קענט שוין געהן, הערר אראָנאקס — האָט דער קאפּיטאן צו מיר געזאָגט.

איך האָב פערלאָזען דיא מאטראָזען קאיוטע און איך בין אריין אין מיין צימער, שטארק אָנגעגריפען פון דער טרויעריגער סצענע. דעם גאנצען טאָג בין איך געוועזען אזוי וויא צומישט און דיא קומענדע נאכט האָב איך זעהר אונ־רוהיג געשלאָפען און שרעקליכע חלומות האָבען מיך געמאטערט.

ווען איך בין מאָרגען פריה ארויף אויף'ן דעק איז שוין קאפּיטאן נעמאָ דאָרט געוועזען און ער איז באלד צו מיר צוגעגאנגען.

— הערר פּראָפעסאָר — האָט ער צו מיר געזאָגט — וואָלט איהר היינט וועלען מאכען מיט מיר א שפּאציר אונטער'ן ים?

— מיט מיינע קאַמעראדען? — האָב איך צוריק געפרעגט.

— ווארום ניט? אויב זיי ווילען נור.

— מיר שטעהן צו אייער בעפעהל, הערר קאפּיטאן.

— נו, אויב איהר זיינט צופריעדען, דארפט איהר זיך באלד אָנקליידען אין דיא טויכער בגדים.

וועגען דעם קראנקען אָדער געשטאָרבענעם האָט דער קאפּיטאן א וואָרט ניט געזאָגט. פרעגען איהם האָב איך ניט געוואָלט, ווייל איך האָב געוואוסט, אז ער האָט פיינד מען זאָל איהם פראגעס שטעלען. איך בין באלד ארונטער צו לענד און קאָנסייל און איך האָב זיי דערצעהלט וועגען קאפּיטאן נעמאָ'ס וואונש. מיין דיענער האָט זיך באלד אָנגעכאפּט אָן דעם. לענד האָט זיך א היבשע ווײלע גע'ישוב'ט, אָבער ענדליך האָט ער אויך איינגעשטימט מיטצוגעהן.

עס איז געוועזען אכט אוהר אין דער פריה. אין א האלבע שטונדע זיינען מיר שוין געשטאנען אָנגעטהאָן אין אונזערע בגדים און אפּאראטען פאר לופט און ליכט, גרייט צו מאכען דעם אונטערוואסערדיגען שפּאציר. דיא דאָפּעלטע טהיר האָט זיך געעפענט און איך, מיינע קאמעראדען, דער קאפּיטאן און נאָך צוועלף מאטראָזען זיינען ארויס אויף'ן גרונד פון ים, וואָס איז געוועזען ביי א דרייסיג פוס טיעף.

מיר זיינען ביסלעכווייז געגאנגען בארג אראָפּ, ביז מיר זיינען געקומען צו א פּלאץ, וואו עס איז געוועזען ביי א נײנציג פוס טיעף. דיעזע געגענד איז געוועזען גאנץ אנדערש פון יענע געגענד אונטער'ן וואסער, וואָס מיר האָבען בעזוכט אויף דער יאגד אין שטילען אָקעאן. דאָ איז דער גרונד ניט געוועזען פון א פיינעם, דינעם זאמד וויא דאָרט. דאָ זיינען אויך קיינע וויעזען (לאָנקעס) מיט פּלאנצונגען אין ים וועלדער ניט געוועזען צו זעהן. מיר האָבען זיך דאָ געפונען אין א קאָראלען־רייך.

פערצייטען האָט מען געגלויבט, אז קאָראלען זיינען א מין שטיינער, אנ־דערע פלעגען אויך בעהויפּטען, אז דאָס איז א מין פלאנצונג. גאָר אין דיא אלטע צייטען האָבען קאָראלען געדיענט אלס א וויכטיגער הייל־מיטעל, שפּעטער האָט מען עס אָנגעהויבען טראָגען אלס ציערונג, אָבער וואָס פאר א מין שטאָף דאָס איז, האָט מען בעשטימט ניט געוואוסט. ערשט אין יאָהר 1694 האָט א פראנצוי־זישער געלערנטער מיט'ן נאָמען פריסאָנע ריכטיג בעוויזען, אז דיא קאָראלען זיינען א זאָרט לעבעדיגע ברואים, וועלכע צעהלען זיך אין דיא מיליאָנען אין איין טראָפּען. דיעזע קליינע טהיערע ווערען פערשטיינערט און פון זיי בילדען זיך, אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען, גאנצע וועלדער, פעלזען און זאָגאר אינזלען. איך בין העכסט צופריעדען געווען פון דעם בעזוך אין דיא קאָראלען־וועלדער, וואָס דיא נאטור האָט פערפלאנצט אויף'ן גרונד פון ים.

אונזערע בעלייכטונגס־אפּאראטען, וועלכע האָבען געברענט העל און ליכטיג, האָבען בעלויכטען דיא קאָראלען־וועלדער אויף א ווייטע שטרעקע און זיי האָ־בען זיך אָבגעשפּיעגעלט מיט פראכטפאָלע פארבען, אז מיינע אויגען האָבען ניט געקענט זאט ווערען קוקענדיג אויף זיי. מיר זיינען פערבייגעגאנגען א לאנגע קאָראלען־וואנד, וועלכע האָט זיך געהאלטען אין בויען, ביים זייט זיינען גע־שטאנען פערפלאָנטערטע קאָראלען וועלדלאך מיט געפלאָכטענע צווייגען, בעדעקט מיט קליינע שטראהלענדע שטערן־בלומען. דיעזע בוימלאך שטעלען פאָר גראדע א פערקעהרטע ערשיינונג פון דיא ערד־פלאנצונגען. זיי וואקסען מיט דיא וואָרצ־לען ארויף, אויף דיא שפּיצען פון דיא פעלזען און זייערע צווייגען ציהען זיך ארונטער.

קליינע פישעלאך האָבען זיך געבאָדען אין דעם דאָזיגען אונטערוואַ־סערדיגען גן עדן. זיי זיינען אזוי וויא שטיעפענדע פויגעלאך אומגעשפּרונגען פון איין קאָראלען צווייג אויף'ן אנדערען און עס האָט פאָרגעשטעלט אזא שעהנעס בילד, וואָס איז אונמעגליך צו שילדערען. מיר האָט זיך געוואָלט אָברייסען איינע פון דיא דאָזיגע בלומען. אָבער וויא נור איך האָב וועלכע מיט'ן האנד בעריהרט האָט זיך דער בלומען־בעכערל מיט איין מאָל פערשלאָסען און דיא קעפּלאך זיינען פערוואנדעלט געוואָרען אין שטיינערנע שפּיצען. עס האָט אויסגעזעהן, אז דיא מיליארדען חיה'לאך וואָס שטעלען צוזאמען דיא דאָזיגע צויבער־וועלדער לעבען אין הארמאָני און זיי לאָזען ניט צו אז א שונא זאָל פערדערבען זייער שעהנהייט.

דיא פראכטפאָלע וועלדלאך זיינען געוואָרען געדיכטער און דיא בוימלאך העכער. פאר אונזערע אויגען האָבען זיך פאָרגעשטעלט גרויסארטיגע פאנטאס־טישע קאָראלען־געביידען. קאפּיטאן נעמאָ איז ארונטערגעגאנגען אונטער א דונ־קעלע גאלערי, וועלכע האָט זיך געצויגען ביז 300 פוס טיעף. דיא ליכט־שטראה־לען פון אונזערע לאנטערנעס האָבען בעלויכטען דיעזע ערהאבענע נאטור־געוועל־

בען און עס האָט אונז אויסגעוויזען, אז מיר געפינען זיך אין א צויבער־פּאלאסט, מיט וואונדער־שעהנע זיילען און בעפּוצונגען פון פערשיעדענע פארבען.

ענדליך, נאָך א שפּאציר פון צוויי שטונדען, זיינען מיר געקומען אין א טיעפענים פון 900 פוס. דאָרט האָבען זיך געענדיגט דיא קאָראלען־געביידעס און מען האָט שוין בלויז געזעהן קליינע בוימלאַך און ניעדעריגע ווענד. ארום אונז האָט זיך געצויגען א גרויסער וואלד פון פערשטיינערטע בוימער, וועלכע האָבען זיך געשלאָסען איינע מיט דיא אנדערע. מיר זיינען געגאנגען אונטער דיא הויכע צווייגען מיט א פרייען וועג. דער באָדען איז דאָרט געווען בעוואקסען מיט פערשיעדענע גראָזען און בלומען, וועלכע האָבען געגלאנצט און געפינקעלט אזוי וויא דיא שעהנסטע עדעלשטיינער.

קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך אָבגעשטעלט. איך האָב געזעהן וויא דיא מאטראָזען האָבען איהם ארומגערינגעלט אין א האלבען קרייז. ערשט דאן האָב איך בעמערקט, אז פיער מאטראָזען טראָגען אויף זייערע אקסלען עפּעס א לאנגען געגענשטאנד. מיר זיינען דאן געווען אין מיטען פון א פרייען פּלאַץ, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט הויכע בוימער. פון אונזערע לאַמפּען איז פערבליבען א האלב־דונקעלע, בלאסע בעלייכטונג, וועלכע האָט בלויז געוואָרפען א שוואכע ליכט איבער'ן באָדען, הינטער אונז אָבער איז געווען שטארק פינסטער.

לענד און קאָנסייל זיינען געשטאנען נעבען מיר און בעטראכט דיעזע מערקווירדיגע סצענע. מיר האָבען געזעהן, אז אין מיטען פון דיעזען פּלאַץ געפינען זיך שמאָלע, לאנגע בערגלאַך, גראדע אזוי וויא קברים אויף א בית־עולם. יעדער בערגעל איז געווען בעגאָסען מיט קאלך און נעבען יעדען איז געשטאנען א בלוט רויטער קאָראלען־זייל.

אויף א וואונק פון קאפּיטאן האָבען זיך דיא מאטראָזען גענומען האקען א גרוב. דאן האָב איך פערשטאנען, אז דאָרט איז ווירקליך א בית־עולם אונטער'ן ים, וואהרשיינליך פאר דיא לייטע פון דער "נאָטילוס", און אז דער קראנקער מאטראָז איז וואהרשיינליך געשטאָרבען און מען וועט איהם ערשט דאָ בע־ערדיגען.

דער קבר איז לאנגזאם אויסגעגראָבען געוואָרען. דיא טרעגער האָבען דעם טויטען קערפּער פון זייער פערשטאָרבענעם קאמעראד איינגעוויקעלט אין א ווייסע מאטעריע און ארונטערגעלאָזט אין קבר. דער קאפּיטאן און דיא מאט־ראָזען זיינען א ווייל געשטאנען אויף דיא קניע און באלד נאָכדעם איז דיא גרוב פערשאָטען געוואָרען. זיי האָבען זיך אלע ווידער אמאָל געשטעלט אויף דיא קניע און ווען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, האָבען זיי א מאך געטהאָן מיט דיא הענד, אזוי וויא זיי זעגנען זיך מיט'ן מת און מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו אונזער שיף. מיר זיינען צוריק געגאנגען דורך דעמזעלבען וועג, אלע

באר'נ ארויף און ארום איינם אוהר זיינען מיר געוועז צוריק אויף דער "נאַ־טילוס".

אזוי באלד וויא איך האָב מיינע קליידער אומגעביטען, בין איך ארויף אויף'ן פּלאַטפאָרם, קאפּיטאן נעמאָ האָט מיר נאָכגעפאָלגט. ער איז געוועזן זעהר פערזאָרגט.

— אלזאָ — האָב איך צו איהם געזאָגט — איז דער פערוואונדעטער טאקי געשטאָרבען?

— יא, הערר אראָנאקס! — האָט ער געענטפערט.

— און אצינד רוהט ער מיט זיינע קאמעראדען אין א קבר פון קאָראַלען.

— יא, פערגעסען פון דער וועלט, אויסער פון אונז. מיר פערגעסען קיינמאָל אונזערע פערשטאָרבענע קאמעראדען. מיר שטעלען נאָך זיי אנדענקונגען און דיא פּאָליפּען פערזיעגלען דיא קברים מיט שטארקע שטיין־מויערען אויף אייביג.

דער קאפּיטאן האָט איינגעגראָבען זיין קאָפּ אין בײדע הענד און האָט וויי־נענדיג געזאָגט:

— דאָרט איז אונזער בית הקברות איינינע הונדערט פוס טיעף פון דיא אויבערשטע ים־וועלען.

— אייערע טויטע רוהען דאָרט גאנץ פריעדליך, הערר קאפּיטאן! — האָב איך געזאָגט — קיין האי־פיש אָדער אנדערע רויב־טהיערע פון ים קענען צו זיי ניט צוקומען.

— און רויבערשע מענשען אויך ניט! — האָט זיך נעמאָ אָבגערופען.

ענדע פון ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל

1טעם קאפּיטעל

אין אינדישען מעער

מיט דעם עבענגעשריעבענעם האָט זיך געענדיגט דער ערשטער טהייל פון אונזער רייזע אונטער'ן ים. מיר פאנגען ערשט אָן דעם צווייטען טהייל.

דער ערשטער טהייל פון אונזער מערקווירדיגע רייזע האָט זיך געענדיגט זעהר טראגיש און ריהרענד. דיא סצענע פון בית עולם אונטער'ן גרונד פון ים האָט אויף מיר א טיעפען איינדרוק געמאכט, אז איך וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען. וויא געהיימניספאָל דיא שיף, איהר קאַפּיטאן און דיא מאנשאפט זיינען! מענשען האָבען זיך אָבגעזונדערט פון דער וועלט און אפילו זייערע קברים האָבען זיי אויך אויסגעקליבען אונטער'ן ים, אום זייער אייביגע רוהע זאָל ניט געשטערט ווערען זאָגאר פון דיא רויבערשע מענשען, וויא דער קאפּיטאן האָט זיך אויסגעדריקט! וואָס זאָל קאַפּיטאן נעמאָ דערמיט מיינען? וואָס איז דיא אורזאכע פון זיין מערקווירדיגען לעבען און זיין מערקווירדיגע פערזאָרגונג נאָך'ן טויט — האָב איך פאר קיין פאָל ניט געקענט פערשטעהן. דיעזער מאן איז א שרעקליכער מענשען־פיינד, אנדערש קען עס ניט זיין! — אזוי האָב איך זיך געטראכט — אָבער וואָס האָט אין איהם ערוועקט דיא שנאה צו מענשען? ווארום איז ער אנטלאָפען פון דער בעזעצטער לאנד און ער וויל זיא מעהר מיט זיינע אויגען ניט אָנקוקען? איך האָב זיך דערמאָהנט, אז קאָנסייל האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט, דאָס דער נעמאָ מוז זיין א גרויסער געלעהרטער מאן, וועלכען דיא וועלט האָט ניט געוואָלט אנערקענען און דערפאר האָט ער זיך פון דיא מענשהייט אָבגעווענדעט מיט האס און פעראכטונג. איך בין איינשטימיג געוועזען מיט דיעזע מיינונג, אָבער איך האָב פערדעכטיגט, אז ניט נור האָט ער דיא וועלט ניט ליעב, זאָנדערן ער זוכט אויך ראכע צו נעהמען פון אלע מענשען. מיר איז אויף'ן זינען ארויפגעקומען דיא געהיימניס פון דער פאָריגער נאכט, ווען מען האָט מיך און מיינע קאמעראדען בעטויבט און אריינגעוואָרפען אין א געפענגניס, דעם קאפּיטאן'ס צארן, ווען ער האָט פון מייגע הענד דעם שפּאקטיוו ארויסגעריסען, דיא שרעקליכע פערוואונדונג פון מאטראָז, וועלכע האָט וואהרשיינליך געשטאמט ניט פון א שטוים, וויא נעמאָ האָט מיר ערקלערט —

דאַס אלעס האָט מיך געבראכט צו דענקען, אז דער קאַפּיטאַן בענוגענט זיך ניט בלויז מיט זיין אנטלויפען פון דיא מענשהייט; אז זיין געהיימניספאָלע שיף דיענט ניט נור צו פערשאפען פרייהייט איהם און זיינע קאמעראדען, זאָנדערן פיליכט אויך, אום א שרעקליכען ראכע־פלאַן דורכצופיהרען.

דיעזע געדאנקען האָבען מיך שטארק בעאונרוהיגט. איך האָב זעהר געוואָלט דערגעהן דעם טיעפען סוד, אין וועלכען מיר זיינען געווען ארומגעוויקעלט, איך בין זעהר גערן געווען, אז כאָטש א שטיקעל ליכט זאָל געוואָרפען ווערען אויף דער פינסטערניס וואָס האָט אונז ארומגערינגעלט, אָבער איך האָב געמוזט דולדען און ווארטען צו זעהן וואָס דיא צייט וועט מיטבריינגען.

יענעם טאָג, דעם 24טען יאנואר, 1868, איז ארום מיטאָג צייט דער שיף לייטענאנט געווען בעשעפטיגט מיט זיין געוועהנליכע אויפגאבע צו בעאָבאכטען דעם ים ארום און אָבגעבען זיין רעפּאָרט דורך דער שפּרעך־רעהר. איך בין געזעסען אין דער הויך אויף'ן פּלאטפאָרם און רויכערענדיג א סיגאר האָב איך אכטונג געגעבען וויא אזוי ער מהוט זיין ארבייט. מיר האָט אויסגעוויזען, אז דער מאַן פערשטעהט קיין פראַנצויזיש, ווייל איך האָב איהם געמאכט איי־ניגע וויכטיגע בעמערקונגען, אויף וועלכע ער האָט געדארפט שענקען אויפ־מערקזאמקייט, אָבער ער איז פערבליבען גאַנץ גלייכגילטיג און שטיל.

ווערהרענד דער לייטענאנט האָט געקוקט אויף'ן סעקסטאַנט, איז איינער פון דיא מאַנשאַפט ארויפגעקומען. דאָס איז געווען דער זעלבער הויכער מאַטראָז, וואָס האָט מיך, מיין דיענער קאָנסייל און דעם קאַפּיטאַן בעגלייט אויף אונזער ערשטען שפּאציר־גאַנג אויף'ן אינזעל קרעספּאָ, אויף'ן גרונד פון ים. דיעזער מאַן האָט אָנגעפאַנגען צו רייניגען דיא פענסטער פון לייכט־טהורם. איך האָב דאַן געהאַט א געלעגענהייט גענוי צו בעטראַכטען דיעזען אפּאַראַט. איך האָב זיך איבערצייגט, אז דיא איינריכטונג פון דיעזען לייכטער איז געמאַכט אויף א העכסט קונסטפאָלען אופן, וואָס קיינער האָט ביז דאמאָלס ניט פערשטאַ־נען צו מאַכען. איך האָב איינגעזעהן, אז דיעזער אפּאַראַט פערברויכט פיעל וויי־ניגער עלעקטריציטעט וויא אַנדערע און גיט ארויס א בעלייכטונג וואָס איז כמעט הונדערט מאָל שטארקער וויא דיא פון אַנדערע לייכט־טהורמס. דיא גאַנצע מאַשינערי, האָב איך געזעהן, איז אונגעהייער שטארק און דויערהאַפט. דיא "נאָטילוס" איז פערטיג געוואָרען ארונטערצולאָזען זיך אין דיא טיעפענים פון ים. איך האָב פערלאָזען דעם דעק און בין ארונטער אין זאַאַל. איך האָב באַלד געהערט וויא דיא פּלאַטען אין דער הויך האָבען זיך פערמאַכט, דיא שיף האָט זיך ארונטערגעלאָזט און איז אוועק איהר וועג נאָך וועסט.

דיא פאָר טויזענד מייל פון אינדישען אָקעאַן וואָס מיר האָבען געדארפט דורכפאָהרען זיינען העכסט מערקווירדיג. דאָס וואַסער איז דאָרט דורכאויס זעהר דורכזיכטיג, אזוי וויא א ריינע, געשליפענע גלאָז. פון דער הויך זעהט מען דאָרט

דעם גרונד פון ים און אז מען קוקט ארונטער זעהט אויס, אז דיא שיף שווימט אין דער לופט און עס שווינדעלט אין דיא אויגען. דיא "נאָטילוס" איז דורכ־שניטליך געשוואומען אין א טיעפענים צווישען דריי און זעקס הונדערט פוס, אזוי איז עס געגאנגען פינף טעג. דיא צייט איז מיר דאמאָלס ניט לאנגווייליג געווען. אלע טאָג, ווען דיא שיף פלעגט שטעהן אויף'ן וואסער, פלעג איך ארויף־געהן אויף'ן דעק און זיך קוויקען מיט פרישע ים־לופט. פאָהרענדיג אונטער'ן וואסער האָב איך פערגעניגען געהאט צו קוקען דורך דיא פענסטער אויף אלעס וואָס אין ים קומט פאָר. היינט דיא ביכער פון נעמאָ'ס ביבליאָטהעק, וועלכע איך האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס, און דאָס שרייבען מיינע נאָטיצען האָבען ביי מיר א היבשע ביסעל צייט פערנומען און איך האָב קיין לאנגווייליגקייט נעפיהלט. אונזער געזונדהייטס צושטאנד איז אויך געווען אין בעסטען אָרד־נונג. דיא טעמפעראטור אין שיף איז געווען רעגעלמעסיג און אנגענעהם, דיא שפייזען זיינען, וויא אימער, געווען פריש און געשמאק און עס זיינען ניט געווען קיין אורזאכען וואָס זאָלען אונזער געזונדהייטס צושטאנד ברעכען.

איינינע טעג האָבען מיר געזעהן מאסען פערשיעדענע ים־פויגלאך. עס איז אונז געלונגען פיעלע פון זיי צו שיסען. דער קוכער פון דער "נאָטילוס" האָט זעהר גוט פערשטאנען וויא אזוי צו מאכען פון זיי געשמאקע בראטען. צווישען דיא מערקווירדיגסטע פון דיעזע פויגלאך האָב איך בעמערקט דיא ווייט־זעגלער, וועלכע קענען דיא גרעסטע ימים אריבערפליהען און ווען זיי ווערען מיעד פון וועג זעצען זיי זיך אויף דיא וועללען פון ים אויסרוהען. איך האָב דאָרט אויך געזעהן דעם גרויסען פויגעל אלבאטראָס, וואָס ברומט אזוי וויא אן עזעל; פרעגאטען, וועלכע זיינען אימשטאנד אין זייער שנעלסטען פליהען צו כאפען פיש פון וואסער, און פיעלע פאעטאָנס, וועלכע זיינען פעררעכענט אלס דיא שעהנסטע פון אלע ים־פויגלאך.

דיא מאטראָזען האָבען איינינע מאָל ארויפגעצויגען דיא פיש־נעצען מיט פערשיעדענע זאָרטען פיש אין שילדקרעטען, פון וועלכע דער קוכער האָט פער־פערטיגט א פראכטפאָלען זופ. איך האָב דאָרט געזעהן פיש און שילדקרעטען פון זאָנדערבארע מינים וואָס איך האָב פריהער ניט געזעהן.

איך האָב דאָרט געזעהן ארמאדילאָס און איגל־פיש, וועלכע האָבען אויף דיא בייכער בעשיצער, ניט פון פערהאַרטעוועטע קאלך אזוי וויא דיא פאנציר פון שילדקרעטען אָדער אנדערע אזעלכע ברואים, זאָנדערן פון ריכטיגען ביין. מאנכע פון זיי האָבען געטראָגען דריי־עקיגע פאנציר און מאנכע פיער־עקיגע. איך האָב רעקאָמענדירט, מען זאָל דיעזע זאָנדערבארע בעשעפעניסע האלטען לעבע־דיגע אין וואסער, אום זיי צו שטודירען. עס האָט זיך דאָרט געפונען א מין פיש וואָס האָט פונקט דיא פאָרמע פון אן איי. זיי זיינען געווען פון א ברוינעם קאָליר, מיט שמאָלע ווייסע פאסקעלאך. ביאָבאָנס — א וואסער־טהיער וואָס איז עהנ־

ליך צו אן איגל אָדער יאָזש, וויא מען רופט עם אויף רוסיש. זיי האָבען שטעכע־דיגע האאר אזוי וויא נאָדלען. זיי זיינען ניט גרויס, אָבער זיי קענען זיך אָנ־בלאָזען און בעקומען דעם אויסזעהן פון גרויסע קישענס פיגאסען — אזא זאָרט פיש וואָס האָט גרויסע פליגעל, וועלכע דיענען איהם צו שווימען אונטער'ן וואסער און אויך צו פליהען אָדער ווייניגסטענס אויפצוהויבען זיך אין דער הויך, און נאָך פיעלע זאָנדערבארע פיש און ים־טהיערע, וועלכע עס איז ווערטה גע־ווען צו בעאָבאכטען און צו בעוואונדערען.

פון 21טען ביז 23טען יאנואר איז אונזער שיף געשוואומען מיט א דורכ־שניטליכע שנעלקייט פון צוויי און צוואנציג מייל א שטונדע. ווען דיא איי־יערנע לאָדענס פון דיא פענסטער זיינען געווען אָפען האָב איך געהאט דיא געלעגענהייט צו בעוואונדערען דאָס לעבען און דיא טהעטיגקייט פון פערשיע־דענע זאָרטען פיש. דיא בעלייכטונג פון שיף האָט זיי צוגעצויגען און זיי האָ־בען אונז בעגלייטעט מאסענווייז. אויף מאָרגען, דעם 24טען יאנואר זיינען מיר געקומען צום קילינג אינזעל, וועלכער איז פערפלאנצט מיט פראכטפאָלע קאָקאָס בוימער. דער נאטור־פאָרשער דארווין האָט יענעם אינזעל בעזוכט און אויסגע־פאָרשט. מיר זיינען פערבייגעפאָהרען ביים סאמע ברעג פון יענעם אינזעל, וועל־כער איז ער היום ניט בעזעצט, אָבער ער איז באלד פערשוואונדען געוואָרען פון אונזערע אויגען. דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען נאָך דיא ריכטונג פון אינדיאנישען האלב־אינזעל.

פון דעם אינזעל קילינג איז אונזער שיף געפאָהרען פערהעלטניסמעסיג פיעל לאנגזאמער. זעהר אָפט פלעגט זיא ארונטער שטייגען אין א גאנץ גרויסע טיעפענים. דיא טעמפעראטור איז אין דיא גרעסטע טיעפענים געווען פיער גראד ווארים. אין דיא אויבערשטע שיכטען פון וואסער איז געווען עטוואָס קעלטער.

דעם 25טען יאנואר זיינען מיר א גאנצען טאָג געווען אין דער הויך אויף'ן וואסער. דריי פיערטעל פון דעם טאָג האָב איך פערבראכט אויף'ן דעק און בע־טראכט דעם ים ארום און ארום. קיין זאך איז ניט געווען צו זעהן. מעהר וויא וואסער, הימעל און דיא "נאָטילוס", וועלכע האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א ברעקעל אין א גרויסען מדבר, איז ניט געווען צו בעמערקען.

ארום פיער דעם זייגער פאר נאכט האָט זיך פון ווייטענס בעוויזען א דאמפף־שיף. איך האָב איהרע זעגלען אויף א ווייל געזעהן. פון יענער שיף האָט מען דיא "נאָטילוס" זיכער ניט געזעהן, ווייל זיא איז געווען זעהר ניעדעריג ביים וואסער. נאָך מיין מיינונג איז עס געווען א שיף, וואָס לויפט צווישען דעם אינזעל צייל‎אָן און סידני, אויסטראַליען.

דעם 26טען יאנואר האָבען מיר דורכגעשניטען דעם עקוואטאָר ביי דעם 82טען מערידיאן. דעם גאנצען טאָג איז דיא "נאָטילוס" געשוואומען צווישען א

גרויסע פורכטבארע מחנה פון האי־פישען. אין יענעם טהייל פון ים געפינען זיך דיא דאָזיגע "מאָנסטערס" זעהר פיעל. אראָבלאָזען זיך דאָרט אין א שיפעל איז געוועהנליך זעהר געפעהרליך, ווייל דיעזע ברואים האָבען קיין מענשען פלייש אויך ניט פיינד און זיי קענען א מענשען גאנץ לייכט איינשלינגען. איך האָב איינינע מאָל געזעהן וויא דיעזע געפעהרליכע ים־טהיערע האָבען דורכגע־שאָסען דאָס וואסער מיט א שרעקליכען גערויש פערביי דיא פענסטער פון שיף און עס האָט זיך אויסגעוויזען אז אָט צושמעטערען זיי דיא גלאָז. נעד לענד, וועלכער האָט שוין זיין הארפון א לאנגע צייט ניט געברויכט האָט זעהר חשק געהאט אָנפיהרען א יאגד געגען דיא אומגעלומפערטע רויב־פיש, אָבער דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען זעהר שנעל, פיעל שנעלער פאר דיא האי־פיש און מיר האָבען זאָגאר קיין צייט געהאט צו אָנקוקען זיי ריכטיג.

אויף מאָרגען זיינען מיר אריינגעפאָהרען אין גרויסען בענגאל בעי, א צווייג פון ים אָדער א בוכטע בעקאנט אונטער'ן נאָמען "בענגאל". דאָרט האָבען מיר אָפט בעגעגענט טויטע מענשליכע קערפער אומשווימענדיג אויף'ן וואסער. דאָס זיינען געווען מתים פון אינדישע דערפער, וועלכע האָבען זיך אליין אריינגעוואָרפען אין ים אלס קרבנות צו זייערע געטער, אָדער וואָס זיינען גע־שטאָרבען מיט א נאטירליכען טויט און מען האָט זיי ארויסגעטראָגען צום ברעג ים, לויט דעם מנהג פון דיא ווילדע. זייערע לויות פראווען שוין דיא האי־פישען, קראָקאָדילען אָדער אנדערע רויב טהיערע.

אומגעפעהר אום זיעבען אוהר אבענדס איז אונזער שיף שווימענדיג האלב אונטער'ן וואסער, אריינגעפאָהרען אין א ים פון מילך. אזוי ווייט וויא מיר האָבען געקענט זעהן מיט אונזערע אויגען איז דער ים בעשטאנען פון א פליסיגקייט וויים אזוי וויא מילך. עס איז ניט מעגליך געווען צו גלויבען, אז דיא ליכט פון דער לבנה האָט עס געגעבען דעם וואסער אזא קאָליר, ווייל עס איז ערשט געווען בלויז צוויי טעג נאָך דעם געבורט פון דער לבנה (מולד) און בלויז א שמאָלער האלב־רונדער פאס האָט זיך פון איהר געזעהן. דאָס וואסער ארום אונז איז געווען אזוי וויים, אז דער הימעל פון אויבען האָט אויסגעזעהן עכט שווארץ געגען דעם געשטאלט פון ים.

קאָנסייל איז זעהר פערוואונדערט געוואָרען און ער האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט דער פראגע: פון וועלכע אורזאכע קומט דיעזע מערקווירדיגע ער־שיינונג? איך האָב עס איהם ערקלערט.

— אזא מילך־מעער — האָב איך איהם אָנגעהויבען ערקלערען — טרעפט מען זעהר אָפט ביי דיא ברעגעס פון אמבאָינא און אויך אין דיעזע געגענדען.

קאָנסייל האָט גערולד געהאט צו ווארטען ביז איך וועל איהם דיא זאך ריכטיג ערקלערען און ער האָט מיך איבערגעהאקט אין מיטען פון מיינע רייד:

— אָבער וויל דער הערר מיר זאָגען, פון וואנען קומט עס? עס קען דאָך

ניט זיין, אז דאס וואסער פון ים זאל פערוואנדעלט ווערען אין מילך? — האט ער נייגעריג געפרעגט.

— ניין, מיין ליעבער יונגע! — האב איך געענטפערט — פון וואסער ווערט ניט קיין מילך. דער ווייסער קאליר, וועלכען דו בעוואונדערסט, קומט פון מיליארדען ווייסע אינפוזארען, אזעלכע קליינע ברואים'לאך אדער ווערים־לאך, וואס זיינען אזוי דין וויא א האאר. דיא לענג פון אזא בריאה'לע איז א זיעבען טויזענד חלק פון אן אינטש. זייער צאהל איז אבער אזוי פיעל, אז זייענ־דיג צוגעקלעפט איינע צו דיא אנדערע, פערנעהמען זיי אפטמאל א שטרעקע פון איניגע מיילען.

— איניגע מיילען? — איז קאנסייל ערשטוינט געווארען.

— יא, קאנסייל, איניגע מיילען! און דו זאלסט זיך ניט בעמיהען דעם צאהל פון דיעזע אינזעקטען אויסצורעכענען, ווייל דו וועסט עס זיכער ניט קענען בעווייזען. וויא ווייט איך ווייס, זיינען שוין מאנכע שיפען געפאהרען דורך אזא מילך־ים מעהר וויא פערציג מייל.

א פאר שטונדען זיינען מיר געפאהרען דורך דיא ווייסע וועללען. ארום האלבע נאכט זיינען מיר צוריק אריינגעפאהרען אין א געוועהנליכען וואסער, אבער ווייט פון אונז האט זיך נאך אבגעשלאגען דער ווידערשיין פון דעם מילך־מעער.

2טעם קאפיטעל

א נייער פארשלאג פון קאפיטאן נעמא

דעם 28טען יאנואר, ווען דיא "נאטילוס" איז ארויפגעקומען אין דער הויך אויף'ן ים, האב איך בעמערקט אין דיא וועסט־זייט, אומגעפעהר אכט מייל פון אונז, א שטיק לאנד, אויף וועלכע עס געפינען זיך בערג ביז א צוויי טויזענד פוס הויך. איך בין ארונטערגעגאנגען נאכזעהן אויף דער קארטע, וואס פאר א טרוקענע ערד עס זעהט זיך דארט, און איך האב אויסגעפונען, אז מיר זיינען נעבען אינזעל ציילאן, דער פערל פון אינדיען, וויא מען רופט עס.

איך האב גענומען א בוך, אין וועלכען דיעזער נאטור־רייכער אינזעל ווערט בעשריעבען און איך האב איהם אנגעפאנגען לעזען. פלוצלונג איז קאפיטאן נעמא צו מיר אריינגעקומען.

— דער אינזעל ציילאן — האט דער קאפיטאן צו מיר געזאגט — איז בעריהמט מיט דיא פישערייי פון פערל, וועלכע מען געפינט אפט אין דיא אונ־טערגע וואסערען. וואלט איהר חשק געהאט, הערר ארנאקס, אנטהייל צו נעהמען אין אזא פישערייי?

— געוויס, הערר קאפיטאן! — האב איך געענטפערט.

— זעהר גוט! — האט נעמא צופריעדען געזאגט — דאס קען לייכט אויס־

געפיהרט ווערען. דיא פישערייען קענען מיר שוין זעהן, אָבער ניט דיא פישער, ווייל דיא לייטע נעהמען זיך געוועהנליך צו זייער ארבייט ערשט מיט א מאָנאט שפּעטער. דאָס מאכט אָבער ניט אויס. מיר ווילען דערווייל אריינפאָהרען אין מאנאאר גאָלף. מיר קומען אהין נאָך דיעזע נאכט.

דער קאפּיטאן האָט עפּעס א זאָג געטהאָן צו זיין לייטענאנט, וועלכער איז באלד ארויסגעגאנגען און דיא שיף איז געזונקען אונטען אין וואסער. דער מאָ־נאָמעטער האָט געצייגט אז מיר געפינען זיך אין דיא טיעפענים פון דרייסיג פוס.

— הערר פּראָפעסאָר! — האָט דאן נעמאָ צו מיר געזאָגט — עס זיינען פאראן אייניגע געגענדען וואו מען זוכט און מען געפינט פּערלען, אָבער דאָ ביי דעם אינזעל ציילאָן איז דער הויפּט צענטער פון דיעזען קאָסטבארען ארטיקעל. דאָ קומען זיך צוזאמען, צו א בעשטימטע צייט פון יעדעס יאָהר, ביי א דריי הונדערט שיפלאך בעזעצט מיט פּערל פאנגער. זיי לאָזען זיך ארונטער אויף א טיעפענים פון א דרייסיג פוס און זיי פאנגען דאָרט דיא פּערל־מושעלען.

— איך גלויב — האָב איך געזאָגט — אז אונזערע טויכער־אפּאראטען וואָל־טען זעהר גוט געווען פאר דיעזע ארבייט.

— גאנץ געוויס! דיא אָרימע פישער קענען זיך טיעף ניט ארונטערלאָזען און זיי קענען אונטער'ן וואסער לאנג ניט פערבלייבען. אָה, ווען דיא אָרימע קערלען האָבען אונזערע אפּאראטען, וואָלט זיי זייער ארבייט א סך לייכטער אנגעקומען און זיי וואָלטען פיעל, זעהר פיעל מעהר פּערלען געפונען.

— יא, דאָס איז זעהר א טרויעריגע בעשעפטיגונג! — האָב איך מיט בעדויערען געזאָגט — און צו וואָס דארף מען עס אין גאנצען? ווארום ריזיקירען מענשען מיט זייער לעבען ביי דיעזע בעשעפטיגונג? בלויז צו בעפריעדיגען דיא נארישע מאָדע פון דיא רייכע, און דאָס איז ווירקליך טרויעריג. אָבער זאָגט מיר, הערר קאפּיטאן, וויפיעל מושעלען קען א שיפעל פאנגען אין פערלויף פון א טאָג?

— עטליכע צעהנדליגע טויזענדער! — האָט דער קאפּיטאן געענטפערט.

— פערדיענען דיא פישער גוטעס געלד?

— א קלייניגקייט! אין פאנאמא, צום ביישפּיעל, קען א פּערלען־פישער פערדיענען אפשר א דאָלאר א וואָך. מען צאָהלט זיי דאָרט פער שטיק, א געווי־סען קליינעם פּרייז פאר יעדען מושעל וואָס ער ברייננגט ארויף און ער ענטהאלט אין זיך א פּערל, פאר דיא לעערע אָבער בעקומען זיי גאָר ניט און זיי מאכען דארום אויס זעהר ווייניג.

— עס איז צום בעדויערען! — האָב איך געזאָגט.

— אלזאָ, הערר פּראָפעסאָר — האָט נעמאָ זיך אָבגערופען — מאָרגען גאָנץ פריה ווילען מיר אין דיא בעגלייטונג פון אייערע קאָמעראדען דיא פּערל־פי־שערייען אין מאנאאר בעזוכען. פיליכט ווילען מיר דאָרט אָנטרעפען איינעם

פון דיא לייטע, וועלען מיר האָבען דיא געלעגענהייט צו זעהן וויא אזוי דיא ארבייט געהט אָן. יא, נאָך א זאך: האָט איהר מורא פאר האי־פישען?

— האי־פישען! — האָב איך מיט שרעק אויסגערופען — איך מוז אייך זאָגען, הערר קאפּיטאן, אז פאָרלויפיג בין איך מיט דיעזע ברואים גאָר ווייניג וואָס בעפריינדעט.

— עס מאכט ניט אוים! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט — מיט דער צייט וועט איהר זיך צו זיי צוגעוואָהנען. איבריגענס איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך. מיר זיינען גוט בעוואפענט און אויב עס זאָל זיך מאכען אין וועג צו בעגעגנען א האי־פיש, וואָלט עס געווען א גאנץ אינטערעסאנטע יאגד. אלזאָ צום ווידער־זעהן מאָרגען פריה.

דער קאפּיטאן האָט דיא לעצטע ווערטער וועגען האי־פישען ארויסגערעדט אזוי לייכט און גלייכגילטיג, אקוראט וויא ער זאָל רעדען וועגען היהנער אָדער אנדערע שטוב־עופות, און ער איז זיך ארויסגעגאנגען. אויף מיר איז אָבער, אין אמת זאָגענדיג, א מורא געפאלען. א האי־פיש! דאָס איז דאָך פירכטליכער און געפעהרליכער וויא א לייב אָדער א טיגער. ווען עס קומט אוים צום קעמפּפען מיט א לייב אָדער מיט א טיגער זיינען זיי דאָך וויינינגסטענס אויף דער יבשה, אויף אונזער אייגענעם עלעמענט, אָבער זיך שטעלען מלחמה האלטען מיט א האי־פיש אין וואסער, וואו דיעזער שרעקליכער רויבער בעוועגט זיך פריי, ווערהענד מיר דארפען טראָגען אויף זיך אונזער שווערע וואסער־הלבשה, אזא אונטערנעה־מונג איז נאָך מעהר וויא געפעהרליך! א קאלטער שוויים האָט בעגאָסען מיין געזיכט. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אין דיא געדאנקען, וויא האי־פישען מיט זייערע אונגעהייער גרויסע אָפענע מיילער און שאַרפע צייהן שטעהען געגען מיר פערטיג מיך איינצושלינגען. עס איז דורכגעגאנגען א קעלט איבער מיין לייב און מיר האָט זיך געדאכט אז איך פיהל שוין דעם וועהטאָג פון דעם ביס פון דעם דאָזיגען ים־מזיק. איך האָב זיך נור געטרייסט דערמיט, אז קאָנסייל וועט אין אזא שפּאציר־גאנג ניט וועלען איינטהייל נעהמען און דאן וועל איך אויך קענען האָבען אן אויסרייד זיך צו ענטשולדיגען און אין שיף פערבלייבען. וואָס אָנבעלאנגט מיין צווייטען קאמעראד נעד לענד, בין איך געווען זיכער, אז ער וועט זיך דערפון ניט ענטזאגען, ווייל ער האָט אויסגעקוקט צו האָבען א שטיקעל מלחמה מיט א האי־פיש. ביי דעם קעניג פון דיא הארפּוניסטען איז אזא זאך דער גרעסטער פערגעניגען געווען.

איך האָב געוואָלט צוריק נעהמען לעזען מיין בוך, אָבער אומזיסט! מיינע געדאנקען זיינען געווען צושטערט און קוקענדיג אין בוך, האָבען זיך מיר פאר דיא אויגען פאָרגעשטעלט האי־פישען. אין דיעזען אויגענבליק זיינען קאָנסייל און לענד צו מיר אריינגעקומען.

— אויף מיין וואָרט, הערר פּראָפעסאָר! — האָט לענד אויסגערופען —

דער קאפיטאן נעמא, דער טייפעל זאל איהם נעהמען, האט אונז אן אויסגע־צייכענטען פארשלאג געמאכט. מארגען גאנץ פריה, האט ער פארגעשלאגען, מיר זאלען דיא פערל־פישערייען פון ציילאן בעזוכען.

— און מעהר האט ער אייך גאר ניט געזאגט? — האב איך געפרעגט.

— ניין, מיין הערר. ער האט בלויז געזאגט, אז ער האט שוין מיט אייך וועגען דעם איבערגערעדט.

— יא, געוויס! — האב איך האלב צומישט געזאגט — אבער האט ער אייך ניט אויפמערקזאם געמאכט וועגען...

— קיין זאך ניט, הערר פראפעסאר. וועגען וואס מיינט איהר?

איך האב געשוויגען. און לענד ניט בעקומענדיג קיין אנטווארט אויף זיין פראגע, האט ווייטער געפרעגט:

— ועט איהר מיטגעהן, הערר פראפעסאר?

— זעלבסטפערשטענדליך, אהן צווייפעל! איך זעה, אז אייך געפעלט עס זעהר גוט, אבוואהל וויא איך גלויב, איז עס פיליכט געפעהרליך.

— געפעהרליך? וואס רעדט איהר, הערר ארנאקס? פאר וועמען האבען מיר מורא צו האבען אין ים?

איך האב גערעכענט, אז עס וועט זיין אן איבעריגע זאך צו ווארפען אויף מיינע קאמעראדען א מורא, בפרט אז איך האב איינגעזעהן, דאס דער קאפיטאן האט זיי גאר ניט דערמאהנט וועגען דיא האי־פיש און עס האט מיר ניט גע־פאסט צו רעדען וועגען דעם, ווייל דאס וואלט דאך געהייסען, אז איך רעד זיי אב פון א זאך וואס אונזער ווירטה, קאפיטאן נעמא פערלאנגט. איך האב דארום אויף לענד'ס לעצטע פראגע קיין אנטווארט געגעבען.

— פיליכט וועט דער הערר אזוי גוט זיין און אונז ערקלערען עטוואס גענויערעס וועגען דיא פערל פישעריי? — האט מיין נייגעריגער דיענער א פרעג געטהאן.

— יא, יא! — האט לענד בעשטעטיגט — איידער מען געהט זעהן א זאך שאדעט קיינמאל ניט אלעס מעהר און ריכטיגער וועגען דעם צו וויסען. אלזא, וואס איז אייגענטליך א פערל?

— מיין ליעבער לענד — האב איך געזאגט — ביי דיא פאעטען הייסט א פערל, א טרעהר פון ים; ביי פרויען איז עס א ציערונג, וואס זיי טראגען אויף דיא פינגער, האלדז און אויערען; דער בעמיקער זאגט, אז א פערל איז א צוזא־מענמישונג פון פאספאר־זויערע און קאהלען־זויערע זאלצען מיט א ביסעל ליים, און ענדליך — פאר'ן נאטור־פארשער איז עס גאר א מין קראנקהייט, א מין געשוויר אדער בלאטער ביי א געוויסען זארט אויסטערס, וואס לעבען צווישען צוויי הארטע דעקלאך. עס זיינען פאראן אזעלכע וואס גיבען ארויס פערל־מוטער פון פערשיעדענע קאלירען, אבער דיא פערל־אויסטער איז געוועהנליך דיא בעסטע.

דיא פערלען געפינען זיך אמאל צוגעקלעפט אינוויינינ צו דיא דעקלאך און אמאל צום אויסטער, צו דער חיה'לע גופא וואס ליגט דארט.

— טרעפט עס אויך, אז מען געפינט מעהרערע פערלען אין איין אויס־טער? — האט קאנסייל געפרעגט.

— יא, קאנסייל! — האב איך געענטפערט — עס פאסירט. מען דער־צעהלט, אבוואהל איך צווייפעל אין דעם, אז מען האט שוין אמאל געפונען אזעל־כע פערל־אויסטערס וואס יעדע האט ענטהאלטען אין זיך בין הונדערט און פופ־ציג האי־פישען!

— כא, כא, כא! — האט זיך לענד פונאנדער געלאכט — הונדערט פופ־ציג האי־פישען און איין אויסטער.

— דער הערר האט מסתמא א טעות געהאט! — האט זיך קאנסייל אב־געררופען.

— יא — האב איך געזאגט — איך האב געוואלט זאגען פערלען. איך וויים ניט וויא אזוי דיא האי־פישען האבען זיך ביי מיר פערפלאנטערט.

— און דער פרייז פון פערל מוז נאטירליך זיין נאך זייער גרויסקייט? — האט קאנסייל געפרעגט.

— ניט גראדע דיא גרוים אליין שפיעלט דא דיא ראלע — האב איך ער־ווידערט — דיא פארמע פון פערל שפיעלט אפט א גרעסערע ראלע וויא זיין גרוים. חוץ דעם מאכט איהם דער פארב און דער גלאנץ אויך טהייערער. דיא שעהנסטע און טהייערסטע פון זיי רופט מען יונגפער־פערלען. מען געפינט זיי אפטמאל איינציגע אין פלייש פון אויסטער. דיעזע זיינען קלאהר ווייס און מעהרסטענטהייל דורכזיכטיג. זייער פארמע איז ענטוועדער רונד אדער לאנג־ליך אזוי וויא דיא פארמע פון א בירנע. דיא טהייערסטע פון זיי ווערען פער־קויפט פער שטיק און דיא ביליגע פערקויפט מען אויף'ן וואג אדער גאר אויף'ן מאס.

— זיינען טאקי פאראן איינציגע פערל וואס האבען א גרויסען ווערטה?

— געוויס! מען זאגט אז דער רוימישער קייזער יוליוס צעזאר האט גע־שענקט זיין כלה אן איינציגען פערל, וואס וואלט נאך יעצטיגע געלד ווערטה געוועזען מעהר וויא צוואנציג טויזענד פראנק.

— איך האב פאר מיין געוועזענע כלה קאטערינא טענדער — האט לענד געלאכט — אויך געקויפט א פערלען־האלדזבאנד פאר איין דאלער און א האלב.

— דאס זיינען ניט געוועזען קיין פערל! — האט זיך קאנסייל אבגערופען

— דאס זיינען געוועזען איינפאך גלעזערנע פאטשערקעס, נאכגעמאכט אזוי וויא פערלען.

— אט דא האט איהר א טהייערען פערל! — האב איך געזאגט צייגענדיג

מיינע קאמעראדען אויף א גרויסען בלישצענדען פערל וואס איז געלעגען אין א גלאז קאסטען. נאך מיין מיינונג איז ער אפשר ווערטה א פאר מיליאן פראנק.

— פיליכט וועט אונז מארגען אויך געלינגען צו געפינען אזא טהייערען פערל!

— פאר וואס ניט? — האב איך געזאגט — עס קען זיין, און דאס וואלט געווען זעהר א גוטע זאך. וויינגסטענס וואלטען מיר עפעס געהאט צו צייגען, ווען מיר וועלען אמאל צוריק אויף דער יבשה קומען. אבער זאגט מיר, הערר לענד, האט איהר קיין מורא פאר האי־פישען?

— איך זאל מורא האבען? — איז דער הארפון ווארפער פערוואונדערט געווארען — ווייסט איהר, אז איך האב אין מיין לעבען שוין אייניגע צעהנדליגע פון דיעזע בעסטיעס געטויטעט?

— אבער איהר דארפט ניט פערגעסען, לענד, אז זיצען אויף א שיפעל און ווארפען אויף זיי אייער געוועהר איז ניט אזא שווערע אונטערנעהמונג וויא קעמפפען מיט זיי אין וואסער.

— געוויס! האט לענד אויסגערופען — אנפיהרען א מלחמה מיט האי־פישען אין וואסער איז א גאנץ שווערע און ריזיקאלישע ארבייט, אבער בלויז פאר אייך און ניט פאר מיר. א האי־פיש איז שטארק, האט א גרויסען און ברייטען מויל מיט שארפע צייהן, אבער ער איז אן אונגעשיקטעס בעשעפעניס. ער מוז זיך אומקעהרען מיט'ן בויך ארויף, ווען ער וויל יעמאנדען איינשלינגען און איידער ער קען עס בעוויזען, האק איך אין איהם אריין מיין הארפון און איך בין מיט איהם פערטיג.

— איהר זיינט א בראוועהר וואלפיש פאנגער און איהר האט פאר קיין זאך קיין מורא ניט — האב איך איהם געגעבען א קאמפלימענט — און דו, קאנסייל, וואס זאגסט דו צו דיא האי־פישען?

— איך? — האט קאנסייל געענטפערט — ווען אהרט עס? — אויב דער הערר האט איינגעשטימט דיעזען שפאציר אונטער'ן וואסער צו מאכען, בין איך אויך פערטיג צו געהן און איך האב פאר קיין זאך קיין מורא ניט.

3טעם קאפיטעל

א פערל פון צעהן מיליאנען

אויף מארגען אום פיער דעם זייגער אין דער פריה האט מיך דער סטוארט אויפגעוועקט און מיר געגעבען צו וויסען, אז דער קאפיטאן ווארט אויף מיר. איך האב אנגעצויגען מיינע בגדים און איך בין אריין אין זאאל. איך האב דארט ווירקליך דעם קאפיטאן געטראפען.

— הערר אראָנאקס — האָט ער צו מיר געזאָגט — זיינט איהר פערטיג צו געהן?

— יא, איך בין פערטיג.

— דאן זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר.

— און מיינע קאמעראַדען, הערר קאפּיטאן?

— איך האָב זיי שוין צו וויסען געגעבען — זיי ווארטען פאר אונז.

— וועלען מיר שוין געהן אָנטהאָן דיא טויכער־בגדים?

— נאָך ניט, הערר פּראָפעסאָר! איך האָב אונזער שיף ניט געוואָלט צופיהרען נאָהענט צום ברעג און מיר געפינען זיך פאָרלויפיג אין מיטען ים, א היבשע שטרעקע ווייט פון מאנאאר גאָלף. מיר וועלען ביז צו דעם ריכטיגען פונקט צופאָהרען אין א קליינע שיפעל, אין וועלכע עס געפינען זיך שוין אלע נויטווענדיגע אפּאראטען און אלעס וואָס ווערט געברויכט ארונטערצולאָזען זיך אונטער'ן וואסער.

איך בין מיט'ן קאפּיטאן ארויף אויף'ן פּלאטפאָרם. לענד און קאָנסייל זיינען שוין דאָרט געווען. פינף מאטראָזען זיינען געזעסען פערטיג ביים רודער אין דער קליינער שיפעל, וואָס איז געווען אראָבגעלאָזט און בלויז צוגעבונדען צו דער "נאָטילוס".

עס איז נאָך געווען גאנץ דונקעל. שטיקער וואָלקען האָבען זיך געצויגען אונטער'ן הימעל און פערדעקט דיא בלייכע שטערען. דער ברעג האָט זיך פון גאנץ ווייט געזעהן אזוי וויא א געלבליכער שטריך. צווישען דיעזען ברעג און דעם מאנאאר אינזעל פליסט דורך א מעער־קאנאל, אין וועלכען עס געפינט זיך דיא פּערלען־פישעריי, אויף א שטרעקע פון אריבער צוואנציג מייל.

קאפּיטאן נעמאָ, איך און מיינע קאמעראַדען זיינען געזעסען אין הינטער־שטען טהייל פון שיפעל. דיא מאטראָזען האָבען זיך געזעצט אויף זייערע פּלעצער אין פאָדערשטען טהייל. מען האָט דיא שטריק אָבגעבונדען און מיר זיינען אָבגעפאָהרען.

דיא מאטראָזען האָבען געטריבען דיא שיפעל לאנגזאם און מיר האָבען זיך ביסלעכווייז דערנעהענטערט צום ברעג. מיר זיינען אלע געזעסען שטיל, יעדער פערטיעפט אין געדאנקען. קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך וואהרשיינליך גע־ערגערט וואָס ער קומט צו נעהענטער צו לאנד, א זאך וואָס איז ביי איהם פערהאסט. לענד איז וואהרשיינליך צופריעדען געווען וואָס ער קומט נאָהענט צו זיין ליעבלינג — טרוקענע ערד און איך און קאָנסייל האָבען בעטראכט און בעוואונדערט דיא אומגעגענד.

ארום האלב נאָך פינף דעם זייגער איז דער הימעל העלער געוואָרען פון דיא ערשטע מאָרגען־שטראהלען און מיר האָבען דעם ברעג דייטליכער געזעהן און געקענט גענויער בעטראכטען. פון איין זייט איז ער געווען ציעמליך פלאך, וועהרענד ווייטער צו אָסטען איז דער אינזעל געווען עטוואָס העכער. צווישען

אונז און דאָס לאַנד איז דער ים געווען גאַנץ לעער. קיין שיפעל, קיין לעבעדיגע פערזאָן איז ניט געווען צו זעהן. יענע געגענד, וואָס שוויבעלט אין גריבעלט אין דער צייט פון פערלען־געפאנג, איז געווען איינזאם און פערלאָזען. עס איז באלד העלער טאָג געוואָרען און אונזער שיפעל איז געקומען ניט ווייט פון דעם אינזעל מאנאאר און מיר האָבען איהם דאן בעטראכט אויף אזוי ווייט וויא אונזערע אויגען האָבען געקענט בליקען.

אויף א בעפעהל פון קאפיטאן נעמאָ איז דער אנקער ארונטער געלאָזט געוואָרען. דאָס וואסער איז דאָרט געווען זעהר פלאך, פיליייכט בלויז א דריי פוס טיעף. דיא קיים וואָס האלט אויף דעם אנקער האָט זיך בלויז אביסעל ארונטערגעלאָזט און דיא שפיצען פון אנקער האָבען שוין געשטעקט אין גרונד פון ים.

— יעצט זיינען מיר אויף'ן פלאַץ! — האָט דער קאפיטאן געזאָגט — זעהט איהר דאָרט, הער אראָנאקס, דיא בוכטע? דאָס איז דער פלאַץ, וואו אין א מאָנאט ארום וועלען זיך הונדערטע שיפלאך מיט פערלען־פאנגער פער־זאמלען, אצינד אָבער זיינען מיר דאָ דיא איינציגע, און לאָמיך אייך זאָגען, אז היינט איז זעהר א גוטער טאָג פאר פערלען־פישעריי. דער וועטער איז נאָך בעסער וויא געוואונשען און איך האָף, אז מיר וועלען אויף דיעזער פערלען־יאגד גוט אויסמאכען. יעצט לאָמיר אָנטהאָן דיא טויכער־קליידער און גלייך צו דער ארבייט.

איך האָב דערויף גאָר ניט געענטפערט. און קוקענדיג אויף דיא וועללען, אונטער וועלכע, איך האָב געדענקט, געפינען זיך זיכער האי־פישען און אנ־דערע געפעהרליכע ברואים, האָב איך א צושראָקענער, מיט דיא הילף פון א פאָר מאטראָזען אָנגעצויגען דיא ים־קליידער. קאפיטאן נעמאָ און מיינע קאמע־ראדען זיינען באלד אויך געווען אָנגעטהאָן אין דיא זעלבע קאָסטיומען.

איידער איך האָב אָנגעטהאָן דעם מעטאלענעם קאָפּ־שייד, האָב איך זיך ארומגעזעהן, אז קיין בעלייכטונגס אפאראטען האָבען מיר ניט. איך האָב ווע־גען דעם געפרעגט דעם קאפיטאן און ער האָט מיר געענטפערט:

— דאָס איז יעצט ניט נויטיג. אין קיין גרויסע טיעפענים וועט אונז ניט אויסקומען אראָבצושטייגען. אין דיעזע געגענד איז דער ים איבעראל פלאך און דאָס ליכט פון דיא זונען שטראהלען איז פאָלקאָם גענוג צו בעלייכטען אונז דעם וועג און צו זעהן וואָס אונטער'ן וואסער טהוט זיך. אויסער דעם איז אין דיעזע וואסערען אביסעל ריזיקאליש מיטצונעהמען עלעקטרישע בע־לייכטונג, וועלכע קען צוציהען מאנכע געפעהרליכע ים־ברואים וואָס געפינען זיך דאָ.

איך האָב געוואָרפען א בליק אויף קאנסייל און לענד, אום צו הערען וואָס

זיי זאָגען דערויף, אָבער זיי האָבען שוין געטראָגען אויף זייערע קעפּ דיא קו־פּערנע העלמס מיט דיא געזיכט־פּאנצערס און זיי האָבען קיין זאך געקענט הערען אָדער אנטוואָרטען.

— און אונזערע געוועהר, אונזערע ביקסען? — האָב איך געפרעגט.

— צו וואָס דארפען מיר געוועהר? — האָט נעמאָ געענטפערט — מיר געהען דאָך ניט אויף א יאגד צו שיסען טהיערע! אום צו פערטהיידיגען זיך געגען טהיערע זיינען גענוג דיעזע מעסערס, וועלכע יעדער פון אונז נעהמט מיט. איז ניט שטאָהל שטארקער און זיכערער וויא בלאי? שטעקט אריין אייער מעסער אונטער'ן גארטעל און מיר פאנגען אָן צו געהן.

באלד נאָכדעם האָט מען אונז אָנגעטהאָן דיא קופּערנע שיידען אויף דיא קעפּ. איך האָב א קוק געטהאָן אויף מיינע קאמעראדען און איך האָב געזעהן, אז זיי זיינען אויך בעוואפענט מיט ברייטע מעסערס, נור לענד האָט נאָך דערצו געהאלטען אין האנד א גרויסען הארפּון, וועלכען ער האָט פון שיף מיטגענומען.

מיר זיינען דאן אלע ארוים פון שיפעל און געבליבען שטעהן אויף א זאמ־דיגען גרונד, וואָס איז געוועזן בלויז אייניגע פוס אונטער'ן וואסער. נעמאָ האָט אונז געגעבען א צייכען מיט'ן האנד, אז מיר זאָלען איהם נאָכפאָלגען און מיר זיינען באלד ארונטער טיעפער אונטער'ן וואסער.

דער געפיהל פון מורא איז דאן פון מיינע געדאנקען פערשוואונדען. איך האָב זיך אליין בעוואונדערט, וואָס איך בין פּלוצלונג אזוי רוהיג געוואָרען. עס איז מיר גאנץ לייכט און בעקוועם געוועזן צו בעוועגען זיך און דאָס האָט מיר צוגעגעבען מוטה אָנצוטרויען מיינע קרעפטען און מיין פלינקקייט, אז זיי וועלען מיך רעטען אין צייט פון געפאהר.

דיא זונען שטראהלען האָבען דורכגעדרונגען דאָס וואסער און עס איז אזוי ליכטיג געוועזן, אז מיר האָבען פון ווייטענס געקענט זעהן דעם קלענס־טען געגענשטאנד. נאָך א שפּאציר פון א צעהן מינוטען צייט בארג אראָב זיינען מיר געקומען אין א טיעפענים פון אריבער 18 פוס. דאָרט איז שוין דער באָדען געוועזן גלייך, אזוי וויא א גלייכע שטיק לאָנקע.

פון אונטער אונזערע פיס זיינען, אזוי וויא זומפּ־פויגלאך, ארויסגעפלויגען מאסען מערקווירדיגע פיש און קליינע ים־שלאנגען. דיא אויפשטייגענדע זונן האָט אלץ מעהר און מעהר בעלויכטען דיא וואסערען. דער באָדען האָט זיך ביסלעכווייז געענדערט. אָנשטאָט דעם גלייכען זאמדיגען גרונד, זיינען מיר געגאנגען דורך אן אונטערוואסערדיגען וועג, וואָס איז פון ביידע זייטען אָב־געגרענעצט מיט פעלזען, וועלכע זיינען געוועזן בעדעקט מיט מאָלוסקען און טהיער־פלאנצונגען. איבער זיי זיינען אומגעשוואומען מאסען העסליכע ברואים.

מיר האָבען דאָרט בעגעגענט דעם געווייסען ריעזען־קרעבס, וועלכען דער גרויסער נאַטור־פאָרשער דארווין האָט בעשריבען. עס איז געוועזן א שרעק צו קו־

קען אויף איהם, וויא ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאנגע, העסליכע פיס מיט וועלכע ער קען א מענשען לייכט ארומנעהמען. דיעזע בעשעפענים פרעסט זעהר גערן קאָקאָס־ניס. אום דיעזע פרוכט צו בעקומען, כאפט ער זיך ארויס אויף׳ן ברעג, קלעטערט ארויף אויף א בוים און שליידערט ארונטער דיא ניס, וועלכע ווערען צושפּאָלטען פון פאל, דאן עפענט ער דיא שאָלאכץ און שלעפּט ארויס דעם יאָדער. מיר האָבען דאָרט אויך בעגעגענט קלענערע און גרעסערע ים־ברואים, פון וועלכע עס שלאָגט אָב אן עלעקטרישע ליכט, און אויך שעהנע, גלענצענדע, פיעל־פארביגע מינים פיש און קליינע טהיערע.

א שטונדע שפּעטער זיינען מיר ענדליך געקומען צום אָרט וואו דיא פּערל־מושעלען געפינען זיך. דיא שיסעלאך פון דיא מושעלען זיינען רונד, דיק, בעדעקט מיט קנייטשען און שטארק בעפעסטיגט איינע צו דיא אנדערע. קאפּיטאן נעמאָ האָט אונז מיט׳ן האנד אָנגעצייגט אויף דיעזע אונענדליכע אוצרות וואָס וואלגערען זיך אין ים. לענד האָט דערווייל אָנגעקליבען שעהנע מאלום־קען שיסעלאך און זיי בעהאלטען אין דעם קליינעם נעץ, וואָס ער און קאָנסייל האָבען מיטגענומען. מיר זיינען לאנג ניט פערבליבען שטעהן אויף איין אָרט, ווייל מיר האָבען געמוזט נאָכפאָלגען דעם קאפּיטאן, וועלכער האָט זיך אלץ געצויגען ווייטער און ווייטער, וואהרשיינליך צו א געוויסען ציעל. דער באָדען איז ביסלעכוויז ווידער געוואָרען אלץ העכער און העכער און מיר זיינען געגאנגען בארג ארויף ביז מיר זיינען געקומען אזוי הויך, אז איך האָב מיין האנד געקענט אויפהויבען אויסער׳ן וואסער. דאן האָבען מיר ווידער אָנגעפאנגען צו געהן בארג אראָב, צווישען שפּיציגע פעלזען מיט טיעפע לעכער, וואָס האָבען געדיענט אלס נעסטען פאר קליינע ים־בעשעפעניסען.

אין דיעזען מאָמענט האָט זיך פאר אונזערע אויגען געעפענט א גרויסע הייהל, וועלכע דיא נאטור אליין האָט קונסטפאָל אויסגעבויט פון פעלזען, וואָס זיינען געוועזען בעדעקט מיט דיא פראכטפאָלסטע ים־בלומען. איך האָב אָנפאנגס געדענקט, אז אינוויינינג איז גאנץ פינסטער, ווייל דיא זונען־שטראהלען קענען אהין ניט אריינדרינגען, אָבער דער פאל איז ניט אזוי געוועזען. קאפּיטאן נעמאָ איז אריין אין דיעזער הייהל און מיר האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. ביים ערשטען אריינגאנג איז מיר ווירקליך פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען און איך האָב קיין זאך ניט געזעהן, אָבער איך האָב זיך באלד צו דיעזע דונקעלהייט צוגעוואָהנט און איך האָב דיא ארומיגע געגענשטאנדען פּינקטליך און דייטליך געזעהן. איך האָב בעטראכט דיא דאָזיגע הייהל, וויא זיא איז געבויט אזוי וויא א געוועלב, וואָס איז געשטיצט אויף זיילען. דיעזע נאטור־געביידע איז געוועזען אזוי שעהן און פרעכטיג אזוי וויא דאָס וואָלט אויפגעבויט געוואָרען פון דיא גרעסטע קינסטלער־ארכיטעקטען. נאָך א לענגערען גאנג זיינען מיר אריינגעקומען אין א גרויסע רונדען טהאָל. דער קאפּיטאן האָט זיך אָבגעשטעלט און

אונז אָנגעצייגט מיט דער האנד אויף א געגענשטאנד, וועלכען איך האָב אָנ־פאנגס ניט בעמערקט. דאָס איז געווען א ריעזען־אויסטער, מעהר וויא זיעבען פוס לאנג, וועלכער איז געלעגען בעפעסטיגט אויף א גראניט אין מיטען פון הייהל. איך האָב געשאצט זיין וואָג בערך 600 פונט.

וויא איך האָב פערשטאנען, איז קאפּיטאן נעמאָ שוין ניט דעם ערשטען מאָל אין דיעזער הייהל. ער האָט אונז וואהרשיינליך אהין געפיהרט, אום צו ציינען אונז דעם מערקווירדינען אויסטער, וואָס איזווירקליך געווען צו בע־וואונדערען. דיא דעקלאך וואָס בעשיצען דיא :וייכע חיה, וואָס ליגט אינ־וויינינ, זיינען גראדע געווען אביסעל אָפען. דער קאפּיטאן האָט אין שפּאלט ארייננעשטעקט זיין ברייטען מעסער, אום דער אויסטער זאָל זיין וואָהנונג ניט קענען צושליסען. דאן האָט ער מיט דיא הענד אויפגעהויבען דיא דיקע הויט, מיט וועלכער דיא בעשעפענים איז ארומגעוויקעלט אזוי וויא מיט א ברייטען מאנטעל און איך האָב מיט ערשטוינען דערזעהן, אז צווישען דיא פאלדען פון זיין גרויסען קערפּער ליגט א פּערל גרויס אזוי וויא א קאָקאָס־נוס. דיא עכט רונדע פאָרם פון דעם פּערל, זיין פאָלקאָמענע קלאָרהייט, גלענצענדער קאָליר און דורכזיכטינקייט איז געווען אזוי פּראכטפאָל, אזוי ערהאבען, אז איך האָב געשאצט זיין ווערטה ניט וויינינער וויא צעהן מיליאָן פראנק. אויס נייגעריג־קייט האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האנד און געוואָלט בעריהרען דעם דאָזינען אונטערוואסערדינען אוצר, אָבער קאפּיטאן נעמאָ האָט מיך צוריקגעהאלטען. ער האָט דאן זיין מעסער ארויסגעצויגען און דיא ביידע דעקלאך האָבען זיך צוזאמענגעשלאָסען.

איך האָב פערשטאנען, אז נעמאָ וויל דיעזען פּערל לאָזען ליגען אין קער־פּער פון טהיר, אום ער זאָל נאָך מעהר אויסוואקסען, ביז ער וועט איהם אמאָל צונעהמען אין זיין מוזעאום.

מיר זיינען ענדליך ארויס פון הייהל. אביסעל שפּעטער זיינען מיר ארייין אין עטוואָס א טיעפען טהאָל. איך האָב שוין געהאט פערגעסען מיין פריהער־דינע שרעק וועגען דיא געפאהרען וואָס שטעהען אונז פאָר און וואָס מיין פאנ־טאזיע האָט נאָך איבערטריבען אויף צעהנדלינע מאָל אזוי פיעל. איך בין שוין געווען פאָלשטענדינ בערוהיגט און איך האָב מעהר געדענקט וועגען דעם אונ־געהייער גרויסען פּערל, וויא וועגען דיא האיפישען. פּלוצלונג איז קאפּיטאן נעמאָ געבליבען שטעהן און געגעבען א וואונק, איך זאָל זיך נעבען איהם איינ־בויגען צום באָדען. איך האָב אזוי געטהאָן און נעמאָ האָט מיר אָנגעצייגט אויף א פּונקט וואוהין איך זאָל קוקען. איך האָב מיינע אויגען געווענדעט צו דעם פּלאַץ, וואו ער האָט מיר אָנגעוויזען און איך האָב אויפ'ן גרונד פון ים דערזעהן א שאָטען פון א לאנגען געגענשטאנד. דעם ערשטען מאָמענט בין איך זעהר דער־שראָקען געוואָרען. איך האָב געדענקט, אז א האי־פּיש שווימט ערגיץ ניט

ווייט און ער וועט אונז בעפאלען. איך האב א ציטער געטהאן מיט אלע גליע־דער און א קעלט איז אריבער מיין לייב. אבער באלד האב איך זיך ארומגע־זעהן, אז איך האב א טעות, אז מיר האבען דא ניט צו טהאן מיט א געפעהר־ליכעם טהיער פון ים.

דאס איז ניט געוועזען קיין האי־פיש, זאנדערן א מענש, אן איינפאכער ארעמער אינדיע'ר, וועלכער איז געקומען צו פאהרען מיט א קליינע שיפעל און ער האט זיך ארונטערגעלאזט אין וואסער זוכען פערל־אויסטערס. איך האב געזעהן וויא דער מאן האט זיך צוגעהאלטען מיט דיא פיס אן א שווערען שטיין וואס איז געהאנגען אויף א שטריק צוגעבונדען צו זיין שיפעל, ער האט אנגעכאפט אין א זאק אביסעל מושעלען, וואס זיינען איהם אין דיא הענד גע־קומען און ער האט זיך צוריק אויף'ן שיפעל ארויפגעכאפט. מעהר וויא א דריי־סיג סעקונדען איז דער מאן אונטער'ן וואסער ניט געוועזען.

אונז האט דער מאן ניט געזעהן. מיר זיינען געשטאנען הינטער א פעל־זען און צוגעקוקט וויא אזוי ער לאזט זיך ארונטער און הויבט זיך צוריק אויף. איהם, דעם אינדיע'ר האט געוויס ניט געקענט אויף'ן זינען קומען, אז אונטער'ן וואסער זאלען זיך געפינען מענשען, וועלכע שטעהען גאנץ רוהיג אזוי וויא אויף א פרייען פעלד און בעאבאכטען זיינע בעוועגונגען.

איינינע מאל האט זיך דער מאן ארונטערגעלאזט. מעהר וויא א דוצענד מושעלען האט ער יעדעס מאל ניט בעקומען, ווייל זיי ליגען מעהרסטענטהייל צוגעפעסטיגט צו דיא פעלזען און עס דארף נעהמען עטוואס צייט ביז מען רייסט זיי אב. נאך אלעמען איז זעהר זעלטען צו געפינען אזעלכע וואס ענט־האלטען כאטש דעם קלענסטען פערל, און דיא ארבייט פון ארימען פישער איז דאס רוב ארויסגעווארפען.

מיר איז זעהר אינטערעסאנט געוועזען דיעזע סצענע צו בעטראכטען און איך בין א היבשע ביסעל צייט געשטאנען און געקוקט אויף דעם אינדיער'ס בעשעפטיגונג. מיט אמאל האב איך דערזעהן וויא ער שפרינגט אויף פון גרונד און קלעטערט צוריק צו זיין שיפעל, נאך איידער ער האט אפילו איין מושעל אויפגעהויבען.

איך האב באלד אויך דערקענט דיא אורזאכע פון זיין פלוצלונגען שרעק. א ריעזענהאפטער שאטען האט זיך בעוויזען איבער'ן ארימען פישער. שנעל וויא א בליץ איז צוגעשוואומען א מעכטיגער האי־פיש. זיינע ווילדע אויגען האבען געברענט וויא פייער און זיין שרעקליכער מויל איז געוועזען ברייט אפען. פון גרוים שרעק האב איך זיך פון ארט ניט געקענט ריהרען. אין א ווייל־ע ארום האב איך געזעהן וויא דער אונגליקליכער מאן דרעהט זיך ארוים כמעט פון אונטער דעם רויב־טהיער'ס מויל, אבער דער שוידערליכער מזיק האט

איהם דערלאנגט א שטארקען קלאפּ מיט זיין מעכטיגען עק און דער מאַן איז ארונטערגעפאלען צום באָדען פון ים.

דיא גאנצע סצענע האָט קוים א פּאָר מינוטען געדויערט. דער האי־פיש האָט זיך אומגעדרעהט אויף זיין רוקען און איז שוין געווען פערטיג זיין אָפּ־פער איינצושלינגען. דיא בלוט איז מיר פערקיהלט געוואָרען קוקענדיג אויף דיעזער שוידערליכער סצענע. קאַפּיטאן נעמאָ, וועלכער איז געלעגען נעבען מיר, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען און האלטענדיג זיין ברייטען מעסער אין האנד איז ער שנעל געלאָפען געגען דער שרעקליכער חיה אָנצופיהרען מיט איהר א קאמפּף.

אין דיעזען אויגענבליק, ווען דער האי־פיש האָט שוין אויסגעשטעלט זיין מויל אויף דעם אונגליקליכען פישער, האָט ער דערזעהן זיין נייעם געגנער. ער האָט זיך אומגעדרעהט צוריק אויף'ן בויך און זיך א וואָרף געטהאָן צום קאפּי־טאַן. נעמאָ איז געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט קאלטבלוטיג, אזוי וויא ער זאָל דאָ האָבען צו טהאָן מיט א האָז אָדער אירגענד וועלכע אנדערע קליינע בעשעפענים. ווען דער האי־פיש איז צו איהם נאָהענט צוגעקומען, האָט נעמאָ ארייגעשטאָכען זיין ברייטען מעסער אין זיין בויך. אָבער ער האָט דערמיט גאָר ניט אויפגעטהאָן. דער קאמפּף האָט זיך ערשט אָנגעפאנגען. א האי־פיש קען מען ניט פּטור'ן מיט שטעכען אין בויך. דאָס מאכט איהם נור זעהר בייז, אָבער שאדען שאדעט עס איהם וויניג. אום צו טויטען דיעזען אונגעהייער גרויסען מזיק מוז מען איהם טרעפען פּונקט אין ברוסט, זאָנסט מאכט מען נאָך פיעל ערגער. גאנצע שטראָמען בלוט האָבען זיך פון דעם פערוואונדעטען האי־פיש געגאָסען, ביז דאָס וואסער איז ארום איהם רויט געוואָרען און ער האָט זיך געצאפּעלט מיט אזא שרעקליכען וואוטה, אז מיר האָט אויסגעוויזען דאָס מיר זיינען אלע פערלאָרען.

אין דעם דונקעלען וואסער צומישט מיט בלוט, האָב איך בעמערקט וויא קאַפּיטאן נעמאָ האלט דעם טהיער ביי איינעם פון זיינע פלוס־פעדערען און ער שטעכט איהם יעדען אויגענבליק מיט'ן מעסער, אָבער ער טרעפט איהם אלץ ניט אין ריכטיגען פּלאַץ. דאָס וואסער ארום האי־פיש האָט געקאָכט אזוי וויא אין א קעסעל פון זיין צאפּלען זיך און אָט, אָט האָט זיך מיר געדאכט, פאלען מיר אלע אלס זיינע קרבנות.

אזוי וויא א פערשטיינערטער בין איך געשטאנען און צוגעקוקט דעם פורכטבארען קאמפּף. איך האָב געוואָלט ציהען מיין מעסער און קומען דעם קאַפּיטאן צו הילף, אָבער איך בין געווען אזוי וויא פּאראליזירט און איך האָב מיינע הענד ניט געקענט בעוועגען. ענדליך איז דער קאַפּיטאן געפאלען צום באָ־דען און דער האי־פיש האָט איהם צוגעדריקט מיט דער גאנצער מאסע פון זיין קערפּער. ער האָט שוין געהאט געעפענט זיין ברייטען מויל. נאָך איין אוי־

גענבליק און נעמא ווערט פערשלונגען. אבער שנעל אזוי וויא א פייל פון בויגען איז לענד אויפגעשפרונגען מיט זיין הארפון אין האנד און מיט'ן ערשטען שטויס האט ער פונקט אין ציעל געטראפען. ער האט באלד דורכגעלעכערט דעם מזיק'ס ברוסט. דער גרויסער קערפער האט זיך איינינע מאל א שטארקען צאפעל געטהאן און ער איז געפאלען טויט. פון זיין צאפלען זיך איז קאנסייל אויך אומגעשליידערט געווארען צו דער ערד.

קאפיטאן נעמא איז באלד אויפגעשטאנען גאנץ מונטער און אונבעשעדיגט. ער איז גלייך צוגעלאפען צום אונגליקליכען פישער, וועלכער איז געלעגען הילפלאז אויף'ן גרונד. ער האט שנעל אבגעשניטען דיא שטריק, אין וועלכע זיינע פיס זיינען געווען פערפלאנטערט און ער האט איהם ארויפגעצויגען אין דער הויך. מיר אלע זיינען אויך ארויפגעשטיגען אין דעם פערלען-פאנגער'ס שיפעל, וואו דער קאפיטאן האט זיך גענומען מינטערען דעם בעוואוסטלאזען, אין וועלכען מען האט קיין פונק לעבען ניט געזעהן. מיר האבען ניט געגלויבט אז ער איז דערטרונקען, ווייל ער איז אונטער'ן וואסער ניט לאנג געווען, אבער מיר האבען געדענקט, אז דער האי-פיש האט איהם דערשלאגען מיט'ן קלאפ פון זיין עק. קאנסייל איז דעם קאפיטאן געקומען צו הילף און זיי איז ענדליך געלונגען דעם אינדיע'ר צו רעטען. עס איז געווען אי טראגיש, אי קאמיש צו זעהן וויא דער גערעטעטער האט מיט ערשטוינען און שרעק געקוקט אויף דיא פיער קופערנע קעפ וואס זיינען איבער איהם געווען איינגעבויגען. קאפיטאן נעמא האט פון זיין טאש ארויסגענומען א זעקעלע פול מיט פערל און עס איינגעהאנדיגט דעם אינדיער, וועלכער האט עס צוגענומען מיט ציטערדיגע הענד און געקוקט אויף אונז מיט צומישטע בליקען. איך וויים ניט וואס דער ווילדער האט דאמאלס געטראכט, אבער איך שטעל זיך פאר, אז ער האט וואהרשיינליך געדענקט, אז ברואים פון אן אנדער וועלט זיינען געקומען איהם רעטען און בעגליקען.

אויף א צייכען פון קאפיטאן נעמא האבען מיר זיך אומגעקעהרט צוריק אין וואסער און אין א האלבע שטונדע ארום זיינען מיר געווען צוריק אויף דעם פלאץ וואו אונזער שיפעל איז געשטאנען.

באלד וויא מיר זיינען אריין אין שיפעל און אויסגעטהאן אונזערע גערמענע און קופערנע בגדים, האט קאפיטאן נעמא געזאגט צו לענד:

— מיין בעסטען דאנק, הערר לענד!

— איך האב נור געטהאן מיין פפליכט — האט לענד קורץ געענטפערט.

דער קאפיטאן האט א שמייכעל געטהאן, דאן האט ער געהייסען פאהרען צוריק צו דער "נאטילוס".

דיא שיפעל האט זיך שנעל געגליטשט איבער דיא וועללען. מיט איינינע מינוטען שפעטער זיינען מיר פערבייגעפאהרען דעם פלאץ, וואו דער קערפער

פון דער'הרג'עטען האי־פיש איז אומגעשוואומען אויף'ן וואסער. נאך דעם שווארצען קאליר פון זיינע פלוס־פעדערען האב איך דערקענט, אז ער איז איינער פון דיא פורכטבארסטע זארטען רויב־פיש וואס געפינען זיך אין אינדישען מעער. זיין קערפער איז געווען 25 פוס לאנג, אבער זיין קאפ האט פערנומען א דריטעל פון זיין קערפער, און דער אפענער מויל מיט דיא זעקס רייהען שארפע ציינער איז געווען מורא'דיג.

וועהרענד מיר האבען בעטראכט דעם טויטען בארג פלייש אויף'ן וואסער, האבען זיך בעוויזען ביי א טוצען רויבערשע ברואים פון זעלבען מין און ניט קימערענדיג זיך וועגען אונזער שיפעל זיינען זיי בעפאלען פרעסען דעם טויטען קערפער פון זייער קאמעראד און זיי האבען זיך געריסען און געביסען, ווייל יעדער פון זיי האט געוואלט בעקומען א גרעסערען חלק.

אום האלב נאך אכט דעם זייגער זיינען מיר שוין געווען צוריק אויף דער "נאטילוס". דארט האב איך זיך ערשט פאלקאם בערוהיגט און איך האב גענוי אנגעהויבען בעדענקען, וואס יענעם פריהמארגען האט פאסירט און איך האב פון יענע בעגעבענהייט צוויי זאכען געלערענט: ערשטענס, אז קאפיטאן נעמא איז א וואונדערבארער מוטהיגער העלד, און צווייטענס, אז ער, דער מערקווירדיגער מאן, וועלכער זאגט זיך אב פון דער וועלט און פון דיא גאנצע מענשהייט, האט דאך זיין מענשען־הארץ און דיא עדעלערע געפיהלען ניט פערלארען, ווייל זאנסט וואלט ער דאך ניט ריזיקירט זיין לעבען פאר אן אומבעקאנטען פישער.

ווען איך האב זיך מיט דיעזע בעמערקונג געווענדעט צום קאפיטאן, האט ער מיר מיט א שטארקען הערצליכען טאן געענטפערט:

— יענער אינדיער, הערר פראפעסאר, קומט פון אן אונטערדריקטעס לאנד, וועלכעס ליידעט פון דעם שווערען יאך פון דעספאטען. איך בין אויך איינער פון זיי און ביז דעם לעצטען אטהעם פון מיין לעבען וועט מיין הארץ געהערען צו זיי.

4טעס קאפיטעל

דער רויטער מעער

דורך דעם טאג פון 29טען יאנואר איז דער אינזעל ציילאן פערשוואונדען געווארען אין האריזאנט. דיא "נאטילוס" איז געשוואומען מיט דיא שנעלקייט פון 20 מייל א שטונדע. מיר זיינען דאן דורכגעפאהרען איינינע קאנאלען, וואס שיידען אב דיא מאלדיווען פון דיא לאקאדיווען אינזלען. מיר זיינען אויך פערביי געפאהרען דעם אינזעל קילטאן, וועלכער איז ענטוויקעלט געווארען פון קאראלען. דיעזען אינזעל האט דער פארטוגעזישער רייזענדער וואסקא דע גאמא ענטדעקט אין יאהר 1499.

ביז דאן האָבען מיר שוין געהאט דורכגערייזט 16,220 מייל פון דעם פונקט, פון וועלכען מיר האָבען אונזער רייזע אָנגעפאנגען אין דיא יאפּאנישע וואסערען.

אויף מאָרגען, דעם 30טען יאנואר, ווען אונזער שיף איז ארויפגעשטיגען אין דער הויך אויף'ן וואסער, האָבען מיר קיין לאנד געזעהן. ארום און ארום איז אונטען געווען ים און אין דער הויך הימעל, מעהר האָבען מיר קיין זאך ניט געזעהן. מיר זיינען געפאָהרען נאָך דיא ריכטונג פון דעם ים פון אָמאן, וואָס געפינט זיך צווישען אראביען און דעם אינדישען האלב-אינזעל. מיר האָבען דאָרט לויט דיא ריכטונג פון שיף געדארפט אריינפאָהרען אין פערזישען גאָלף (מעער-בוזען) און ווען מיר קומען אהין קענען מיר ווייטער ניט פאָהרען. וואוהין זשע אלזאָ פיהרט אונז קאפּיטאן נעמאָ? דיעזע פראגע האָבען מיר זיך אלע געשטעלט. אָבער נעד לענד איז געווען מעהר נייגעריג פון מיר און מיין דיענער און ער איז צו מיר צוגעשטאנען איך זאָל איהם דארויף א ריכטיגען אנטוואָרט געבען.

— וויא איהר ווייסט — האָט לענד צו מיר געזאָגט — האָט דער פערזישער גאָלף קיין אויסגאנג און אויב מיר פאָהרען אהין אריין, וועלען מיר שליסליך מוזען זיך צוריקקעהרען.

— זעהר מעגליך! — האָב איך דארויף געענטפערט — אָבער מיר האָבען דאָרט א שמאָלען וואסער-וועג פון באב-על-מאנדעב, דורך וועלכע מען קען אריינפאָהרען אין רויטען מעער.

— איך דארף אייך ניט לערנען, מיין הערר — האָט לענד געזאָגט — איהר ווייסט עם בעסער וויא איך, אז דער רויטער מעער זעלבסט איז דאָך פון אלע זייטען אָבגעשלאָסען, דען דער זועץ קאנאל איז נאָך ניט דורכגעבראָכען, און אזא געהיימניספאָלע שיף וויא דיא "נאָטילוס" דארף יעדענפאלס ניט אונטערשטעהן דורכצופאָהרען אזא קאנאל וואו דער דורכגאנג איז פערמאכט. אויסער דעם, איז דאָך דער רויטער מעער ניט דער וועג צו ברייננגען אונז צוריק נאָך אייראָפּא!

— ווער האָט אייך דען געזאָגט, אז מיר וועלען פאָהרען נאָך אייראָפּא?

— האָב איך געפרעגט.

— וואָס דענקט איהר, הערר פּראָפעסאָר?

— איך גלויב, אז דיא "נאָטילוס" וועט בלויז בעזוכען דיא מערקווירדיגסטע געגענדען פון אראביען און עגיפּטען, דאן וועלען מיר דורך'ן מאָזאמביק קאנאל ארויסקומען צוריק אין אינדישען אָקעאן און פון דאָרט וועלען מיר שוין האָבען א וועג צום אטלאנטישען אָקעאן. אָבער וואָס פרעגט איהר זיך אזוי נאָך, קאמעראד לענד? איז אייך דיא רייזע שוין נמאס געוואָרען? איך זעה אז איהר זיינט גאנץ גלייכגילטיג צו דיא אלע וואונדער זאכען וואָס מען זעהט אונטער'ן וואסער. מיר אָבער וואָלט שטארק פערדראָכען ווען אונזער רייזע זאָל זיך

ענדיגען, ווייל איך בין דערפון העכסט צופריעדען און מיר איז זעהר אנגענעהם צו זעהן און בעאָבאכטען אזעלכעס וואָס בלויז איינציגע מענשען האָבען דיא מעג־ליכקייט צו זעהן.

— ווייסט איהר אָבער, הערר אראָנאקס, אז מיר זיינען שוין דאָ געפאנגען כמעט דריי מאָנאטען? — האָט לענד געפרעגט.

— איך צעהל ניט דיא טעג מיט דיא שטונדען! — האָב איך געענטפערט — מיר איז דיא רייזע ליעב און איך זוך ניט פטור צו ווערען פון איהר.

— אָבער וואָס וועט זיין דער סוף פון אונז?

— דאָס וועט דיא צייט בעווייזען. איבעריגענס קענען מיר דאָך מיט אונ־זער טראכטען דיא זאך ניט ענדערען. ווען איהר וואָלט געקומען צו מיר, מיין גוטער לענד, און געזאָגט: "דאָ איז א מיטעל צו אנטלויפען", דאן וואָלטען מיר וועגען דעם גערעדט און זיך גע'ישוב'ט, אויב עס לוינט זיך פאר אונז צו טהאָן דאָס; יעצט אָבער איז גלייכער מיר זאָלען שווייגען און פאָרלויפיג געניסען דעם פערגעניגען פון דיעזער רייזע. דיא צוקונפט וועט שוין איהרעס אליין ברייננען.

לענד האָט אייגענטליך ניט געהאט וואָס צו ענטפערען. אָבער ער איז פערבליבען ביי זיין עקשנות, אז ער קען ניט פיהלען קיין פערגעניגען זייענדיג געפאנגען און ער האָט גרויס לוסט בעפרייט צו ווערען פון דער "נאָטילוס".

פיער טעג בסדר, ביז דעם דריטען פעברואר איז דיא שיף געשוואומען אין דעם מעער פון אָמאן, אין פערשיעדענע טיעפעניסען. ענדליך, ארויספאָהרענדיג פון דיעזען מעער, האָבען מיר א קורצע צייט געזעהן דיא שטאָדט מאָסקאט, וואָס איז דיא גרעסטע שטאָדט אין דער לאנד אָמאן. איך האָב דיעזע שטאָדט בע־וואונדערט. איך בין איבערראשט געוואָרען פון איהר מערקווירדיגעס אויסזעהן. איהרע ווייסע הייזער צווישען דיא שווארצע פעלזען, דיא רונדע קופאָלען פון איהרע מאָשעען (מאַחמעדאנישע קירכען), דיא שפיצען פון איהרע טהורמס, דיא הויכע גרינע לאָנקעס, האָבען מיך איינפאך בעצויבערט. אָבער דאָס איז שנעל פערביי געלאָפען אזוי וויא א חלום. דיא "נאָטילוס" האָט זיך ארונטער־געלאָזט אין דיא טיעפענים פון ים און דיא שעהנע פאנאראמא איז פערשוואונ־דען געוואָרען פון אונזערע אויגען.

אונזער שיף איז נאָכדעם פערבייגעפאָהרען זעקס מייל ווייט פון דיא אראַ־בישע ברעגען פון מאהראה און האדראמאנט. דעם זעקסטען פעברואר האָבען מיר דערזעהן דיא שטאָדט אדען, וועלכע שטעהט אויף א בארג אויף'ן ים און איז פערבונדען מיט לאנד נור דורך א שמאָלען פאס. ענגלאנד בעהערשט דיעזע נאטירליכע פעסטונג, זייט דעם יאָהר 1839. איך האָב געכאפט א בליק אויף דיעזער שטאָדט, וועלכע איז פערצייטענס געווען זעהר בעלעבט מיט האנדעל און איז געווען דיא רייכסטע אין יענע געגענד.

איך האָב געגלויבט, אז קאפיטאן נעמאָ וועט זיך יעצט צוריקקעהרען מיט זיין שיף, ווייל קיין אנדער וועג אויסער נאָך דעם אָבגעשלאָסענעם רויטען מעער גיבט עס דאָרט ניט, און איך האָב געדענקט, אז דער קאפיטאן וועט זיך ניט אונטערשטעלען צו פאָהרען דאָרט ארום און ריזיקירען צו קומען אין א צוזאַמענשטויס מיט ענגלישע און פראנצויזישע קריעגס שיפען וואָס בעוואכען דעם אריינפאָהר אין ים. אָבער איך האָב א טעות געהאט. אויף מאָרגען, דעם זיעבענטען פעברואר, איז צו מיין גרעסטע איבערראשונג, דיא "נאָטילוס" אריינגעפאָהרען אין קאנאל פון באב־על־מאנדעב (דער טהויער פון טרעהרען אויף אראביש), וואָס פיהרט צום רויטען מעער.

דיעזער קאנאל איז ארום 32 מייל לאנג. דיא "נאָטילוס" קען פאָהרענדיג שנעל איהם דורכשווימען אין א שטונדע צייט, און אזוי איז טאקי געווען. דיא שיף האָט זיך ארונטערגעלאָזט אונטער'ן וואסער און מיר זיינען דעם קאנאל דורכגעפאָהרען. דיא קריעגס שיפען פון אויבען האָבען ניט געוואוסט וואָס אונטער זיי טהוט זיך. ארום מיטאג צייט איז אונזער שיף שוין געשוואומען אין דיא וואסערען פון רויטען מעער.

דער רויטער מעער איז דער ים־סוף וואָס איז דערמאָהנט אין דער ביבעל, אז דיא אידען זיינען דורך איהם דורכגעגאנגען טרוקען, ווען זיי זיינען אנטלאָפען פון דיא עגיפטער. אין דיא אמאָליגע צייטען איז איבער דיעזען מעער געטריבען געוואָרען א וועלט־האנדעל און ביי זיינע פערשיעדענע האפענס זיינען געשטאנען גרויסע שטעדט, וועלכע זיינען געווען בעלעבט פון האנדעל און אינדוסטריע. צו דער צייט ווען דיא "נאָטילוס" איז אין איהם געשוואומען איז ער ווייניג וואָס בעלעבט געווען און בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דאָרט א שיף בעוויזען.

איך האָב ווייניג וואָס געטראכט, צו וועלכען צוועק קאפיטאן נעמאָ האָט אונז אין דיעזען אָבגעשלאָסענעם מעער אריינגעפיהרט. דיא רייזע זעלבסט אונטער זיינע וואסערען איז מיר העכסט אנגענעהם געווען. אונזער שיף איז געפאָהרען מיט א מיטעלמעסיגע שנעלקייט, אמאָל אין דיא טיעפענים, אום א שיף אויסצומיידען און אמאָל אויף דער אָבערפלעכע, און איך האָב געהאט דיא מעגליכקייט צו בעטראכטען דיעזען מערקווירדיגען ים אי אונטען אין זיין טיעפענים, אי פון אויבען.

דעם אכטען פעברואר אין דער פריה זיינען מיר געפאָהרען ניט ווייט פון דער אלטער אראבישער שטאָדט מאָקא, וועלכע איז יעצט א רואינע. דיא וואנד ארום שטאָדט זיינען צובראָכען און איינגעפאלען. אין פערשיעדענע ערטער זייגען דיא רואינירטע פעסטונגען בעדעקט מיט פראכטפאָלע טייטעל־בוימער. ווען דיא שטאָדט האָט געבליהט זיינען דאָרט געווען זעקס עפענטליכע מארקען, זעקס און צוואנציג מאָשעען, און דיא מויער־וואנד ארום שטאָדט איז געווען

בעשיצט מיט פיערצעהן פעסטונגען. דיא שטאָדט איז רואינירט געוואָרען דורך אינערליכע אונרוהען.

דיא "נאָטילוס" איז געקומען נעהענטער צו דיא אפריקאנישע ברעגען, וואו דער ים איז פיעל טיעפער. אין דיא פלעצער, וואו דאָס וואסער איז דורכזיכטיג, האָבען מיר דורך דיא געעפענטע לאָדען פון שיף געקענט געגוי בעטראכטען דיא מערקווירדיגסטע קאראלען-וועלדער און דיא אונגעהייער גרויסע פעלזען-וועגד אונטער'ן ים, וואָס זיינען געווען בעדעקט מיט פערשיעדענע ים-בלומען. דיא אונטערוואסערדיגע לאנדשאפטען אין יענע געגענדען זיינען העכסט שעהן און ערהאבען. וואָס ווייטער זיינען דיא קאראלען בוימער געווען אלץ פראכטפאָלער און ענטוויקעלטער און איך האָב גרוים פערגעניגען געהאט צו זיצען ביי'ם פענ־סטער און בעטראכטען זיי.

אויסער דיא נאטור־שעהנהייטען האָב איך אין יענע געגענדען בעמערקט א מין בעשעפענים וואָס איך האָב ביז יענער צייט ניט געזעהן. דאָס איז געווען א זאָרט שוואָמען (ספאָנדזשעס), וועלכע געהערען צום טהיערען־רייך — צו דיא פאָליפען. דיעזע לעבעדיגע שוואָמען גיבען אלערליי, אין פערשיעדענע פאָרמען און פארבען. זיי זיינען דאָס רוב שטייף צוגעקלעפט צו א פעלזען, צו פערשיע־דענע מושעלען, אָדער זאָגאר צו דיא צווייגלאך פון אלערליי אנדערע פלאנצונגען.

פון אנדערע טהיער־פלאנצונגען וואָס איך האָב דאָרט געזעהן איז ווערטה צו בעמערקען א בעזונדער שעהנע מין לעבעדיגע פלאנצע וואָס שווימט מעהר־סטענטהייל אין דער הויך אויף'ן וואסער אין גרויסע מאסען. זייערע קערפער זיינען אזוי ווייך, אז ווען מען טריקענט זיי אויס, בלייבט פון זיי גאָר ניט. פיש איז דאָרט זעהר ווייניג זאָרטען געווען. דיא מאטראָזען פלעגען ארויפ־ציהען דיא נעטצען, אָבער בלויז אייניגע זאָרטען פיש פלעגען זיך אין זיי גע־פינען.

דעם ניינטען פעברואר איז דיא "נאָטילוס" דורכגעפאָהרען דיא ווייטעסטע שטעלע פון רויטען מעער, צווישען סאָוקין און קומפידא, וואו זיין ברייט דער־גרייכט ביז 190 מייל. ארום מיטאג צייט איז קאפיטאן נעמאָ ערשיענען אויף'ן פלאטפאָרם. איך בין דאָרט אויך דאמאָלס געווען. איך בין שוין זעהר נייגעריג געווען צו זעהן איהם און אויב מעגליך דערגעהן פון איהם וואוהין ער דענקט אויסצודרעהען זיך פון דיעזען מעער. דער קאפיטאן איז צו מיר צוגעגאנגען און העכסט פריינדליך מיר אָנגעבאָטען א סיגאר. דאן האָט ער זיך אָבגערופען:

— נו, הערר פראָפעסאָר, וויא געפעהלט אייך דאָס רויטע מעער? האָט איהר בעטראכט אלע וואונדערבארע זאכען אויף זיין גרונד און דיא שטעדט ביי זיינע ברעגען?

— יא, קאפיטאן! — האָב איך געענטפערט — אייער "נאָטילוס" איז

פונקט וויא בעשאפען פאר אזא שטודיום. מען קען אייער שיף ווירקליך אנרופען "דיא שיף פון חכמה". יא, עס איז א קלוגע שיף.

— אמת, מיין הערר. פערשטענדיג, דרייסט און שטארק איז דיא "נאטי־לוס". זיא האט קיין מורא פאר קיין זאך. זיא קען קעמפפען געגען דיא גרויסע פעלזען און פורכטבארע שטורמס, וואס טרעפען אפט אויף דיעזען ים.

— ווירקליך! — האב איך געזאגט — דער רויטער ים האט א זעהר שלעכטען נאמען, און וויא ווייט איך געדענק פון בעשרייבונגען, האט מען איהם אמאל גערעכענט פאר דעם ערגסטען פון אלע ימים.

— גאנץ ריכטיג, הערר אראנאקס! דיא אלטע גריכישע און לאטיינישע היסטאריקער רעדען גאר ניט קיין גוטעס אויף דיעזען מעער און זיי מאהלען איהם אין זעהר פינסטערע פארבען. דער אראבישער היסטאריקער עדריזי דער־צעהלט זיך אן שרעקליכע געשיכטעס פון דיעזען ים. נאך זיין בעהויפטונג זיינען דיא שטורמס דא פיעל גרעסער, שרעקליכער און שעדליכער וויא איבעראל און קיין ים, זאגט ער, האט ניט אזוי פיעל פעלזען און אונטערוואסערדיגע אינזלען וויא דיעזער. נאך זיינע בעשרייבונגען זיינען דא אונטערגעגאנגען מעהר שיפען וויא אנדערש וואו. ער שרייבט אויסדריקליך, אז מען מוז זעהר פארזיכטיג זיין צו פאהרען אויף'ן רויטען מעער און ביי נאכט זאל זיך קיינער ניט אונטער־נעהמען דא צו רייזען.

— וויא עס ווייזט אוים — האב איך זיך אבגערופען — האבען דיא פער־צייטיגע רייזענדע ניט געוואוסט פון אזעלכע שיפען וויא דיא "נאטילוס".

— וואהרשיינליך ניט! — האט דער קאפיטאן שמייכלענדיג געזאגט — און אין דיעזער הינזיכט זיינען אייערע היינטיגע חכמים אויך ניט פיעל קליגער. עס האט געדויערט פיעלע יאהר־הונדערטע ביז עס איז געפונען געווארען דיא קראפט פון דאמפף, היינט ווער קען וויסען, אויב מיט הונדערט יאהר שפעטער וועט זיך געפינען נאך אזא שיף וויא דיא "נאטילוס"? דיא וועלט געהט אין איהר פארטשריט זעהר לאנגזאם, הערר אראנאקס.

— גאנץ ריכטיג, קאפיטאן! — דיא וויסענשאפט וועט פילייכט נאך אין הונדערט יאהר ארום אדער אפילו אין מעהר אויך ניט ערפינדען נאך אזא שיף וויא דיא "נאטילוס"; דארום טאקי איז צו בעדויערען וואס דיא געהיימנים פון דיעזער קונסטווערק וועט שטארבען צוזאמען מיט איהר ערפינדער.

נעמא האט דארויף ניט געענטפערט. אייניגע מינוטען איז ער שטיל גע־בליבען, דאן האט ער דעם געשפרעך אנגעווענדעט צוריק אויף דיא מורא וואס דיא פערצייטיגע דורות האבען געווארפען אויף רייזענדע פאר'ן רויטען מעער.

— איהר זאגט — האט ער זיך אבגערופען — אז דיא אלטע היסטאריקער שטעלען דיעזען ים פאר אלס זעהר געפעהרליך.

— יא, מיין הערר, אזוי איז עס. אָבער האָבען זיי ניט א ביסעל איבער־טריבען?

— יא, עס איז ניט אזוי געפעהרליך וויא זיי האָבען עס בעשריבען. אָבער מען דארף ניט פערגעסען, אז אין זייערע צייטען איז א רייזע אויף דיעזען ים און אויך אויף אנדערע ימים געווען פיעל געפעהרליכער וויא אין היינטיגע צייטען. בערעכענט נור וואָס פאר א שיפלאך זיי האָבען דאמאָלס געהאט און וואָס פאר א שיפען מיר האָבען היינט! אן אייזערנע שיף געפיהרט פון דאמפף־קראפט איז געווים פיעל מאָהל וויניגער ריזיקאליש וויא א פערצייטיגע שיף וואָס איז געווען צוזאמענגעקלאפט פון ברעטער, פערבונדען מיט שטריק און אויסגעקלעפט מיט סמאָלע. און נאָך מעהר: זיי האָבען דאָך אמאָל קיין קאָמ־פאס אויך ניט געהאט און זיי זיינען געפאָהרען אויף'ן אָפענעם מעער זאָגאר ניט וויסענדיג געגוי דיא ריכטונג וואוהין זיי פאָהרען. היינט איז שוין א חידוש, וואָס שיפס־ברוכען האָבען אָפט פאסירט? איבערהויפט אין אזעלכע שטעלען וויא צווישען דעם זועץ און דעם זידליכען מעער, וואו דער שטראָם איז גרויס און ווילד און דיא שטענדיגע שטורמס הערען ניט אויף, איז פאר א פערצייטיגע שיף געווים געווען א זיכערער פלאץ צום אונטערגאנג, און ווער עס האָט אונטער־גענומען אזא רייזע, האָט עס געהייסען איינפאך מפקיר געווען דאָס לעבען.

— איך בין פאָלקאָמען איינשטימיג מיט אייך, אז דיא ערפינדונגען פון דיא נייעסטע צייטען האָבען זעהר פיעל נוצען געבראכט — האָב איך געזאָגט — דיא ערפינדונגען פון דאמפף־שיפען פערהינדערען געווים גרויסע געפאהרען און עס בעשיצט פיעלע מענשען פון טויט. אָבער אן אנדער זאך וועל איך אייך, הערר קאפיטאן, פרעגען: וויא עס שיינט, זיינט איהר מיט דיעזען מעער גוט בעקאנט, קענט איהר מיר זאָגען פארוואָס רופט מען איהם אייגענטליך "דער רויטער ים"?

— וועגען דעם זיינען פאראן איינינע מיינונגען — האָט נעמאָ געענטפערט

— ווילט איהר וויסען דיא מיינונג פון א היסטאָריקער פון פיערצעהנטען יאהר־הונדערט?

— ווארום ניט? מיט פערגעניגען!

— דער דערמאָנטער געשיכטע שרייבער זאָגט, אז דיעזער מעער האָט זיין יעצטיגען נאָמען בעקומען נאָכדעם ווי פרעה'ס ארמעע איז דאָ דורך משה'ס תפלה אומגעקומען, ווען דיא אידען זיינען ארויס פון עגיפטען. עס הייסט, אז דיא אידען האָבען דיעזע וואסערען א נאָמען געגעבען דער "רויטער ים", דער בלוט־טיגער ים, ווייל ער האָט פערשלונגען זייערע שונאים.

— דאָס איז בלויז א פאָעטישע ערקלערונג! — האָב איך זיך אָבגערופען — קענט איהר מיר ניט געבען אייער אייגענע מיינונג וועגען דעם?

— יא! — האָט נעמאָ געענטפערט — אָט דאָ האָט איהר מיין מיינונג:

איך מיין, אז דיעזער נאָמען שטאמט איינפאך דערפון, ווייל דיא וואסערען פון דיעזען מעער זיינען אין פיעלע ערטער רויט וויא בלוט.

— אָבער, הערר קאפּיטאן, מיר פאָהרען דאָך שוין אויף דיעזען ים א היבשע צייט, ווארום האָב איך נאָך ניט בעגעגענט קיין רויטעס וואסער?

— איהר וועט עס נאָך, הערר אראָנאקס, בעגעגענען. איך האָב עס שוין יא געזעהן.

— און פון וואנען קומט עס?

— דאָס קומט פון מיקראָסקאָפּישע גרעזעלאך און פלאנצונגען וואָס וואקסען אויף'ן גרונד פון ים, וועלכע זיינען עכט רויט און גיבען דעם וואסער א בלוט רויטען קאָליר. דיא וואקסונגען יענע ווערען גערופען טריכאָדעסמיא און זיי געפינען זיך 40,000 אין א פיערטעל אינטש סקוועאר. ווען מיר וועלען קומען צו דער בוכטע פון טאָר, וועט איהר זיי פיליייכט זעהן. עס זיינען פאראן פלעצער וואו דיעזע זאָנדערבארע פלאנצונגען בעדעקען דעם גרונד פון ים אויף מיילען ווייט און דאָס וואסער האָט דורכאוים א רויטען אויסזעהן.

— אלזאָ, קאפּיטאן, וויא עס זעהט אוים, פאָהרט איהר אויף דיעזען ים שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, האָט איהר פיליייכט אויף זיין גרונד אירגענד וואו בעגעגענט שפּורען פון דער עגיפּטישער ארמעע וואָס איז דאָ אמאָל אומגעקומען אין געיעג נאָך דיא אידען?

— ניין, מיין הערר, און צוליעב א גרינדליכע אורזאכע.

— וואָס איז דיא אורזאכע?

— ווייל יענער פּלאץ וואו משה האָט אריבערגעפיהרט זיין פאָלק איז ערשט הויך פערטראָגען מיט זאמד און דאָס וואסער איז דאָרט אזוי פלאך, אז א קעמעל וואָלט דאָרט קוים זיינע פיס אָבגעבאָדען. איהר קענט אלזאָ גוט פערשטעהן, אז מיט דער "נאָטילוס" קען מען אהין ניט צוקומען.

— אָבער וואו יענער פּלאץ איז ווייסט איהר?

— יא, דאָס ווייס איך גאנץ גענוי. דאָס איז ניט ווייט פון דעם זועץ קאנאל וואָס ווערט ערשט געבויט. עס קען זיין, אז מיט דער צייט וועט מען דאָרט מאכען אויסגראָבונגען און מען וועט געפינען שפּורען פון יענע אומגעקומענע עגיפּטער.

— פיליייכט וועט עס מעגליך זיין, דאן ווען דער זועץ קאנאל וועט זיין דורכגעגראָבען — האָב איך געזאָגט — דאמאָלס וועלען דאָ איבעראל נייע שטעדט אויפגעבויט ווערען, דיא גאנצע געגענד וועט ווערען מעהר בעלעבט און מען וועט זיך אויך נעהמען זוכען אלטערטהימער.

— גאנץ מעגליך! — האָט זיך נעמאָ אָבגערופען — דיעזער קאנאל וועט ברייננגען נוצען דער גאנצער וועלט. דאָס איז זעהר א וויכטיגע אונטערנעהמונג, און אויב דיא מענשהייט האָט אמאָל אויפגעטהאָן גוטע זאכען, איז דאָס איינע

פון דיא בעסטע. זאגאר אין דיא גאנץ אלטע צייטען האבען שוין מענשען פער־שטאנען וואס פאר א גרויסע בעדייטונג דאס וואלט געהאט פאר דעם האנדעל, ווען מען זאל קענען פערבינדען דעם רויטען מיט'ן מיטעללענדישען מעער. לאנגע יאהרהונדערטע האט מען דאצו אנגעווענדעט מיטלען, אבער קיינער האט דיא זאך ניט געקענט דורכפיהרען. נאך מיט 2500 יאהר צוריק האט דער עגיפטישער קעניג נעקא געלאזט גראבען א קאנאל צו דיא וואסערען פון ניל (נילוס) ביז אראביען. פיעלע קעניגע נאך איהם האבען אויך דערויף געארבייט, דאך האט מען יענעם קאנאל ניט געקענט בריינגען אין פאלקאמענהייט, ווייל ער פלעגט פערטראגען ווערען מיט זאמד און מען האט איהם בלויז געקענט בענוצען אייניגע מאנאטען אין יאהר. ענדליך האט דער אראבישער קאליף אלמאנ־סאר, געגען וועלכען עס האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן, געהייסען פערשי־טען דעם קאנאל, אום דער שונא זאל ניט קענען אריינפיהרען קיין פראוויזיאן. אויספארשענדיג דיא זועץ וויסטע האט מען אויך ענטדעקט שפורען, אז מען האט אמאל געגראבען א קאנאל פון דעם פלאץ, וואו דיא אידען זיינען דורכגע־גאנגען דעם רויטען מעער.

— זעהט איהר, קאפיטאן — האב איך געזאגט — דאס וואס מען האט אין דיא אלטע צייטען ניט געקענט אויפטהאן האט דער פראנצויזישער איג־זשיניר הערר לעססעפס אויסגעפיהרט. דורך דעם זועץ קאנאל וועט דער וועג נאך אינדיען ווערען מיט הונדערטע מיילען קירצער און דאס אפריקאנישע וועלט־טהייל וועט אויסזעהן אזוי וויא א גרויסער אינזעל.

— יא, הערר אראנאקס, איהר מעגט שטאלץ זיין אויף אייער לאנדסמאן. ער האט געוויס מעהר נוצען געבראכט דער וועלט וויא אלע אייערע בעריהמטע שלאכט־העלדען און שיפס־קאפיטענע. ער האט פיעל עהרע פערדיענט, ווייל ער, אן איינצעלנע פערזאן האט אונטערנומען אן אינטערנאציאנאלע ארבייט — א ריעזען ארבייט וואס דיא גאנצע מענשהייט האט אינטערעסע אין דעם, און ער האט עס דורכגעפיהרט.

— יא, מיין לאנדסמאן האט פיעל כבוד פערדיענט! — האב איך מיט בעגייסטערונג געזאגט — און איך שטאלציר ווירקליך וואס איך בין געבוירען אין איין לאנד מיט איהם.

— איך וואלט אייך וועלען אריינפיהרען אין זועץ קאנאל — האט דער קא־פיטאן זיך אבגערופען נאך א היבשען שטילשווייגען — אום איהר זאלט זעהן דיא ריעזיגע שטיק ארבייט וואס אייער פראנצויזישער אינזשיניר האט אויפ־געטהאן, ליידער קען איך עס ניט טהאן. איהר וועט פון ווייטענס קענען בע־טראכטען דיא ארבייט נור ביז איבערמארגען, ווייל נאכהער וועלען מיר שוין זיין אין מיטעללענדישען מעער.

— אין מיטעללענדישען מעער? — האָב איך פערוואונדערט אויסגע־שריען.

— גאנץ געווים! — האָט דער קאפּיטאן רוהיג געענטפערט — וואָס וואונדערט איהר זיך אזוי?

— ווייל איך קען ניט בעגרייפען וויא אזוי איהר וועט אין צוויי טעג צייט אהין איינפאָהרען!

— ווירקליך, איהר פערשטעהט עס ניט?

— גאנץ געווים, הויב איך עס ניט אָן צו פערשטעהן. צו קומען צום מיטעל־לענדישען ים מוזען מיר דאָך ארומפאָהרען אפריקא!

— ווער האָט עס אייך געזאָגט, הערר אראָנאקס?

— עס גיבט דאָך אָבער קיין אנדער וועג! סיידען איהר ווילט פאָהרען מיט דעם "נאָטילוס" דורך טרוקענע לאנד!

— אָדער אונטער דער ערד! — האָט נעמאָ געזאָגט מיט אן ערנסטען שמייכעל.

— אונטער דער ערד? — בין איך נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען

— געווים, הערר אראָנאקס! דיא נאטור האָט שוין לאנג בעזאָרגט אונטער דער ערד אזא מין דורכגאנג וויא דיא מענשען מאכען פון אויבען.

— וואָס? איז ערגיץ דאָ אן אונטערערדישער קאנאל?

— יא, עס איז דאָ! איך האָב איהם א נאָמען געגעבען "דער אראבישער טונעל". ער פאנגט זיך אָן ביי'ם זועץ און ענדיגט זיך אין מיטעללענדישען ים ביי דעם שטראָם פעלוזיום.

— האָט איהר דיעזען אונטערערדישען קאנאל ענטדעקט?

— יא, איך האָב איהם ענטדעקט.

— דורך א צופאל?

— א ביסעל דורך א צופאל, אָבער מעהר דורך שכל, דורך איבערלעגונג. איך בין שוין דורך דיעזען קאנאל איייניגע מאָהל דורכגעפאָהרען. ווען איך זאָל פון דיעזען קאנאל ניט וויסען, וואָלט איך גאָר ניט אריינגעפאָהרען אין אָבגע־שלאָסענעם רויטען מעער.

— קען איך פרעגען וויא אזוי איהר האָט דיא דאָזיגע מערקווירדיגע ענט־דעקונג געמאכט?

— ווארום ניט? איך וועל עס אייך שוין ערקלערען! — האָט דער קאפּי־טאן פריינדליך געענטפערט — איך האָב בעמערקט, אז אין רויטען און אין מיטעללענדישען מעער געפינען זיך אויף געוויסע שטעלען אייניגע מינים פון דיא זעלבע פישען. איך האָב זיי שטודירט און זיך איבערצייגט אז זיי זיינען פונקט דיא זעלבע. איך האָב געוואוסט, אז דיא צוויי ימים האָבען קיין פערבינ־דונג, הייגט וויא אזוי קומען דיא פיש פון איין ים אין צווייטען? דאָס האָט מיך

געבראכט אויף'ן גערדאנק, פיליכט געפינט זיך ערגיץ אזא שטראָם וואָס גיסט זיך אריין פון איינעם פון דיעזע ימים אין צווייטען? איך האָב דארום געפאנגען מאסען פיש דאָ ארום זועץ, האָב צו זייערע עקען צוגעבונדען מעשענע רינגען און זיי אריינגעלאָזט צוריק אין ים. מיט איינינע מאָנאטען שפּעטער בין איך געוועזן אין מיטעללענדישען מעער ביי דיא ברעגען פון סיריען און איך האָב דאָרט דיא געצייכענטע פיש געפאנגען. איך האָב דאן פערשטאנען, אז דער רויטער ים האָט ערגיץ אונטער דער ערד אן אויסגוס צום מיטעללענדישען ים, וועלכער איז פיעל ניעדריגער. איך האָב דאן דיעזען נאטירליכען אונטער־ערדישען קאנאל אויפגעזוכט און איך האָב ריזיקירט דורכצופאָהרען איהם מיט דער "נאָטילוס". דיא פּראָבע איז מיר געלונגען, און פון דאן אן האָב איך שוין דורך איהם איינינע רייזען געמאכט. עס וועט לאנג ניט דויערען, הערר פּראָ־פעסאָר, און איהר וועט אויך דורכפאָהרען מיין אראבישען טונעל.

5טעם קאפּיטעל

דער אראַבישער טונעל

יענעם פארנאכט איז דיא "נאָטילוס" געשוואומען אויף דער אָבערפלעכע פון ים, ביי דיא אראבישע ברעגען. מיר זיינען פערבייגעפאָהרען ניט ווייט פון דער שטאָדט דזשעדאה, וועלכע איז דער מיטעלפּונקט פון עגיפּטישען, טירקי־שען און אינדישען האנדעל. איך האָב דייטליך געקענט זעהן דיא פיעלע שיפען און דיא הייזער, וועלכע זיינען געוועזן העל בעלויכטען פון דיא לעצטע זונען־שטראהלען. הינטער'ן שטאָדט האָבען זיך געזעהן א גרופּע קליינע הייזלאך וואָס זיינען בעוואָהנט פון בעדואינער. דיא שטאָדט דזשעדאה איז באלד פערשוואונ־דען געוואָרען פון אונזערע אויגען און דיא שיף האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין דיא פאָספאָר גלענצענדע וואסערען.

אויף מאָרגען, דעם צעהנטען פעברואר, מיטאָג צייט, איז דיא שיף צוריק ארויפגעשטיגען אין דער הויך אויף'ן וואסער. איך, לענד און קאָנסייל זיינען געזעסען אויף'ן דעק. דער ים ארום איז געוועזן גאנץ רוהיג. קיין שיף אָדער אירגענד וועלכער אנדער געגענשטאנד איז ניט געוועזן צו בעמערקען. מיר האָבען גערעדט וועגען פערשיעדענע זאכען, איבערהויפּט וועגען דעם אראבישען טונעל, וואָס איך האָב זיי וועגען איהם דערצעהלט, און וועגען דער רייזע וואָס מיר וועלען דורך איהם מאכען צום מיטעללענדישען מעער. לענד האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען און צייגענדיג מיט'ן האנד אויף א ווייטען פּונקט, האָט ער געזאָגט:

— זעהט איהר דאָרט עטוואָס, הערר פּראָפעסאָר?

— ניין, פריינד לענד! — האָב איך געענטפערט — איך האָב ניט אזא גוטע זעהונגס־קראפט וויא איהר.

— קוקט זיך נור גוט איין! — האט לענד ווידער געזאגט — דארט רעכטס פון אונז בעמערקט איהר וויא א גרויסער געגענשטאנד אזוי וויא א לעבעדיגע זאך בעוועגט זיך?

איך האב געגויער בעטראכט דעם ארט, אויף וועלכען מיין קאמעראד האט מיר אנגעצייגט און איך האב ווירקליך דערזעהן א געגענשטאנד וואס האט אויסגעזעהן אזוי וויא א לאנגער, שווארצליכער קערפער.

— יא, איך זעה שוין ערשט! — האב איך אויסגערופען.

— פיליכט נאך א "נאטילוס"! — האט קאנסייל געזאגט.

— ניין! — האט לענד זיך אבגערופען — איך גלויב אז דאס מוז זיין א ריעזיגער ים־טהיער.

— זיינען פאראן וואלפישען אין רויטען מעער? — האט קאנסייל געפרעגט.

— יא! — האב איך געענטפערט — אבוואהל ניט גאנץ אפט, אבער מען זעהט זיי אמאל דא.

— ניין, דאס איז ניט קיין וואלפיש! — האט לענד געזאגט — איך זעה דייטליך, אז זיינע בעוועגונגען זיינען ניט פון א וואלפיש.

דיא "נאטילוס" איז דערווייל געקומען נעהענטער צו דעם אונבעקאנטען געגענשטאנד. מיר זיינען שוין פון איהם געווען פיליכט איין מייל ווייט, דאך האבען מיר ניט געקענט בעשטימען וואס פאר א מין בעשעפענים דאס איז.

— אה, זיא שווימט! זיא לאזט זיך ארונטער אונטער'ן וואסער! — האט לענד אויסגעשריען — צום טייפעל. וואס פאר א טהיער זאל עס זיין? איך זעה דאך דייטליך אז דאס איז ניט קיין וואלפיש! בעטראכט נור וויא זיא קעהרט זיך אום אויף'ן רוקען און שטעלט אוים איהרע בריסט!

— א דיוגאנג! א דיוגאנג! האט קאנסייל אויסגעשריען — דענקט דער העדר אנדערש?

איך האב באלד דערזעהן, אז מיין דיענער האט רעכט. דאס איז טאקי געווען א דיוגאנג אדער א סירענע — א ים־געטין. דיעזע זארטען ברואים, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער'ן נאמען "זעע־פרוי" אדער "זעע־ווייבעל" געפינען זיך אין פערשיעדענע ימים. אין דיא פערצייטיגע יאהרען האט מען געגלויבט, אז דיעזע בעשעפענים איז האלב פרוי און האלב פיש. מען פלעגט דערצעהלען, אז מיט איהר וואונדערבארען זיסען געזאנג און קאקעטישע מינעס קען זיא צוציהען יעדען מענשען צו זיך. ווען א ים רייזענדער בעגעגענט א "זעע־ווייבעל", מוז ער צו איהר ארויסשטייגען. זיא נעהמט איהם דאן ארום מיט איהרע ארמס און דערטרינקט איהם. נאטירליך, האבען זיך דיעזע מעשיות ארויסגעצייגט אלס נארישע, אומגעלומפערטע אבערגלויבונגען און מען האט שפעטער ערפאהרען, אז א דיוגאנג איז א טהיער אזוי וויא אלע טהיערע און ער איז ניט האלב מענש און האלב פיש. איך האב דיעזע חיה בעטראכט און זיך איבערצייגט,

אז זיא בעלאנגט צו דעם מין וואס איז זעהר ווייניג פאראן. אין רויטען מעער געפינען זיך בלויז אייניגע פון זיי.

לענד האט ניט געקענט אבווענדען זיינע בליקען פון דעם דיוגאנג. ער האט אויף איהם געקוקט מיט זשעדנע בליקען און ער האט גרויס לוסט געהאט צו מאכען א יאגד אויף דער זאנדערבארער בעשעפניס.

— אָה, מיין הערר! — האט לענד אויסגערופען — איך האב קיינמאל ניט געהאט דיא געלעגענהייט געגען אזא טהיער צו קעמפפען!

אין דיעזען אויגענבליק איז קאפיטאן נעמא ארויפגעקומען אויף'ן פלאט־פארם. ער האט בעטראכט דעם דיוגאנג און בעמערקט לענד'ס חשק צו מאכען אויף איהם א יאגד.

— וויא עס זעהט אויס, הערר לענד — האט דער קאפיטאן צו איהם געזאגט מיט א שמייכעל — בייסען אייך דיא הענד אנצופיהרען א מלחמה געגען דיעזער בריאה?

— גאנץ געוויס! — האט דער הארפוניסט געענטפערט — אזא יאגד וואלט מיר זעהר אנגענעהם געוועזן.

— גוט, אויב איהר ווילט דוקא צורעכנען דיעזע בעשעפענים צום צאהל פון טהיערע געגען וועלכע איהר האט אויף אייער לעבען געקעמפפט, קענט איהר עס בעווייזען! — האט דער קאפיטאן גוטמוטהיג געזאגט.

— א פראגע, צו איך וויל?

— נו, וועל איך אייך באלד געבען דיא מעגליכקייט עס צו מאכען. אבער זעהט נור ריכטיג צו טרעפען.

— איז ניט געפעהרליך דעם דיוגאנג אנצוגרייפען? — האב איך געפרעגט.

— אפטמאל יא! — האט נעמא געענטפערט — דיא חיה קען זיך אמאל ווארפען אויף איהר אנגרייפער און איבערקעהרען דיא שיפעל. אבער הערר לענד איז גענוג געשיקט און פלינק און ער דארף פאר אזא געפאהר ניט מורא האבען. ער בעזיצט א שארפען בליק און א שטארקע האנד. איך האף, אז עס איז פאר איהם קיין ריזיקע ארויסצוגעהן אויף אזא יאגד. ער וועט זיכער ניט מאכען קיין דורכפאל, ווייל פון דעם דיוגאנג קען מען מאכען פיינע געריכטען, צו וועלכע הערר לענד האט שטענדיג גרויס לוסט.

— ווירקליך? — האט לענד איבערראשט געפרעגט — קען מען פון זיין פלייש מאכען א בראטען? און שמעקט עס עפעס גוט?

— געוויס! — האט נעמא געענטפערט — דאס איז אן אויסגעצייכענטע שפייז. אין מאלאיען לאנד דערלאנגט מען אזעלכע שפייזען נור צו פירסטליכע טישען. מען טויטעט זיי דארום זעהר פיעל און עס איז שוין פון זיי ווייניג פערבליבען.

— הערר קאפיטאן! — האט זיך קאנסייל ערנסט אבגערופען — פיליייכט

איז דיעזער דיוגאָנג דער לעצטער פון זיין מין און עס וואָלט גלייכער געווען צו לאָזען איהם לעבען פאר דיא אינטערעסען פון דער וויסענשאפט?

— פאר דיא אינטערעסען פון קיך — האָט לענד זיך אָבגערופען — לוינט זיך בעסער צו מאכען אויף איהם א יאגד. ביי מיר איז א גוטער מאָהלצייט וויכטיגער וויא אייער וויסענשאפט.

קאפיטאן נעמאָ האָט שמייכלענדיג געגעבען א בעפעהל דורך'ן שפרעך־רעהר און באלד זיינען געקומען זיעבען מאן פון דיא מאטראָזען. איינער האָט מיטגעבראכט א שטארקען הארפון מיט א שנור, וויא דיא וואלפיש פאנגער נעברויכען עס געוועהנליך. דיא קליינע שיפעל איז ארונטער געלאָזען געוואָרען פון דעק און זעקס רודערער האָבען זיך צוזעצט אויף דיא בענק, וועהרענד דער זיבענטער האָט זיך אוועקגעזעצט פון פאָרענט צו רעגולירען דיא שיפעל. לענד, קאָנסייל און איך זיינען אויך ארונטערגעגאנגען.

— ווערט איהר ניט מיטפאָהרען, קאפיטאן? — האָב איך נעמאָ'ן געפרעגט.

— ניין, מיין הערר! איך ווינש אייך גליק אין אייער יאגד.

דיא שיפעל איז אָרָאבגעשטויסען געוואָרען און דיא רודערער האָבען זיא געטריבען שנעל וויא א בליץ צו דעם פלאץ וואו דער דיוגאָנג איז געשוואומען.

מיר זיינען געקומען נאָהענט צו דער חיה און דיא רודערער האָבען אָנגעהויבען טרייבען דיא שיפעל לאנגזאמער. לענד איז געשטאנען מיט'ן הארפון אין האנד פערטיג צו שליידערען איהם אין דעם אומגעלומפערטען קערפער. ער האָט נור געווארט אויף דעם גינסטיגען מאָמענט ער זאָל עס קענען טהאָן. דער הארפון, מיט וועלכען מען געהט אויף'ן יאגד אויף א וואלפיש, איז געוועהנ־ליך צוגעבונדען צו א לאנגען שטריק, וואָס איז ארויפגעוויקעלט אויף א רעדעל, וועלכער איז בעפעסטיגט צום שיפעל, און נאָכדעם וויא דיא וואפע איז אריינ־געשטעקט אין דעם טהיער'ס קערפער, לאָזט ער זיך שנעל אראָב און דיא שטריק וויקעלט זיך פערנאנדער. אונזער שטריק איז אָבער בלויז געווען ביי א זעכציג פוס לאנג און ביי איהר צווייטען ברעג איז געווען צוגעבונדען א פוסטע פאס, וואָס לאָזט זיך געוועהנליך ניט ארונטער אונטער'ן וואסער. דאָס איז געמאכט געוואָרען צוליעב דעם, אום מיר זאָלען קענען וויסען וואו דער דיוגאָנג וועט זיך געפינען נאָכדעם וויא ער וועט פערוואונדעט ווערען און וועט אנטלויפען אונ־טער'ן וואסער מיט'ן הארפון שטעקענדיג אין זיין קערפער.

איך בין געשטאנען אין שיפעל און בעטראכט דיא מערקווירדיגע בעשעפנים און אויך לענד'ס בעוועגונגען וויא ער גרייט זיך צו דער מלחמה. דער דיוגאָנג איז געווען גרויס. זיין לענגליכער קערפער האָט זיך געענדיגט מיט א גרויסען עק. זיינען פלוס־פעדערען פוןביידע זייטען האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא פינגער. פון זיין מויל האָבען ארויסגעשטארצט צוויי גרויסע שארפע צייהן און עס איז געווען א שרעק צו קוקען אויף איהם. ער איז געווען עטליכע און צוואנציג פוס

לאנג. ער איז געלעגען רוהיג אויף'ן וואסער, אזוי וויא פערזונקען אין א טיעפען שלאָף.

שטיל און פּאָרזיכטיג איז דיא שיפעל צוגעפאָהרען ביז אומגעפעהר אכט־צעהן פוס ווייט פון דעם דיוגאָנג. לענד האָט זיך א ביסעל איינגעבויגען אהינ־טער און האָט א שליידער געטהאָן זיין גרויסען, שארפען שפּיז. אין דעם זעל־בען אויגענבליק האָט זיך געהערט א שטארקער פייף, דאָס וואסער ארום האָט אזוי וויא אָנגעהויבען זידען און דיא זאָנדערבארע בעשעפניס איז פערשוואונדען געוואָרען.

— פערפלוכט זאָל ער ווערען! — האָט לענד העכסט אויפגערעגט אויסגע־שריען — איך האָב איהם ניט געטראָפען!

— ניין! — האָב איך געזאָגט — דאָס טהיער איז פערוואונדעט. אָט זעהט מען דאָ בלוט. אָבער דער הארפּון איז ניט געבליבען שטעקען אין זיין קערפּער.

דיא מאטראָזען האָבען וויעדער שנעל אָנגעהויבען רודערען און דער שטייערמאן האָט דיא שיפעל געקירעוועט נאָך דער ריכטונג פון דער פעסעל אויף'ן וואסער. דעם הארפּון האָט מען צוריק אויפגעהויבען און לענד איז געווען גרייט פאר אן אנדער אטאקע.

דער פערוואונדעטער דיוגאָנג האָט זיך אלע מאָל בעוויזען צוריק אין דער הויך אויף'ן וואסער, אום פרישע לופט איינצואטהעמען, און ער האָט זיך וויעדער ארונטערגעלאָזט. מען האָט געקענט זעהן אז ער איז ניט אָבגעשוואכט, ווייל ער איז געשוואומען זעהר שנעל און דיא שיפעל האָט איהם ניט געקענט דערגרייכען, אָבוואָהל זיא איז געטריבען געוואָרען פון זעקס פלינקע, פעהיגע מענער. איינינע מאָל זיינען מיר דאָך צוגעקומען נאָהענט צו איהם, אָבער וויא דער הארפּון־שליידערער האָט איהם געוואָלט אטאקירען, איז ער צוריק אונטער'ן וואסער פערשוואונדען געוואָרען.

לענד איז שטארק אונגעדולדיג און בייז געוואָרען. ער האָט געשאָטען מיט קללות און שימפּף־ווערטער איינע נאָך דיא אנדערע און אוים פערדרוס האָבען זיך זיינע קניע געטרייסעלט. מיך האָט אויך שטארק געערגערט וואָס דיא חיה רייצט זיך מיט אונז און האָט שכל וויא אזוי אן אנגריף אויסצומיידען.

אומגעפעהר א שטונדע צייט האָבען מיר דאָס טהיער פערפאָלגט און מיר האָבען ניט פאָראויסגעזעהן קיין גוטע רעזולטאטען. דער דיוגאָנג האָט זיך ניט גע־לאָזט טויטען און ענדליך איז ער נאָך, ווי עס האָט אויסגעזעהן, געפאלען אויף אן אידעע ראכע צו נעהמען פון אונז. ער האָט אויפגעהערט צו אנטלויפען און ער האָט זיך א דרעה געטהאָן צו אונז. לענד האָט באלד בעמערקט דעם טהיער'ס אבזיכט און ער האָט האסטיג אויסגעשריען:

— פּאסט אויף! זייט פּאָרזיכטיג!

דער שטייערמאן האָט געזאָגט צו דיא מאטראָזען א פּאָר ווערטער אין

זייער אונבעקאנטער שפראך. דאס האט ער זיי וואהרשיינליך געווארענט וויא אזוי זיי זאלען זיך היטען פון געפאהר.

ווען דער דיוגאנג איז געווען אומגעפעהר צוואנציג פוס ווייט פון אונז, איז ער א ווײלע געבליבען רוהיג אויף איין ארט. דאן האט ער זיך האסטיג אווארף געטהאן אויף אונז. ער האט אונזער שיפעל אזא מעכטיגען שטויס גע־טהאן, אז זיא האט זיך א קעהר געטהאן אויף א זייט און איז ביז העלפט אנגע־פילט געווארען מיט וואסער. עס איז ניט קיין צווייפעל, אז ווען ניט אונזערע געשיקטע מאטראזען, וועלכע האבען פאראויס געקראגען א ווארנונג, וואלטען מיר זיך אין גאנצען איבערגעקעהרט. נעד לענד האט שטעהענדיג ביי'ם פא־דערשטען טהייל פון שיפעל אנגעהויבען קעמפפען געגען דער אויפגערעגטער חיה, וועלכע האט מיט איהרע שארפע צייהן אנגעכאפט דעם דעק פון שיפעל און זיא אויפגעהויבען אין דער הויך. מיר זיינען צוזאמענגעפאלען איינע אויף דיא אנדערע און אונזער יאגד וואלט זיך זעהר טרויעריג געענדיגט, ווען דעם קענעדע'ר זאל דיעזען מאל ניט געלונגען אריינצוזעצען זיין הארפון גראדע אין טהיער'ס הארצען.

מיר האבען באלד געהערט א שטארקען קריץ מיט דיא צייהן און דער דיוגאנג איז ארונטער געפאלען אין וואסער. ער איז אבער באלד צוריק ארויפ־געשוואומען ליגענדיג אויף'ן רוקען טויט. מיר האבען איהם צוגעבונדען צו אונזער שיפעל און נאך א קורצע צייט זיינען מיר געקומען צוריק צו דער "נאטילוס".

מיט שווערע מיה האבען מיר דעם ריעזען קערפער אויף'ן פלאטפארם ארויפגעשלעפט. ער האט געוואויגען ביי א צעהן טויזענד פונט. לענד איז העכסט צופריעדען און שטאלץ געווען אויף זיין זיעג און ער האט גרוים פערגע־ניגען געהאט קוקענדיג וויא מען צושניידט דעם טויטען דיוגאנג און דער קוכער מאכט צורעכט זיין פלייש צו געברויכען אין קיך. דעם זעלבען טאג האבען מיר טאקי געהאט א מאהלצייט פון דיוגאנג פלייש, וועלכע איז ווירקליך געווען זעהר געשמאק, פיעל בעסער וויא קאלב אדער רינד־פלייש.

דעם פאלגענדען טאג איז דיא קיך פון דער "נאטילוס" רייכער געווארען מיט איניגע נייע שפייז־פראדוקטען. עס האבען זיך געמליך פלוצלונג אראב־געלאזט אויף דער שיף א גרויסע מחנה זעע־שוואלבען, וועלכע געפינען זיך נור אין יענע געגענדען ארום עגיפטען, און מיר האבען לייכט געפאנגען פיעלע פון זיי. עס איז אונז אויך געלונגען צו פאנגען איניגע ענטלאך (קאטשקעס) פון טייך נילוס און אנדערע געפליגעל, פון וועלכע דער קוכער האט געמאכט פאר־טרעפליכע געריכטען, וואס האבען זעהר גוט געשמעקט.

אום פינף אוהר פאר נאכט האבען מיר געזעהן דעם קייפ (א שפיץ לאנד וואס קומט אריין אין וואסער) ראס־מאהאמעד, וואס געפינט זיך צווישען זועץ

און אקאבאה. דארט האב איך בעמערקט א הויכען בארג. דאס איז געווען דער אלטער בעריהמטער בארג חורב, אויף וועלכען משה האט, ווי דיא ביבעל דערצעהלט, גערעדט מיט גאט פנים אל פנים.

אום זעקס דעם זייגער איז אונזער שיף געשוואומען ניט ווייט פון טאר, וואו דאס וואסער האט ווירקליך אויסגעזעהן רויט אזוי וויא בלוט, וויא קאפיטאן נעמא האט מיר מיט א פאר טעג פריהער ערקלערט. באלד איז אין גאנצען נאכט געווארען. ווייט ארום אונז איז געווען שטיל. עס האבען זיך נור אפט געהערט דיא געשרייען פון מאנכע נאכט פויגלאך און דאס ברויזען פון דיא וועללען וואס האבען זיך געריבען אן דיא פעלזען, אדער דער פייף פון א ווייטען דאמפפער.

פון אכט ביז ניין אוהר איז דיא "נאטילוס" געבליבען שטעהן אייניגע קלאפטער טיעף אונטער'ן וואסער. נאך מיין רעכענונג זיינען מיר שוין ניט ווייט געווען פון זועץ. דורך דיא פענסטער פון זאאל האב איך געזעהן דיא פעלזען־גרונד פון ים וואס זיינען געווען העלל בעלויכטען פון דיא עלעקטרישע ליכט פון שיף. איך האב בעמערקט וויא ארום דער שיף ווערט אלע מאל דער וועג ענגער און שמאלער.

ווען דיא "נאטילוס" איז וויעדער ארויף אין דער הויך, בין איך ארויף אויף'ן דעק. איך בין זעהר נייגעריג געווען צו זעהן וויא אזוי קאפיטאן נעמא וועט דיא "נאטילוס" דורכפיהרען דעם מערקווירדיגען אונטערערדישען קאנאל און איך האב ניט געקענט איינזיצען אויף איין ארט. איך האב געזוכט געלעגענהייטען וויא אזוי דיא צייט גיכער צו פערטרייבען, ביז יענעם מאמענט ווען מיר וועלען זיך אין אראבישען טונעל ארונטערלאזען. זיצענדיג אין דער הויך האב איך פון ווייטען בעמערקט א בלאסע ליכט, וואס האט עטוואס געשיינט אין דיא דונקעלהייט פון דער נאכט.

— א שווימענדע לייכט־הויז! — האב איך געהערט א שטימע הינטער מיר. איך האב זיך ארומגעקוקט און דערזעהן קאפיטאן נעמא שטעהענדיג ביי מיין זייט.

— דאס איז א שווימענדע לייכט־הויז פון זועץ! — האט דער קאפיטאן פארטגעזעצט — מיר זיינען שוין ניט ווייט פון מיין טונעל.

— איז דער ארייגפאהר אין טונעל שווער? — האב איך געפרעגט.

—יא, מיין הערר, עס איז ניט אזוי לייכט! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — און דעריבער וועל איך אליין פערנעהמען דעם פלאץ פון שטייערמאן און אליין פיהרען דיא שיף דורך'ן טונעל. קומט, הערר אראנאקס, געפעליגסט ארונטער, ווארום מיר וועלען זיך באלד ארונטערלאזען און מיר וועלען שוין ניט ארויפקומען אין דער הויך ביז מיר וועלען דורכפאהרען דעם טונעל און קומען אין דיא וואסערען פון מיטעללענדישען מעער.

מיר זיינען ארונטערגענאנגען. דיא פלאטען אין דער הויך האבען זיך באלד

געשלאָסען און דיא שיף האָט זיך ארונטערגעלאָזט עטליכע און דרייסיג פוס טיעף אין וואסער. ווען איך האָב געוואָלט ארייננעהן אין מיין צימער, האָט קאפיטאַן נעמאָ צו מיר געזאָגט:

— הערר פראָפעסאָר, ווילט איהר מיט מיר מיטגעהן אין שטייערמאַן'ס הייזעל?

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, קאפיטאַן! — האָב איך געענטפערט.

— דאַן קומט. אייך וועט געוויס זיין אינטערעסאנט צו זעהן אזא דורכפאָהר אונטער'ן וואסער און אונטער דער ערד.

דער קאפיטאַן האָט מיך געפיהרט דורך גאַנץ אנדערע טרעפ אין מיטען שיף. דאָרט האָט זיך געעפענט א טהיר און מיר זיינען אריינגעקומען אין שטייערמאַן'ס הייזעל, וועלכע איז געווען ביי'ם ענדע פון פלאַטפאָרם.

איך בין אין יענעם צימער צום ערשטען מאָל געווען און איך האָב זיך מיט גרויס נייגעריגקייט ארומגעקוקט אין אלע זייטען. דער צימער איז געווען פיערעקיג, אומגעפעהר זעקס פוס לאַנג און ברייט. אין מיטען האָט זיך געדרעהט א גרויסע ראָד, וועלכע האָט בעוועגט דעם שטייער-רודער. אין אלע זייטען זיינען געווען פענסטערלאך פון דיקע לינזען-גלעזער, וואָס האָבען דעם שטייערמאַן געגעבען דיא מעגליכקייט, ער זאָל צו יעדער צייט קענען זעהן וואָס ארום שיף טהוט זיך.

אין הייזעל איז דאמאָלס געווען דונקעל. אָבער מיינע אויגען זיינען באַלד צו דיא דונקעלהייט צוגעוואָהנט געוואָרען און איך האָב דייטליך געזעהן דעם שטייערמאַן, א הויכער און א קרעפטיגער מאַן, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן ראָד. דרויסען איז דער ים געווען אביסעל בעלויכטען פון דער שיין וואָס א לאַנטערנע פון צווייטען ברעג שיף האָט ארויסגעגעבען.

— אצינד פאָהרען מיר אריין אין אראבישען טונעל! — האָט נעמאָ צו מיר געזאָגט.

פון שטייערמאַן'ס צימער האָבען זיך געצויגען עלעקטרישע דראָטען צו דעם מאשינען-צימער און דער קאפיטאַן האָט פון דאָרט געקענט, דורך געוויסע סיגנאַלען, געבען בעפעהלע וואָס מען זאָל אונטען טהאָן און וויא אזוי מען זאָל טרייבען דיא מאשינערי. ער האָט א דריק געטהאָן אויף א מעטאַלענעם קנאָפ און אין דעם זעלבען מאָמענט האָט דיא "נאָטילוס" אָנגעהויבען לויפען לאַנגזאַמער.

א גאַנצע שטונדע צייט זיינען מיר געפאָהרען פערביי א הויכע גראַדע וואַנד, וועלכע איז געווען בלויז איינציגע פוס ווייט פון שיף. איך האָב דיא גאַנצע צייט מיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון דער וואַנד און ניט איך און ניט דער קאפיטאַן האָבען א וואָרט גערעדט.

קאפיטאַן נעמאָ'ס אויגען זיינען דיא גאַנצע צייט געווען געריכטעט אויף

א געוויסען אינסטרומענט און דורך א וואונק צום שטייערמאַן האָט זיך דיא ריכטונג פון שיף אלע מאָל געענדערט.

איך האָב זיך אָבגעקעהרט צו אן אנדער פענסטער און איך האָב געזעהן פרעכטיגע קאָראַלען געביידען, פערשיעדענע ים פלאנצונגען און מערקווירדיגע שילדקרעטען, וואס האָבען זיך בעוועגט צווישען דיא פעלזען, אזוי וויא זיי זאָלען אונז וועלען בעפאַלען דערפאר וואָס מיר דרינגען אריין אין זייער פינסטערע געהיימנים.

אום א פיערטעל נאָך צעהן דעם זייגער האָט דער קאפּיטאן אליין איבערגענומען דיא שטייער־ראָד. א ברייטע, דונקעלע און טיעפע גאלערי האָט זיך געעפענט געגען אונז און דיא "נאָטילוס" איז אהין אריינגעפאָהרען. עס האָט זיך געהערט וויא פון אלע זייטען האָט דאָס וואסער גערוישט און געברויזט. דיא וואסערען פון רויטען מעער האָבען זיך אראָבגעגאָסען מיט א שרעקליכען האסט דורך'ן טונעל אין מיטעללענדישען ים. דער שטראָם האָט דיא "נאָטילוס" געטראָגען שנעל וויא א פייל פון בויגען, אָבוואהל דיא מאשין־טרייבער האָבען זיך אָנגעשטרענגט דיא שיף צוריק צו האלטען.

אויף דיא וואנד פון טונעל האָב איך בלויז געזעהן פייערדיגע ליניעס פון דעם גלענצענדען עלעקטריציטעט, וואס האָט אָבגעשיינט פון דיא שיף לאַנטערנען. מיין הארץ האָט שטארק געקלאפּט פון איבערראשונג און איך האָב געפיהלט זעהר זאָנדערבאר.

נאָך א פערלויף פון א צוואנציג מינוט איז דער קאפּיטאן אוועק פון שטייער־ראָד און ווענדענדיג זיך צו מיר האָט ער געזאָגט:

— מיר זיינען שוין אין מיטעללענדישען מעער!

עס האָט לאנג ניט געדויערט און דיא "נאָטילוס" איז שטעהן געבליבען.

6טעס קאפּיטעל

דיא גריכישע אינזלען

אויף מאָרגען, דעם צוועלפטען פעברואר, באלד וויא עס איז טאָג געוואָרען, איז דיא "נאָטילוס" ארויפגעשטיגען איבער'ן וואסער און איך בין ארויף אויף'ן פּלאטפאָרם. דריי מייל ווייט פון אונז אין דרום זייט האָבען זיך געזעהן וויא א שאָטען דיא ברעגען פון פעלוזיום. א שטארקער שטראָם האָט אונז דאמאָלס געטראָגען פון איין ים אין אנדערען. ארום זיעבען דעם זייגער זיינען נעד לענד און קאָנסייל צו מיר ארויפגעקומען. זיי זיינען ביידע דיא גאנצע נאכט רוהיג געשלאָפען און זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט פון דער מערקווירדיגער רייזע וואָס מיר האָבען דורכגעמאכט.

— נו, הערר נאטור־פארשער — האט לענד געזאגט מיט א שפאטישען טאן — וואו איז אייער מיטעללענדישער מעער?

— מיר פאהרען דאך יעצט אויף איהם, פריינד לענד! — האב איך גע־ענטפערט.

— וואס? — איז קאנסייל איבערראשט געווארען — פאריגע נאכט האבען מיר עס דיא רייזע דורכגעמאכט?

— יא, וועהרענד איהר זיינט געשלאפען זיינען מיר אין צוואנציג מינוטען דורכגעפאהרען דעם אונטערערדישען קאנאל!

— ניין, איך קען עס ניט גלויבען! — האט לענד ערוויעדערט.

— דאן האט איהר אונרעכט, הערר לענד! — האב איך געזאגט — איהר בעזיצט דאך שארפע אויגען, קענט איהר ניט זעהן, אז מיר געפינען זיך שוין יעצט אין אן אנדער געגענד? דא איז פארט סאיד און דארט זעהען זיך דיא ניעדעריגע ברעגען פון עגיפטען.

לענד האט זיך אויפמערקזאם ארומגעקוקט און ער האט זיך אבגערופען:

— יא, איהר האט רעכט, הערר פראפעסאר, און איך מוז צוגעבען אז אייער קאפיטאן איז א זעלטענער מענש וואס זיין גלייכען איז גאר ניט צו געפינען. מיר זיינען ווירקליך אין מיטעל־לענדישען מעער. אלזא זעהר גוט! ערשט איז צייט מיר זאלען זיך אביסעל דורכפלוידערען וועגען אונזערע אייגענע אנגעלעגענהייטען. אבער קיינער דארף אונזער געשפרעך ניט הערען.

איך האב גוט פערשטאנען וואס דער קענעדע'ר וויל זאגען, אבער איך האב איהם ניט געוואלט שטערען און איך האב בעשלאסען צו מאכען זיך ניט וויסענדיג און איהם לאזען אויסרעדען זיין הארץ. מיר האבען זיך בעקוועם אוועקגעזעצט ביי דער לאנטערנע און דאן האב איך זיך אבגערופען:

— אצינד, לענד, הערען מיר אייך צו. וואס ווילט איהר אונז ערקלערען?

— א גאנץ איינפאכע זאך! — האט לענד געענטפערט — מיר זיינען דאך ערשט אין אייראפא, און איידער קאפיטאן נעמא'ס קאפריז וועט אונז אוועקשלעפען נאך אירגענד וועלכען אייז־מעער אדער צוריק אויף'ן שטילען אקעאן, זאלען מיר בעסער זעהן פטור ווערען פון איהם און פון זיין שיף.

איך מוז זאגען אז דיעזע געשפרעכען האבען מיך שטענדיג געבראכט אין א פערלעגענהייט. עס וואלט זיך מיר ניט געוואלט שטערען מיינע קאמעראדען און ניט לאזען זיי זיך בעפרייען פון דער "נאטילוס", אבער וואס אנבעלאנגט צו מיר אליין, איז מיר זעהר ניט אנגענעהם געווען דעם קאפיטאן נעמא צו פערלאזען. איהם און זיינע אפאראטען האב איך געהאט צו פערדאנקען וואס מיר איז אלע טאג מעגליך געווען מיינע וויסענשאפטליכע פארשונגען צו פערגרעסערן און זאמלען מעהר ידיעות, אום מיין ווערק "איבער דיא

געהיימניסע אויף'ן גרונד פון ים" צו פערבעסערען. האָב איך דען געקענט האָפען צו האָבען נאָך אמאָל אזא גלענצענדע געלעגענהייט דיא ימים און זייערע טיעפעניסען צו בעאָבאכטען? געוויס ניט! איך האָב דארום ניט געקענט איינשטימען דיא "נאָטילוס" צו פערלאָזען איידער אונזערע פאָרשונגען זיינען געענדיגט.

— פריינד לענד — האָב איך מיין קאָמעראד געפרעגט — זאָגט מיר דיא ווארהייט, איז אייך שוין טאקי איבערדריסיג צו זיין אויף דיעזער שיף? בעדויערט איהר טאקי שטארק דעם שיקזאל וואָס האָט אייך אהער געבראכט?

לענד האָט זיך א ווייל איבערגעלעגט, דאן האָט ער געזאָגט:

— איך קען ניט זאָגען, אז דיא רייזע אויף'ן גרונד פון ים געפעלט מיר ניט, דאָך וואָלט איך וועלען, אז זיא זאָל שוין זיין געענדיגט, און וואָס שנעלער אלץ בעסער.

— זיא וועט זיך שוין ענדיגען, מיין פריינד. זייט זיכער.

— אָבער וואו און ווען?

— וואו? דאָס ווייס איך ניט. און ווען? קען איך אויך בעשטימט ניט זאָגען. יעדענפאלס וועט דאָך שליסליך קומען דערצו, אז מיר וועלען שוין מעהר ניט געפינען אירגענד וועלכע נייעס אין דיא וואסערען צו בעטראכטען און צו שטודירען און דאן, ווען מיר וועלען פערלירען דיא אינטערעסע אין דער רייזע, וועלען מיר זאָגען אז זיא איז געענדיגט.

— איך זאָג אויך דאָס זעלבע וואָס דער הערר! — האָט קאָנסייל צו־געשטימט — און עס קען מעגליך זיין, אז נאָכדעם וויא מיר וועלען דורכרייזען אלע ימים, וועט קאפיטאן נעמאָ אליין אונז בעפרייען.

— געוויס, ווארט נור אויף איהם! האָט דער קענעדע'ר אויסגעשריען מיט א בייזען געלעכטער — ער וועט אייך שוין ווייזען וואָס פרייהייט איז!

— צו וואָס דארפט איהר אזוי איבערטרייבען? — האָב איך זיך אָבגע־רופען — מיר האָבען פאָרלויפיג ווייניג וואָס צו בעקלאָגען זיך אויף דעם קאפיטאן. עס איז אמת, אז אין קאָנסייל'ס מיינונג האָב איך קיין אמונה ניט. נעמאָ וויל אז דיא עקזיסטענץ פון זיין שיף זאָל פערבלייבען א געהיימניס פאר דער וועלט און טאקי צוליעב דעם וועט ער אונז מיט זיין גוטען ווילען ניט פריי לאָזען, אָבער ער איז ניט אזוי שלעכט וויא איהר, קאָמעראד לענד, דענקט פון איהם.

— אויף וואָס דען האָפט איהר אלזא? וויבאלד אז נעמאָ, זאָגט איהר, וועט אונז ניט בעפרייען, וויא אזוי זשע וועלען מיר דאָך לויז ווערען פון דאנען?

— איך דענק, אז עס וועט זיך יעדענפאלס מאכען א געלעגענהייט, וועל־

בע מיר וועלען קענען אויסנוצען, אויב ניט היינט, איז רעכט אפילו אין א האלב יאָהר ארום.

— אָבער וואו וועלען מיר שוין דאמאָלס זיין, הערר נאטור־פאָרשער? — האָט זיך לענד געערגערט.

— פיליכט דאָ, פיליכט אין כינא, דאָס מאכט גאָר ניט אויס. איבער־הויפט שפיעלט דיא פראגע פון "וואו" גאָר קיין ראָלע ניט ביי אזא שיף וויא דיא "נאָטילוס", וועלכע פליהט דורך אָקעאנען אזוי וויא א שוואלב דורך דיא לופט. וואָס קענט איהר וויסען? פיליכט וועט אונז דיא שיף קירצליך בריינ־גען צו דיא ברעגען פון פראנקרייך, ענגלאנד אָדער אמעריקא, דאן וועט דאָך זיין פיעל בעקוועמער און לייכטער צו אנטלויפען וויא יעצט.

— הערר אראָנאקס! — האָט זיך נעד לענד אָבגערופען — אויף אזעלכע נסים קענען מיר זיך ניט פערלאָזען. איהר זאָגט אימער: פיליכט וועלען מיר זיין דאָ, פיליכט וועלען מיר זיין דארט, און איך ענטפער דא־געגען: אָט מיר זיינען דאָ און מיר זאָלען דיא מעגליכקייט שוין אויסנוצען. צו וואָס אָבלייגען? צו וואָס ווארטען? איהר האָפט, אז מיר וועלען אמאָל קומען צו א ברעג אין פראנקרייך, ענגלאנד אָדער אמעריקא — און וואָס וועט זיין אז ניט? און וואָס וועט איהר טהאָן אז אייער משוגענער קאפיטאן וועט אונז פערפיהרען אין אזא פלאץ פון וועלכען מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט קענען רעטען?

איך האָבווירקליך ניט געהאט וואָס צו ענטפערען דארויף.

— מיין הערר — האָט לענד ווייטער גערעדט — איך וויל איינמאָל פאר אלע מאָל וויסען אייער ריכטיגע מיינונג און איך שטעל אייך דיא פאָלגענדע פראגע: לאָמיר אָננעהמען, אז קאפיטאן נעמאָ וויל אונז היינט בעפרייען, וואָלט איהר צופריעדען געווען זיין שיף צו פערלאָזען?

— איך ווייס ניט! — האָב איך קורץ געענטפערט.

— נאָך מעהר: ווען ער זאָל צום ביישפיעל זאָגען, אז ער גיט אונז היינט דיא ברירה, ענטוועדער צו געהן באלד, אָדער צו פערבלייבען אויף אי־מער געפאנגען אויף זיין שיף, וועלכע פון דיעזע ביידע זאכען וואָלט איהר אָנגע־נומען?

— פריינד לענד, איך מוז צוגעבען, אז פון אייער שטאנדפונקט האָט איהר פיליכט רעכט וואָס איהר ווילט פון דער "נאָטילוס" בעפרייט ווערען, וויל אייך איז דיא וויסענשאפטליכע אינטערעסע פון דער רייזע אונבעגרייפ־ליך, אָבער פאר מיר איז דיא זאך גאָר אנדערש. וואָס אָנבעלאנגט דעם קא־פיטאן, זאָג איך אייך נאָך אמאָל, אז ער וועט אונז מיט'ן גוטען ווילען קיינמאָל ניט בעפרייען. דארום מוזען מיר נאטירליך טראכטען וויא אזוי מיר זאָלען עס ווען עס איז קענען דורכפיהרען געגען זיין ווילען.

—גאנץ ריכטיג, הערר אראָנאקס. דאָס הייסט קלוג גערעדט.

— נור איין זאך וועל איך אייך בעמערקען, פריינד לענד, און זעהר א וויכטיגע. איהר מוזט ניט פערגעסען, אז אונזער אונטערנעהמונג צו אנטלויפען מוז פריהער גוט אויסגערעכענט ווערען, אז זיא זאָל דורכאויס גליקען. אין פאל דאָס וועט ניט געלינגען און מיר וועלען האָבען א דורכפאל, דאן וועלען מיר זיך מעגען געזעגענען מיט אונזער פרייהייט אויף אייביג. קאפיטאן נעמאָ וועט עס אונז קיינמאָל ניט פערצייהען און ער וועט זיכער זוכען ראכע.

— גאנץ ריכטיג. איך שטים מיט אייך איין. דיא הויפט זאך איז אלזאָ דיא פאָרזיכטיגקייט, אָבער ניט דיא צייט. זאָגט זשע מיר, הערר פראָפעסאָר, ווען עס זאָל זיך מאכען א זיכערע געלעגענהייט דערצו, איז ביי אייך אויך רעכט היינט, מאָרגען אָדער איבערמאָרגען דיא זאך דורכצופיהרען?

— יא, אָבער איך וויל איהר זאָלט מיר פריהער ערקלערען, וואָס הייסט ביי אייך א זיכערע געלעגענהייט?

— ווען, צום ביישפיעל, דיא „נאָטילוס" זאָל קומען גאנץ נאָהענט צו אן אייראָפעאישען ברעג.

— נו, מיינט איהר, אז מיר זאָלען זיך דאן אראָב'גנב'ענען פון שיף און זיך רעטען דורך צושווימען צום ברעג?

— יא, דאָס איז מיין אידעע. נאטירליך ווען דיא שיף וועט זיין וויט פון ברעג אָדער אפילו נאָהענט, אָבער אונטער'ן וואסער איז נימאָ וואָס צו דענקען דאריבער; ווען אָבער זיא וועט שטעהן אויבען אויף'ן וואסער און נאָהענט צום ברעג, וועט עס אונז זיין אזוי לייכט אויסצופיהרען אזוי וויא ארויסציהען א האָר פון מילך. און ווייסט איהר וואָס נאָך מיר איז ערשט אויף'ן געדאנק געקומען? איך וועל זעהן געפינען א געלעגענהייט ארונטער־צונעהמען אונבעמערקט דיא קליינע שיפעל פון דעק, מיר וועלען זיך אלע אריינזעצען אין איהר און מיר זיינען גערעטעט. נאטירליך, קען מען זיך ניט אונטערשטעלען צו טהאָן אזא זאך בייטאָג, אָבער ביינאכט, ווען דיא לייטע פון שיף שלאָפען, קען מען עס מאכען.

— גוט, הערר לענד. פּרובירט, אָבער געדענקט וואָס איך האָב אייך גע־ווארנט, אז אין פאל איהר וועט דורכפאלען, וועט עס אויף אונז אלע דעם גרעסטען אונגליק ברייגגען, ווייל דער קאפיטאן וועט זיך מיט אונז אָברעכע־נען דערפאר. געדענקט, האָט עס אין זינען.

— איך וועל ניט פערגעסען, מיין הערר.

— ווילט איהר ערשט, פריינד לענד, וויסען וואָס מיין מיינונג איז וועגען אייער פּראָיעקט?

— גאנץ געוויס, הערר אראָנאקס.

— וועל איך אייך זאגען, אז אייער זיכערע געלעגענהייט וועט קיינמאל ניט קומען!

— פארוואס ניט?

— איינפאך דערפאר, ווייל קאפיטאן נעמא האט אויך שכל. ער ווייס גאנץ גוט, אז מיר ווילען ניט זיין קיין אייביגע געפאנגענע און ער וועט שוין אויף אונז אכטונג געבען. איהר מעגט זיכער זיין, אז דיא "נאטילוס" וועט קיינמאל ניט צופאהרען נאהענט צו א ברעג, איבערהויפט דא, אין דיא אייראפעאישע וואסערען.

— דאס וועלען מיר נאך זעהן! — האט לענד געענטפערט מיט ענטשלאסענהייט.

— און פון יעצט אן, לענד — האב איך געזאגט — וועלען מיר מעהר וועגען דעם קיין איינציגען ווארט פערלירען. ווען איהר וועט האבען עטוואס אויפגעטהאן א פערטיגע זאך, דאן קומט און לאזט אונז וויסען. איך פערלאז מיך אין גאנצען אויף אייך.

דערמיט האט זיך געענדיגט אונזער געשפרעך, פון וועלכען עס זיינען אין א קורצע צייט ארום ארויסגעקומען זעהר וויכטיגע רעזולטאטען. צו לענד'ס גרויסע פערצווייפלונג האבען מיינע ווערטער זיך קירצליך בעוויזען אלס זעהר ריכטיגע. עס איז שווער געווען צו זאגען, אויב קאפיטאן נעמא האט אונז ווירקליך ניט געטרויט, אדער ער האט זיך אויף דיעזען פיעל בעזוכטען מעער געוואלט היטען פון גרויסע שיפען פון פערשיעדענע לענדער, אבער יעדענפאלס האט ער דיא שיף שטענדיג געהאלטען אונטער'ן וואסער און גאנץ ווייט פון אירגענד וועלכען ברעג. אפטמאל פלעגט דיא "נאטילוס" זיך ארונטערלאזען ביי א זעקס טויזענד פוס טיעף און קיין גרונד האבען מיר אלץ ניט דערגרייכט.

דעם פיערצעהנטען פעברואר בין איך אריין אין זאאל, ווייל איך האב גרויס לוסט געהאט צו בעטראכטען דיא מינים פיש פון דיעזען מעער. אבער דיא לאדען פון דיא פענסטער זיינען, צו מיין בעדויערען, געווען פערשלאסען. קוקענדיג אויף דער קארטע האב איך געוואוסט, אז מיר פאהרען נאך דיא ריכטונג פון אינזעל קאנדיא, וועלכער איז צו יענער צייט, ווען איך בין אבגעפאהרען פון ניו יארק אויף דער פריגאטע "אייברעהעם לינקאלן", געשטאנען אין רעוואלוציאן, אום זיך צו בעפרייען פון דער דעספאטישער הערשאפט פון טערקיי. וואס פון דער רעוואלוציאן איז געווארען, האב איך נאטירליך ניט געקענט וויסען. קאפיטאן נעמא, וועלכער איז געווען אבגעזונדערט פון דער וועלט, האט געוויס אויך וועגען דעם גאר ניט געוואוסט.

ווען דער קאפיטאן איז שפעטער געקומען אין זאאל, האב איך מיט איהם ניט געוואלט פערפיהרען קיין געשפרעך וועגען יענער רעוואלוציאן; ערשטענס,

ווייל איך האָב ניט געגלויבט, אז ער זאָל עטוואָס וויסען וועגען דעם, און צווייטענס, ווייל ער איז עפּעס געווען אונרוהיג און פערטיעפט אין געדאנקען, און שטערען איהם, וואָלט הייסען אריינברייגגען איהם אין כעס — א זאך וואָס איך האָב שטענדיג געזוכט אויסצומיידען. אויף נעמאָ'ס בעפעהל זיינען דיא אייזערנע לאָדען פונאנדערט גערוקט געוואָרען. איך האָב זיך אוועקגעזעצט בייס פענסטער און האָב ארויסגעקוקט אין ים, וואו פערשיעדענע פישען און ים־טהיערע זיינען אומגעשוואומען.

צווישען אנדערע זאָרטען פיש האָב איך דאָרט געזעהן אייניגע, אויף וועלכע איך האָב געשענקט מעהר אויפמערקזאמקייט, וויא צום ביישפּיעל זאק־פלאָסען, וואָס זיינען מערקווירדיג מיט דעם פּאָספאָר ליכט פון זייער קערפּער; מעער־בראָסען, וועלכע דיא עגיפּטער האָבען אמאָל פערגעטערט און האָבען געגלויבט, אז ווען דיעזער פיש בעוויזט זיך אין טייך נילוס שטייגט אין איהם אויף דאָס וואסער און ער טרינקט אָן דיא פעלדער; רימאָורען (שיפס־האלטער אויף דייטש), א קליינער זאָרט פיש, אויף וועלכע מען האָט פערצייטען געגלויבט, אז איינער פון זיי איז אימשטאנד אָבצוהאלטען א גרויסע שיף, ווען ער הענגט זיך אָן אויף'ן רודער. פון דיעזען פיש דערצעהלט מען א לעגענדע, אז ער האָט אמאָל געהאָלפען געווינען א קריעג צווישען צוויי פעלקער, ווייל ער האָט אָבגעהאלטען דיא שיף פון שונא. אויף וואָס פאר א קלייניגקייט דער שיקזאל פון נאציאָנען איז אמאָל געהאנגען! איך האָב דאָרט אויך געזעהן פערשיעדענע אנדערע מערקווירדיגע בעשעפּעניסען און איך האָב מיינע אויגען ניט געקענט אָבווענדען פון דיא סצענעס אין וואסער.

פּלוצלונג בין איך געבליבען זיצען אין דער גרעסטער ערשטוינונג. איך האָב דערזעהן אין מיטען וואסער, אויף'ן גרונד פון ים, דיא געשטאלט פון א הויכען מאן אין געוועהנליכע וואסער־קליידונג, מיט א ברייטען לעדערנעם גארטעל אויף זיינע לענדען. ביים ערשטען בליק האָב איך געגלויבט, אז דאָס איז דער טויטער קערפּער פון א דערטרונקענעם, וועלכען דער שטראָם טרייבט ארום, אָבער איך האָב זיך באלד איבערצייגט, אז דאָס איז א לעבעדיגער מענש. איך האָב דייטליך געזעהן אז ער רודערט שנעל מיט זיינע הענד און ער קומט אלץ נעהענטער צו אונזער שיף.

— ווער קען דיעזער מאן זיין? — האָב איך זיך צום קאפּיטאן געווענדעט — פיליייכט דארף מען איהם רעטען?

נעמאָ איז פערבליבען שטעהן קוקענדיג אין פענסטער און ער האָט מיר קיין אנטוואָרט נעגעבען. דער אונבעקאנטער איז דערווייל צוגעקומען צום שיף און האָט צוגעדריקט זיין געזיכט צום שויב, אזוי וויא ער זאָל יעמאנדען זוכען מיט זיינע בליקען. צו מיין גרויס איבערראשונג האָב איך געזעהן אז נעמאָ האָט צו איהם געמאכט צייכענס מיט'ן האנד און דער פרעמדער האָט איהם

געענטפערט מיט א וואונק. ער איז דאַן ארויפגעשטיגען אין דער הויך און איז פערשוואונדען געוואָרען.

— איהר האָט געמיינט אז ער טרינקט זיך? — האָט דער קאַפּיטאַן צו מיר נאָכדעם געזאָגט — דאָס איז דער וואוילבעריהמטער טויכער און שווימער ניקאָ־לאַס פון קייפּ מאַטאַפּאַן. ער לעבט מעהר אין וואַסער וויא אויף'ן לאַנד. ער געהט זאָגאר אונטער'ן וואַסער פון איין אינזעל צום אנדערען.

— און איהר קענט איהם, הערר קאַפּיטאַן? — האָב איך געפרעגט.

— געוויס, הערר אראָנאַקס, קען איך איהם.

אזוי רעדענדיג איז נעמאָ צוגעגאַנגען צו א שראַנק ביים לינקען זייט פון פענסטער. דאָרט איז געשטאַנען א גרויסער קאַסטען פעסט בעשמידט מיט אייזען. אויף זיין דעקעל איז געווען דער אויפשריפט, וואָס איך האָב געזעהן אויף אלע כלים פון שיף: **Mobilis in Mobili**

ניט בעמערקענדיג אז איך שטעה דערביי, האָט דער קאַפּיטאַן אויפגע־עפענט דעם קאַסטען, וועלכער איז געווען אָנגעפילט מיט לאַנגע שטיקלאך גאָלד. איך האָב זיך ניט געקענט ערקלערען, וואו דער קאַפּיטאַן האָט גענומען דיא דאָזיגע אוצרות און וואָס וויל ער יעצט דערמיט טהאָן?

איך האָב א וואָרט ניט גערעדט און געוואַרט צו זעהן דיא ענדע וואָס דאָ וועט זיין. דער קאַפּיטאַן האָט דיא גאָלד־שטאַנגלאך ארויסגענומען איינע נאָך דיא אנדערע און האָט זיי רעגעלמעסיג איינגעפּאַקט אין א קאָפער. נאָך מיין אָבשאַצונג האָט ער אהין אריינגעפּאַקט ביי א פיער טויזענד פונט גאָלד, וואָס איז ווערטה 200,000 פונט סטערלינג אויף ענגלישעס געלד.

דער קאָפער איז פעסט פערשלאָסען געוואָרען און קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אויף'ן דעק אויפגעשריבען אן אדרעס, אויף א שפּראַך, וועלכע האָט געשיינט צו זיין ניי־גריכיש. דאַן האָט ער א דריק געטהאָן אן עלעקטרישען קנאָפּ, גע־בענדיג דורך דעם א סיגנאַל אין דיא מאַטראָזען־קאַיוטע. אין א פּאָר מינוטען ארום זיינען אריינגעקומען פיער מאַטראָזען, וועלכע האָבען מיט גרויס מיה ארויסגעטראָגען דעם קאָפער פון זאַאַל. נאָכדעם האָב איך געהערט וויא מען האָט איהם מיט שטריק געשלעפּט איבער'ן לייטער וואָס פיהרט צום דעק.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך דער קאַפּיטאַן געווענדעט צו מיר און גע־זאָגט:

— און וואָס האָט איהר מיר געוואָלט זאָגען, הערר פּראָפעסאָר?

— קיין זאַך ניט! — האָב איך געענטפערט.

— דאַן ערלויבט מיר אייך גוטע נאַכט צו ווינשען.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער פערלאָזען דעם זאַאַל.

איך בין אויך באַלד אוועק אין מיין צימער און איך האָב זיך געלייגט שלאָפען, אָבער אויס איבערראַשונג האָב איך דיא גאַנצע נאַכט זעהר ווייניג

געשלאָפען. דיא סצענעס מיט דעם אונבעקאנטען שווימער און מיט דעם קאסטען גאָלד זיינען מיר פון זינען ניט ארויס און איך בין געלעגען און נור געטראכט וועגען דעם. וויא איך האָב פערשטאנען, האָט דער שווימער א שייכות מיט'ן אוצר, אָבער וואָס פאר א שייכות זיי האָבען, דאָס האָב איך ניט גע־קענט בעגרייפען. איך האָב פּלוצלונג בעמערקט, אז דיא "נאָטילוס" הויבט זיך אויף פון דיא טיעפענים פון ים און שווימט ארויף אין דער הויך.

איינינגע מינוטען שפּעטער האָב איך דערהערט שטארקע טריט אויף'ן פּלאטפאָרם. באלד נאָכדעם האָב איך געהערט וויא מען שרויפט אָב דיא קליינע שיפעל פון דעק און וויא מען לאָזט זיא ארונטער. דיא שיפעל האָט זיך גע־קלאפּט אָן דער וואנד פון דער "נאָטילוס", ביז זיא האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין וואסער, דאן איז אלעס שטיל געבליבען.

צוויי שטונדען שפּעטער האָב איך געהערט דעם זעלבען גערויש וויא מען געהט אום אין דער הויך אויף'ן דעק. נאכהער האָט מען דיא שיפעל צוריק ארויפגעצויגען, צוגעשרויפט צוריק צו איהר פּלאַץ און דאן האָט זיך דיא שיף צוריק ארונטערגעלאָזט אין דיא טיעפענים.

עס איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען, אז דיא מיליאָנען ווערטה גאָלד איז טראנספּאָרטירט געוואָרען. אָבער וואוהין? נאָך וועלכע געגענד? מיט וועמען שטעהט קאפּיטאן נעמאָ אין אזעלכע פערבינדונגען? דאָס זיינען געווען פראגען, אויף וועלכע עס איז מיר אונמעגליך געווען אירגענד וועלכע ערקלערונג צו געבען.

אויף מאָרגען פריה האָב איך פאר מיינע קאמעראדען לענד און קאָנסייל דערצעהלט פון דיא מערקווירדיגע געשעהעניסען פון דער פאָריגער נאכט. זיי זיינען ביידע העכסט ערשטוינט געוואָרען.

דער קענעדע'ר האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערען און ער האָט איי־ניגע מאָל איבערגעפרעגט: "וואו נעהמט ער עס אזוי פיעל מיליאָנען?" איך האָב דערויף קיין אנטוואָרט ניט געקענט געבען, ווייל איך האָב וועגען דעם ניט געוואוסט מעהר פון איהם.

איך האָב אָבגעגעסען פריהשטיק און איך בין אריין אין זאאל צו מיין ארבייט. ביז פינף אוהר בין איך בעשעפּטיגט געווען מיט מיינע נאָטיצען און שריפטען אין אָרדנונג צו ברייננען. דאן האָב איך פּלוצלונג אָנגעפאנגען צו שפּירען אזא גרויסע היץ, אז מיין גאנצער קערפּער איז מיט שוויס אָבגעגאָסען געוואָרען און איך האָב געמוזט דעם ראָק פון זיך אראָבוואַרפען. איך האָב ניט געקענט בעגרייפען פון וואנען דאָס האָט זיך מיט אמאָל גענומען. מיר זיינען דאָך ניט געווען אין קיין הייסע געגענד, און זאָגאר אין דיא הייסע געגענדען דאַרף מען אויך אונטער'ן וואסער ניט פיהלען דיא הייסע טעמפּעראטור פון

דער לופט. דער מאנאמעטער צייגט, אז מיר פאהרען זעכציג פוס טיעף אונ־טער'ן וואסער, היינט וויא קומט דארט אזא היץ?

איך האב א היבשע ווייל געראהט און נאכהער געוואלט נעהמען זיך צוריק צו מיין ארבייט, אבער דיא היץ האט פון מינוט צו מינוט געשטיגען און עס איז געווארען אונערטרעגליך אזוי, אז איך האב דיא פעדער ניט געקענט האלטען.

— פיליכט ברענט דיא שיף? — האב איך זיך אליין געפרעגט — אבער וויא אזוי קען זיא ברענען אין וואסער?

איך האב זיך אויפגעהויבען און געוואלט ארויסגעהן. פלוצלונג איז קאפי־טאן נעמא אריינגעקומען, האט א קוק געטהאן אויף'ן טערמאמעטער און זיך אבגערופען:

— יא, עס איז שוין צוויי און פערציג גראד היץ.

— איך שפיר עס שוין גוט, הערר קאפיטאן! — האב איך געזאגט — און אויב דיא טעמפעראטור וועט נאך שטייגען, ווייס איך ניט וויא אזוי מיר וועלען עס איבערטראגען.

— אה, הערר פראפעסאר, דיא היץ וועט שטייגען נור דאן, אויב איך וועל עס וועלען.

— איהר קענט אלזא פערטרייבען דיעזע הייסע טעמפעראטור?

— ניין. אבער איך קען פון איהר אנטלויפען.

— קומט זיא דען פון דרויסען?

— געוויס! מיר פאהרען יעצט דורך קאכעדיגע וואסער.

— ווירקליך? — האב איך ערשטוינט געפרעגט.

— קוקט, וועט איהר זעהן! — האט נעמא געענטפערט.

אין דיעזען מאמענט האט זיך דיא אייזערנע וואנד פונאנדער גערוקט און איך האב דורך'ן פענסטער געזעהן וויא דאס וואסער ארום שיף איז אויסגעמישט מיט א העלען רויך און עס קאכט און זידט אזוי וויא אין א קעסעל. איך האב צוגעלייגט א האנד צום פענסטער, אבער איך האב זיא באלד צוריק אבגעכאפט, ווייל דיא שויב איז געוועזן אזוי היים, אז מיינע פינגער זיינען שיער צוברענט געווארען.

— וואו זיינען מיר דא? — האב איך געפרעגט אין שרעק און ערשטוי־נען.

— ניט ווייט פון דעם גריכישען אינזעל סאנטארין, מיין הערר — האט דער קאפיטאן געענטפערט — גראדע אין דעם קאנאל וואס ציהט זיך צווי־שען דיא אינזלען נעא קאמעני און פאלי קאמעני. איך האב אייך געוואלט צייגען דיא מערקווירדיגע ערשיינונג פון א ברענענדען וואולקאן אונטער'ן ים.

— איז דאָס דער זעלבער וואולקאן, וואָס האָט זיך אין איינינע ערטער אויפגעהויבען פון גרונד ים און נייע אינזלען ארויפגעבראכט? — האָב איך געפרעגט — איך האָב געמיינט אז דיעזער וואולקאן איז שוין לאנג פערלאָשען.

— איהר זעהט דאָך אז ניט! — האָט נעמאָ געענטפערט — דיא פייערען אין דיא טיעפענים פון דער ערד אונטער'ן ים ארבייטען נאָך יעצט אויך. וויא דיא אלטע נאטור־פאָרשער און היסטאָריקער קאסיאָדאָרוס און פּליניוס דערצעהלען, האָט זיך אין יאָהר 19 נאָך אונזער צייט־רעכנונג, אין דיא געגענד, וואו מיר געפינען זיך יעצט, אויפגעהויבען אן אינזעל, וועלכען מען האָט א נאָמען געגעבען טהעיא (דער הייליגער). יענער אינזעל איז אָבער באלד צוריק געזונקען צוזאמען מיט דיא אינזלען וואָס זיינען דאָ געווען פון פריהער און אין יאָהר 69 האָבען זיי זיך צוריק אויפגעהויבען. פון דאן אָן איז דאָ קיינע נייעס געשעהן ביז דעם יאָהר 1866. דעם דריטען פעברואר פון יענעם יאָהר האָט א וואולקאן אויפגעהויבען א נייעם אינזעל, וועלכען מען האָט א נאָמען געגעבען "געאָרג אינזעל", אָדער "דזשאָרדזש", וויא דער ענגלענדער דריקט עס אויס. מיט איינינע טעג שפּעטער האָט ארויסגעשפּראָצט דער אינזעל אפרעזא, בלויז א דרייסיג פוס ווייט פון דעם נעא קאמעני אינזעל און דאָס וואסער צווישען דיא צוויי אינזלען בילדען א שמאָלען קאנאל. דער אפרעזא אינזעל, וועלכער איז געווען גאנץ קליין איז בעשטאנען פון לאווא און שטיקער שטיינער. דעם צעהנטען מארטש פון זעלבען יאָהר האָט א וואולקאן ארויפגעבראכט נאָך א קליינעם אינזעל, וועלכען מען האָט גערופען רעקא. דורך דער צייט זיינען דיא דריי אינזלען פעראייניגט געוואָרען און עס איז פון זיי געוואָרען איין אינזעל. איך בין גראדע געווען אין דיעזע וואסערען ווען יענע דריי אינזלען האָבען זיך געבילדעט און איך האָב געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהן און צו בעטראכטען דיעזע מערקווירדיגע נאטור־ערשיינונג.

— און דאָס איז דער זעלבער קאנאל אין וועלכען מיר געפינען זיך יעצט?

— האָב איך געפרעגט.

— זעהר וואהרשיינליך, הערר אראָנאקס! — האָט נעמאָ געענטפערט — עס האָבען שוין א סך אזעלכע פעלע פּאסירט און עס איז זעהר מעגליך, אז דיא צוויי קאמעני אינזלען זאָלען זיך פעראייניגען. אין שטילען מעער בילדען זיך אינזלען דורך דיא ארבייט פון קליינע קאראלען־טהיערע און דיא זעלבע ארבייט טהוט דאָ דער אונטערערדישער פייער.

איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער גלעזערנער וואנד. דיא שיף האָט זיך דאן אָבגעשטעלט און דיא היץ איז געוואָרען אלץ שטארקער און שטארקער. איך האָב דורכ'ן פענסטער געזעהן וויא רויטע זיילען פליהען דורך'ן וואסער, וואָס האָט געהאט א העלען פּאספאָר קאָליר. דיא ים פלאמען האָבען פערדונקעלט דיא עלעקטרישע לייכטונג פון דער "נאָטילוס", און

טראָצדעם וואָס דער זאאַל איז אזוי פעסט פערמאכט געווען ארום און ארום, האָט זיך דאָך געשפירט א גערוך פון שוועבעל און עס האָט מיר פערכאַפּט דער אָטהעם. איך האָב געפיהלט אז עס שטיקט מיך און מיין גאנצער קערפּער האָט זיך איינפאַך געבראָטען.

— איך קען דיעזע היץ לענגער ניט אויסהאַלטען! — האָב איך צום קאפּיטאַן געזאָגט.

— און דיא "נאָטילוס" אויך ניט! — האָט נעמאָ געענטפערט.

אויף זיין בעפעהל, דורך א סיגנאַל, האָט זיך דיא שיף אויסגעדרעהט און איז באלד ארויס פון דעם ברענענדען גלוטה. מיט א פיערטעל שטונדע שפּעטער איז דיא "נאָטילוס" געווען אין דער הויך אויף'ן וואסער. מיר זיינען ארויף אויף'ן דעק און זיך מיט פרישע לופט דערקוויקט.

אויף מאָרגען, דעם 16טען פעברואר האָבען מיר פערלאָזען דיא געגענד פון דיא גריכישע אינזלען וואו עס געפינען זיך אין ים טיעפעניסען אריבער ניין טויזענד פוס. מיר זיינען פערבייגעפאָהרען קייפּ מאטאבאן און פאָרטגע־זעצט אונזער רייזע ווייטער.

7טעם קאפּיטעל

דער מיטעללענדישער ים

דער מיטעללענדישער ים, דער ים הגדול, וויא ער ווערט גערופען אין העברעאיש, איז דורכשניטליך פון א בלויען קאָליר. זיינע ברעגען זיינען אין פיעלע געגענדען בעזעצט מיט אָראנדזשען, מירטען און אנדערע פּראכטפאָלע און שמעקענדיגע ביימער. עס רינגלען איהם ארום הויכע בערג, וואָס זיינען געזעטיגט מיט ריינע, געזונדע לופט. אָבער אונטער זיין גרונד ארבייטען אונטערערדישע פייערען, אזוי וויא נעפּטון (דער גאָט פון ים, ביי דיא אלטע רוימער) זאָל מלחמה האלטען מיט פּלוטאָ'ן (דער גאָט פון גיהנום).

ביי דיא ברעגען פון דיעזען ים איז דער אנגענעהמסטער און געזונדסטער קלימאט פון דער וועלט. אָבער וויא שעהן און וויא פּראכטפאָל דיעזער מעער און זיינע אומגעגענדען זיינען, און כאָטש ער פערנעהמט א שטח פון זעקס מיליאָן סקווער פוס, דאָך האָב איך איהם ווייניג וואָס בעטראכט. זאָגאר דיא ברייטע ערפאהרונגען פון קאפּיטאן נעמאָ האָבען מיר דאָ אויך ניט געהאָלפען, ווייל דיעזער מערקווירדיגער מאן איז אזוי וויא פערשוואונדען געוואָרען און איך האָב איהם אין פערלויף פון דער צייט וואָס מיר זיינען דורכגעשוואומען דעם מיטעללענדישען מעער אין דיא אויגען ניט אָנגעזעהן.

אין אכט און פיערציג שטונדען צייט האָט דיא "נאָטילוס" דורכגעשני־טען דיעזען מערקווירדיגען ים, אויף א שטרעקע פון אומגעפעהר 600 מייל. מיר

זיינען דעם 16טען פעברואר אין דער פריה אָבגעפאָהרען פון דיא גריכישע אינזלען און דעם 18טען, ווען דיא זונן האָט נור אָנגעפאנגען אויפצוגעהן איז שוין דיא "נאָטילוס" געשוואומען ביים גיבראלטאר, וואו דער מיטעללענדישער ים ענדיגט זיך.

וויא עס האָט אויסגעזעהן, איז דער מיטעללענדישער ים, וואָס געפינט זיך צווישען פיעלע בעזעצטע לענדער, ניט געווען קיין אנגענעהמער אָרט פאר קאפיטאן נעמאָ, וועלכער האָט זיך בעהאלטען פון דער וועלט. דאָרט האָט איהם געפעהלט דיא פולע פרייהייט, דיא ברייטע מעגליכקייטען פאר זיינע אונטערנעהמונגען. ער האָט זיך ניט געוואָלט בעוויזען צווישען דיא נאָהענטע ברעגען פון אייראָפּא און אפריקא און ער האָט דארום דעם גאנצען וועג גע־טריבען זיין שיף מיט פולע שנעלקייט. מיין קאמעראד לענד האָט דאן אויפ־געגעבען זיינע פּראָיעקטען צו אנטלויפען, ווייל דאָס איז געווען אַ זאך, וואָס וואָלט פאר קיין פאל ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען. דיא "נאָטילוס" איז דורכאויס געשוואומען אונטער'ן וואסער און בלויז ביי נאכט פלעגט זיא ארויפקומען אין דער הויך אויף אַ קורצע צייט, אום פרישע לופט אָנצושע־פּען.

איך האָב אלזאָ אויף'ן ים וועניג וואָס געקענט זעהן. איך האָב בלויז געהאט דיא מעגליכקייט צו כאפּען אַ בליק אויף דיא אלגעמיינע לאנדשאפט, אָבער צו בעטראכטען בעזונדערע געגענשטאנדען האָב איך קיין צייט געהאט, ווייל דיא שיף איז גלאָפּען שנעל, און איידער איך האָב צייט געהאט צו בע־טראכטען עטוואָס, איז שוין יענע זאך פערשוואונדען געוואָרען פון מיינע אוי־גען. דאָך האָב איך שטעהענדיג ביי דיא גלעזערנע ווענד פון זאאל בעטראכט פערשיעדענע זאָרטען מערקווירדיגע פישען און ים־ברואים, וועלכע האָבען אַ קורצע צייט מיטגעשוואומען גלייך מיט אונזער שיף.

אין דיא וואסער שיכטען וואָס זיינען געווען העל בעלויכטען פון דעם עלעקטרישען ליכט פון דער "נאָטילוס", האָב איך געזעהן האַי־פישען וואָס האָבען מאנעווירט און נאָכגעיאָגט איינע דיא אנדערע; זעע־פוקסען, וועלכע בעזיצען אַ מערקווירדיגע קראפט אין זייערע לאנגע עקען; קליינע גאָלד־בראסען — אַ זעלטענע, קאָסטבארע זאָרט פיש, פון אַ זילבער לאזור־בלויען פארב מיט גאָלדענע רונד־רינגען ארום זייערע אויגען. פּראכטפאָלע שטער־פישען, ביז עטליכע און דרייסיג פוס לאנג, האָבען געקלאפּט מיט זייערע עקען אין דיא פענסטער פון שיף. זיי זיינען עהנליך צו האַי־פישען, אָבער זיי זיינען ניט אזוי קרעפטיג. דער שטער־פיש ווערט געברויכט אלס שפּייז. מען עסט איהם פריש געקאָכט, געטריקענט, מארינירט אָדער געזאלצען, און אין אלע פאָרמען איז ער זעהר געשמאק. אם בעסטען פון אלע האָב איך צייט געהאט צו בע־טראכטען דיא טהון־פישען מיט זייערע זילבער געפּאנצערטע קערפּערס און גאָל־

דענע פלוס־פערדערן. אויף דיעזע פישען זאגט מען, אז זיי בעגלייטען שטענ־דיג יעדע שיף, אום צו בעשיצען זיך אין איהר שאטען פון דיא הייסע זונען־שטראהלען. איך האב ווירקליך אכטונג געגעבען און בעמערקט, אז דיעזע ברואים זיינען דורכאוים געשוואומען ביי דער זייט פון דער "נאטילוס", אזוי וויא זיי זאלען זיך פאר עפעס בעהאלטען. איך האב אויך בעמערקט איינגע זאנדער־בארע זויג־טהיערע, וואס לעבען אין יענע וואסערען און אויך מאנכע טהיער־פלאנצען.

אין אבענד פון 16טען פעברואר זיינען מיר געפאהרען צווישען סיציליען און דיא ברעגען פון טונים. אין יענע געגענד איז דא א פלאץ, וואו דער גרונד פון ים איז אזוי הויך, אז דאס וואסער פון אויבען איז בלויז ביי א פופציג פוס טיעף. דאס איז א מין לאנגער, שמאלער בארג אין מעער. ביי דיא זייטען פון יענעם פלאכען וואסער איז דער ים גאנץ טיעף. דיא "נאטילוס" איז דארט געשוואומען פארזיכטיג און לאנגזאם, אום זיא זאל זיך ניט אנשטויסען אן דעם אונטערוואסערדיגען בארג.

איך האב מיין דיענער קאנסייל געציינגט אויף'ן קארטע, וואו יענער בארג איז בעצייכענט.

— וועט מיר דער הערר ערלויבען צו זאגען? — האט ער זיך אבגערער־פען — דאס איז דאך אלזא א פאס וואס טהיילט אב אייראפא פון אפריקא.

— יא, מיין פריינד! — האב איך געזאגט — עס איז ריכטיג. דיעזער אונטערוואסערדיגער בארג, אדער לאמיר עס רופען "וואנד" פערשפארט דעם קאנאל פון ליביען. וויא נאכפארשונגען בעווייזען זיינען אמאל דיעזע צוויי וועלט־טהיילען אייראפא און אפריקא אין דיעזע געגענד געוועזען פעראייניגט אין איין יבשה.

— מערקווירדיג! — האט זיך קאנסייל געוואונדערט — עס איז קוים צו גלויבען!

— נאך אזא וואנד — האב איך איהם ערקלערט — געפינט זיך צווישען גיבראלטאר און סעאוטא. מיט טויזענדע יאהרען צוריק האט יענער פעלז דעם מיטעללענדישען מעער אין גאנצען אבגעשלאסען.

— נו — האט קאנסייל געפרעגט — ווען עס זאל זיך מאכען א צופאל און וואולקאנישע קרעפטען זאלען ווידער דיעזע וואנד אויפהויבען?

— דאס איז ווייטלויפיג, קאנסייל. דו דארפסט וויסען, מיין פריינד, אז דיא וואולקאנען אין דער ערד ווערען אלע מאל שוואכער. דיא פייערען פון דאמאלס, ווען דער ערד־קוגעל איז נאך געוועזען אין זיין יוגענד, ווערען ביסלעכ־וויין אויסגעלאשען און דיא טעמפעראטור אין דער ערד קיהלט זיך אב מיט יעדען יאהרהונדערט, און דערמיט פערלירט זיא אויך איהר לעבענס קראפט.

— און דיא זונען שטראהלען?

— זיי קענען גאָר ניט נוצען. א טויטען קערפּער, וואָס האָט פערלאָרען זיין אייגענע ווארימקייט, קען דיא זונן צוריק ניט לעבעדיג מאכען. אויף דיעזען אופן וועט אויך אונזער ערד אמאָל אָבשטארבען. זיא וועט בלייבען א טרו־קענע מאסע, אָהן לעבען, אָהן בעוואָהנער, אזוי וויא דיא לבנה, וועלכע האָט שוין לאנג איהר לעבענס ווארימקייט פערלאָרען.

— און וויא לאנג דארף עס נאָך דויערן ביז יענע טויטע צייט וועט קומען?

— געוויס איניגע הונדערט טויזענדע יאָהר, מיין ליעבער קאָנסייל.

— אויב אזוי, האָבען מיר דאָך גענוג צייט אונזער רייזע אויף דער "נאָטילוס" פאָרטצוזעצען, אויב נור נעד לענד וועט עס ערלויבען! — האָט זיך מיין דיענער געוויצעלט.

ביי דיעזע ווערטער האָט קאָנסייל זיך אומגעקעהרט צוריק צום פענסטער און גענומען בעאָבאכטען דיא אינטערעסאנטע ערשיינונגען, וואָס האָבען זיך פאָרגעשטעלט אין דיא וואסער שיכטען. דיא "נאָטילוס" איז דערווייל אריבער־געשוואומען דיא גאנצע לענג פון דעם אונטערוואסערדיגען בארג.

דיא זעלבע נאכט איז אונזער שיף אריינגעשוואומען אין צווייטען בע־קען פון מיטעללענדישען מעער, וואו עס געפינען זיך דיא גרעסטע טיעפעני־סען פון צעהן טויזענד פוס און מעהר, אין וועלכע דיא "נאָטילוס" האָט זיך געהאַלטען אין דיא גאנץ אונטערשטע שיכטען. קיין בעזאָנדערע מערקוויר־דיגקייט פון דער נאטור איז דאָרט ניט געוועזען צו זעהן, דערפאַר אָבער האָט דער גרונד פון ים זעלבסט פאָרגעשטעלט ריהרענדע און פורכטבארע סצע־נעס. מיר האָבען דאָרט בעגעגענט מאסען פערראָסטעטע אָדער נייע שיפען רואי־נען, קאנאָנען, אנקערס, קוילען, פערשיעדענע שטיקער מאשינען, צילינדערס, קעסלען און אנדערע אייזערנע אינסטרומענטען, וואָס זיינען פערשלונגען גע־וואָרען אין דיא טיעפע וואסערען. און ווער האָט געקענט וויסען וויפיעל טויטע קערפּער פון מענשען עס זיינען געלעגען אונטער דיא רואינען אָדער וויפיעל אומגעקומענע קרבנות דער ים האָט שוין ארויסגעשווינקט, אָדער זיינען אויפגעפרעסען געוואָרען פון האַי־פישען און אנדערע רויב־טהיערע?

יענע געגענד פון ים איז דיא געפעהרליכסטע, און דיא גרעסטע אונ־גליקען מיט שיפען פאסירען דאָרט. אין פערגלייך מיט'ן שטילען אָקעאן איז דיעזער מעער נור א קליינער טייכעל, אָבער דיא וועללען פון דיעזען טייכעל זיינען העכסט געפעהרליך. ווען זיי ווערען בייז קענען זיי דיא שטארקסטע שיף צושמעטערען אזוי לייכט וויא מען צוברעכט דיא שאָלאכץ פון א נוס.

וואָס נעהענטער מיר זיינען געקומען צום ענדע פון מיטעללענדישען מעער, ביי דיא סטרייטס פון גיבראלטאר, איז אלץ געוועזען מעהר צו זעהן פעראונ־

גליקטע שיפען, וועלכע זיינען געלעגען אויף'ן גרונד אין פערשיעדענע פּאָזי־ציאָנען. עס האָט געשווידערט צו קוקען אויף דיא דאָזיגע חורבות.

דעם 18טען פעברואר גאנץ פריה זיינען מיר אָנגעקומען צו דיא סטרייטס פון גיבראלטאר — א שמאָלער וואסער וואָס פעראייניגט דעם מיטעללענדישען מעער מיט'ן אטלאנטישען אָקעאן. דאָרט גיבען עס צוויי שטראָמען: אן אויבערשטער און אן אונטערשטער. דער אויבערשטער שטראָם טראָגט דאָס וואסער פון דעם אטלאנטישען אָקעאן אין מיטעללענדישען מעער. אָבער גאנץ אונטען ציהט זיך פערקעהרט א רייסענדער שטראָם פון מיטללענדישען ים נאָך'ן אטלאנטיק. דאָס איז איינע פון דיא מערקווירדיגסטע נאטור־ערשיינונגען. אויבען לויפט דאָס וואסער אין איין ריכטונג און אונטען פונקט אין דער גע־גענזייטיגער ריכטונג. קיינער אויסער אונז האָט נאטירליך דעם אונטערשטען שטראָם ניט געזעהן, ווייל קיינער איז דאָך דורך איהם ניט געפאָהרען. דאָך צווייפעלט קיינער ניט, אז אזא שטראָם עקזיסטירט, ווייל זאָנסט וואָלטען דיא מאסען וואסערען, וואָס פלייצען אריין אין מיטעללענדישען מעער, איהם געדארפט פון צייט צו צייט גרעסער מאכען, פאקטיש איז עס אָבער ניט אזוי, און מען פערשטעהט דארום, אז עס גיט ערגיץ אן אונזיכטבארער שטראָם, וואָס פיהרט ארויס צוריק דיא איבעריגע וואסער פון דיעזען מעער.

מיט דיעזען אונטערשטען שטראָם איז דיא "נאָטילוס" שנעל דורכגע־לאָפען דעם שמאָלען וואסער. איך האָב פאָהרענדיג געהאט דיא געלעגענהייט צו כאפּען א בליק אויף דיא רואינען פון דעם שעהנעם הערקולעס־טעמפעל, וועל־כער איז, לויט וויא פליניוס בעשרייבט, פערזונקען געוואָרען צוזאמען מיט'ן אינ־זעל, אויף וועלכען ער איז געשטאנען.

8טעם קאפּיטעל

דיא וויגאָ בוכטע

דער אטלאנטישער ים! א גרויסע וואסער שטרעקע וואָס פערנעהמט פינף און צוואנציג מיליאָנען קוואדראט מייל. לאנג איז ער ניין טויזענד און זיין ברייט איז דורכשניטליך צוויי טויזענד זיבען הונדערט מייל.

דיעזער ים ווערט יעצט מעהר בעזוכט וויא אלע אנדערע אָקעאנען. דורך דיעזען ים פאָהרט מען פון אייראָפּא נאָך אמעריקא. דער פערקעהר אויף זיינע וואסערען איז אונגעהייער גרויס, ווייל ער געפינט זיך צווישען פיעלע ציוויליזירטע לענדער, וועלכע זיינען פערבונדען איינע מיט דיא אַנדערע אין האנדעל. אין דיעזען ים גיסען זיך אריין דיא גרעסטע טייכען פון דער וועלט, וויא צום ביישפּיעל: דער סענט לאָורענץ, מיסיסיפּי, אמאזאָן, פּלאטא, ארינאָקאָ, ניגער, רהיין, עלבע און אנדערע. פערצייטען איז דיעזער וועלט־אָקעאן וויינציג בע־

וואוסט געווען און היינט איז ער אן אונגעהייער גרויסע וואסער־פעלד, וועלכע דיא שיפען פון פיעלע נאציאָנען אקערען.

דיא "נאָטילוס" איז אין אטלאנטישען ים געלאָפען שנעל. מיר האָבען שוין ביז דאמאָלס, א משך פון דריי און א האלב מאָנאט, דורכגעמאכט א רייזע פון נאָהענט צו צעהן טויזענד ליגס (א ליג איז דריי מייל). דאָס איז א לענגערע שטרעקע וויא דער גאנצער ערד־קוגעל האלט ארום און ארום. וואוהין פאָהרען מיר ווייטער און צו וועלכען צוועק? דאָס איז פאר אונז געווען א געהיימניס.

נאָכדעם וויא מיר זיינען ארויסגעפאָהרען פון דיא גיבראלטאר סטרייטס, איז דיא "נאָטילוס" געשוואומען אין דער הויך אויף דער אָבערפלעכע פון ים און מיר האָבען טעגליך געקענט שפאצירען אויבען אויף'ן פלאטפאָרם.

איך בין ארויף פון אויבען צוזאמען מיט לענד און קאָנסייל. אומגעפעהר צוועלף מייל ווייט פון אונז איז געווען קוים צו בעמערקען דער שפאנישער האלב אינזעל סענט ווינסענט. א שטארקער דרום ווינד האָט געבלאָזען און אויפגע־הויבען מעכטיגע כוואליעס, וועלכע האָבען געשאָקעלט אונזער שיף אזוי שטארק, אז עס איז אונמעגליך געווען איינצוזיצען אויף אן אָרט. מיר זיינען דארום באלד צוריק ארונטערגעגאנגען, נאָכדעם וויא מיר האָבען זיך ערקוויקט מיט פרישע לופט פון ים.

איך בין אריין אין מיין צימער. קאָנסייל איז אוועק אין זיין קאיוטע און לענד האָט מיר נאָכגעפאָלגט מיט א מינע פון פערלעגענהייט, אזוי וויא ער זאָל וועלען עטוואָס וויכטיגעס זאָגען, אָבער ער קען זיך ניט בעשליסען, אויב ער זאָל עס זאָגען אָדער ניט. דיא שנעלע רייזע איבער דעם מיטעללענדישען מעער האָט צושטערט זיינע פלענער וועגען אנטלויפען און ער איז דארום געווען זעהר צו־טראָגען. באלד וויא דיא טהיר פון מיין צימער האָט זיך געשלאָסען, האָט זיך לענד אוועקגעזעצט און א בליק געגעבען אויף מיר, אזוי וויא ערווארטענדיג, איך זאָל איהם עפעס פרעגען, אום ער זאָל מיט מיר קענען א געשפרעך פערפיהרען.

איך האָב פערשטאנען וועגען וואָס ער וויל רעדען. איך האָב איהם צוליעב געטהאָן און בין דער ערשטער ארויס מיט לשון.

— נו, פריינד לענד — האָב איך זיך אָבגערופען — איך פערשטעה וואָס איהר ווילט זאָגען, אָבער איהר קענט דאָך קיינעם ניט בעשולדיגען. ביי אזא פאָהרען וויא דיא "נאָטילוס" איז דורכגעפאָהרען דעם מיטעללענדישען מעער וואָלט גאָר געווען נאריש זאָגאר צו דענקען וועגען אזעלכע פראָיעקטען.

לענד האָט אלץ געשוויגען. זיינע צוזאמענגעפרעסטע ליפען און דער גאנצער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָבען בעוויזען, אז זיין זינען און טראכטען איז נור וועגען איין זאך.

— איבריגענס איז נאָך קיין זאך ניט פערלאָרען! — האָב איך פאָרטגע־זעצט — מיר האָבען נאָך צייט צו דענקען און צו בעטען. מיר פאָהרען

ערשט ביי דיא ברעגען פון פּארטוגאל און מיר זיינען ניט ווייט פון פראנקרייך און ענגלאנד. ווען דיא "נאַטילוס" וואָלט ארויספאַהרענדיג פון גיבראלטאר זיך בעגעבען נאָך דרום זייט, דאן וואָלטען מיר געווען האָפענונגסלאָז, ווייל מיר וואָלטען פערשלעפּט געוואָרען אין אזעלכע געגענדען, וואו קיין טרוקענע לאנד גיבט עס גאָר ניט, אָבער אין דיעזע ריכטונג וואו מיר פאָהרען יעצט איז זעהר מעגליך, אז מיר זאָלען אונזער פּלאַן קענען דורכפיהרען אין פערלויף פון אייניגע טעג.

— מיר וועלען נאָך דיעזע נאכט אויפטהאָן! — האָט זיך לענד אבגערופען.

איך בין זעהר איבערראשט געוואָרען הערענדיג דיעזע ווערטער. אָבער איידער איך האָב צייט געהאט צו זאָגען עטוואס וועגען דעם, האָט לענד פאָרט־געזעצט:

— מיר האָבען געהאט אָבגערעדט אָבצוואווארטען א ריכטיגע געלעגענהייט און ערשט האָבען מיר עס. מיר וועלען דיעזען אבענד זיין גאָר ניט ווייט פון שפּאנישען ברעג. דיא נעכט זיינען יעצט דונקעל און דער ווינד טראָגט גראדע ערשט נאָך יענע ריכטונג. איך האָב אייער וואָרט, הערר אראָנאקס, און איך רעכען, אז איהר וועט עס געוויס ערפילען.

איך האָב דארויף גאָר ניט געענטפערט. דער קענעדע'ר איז אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען נעהענטער צו מיר און האָט געזאָגט:

— אלזאָ דיעזען אבענד אום ניין אוהר. איך האָב עס מיט קאָנסייל שוין אָבגערעדט. קאפּיטאן נעמאָ וועט שוין דאן שלאָפען אין זיין קאיוטע. קיינער פון דיא מאשיניסטען אָדער מאטראָזען וועט אונז ניט בעמערקען. איך וועל ארויסגעהען צו דיא מיטעלסטע טרעפּ און איהר, הערר אראָנאקס, זאָלט פערבלייבען אין ביבליאָטהעק און ערווארטען מיין סיגנאל. דיא קליינע שיפעל איז גרייט מיט רודער, מאסט און זעגעל. איך האָב זאָגאר א ביסעל שפּייז אויך צוגעגרייט. איך האָב מיר שוין אויך פערשאפט א שליסעל אָבצושרויפען דיא שיפעל. אלעס איז אלזאָ ריכטיג פאָרבערייט פאר דיעזען אבענד.

— אָבער דער ים איז היינט אונרוהיג און עס איז ריזיקאליש צו אונטער־נעהמען אזא זאך — האָב איך איהם געפּרובט אָבצווענדען.

— גאַנץ ריכטיג! — האָט לענד געענטפערט — אָבער מיר מוזען דאָך עטוואָס ריזיקירען. פאר דיא פרייהייט איז ווערטה צו קעמפּפען. אויב איהר ווילט זוכען זיכערהייט, דארפט איהר ווארטען ביז נעמאָ וועט אונז צופיהרען צו א ברעג און הייסען געהן. אָבער אזא זאך, זאָגט איהר דאָך אליין, וועט קיינמאָל ניט געשעהן. איבריגענס איז דאָ קיין גרויסע געפאהר. דיא שיפעל איז שטארק גענוג און זיא קען גאַנץ לייכט און זיכער געטריבען ווערען אייניגע מייל. אויב עס זאָל אונז נור ריכטיג געלינגען, וועלען מיר צווישען צעהן און עלף אוהר שוין זיין אויף לאנד; טאָמער וויעדער ניט, וועלען מיר ביז יענער צייט ליגען

דערטרונקען אין ים. ערגער וויא דעם טויט האָבען מיר יעדענפאלס ניט צו ערווארטען. אלזאָ מיט גאָטעס הילף, דיעזען אבענד!

נאָך דיעזע בעשטימטע ערקלערונג איז לענד ארויסגעגאנגען און איך בין געבליבען זיצען אין א גרויס פערלעגענהייט. ביז דאן האָב איך געגלויבט, אז אויב עס וועט אמאָל קומען דערצו וועל איך צייט האָבען צו איבערלייגען זיך, צו בעטראכטען און בעשפרעכען דיא זאך גרינדליך; יעצט אָבער איז עס געקומען אונערווארטעט און דער איינגעשפארטער קענעדע'ר וויל גאָר ניט הערען און לאָזט זיך ניט אָבווענדען פון זיין בעשלוס! און נאָך אלעמען, וואָס האָב איך צו זאָגען דאגעגען? אז מען וויל זאָגען, איז ער דאָך גערעכט. לענד וויל אויסנוצען א גוטע געלעגענהייט צו בעפרייען זיך, מיין דיענער וויל עס אויך, היינט מיט וואָס פאר א רעכט קען איך זיי צוליעב מיינע פערזענליכע אינטערעסען שטערען? און וואָס וועט זיין, אז מאָרגען וועט שוין דיעזע געלעגענהייט מעהר ניט זיין? וועלען דאָך מיינע קאמעראדען האָבען צו קלאָגען, אז איך האָב זייער גליק געשטערט און מיין אייגענער געוויסען וועט מיך אויך פלאגען, ווארום איך בין זיי אין וועג געשטאנען.

וויא איך בין אזוי געזעסען און געטראכט, האָט מיך פלוצלונג א שטארקער גערויש פון דיא מאשינערי איבערציינגט, אז דיא שיף לאָזט זיך ארונטער אין דיא טיעפעניס פון מעער.

איך בין פערבליבען אין מיין צימער. איך האָב זעהר ניט געוואָלט בעגעגנען זיך מיט קאפּיטאן נעמאָ, אום ער זאָל אויף מיין געזיכט ניט דערקענען וועגען וואָס איך דענק. מיר האָט אויסגעוויזען אז מען קען אויף מיין פנים לעזען מיינע געדאנקען און איך האָב עפּעס געפיהלט א מין מורא.

דעם גאנצען טאָג האָב איך פערבראכט אין טרויעריגע געדאנקען. מיר איז געווען זאָנדערבאר אומעטיג אויף'ן הארצען. מיר האָט זיך נאטירליך געוואָלט זיין א פרייער מענש, דאגעגען אָבער האָב איך גרויס חשק געהאט צו זעהן נאָך וואונדער אויף'ן גרונד פון ים און איך האָב געזשאלעוועט פערלאָזען דיא "נאָטילוס". איך האָב דאמאָלס אליין ניט געוואוסט וואָס צו ווינשען. איין מאָמענט האָב איך געוואונשען, אז אירגענד וועלכער צופאל זאָל צושטערען לענד'ס פּראָיעקט און אין צווייטען מאָמענט איז מיר פערקעהרט ארויפגעקומען אויף'ן געדאנק, אז קירצליך וועל איך און מיינע קאמעראדען זיין פרייע מענשען און איך האָב זיך געשעצט גליקליך איבער גליקליך. זייט איך בין געווען אויף דער "נאָטילוס" האָב איך נאָך ניט געהאט אזא שלעכטען טאָג וויא דאמאָלס

צוויי מאָל בין איך אריינגעגאנגען אין זאאל, אום דעם קאָמפּאס צו בעטראכטען. איך האָב געוואָלט וויסען אויב דיא שיף דערווייטערט זיך פון ברעג. אָבער, ניין! דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען אין דיא פּאָרטוגעזישע וואסערען, נאָך דיא זעלבע ריכטונג. איך האָב געזעהן אז איך מוז זיך צוגרייטען צו דער

רייזע אויף דער קליינער שיפעל. מיין געפעק איז ניט שווער. מעהר וויא מיינע נאָטיצען האָב איך ניט געהאט מיטצונעהמען.

מיר איז געקומען אויף'ן געדאנק, וואָס וועט קאפּיטאן נעמאָ זאָגען, ווען ער וועט ערפאהרען אז מיר זיינען אנטלאָפען? וואָס פאר א פערדרוס און קרענקונג דאָס וועט איהם מאכען! און וואָס וואָלט ער געטהאָן, ווען ער זאָל אונזער פּלאן בעציטענס ענטדעקען? וואָס אנבעלאנגט צו מיר, האָב איך ניט געהאט וואָס צו בעקלאָגען זיך אויף איהם. גראדע פערקעהרט, ער האָט מיך און מיינע קאמעראדען זעהר גאסט־פריינדליך אויפגענומען און בעהאנדעלט, דאָך האָט מיר אויסגעוויזען נאָך מיין שכל, אז נעמאָ, אלס א מענש מיט פערשטאנד, קען צו אונז קיין טענות ניט האָבען דערפאר וואָס מיר זוכען אונזער בעפרייאונג, ווייל מיר זיינען דאָך צו איהם ניט צוגעבונדען און מיר האָבען זיך ניט פערפליכטעט צו פערבלייבען אימער אויף זיין שיף. א צופאל האָט אונז אהער געבראכט און עס איז קיין עולה פון אונזער זייט, ווען מיר ווילען ניט פערבלייבען אייביגע געפאנגענע. פון דער אנדערער זייט אָבער, האָב איך געטראכט, אז דיא זאַך קען דעם קאפּיטאן שטארק פערדריסען, ווארום דער מאן אליין איז א זאָנדערבארער, זיין שיף איז א זאָנדערבארע און אלעס איז דאָ זאָנדערבאר און געהיימניספאָל, היינט ווער קען וויסען וואָס פאר א משוגענע קאפּריזען ער האָט אין זיך?

איך האָב דעם קאפּיטאן ניט געזעהן זייט אונזער בעזוך אויף'ן אינזעל סאנטאָרין. וועט מיך דער צופאל מיט איהם צוזאמענברייגען נאָך אמאָל פאר אונזער אנטלויפען? איך האָב איהם יא געוואָלט נאָך אמאָל זעהן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך, וויא געזאָגט, מורא געהאט פאר אזא בעגעגניס. איך האָב זיך צוגעהערט אויב ער געהט ניט ארום אין זיין צימער, וואס האָט זיך געגרענעצט מיט מיינעם, אָבער דאָרט איז געוועזן שטיל, וואהרשיינליך איז ער אנדערש וואו, אָדער פיללייכט גאָר ניט אויף'ן שיף. זייט יענע נאכט, ווען איך האָב געזעהן וויא מען האָט פון דער "נאָטילוס" אוועקגענומען דעם קאָפער מיט גאָלד, בין איך געניינט געוועזן צו גלויבען, אז קאפּיטאן נעמאָ האָט אירגענד וועלכע פערבינדונג מיט בעוואָהנער פון לאנד, אָבוואָהל ער אליין האָט עס דורכאויס אָבגעלייקענט. איך האָב אויך געגלויבט, אז ער פאָהרט אָפטמאָל ערגיץ אוועק אויף א געוויסע צייט, ווייל עס האָט געטראָפען, אז איך האָב איהם טעג און וואָכען אין דיא אויגען ניט אָנגעזעהן. וואוהין ער פאָהרט אין געהיים און צוליעב וועלכע צוועקען, דאָס האָב איך זיך ניט געקענט ערקלערען.

דיעזע אלע געדאנקען האָבען מיך אזוי אויפגעשטורמט, אז איך האָב איינפאך קיין אָרט זיך ניט געפונען. דער טאָג איז מיר אויסגעקומען אזוי וויא אונענדליך. פון גרויס אונגעדולד האָבען זיך מיר דיא שטונדען געצויגען זעהר לאנגזאם און יעדע מינוט, יעדע רגע איז מיר צו גרויס געוועזן.

מען האָט מיר מיין מיטאג געבראכט אין מיין צימער, אזוי וויא געוועהנליך. אָבער דאָס עסען האָט מיר דיעזען מאָל ניט געשמעקט. אום זיעבען אוהר בין איך אויפגעשטאנען פון טיש. נאָך צוויי שטונדען, האָב איך געוואוסט, האָב איך צו ווארטען ביז דיא בעשטימטע צייט פון אונזער אנטלויפען. איך בין פון מינוט צו מינוט אלץ מעהר אונרוהיג געוואָרען און איך האָב אויף אַן אָרט ניט געקענט איינזיצען. איך האָב אומגעשפאנט איבער'ן צימער אום מיינע גע־דאנקען צו פערטרייבען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, איך האָב זיך אויף קיין פאל ניט געקענט בערוהיגען. מיך האָט ניט פיעל געקימערט, אויב אונזער פלאן וועט ניט געלינגען, אָבער דער געדאנק, אז מען וועט אונז כאפען און אומקעהר־רען צוריק אויף'ן שיף, האָט אויף מיר א שרעק געוואָרפען. וויא אזוי וועל איך דאן דעם קאפיטאן קענען אין דיא אויגען קוקען? וואָס פאר א פנים וועל איך דאן האָבען ביי איהם? וואָס וועל איך איהם ענטפערען אויף דיא פראגען וואָס ער וועט מיר שטעלען?

איך האָב צום לעצטען מאָל געוואָלט זעהן דעם זאאל און דיא טהייערע זאמלונגען וואָס אין איהם געפינען זיך. איך בין שטילערהייד דורכגעגאנגען דעם קאָרידאָר און איך בין אריינגעקומען אין מוזעאום, וואו איך האָב אזוי פיעל אנגענעהמע און ניצליכע שטונדען פערבראכט. מיט בליקען פון בעדויערען האָב איך בעטראכט דיא טהייערע אוצרות, דיא זעלטענע וואונדער פון נאטור און דיא מייסטערווערק פון קונסט, וועלכע איך וועל באלד אויף אימער פערלאָזען און מיין הארץ האָט מיר זעהר, זעהר וועה געטהאָן. איך האָב שטארק געזשאלע־וועט דיעזע אלע זאכען צו פערלאָזען.

דורכגעהענדיג דעם זאאל, בין איך געקומען צו א טהיר, וועלכע פיהרט צו איינעם פון דעם קאפיטאן'ס צימערען. דאָרט איז אויך געווען גאנץ שטיל. נעמאָ איז דאָרט ניט געווען. איך האָב געפאסט מוטה און איך בין אהין אריינ־געגאנגען. דיא ערשטע זאך, אויף וועלכע מיינע בליקען זיינען געפאלען, זיינען געווען דיא פראכטפאָלע בילדער וואָס זיינען געהאנגען ארום דיא ווענד. דאָס זיינען געווען ביוסט־בילדער פון פערשיעדענע, וויכטיגע היסטאָרישע מענער, וועלכע האָבען זייער גאנצען לעבען געקעמפפט פאר מענשליכע פרייהייט. וואָס פאר א באנד פעראייניגט דיעזע העלדען־זעעלען מיט קאפיטאן נעמאָ? אין וואָס בעשטעהט דיא געהיימניס פון זיין לעבען? איז ער אויך א פרייהייטס־קעמפפער? האָט ער געשפיעלט אירגענד וועלכע ראָלע אין א קאמפף צו בע־פרייען אונטערדריקטע? דאָס בין איך זעהר נייגעריג געווען צו וויסען.

פלוצלונג האָט דער זייגער געשלאָגען אכט. עס איז אלזאָ פערבליבען בלויז איין שטונדע צו אונזער אנטלויפען. דורך דער צייט, בין איך געווען זיכער, וועט דיא "נאָטילוס" ארויפשווימען אין דער הויך און אויב עס וועלען קיינע שטע־רונגען ניט פאָרקומען וועלען מיר דיא זאך דורכפיהרען. איך בין שנעל ארויס

פון קאפיטאן'ס צימער. פערבייגעהענדיג האָב איך א קוק געטהאָן אויף'ן קאָמ־פאס און געזעהן, אז מיר פאָהרען אלץ אין דיא זעלבע ריכטונג צו דיא ברעגען פון שפאניען, אזוי וויא דער קאפיטאן זאָל האָבען בדעה צו לאנדען ביי איינעם פון דיא שפאנישע האפענס. עס איז אלזאָ ווירקליך אן אויסגעצייכענטע גע־לעגענהייט צו אנטלויפען, וועלכע עס איז א שאָד דורכצולאָזען.

איך בין אריין אין מיין צימער און באלד בין איך שוין געווען אָנגעקליידט פערטיג צו דער רייזע. איך האָב זיך צוגעהערט, אויב אימיצער פון דיא מאנ־שאפט פון שיף געפינט זיך ערגיץ וואו וואכענדיג, אָבער איבעראל איז געווען שטיל. קיין שאָרך האָט מען פון קיינעם ניט געהערט. בלויז דער גערויש פון דיא שרובע וואָס האָט געקלאפט רעגעלמעסיג אין וואסער, האָט געשטערט דיא שטילקייט, זאָנסט האָט מען קיין קול, קיין טריט און קיין בעוועגונג ניט געהערט.

פלוצלונג אָבער האָט זיך מיר געדאכט, אז איך הער איינינע שטימען און איך בין אויפגעציטערט געוואָרען. פיליכט האָט מען לענד'ען געכאפט ביי זיינע פאָרבערייטונגען צו אנטלויפען? — האָב איך ביי זיך געטראכט — דיעזער געדאנק האָט מיך אזוי בעאונרוהיגט, אז איך האָב זיך קוים אויף דיא פיס גע־האלטען.

איינינע מינוטען פאר ניין אוהר האָב איך אָנגעשטרענגט מיינע אויערען און זיך גוט צוגעהערט ביי'ם טהיר פון קאפיטאן'ס צימער און איך האָב זיך אי־בערצייגט, אז דאָרט איז קיינער ניטאָ. מיין פריהעריגער שרעק איז אויך פאָריבער, וויל איך בין שוין זיכער געווען, דאָס דיא איינבילדונגס־קראפט האָט עס מיר פאָרגעשטעלט דעם גערויש מיט דיא קולות. איך האָב שוין געוואָלט דורכגעהן דעם קאָרידאָר און ערוואַרטען לענד'ס סיגנאל ביי דיא מיטעלסטע טרעפּ, אָבער פלוצלונג האָב איך דערפיהלט אן ענדערונג אין גאנג פון שיף און איך בין גע־בליבען שטעהן.

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט דיא "נאָטילוס" אָנגעהויבען געהן שוואַ־כער און שוואכער און שליסליך האָט זיא זיך אין גאנצען אָבגעשטעלט. דיא אורזאכע דערפון האָב איך ניט געקענט ערקלערען. וועט דיעזע ענדערונג העל־פען אונזער פלאן צו אנטלויפען אָדער פערהינדערען, האָב איך אויך ניט גע־קענט וויסען.

אָבער דיעזע פראגע איז באלד פערענטפערט געוואָרען. איך האָב דערפיהלט א לייכטען שטויס און דאן איז מיר קלאָהר געוואָרען, אז דיא שיף זיצט אויף'ן גרונד פון ים. פון נעד לענד איז ניט צו הערען, אָבוואָהל דיא בעשטימטע צייט איז שוין געקומען. איך האָב שוין געוואָלט געהן אויפזוכען איהם און ערקלערען, אז מיר געפינען זיך אויף'ן גרונד פון ים און מיר מוזען פאָרלויפיג פערבלייבען געפאנגענע אזוי וויא ביז יעצט, אָבער איידער איך האָב בעוויזען איין טריט צו מאכען, האָט זיך דיא טהיר געעפענט און קאפיטאן נעמאָ איז אריינגעקומען.

— אָה, הערר פּראָפעסאָר! — האָט ער מיט א פריינדליכען טאָן אויס־גערופען — איהר זיינט דאָ? איך זוך דאָך אייך. ווייסט איהר דיא געשיכטע פון שפּאניען?

מען קען זיך פאָרשטעלען מיין איבערראשונג פון דעם קאפּיטאן'ס פּלוצ־לונגע ערשיינונג. איך בין אזוי צוטומעלט געוואָרען, אז טראָץ מיין קענטניס אין וועלט־געשיכטע, האָב איך איהם באלד קיין אנטוואָרט ניט געקענט געבען.

— נו? — האָט נעמאָ ווידער געפרעגט — פערשטעהט איהר ניט וואָס איך רעד? איך פרעג אייך, אויב איהר געדענקט דיא געשיכטע פון שפּאניען?

— זעהר וויניג! — האָב איך אין צוטומלעניס געענטפערט.

— הייסט עס, אז איהר זיינט א געלעהרטער, וועלכען מען דארף נאָך לערנען! — האָט דער קאפּיטאן געשמייכעלט — קומט, זעצט זיך אוועק און און איך וועל אייך דערצעהלען א מערקווירדיגע ערצעהלונג פון דער שפּאנישער היסטאָריע.

מיר זיינען ביידע אריין אין זאאל. נעמאָ האָט זיך בעקוועם אויסגעצויגען אויף א דיוואן און איך האָב זיך אוועקגעזעצט ביי זיין זייט.

— הערר פּראָפעסאָר — האָט ער זיך ווידער אָבגערופען — איהר זאָלט נור מיין ערצעהלונג אויפמערקזאם אויסהערען. עס וועט אייך זעהר אינטערע־סירען און דאָס וועט אייך אויפקלערען א פראגע, וועלכע איהר האָט ביז יעצט ניט געקענט בעאנטוואָרטען.

— איך בין נייגעריג צו הערען, קאפּיטאן! — האָב איך געענטפערט, ניט וויסענדיג וואָס ער וויל דאָ זאָגען. ביי זיך אין הארצען האָב איך געטראכט, אז ער וויל פילייכט עפּעס רעדען וועגען אונזער פּלאן צו אנטלויפען, וואָס ער האָט צופעליג ערפאהרען.

— מיין הערר — האָט נעמאָ אָנגעפאנגען — אויב איהר וועט ניט האָבען דאגעגען, וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק צום יאָהר 1702. דיא געשיכטע, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, האָט אין יענעם יאָהר פּאסירט. איהר ווייסט דאָך געוויס, אז דאמאָלס האָט אין אייער פראנקרייך געקעניגט לואי דער פיער־צעהנטער, וועלכער האָט געדענקט אז א וואונק פון א הערשער וועט זיין גענוג צו ברייגנען דיא פּירינעען אונטער זיין יאָך. איהם האָט זיך געדאכט, אז דיא פּירינעאישע גרויסע בערג, דיא נאטירליכע גרענעץ, וואָס טהיילט אָב פראנקרייך פון שפּאניען, האָבען גאָר קיין ווערטה געגען דעם ווילען פון א גרויסען הערשער. דארום האָט זיך איהם פערוואָלט דיא ביידע לענדער אונטער זיין שוץ צו פער־איינינגען. ער האָט דאמאָלס אוועקגעזעצט זיין אייניקעל, דעם הערצאָג פון אנזשו אלס קעניג פון שפּאניען. דיעזער הערצאָג האָט בעשטיגען דעם שפּאנישען טהראָן אונטער דעם נאָמען קעניג פיליפּ דער פינפטער, אָבוואָהל גרויסע איי־ראָפּעאישע מעכטע האָבען עס ניט געוואָלט צולאָזען. אין טהאָט האָבען זיי נאָך

מיט א יאהר פריהער פראטעסטירט געגען פראנצויזישען קעניג'ס וואונש. שוין דאמאלס האבען זיך דיא קעניגליכע הייזער פון האלאנד, עסטרייך און ענגלאנד פערזאמעלט אין דער האלענדישער שטאדט האאג און געשלאסען א פערבינדונגס טראקטאט, אז אויף'ן שפאנישען טהראן זאל זיצען א געוויסער הערצאג, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען טשארלז דער דריטער.

שפאניען האט אלזא אונטער דיא הערשאפט פון פיליפ דעם פינפטען אליין געמוזט קעמפפען געגען דעם פערבאנד פון דיא מעכטע, נאטירליך מיט דיא הילף פון פראנקרייך, ווייל שפאניען אליין האט דאמאלס ניט געהאט ניט קיין סאל־דאטען אויף'ן לאנד און ניט קיין מאטראזען אויף איהרע קריעגס־שיפען. נור איין זאך, גאלד און זילבער האט איהר ניט געפעהלט. עס זיינען דאמאלס ערווארטעט געווארען פיעלע שיפען מיט דיעזע טהייערע מעטאלען וואס האבען געדארפט אנקומען פון שפאנישען טהייל אין אמעריקא. עס האט נור געפעהלט, אז דיא שי־פען זאלען גליקליך אריבער דעם ים און ניט ארייגפאלען אין דיא הענד פון דיא פיינדליכע קריעגס־שיפען. דאס איז געווען אין ענדע פון יאהר 1702, ווען דריי און צוואנציג שיפען פול געלאדען מיט גאלד זיינען געפאהרען אהער פון אמעריקא אונטער דעם שוץ פון דער פראנצויזישער פלאטע, איבער וועלכע עס האט קא־מאנדירט אדמיראל שאטא־רענא. דיא קריעגס־שיפען פון אייראפעאישען פער־באנד האבען אבער צו דער זעלבער צייט געהיט און דורכגעקרייצט איבעראל דעם אטלאנטישען אקעאן, אום דיעזע אוצרות צו בעקומען.

עס איז אנפאנגס געווען בעשטימט, אז דיא שיפען מיט דעם גאלד זאלען אנקומען אין האפען פון דער שפאנישער שטאדט קאדיז, אבער ערפאהרענדיג, אז אין יענע געגענד שטעהט א מעכטיגע ענגלישע פלאטע, האט אדמיראל שאטא־רענא בעשלאסען אבצופיהרען דיא שיפען מיט דעם גאלד אין א פראנצויזישען האפען. דיא שפאנישע קאמאנדירען פון דיא שיפען האבען אבער פראטעס־טירט געגען דיעזען בעשלוס און דער אדמיראל האט זייער וואונש געמוזט נאכ־געבען. עס איז ענדליך פערבליבען, אז מען זאל אריינפאהרען אין האפען פון וויגא, ביי דעם נארד־וועסטליכען ברעג פון שפאניען, וועלכער איז ניט געווען בלאקירט פון פיינד.

וויגא איז אבער אן אפענער האפען און עס איז דא זעהר שווער צו פער־טהיידיגען זיך פון אן איבערפאל. מען האט זיך דארום גענומען וואס שנעלער אויסלאדען דיא שיפען איידער דער שונא וועט קומען. עס וואלט אויך מעגליך געווען צו בעוויזען עס, אבער צוליעב א נארישע קאנקורענץ מחלוקות איז פון דיא שיפען מיט דעם גאלד קיין זכר ניט געבליבען.

דער קאפיטאן האט אויף א ווײלע איבערגעהאקט זיין ערצעהלונג און ער האט מיר געשטעלט פאלגענדע פראגע:

— אבער הערט איהר אויפמערקזאם וואס איך דערצעהל?

— פֿאַלשטענדיג, קאַפּיטאַן! — האָב איך געענטפֿערט, ניט האָבענדיג קיין בעגריף צו וואָס ער גיט מיר דיא לעקציאָן אין היסטאָריע. נעמאָ האָט זיין ערצעהלונג פֿאָרטגעזעצט.

— אלזאָ, הערט ווייטער וואָס עס איז געווען — האָט ער צו מיר געזאָגט — דיא קויפֿלייטע פֿון קאַדיז האָבען געהאַט א פּריווילעגיום, אז אלע סחורות וואָס קומען פֿון אַמעריקא מוזען אין האַפֿען פֿון זייער שטאָדט אויסגעלאָדען ווערען. דארום האָבען יענע גע'טענה'ט, אז וויגאָ האָט קיין רעכט דאָס אָנגעקומענע גאָלד אויפֿצונעהמען און זיי האָבען עס טאקי ניט צוגעלאָזט. דער שוואכער קעניג פֿיליפּ דער פֿינפֿטער האָט געגעבען א בעפֿעהל, אז דיא שיפֿען זאָלען בלייבען שטעהן אין האַפֿען וויגאָ ניט אויסגעלאדען, ביז דער שונא וועט אוועק און מען וועט זיי קענען צופֿיהרען צום האַפֿען פֿון קאַדיז.

צו דער זעלבער צייט אָבער, נעמליך, דעם 22טען אָקטאָבער, 1702, איז געגען וויגאָ פּלוצלונג ערשיענען א מעכטיגע ענגלישע פֿלאָטע. אדמיראל שאַטאָ־רענאָ, וויא שוואך ער איז געווען, האָט ער דאָך געקעמפֿפֿט מיט אלע קרעפֿטען צו פֿערטהיידיגען דיא אוצרות פֿון שונא'ס הענד. ער האָט אָבער שליסליך איינגעזעהן, אז ער וועט פֿאר קיין פֿאל גאָר ניט אויספֿיהרען און אלע דריי און צוואנציג שיפֿען זיינען דארום אויף זיין בעפֿעהל אונטערגעצונדען געוואָרען און זיי זיינען געזונקען צום גרונד פֿון ים צוזאמען מיט דעם גאָלד און זילבער וואָס אין זיי האָט זיך געפֿונען.

ביי דיעזע ווערטער איז דער קאַפּיטאַן שטיל געבליבען. איך האָב פֿערשטאַנען, אז זיין ערצעהלונג איז שוין געענדיגט, אָבער איך האָב נאָך אלץ ניט איינגעזעהן, אז דאָס זאָל מיך אזוי שטארק אינטערעסירען.

— נו? — האָב איך געפֿרעגט מיט א טאָן פֿון פֿערוואונדערונג.

— אלזאָ, הערר אראָנאַקס — האָט נעמאָ געענטפֿערט — מיר געפֿינען זיך ערשט אויף'ן גרונד פֿון ים אין דער וויגאָ בוכטע, פּונקט ביי יענעם האַפֿען, וואו דער פֿראנצויזישער אדמיראל האָט פֿערזונקען דיא שיפֿען מיט דעם גאָלד און זילבער. מיר קענען ערשט דיעזע געהיימע אוצרות אויספֿאָרשען. אויב עס אינטערעסירט אייך, קענט איהר אלעס אליין בעטראכטען דורך דיא פֿענסטער.

מיט דיעזע ווערטער איז דער קאַפּיטאַן אויפֿגעשטאַנען, האָט א דריק געטהאָן אן עלעקטרישען קנאָפּ און אין נעכסטען אויגענבליק האָבען זיך דיא אייזערנע טהירען פֿערנאַנדער גערוקט און פֿאר מיינע אויגען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט א מערקווירדיגע סצענע.

אויף אומגעפֿעהר א האַלב מייל ווייט ארום איז דאָס וואסער געווען העל בעלויכטען פֿון דיא עלעקטרישע לאָמפּען פֿון דער "נאָטילוס". א טהייל פֿון דיא מאנשאפֿט, געקליידעט אין טויכער־בגדים זיינען אומגעגאנגען אויף'ן גרונד און זיינען געווען בעשעפֿטיגט מיט עפֿענען גרויסע פֿעסער, וועלכע זיינען דארט

געלעגען אין גרויסע מאסען, און אויסגעשאָטען פון זיי אין לײדיגע קאסטענס און טונען שטיקער גאָלד, זילבער, מטבעות און עדעלשטיינער, וועלכע האָבען זיך געגאָסען אזוי וויא גלענצענדע שטראהלען פון דיא פעסער. דער גאנצער באָדען פון ים איז געווען בעדעקט מיט דיעזע אוצרות. דיא לייטע פון שיף האָבען דיא שווערע קאסטענס ארויפגעטראָגען אויף דער "נאָטילוס" און זיינען וויעדער געקומען און האָבען זייער ארבייט פאָרטגעזעצט.

איך האָב זיך דאן איבערצייגט, אז דאָס איז ווירקליך דער פּלאַץ, וואו דיא שלאכט צווישען דיא ענגלענדער און פראנצויזען מיט דיא שפּאניער האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין יאָהר 1702, און מיר איז שוין ערשט קלאָהר געוואָרען וואו קאפּיטאן נעמאָ נעהמט זיינע מיליאָנען. דיא פראגע פון יענעם קאסטען מיט גאָלד אויף דער "נאָטילוס" איז מיר פערענטפערט געוואָרען. איך האָב ערשט ערפאהרען, אז נעמאָ איז דער איינציגער יורש פון דיעזע און פיליכט פון נאָך פיעלע אוצרות, וואָס זיינען פערזונקען געוואָרען אין ים.

— האָט איהר, הערר פּראָפעסאָר, געוואוסט וואָס פאר א גרויסע אוצרות עס געפינען זיך אין ים? — האָט דער קאפּיטאן מיך געפרעגט מיט א שמייכעל.

— יא, איך האָב עס געוואוסט! — האָב איך געענטפערט — אזוי ווייט וויא מען האָט אויסגערעכענט, איז שוין ביז יעצט פערלאָרען געגאנגען אין ים אומגעפעהר צוויי מיליאָן טאָנען גאָלד.

— גאנץ ריכטיג. אָבער דאָרט, פון דער יבשה, האָבען זיי קיין מעגליכקייט אזוי טיעף אונטער'ן וואסער אריינצודרינגען. אזעלכע אונטערנעהמונגען זיינען זעהר ריזיקאליש און עס איז פערבונדען מיט פיעל קאָסטען, אז עס וואָלט זיי פיליכט קיין פּראָפיט פערבליבען, ווען עס זאָל זיי אפילו געלינגען דיעזע אוצרות ארויפצובריינגען. פאר מיר אָבער איז עס א גאנץ לייכטע זאך. אָט קום איך און איך נעהם צוזאמען דאָס וואָס מענשען האָבען אמאָל פערלאָרען און ניט נור אין דיעזען האפען פון וויגאָ אליין, זאָנדערן נאָך אין פיעלע פּלעצער, וואו רייכע שיפען זיינען אונטערגעגאנגען. איך האָב דיעזע פּלעצער פערצייכענט אויף מיין ים־קארטע און איך דאַרף זיי זאָגאר ניט זוכען. יעצט בעגרייפט איהר שוין, אז איך בעזיץ א רייכטהום פון אונצעהליגע מיליארדען?

— דאָס איז שוין גאנץ ריכטיג, קאפּיטאן — האָב איך געענטפערט — אָבער ערלויבט מיר צו זאָגען אייך, אז מיט אייער אויספאָרשען דיא וויגאָ בוכטע טהוט איהר שאדען א געוויסע קאָמפּאני.

— וועלכע? — האָט נעמאָ געפרעגט.

— א געזעלשאפט, וועלכע האָט בעקומען דיא ערלויבנים פון דיא שפּאַנישע רעגיערונג צו זוכען דיעזע פערזונקענע אוצרות! — האָב איך דעם קאפּיטאן ערקלערט — דיא קאָמפּאני האָט שוין אין דעם פיעל געלד אריינגעלעגט און גוער ווייסט וויפיעל נאָך עס וועט זיי קאָסטען. מען שאצט, אז דיעזע אוצרות

זיינען ווערטה פינף הונדערט מיליאָן דאָלער און דערפאר יאָגט מען זיך צו געפינען זיי.

— אמת ! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט — זיי זיינען טאקי ווערטה געוועזן דיא סומע וואָס איהר זאָגט, אָבער שוין ניט יעצט, ווייל א שעהן ביסעל פון דיא גאָלד און זילבער איז שוין צוגענומען געוואָרען.

— אויב אזוי — האָב איך זיך אָבגערופען — וואָלט געוועזן א וואהלטהאט, ווען מען זאָל יענער קאָמפּאני אָנזאָגען, אז זיי זאָלען דעם עסק אויפגעבען, ווייל ביז זיי וועלען קענען ארונטערשיקען זייערע מענשען אויף'ן גרונד פון ים, וועט שוין דאָ פון דיא אוצרות גאָר ניט פערבלייבען און עס איז א שאָד זייער געלד. אָבער פאר יענע אונטערנעהמער אארט מיך ניט אזוי פיעל, וויא איך בעדויער אין אלגעמיין וואָס אזעלכע רייכטהימער פערבלייבען אויף אייער שיף אלס אוננוצבאר, אלס א טויטער קאפּיטאל, וועהרענד פיעלע טויזענדע ארימע, אונגליקליכע מענשען וואָלטען דערפון נוצען געצויגען, ווען דיעזע אוצרות וואָלטען אויף דער וועלט פערברייטעט געוואָרען.

איך האָב באלד חרטה געהאט וואָס איך האָב זיך אזוי אויסגעדריקט, ווייל איך האָב פערשטאנען, אז קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך דערפון געפונען בעליידיגט.

— אוננוצבאר, א טויטער קאפּיטאל, זאָגט איהר ? — האָט דער קאפּיטאן פערדריסליך אויסגעשריען — דענקט איהר, מיין הערר, אז דיעזע רייכטהימער געהען ביי מיר פערלאָרען ? זאמעל איך זיי דען פאר מיר אליין ? ווער האָט עס אייך געזאָגט, אז איך פערברויך עס ניט פאר ניצליכע צוועקען ? דענקט איהר אז איך וויים ניט, אז אויף דער וועלט זיינען דאָ אונגליקליכע, פערפאָלגטע מענשען אָדער גאנצע נאציאָנען, וועלכע ווערען געפּלאגט און געמאטערט פון טיראנישע הערשער ? איז עס ניט א וואהלטהאט צו העלפען יענע אונטערדריקטע? פערשטעהט איהר עס אליין ניט ?....

ביי דיעזע לעצטע ווערטער האָט דער קאפּיטאן פּלוצלונג אָבגעהאקט זיינע רייד. מעגליך, אז איהם האָט פערדראָסען וואָס ער האָט שוין צופיעל גערעדט, ווייל ער האָט מיר דורך זיינע רייד זיין סוד ענטדעקט. אָבער איך האָב עס שוין פריהער אויך געטראכט, אז דער מערקווירדיגער מאן בעצוועקט מיט זיין לעבען אָבגעזונדערט פון דער וועלט צו העלפען און רעטען אנדערע אונגליקליכע, וועלכע האָבען ניט דיא מעגליכקייט אזוי וויא ער צו לעבען פריי און אונאבהענגיג. איך האָב פריהער אויך פערשטאנען, אז אָבוואָהל ער איז דערווייטערט פון מענשען, דאָך איז זיין הארץ פול מיט ליעבע צו דיא מענשהייט און ער פיהלט מיט דעם צער פון פערפאָלגטע און אונטערדריקטע.

אצינד האָב איך שוין זיינע אידעען גרינדליכער ערפאהרען. איך האָב שוין ערשט בעקומען א ריכטיגען בעגריף צו וועמען און צו וואָס פאר א צוועק קאפּיטאן נעמאָ האָט פון דער "נאָטילוס" אוועקגעשיקט דעם קאפער גאָלד נעבען

דעם אינזעל קרעטא. דאס איז וואהרשיינליך געווען א געשאנק פאר דיא איינוואהנער פון יענעם אינזעל, וועלכע קעמפפען פאר זייער פרייהייט און ווילען פון זיך ארונטערוואַרפען דעם יאָך פון דיא טירקישע רעגיערונג.

9טעם קאפיטעל

א פערזונקענער וועלט־טהייל

אויף מאָרגען, דעם 19טען פעברואר אין דער פריה איז דער קענעדע'ר אריינגעקומען אין מיין צימער, אזוי וויא איך האָב ערווארטעט. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר אומעטיג.

— נו, מיין הערר — האָט ער געזאָגט מיט א טאָן פון פערצווייפלונג.

— אלזאָ, לענד — האָב איך זיך אָבגערופען — דאָס גליק האָט אונז נעכטען ניט געשפּיעלט.

— יא, דער טייפעל האָט אָנגעשיקט דעם פערדאמטען קאפּיטאַן, אז ער זאָל דיא שיף אָבשטעלען אויף'ן גרונד פון ים, גראדע אין דער צייט, ווען מיר זיינען שוין געווען פערטיג צו אנטלויפען.

— יא, לענד. קאפּיטאַן נעמאָ האָט דאָרט געהאט געשעפטען ביי זיינע באנקירען.

— ביי באנקירען? — האָט לענד ערשטוינט געפרעגט — ביי וועלכע באנקירען?

— דאָס הייסט, ריכטיגער צו זאָגען, אין זיין באנק־הויז — האָב איך איהם ערקלערט — איך מיין אין איינע פון דיא פּלעצער אין אָקעאַן, וואו זיינע אוצרות ליגען נאָך זיכערער וויא אין אייזערנע קאסטענס.

דערביי האָב איך איהם דערצעהלט דיא געשיכטע פון דיא פערזונקענע גאָלד־שיפען און פון אַלעם וואָס איך האָב בייגעוואָהנט פאָריגע נאכט. איך האָב געדענקט, אז דאָס וועט בעוועגען מיין קאמעראַד אויפצוגעבען דיא אידעע פון אנטלויפען און בעקומען לוסט צו פערבלייבען לענגער אויף דער "נאַטילוס". אָבער דיא געשיכטע מיט דיא גרויסע רייכטהימער האָט אויף איהם ניט געווירקט. ער האָט בלויז אויסגעדריקט זיין בעדויערען, וואָס ער איז ניט קיין פרייער מענש און האָט ניט דיא געלעגענהייט אליין צו בעזוכען דיא שלאַכטפעלד פון וויגאָ. דערביי האָט ער געשימפּפט און געשאָלטען דיא אוצרות, אייבער וועלכע זיין פּלאַן איז צושטערט געוואָרען.

— אָבער עס איז נאָך דערמיט ניט געענדיגט! — האָט לענד זיך אליין געטרייסט — אַן אנדער מאָל וועט עס בעסער גליקען. פיליכט נאָך קומענדע נאכט, אויב עס וועט מעגליך זיין.

— אָבער נאָך וועלכע ריכטונג געהט ערשט אונזער שיף? — בין איך איהם אריינגעפּאַלען אין דיא רייד.

— איך וויים ניט! — האָט ער קאַלט געענטפערט.

— איך וועל עס מיטאָג צייט נאָכזעהן — האָב איך איהם פערזיכערט.

לענד האָט פערלאָזען מיין צימער, און אזוי באַלד וויא איך האָב אָנגע־צויגען מיינע בגדים, בין איך אריין אין זאאַל. איך האָב א קוק געטהאָן אויף'ן קאָמפּאַס און געזעהן, אז דיא "נאָטילוס" שווימט אין אן אנדער ריכטונג, נאָך זיד וועסט. מיר האָבען שוין אלזאָ דיא אייראָפּעאישע ברעגען פערלאָזען.

אביסעל אונגעדולדיג האָב איך ערווארטעט ביז דיא שיף וועט ארויף־שווימען אין דער הויך און דער קאַפּיטאַן וועט נאָך דעם גאנג פון דער זונן ריכטיג בעצייכענען דעם פּלאַץ וואו מיר געפינען זיך. אום האלב נאָך עלף דעם זייגער פאר מיטאָג זיינען דיא רעזערוואוארען אויסגעליידיגט געוואָרען און דיא "נאָטילוס" איז ארויפגעשוואומען אויף דיא אָבערפלעכע פון ים. איך בין ארויף אויף'ן פּלאַטפאָרם, וואו לענד האָט מיך ערווארטעט.

דער הימעל איז געוועזן בעדעקט מיט גרויע וואָלקענס און איבער'ן ים איז געוועזן פערשפּרייט א לייכטער נעבעל. ווייט ארום און ארום איז קיין סימן לאנד ניט געוועזן צו זעהן, נור וואו ניט וואו האָט זיך געזעהן דער שפּיץ פון א זעגעל־שיף. א שטאַרקער ווינד האָט געבלאָזען און עס איז קענטיג געוועזן, אז א שטורם וועט קומען. לענד האָט מיט גרוים אויפרעגונג געקוקט אין אלע זייטען פיללייכט וועט ער ערגיץ וואו א צייכען פון לאנד בעמערקען, אָבער מעהר וויא הימעל, וואסער און נעבעל האָט מען ניט געזעהן.

אום צוועלף אוהר האָט זיך דיא זונן בעוויזען אויף א ווייל. דער שיפס־לייטענאנט האָט דאַן זיינע בעאָבאכטונגען געמאכט און ער האָט וועגען דעם בעריכטעט צום קאַפּיטאַן דורך דער שפּרעך־רעהר. דאָס מעער איז פון מינוט צו מינוט אונרוהיגער געוואָרען. דיא כוואַליעס האָבען אָנגעהויבען קלאַפּען שטאַרקער און שטאַרקער און דיא "נאָטילוס" האָט זיך אָנגעהויבען וויעגען אין אלע זייטען. דיא פּלאַטען פון דעק זיינען דאַן געשלאָסען געוואָרען און דיא שיף האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין דיא שטילע טיעפענים.

א שטונדע שפּעטער האָב איך אויף דער קאַרטע געפונען פערצייכענט אויף וועלכען פּונקט מיר געפינען זיך. מיר זיינען דאַן געוועזן 15 ליגס ווייט פון א ברעג. וועגען אנטלויפען איז אלזאָ פּאַרלויפיג ניט געוועזן וואָס צו דענ־קען. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען וויא גרוים עס איז געוועזן דעם קענעדער'ס צאָרן און פערדרוס, ווען איך האָב עס איהם בעריכטעט.

מיר האָט דיעזער צופאַל ווייניג וואָס פערדרוס געמאכט. אין געגענטהייל, איך בין געוועזן צופריעדען, וואָס איך האָב מעהר וועגען לענד'ס פּלענער ניט געדאַרפט דענקען. איך האָב געפיהלט אזוי וויא א שווערע לאַסט איז פון מיר

אראבגענומען געווארען. איך האב דאן זיך געקענט נעהמען רוהיג צו מיין טעגליכע בעשעפטיגונג און ניט טראגען אויף מיין קאפ קיינע זייטיגע זאכען.

ארום עלף אוהר יענע נאכט איז קאפיטאן נעמא גאנץ אונערווארטעט צו מיר אריינגעקומען. ער האט מיך העפליך געפרעגט, אויב איך בין שטארק מיעד, און איך האב איהם געענטפערט "ניין".

— דאן, הערר ארנאקס — האט נעמא צו מיר געזאגט — וועל איך איך מאכען א מערקווירדיגען פארשלאג.

— צופריעדען, הערר קאפיטאן! — האב איך געענטפערט.

— מיר האבען שוין אייניגע מאל שפאצירט אויף'ן גרונד פון מעער — האט נעמא גאנץ פריינדליך געזאגט — אבער אלץ בייטאג, אין זונען־שיין. וואלט איהר לוסט געהאט צו מאכען אזא שפאציר־גאנג יעצט, אין דיא פינס־טערניס פון דער נאכט?

— זעהר גערן, הערר קאפיטאן.

— אבער איך מוז אייך פאראויס זאגען, אז דאס וועט אייך זעהר פיעל ערמיעדען. עס איז א וויימער גאנג, דערצו נאך בארג ארויף. דיא וועגען זיינען גאמירליך אויך ניט געפלאסטערט און עס מאכט דעם גאנג גאנץ שווער.

— אייערע ווערטער, קאפיטאן, מאכען מיך נאך מעהר נייגעריג. איך בין בערייט צו געהן מיט אייך.

— אויב אזוי, הערר פראפעסאר, קומט שוין אנציהען אונזערע וואסער־קליידער.

אריינקומענדיג אין גארדעראבע־צימער, האב איך געזעהן, אז אויסער איך און דער קאפיטאן איז דארט מעהר קיינער ניטא. איך האב דאן פערשטאנען, אז בלויז מירביידע וועלען דעם שפאציר מאכען, אהן אירגענד וועלכע אנדערע בעגלייטער.

עס האט בלויז א קליינע וויילע גענומען ביז מיר האבען דיא בגדים אנגעצויגען. מען האט אונז צוגעבונדען צום רוקען גרויסע ראנצען פול מיט לופט, אבער קיין עלעקטרישע לאנטערנען האט מען אונז ניט געגעבען. אויף מיין פראגע וועגען דעם האט דער קאפיטאן בלויז געענטפערט:

— מיר וועלען זיי דיעזען מאל ניט דארפען.

מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך האב נעמא'ס אנטווארט ניט גוט געהערט און איך האב איהם נאך אמאל געוואלט איבערפרעגען. אבער אין דעם אויגענבליק האט שוין זיין קאפ געשטעקט אין דער קופערנער שייד. מיר האט מען באלד אויך דיעזען פאנציר אנגעטהאן און אוים לשון. מען האט מיר דערלאנגט אין האנד א שטארקען שטעקען בעשלאגען מיט מעטאל, און באלד זיינען מיר געשטאנען אויף'ן גרונד פון אטלאנטישען מעער, אין א טיע־פעניס פון איבער ניין הונדערט פוס.

עס איז געווען נאָהענט צו האלבע נאכט. אין וואסער איז געווען עבט פינסטער. דער קאפיטאן האָט מיר אָנגעצייגט אויף א רויטליכע שיינונג, וואָס האָט געגלאנצט זעהר העל. וויא עס האָט אויסגעוויזען, איז יענע שיין געווען צוויי מייל וויט פון אונזער שיף. וואָס פאר א מין פייער דאָס איז, ווער האָט איהם דאָרט אָנגעצונדען און צוליעב וואָס פאר א צוועק, האָב איך ניט גע־קענט פערשטעהן. יעדענפאלס האָט עס אביסעל בעלויכטען אונזער וועג. מיינע אויגען זיינען נאָכדעם אויך צוגעוואָהנט געוואָרען צו דיא דונקעלהייט און איך האָב ווירקליך געקענט אויסקומען אָהן א לאנטערנע.

מיר זיינען ביידע געגאנגען גלייך זייט ביי זייט. דער באָדען פון ים איז געשטיגען אלץ העכער און העכער און עס איז ווירקליך געווען שווערליך צו געהן. דיא שטעקענס האָבען אונז אפילו מיטגעהאָלפען צו גרעסערע טריט, דאָך האָבען מיר זיך געשלעפּט לאנגזאם, ווייל אונזערע פיס זיינען אָפט געבליבען שטעקען אין לעהמיגע ערד, דורכגעקנאָטען מיט פערשיעדענע גראָזען און קליינע שטיינד־לאך. מיר האָבען זיך געצויגען אלץ נעהענטער צו יענעם רויטען פייער.

געהענדיג ווייטער האָב איך געהערט איבער מיין קאָפּ אזוי וויא א גערויש פון גיסענדע טראָפּענס וואסער. דער גערויש איז אלע מאָל שטארקער און שטארקער געוואָרען און איך האָב אָנפאנגס ניט געקענט בעגרייפען וואָס דאָס איז. נאכהער אָבער איז מיר קלאָר געוואָרען, אז דאָס הערט זיך דער גערויש פון א שלאגס רעגען, וואָס גיסט אויף דעם שפּיעגעל פון ים. מיר איז דערביי פאָרגעקומען אזוי וויא עס רעגענט אויף מיר און איך ווער דורכגענעצט. איך האָב געמוזט לאכען פון זיך אליין איבער אזא געפיהל, וואָס מען שפּירט אָפט נאָך דער געוואָהנהייט, אָהן א ווירקליכע אורזאכע. עס איז דאָך טאקי לעכערליך, מורא צו האָבען פאר רעגען־טראָפּענס אין דער צייט, ווען מען איז איינגעטונקט אין א ים וואסער! אויסער דעם, האָט קיין נאסקייט דורך אונ־זערע קליידער צו אונז ניט געקענט צוקומען. איך האָב נור געפיהלט אזוי וויא איך זאָל אומגעהן אין א לופט וואָס איז עטוואָס געדיכטער וויא דיא אטמאָספערע, אָבער מיין לייב איז דורכאויס טרוקען געווען.

נאָך א שפּאציר פון א האלבע שטונדע איז דער באָדען אונטער אונזע־רע פיס געוואָרען שטייניג. מיליארדען קליינע ברואים'לאך, וועלכע עס איז קוים צו בעמערקען אונטער א שטארקע פערגרעסערונגס־גלאָז, האָבען בעלויכטען דעם ים מיט דעם פאָספאָר פון זייערע קערפּערס. איך האָב בעטראכט הויפענס שטיינער, וואָס זיינען געווען בעדעקט מיט פלאנצען־טהיערע און ים בלומען. מיינע פיס האָבען זיך אָפט אויסגעגליטשט אויף גלאטע, קלעפּיגע גראָזען און ווען איך וואָלט ניט געהאט דעם שטעקען אין האנד, וואָלט איך ניט איין מאָל געפאלען. איך האָב זיך אומגעקערט מיט'ן פּנים אהינטער און איך האָב

געזעהן דיא וויסליכע בעלייכטונג פון דער "נאַטילוס", וועלכע איז געוואָרען אלץ בלאַסער און שוואכער.

דיא רויטליכע שיין אָבער, צו וועלכער מיר זיינען געגאַנגען, איז אלע ווייל פערגרעסערט געוואָרען. וואָס נעהענטער מיר זיינען צו איהר געקומען, אלץ העלער און ליכטיגער איז עס געוואָרען. איך האָב פון וויטענס געזעהן, אז דיא דאָרטיגע גאנצע געגענד איז בעלויכטען אזוי וויא פון אונגעהייער גרויסע פלאַמען. איך האָב ניט געקענט בעגרייפען וויא אזוי אונטער דיא וואַ־סערען זאָל עקזיסטירען אזא מערקווירדיגע ליכט. איז דאָס אן עלעקטרישער שטראָם אָדער אן אנדער נאַטור־ערשיינונג, וואָס איז נאָך פאר דער וויסענ־שאַפט ניט בעקאַנט? א זאָנדערבארער געדאנק איז מיר אין דיעזען מאָמענט דורכגעפלויגען אין קאָפּ: פיליכט איז דיעזער פייער גאָר געמאַכט פון מענש־ליכע הענד? עס קען דאָך מעגליך זיין, אז קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אירגענד וואו אין ים חברים, מענשען וואָס פיהרען אזא ארט לעבען אזוי וויא ער, און יעצט פיהרט ער מיך צו זיי אויף א בעזוך! פילייכט געפינט זיך דאָרט א גאנצע קאָלאָניע פון אזעלכע פערזאָנען, וואָס זיי איז אויך איבערדריסיג געוואָרען דאָס לעבען אויף דער ערד איבער דיא מענשליכע אונרעכטען און פערפאָלגונגען און זיי האָבען זיך אויפגעזוכט פרייהייט אונטער דעם שוטץ פון דיא אונענדליכע וואסערען? אזעלכע און עהנליכע געדאנקען האָבען בע־אונרוהיגט מיין גייסט. איך האָב אָנגעהויבען גלויבען, אז דאָס איז טאקי אזוי, און איך וואָלט דאמאָלס פיליכט ניט פיעל איבערראשט געוואָרען, ווען איך זאָל אויף'ן גרונד פון ים געפינען גאנצע שטעדט, פון וועלכע קאַפּיטאַן נעמאָ פלעגט רעדען און פאנטאזירען.

דיא הויפענס שטיינער אויף'ן גרונד פון ים זיינען געווען צוזאמענגעשטעלט אין רעגעלמעסיגע רייהען, אזוי וויא מענשליכע הענד זאָלען עס האָבען געטהאָן. דורך דיא שטיינער האָבען זיך געצויגען דורכגענגע פון וועלכע מען האָט קיין ענדע ניט געזעהן. איך האָב געשפירט, אז דיא בלייענע זוילען (פּאָדעש־וועס) פון מיינע שיך טרעטען אויף ביינער אָדער עהנליכע געגענשטענדע, וואָס ווערען צובראָכען פון מיין טראָט מיט א טרוקענעם קראַך. איך האָב זעהר געוואָלט בעקומען אן ערקלערונג אויף דיא אלע זאכען, אָבער טראָגענדיג דיא קופערנע שייד אויף'ן קאָפּ איז אונמעגליך, אז דער קאַפּיטאַן זאָל הערען מיינע פראגען. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אפילו געהאט א מין צייכען־שפּראַך, וועלכע ער פלעגט בענוצען זייענדיג מיט זיינע מענשען אויף'ן גרונד פון ים, אָבער איך האָב דיעזע שפּראַך ניט פערשטאַנען.

אונזער וועג איז געוואָרען אלץ העלער און העלער. איך האָב ענדליך דערזעהן, אז דאָס ליכט שטראַהלט פון א שפּיץ בארג, וואָס איז אומגעפעהר אכט הונדערט פוס הויך. אָבער דיא גאנצע בעלייכטונג אויף אונזער וועג איז

בלויז א ווידערשיין, וואָס שפּיעגעלט זיך אָב אין דיא וואסערען פון א גלוטה פייער וואָס געפינט זיך אויף דעם אנדערען זייט בארג.

דער קאפּיטאן איז מיט שנעלע טריט געגאנגען צווישען פערפלאָנטערטע וועגען און דורך שטיינער־הויפענס און איך האָב איהם נאָכגעפאָלגט. עס איז דייטליך געווען צו זעהן, אז ער געהט נאָך א בעשטימטע ריכטונג און אז ער איז אין יענע ערטער גוט בעקאנט. איך האָב פערשטאנען, אז ער האָט שוין יענע געגענד מעהרערע מאָל בעזוכט און איך בין זיכער געווען, אז ער וועט דאָרט ניט בלאָנדזשען. געהענדיג הינטער איהם און בעטראכטענדיג זיינע שטאָלצע בעוועגונגען, איז ער מיר ווירקליך פאָרגעקומען אלס א מעכטיגער קעניג, אלס דער הערשער פון ים.

אום איינס אוהר נאָך האלבע נאכט זיינען מיר געקומען צו דער ערשטער שטופּע פון בארג. דאָרט איז דער וועג נאָך שווערער געוואָרען, ווייל מיר האָבען געהאט צו געהן דורך אן אונגעהייער גרויסען וואלד. דאָס איז געווען א פאָל־שטענדיגער וואלד פון אָבגעשטאָרבענע בוימער, אָהן בלעטער און אָהן זאפט — בוימער וואָס זיינען פון דיא ווירקונג פון וואסער פערשטיינערט געוואָרען. דאָס איז געווען א מין אוצר פון שטיין־קאָהלען, וואָס איז געשטאנען פריי אונטער דיא וואסערען פון מעער. דער וועג דורך דיעזען וואלד איז געווען בע־דעקט מיט מעער־גראָזען, אונטער וועלכע עס האָבען געשוויבעלט און געגרי־בעלט א גאנצע וועלט פון פערשיעדענע שרצים און אינזעקטען. איך האָב געקלעטערט אלץ העכער און העכער בּרעכענדיג דיא פערפלאָנטערטע צווייגען, וואָס האָבען מיר פערשטעלט דעם וועג. דיא נייגעריגקייט צו וויסען וואו־הין דער קאפּיטאן פיהרט מיך און דיא אינטערעסע וואָס איך האָב געהאט אין אלעס וואָס איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן, האָט מיר דעם וועג גע־מאכט אנגענעהם. איך האָב כמעט קיין מיעדיגקייט געפיהלט און האָב פלייסיג נאָכגעפאָלגט דעם קאפּיטאן, וועלכער ווייס קיינמאָל ניט מיעד צו זיין.

רעכטס און לינקס האָבען זיך געצויגען פינסטערע דורכגענגע, אין וועל־כע דאָס ליכט פון אויבען האָט גיט געקענט אריינדרינגען. דער וועג איז וואָס ווייטער געוואָרען געפעהרליכער. עס איז אונז אויסגעקומען צו געהן איבער שמאָלע, גליטשיגע שטעגלאך, וועלכע זיינען געהאנגען איבער טיעפע אָב־גרונדען. איין איינציגער פאלשער טריט איז גענוג געווען אראָבצופאלען און דער'הרג'עט ווערען. אָבער דער שטעקען האָט מיר פיעל געהאָלפען. מיט דיא הילף פון שטעקען האָב איך געשפּרונגען איבער טיעפע שפּאלטען, איבער אומגעפאלענע בוימער און איך האָב זיך געקענט האלטען פעסט אין געפעהר־ליכסטען פלאץ. אין מאנכע פלעצער זיינען מיר דורכגעגאנגען אונטער פעל־זען, וועלכע זיינען געהאנגען איבער אונזערע קעפּ און עס האָט אויסגעוויזען, **אז אָט אָט פאלען זיי ארונטער.**

קאפּיטאן נעמאָ האָט געקלעטערט אליין העכער און העכער און איך האָב ניט געקענט פערבלייבען הינטערשטעליג. איך בין איהם פלייסיג נאָכגעגאנגען טריט אין טריט און זיך ניט אָבגעשטעלט אויף א ווײלע, אָבוואָהל אין מאנכע פלעצער האָב איך געמוזט העכסט פּאָרזיכטיג זיין ניט צו פערלירען מיין גלייכגעוויכט. אין מאנכע פלעצער זיינען דיא פעלזען געווען אזוי וויא טהויע־רען מיט פערשיעדענע פּראכטפאָלע נאטור־שניצרייען, וואָס דער גרעסטער מייסטער וואָלט פיליכט מיט זיינע הענד ניט געקענט מאכען. אין דיא גרעס־טע מוזעאומס דער וועלט איז ניט צו זעהן אזוי פיעל קונסט־ווערק וויפיעל דיא נאטור אליין האָט דאָרט געשאפען.

צוויי שטונדען נאָכדעם וויא מיר האָבען פערלאָזט דיא "נאָטילוס", זיי־נען מיר ענדליך דורכגעגאנגען דעם פערשטיינערטען וואלד און מיר האָבען דערגרייכט א גאנץ הויכען פּונקט פון דעם אונטערוואסערדיגען בארג, וואו אומגעפעהר הונדערט פוס הויך איבער אונזערע קעפּ האָט פון אנדערען זייט בארג געשטראהלט דער אָבשלאג פון א גלענצענדען גלוטה. ערטערוויין האָ־בען זיך נאָך געצויגען קלענערע פערשטיינערטע וועלדלאָך, איבער וועלכע פערשיעדענע פישען זיינען מאסענוויין אומגעפלויגען אזוי וויא פויגלאך אין דער לופט. צווישען דיא פעלזען האָבען זיך געזעהן טיעפע הייהלען, דונקעלע גרונדלאָזע לעכער, אין וועלכע פערשיעדענע ברואים האָבען זיך געריהרט און בעוועגט אזוי פירכטליך, אז קוקענדיג אויף זיי איז דיא בלוט פערגליווערט גע־וואָרען אין מיינע אָדערען. איך האָב דאָרט געזעהן גרויסע, זאָנדערבארע בע־שעפעניסען מיט אונגעהייער שרעקליכע שנויצען, מיט לאנגע בעוועגליכע הער־נער, וועלכע האָבען מיר פערשטעלט דעם וועג. פון אלע זייטען האָבען זיך אין דיא דונקעלהייט בעוויזען בלישצענדע פּונקטען. דאָס זיינען געווען דיא אויגען פון געפעהרליכע שאל־טהיערע און ים קרעבסען, וועלכע זיינען געלע־גען אין זייערע לעכער און האָבען ארויסגעקוקט אין וואסער, אקוראט אזוי וויא זיי זאָלען לויערען אויף אונז. מאנכע פון דיא קרעבסען, וואָס האָבען זיך ארויסגעשטעקט פון דיא הייהלען, האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא קאנאָנען וואָס ליגען אויף זייערע רעדער.

דיעזע וועלט פון אונגעהייער גרויסע ברואים איז פאר מיר אין גאנצען אונבעקאנט געווען, און איך האָב זיך אליין געפרעגט: זייט וויפיעל יאָהר־הונדערטע לעבען שוין דיעזע זאָנדערבארע בעשעפעניסען אויף'ן גרונד פון ים?

אָבוואָהל א מורא איז מיך בעפאלען קוקענדיג אויף דיא פירכטליכע "מאָנסטערס", דאָך האָב איך געוואָלט דאָרט מעהר פערבלייבען, אום זיי גענויער צו בעטראכטען. אָבער קאפּיטאן נעמאָ האָט מיך ניט געלאָזט אויפ־האלטען זיך דאָרט. ער האָט געשפּאנט ווייטער און איך האָב איהם געמוזט נאָכפאָלגען. מיר זיינען ארויפגעקומען אויף א הויכע, פלאכע געגענד, וואו איך

בין פון גאנץ אנדערע זאכען העכסט איבערראשט געוואָרען. פאר אונזערע אויגען זיינען געווען מאסען רואינען פון געביידען, וועלכע זיינען אמאָל געשאפען געוואָרען פון מענשליכע הענד. הויפענס פון חורבות, אין וועלכע מען האָט דייטליך דערקענט דיא פאָרמעס פון פאלאסטען, שלעסער און טעמפלען. דאָס אלעס איז געווען בעדעקט מיט בליהענדע פלאנצען־טהיערע און א דיקען צודעק פון ים־גראָזען. פון וואנען האָט זיך דאָס אלעס גענומען אויף'ן גרונד פון ים? האָט עס א מבול אמאָל פערזונקען א שטיק וועלט? וואו בין איך דאָ? וואוהין האָט מיך קאפיטאן נעמאָ פערשלעפט?

איך בין זעהר גערן געווען צו בעקומען אן ערקלערונג אויף דיעזע רעטענים. איך האָב דעם קאפיטאן אָנגענומען פאר'ן ארם און איך האָב פון איהם געוואָלט קריגען אירגענד וועלכען אנטוואָרט אויף שטום־לשון, אָבער נעמאָ האָט בלויז א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ ציינענדיג אויף'ן העכסטען פונקט פון דעם בארג, אזוי וויא ער זאָל דערמיט זאָגען: "קומט ווייטער, לאָמיר געהן העכער".

איך האָב איהם נאָכגעפאָלגט, און אין אייניגע מינוטען ארום זיינען מיר געווען אויף'ן שפּיץ בארג, וואָס איז בעשטאנען פון א פעלז ביי א דרייסיג פוס ארום.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף דיא זייט פון וואנען מיר זיינען געקומען און איך האָב משער געווען, אז מיר זיינען אומגעפעהר אכט הונדערט פוס העכער פון דעם פלאכען גרונד פון ים. אָבער פון דער צווייטער זייט קומט אויס דער בארג פיליכט צוויי מאָל אזוי הויך. פון דאָרט האָב איך גענוי געקענט בעטראכטען דיא אונגעהייער גרויסע לאנדשאפט אונטען, וואָס איז געווען העל בעלויכטען מיט א שטארקע בליצען־שיין. דיעזער בארג איז א וואולקאן, וואָס שפּריצט פון זיך פייער־מאסען, וועלכע בעלייכטען דעם גאנצען טהאָל אונטען אזוי ווייט וויא א מענשען'ס אויג קען זעהן.

ווען איך זאָג פייער־מאסען, מיין איך ניט ריכטיגע פלאמען, וועלכע קענען ניט ברענגען אָהן דעם זויער־שטאָף פון דער לופט. איך מיין צו זאָגען: געשמאָלצענע שטיינער און מעטאל, וואָס דער קראטער — דיא עפענונג פון וואולקאן שליידערט ארויס, וועלכע האָבען דעם בראנד אין זיך זעלבסט און קענען ווייס־גליהענד זיין אפילו אין וואסערדיגען עלעמענט, און זיי גיבען פון זיך ארויס א העלען דאמפף, וועלכער מאכט דיא געגענד ארום ליכטיג.

אונטער דיא העלע שטראָמען פון דיא לאווא האָב איך ווייט און ברייט אין דעם אָבגרונד פון ים געזעהן א פערזונקענע שטאָדט, מיט איינגעפאלענע דעכער, צובראָכענע טעמפלען, צוריסענע געוועלבען, געשטירצטע זיילען, אויף וועלכע עס איז נאָך געווען צו בעמערקען דיא בעציערונג פון דיא טאָסקאנישע ארכיטעקטור. עטוואָס ווייטער האָבען זיך געזעהן דיא חורבות פון ריעזענ־

האפטע וואסער־לייטונגען; דאָרט זיינען אויך געווען פערגראָבען אין לעהם רואינען פון פעסטונגען און שפּורען פון האפענס פאר שיפען און קריעגס־פלאָטען. נאָך וייטער האָבען זיך געזעהן גאנץ לאנגע רייהען פון צופאלענע מויערען, גרויסע פערוויסטע גאסען, מיט איין וואָרט: א גאנצע פערזונקענע וועלט האָב איך פאר מיינע אויגען געזעהן. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אז איך זעה דאָס דיא גרויסע שטאָדט פּאָמפּיי, וועלכע איז אין יאָהר 79 פערשאָטען געוואָרען פון דעם וואולקאנישען בארג וועזואוויוס.

— וואו בין איך? — האָב איך זיך אליין געפרעגט — וואוהין האָט מיך דאָ קאפּיטאן נעמאָ געבראכט?

איך בין געווען אזוי אויפגערעגט, אז איך בין שוין געווען פערטיג ארונטערצורייסען דיא קופּערנע שייד פון מיין קאָפּ, אום צו רעדען, צו פרעגען דעם קאפּיטאן אן ערקלערונג אויף אלעם וואָס איך זעה.

קאפּיטאן נעמאָ האָט מיין אויפרעגונג בעמערקט און ער איז צו מיר צוגעגאנגען. ער האָט אויפגעהויבען א שטיקעל קרייד־שטיין און האָט אויף א שווארצע פעלז אויפגעשריבען דאָס איינציגע וואָרט: "אטלאנטיס".

וואָס פאר א ליכט דיעזעס וואָרט האָט געוואָרפען אויף דיא גאנצע געהיימניס! איך האָב זיך באלד דערמאָהנט, אז "אטלאנטיס" איז אמאָל געווען א גרויסע שטיק לאנד, א וועלט־טהייל וואָס איז בעשטאנען פון צוזאמענגעזעצטע אינזלען. זיי זיינען פערזונקען געוואָרען אין ים נאָך אין יענע אור־אלטע צייטען, פון וועלכע אונזער היסטאָריע ווייס ניט פיעל. דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף פּלאטאָ, וועלכער האָט געלעבט מיט 2325 יאָהר צוריק, בעשרייבט אין זיינע א ווערק, אז דיעזער צופאל זאָל האָבען ווירקליך פּאסירט, אזוי וויא ער האָט געפונען אין דיא ארכיווען פון דיא אלטע עגיפּטישע פּריסטער. אנדערע געלעהרטע פון אלטערטהום און אויך פון אונזערע צייטען, אָנפאנגענדיג פון דעם עגיפּטישען רעליגיאָנס־לעהרער אריגען, וועלכער האָט געלעבט אין צווייטען און אין דריטען יאָהרהונדערט, ביז דעם דייטשען געלעהרטען אלעקסאנדער פאָן הומבאָלדט, וועלכער האָט געלעבט צווישען דיא יאָהרען 1769 און 1859, לייקענען עס אָב און זאָגען, אז דיא גאנצע זאך איז נור א פאבעל, וואָס יענע עגיפּטישע פּריסטער האָבען אויסגעטראכט, און אזא וועלט־טהייל האָט גאָר קיינמאָל ניט עקזיסטירט. יעצט אָבער ליגט דיעזע וועלט פאר מיינע אויגען. איך זעה ערשט דיא פערזונקענע אונטערגאנגענע אינזלען וועלכע זיינען געלעגען צווישען אייראָפּא, אזיען און ליביען. דיא איינוואָהנער פון דיעזע אינזלען, דאָס מעכטיגע אטלאנטיסען־פאָלק, האָבען געפיהרט קריעג מיט דיא אור־אלטע גריכען.

אין פּלאטאָ'ס ווערק געפינען זיך בעשרייבונגען פון דיא טהאטען פון יענע גרויסע העלדען. אויב זיי זיינען ווירקליכע פּאסירונגען אָדער בלויז לע־

גענדעס, קען מען גענוי ניט וויסען. פּלאַטאָ דערצעהלט, אז דער גרעסטער גריכישער פילאָזאָף סאָלאָן, וועלכער האָט געלעבט מיט מעהר וויא צוויי הונ־דערט יאָהר פאר איהם, איז אמאָל געקומען אין דער עגיפּטישער שטאָדט סאיס, וואָס האָט שוין דאן עקזיסטירט זייט אכט הונדערט יאָהר. דאָרט האָט ער גע־האַט א געשפּרעך מיט א גרייז־גרויען מאן פון זעהר גרויסער געלעהרזאמקייט, און דיעזער האָט איהם דערצעהלט דיא געשיכטע פון אן אנדער שטאָדט, וועלכע איז געווען נאָך מיט טויזענד יאָהר עלטער. דיעזע שטאָדט, האָט דער אלטער דערצעהלט, איז אמאָל בעפאלען געוואָרען פון דיא מעכטיגע אטלאנטיסישע קריעגער, וועלכע האָבען א גרויסען טהייל פון איהר צושטערט. ווייטער האָט יענער זקן סאָלאָן'ען דערצעהלט, אז דיא אטלאנטיסען האָבען בעהערשט א שטיק לאנד וואָס איז געווען גרעסער פון אזיען מיט אפריקא צוזאמען. זיי האָבען זאָגאר צו א געוויסע צייט געהערשט איבער עגיפּטען און אויך געוואָלט גריכענלאנד אונטערטעניג מאכען, אָבער פערשפּיעלענדיג אייניגע שלאכטען האָבען זיי זיך געמוזט צוריק ציהען. פון דאמאָלס אָן זיינען יאהרהונדערטע פאַריבער ביז א מבול מיט אן ערד־ציטערנים איז געקומען און דיא אטלאנטים וועלט־טהייל מיט אלע איהרע פעלקער איז אין צייט פון איין מעת לעת פער־זונקען געוואָרען אין ים און אָבגעווישט געוואָרען פון דער וועלט. פון דיעזען וועלט־טהייל זיינען בלויז פערבליבען דיא העכסטע פּונקטען, וועלכע זיינען יעצט בעוואוסט אלס דיא קאנארישע, אזאָרישע און אנדערע קליינע אינזלען.

דאָס אלעס האָב איך זיך דערמאָהנט דערזעהענדיג דעם אויפשריפט "אט־לאנטים", וואָס קאפּיטאן נעמאָ האָט אויפגעשריבען מיט קרייד. א מערקוויר־דיגער צופאל האָט מיך געבראכט צו זעהן מיט מיינע אויגען, דאָס וואָס איך האָב אמאָל אין ביכער געלייענט און דאָס וואָס דיא גאנצע וועלט צווייפעלט, אויב דאָס איז אמת! איך האָב שטארק בעדויערט וואָס איך האָב ניט דיא מעגליכקייט דיעזען פון ים פערשלונגענעם וועלט־טהייל א לענגערע צייט בעזו־כען און איהם גרינדליך אויספאָרשען.

וועהרענד איך בין געווען פערטיעפט אין מיינע געדאנקען און געקוקט אויף דיא געגענד ארום, איז קאפּיטאן נעמאָ אויך געשטאנען אונבעוועגט אָנגעשפּארט אויף א שטיין, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט ווייכע גראָז. ער האָט אויך וועגען עפּעס געטראכט. האָט ער געטרוימט וועגען דיא אור־אלטע דורות, וואָס זיינען דאָ פערשוואונדען געוואָרען? האָט ער פון זיי עטוואָס שטודירט? איז דער מערקווירדיגער מאן געקומען אהער זאמלען היסטאָרישע פאקטען? — דאָס איז נאַטירליך א זאך וואָס איך האָב ניט געקענט וויסען.

א שטונדע צייט זיינען מיר אזוי געשטאנען אויף איין אָרט, ניט ווייט פון דיא ברענענדע שטיינער און מעטאל וואָס זיינען געפלויגען פון וואולקאן. עס האָט זיך געהערט א מערקווירדיגער גערויש וואָס האָט דורכגעדרונגען דיא

טיעפע וואסערען. אין דיעזען מאָמענט האָט זיך דיא לבנה בעוויזען פון אונ־טער דיא וואָלקענס, וואָרפענדיג בלייכע שטראהלען אויף דער פערזונקענער וועלט, וועלכע האָטווירקליך אויסגעזעהן אזוי וויא א שרעקליכער און שוידער־האפטער בית עולם. טויט, אָבגעשטאָרבען איז דאָרט אלעס געווען. אן אלטער, אלטער, אונגעהייער גרויסער בית עולם.

קאפיטאן נעמא האָט געוואָרפען זיין לעצטען בליק אויף דעם ווייטען, ברייטען טהאָל. ער האָט דאן צו מיר א מאַך געטהאָן מיט'ן האנד אלס צייכען, אז איך זאָל איהם נאָכפאָלגען. מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו אונ־זער שיף.

מיר זיינען דעם בארג גאנץ שנעל ארונטערגעגאנגען. וויא מיר זיינען ארויס פון דעם פערשטיינערטען וואלד, האָב איך באלד פון ווייטען דערזעהן דיא עלעקטרישע בעלייכטונגען פון דער "נאָטילוס", וועלכע האָבען געשיינט אזוי וויא שטערען. מיר זיינען געגאנגען גלייך ביז מיר זיינען געקומען אויף אונ־זער שיף, ווען דיא ערשטע שטראהלען פון טאָג זיינען געפאלען אויף דיא אָבערפלעכע פון אָקעאן.

10טעם קאפיטעל

אונטערוואַסערדיגע קאָהלען־מינען

אויף מאָרגען, דעם 20טען פעברואר, בין איך אויפגעשטאנען זעהר שפעט. זייענדיג מיעד פון ביינאכטיגען שפאציר־גאנג, בין איך פערבליבען אין בעט ביז 11 אוהר. איך האָב זיך שנעל אָנגעקליידעט און בין אריין אין זאאל נאָכ־זעהן נאָך וואָס פאר א ריכטונג דיא "נאָטילוס" געהט ערשט. דיא אינסטרו־מענטען האָבען מיר געצייגט, אז אונזער שיף לויפט מיט דיא שנעלקייט פון 20 מייל א שטונדע, אין א טיעפענים פון דריי הונדערט פוס, און איהר ריכ־טונג איז אלץ נאָך דרום זייט.

דיא אייזערנע לאָדענס זיינען געווען פונאנדער גערוקט און איך האָב דורך דיא פענסטער געזעהן פערשיעדענע מינים פישען און ים־בראַים. ווען איך האָב זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער איז קאָנסייל צו מיר אריינגעקומען און איך האָב איהם דערצעהלט דיא בעגעבענהייטען פון פאָריגער נאכט. איך האָב איהם דורך'ן פענסטער אָנגעצייגט א טהייל פון יענער פערזונקענער וועלט, וואָס איך האָב מיט שטונדען פריהער געהאט דיא געלעגענהייט נעהענטער און גענויער צו בעאָבאכטען.

פאר אונזערע אויגען זיינען געווען צו זעהן פעלזען און בוימער פון פערשיע־דענע פאנטאסטישע פאָרמען. דיא בוימער זיינען געווען פערשטיינערטע, בע־דעקט מיט א דיוואן פון פיעל־פארביגע וואסער פלאנצונגען. פון ווייטענס האָבען

זיך אויך געזעהן צושמאָלצענע שטיינער, וועלכע דער וויטהענדער וואולקאן האָט פון זיך געוואָרפען מיט א געוואלטיגע מאכט.

דיא געגענד איז געווען העל בעלויכטען פון דיא עלעקטרישע לאנטערנעס פון דער "נאָטילוס" און מען האָט געקענט זעהן ווייט ארום. איך האָב קור־קענדיג אויף דיא לאנדשאפטען דערצעהלט פאר מיין דיענער וועגען יענעם פאָלק וואס איז מיט טויזענדע יאָהרען צוריק פערשלונגען געוואָרען פון ים צוזאמען מיט זייערע שטעדט און דערפער. איך האָב איהם ערקלערט, אז פיעלע געלעהר־טע גלויבען ניט, אויב דאָס אלעס איז אמת, ווערהענד איך בין ערשט פאָל־שטענדיג איבערצייגט, אז דיא געשיכטע מיט דעם פערזונקענעם וועלט־טהייל איז קיין פאבעל און איז אפילו א האָאר ניט איבערטריבען. קאָנסייל האָט זיך אבער ווייניג צוגעהערט צו מיינע היסטאָרישע ערקלערונגען, ווייל זיינע גע־דאנקען זיינען געווען פערנומען מיט בעטראכטען דיא פישען וואָס זיינען אומגעשוואומען פערביי אונזער שיף. איך האָב אויך שליסליך אָנגעהויבען געגויער בעאָבאכטען דיא ים־בעוואָהנער פון יענע געגענד.

דער אונטערשיעד פון דיא ברואים אין אטלאנטישען אָקעאן איז ניט גרויס געגען דיא וואָס איך האָב שוין פריהער געזעהן אין פערשיעדענע אנדע־רע ימים. איך האָב דאָרט געזעהן ריעזענהאפטע ראָכען (רעיס אין ענגליש) פון אומגעפעהר פופצעהן פוס לאנג, וועלכע בעזיצען אזא קראפט אין זייערע שנעלע בעוועגונגען, אז זיי שפּרינגען אָפט ארויס הויך איבער'ן וואסער. ראָכען, אָדער וויא זיי זיינען בעסער בעקאנט אונטער'ן נאָמען "מעער־טייפעל", אָדער "דעוויל פיש" אויף ענגליש, זיינען פאראן אייניגע זאָרטען. מיר האָבען דאָרט געזעהן דעם מין ראָכען אָדער "מעער טייפלען", וואָס האָבען שפּיציגע שטע־כעלען אָדער נאָדלען אין זייערע לאנגע עקען. דיעזע נאָדלען וואָס דיא ראָכען האָבען אין זייער עק דיענען זיי אלס וואפע צו פערטהיידיגען זיך פון געגנער. ווען זיי האָבען א געשלעג מיט אן אנדער פיש שטעכען זיי איהם דערמיט און דאָס פעראורזאכט אמאָל זייער געגנער'ס טויט. מען גלויבט דארום, אז דיעזע נאָדלען ענטהאלטען אין זיך א מין טויטליכען גיפט. איך האָב דאָרט אויך געזעהן האי־פישען און ים־פערדלאך — א וואונדערבארע קליינע בריאה וואָס האָט ניט קיין פלייש, בלויז הויט און ביינער און איהר קאָפּ איז זעהר עהנליך צו א פערדישען. דאָרט זיינען אויך געווען טראָמפּייטער־פישען —— א מין פיש וואָס זיין שנויץ האָט דיא פאָרמע פון א לאנגען טראָמפּייט.

פון דיא אנדערע גרופּען איז ווערטה צו דערמאָהנען דיא שווערד־פישען, שרעקליכע ברואים, וועלכע טראָגען אויף זייערע רוקענס א מין שארפען שווערד, אָבער זיי זיינען ניט רויבעריש. זיי ערנעהרען זיך מעהר פון גראָז וויא פון פלייש פון אנדערע טהיערע אָדער פיש, און זיי זיינען אין אלגעמיין פריעד־ליכע ברואים.

מעהרסטען האָב איך געוואָרפען מיינע בליקען אויף דיא אונענדליכע טהאָלען און בערגלאַך אונטער'ן וואסער. זעהר אָפט איז דיא "נאַטילוס" געצוואונגען געוועזען צו פּאָהרען לאַנגזאַם און דרעהען זיך אַזוי וויא אַ שלאַנג דורך דיא ענגע געסלאַך, צווישען גרעסערע און קלענערע בערגלאַך. ווען עס איז אונמעגליך געוועזען דיא הינדערנישע אויסצומיידען, האָט זיך דיא שיף אויפגעהויבען אַזוי וויא אַ לופט-באַלון און איז געשוואומען אין דער הויך איבער דיא בערגלאַך. דיא רייזע דאָרט איז געוועזען זעהר אינטערעסאַנט און מען קען זאָגען, אַז עס האָט מיר ניט ווייניג פערגעניגען פערשאַפט.

אום פיער אוהר נאָכמיטאָג האָט זיך דאָס אויסזעהן פון דער לאַנדשאַפט אין גאַנצען געענדערט. אַנשטאָט וואָס פריהער איז דער באָדען געוועזען אַ בלאָטיגער, געמישט מיט גראָזען, איז ערשט דער גרונד געוועזען בעדעקט מיט גרעסערע און קלענערע שטיינער, געמישט מיט שטיקער פערקיהלטע צושמאָלצענע מעטאַלען. איך האָב פריהער גערעכענט, אַז נאָך דעם ווייכען, פלאַכען גרונד וועלען זיך אָנפאַנגען בערג-געגענדען, און עס איז ווירקליך אַזוי געוועזען. נאָך אייניגע אומדרעהונגען פון דער שיף האָב איך בעמערקט אַז גאַנץ ווייט איז דער ים אַזוי וויא אָבגעצאַמט מיט אַ וואַנד, וועלכע שטייגט פילייכט אַריבער הויך איבער'ן וואסער. דער וועג איז אַלזאָ פערבלאָקירט און דיא "נאַטילוס" קען ווייט אין דיזער ריכטונג ניט פּאָהרען. דיא וואַנד איז אָן אָנפאַנג פון אַ שטיק יבשה, אָדער ווייניגסטענס אָן אינזעל. גענוי האָב איך עס ניט געקענט וויסען, ווייל איך האָב איבערהויפּט ניט געוואוסט בעשטימט וואו מיר געפינען זיך. יעדענפאַלס האָב איך גערעכענט, אַז מיט דיזער וואַנד ענדיגט זיך דאָס פערזונקענע וועלט-טהייל אַטלאַנטיס, פון וועלכע מיר זיינען בלויז אַ קליינעם טהייל דורכגעפּאָהרען.

איך וואָלט אַ לענגערע צייט פערבליבען ביים פענסטער און בעטראַכט דיא שעהנהייטען פון מעער און פון קלאָהרען הימעל, וואָס האָט זיך געזעהן דורך'ן וואסער, אָבער דיא לאָדענס האָבען זיך פּלוצלינג פערמאַכט. דיא שיף איז דאַן אָנגעקומען צו דער הויכער וואַנד. וואָס ווייטער וועט געשעהן, וואוהין קאַפּיטאַן נעמאָ וועט אונז ווייטער פיהרען, האָב איך ניט געקענט טרעפען. איך בין אַוועק אין מיין צימער און קאָנסייל איז אויך אַוועק אין זיין קאַיוטע. אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך געפיהלט אַז דיא שיף איז שטעהן געבליבען. איך האָב זיך צוגעלעגט שלאָפען מיט דעם בעשלוס אויפצושטעהן אין אייניגע שטונדען אַרום, אום צו ערפאַהרען וואו מיר זיינען און וואָס מיט דער "נאַטילוס" וועט דאָ ווערען. אָבער דער שלאָף האָט זיך ניט געקימערט וועגען מיין בעשלוס און ער איז פון מיר ניט אָבגעטראָטען ביז אויף מאָרגען אום אכט אוהר אין דער פריה.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך אַריין אין זאַאַל. דער מאַנאָ-

מעטער האָט געצייגט, אז אונזער שיף שטעהט אין דער הויך אויף'ן וואסער. איך בין באלד אוועק צו דיא טרעפּ, אום ארויפצוגעהן אויף'ן דעק. דיא טהיר וואָס פיהרט צום דעק איז געווען אָפען און איך האָב ערווארטעט, אז דיא ליכטיגקייט פון טאָג וועט באלד אריינשיינען אין מיינע אויגען. אָבער וויא איבערראשט בין איך געוואָרען, ווען איך בין ארויף אייניגע טרעפּ אין דער הויך און איך האָב קיין ברעקעל סימן פון טאָג ניט בעמערקט. עס איז געווען שטאָק פינסטער אזוי וויא אין א סוף חודש נאכט און איך האָב קיין זאך ארום מיר ניט געקענט זעהן.

איך בין צומישט געוואָרען. איך האָב ניט געקענט בעגרייפען וואָס דאָס בעדייט. פיליייכט זיינען מיר דיא אויגען קאליע געוואָרען? — איז מיר דורכ־געלאָפען א געדאנק — פיליייכט בין איך פּלוצלונג בלינד געוואָרען? אָדער פיליייכט האָב איך א טעות געהאט און עס איז ערשט אין מיטען נאכט?

וויא איך בין אזוי געשטאנען און געטראכט, האָב איך פּלוצלונג נעבען זיך דערהערט א גוט־בעקאנטע שטימע פרעגענדיג:

— זיינט איהר עס, הערר פּראָפעסאָר?

— אָה, קאפּיטאן נעמאָ! — האָב איך אויסגערופען — וואו זיינען מיר דען?

— אונטער דער ערד, הערר פּראָפעסאָר! — האָט נעמאָ געענטפערט.

— אונטער דער ערד? — האָב איך ערשטוינט געפרעגט — און אונזער שיף שווימט?

— געוויס שווימט זיא.

— איך קען עס ניט בעגרייפען, הערר קאפּיטאן.

— ווארט א ווייל'ע. אונזערע לאנטערנעס וועלען זיך באלד אָנצינדען און איהר וועט דיא זאך קלערער פערשטעהן.

טאפּענדיג בין איך ארויף אויף'ן פּלאטפאָרם און בין געבליבען שטעהן ערווארטענדיג דיא ליכט פון דיא לאנטערנעס. עס איז געווען אזא דיקע פינס־טערניס, אז איך האָב זאָגאר דעם קאפּיטאן ניט געקענט בעמערקען. אָבער א קוק טהוענדיג אין דער הויך איבער מיין קאָפּ, האָב איך בעמערקט אן אונבע־שטימטע שיין, א מין האלב דונקעלע ליכטיגקייט, וועלכע האָט זיך געזעהן גאנץ הויך דורך א רונדע לאָך. אין דיעזען אויגענבליק האָבען זיך פּלוצלינג דיא לאנטערנעס אָנגעצונדען און צוליעב זייער העלען גלאנץ איז דיא שיין פון אויבען פערשוואונדען געוואָרען. דער שטארקער בליאסק פון דיא עלעקטרישע לאנטערנעס האָט מיר אויף א פּאָר מינוטען מיינע אויגען פערבלענדט. איך האָב ניט געקענט קוקען אזוי וויא מען קען ניט קוקען אויף דער העלער זונן און איך האָב מיינע אויגען געשלאָסען. אָבער דאָס איז באלד פאריבער און איך האָב זיך געקענט ארומקוקען אין אלע זייטען און אלעס דייטליך זעהן.

דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען פערביי א בארג, וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א ברעג פון א טייך. דאָס וואסער אין וועלכען מיר האָבען זיך געפונען איז געווען א מין לייק (אָזעראָ), אונגעפעהר צוויי מייל ברייט און איז געווען ארומגערינגעלט מיט הויכע פעלזען־ווענד. דער מאַנאָמעטער האָט געציינט, אז דיא אבערפלעכע פון אונזער אונטערערדישען לייק איז גאָר ניט ניעדעריגער פון דיא וואסערען אין גרויסען און ברייטען אטלאַנטישען מעער, מיט וועלכען ער איז זיכער אירגענד וואו פערבונדען. דיא הויכע ווענד ארום זיינען צוזאמענגעקומען אין דער הויך און געבילדעט אן אונגעהייער גרויסען געוועלב. פון וואסער ביז'ן געוועלב איז געווען ביי א ניין הונדערט פוס. אין מיטען פון געוועלב איז עס געווען דיא רונדע לאָך, דורך וועלכע עס האָט אביסעל אריינגעשיינט דיא ליכטיגקייט פון טאָג.

עס איז געווען א מין זאָנדערבארע הייהל, וועלכע מענשען'ס הענד וואָלטען זיכער ניט געקענט אויפבויען. דאָס איז געווען איינע פון דיא וואונדערבארסטע נאטור־שאפונגען.

— וואו זיינען מיר? — האָב איך זיך געווענדעט צום קאפיטאַן.

— אין רעכטען מיטעל־פונקט פון א פערלאָשענעם וואולקאַן — האָט נעמאָ געענטפערט — א וואולקאַן וואו דער ים האָט זיך אריינגעגאָסען דורך אירגענד וועלכען שפאלט, פילייכט מיט טויזענדע יאָהרען צוריק. וועהרענד איהר, הערר פראָפעסאָר, זיינט געשלאָפען, איז דיא "נאָטילוס" אהער אריינגעשוואומען דורך א נאטירליכען קאנאל וואָס געפינט זיך ביי א דרייסיג פוס אונטער'ן וואסער. דאָ איז אונזער הויפט האפען — א האפען וואָס איז זיכער, בעקוועם און געהיימניספאָל. אונזער שיף איז דאָ זיכער פון ווינד, פון שטורם און פון אירגענד וועלכע געפאהר. ציינט מיר, אויב איהר קענט, אזא זיכערען האפען אנדערשוואו! איך בין איבערציינט, אז אין אלע אייערע לענדער און אינזלען וועט איהר אזא האפען ניט געפינען.

— ווירקליך, קאפיטאַן! — האָב איך זיך אָבגערופען — דאָ איז אייער שיף העכסט זיכער, דען אין צענטרום פון א וואולקאַן קען נאטירליך קיינער ניט צוקומען. אָבער זאָגט מיר, וואָס איז דאָס פאר אן עפענונג וואָס איך זעה אויבען אין געוועלב?

— דאָס איז דער קראַטער, דער מויל פון וואולקאַן, דורך וועלכען ער האָט אמאָל געשפיגען מיט פייער און לאַווא — צושמאָלצענע מעטאלען און שטיינער. יעצט דיענט אונז דער אָפענער מויל פון אָבגעשטאָרבענעם וואולקאַן אלס א לופט־ציהער. מיר קריגען דורך איהם אריין פרישע לופט און מיר קענען דאָ פריי אָטהעמען.

— און דורך דיא עפענונג אין דער הויך קען מען ניט אראָבשטייגען אהער אין וואולקאַן?

— ניין. אזוי גוט וויא מיר קענען ניט ארויפשטייגען. דיא וועגד זיינען אזוי גלאט אזוי וויא געשליפענע גלאז און מען קען איבער זיי ניט קלעטערען.

— אבער וואס פאר א וואולקאנישער בארג איז דאס?

— ער געהערט צו דיא פיעלע אינזלען מיט וועלכע דיזעז געגענד אין ים איז איבעראל בעדעקט. קיין שיף קען דא ניט דורכפאהרען, אבער פאר אונז איז עס א בעקוועמע הייהל. דורך א צופאל האב איך דיזען פלאץ ענטדעקט און איך בענוץ איהם אלס האפען.

— איך זעה, קאפיטאן, אז דיא נאטור קומט אייך צו הילף. איהר זיינט אויף דיזען וואסער אין פאלשטענדיגע זיכערהייט. אבער ענטשולדיגט, ווען איך וועל אייך פרעגען: צו וואס אייגענטליך ברויכט איהר אזא געהיימניס־פאלען ארט? איז דיא "נאטילוס" ניט זיכער איבעראל? א שיף וואס מען קען צו יעדער צייט ארונטערלאזען אויף'ן גרונד פון ים, דארף קיין מעהר זיכערען פלאץ ניט האבען.

— געוויס ניט. אבער זיא דארף האבען איהר לעבענס־קראפט, איהר חיונה. מען מוז דיא "נאטילוס" פיטערען, מען מוז זיא פערזארגען מיט עלעקטריציטעט, וואס מיר בעקומען פון סאדיום, אדער ריכטיגער צו זאגען פון איבערגעברענטע שטיין־קאהלען, און גראדע דא, וואו מיר געפינען זיך יעצט, זיינען אונטער'ן מעער פאראן גאנצע וועלדער וואס זיינען מיט פיעלע טויזענדער יאהר צוריק איינגעזונקען געווארען און האבען זיך פערוואנדעלט אין שטיין־קאהלען, וועלכע מיר נעהמען ארויס און מיר פאבריצירען דערפון עלעקטריציטעט.

— און אייערע מאטראזען ארבייטען דא אלס קאהלען־גרעבער?

— געוויס. זיי ציהען אן סקאפאנדערס (טויכער־קליידער) און זיי גראבען דיא קאהלען, אקוראט אזוי וויא מען טהוט עס אין דיא מינען אויף דער יבשה. מיר דארפען בלויז איין טאג, אום פאר אונזער שיף גענוג קאהלען צו פערשאפען, דאן וועלען מיר ווייטער פאהרען. אויב איהר האט לוסט צו בענוצען דיזע געלעגענהייט און דיא הייהלען דא גענויער צו בעטראכטען, איז עס פאר אייך פריי. אויב איהר ווילט קענט איהר אומפאהרען אויף'ן וואסער, און אויב אייך איז מעהר אנגענעהם צו געהן אויף דער יבשה, וועל איך אייך ארונטערלאזען אויף'ן ברעג און איהר וועט זיך מאכען א שפאציער מיט אייערע קאמעראדען.

איך האב דעם קאפיטאן הערצליך בעדאנקט, ווייל איך בין ווירקליך העכסט צופריעדען געוועזען פון זיין פארשלאג.

איך האב אויפגעזוכט מיינע קאמעראדען קאנסייל און נעד לענד, וועלכע זיינען נאך געזעסען אין זייער קאיוטע און האבען גאר ניט געוואוסט וואו מיר זיינען אין דער וועלט. איך האב זיי ארויפגערופען אויף'ן פלאטפארם, ניט

זאָגענדיג זיי קיין זאך. דער קאַלטבלוטיגער קאַפּיטאַן איז ווייניג וואָס איבער־ראַשט געוואָרען דערפון וואָס ער איז איינגעשלאָפען אונטער'ן וואסער און ערוואכט אונטער א באַרג; נעד לענד אָבער, וועלכער האָט נאָך אלץ גע־טרוימט וועגען אנטלויפען, האָט אויפמערקזאם בעטראכט דיא זאָנדערבארע הייהל און באלד געפרעגט, אויב מען קען פון דיעזער הייל זיך ארויסכאפּען אויף'ן לאַנד.

מיר זיינען צוריק ארונטערגעגאַנגען און אָבגעגעסען פריהשטיק. באלד נאָכדעם, אום צעהן אוהר זיינען מיר ארונטער פון שיף אויף'ן טרוקענעם ברעג.

— זיינען מיר דאָך שוין אויף דער ערד! — האָט דער קענעדע'ר מיט ענטציקונג אויסגעשריען.

— איהר האָט א טעות, פריינד — האָט זיך קאַפּיטאַן אָבגערופען — מיר זיינען ניט אויף דער ערד, זאָנדערן אונטער דער ערד.

לענד האָט זיך א ווײַלע בעדענקט און געמאַכט א מינע פון פערצווייפ־לונג.

דער ברעג צווישען דעם וואסער און דיא הויכע וועגד פון בארג איז איין פיעלע ערטער געווען ברייט, אין מאנכע פלעצער ביז 500 פוס. עס איז געווען גאַנץ אנגענעהם צו שפּאַציערען אויף'ן זאמדיגען ברעג. אָבער נעהענטער צו דיא הויכע וועגד איז דער באָדען ניט געווען גלייך און שטיקער שטיינער און פעלזען האָבען פערשטעלט דעם וועג. דער זאמד אונטער אונזערע פיס האָט געבלישצעט און געפינקעלט פון דיא עלעקטרישע לייכטונג פון דער "נאַטילוס", און דער שטויב וואָס האָט זיך געטראָגען פון אונזער גאַנג האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א וואָלקען פון פונקען.

מיר האָבען זיך געלאָזט געהן נעהענטער צו דער וואַנד. וואָס ווייטער מיר זיינען אָבגעגאַנגען פון וואסער איז אלץ דער באָדען געווען העכער. מיר זיינען געקומען צו לאַנגע, געדרעהטע וועגען וואָס ציהען זיך בארג ארויף. מיר האָ־בען דאָרט געמוזט געהן לאַנגזאם און פאָרזיכטיג, ווייל אונזערע פיס האָבען זיך געגליטשט אויף דיא הויפענס גלאַטע שטיינער, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָר־פען אויף'ן וועג, און יעדע ווײַלע זיינען מיר שיער אומגעפאַלען.

איבעראַל האָט מען דייטליך געזעהן דיא שפּורען פון א געוועזענעם וואולקאַן, דיא שפּורען פון א מעכטיגען נאַטור־גבור, וועלכער איז ערשט טויט, וועלכער האָט זיין טהעטיגקייט אויפגעהערט.

— קענט איהר זיך פאָרשטעלען — האָב איך צו מיינע קאַמעראַדען גע־זאָגט — וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהאָן דאַן, ווען דיעזע הייהל איז פול געווען מיט פייער ביז אויבען צום געוועלב? קענט איהר זיך פאָרשטעלען וויא דאָ האָט געראַשט און געשטורמט, ווען דער קראַטער האָט געשאָסען מיט פלאַ־

מען און ברענענדע שטיינער, ווען דער קאָבעדיגער, צושמאָלצענער מעטאל האָט זיך נעגאָסען איבער דיא וועגד אזוי וויא אין א שמעלץ־אויוועון?

— זעלבסטפערשטענדליך! — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען — האָט אמאָל אין דיעזען גיהנום געקאָכט און געזאָדען אָהן א שיעור. אָבער קען דער הערר אונז ערקלערען, ווארום דיעזער גיהנום איז אויסגעלאָשען געוואָרען? ווארום דיעזער גרויסער, שרעקליכער שמעלץ־אויוועון האָט אויפגעהערט צו אר־בייטען? וויא קומט עס, וואָס אנשטאָט דיא ברענענדיגע מעטאלען איז דאָ ערשט א שטילעס, רוהיגעס וואסער?

— וואהרשיינליך דארום — האָב איך געענטפערט — ווייל אונטער'ן וואסער האָט זיך דורך אירגענד וועלכע אורזאכע געמאכט אן עפענונג, א קאנאל, דורך וועלכען מיר זיינען אהער אריינגעפאָהרען. דער אטלאַנטישער מעער האָט דאן אריינגעשטירצט אינווייניג אין בארג און האָט אויסגעלאָשען דעם העלישען פייער וואָס האָט דאָ געברענט. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאר א פירכטליכען קאמפף דיא צוויי עלעמענטען, פייער און וואסער האָבען דאָ־מאָלס אָנגעפיהרט צווישען זיך, וואָס פאר א שרעקליכע מלחמה דאָ איז פאָרגעקומען, ביז דער נאסער עלעמענט האָט ענדליך בעזיעגט דעם גרויסען גבור — דעם פייער. פון יענער צייט זיינען שוין געווים פיעלע יאהרהונדערטע פאָריבער און דאָס וואסער האָט פערוואנדעלט דעם וואולקאן אין א פריעד־ליכע הייהל.

— זעהר ריכטיג! — האָט זיך לענד אָבגערופען — אָבער איך בעד־דויער איין זאך: וואָס דער אָקעאן האָט ניט געמאכט דעם קאנאל העכער, איבער'ן וואסער, דאן וואָלט עס אונז יעצט גוט צונוץ געקומען.

— און אז דער אטלאַנטישער אָקעאן וואָלט געוועזן א פיינער בחור און וואָלט דורכגעבראָכען א וועג אין דער הויך, אזוי וויא איהר ווילט, וואָס וואָלט דאן געוועזן? — האָט קאָנסייל געשמייכעלט — דענקט איהר, פריינד לענד, אז דאן וואָלט אייך מעגליך געוועזן צו אנטלויפען? און דאָס פערגעסט איהר גאָר, אז איז אזא פאָל וואָלט אונז דיא "נאָטילוס" אהער ניט געבראכט, ווייל זיא וואָלט אין אזא קאנאל ניט געקענט אריינקומען?

לענד איז אָבהענדיג געוואָרען, ווייל ער האָט אליין אויך פערשטאנען, אז ער האָט בעדויערט א זאך וואָס עס איז ניט ווערטה צו בעדויערען.

אזוי רעדענדיג זיינען מיר געקומען אלץ העכער און העכער. דיא וועגען צווישען דיא פעלזען זיינען געוואָרען פיעל ערגער. ערטערווייז האָבען מיר געמוזט אריבערשפּרינגען איבער גאנץ טיעפע שפּאלטען און אונטער ניעדריגע, אראָבהייננגענדע פעלזען זיינען מיר געוועזן געצוואונגען צו קריכען אויף דיא קניע, אָדער זאָגאר זיך שארען אויף'ן בוך. דאָך האָבען מיר אלע הינדערניסע אי־בערגעקומען און מיר האָבען זיך געלאָזט געהן אלץ ווייטער און ווייטער.

מיט אומגעפעהר דרייסיג פוס העכער האט זיך דער באָדען געענדערט, אָבער דער גאנג איז ניט בעקוועמער געוואָרען. דאָרט האָבען זיך געפונען פיעלע שווארצע באזאלט־שטיינער פון פערשיעדענע פאָרמען. אייניגע זיינען געשטא־נען אזוי וויא זיילען, אויף וועלכע דער גרויסער געוועלב איז געווען געשטיצט און מאנכע גרעסערע און קלענערע זיינען געווען אויסגעשטעלט און אויסגעלעגט אין שעהנע רייהען. עס איז ווירקליך געווען צו בעוואונדערען דיא פראכט־פאָלע נאטירליכע ארכיטעקטור. צווישען דיא שטיינער איז געלעגען מאסען אָבגעקיהלטע לאווא און גאנצע הויפענס פון שוועבעל. דורך'ן געוועלב אין דער הויך האט דורך שפּאלטען אריינגעדרונגען דיא ליכט פון טאָג, וועלכע האט בעלויכטען דיא פערגליווערטע מאסען פון דעם אויסגעלאָשענעם וואולקאַן.

קומענדיג צו דיא הויכקייט פון אומגעפעהר 250 פוס, האָבען מיר שוין ווייטער ניט געקענט געהן, ווייל דאָרט איז דער געוועלב געווען ארונטערגע־לאָזט ביז'ן באָדען. מיר האָבען זיך דארום געמוזט נעהמען אויף אן אנדער וועג, וואס האט געפיהרט ניעדעריגער צום וואסער. אין יענע ריכטונג האָבען מיר שוין אנגעטראָפען א שטיקעל פלאנצען־וועלטעל. פון צווישען דיא פעלזען האָבען זיך געזעהן קליינע וועלדלאך, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען מאנכע גרע־סערע בוימער. איך האב דאָרט אויך בעמערקט אייניגע מינים גרינס און בלומען, וועלכע האָבען פון זיך ארויסגעגעבען אן אנגענעהמען גערוך. אָבער דיא וואק־סונגען דאָרט האָבען ניט געגאָסען דיא זונען־ליכט, ווייל איהרע שטראהלען האָ־בען אהין ניט געקענט צוקומען, און דארום איז זייער אויסזעהן ניט געווען פריש און לעבהאפט. א קרענקליכען געשטאלט האָבען זיי געהאט און פערטרויערט זיינען דיא בלעטער געהאנגען אזוי וויא פערדאָרבען פון פראָסט.

מיר זיינען צוגעקומען גאנץ נאָהענט צו אזא וועלדעל. נעד לענד האט מיט זיינע שארפע אויגען באלד א בליק געטהאָן אויף א בוים און העכסט ענטציקט אויסגעשריען:

— מיין הערר, א ביהנשטאָק! א ביהנשטאָק!

— אונמעגליך! — האב איך זיך אָבגערופען — וויא קומט אהער א ביהנשטאָק?

— וויא עס קומט, וויים איך ניט — האט דער קענעדע'ר געענטפערט — אָבער א ביהנשטאָק איז דאָ פאראן. אָט זעה איך דאך וויא ביהנען פליהען דאָרט אום און איך הער אפילו זייער זשומען.

איך בין צוגעגאנגען נעהענטער און איך האב זיך איבערצייגט, אז לענד האט רעכט. איך האב אָנפאנגס מיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, אָבער א ווייל שפּעטער האב איך שוין דעם מינדעסטען ספק ניט געהאט, אז ביהנען לעבען דאָרט אין דיא ווירקליכקייט. אייניגע טויזענדע פון דיזע פלייסיגע איינ־זעקטען האָבען זיך דאָרט געמאכט א נעסט אין דיא עפענונג פון א פּוסטען

בוים און זיי לעבען און שאפען אונטער דער ערד אין דער פינסטער. איך האב באלד בעשלאסען, אז מיר געפינען זיך אונטער דיא קאנאריען אינזלען, אויף וועלכע עס גיט זעהר פיעל ביהנשטאקען און דער דארטיגער האניג איז פון בעסטען זארט.

נעד לענד, וועלכער איז פון נאטור געווען א גרויסער נאשער, האט שוין ניט געוואלט אבטרעטען פון דארט, ביז ער וועט א טהייל פון דעם האניג בעקומען. ער האט אנגעצונדען א הויפען פערדארטע בלעטער צומישט מיט שוועבעל און האט אריינגעלאזט דעם רויך אין ביהנשטאק. עס האט זיך באלד דערהערט א הוזשעריי, וועלכע איז אבער באלד שטיל געווארען. דיא ביהנען זיינען פערבליבען פער'חלש'ט, אהנמעכטיג און לענד האט מיט דיא הענד ארויסגעצויגען עטליכע פונט האניג. ער האט עס איינגעוויקעלט אין בלעטער און פערפאקט אין זיין ראנעץ.

— פון דיעזען האניג מיט דעם טייג פון ברויט־בוים — האט לענד געזאגט — וואלט מען געקענט זעהר גוטע קוכען באקען. ער האט איינפאך געשלונגען דיא שפייעכץ רעדענדיג דיעזע ווערטער און דער געדאנק אליין וועגען זיסע קוכען האט איהם פערגעניגען פערשאפט.

מיך אבער האט מעהר אינטערעסירט צו זעהן און בעאבאכטען אלעס וואס אין דער גרויסער הייהל געפינט זיך און דיא האניג־קוכען איז מיר אין זינען ניט געלעגען. איך האב זיך דארום געלאזט געהן ווייטער און מיינע קאמעראדען האבען מיר נאכגעפאלגט.

וואו מיר זיינען געגאנגען איז דער אונטערערדישער וואסער געלעגען פאר אונזערע אויגען. אונטער דיא עלעקטרישע בעלייכטונג פון אונזער שיף האט זיך דורכאויס געזעהן נור זיין ברייטער, גלאטער שפיעגעל. קיינע וועללען האבען זיך אויף איהם בעוועגט. שטיל און רוהיג איז דאס וואסער געווען, אזוי וויא א בלאהער דיוואן, וואס איז פערשפרייט אויף'ן באדען פון אן אונגעהייער גרויסען צימער. דיא שיף איז געשטאנען אונבעוועגליך און דיא מאנשאפט אויף'ן פלאטפארם און ביים ברעג האבען פון ווייטענס אויסגעזעהן אזוי וויא שווארצע שאטענס אין א העל בעלויכטעטען קרייז.

מיר זיינען באלד אנגעקומען צו דעם העכסטען פונקט פון דיא פעלזען, אויף וועלכע דאס געוועלב פון הייהל איז געלעגען. דארט האב איך זיך איבערצייגט, אז אויסער ביהנען געפינען זיך אין טויטען וואולקאן אויך אנדערע לעבעדיגע ברואים. גרויסע רויב־פויגלען האבען דארט אומגעשוועבט ארום זייערע נעסטען, וועלכע האבען זיך געפונען הויך אין דיא לעכער פון געוועלב. אויף דיא פעלזען שפיצען האבען אומגעשפרונגען גרויסע און פעטע טראפפען און וואו ניט וואו האבען זיך אויך בעוויזען קליינע פויגעלאך פון

דיא שעהנסטע זארטען. מען קען זיך לייכט פארשטעלען וויא דער קענעדע'ר פרעסער האט דאמאלס געפיהלט. ער האט זעהר לוסט געהאט צו טויטען איי־ניגע פון דיא פליעגעלדיגע בעשעפעניסע און מאכען פון זיי א בראטען, אבער ער האט קיין ביקס ניט געהאט. אוים פערדרוס האט ער געשאלטען קאפיטאן נעמא מיט זיין שיף. לענד האט אבער מיט לעדיגען ניט געוואלט אוועקגעהן. ער האט ריזיקירענדיג מיט זיין לעבען געקלעטערט איבער דיא פעלזען, האט געשליידערט שטיינער אין דער הויך, ביז עס איז איהם דאך געלונגען איין פויגעל צו טויטען. ער האט איהם בעהאלטען אין זיין יאנגד־טאש און ער האט מיט אונגעדולד ערווארטעט מיר זאלען צוריק קומען אויף'ן שיף אום ער זאל זיך קענען פערפערטיגען א פליישיגען מאהלצייט.

ווייטער האבען מיר ניט געקענט געהן און מיר האבען זיך ווידער געמוזט ווענדען צוריק צום ברעג. איבער אונזערע קעפ האבען מיר געזעהן דיא עפע־נונג פון קראטער און קוקענדיג ארויף איז אונז אויסגעקומען, אזוי וויא מיר שטעהן אויף'ן גרונד פון א טיעפען ברונען. פון יענעם ארט האבען מיר דורך דיא עפענונג געזעהן דעם הימעל און שטיקלאך וואלקען וואס האבען זיך גע־טראגען אין דער הויך. נאך מיין רעכענונג איז דער וואולקאן געוועזען אומגע־פעהר אכט הונדערט פוס העכער פון ים. א האלבע שטונדע שפעטער זיינען מיר געקומען אין אן אנדער געגענד ניט ווייט פון ברעג. דארט איז דער ברעג וואסער דורכאוים געוועזען בעלעבט מיט פיעלע מינים פון פערשיעדענע שאל־טהיערע, קרעבסען, פעלד שפינען און אלערליי שנעקען. דארט האבען מיר אויך געפונען א זארט פלאנצע, וועלכע מען געברויכט צום פרעגלען אדער איינ־זייערען. קאנסייל האט אויפגעזאמעלט א רעכט ביסעל פון דיעזע פלאנצען.

ניט ווייט פון דארט האט זיך פאר אונז געעפענט א פראכטפאלע קליינע הייהל. דער באדען איז געוועזען בעדעקט מיט א ווייכען זאמד, וואו מיר האבען זיך אוועקגעלעגט און מיר האבען א וואהרען פערגעניגען געהאט אויסצורוהען זיך נאך אונזער לאנגען און שווערען שפאציער. דיא וועגד פון יענער הייהל זיינען פון דעם אמאליגען פייער געוועזען אבגעפאלירט גלאט אזוי וויא געשלי־פענע גלאז און האבען געפינקעלט פון דיא עלעקטרישע שטראהלען וואס האבען אין הייהל אריינגעדרונגען. נעד לענד האט ארומגעטאפט דיא וועגד, אזוי וויא ער זאל וועלען אויסגעפינען וויא דיק זיי זיינען. איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער און קאנסייל האט אויך געשפאסט.

— וואס דענקט איהר, פריינד לענד — האט זיך מיין דיענער אבגערופען — איהר וועט דא אויפברעכען א וואנד און אנטלויפען? אומזיסט אייער מיה. דאס וועט אייך ניט געלינגען.

דער קענעדע'ר איז שטארק בייז געווארען. אבער איך האב ניט צוגעלאזט

צו קיין קריעג און איך האָב איהם געטרייסט, אז מיר וועלען נאָך אין גיכען דורכפיהרען דעם אמאָליגען פּלאן און מיר וועלען פריי ווערען פון דער "נאָטי־לוס". איך האָב לענד'ען געגעבען צו פערשטעהן, אז קאַפּיטאן נעמאָ איז אין דעם אָבגעשטאָרבענעם וואולקאנישען בארג אריינגעפאָהרען, אום זיין שיף מיט סאָדיום צו פערזאָרגען און מען דארף אָננעהמען, אז פון דאנען וועט ער זיך צוריק אומקעהרען אין דיא ימים פון אייראָפּא, אָדער אנדערע בעוואָהנטע געגענדען, און דאן וועלען מיר ווידער האָבען אויסזיכטען צו אנטלויפען.

ליגענדיג אויף'ן וויכען זאמד זיינען מיר איינגעשלאָפען. וויא לאנג מיר זיינען געשלאָפען, ווייס איך ניט. אָבער פּלוצלונג האָב איך געהערט וויא מיין דיענער קאָנסייל שרייט מיט א דערשראָקענע שטימע, אז מיר זאָלען שנעל אויפשטעהן.

— וואָס איז? — האָב איך אויפשפּרינגענד געפרעגט. אָבער איך האָב באלד אליין געפונען אן אנטוואָרט אויף מיין פראגע. איך האָב דערזעהן, אז וואסער פלייצט אריין אין אונזער הייהל מיט אן אונגעהייערע שנעלקייט און אין איין ווייל‌ע זיינען מיר שוין געשטאנען אין וואסער ביז דיא קנעכעל און מיר האָבען שנעל געמוזט אנטלויפען אויף א העכערען אָרט.

— וואָס קען דאָס בעדייטען? — האָט קאָנסייל געפרעגט — פון וואנען האָט זיך דיעזע פערצווייפלונג פּלוצלונג גענומען?

— פון דעם אויסערליכען מעער! — האָב איך איהם ערקלערט — יעצט איז דיא געוועהנליכע צייט פון טאָג, ווען דער אָקעאן פאנגט אָן צו שטייגען און דער גרויסער טייך אונטער דיעזען געוועלב וואָס איז מיט איהם פערבונ־דען פלייצט אויך ארויס אין דער זעלבער צייט. באלד וועט דאָס וואסער אָנ־פאנגען צוריק אָבפאלען. אָבער מיר דארפען דערויף ניט ווארטען, ווייל עס איז צייט אומצוקעהרען זיך צוריק צו אונזער שיף.

מיר זיינען געגאנגען דורך אן אנדער וועג און אין דריי פיערטעל שטונדע ארום זיינען מיר געווען צוריק אויף דער "נאָטילוס". דיא מאנשאפט איז גע־ווען פערטיג מיט אָנלאָדען דיא קאָהלען אויף'ן שיף און מיר האָבען אייגענטליך באלד געקענט אָבפאָהרען, אָבער קאַפּיטאן נעמאָ האָט נאָך וועגען דעם קיין בעפעהל ניט געגעבען. אויף וואָס ווארט ער? האָב איך ניט געקענט בעגריי־פען. פיליייכט וויל ער פון זיין פערבאָרגענעם האפען ארויספאָהרען ביי נאכט? פיליייכט לוינט זיך איהם אזוי בעסער?

מיט דיעזער פראגע האָב איך זיך בעשעפטיגט א היבשע צייט, ביז איך בין איינגעשלאָפען. ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט אויף מאָרגען אין דער פריה, איז דיא "נאָטילוס" שוין געשוואומען אין מיטען מעער, איינינגע איילען טיעף אונטער'ן וואסער.

11טעם קאפיטעל

דער גראז־מעער

יענעם טאג איז דיא "נאטילוס" דורכגעשוואומען א בעוואוסטען טהייל פון אטלאנטישען אקעאן. אלע ווייסען פון דער עקזיסטענץ פון א ווארימען שטראם, וואס שניידט דורך דעם אטלאנטישען ים אין איינינע פלעטצער. "גאלף־שטראם" רופט מען איהם. ער פליסט ארוים פון דיא ווארימע אמעריקאנישע געגענד ביי פלארידא און ציהט זיך נאך דיא ריכטונג שפיצבערגען. ניט ווייט פון מעקסיקא צוטהיילט ער זיך אויף צוויי בעזונדערע שטראמען; איינער ציהט זיך נאך אירלאנד און נארוועגיען און דער צווייטער לויפט נאך דרום זייט ביי דיא ברעגען פון אפריקא, ביז ער קעהרט זיך צוריק נאך דיא אנטילישע אינזלען. דער צווייטער גאלף האט דיא פארמע פון אן אונגעהייער גרויסען, לענגליכען רינג.

אין מיטען פון דיעזען רינג, וואס ענטהאלט דיא ווארימע פליסענדע וואסער פון גאלף, געפינט זיך דער קאלטער, אונבעוועגליכער טהייל פון אקעאן, בעוואוסט אונטער דעם נאמען "סארגאסא־מעער". ער איז אזוי גרויס, אז עס נעהמט ניט וויינינער וויא דריי יאהר ביז דער "גאלף־שטראם" רינגעלט איהם ארום.

דער "סארגאסא מעער" איז דורכאוים בעדעקט מיט גראז און ים פלאנצונגען. דיא גאנצע גרויסע שטרעקע זעהט אוים אזוי וויא א גוט בעוואקסענע יויעזע (לאנקע). דער נאמען "סארגאסא" קומט פון דאס ווארט "סארגאזא", וועלכעס מיינט אין שפאניש אזא מין פלאנצע, וואס הייסט זאלץ־קרויט אין דייטש. אין ענגליש רופט מען עס "קעלפ". און ווייל דיעזע פלאנצע געפינט זיך דארט אם מעהרסטען, רופט זיך יענער טהייל ים מיט איהר נאמען.

ווען קאלומבוס, דער ענטדעקער פון אמעריקא איז געקומען מיט זיינע שיפען אין גראז־מעער, האט ער דערפון אליין פערשטאנען אז ערגיין ניט ווייט געפינט זיך א נייע וועלט. אבער דיא לייטע וואס זיינען מיט איהם מיטגעפאהרען האבען זיך זעהר דערשראקען, ווען זייערע שיפען זיינען אריינגעקומען אין דער מאסע גראזען, דורך וועלכע עס איז אונמעגליך געווען ווייטער צו פאהרען. עס האט ווירקליך געדויערט א פאר וואכען ביז זיי האבען זיך פון דארט ארויסגעפלאנטערט.

שיפען מיידען שטענדיג אוים דיעזען גראז־מעער, וועלכען עס איז זעהר שווער דורכצושניידען. קאפיטאן נעמא האט אויך געוואלט דיעזע שוועריגקייטען אויסמיידען און ער האט דארום דיא "נאטילוס" געטריבען אונטער'ן וואסער. דיא גראזען בעדעקען נור דיא אבערפלעכע פון ים, אבער אונטען איז דאס וואסער ריין.

דער אמעריקאנער געלעהרטער מאָרי האָט געגעבען א ריכטיגע ערקלערונג פון וואנען עס קומען אין יענעם טהייל ים אזוי פיעל שווימענדע וואסער־פלאנצונגען. ער ערקלערט עס נעמליך אזוי: יעדער איינער ווייס, אז ווען מען זאָל אריינוואַרפען שטיקלאך קאָרק־האָלץ אָדער אנדערע לייכטע שווימענדע געגענשטענדע אין א בעקען אָדער אין א שיסעל מיט וואסער וואָס דרעהט זיך ארום אין א קרייז, וועלען זיך דיא שטיקלאך קאָרק אָדער דיא אנדערע זאכען צוזאמען קלייבען געדיכט איינע צו דיא אנדערע אין מיטעל־פונקט פון דער כלי. דער זעלבער פאקט איז אויך מיט'ן סארגאסאָ־מעער. דער גאָלף שטראָם דרעהט זיך ארום איהם אָהן אויפהער און עס טרייבט דארום אלעס וואָס אין וואסער געפינט זיך אויף אין מיטען. דיא גראָזען און דיא פלאנצונגען ווערען געבראכט מיט'ן שטראָם פון פערשיעדענע געגענדען און זיי פערבלייבען אין סארגאסאָ־מעער, צוליעב דאָס דרעהען זיך פון דעם גאָלף.

פאָהרענדיג אונטער'ן גראָז־מעער, וואו קיין אנדער שיף קען ניט צוקומען, האָב איך געהאט דיא מעגליכקייט צו בעטראכטען וויא ריכטיג מאָרי'ס טהעאָריע איז. איבער אונז זיינען געשוואומען געגענשטענדע, וואָס זיינען געקומען פון פערשיעדענע ערטער און זיי האָבען זיך צוזאמענגעדרענגט צווישען דיא ברוינע פלאנצונגען, וואָס האָבען מעהר פון אלעס פערדעקט דעם שפיעגעל פון ים. איך האָב דאָרט געזעהן וואָרצלען פון בוימער אָדער בוים־שטאמען פון דיא אינדישע בערג וואָס פאלען אריין אין דעם אטלאנטיק דורך דעם טייך מיסיסיפי. עס האָבען זיך דאָרט אויך געפונען פערשיעדענע געגענשטענדע פון צובראָכענע שיפען: רודערס, ברעטער און נאָך אזעלכע זאכען. מאנכע פון זיי זיינען שוין אזוי לאנג געלעגען אין וואסער, אז זיי זיינען שוין געווען האלב פערשטיינערט און האָבען שוין געהאלטען ביי'ם זינקען צום גרונד פון מעער, וואו זיי וועלען מיט דער צייט פערוואנדעלט ווערען אין שטיין־קאָהלען. וויא עס ווייזט אויס, האָט דיא נאטור צוגעגרייט א זאפאָס פאר דער וויים קינפטיגער צייט, ווען מענשען וועלען שוין ניט געפינען קיין קאָהלען אין דיא אונטערשטע שיכטען פון טרוקענעם לאנד.

צווישען דיא גראָזען, פלאנצען און אנדערע זאכען, וואָס זיינען געשוואומען אויף'ן וואסער, האָב איך אויך בעמערקט שעהנע, צוציהענדע אייז־פויגלאך און אנדערע זאָנדערבארע, רייצענד שעהנע בעשעפּניסען.

דעם גאנצען טאָג פון 22טען פעברואר זיינען מיר געפאָהרען אונטער דעם גראָז־מעער, וואו עס געפינען זיך מאסען פישען, איבערהויפט אזעלכע וואָס ערנעהרען זיך פון ים־וואקסונגען און פון קליינע אינזעקטען וואָס לעבען צווישען זיי. אויף מאָרגען זיינען מיר שוין אריינגעקומען אין געוועהנליכען ים. דאָס וואסער פון אויבען איז געווען ריין און עס איז ניט געווען צו בעמערקען אירגענד וועלכען געגענשטאנד וואָס זאָל אומציהען פון אויבען. פון דאן אָן

ביז דעם צוועלפטען מערץ, א משך פון נײנצעהן טעג, איז די "נאַטילוס" געשוואומען אלץ נאָך דיא זעלבע ריכטונג מיט איהר געוועהנליכע שנעלקייט. איך האָב געטראכט, אז קאפּיטאן נעמאָ מיינט פערביי צו פאָהרען קייפּ־האָרן און זיך בעגעבען צוריק צו דיא זידליכע טהיילען פון גרויסען שטילען אָקעאן.

איך האָב דארום איינגעזעהן, אז מיין קאמעראד נעד לענד, וועלכער האָט מורא, אז אונז וועט קיינמאָל ניט געלינגען בעפרייט צו ווערען פון דער "נאַטי־לוס", האָט רעכט. זיין מורא איז ניט קיין אומזיסטע, ווייל לויט דעם רעכענונג פון דער גאנג פון אונזער שיף איז ניט געווען צו ערווארטען, אז מיר זאָלען אזוי גיך קומען ערגיץ נאָהענט צו לאנד און מיר זאָלען קענען אנטלויפען. דאָס איינציגע וואָס איז פערבליבען צו טהאָן איז נאָך מיין מיינונג געווען, אָבוואר־טען ביז דיא רייזע וועט זיך ענדיגען און דאן פּרובירען בעטען דעם קאפּיטאן, אז ער זאָל אונז פריי לאָזען אויף אונזער עהרען־וואָרט, אז מיר וועלען זיין גע־היימניס פאר קיינעם ניט ענטדעקען. אָבער איך האָב שטארק געצווייפעלט, אויב ער וועט דארויף איינשטימען, ווייל ער האָט דאָך אונז פון אָנפאנג אָן ערקלערט, דאָס דיא געהיימניס פון זיין לעבען פאָדערט, אז מיר זאָלען אייביג פערבלייבען געפאנגען אויף זיין שיף. איך האָב זיך נאָכדעם בעדענקט, אז אזא פערלאנג קען נאָך אונז שאדען ברייגגען, ווייל זאָבאלד מיר וועלען פאר'ן קאַ־פּיטאן אויסדריקען אונזער וואונש, אז מיר ווילען פריי ווערען, וועט ער אונז האלטען שטרענג בעוואכט און היטען אז מיר זאָלען ניט האָבען דיא מעגליכקייט פון דער "נאַטילוס" צו אנטלויפען. דיזע רעיונות האָבען מיך פון מוטה אראָבגעשלאָגען, ווייל טראָץ דעם וואָס איך האָב מיין קאמעראד נעד לענד אייניגע מאָל אָבגעווענדעט פון דעם פּלאן צו אנטלויפען, האָב איך אויך געוואָלט פריהער אָדער שפּעטער פריי ווערען. מיין לוסט צו פערבלייבען אויף דער "נאַטילוס" איז נור געווען אום מעהר צו לערנען, אום מעהר צו ערפאהרען און נאכהער לאָזען דיא וועלט געניסען פון דיא נאטור־פאָרשונגען וואָס איך וועל זאמלען, אָבער איך האָב דורכאויס קיין חשק געהאט צו פערבלייבען אימער אויף דער שיף און מיינע בעאָבאכטונגען אין דיא ימים זאָלען קיין נוצען דער וועלט ברייגגען.

אין פערלויף פון דיא נײנצעהן טעג, פון 22טען פעברואר ביז 12טען מערץ, האָט קיין בעזאָנדערעס ניט פּאסירט. דעם קאפּיטאן איז מיר אויסגעקומען צו זעהן גאנץ ווייניג. אין ביבליאָטהעק האָב איך דורך דער צייט געפונען ביכער פון נאטור־היסטאָרישען אינהאלט, וועלכע קאפּיטאן נעמאָ האָט געלאָזט אָפען, צווישען זיי אויך מיין אייגענעם ווערק "איבער דיא געהיימניסע פון גרונד פון מעער". איך האָב אין אייניגע פּלעצער געפונען אויף דיא ראנדען פון מיין פערפאסונג בעמערקונגען, וועלכע דער קאפּיטאן האָט אויפגעשריבען. איך האָב איינגעזעהן, אז זיינע בעמערקונגען זיינען ריכטיג און זיי פערבעסערען ווירקליך

דאס ווערק אין פיעלע הינזיכטען. מאנכעס מאל האב איך געהערט וויא דער קאפיטאן האט געשפיעלט מעלאנכאלישע מעלאדיען אויף דער פיאנא, אבער נור ביי נאכט, ווען אלעס אין שיף איז געווען שטיל און רוהיג.

וועהרענד דיזע צייט זיינען מיר גאנצע טעג געפאהרען אין דער הויך אויף'ן וואסער. דער אקעאן איז ארום און ארום געווען וויסט און לעער. זעלטען ווען עס האט זיך בעוויזען א שיף וואס איז געפאהרען נאך איינדיען אדער אין דיא ריכטונג פון דעם שפיץ לאנד אין ים, בעקאנט אונטער דעם נאמען "גוטע האפענונג" (קייפ אוו גוד האופ, אין ענגליש). איין טאג האבען אונז וואלפיש־פאנגער פערפאלגט: זיי האבען וואהרשיינליך געמאכט דעם זעלבען טעות וואס מיר האבען אמאל געמאכט און געגלויבט, אז זיי האבען דא אנגעטראפען אן אונגעהייער גרויסעס ים־טהיער. קאפיטאן נעמא האט אבער ניט געוואלט, אז דיא ארימע מענשען זאלען פיעל צייט און מיה פערלירען וועלענדיג פאנגען דיא געמיינטע חיה און אויף זיין בעפעהל איז דיא "נאטילוס" ארונטער אונטער'ן וואסער.

אין יענעם געגענד האבען מיר אין דיא טיעפענים פון ים בעגעגענט פערשיעדענע פישען, אבער זיי זיינען מעהרסטענטהייל געווען אזעלכע וואס מיר האבען שוין געזעהן אין אנדערע ערטער. מיר האבען דארום ווייניג אויפמערקזאמקייט אויף זיי געשענקט. דערפאר אבער האבען מיר דורך דיא פענסטער פון שיף געזעהן מאנכע ברואים, וועלכע עס איז ווערטה געווען צו בעטראכטען. עס האבען זיך געווארפען אין אונזערע אויגען א זארט אונגעהייער גרויסע ים־הינד. דיעזע טהיערע זיינען שרעקליכע פרעסער און וויא פישער דערצעהלען געפינט מען אמאל אין מאגען פון אזא בריאה א גאנצע קאלב און זאגאר א מענש. מיר האבען דארט אויך אנגעטראפען גאנצע מחנות דעלפינען און אויך א מערקווירדיגעס וואסער־טהיער אדער א מין פיש, אויף וועלכען מען זאגט, אז ער איז העכסט מעלאדיש און קען זינגען שעהנער און בעסער וויא א מענשליכער זינגער. איך וויל דיא זאך ניט אבלייקענען, אבער מיר האבען דיא זכיה ניט געהאט צו הערען זייערען א קאנצערט.

מיר האבען דארט אויך געזעהן א גאנצע מענגע פליהענדע פיש. עס איז העכסט אינטערעסאנט געווען צו בעטראכטען וויא דיא דעלפינען מאכען אויף זיי א יאגד אזוי געשיקט און אזוי פלינק, אז מיר האבען זיך ניט געקענט אבוואונדערען. אום צו רעטען זיך פון פערפאלגער פליהט דער פיש ארויס פון וואסער אין דער לופט, אבער ער קען אין דער הויך לאנג ניט פערבלייבען און ער פאלט ארונטער צוריק, אפטמאל גראדע אין אפענעם מויל פון א דעלפין. דיעזע פליהענדע פיש לאזען פון זיך ארויס א מין פאספאר בעלייכטונג און ווען מען זעהט זיי ביי נאכט פליהענדיג אין דער לופט, דאכט זיך אזוי אזוי וויא פייערדיגע שטרייפען בעוועגען זיך.

פון דער צייט וואס מיר זיינען אויפגענומען געווארען אויף דער "נאטילוס" ביז דעם 13טען מערץ האט דיא שיף שוין געהאט דורכגעמאכט א רייזע פון אומגעפעהר דרייצעהן טויזענד ליגס. אין יענעם טאג האבען מיר זיך געפונען אין דיא טיעפסטע געגענד פון אטלאנטישען אקעאן. קאפיטאן דענהאם פון דער שיף "העראלד" האט אין יענע געגענד פרובירט מעסטען דיא טיעפענים. ער האט ארונטערגעלאזט אן אפאראט און האט דערגרייכט א טיעפענים פון אריבער 40 טויזענד פוס, אבער צום גרונד האט דער אפאראט ניט דערגרייכט. קורץ נאכדעם האט לייטענאנט פארקער פון דער אמעריקאנישער פרעגאטע "קאנגרעס" געמאכט א צווייטע פראבע. זיין אפאראט האט אין איין פלאץ דערגרייכט א טיעפענים פון א 60 טויזענד פוס, אבער דאס איז נאך אויך דער גרונד ניט געווען. קאפיטאן נעמא האט בעשלאסען ארונטער צו שטייגען מיט דער "נאטילוס" אין יענע געפעהרליכע טיעפעניסען, אום דעם גרונד צו דערגרייכען. איך האב מיט גרויס אינטערעסע ערווארטעט דיזע מערקווירדיגע אונטערנעהמונג ביי־צו־וואהנען און איך האב זיך פארבערייטעט צו נאטירען אלעס וואס דיזע אינטערעסאנטע אונטערזוכונג וועט בעווייזען. דיא לאדענס פון זאאל זיינען געווען אפען און איך האב דורך דיא גלעזערנע ווענד געקענט זעהן אלעס וואס אין וואסער טהוט זיך.

דיא שיף האט אנגעפאנגען זינקען ארונטער און ארונטער. דער קאפיטאן און איך זיינען געשטאנען ביי'ם מאנאמעטער, וועלכער האט געצייגט אז מיר קומען יעדע ווייַלע אלץ טיעפער און טיעפער. עס האט גאר ניט פיעל געדויערט און מיר זיינען געקומען אין אזא טיעפענים, וואו מען האט שוין ווייניג וואס פיש געזעהן.

דיא ים ברואים אין וואסער קענען נור לעבען אין א בעשטימטע טיעפקייט. דאס וואסער איז פאר זיי אזוי וויא פאר אונז מענשען אדער אנדערע בעשעפּניסע פון דער ערד — דיא לופט. א מענש אדער אירגענד וועלכע אנדערע לאנד־בריאה קען לעבען אין דער לופט ביז א געוויסע הויכקייט. זאל א מענש ארויפשטייגען העכער וויא דיא נאטור האט בעשטימט, וועט ער יענע לופט ניט איבערטראגען און וועט שטארבען. א חיה וועט קראפירען ווען מען וועט זיא ארויפציהען אין א העכערע ספערע וויא דיא נאטור האט פאר איהר בע־שטימט. דיא מעהרסטע פישען לעבען אין דיא אויבערשטע און מיטעלסטע־וואסער שיכטען; טיעפער אונטען קענען נור עקזיסטירען א קליינע צאהל פון איינעגע מינים. נאך ניעדריגער אין אקעאן הערט אויף דאס פלאנצען לעבען און באלד נאכדעם פערשווינדעט אין גאנצען דאס טהיערישע לעבען, וויל דער דרוק פון וואסער איז אונטען אזוי שטארק, אז קיין לעבעדיגע בעשעפנים קען עס ניט אריבערטראגען.

ווען מיר זיינען געקומען אין א טיעפענים פון 42 טויזענד פוס, איז שוין

קיין לעבעדיגע זאך אין וואסער ניט געווען צו זעהן. איך האב דארט בעמערקט שווארצע שפיצען, וואס האבען ארויסגעשטארצט פון אונטער'ן וואסער. איך האב געצווייפעלט אויב דאס זעהט זיך שוין דער גרונד פון ים אדער דאס זיינען שפיצען פון הויכע בערג וואס זיינען פיליכט אזוי הויך וויא צום ביישפיעל דיא הימאלאי בערג אין אזיען אדער דער מאונט בלאנק אין אייראפא, וועלכע זיינען פון צוועלף ביז פופצעהן טויזענד פוס הויך. אויב דאס זאלען זיין אזעלכע הויכע בערג אונטער'ן וואסער, האב איך געטראכט, וועלען מיר קיינמאל צום פלאכען גרונד ניט קומען.

דיא "נאטילוס" איז ארונטער נאך טיעפער, ביז מיר האבען דערגרייכט א טיעפענים פון 48 טויזענד פוס, דאס איז אריבער נײן ענגלישע מייל. דער דרוק פון וואסער איז דארט געווען אזוי שטארק, אז דיא שטאהלענע ווענד פון אונזער שיף האבען זיך געטרייסעלט. דיא אייזערנע שטאנגען האבען זיך אנגעהויבען בויגען און יעדע ווײלע האט זיך מיר געדאכט אז דיא קריסטאלענע שויבען פון אונזער פענסטער קראכען. קאפיטאן נעמא האט בעמערקט אז איך בין עפעס אונרוהיג און ער האט מיך פערזיכערט, אז דיא "נאטילוס" איז מעכטיג גענוג דיעזען דרוק איבערצוטראגען און אז דיא שויבען וועלען פערבלייבען גאנץ. דער דרוק פון וואסער איז דארט געווען אזוי וויא פון 1600 אטמאספערען.

— אה, אין וואס פאר א מערקווירדיגע לאגע מיר געפינען זיך יעצט! — האב איך אויסגערופען — מיר שווימען דאך יעצט אין אזא טיעפענים, וואו קיין מענש און קיין לעבעדיגע בעשעפענים אין דער וועלט איז נאך ניט אריינגעדרונגען. זעהט נור, קאפיטאן, דיעזע פראכטפאלע פעלזען, דיעזע אונבעוואהנטע הייהלען! זעהט נור, וואס פאר א וואונדער זאכען עס געפינען זיך אין דיעזער טויטער וועלטעל, וואו קיין לעבען עקזיסטירט! און ווארום זאל אונז פון דאס אלעס בלויז פערבלייבען א שטיקעל געדעכנים אין אונזער זכרון?

— וואלט איהר, הערר פראפעסאר, וועלען האבען א ריכטיגע אנדענקונג פון דיעזע געגענד אונטער'ן ים? — האט דער קאפיטאן געפרעגט.

— געוויס וואלט איך וועלען! — האב איך געענטפערט — אבער וויא אזוי?

— גאנץ איינפאך! — האט נעמא געענטפערט — מיר וועלען דיעזע געגענד אבפאטאגראפירען און מיר וועלען עס שטענדיג קענען האבען פאר דיא אויגען.

איך בין זעהר צופריעדען געווען דערפון און איך האב דעם קאפיטאן געוואלט דאנקען דערפאר, אבער איך האב שוין קיין צייט געהאט צו רעדען א ווארט, ווייל אין דעם זעלבען מאמענט האט מען אויף'ן קאפיטאן'ס בעפעהל געבראכט א פאטאגראפישען אפאראט און נעמא האט זיך שוין גענומען צו דער ארבייט. דורך דיא וויים געעפענטע לאדען האט זיך אן עלעקטרישע שיין פערשפרייט אין דיא ארומיגע וואסערען און מען האט אלעס קלאהר און דייטליך

געזעהן אזוי וויא אין א העלען טאָג אויף'ן לאנד. קיין שאָטען האָט קיין זאך פערשטעלט און דיא גאנצע געגענד איז געווען בעלויכטען אזוי וויא פון א העלע זוננען־שיין. דיא "נאָטילוס" איז אויף איניגע מינוטען געבליבען שטעהן און באלד האָבען מיר געהאט א קלאָרען נעגאטיוו־בילד פון יענע לאנדשאפטען אויף'ן אונגעהייער טיעפען גרונד פון מעער, פון יענע אור־וועלטליכע פעלזען וואָס זיינען קיינמאָל ניט בעשיינט געוואָרען מיט דיא הימעלס־ליכט, פון דיא שטארקע גראניט מאסען וואָס בילדען דעם פונדאמענט פון אונזער ערד־קוגעל. ווייטער האָבען זיך אויף'ן בילד געזעהן דיא וואונדערבארע בערג, וועלכע פער־לירען זיך ביסלעכוועיז אין א טיעפע, געהיימניספאָלע דונקעלהייט. עס איז אונמעגליך צו שילדערען וואָס פאר אן איינדרוק דאָס בילד האָט אויף מיר גע־מאכט. גלאט, שווארץ און לעער, קיין ברעקעל צייכען פון לעבען אָדער פון וואקסונגען איז ניט צו בעמערקען, אויסער בערג, דונקעלע בערג, פעלזען און נאטור געביידען, וועלכע קיין מאהלער, קיין קינסטלער איז אימשטאנד צו מאָהלען אָדער זאָגאר פאָרצושטעלען אין פאנטאזיע.

באלד נאָכדעם וויא דיעזע ארבייט איז פערטיג געוואָרען, האָט קאפיטאן נעמאָ צו מיר געזאָגט:

— אצינד וועלען מיר צוריק ארויפשטייגען, עס איז צופיעל ריזיקאליש צו פערבלייבען אונטער אזא שווערען דרוק. האלט זיך צו און זייט פאָרזיכטיג.

איידער איך האָב נאָך פינקטליך געכאפט זיינע ווערטער, בין איך אומגע־פאלען, ווייל אונזער שיף האָט זיך פלוצלונג א הויב געטהאָן אין דער הויך אזוי וויא א באלון, אָדער בעסער געזאָגט: זיא איז ארויפגעשאָסען אזוי וויא א קויל פון א קאנאָנע. עס האָט בלויז געדויערט פיער מינוטען און מיר זיינען שוין געווען אין דער הויך אויף'ן וואסער. פון האסט האָט זיך דיא "נאָטילוס" אויפגעהויבען אין דער לופט און איז ארונטערגעפאלען אויף'ן וואסער מיט א קראך אזוי וויא מיר זאָלען זיך ארונטערקייקלען פון א הויכען בארג.

12טעם קאפיטעל

א קאמפף מיט ים־מזיקים

דורך דיא נעכט פון 13טען און 14טען מערץ איז דיא "נאָטילוס" געשוואו־מען ווייטער נאָך דרום זייט. איך האָב געגלויבט, אז קאפיטאן נעמאָ דענקט ארומרינגלען קייפ האָרן און דאן זיך צוריקקעהרען אין דיא וואסערען פון שטילען אָקעאן. דערמיט, האָב איך געדענקט, וועט זיך זיין רייזע ארום דער וועלט ענדיגען. אָבער דער קאפיטאן האָט ניט געטהאָן אזוי און ער האָט געטריבען זיין שיף ווייטער נאָך דרום זייט. וואוהין פאָהרט ער ווייטער, צום זיד־פאָל? — האָב איך ביי זיך געטראכט — דאָס איז דאָך שוין איינפאך משוגעת! ארויג־

פאָהרען אין זידליכען אייז־מעער איז דאָך א גרויסע ריזיקע, ווייל אפילו אזא שטארקע שיף וויא דיא "נאָטילוס" קען דאָרט אויך אמאָל צוקלאפּט ווערען אָדער וויניגסטענס בלייבען שטעקען צווישען אייז־בערג און דאן זיינען מיר פערלאָרען. מענשען האָבען שוין געמאכט רייזען אויף'ן אייז־מעער פון צפון זייט און מען איז שוין אין איהם ווייט ארייננעפאָהרען, אָבער אין זידליכען אייז־מעער איז נאָך כמעט קיין שיף ניט געקומען, ווייל דאָס איז אן אונמעגליכע זאך וואָס קיינער קען ניט אונטערנעהמען. היינט וויא אזוי קען קאפּיטאן נעמאָ זיך אונטערשטעלען צו פיהרען זיך און אונז אלע דעם קאלטען מלאך המות אין דיא הענד אריין?

נעד לענד האָט דיא לעצטע צייט מיט מיר מעהר ניט גערעדט וועגען זיינע פּראָיעקטען צו אנטלויפען. ער איז ארומגעגאנגען בייז און שטיל. איך האָב אויף זיין געזיכט געקענט לעזען וויא שווער און וויא אונאנגענעהם עס איז איהם דיא געפאנגשאפט אויף דער "נאָטילוס" און איך האָב פערשטאנען אז זיין איינגעהאלטענער פערדרוס און צאָרן שטייגט פון טאָג צו טאָג אלץ מעהר און מעהר. ווען ער פלעגט זיך בעגעגנען מיט'ן קאפּיטאן, פלעגען זיינע אויגען פינקלען. א פייער פון כעס האָט אין זיי געברענט און מען האָט דייטליך געזעהן, אז ער טראָגט אויף איהם א ווילדען האס. איך האָב מורא געהאט, אז לענד'ס היציגער כאראקטער וועט לאנג ניט קענען דולדען און עס וועט ענדליך פיהרען צו א געפעהרליכען סקאנדאל.

דעם 14טען מערץ איז ער מיט מיין דיענער קאָנסייל אריינגעקומען צו מיר אין צימער. איך האָב געזעהן, אז דער קענעדע'ר איז שטארק אויפגערעגט און צומישט און איך האָב איהם געפרעגט דיא אורזאכע דערפון.

— איך וועל איך נור איין פראגע שטעלען — האָט ער זיך אָבגערופען — זאָגט מיר, הערר פּראָפעסאָר, וויפיעל מאן, דענקט איהר, געפינען זיך דאָ אויף'ן שיף?

— דאָס קען איך גענוי ניט ערקלערען, מיין פריינד—האָב איך געענטפערט.

— אָבער מיר שיינט, אז אום דיעזע שיף צו פיהרען דארף מען קיין גרויסע מאנשאפט ניט האָבען! — האָט לענד אויסגערופען.

— דאָס איז ריכטיג! — האָב איך איינגעשטימט — נאָך מיין מיינונג זיינען צעהן מאן פאָלקאָם גענוג פאר דער "נאָטילוס". דאָך דענק איך, אז דאָ געפינען זיך פיעל מעהר.

— ווארום דענקט איהר אזוי? — האָט לענד פערוואונדערט געפרעגט.

— גאנץ איינפאך — האָב איך זיך אָבגערופען — וויא איך פערשטעה, איז דיא "נאָטילוס" הויפּזעכליך געבויט געוואָרען אום צו דיענען אלס הייםאטה פאר אזעלכע מענשען וואָס האָבען אָבגעשוואָרען פון דער וועלט, וואָס ווילען צוליעב געוויסע אורזאכען ניט וואָהנען אויף דער טרוקענער לאנד. איך בין

דארום געניינגט צו גלויבען, אז אויסער מאטראָזען און שיפס ארבייטער האָט דאָ קאפיטאן נעמאָ אויך קאמעראדען און גוטע פריינד, וועלכע שטימען איין מיט זיינע רעטזעלהאפטע, אונערקלערבארע אידעען צו פערברייננגען זייער לעבען אין דיא וואסערען פון דיא ימים.

— עס קען זעהר זיין! — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען — אָבער אפילו אויף אזא אופן קען מען דאָך אלץ וויסען וויפיעל מענשען אומגעפעהר דיא שיף קען אין אלגעמיין מיטפיהרען.

— וויא אזוי? — האָב איך געפרעגט.

— דורך אן איינפאכע רעכנונג. דער הערר ווייסט דאָך וויפיעל לופט דיעזע שיף פערמאָגט און אויך וויפיעל לופט יעדער מענש קען פערברויכען. דיא "נאָטילוס" שעפט אָן פרישע לופט יעדען מעת לעת, אלזאָ איז דאָך מעגליך פון דיעזעביידע רעכענונגען צו וויסען דיא זאך גענוי. זאָל דער הערר פרובירען וועט ער מאכען דעם חשבון פינקטליך און אויף'ן בעסטען אופן.

— דו האָסט רעכט, קאָנסייל — האָב איך צוגעגעבען — דו האָסט דאָ אויף'ן שיף בעקומען א שארפען מח און דו כאפסט א זאך שנעלער פון מיר. אט האָסט דו דעם רעכענונג: יעדער מענש מוז אין א שטונדע איינאטהעמען אזוי פיעל אָקסידזשען (זויער־שטאָף) וויפיעל עס געפינט זיך אין צוואנציג גאלאָן לופט. אין 24 שטונדען דארף א מענש פערברויכען דיא זויער־שטאָף פון 480 גאלאָן לופט. עס בלייבט ערשט נור צו וויסען וויפיעל מאָל 480 גאלאָן דיא "נאָטילוס" ענטהאלט און מיר זיינען פערטיג מיט אונזער חשבון.

— גאנץ ריכטיג, אָט דיעזען רעכענונג האָב איך טאקי געמיינט! — האָט קאָנסייל אויסגעשריען.

— אונזער שיף — האָב איך ערקלערט — ענטהאלט 1,500 טאָנען. א טאָן איז 200 גאלאָן. 200 מאָל 1,500 איז 300,000. צוטהיילען דיעזען צאָהל אויף 480 טהיילען, מאכט עס אוים 625. עס הייסט אלזאָ, אז דיא "נאָטילוס" ענטהאלט אין זיך אזוי פיעל לופט וויפיעל זעקס הונדערט און פינף און צוואנציג פערזאָן דארפען פערברויכען.

— זאָלען מיר גלויבען אז דאָ אויף'ן שיף געפינען זיך אזוי פיעל מענשען?

— איז דער קענעדע'ר איבערראשט געוואָרען.

— דאָס הייסט נימ אז אזוי פיעל געפינען זיך אָדער מוזען זיך געפינען — האָב איך ערקלערט — עס הייסט נור אז אזוי פיעל וואָלטען זיך געקענט געפינען, אָבער אין דיא ווירקליכקייט, גלויב איך, איז דאָ אפילו א צעהנטעל דערפון אויך ניטאָ.

לענד האָט עפעס געוואָלט זאָגען, אָבער איך האָב פערשטאנען וואָס ער וויל ארויסברייננגען און איך האָב איהם פערכאפט אויף פריהער.

— יעדענפאלס — האָב איך פאָרטגעזעצט — וואָלט געווען זעהר נאַריש

פון אונזער זייט צו רעוואָלטירען. פערגעסט ניט, פריינד לענד, אז מיר זיינען ניט מעהר וויא דריי פערזאָן און דיא לייטע פון שיף זיינען זיכער א גרעסערע און שטארקערע מאכט פאר אונז, אויב אפילו זיי זיינען מעהר ניטאָ וויא צעהן אָדער זאָגאר ווייניגער. מיין ראטה איז, אז מיר זאָלען געדולד האָבען און ווארטען ביז א צייט.

— אויסער דעם — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען — קען דאָך קאפיטאן נעמאָ אייביג ניט פאָהרען נאָך זידען. דיא גרויסע אייז־בערג וועלען דאָך שליסליך אָבהאלטען זיין רייזע, דאן וועט ער זיך מוזען אומקעהרען אין אנדערע, מעהר בעוואָהנטע געגענדען און מיר וועלען דאן צייט האָבען צו דענקען וועגען קאמעראד לענד'ס פראָיעקטען.

לענד האָט זיך א גלעט געטהאָן מיט'ן האנד איבער'ן שטערען און איז ארויסגעגאנגען.

— ארימער לענד! — האָט קאָנסייל געזאָגט — ער פערלאנגט נעבאָך אזעלכעס וואָס איז אונמעגליך צו דערגרייכען, און דיא הינדערניסע געגען זיין וואונש רייצען איהם נאָך מעהר אויף. אלע זיינע געדאנקען זיינען נור געווענדעט אויף איין זאך: וויא אזוי פון דאנען לויז צו ווערען. עס איז איהם ווירקליך דאָ זעהר לאנגווייליג. ער איז אן איינפאכער מענש, אָהן לעהרנונג, אָהן בילדונג. איהם קענען דאָך דיא וואונדער פון ים ניט אינטערעסירען אזוי פיעל וויא דעם הערר. ער וואָלט מעהר צופריעדען געווען צו זיצען ערגיץ אין א שענק איידער דאָ אויף דער "נאָטילוס".

אין אמת'ן איז עס טאקי אזוי געווען. דער קענעדע'ר איז געוואָהנט געווען צו א טהעטיגען לעבען. ער האָט אימער געארבייט, ער האָט אימער געהאָט בעשעפטיגונג אלס וואלפיש פאנגער, ער איז קיינמאָל ליידיג ניט געזעסען און דער רוהיגער לעבען אויף דער "נאָטילוס" איז פאר איהם געווען אן אָבקומעניס. עס איז איהם געווים יעדע מינוט צו גרויס געווען און ער האָט זעהר געבענקט נאָך זיינע אמאָליגע גוטע צייטען, ווען ער איז אומגעפאָהרען אויף דיא וואסערען מיט זיין הארפון אין האנד.

ארום עלף דעם זייגער פאר מיטאָג, וועהרענד אונזער שיף איז געשוואומען אין דער הויך אויף'ן וואסער, זיינען פון ווייטען אָנגעקומען א גאנצע מחנה וואלפישען. איך בין דערפון ניט שטארק איבערראשט געוואָרען, ווייל איך האָב געוואוסט, דאָס ווען דיעזע ים־טהיערע ווערען פערפאָלגט פון יעגער, אנטלויפען זיי נאָך דיא איינזאמע ווייטע געגענדען פון מעער. מיר זיינען דאמאָלס געזעסען אויף'ן פלאטפאָרם. דאָס וואסער אין ים איז געווען גאנץ רוהיג, אָבוואָהל אין מאָנאט מערץ איז אין יענע געגענד הערבסט און דיא וועטערען זיינען דאָרט צו יענער צייט מעהרסטענטהייל ניט קיין שעהנע. לענד האָט צוערשט פון ווייטענס דערזעהן א גרויסען וואלפיש, וועלכער איז געשוואומען צו מזרח זייט.

— אך! — האָט דער הארפּון־ווארפער אויסגערופען מיט בעדויערען — ווען איך וואָלט יעצט געווען אויף א יעגער־שיפעל! זעהט וואָס פאר א פּראכט־פּאָלעס טהיער! וויא מעכטיג ער שפּריצט ארוים דיא וואסער־זיילען פון זיינע נאָז־לעכער! צום טייפעל, בין איך אָבער צוגעבונדען צו דיעזער פערדאַמטער שטיק אייזען!

רעדענדיג דיעזע ווערטער האָט ער מיט העכסטער אויפרעגונג געטופּעט מיט דיא פיס און אָנגעשטעלט דיא פויסטען אזוי וויא ער זאָל אימיצען וועלען שלאָגען.

— האָט איהר נאָך ניט פערלאָרען דיא לוסט צו וואלפיש־יאגד? — האָב איך איהם געפרעגט.

— ניין, מיין הער'ר! — האָט ער געענטפערט מיט בעגייסטערונג — דער חשק דערצו קען קיינמאָל אויפהערען. אָה! איהר האָט קיין בעגריף ניט וואָס פאר א פערגעניגען אזא יאגד מאכט. דיא אויפרעגונג, דיא בעוועגונג, איך קען עס אייך ניט ארויסגעבען.

— אין דיעזע מעערען, פריינד לענד, זיינט איהר נאָך קיינמאָל ניט געווען?

— ניין, נור אויף'ן נאָרדליכען אייז־מעער. אָבער דאָרט בין איך אויסען געווען אין בעהרינג סטרייט (א שמאָלער וואסער צווישען צוויי ימים), צווישען אזיען און נאָרד אמעריקא און אויך אין דייוויס סטרייט, נאָהענט ביי גרינלאַנד.

— אויב אזוי, קענט איהר נאָך ניט דיא זידליכע וואלפישען. יענע אויף וועלכע איהר האָט געמאכט יאגד ביי גרינלאַנד קענען אהער קיינמאָל ניט קומען, ווייל עס איז זיי אונמעגליך דורכצושווימען דיא ווארימע וואסערען פון דיא עקוואטאָר געגענדען. איבערהויפּט האָט יעדער זאָרט פון דיעזע טהיערע זייערע בעשטימטע ערמער אין מעער, וועלכע זיי פערלאָזען קיינמאָל גאנץ וויים. עס קען אמאָל טרעפען, אז א וואלפיש פון בעהרינג סטרייט זאָל פערבלאָנדזען נאָך דייוויס סטרייט, אָבער אהער קענען יענע וואלפישען פאר קיין פאל ניט קומען. אנדערע זאָרטען פישען פערבלאָנדזען אָפטמאָל יא אהער. דיעזע אורחים זיינען אייך אלזאָ, פריינד לענד, אין גאנצען אונבעקאנט.

— וואָלט איך טאקי זעהר וועלען בעקאנט ווערען מיט זיי! — האָט דער הארפּוניסט אויסגערופען — אָבער זעהט, אָט קומט איינער גראדע געגען אונז, עפּעס אזוי וויא מיר צו להכעיס, אזוי וויא ער זאָל וויסען, אז איך קען איהם ערשט גאָר ניט טהאָן.

לענד איז שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען, האָט געטופּעט מיט דיא פיס, געקריצט מיט דיא צייהן און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען פון אויפרעגונג. ענדליך האָט ער זיך אביסעל בערוהיגט און מיך געפרעגט:

— זיינען דיעזע וואלפישען אויך אזוי גרוים וויא יענע פון נאָרדליכען אייז־מעער?

— יא, לענד, כמעט אזוי גרוים.

— מיר אליין איז שוין אמאָל אויסגעקומען צו בעגעגנען ריעזיגע ברואים פון דיעזען זאָרט און מען האָט מיר דערצעהלט, אז ביי דיא אלעאוטישע אינזעלען געפינען זיך אזעלכע, וואָס זיינען מעהר וויא 150 פוס לאנג.

— דאָס איז אביסעל איבערטריבען. דיא גרעסטע זאָרטען פון זיי און אויך דיא פּאָטפישען זיינען אן עכט ביסעל קלענער.

— און איך האָב געהערט, אז פּאָטפישען זיינען פאראן אזעלכע גרויסע, דאָס מען נעהמט אָפטמאָל אָן אזא בריאה פאר אַן אינזעל. מען האָט מיר דערצעהלט, אז א פּאָטפיש בעדעקט אָפט זיין קערפּער מיט מעער־גראָזען און ליגט אונבעוועגט אויף'ן וואסער. ים־רייזענדע מיינען אז דאָס איז א שטיקעל טרוקענע לאנד, זיי געהן ארונטער און לייגען אויף איהם א פייער און —

קאָנסייל האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען און האָט שפּאָטיש אויסגערופען:

— און בויען זיך אויס הייזער!

— גענוג שוין לאכען! — האָט זיך לענד צובייזערט — איך האָב געמיינט אויסצופיהרען, אז דאָס טהיער לאָזט זיך דאן ארונטער און דערטרינקט אלע מענשען וואָס זיצען אין איהם. אזוי האָט מען מיר דערצעהלט.

— דאָס איז א נארישע לעגענדע! — האָב איך זיך אָבגערופען — דאָס איז א מעשה פון טויזענד און איין נאכט. איך האָף אז איהר זיינט פערנינפטיג גענוג ניט צו גלויבען אין אזעלכע פּלודערייען.

— אָה! — האָט לענד פּלוצלונג אויסגעשריען, קוקענדיג אויפמערקזאם אויף'ן ים — דאָס איז ניט איין וואלפיש, צעהן, צוואנציג, א גאנצע טרופּע! און איך מוז שטעהן און קוקען!

— אָבער, פריינד, — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען — פארוואָס זאָלט איהר ניט בעטען דעם קאפּיטאן נעמאָ, אז ער זאָל אייך ערלויבען צו מאכען א יאגד אויף דיעזע ברואים?

איידער קאָנסייל האָט זיינע ווערטער געענדיגט, איז שוין דער וואלפיש־פאנגער ארונטער געלאָפען אונטען, אום דעם קאפּיטאן אויפצוזוכען. אייניגע מינוטען שפּעטער זיינען זיי ביידע ארויפגעקומען אויף'ן דעק. קאפּיטאן נעמאָ האָט בעטראכט דיא מחנה וואלפישען, וועלכע זיינען אומגעשוואומען לוסטיג אומגעפעהר א מייל וויים פון אונזער שיף.

— יא, דאָס זיינען זידליכע וואלפישען! — האָט דער קאפּיטאן געזאָגט — זיי וואָלטען געוועזען א גליק, אן אוצר פאר א גאנצע פלאָטע וואלפיש־פאנגער.

— נו, מיין העדר — האָט דער קענעדע'ר זיך געווענדעט צום קאפּיטאן — ערלויבט מיר כאָטש מאכען א שטיקעל יאגד אויף זיי, אום איך זאָל ווייניגסטענס מיין פּראָפעסיאָן ניט פערגעסען.

— צו וואָס? — האָט דער קאפּיטאן געענטפערט — יאגד מאכען, אום נור צו טויטען, אום בלויז צו פערניכטען, לוינט זיך ניט. דאָס פלייש פון דיעזע

טהיערע קען מען ניט געברויכען, בלויז דעם טראַן, דיא פעטס, וועלכע מיר דארפען ניט אויף דער "נאַטילוס".

— ווארום האָט איהר מיר אויף'ן רויטען מעער ערלויבט א דיוגאַנג צו פערפאָלגען? — האָט לענד געפרעגט.

— א דיוגאַנג איז אַן אנדער זאך — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט — זיין פרישעס פלייש האָט געקענט נוצען פאַר אונז און דיא מאנשאַפט פון שיף, אָבער דאָ האנדעלט זיך דאָך בלויז אומזיסט לעבעדיגע בעשעפעניסע צו טויטען, היינט ווארום זאָל מען עס טהאָן? יא, מענשען האָבען זיך גענומען אזא רעכט. דאָס איז ביי זיי א צייט פערטרייב, א פערגעניגען זאך, אָבער ביי מיר קענען אזעלכע מערדערישע צייט־פערטרייבונגען ניט גילטען. דעם נאָרדליכען וואלפיש האָט מען שוין כמעט אין גאנצען פערניכטעט און יעצט ווילט איהר דאָס זעלבע טהאָן דאָ אין זידען. עס איז ווירקליך א שאדע, אז מען זאָל אזא קלאסע פון ניצליכע ברואים אויסראָטען. לאָזט בעסער דיא ארימע וואלפישען צופריעדען. זיי האָבען גענוג נאטירליכע שונאים אָהן אייך: פאָטפישען, שווערד־פישען און אנדערע אזעלכע רויבערישע ברואים.

אויף אזא פערקאָכטען יעגער וויא נעד לענד האָט קאַפּיטאַן נעמאָ'ס מוסר זאָגען גאָר ניט געווירקט. ער האָט געוואָרפען אויף'ן קאַפּיטאַן א בליק פון האַס, אזוי וויא יענער וואָלט איהם אונגליקליך געמאכט. ער האָט אוים ערגערניס זיך אָבגעקעהרט אָן א זייט, האָט אריינגערוקט ביידע הענד אין דיא קעשענעס און האָט צווישען דיא ציינער ארויסגעפייפט "יענקי דודל". דער קאַפּיטאַן האָט דאַן ווארפענדיג בליקען אויף דיא טהיערע, צו מיר געזאָגט:

— איהר זעהט וויא ריכטיג מיינע ווערטער זיינען, אז דיא וואלפישען האָבען גענוג שונאים אָהן דעם מענשען? בעטראכט נור, הערר אראָנאקס, דאָרט ביי אכט מייל ווייט פון אונז, זעהט איהר וויא שווארצע פונקטען בעוועגען זיך דאָרט?

— יא, קאַפּיטאַן, איך זעה.

— אָט דאָס זיינען פאָטפישען, פירכטליכע, רויבערישע טהיערע, וועלכע איך האָב שוין ניט איין מאָל אָנגעטראָפען אין גרויסע מאסען, פון צוויי ביז דריי הונדערט מיט אמאָל. אָט אזעלכע גרויזאמע, שעדליכע ברואים צו פערניכטען, גיב איך צו, אז עס איז קיין עולה ניט.

דערהערענדיג דיעזע ווערטער איז לענד אויפגעשפרונגען און זיך געווענדעט צום קאַפּיטאַן.

— אויב אזוי — האָט ער געזאָגט — איז נאָך ערשט צייט צו רעטען דיא אונשולדיגע וואלפישען, אָדער דיא ניצליכע ברואים, וויא איהר רופט זיי, לאָזט מיך און איך וועל אָנפיהרען א קאמפף געגען דיא פאָטפישען.

— שיקט ארונטער דאס שיפעל און זאל ער צייגען וואס ער קען — האב איך מיין קאמעראד אונטערגעהאלפען.

— ניין, הערר פראפעסאר — האט דער קאפיטאן געענטפערט — עס איז ניט נויטיג צו קריכען מיט א געזונדען קאפ אין א קראנקען בעט. מען דארף אזא ריזיקאלישע און געפעהרליכע זאך ניט אונטערנעהמען. דיא "נאטילוס" וועט שוין מיט זיי אליין פערטיג ווערען. דער שטאהלענער שנאבעל פון דער שיף קען אזוי פיעל אויפטהאן וויא הערר לענד'ס שפיעז, און פיליכט א ביסעל מעהר.

— ווארט נור, הערר אראנאקס — האט דער קאפיטאן ווייטער געזאגט — מיר וועלען אייך באלד צייגען א יאגד, פון וועלכע איהר האט גאר קיין בעגריף ניט. אויף דיעזע העסליכע, ווילדע טהיערע איז ניטא וואס רחמנות צו האבען. זיי בעשטעהען נור פון מויל און צייהנער.

מויל און צייהנער! יא, דאס איז דיא ריכטיגע בעשרייבונג פון דיעזע מיאוס'ע בעשעפנים. בעסער קען מען זיי ניט שילדערען. זיי זיינען עטליכע און זיעבעציג פוס לאנג, אבער דער קאפ זייערער פערנעהמט מעהר וויא א דריטעל פון קערפער. דער פאטפיש איז בעסער בעוואפענט וויא דער וואלפיש, ווייל דער וואלפיש בעזיצט נור קליינע צייהנדלאך פון פיש־ביין און דער פאט־פיש האט אין זיין אונגעהייער גרויסען מויל פינף און צוואנציג רייהען שארפע און שפיציגע צייהנער, וועלכע זיינען אומגעפעהר אכט אינטשעס אדער צאל לאנג און יעדער צאהן וועגט צוויי פונט. אין דעם אויבערשטען טהייל פון פאט־פיש'ס קאפ געפינט זיך פון זעקס ביז אכט הונדערט פונט אויל. דיעזער אויל ווערט אנגערופען "ספערמעסעטי" און איז זעהר טהייער. דער פאטפיש איז ווירקליך זעהר העסליך, פיליכט דיא העסליכסטע בריאה וואס דיא נאטור פער־מאגט. דיא גאנצע לינקע זייט פון זיין קערפער איז — אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען—ניט פערטיג. דיעזע זייט איז ביי איהם אזוי ניט ענטוויקעלט, אז ער זעהט נור מיט'ן רעכטען אויג.

דיא טרופע פון דיעזע מיאוס'ע "מאנסטערס" זיינען צוגעקומען צו אונז אלץ נעהענטער און נעהענטער. זיי האבען דיא וואלפישען בעמערקט און זיי האבען זיך עס געקליבען זיי צו בעפאלען. קיינער וואלט ניט געקענט צווייפלען, אז זיי וועלען דיא וואלפישען פערניכטען, דען אויסער דיא געוואלדיגע קראפט פון זייערע צייהנער, בעזיצען נאך דיא פאטפישען אן אנדער מין גבורה וואס דיא וואלפישען האבען ניט. זיי קענען נעמליך פערבלייבען אונטער'ן וואסער פיעל לענגער וויא וואלפישען. דיא דאזיגע ים־טהיערע דארפען ניט אזוי אפט איינ־אטהעמען פרישע לופט און זיי קענען קעמפפען אונטער'ן וואסער, וועהרענד זייערע געגנער ווערען דארט שנעל מאכטלאז.

ווען דיא פירבטליכע ברואים זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט צו דיא

וואלפישען און הילף איז שוין געווען נויטהיג, האט זיך די "נאַטילוס" עטוואַס ארונטערגעלאַזט אונטער'ן וואסער. קאַנסייל און לענד האבען זיך אוועקגעזעצט נעבען מיר ביי'ם פענסטער אין זאאל. קאפיטאן נעמאָ האט זיך בעגעבען אין הייזעל פון שטייערמאן, אום צו העלפען איהם אומווענדען די שיף אזוי, אז זיא זאָל דיענען אלס א פערניכטונגס מאשינע. באלד האט די שרובע אנגעפאנגען שטארקער צו קלאפען און די "נאַטילוס" האט זיך אלע ווייל בעוועגט אלץ שנעלער און שנעלער.

דער קאמפף צווישען די ביידע מינים פישען האט זיך אנגעפאנגען, פונקט דאמאלס, ווען די שיף איז אויף'ן וואסערדיגען שלאכט־פעלד אנגעקומען. דורך זיין מאנעווירען די שיף האט קאפיטאן נעמאָ פערהינדערט דעם אנגריף. אנפאנגס האבען די פאטפישען גאנץ גלייכגילטיג געקוקט אויף דער גרויסער שווימענדער מאסע, וואס מישט זיך אריין צווישען זיי עפּעס אזוי וויא א רודף שלום. אבער באלד האבען זיי, וויא עס האט אויסגעזעהן, דערפיהלט דעם טעם פון די קלעפּ וואס אונזער שיף האט זיי געגעבען.

וואס פאר א מערקווירדיגער קאמפף דאס איז געווען צווישען דער טויטער, אייזערנער שיף און די לעבעדיגע ים־מזיקים! נעד לענד האט גאר אנגעקוואלען און געפּאטשט בראוואָ. די "נאַטילוס" איז איהם פארגעקומען אזוי וויא א ריעזיגער הארפון, וועלכען קאפיטאן נעמאָ שליידערט מיט א שרעקליכע קראפט און טרעפט אימער אין ציעל. דער שטאהלענער שנאבעל פון שיף האט זיך געווארפען אין די מאסען פון די רויבערישע טהיערע און האט געשניטען און געהאקט רעכטס און לינקס. מאנכע זיינען בוכשטעבליך צוהאקט געווארען אויף דער העלפט און די שטיקער צוריסענע קערפער האבען זיך געצאפּעלט און געווארפען, אז עס איז געווען א שרעק צו קוקען. די געשלאגענע ים־העלדען האבען זיך געוועהרט. זיי האבען געקלאפּט די שיף מיט זייערע שטארקע עקען, זיי האבען זיא פרובירט בייסען מיט זייערע מעכטיגע צייהן, און דער שטאה־לענער שנאבעל האט זיי געהאקט און געבראקט אהן אויפהער. די שיף האט זיך געהויבען ארויף און אראב און האט געטויטעט און פערניכטעט און פער־וואנדעלט א שטיק ים אין א פירכטליכע, אונגעהייער גרויסע שלאכט־הויז.

דאס וואסער ארום האט געקאכט און געזאָדען. די פערוואונדעטע און די קראפּירענדע ברואים האבען געפּייפט און געשנארכט און געבריזגעט אזוי מורא'דיג, אז א שוידער־ליכע קעלט איז אריבער מיין לייב. ביי א שטונדע צייט האט די "נאַטילוס" געקעמפּפט געגען די שרעקליכע "מאנסטערס". איינינגע מאָל האבען א צעהן אָדער צוועלף מיט אמאל בעפאלען די שיף. מיר האבען דורך'ן פענסטער געזעהן זייערע געפעהרליכע צייהנער, די גיפטיגע בליקען פון זייערע פירכטליכע אויגען און זייערע העסליכע בייכער, וועלכע האבען זיך געהויבען פון אנשטרענגונג און אויפרעגונג. נעד לענד האט געשפרונגען און

געטאנצט אזוי וויא א משוגענער. ער האָט צו זיי געמאכט מיט דיא פויסטען און זיי אויסגעלאכט אזוי וויא מען לאכט אוים א געפאלענעם שונא, וואָס וויל בייזעס טהאָן און קען נים.

ענדליך איז פון דער מענגע פּאָטפּישען ניט פיעל איבערגעבליבען. דאָס וואסער ארום איז רוהיג געוואָרען און דיא "נאָטילוס" איז ארויף צוריק אין דער הויך איבער'ן וואסער. זאָבאלד איך האָב דערפיהלט אז מיר זיינען פון אויבען, זיינען מיר שנעל ארויפגעגאנגען אויף'ן דעק, אום דאָס מעער ארום צו בע־אָבאכטען.

ווייט ארום אונזער שיף איז דאָס וואסער געוועזן בעדעקט מיט צוריסענע שטיקער קערפּערס. דיא שרעקליכסטע דינאמיט־באָמבעס וואָלטען ניט געקענט אזוי פיעל צורייסען, צוהאקען און פערניכטען. מיר זיינען געשוואומען דורך א מאסע טויטע ריעזען־קערפּער, וועלכע דיא שיף האָט אָבגעשטויסען, אום צו מאכען וועג פאר זיך. מיילען ארום זיינען דיא וועללען געוועזען אָבגעפארבט רויט און מיר זיינען אזוי וויא דורך א וואהרען בלוט־מעער געשוואומען. פון וויימענס האָבען זיך געזעהן אייניגע פּאָטפּישען, וועלכע זיינען אנטלאָפען פער־וואונדעטע אָדער מיט גאנצע ביינער.

קאפּיטאן נעמאָ איז צו אונז ארויסגעקומען און זיך געווענדעט צו נעד לענד, וועלכער איז שוין ניט געוועזן אזוי בעגייסטערט וויא דאמאָלס, ווען מיר זיינען געזעסען אין זאאל און געקוקט דורך'ן פענסטער, ווייל דיא שרעקליכע פערניכטונגס סצענע האָט אויף איהם אן אנדער איינדרוק געמאכט.

— נו, וואָס זאָגט איהר ערשט, הערר לענד? — האָט דער קאפּיטאן איהם געפרעגט.

— יאָ, מיין הערר — האָט זיך דער קענעדע'ר אָבגערופען — דיא "נאָטילוס" קען ווירקליך קעמפּפען. אָבער איך אלס יעגער מוז זאָגען, אז דאָס איז ניט קיין יאגד, זאָנדערן א שלאכטעריי.

— דאָס איז א פערניכטונג פון שעדליכע טהיערע — האָט דער קאפּיטאן ערוויעדערט — מיין שיף איז ניט קיין שלאכט־האַק.

— מיין הארפּון איז מיר מעהר בעליעבט! — האָט לענד געזאָגט.

— יעדען איינעם ציהט צו זיינס! — האָט נעמאָ געענטפערט ווארפענדיג א שארפען בליק אויף'ן קענעדע'ר.

איך האָב מורא געהאט, אז דיעזער געשפּרעך זאָל ניט פיהרען צו א מחלוקה אָדער א סקאנדאל, ווייל וויא מיר האָט אויסגעוויזען, האָט זיך דער בייזער הארפּון־ווארפער פערמאָסטען צו רעדען אזעלכעס וואָס וואָלט זעהר אונאנגע־נעהם געוועזן. אָבער צום גליק זיינען מיר אלע פלוצלונג אויפמערקזאם געוואָרען אויף א זאך, וואָס האָט דעם קענעדע'ר כעס'ן געמאכט פערגעסען אָן זיין געשפּרעך מיט'ן קאפּיטאן. א "זיא" וואלפיש איז קוים שלעפּענדיג זיך צוגע־

שוואומען ניט ווייט פון אונזער שיף און איז געבליבען ליגען טויט. איהר בויך איז געווען דורכגעלעכערט פון דיא שטארקע, גרויסע ציינער פון דיא פאטפישען. ביי איהר ברוסט איז געהאנגען איהר טויטעס קינד, וועלכעס זיא האט ניט געקענט רעטען פון דעם שרעקליכען שונא. דיא טויטע מוטער־וואלפיש האט געהאלטען איהר מויל אפען און שטראמען וואסער זיינען געלאפען אין און פון מויל אזוי וויא א שטראמיגע טייך. קאפיטאן נעמא האט געהייסען צופאהרען מיט דער שיף נעהענטער. צוויי מאטראזען זיינען ארונטערגעגאנגען אויף'ן טויטען קערפער און מיר האבען אלע צוגעקוקט וויא זיי האבען געמאלקען איהרע בריסט, וועלכע ענטהאלטען אין זיך פון צוויי ביז דריי טאנען מילך. דער קאפיטאן האט מיר אנגעבאטען א ביסעל פון דיעזע ווארימע מילך. איך האב א שוידער געטהאן און איהם ערקלערט אז דאס עקעלט מיך און איך קען עס ניט פערזוכען. אבער ער האט מיך פערזיכערט, אז דיא מילך איז פארטרעפליך געשמאק, גראדע אזוי וויא דיא מילך פון א קוה. איך האב עס שליסליך פערזוכט און איך האב אויסגע־פונען, אז דאס איז ריכטיג. איך האב איינגעזעהן, אז דיא מילך פון דער אין שלאכט געפאלענער "זיא"־וואלפיש איז פאר אונז א ניצליכער פראדוקט, פון וועלכען מען וועט קענען מאכען קעז און פוטער פאר א היבשע ביסעל טעגליכע מאהלצייטען.

זייט יענעם טאג איז נאך לענגער אלץ געווארען א גרעסערער שונא דעם קאפיטאן נעמא. פון טאג צו טאג איז ער אלץ מעהר אויפגעבראכט געווארען געגען איהם און איך האב מורא געהאט, אז דעם קענעדער'ס היציגער כאראקטער וועט סוף כל סוף אויסברעכען און ער וועט אויפטהאן מיאוס'ע סקאנדאלען. איך האב דארום אויף איהם אן אויג געהאלטען און איך האב שטרענג געהיט, אז עס זאל צו קיינע אונאנגענעהמליכקייטען ניט פיהרען.

13טעס קאפיטעל

דיא אייז בערג

דיא "נאטילוס" איז געשוואומען ווייטער צו דרום זייט נאך דעם פופ־צינסטען מערידיאן. זיא איז געלאפען מיט פולע שנעלקייט און איך האב ניט גע־קענט בעגרייפען, וואס קאפיטאן נעמא מיינט מיט זיין רייזע. דענקט ער ווירק־ליך צו לאזען זיך פאהרען צום זיד־פאל (דער עק וועלט אין דרום זייט)? ווייס ער דען ניט, אז אלע בעמיהונגען וואס זיינען ביז יעצט אנגעווענדעט געווארען אהין צו קומען זיינען געווען אומזיסט? און איז איהם דען אונבע־קאנט, אז באלד קומט אן דער ווינטער אין יענע געגענד און מיר וועלען דיא שמארקע קעלטען ניט קענען אריבערטראגען? האט ער אין דעם קיין ידיעה ניט, אז דער מאנאט מערץ איז דארט אזוי וויא דער מאנאט סעפטעמבער אין

דיא אייראפעאישע געגענדען? אבער איך האב זעלבסטפערשטענדליך אויף דיעזע שאלות קיין אנטווארט געפונען און מיר איז פערבליבען צו דולדען אוןווארטען ביז אלעס וועט פערענטפערט ווערען.

דעם 14טען מערץ האב איך דערזעהן אויף'ן ים שווימענדע שטיקער אייז, וועלכע האבען אויסגעוויזען אזוי וויא קליינע פעלזען פון 20 ביז 25 פוס לאנג. דיא "נאטילוס" איז געשוואומען אויבען אויף'ן וואסער און מיר האבען זיטצענדיג אויף'ן פלאטפארם געקענט בעאבאכטען דעם ים ווייט ארום. נעד לענד איז געוועזן בעקאנט מיט אזעלכע ערשיינונגען. ער האט שוין געזעהן שטיקער אייז אדער זאגאר אייז־בערג אין נארדליכען אייז־מעער; פאר מיר אבער און פאר מיין דיענער קאנסייל איז עס געוועזן א נייעס. ווייטער נאך דרום זייט האבען מיר געזעהן אין דער לופט בליטצענדע ווייסע שטרייפען — א שיין וואס דער געדיכטסטער נעבעל קען ניט פערדעקען. דאס איז געוועזן דער אבשלאג, דער וויעדערשיין פון דיא גרויסע אייז־פעלדער. ענגלישע וואלפיש־פאנגער האבען דיעזען שיין א נאמען געגעבען "אייז בלינק" (אייז־בליאסק).

און עס האבען זיך טאקי באלד אנגעהויבען בעוויזען גרעסערע אייז־שטיקער, וועלכע האבען ניט געהאט דורכאויס א געוועהנליכען אייז קאליר, זאנדערן זיי האבען געגלאנצט אין פערשיעדענע פארבען. איינינע פון דיעזע מאסען זיינען געוועזן אזוי וויא דורכגעוועבט מיט גרינע אדערען. עס האט אויסגעזעהן וויא זיי זיינען בעגאסען מיט שוועבעל־זויער פון קופער. אנדערע האבען אויסגעוויזען אזוי וויא אמעטהיסט־שטיינער, וועלכע זיינען בעלויכטען פון זוננען־שטראהלען. מעהרערע פון זיי האבען געשיינט מיט טויזענדע קריסטאל־פונקען און האבען פארגעשטעלט א מערקווירדיג שעהנעס בילד. עס האט אויסגעזעהן אזוי וויא א גאנצע שטאדט פון מארמאר און איך האב מיינע אויגען ניט געקענט אבווענדען פון דיא דאזיגע נאטור־וואונדער. וואס ווייטער מיר זיינען געקומען, אלץ מעהר שווימענדע אייז־אינזלען האבען מיר בעגעגענט און אלץ שעהנער און פרעכטיגער האבען זיי אויסגעזעהן.

ביי דעם זעכציגסטען גראד פון דיא ברייט פון דער ערד איז דער ים געוועזן אזוי בעדעקט מיט גרויסע שטיקער אייז, אז דיא "נאטילוס" האט כמעט ניט געהאט קיין וועג וואו דורכצוגעהן. קאפיטאן נעמא האט זיך אימער געפונען אויף'ן דעק און ער פלעגט זיך זעהר אפט ארייכאפען אין שטייערמאן'ס שטיבעל, אום צו העלפען איהם רעגולירען דיא שיף און אויסמיידען צוזאמענשטויסע מיט דיא שווימענדע שטיקער אייז. דארט האבען זיך שוין געפונען אייז־בערג פון איינינע מייל לאנג און א פאר הונדערט פוס הויך. אפט האט זיך אויסגעוויזען, אז דער וועג פאראויס איז אין גאנצען אבגעשלאסען און מיר וועלען שוין מוזען שטעהן בלייבען, אבער דער געשיקטער און פלינקער קאפיטאן האט אימער געפונען א דורכגאנג און איז געפאהרען אלץ ווייטער

און ווייטער, אבוואהל ער האט גאנץ גוט בעמערקט וויא הינטער אונז שליסען זיך גרויסע מאסען אייז צוזאמען און עס בלייבט קיין וועג צוריק צו פאהרען.

דיא טעמפעראטור איז שוין געווען גאנץ ניעדעריג. אין דער הויך אויף'ן דעק איז געווען אונגעהייער קאלט, אבער מיר זיינען געווען געשיצט פון קעלט. מיר האבען געטראגען פעלצען פון ים־הינד אדער ים־בערען, וועלכע האבען ניט צוגעלאזט דיא קעלט צו אונזערע לייבער. אין שיף איז דיא טעמפעראטור אימער געווען רעגעלמעסיג ווארים דורך דיא הייצונג פון עלעקטרישען אפאראט. ווען דיא "נאטילוס" זאל נאך געווען ארונטערשטייגען אונטער'ן וואסער, וואלטען מיר זאגאר ניט געוואוסט, אז אויבען הערשט א ביטערע קעלט, ווייל אין דיא טיעפענים פון ים איז דיא טעמפעראטור שטענדיג ווארים, ווען זאגאר אויבען איז דיא גרעסטע קעלט.

צוויי מאנאטען פריהער וואלטען מיר אין יענע געגענד געפונען שטענדיגען טאג. אין יענער צייט פון יאהר געהט דארט דיא זונן ניט אונטער. אין מאנאט מערץ, ווען מיר זיינען דארט געווען האט דיא נאכט אנגעהאלטען פון דריי ביז פיער שטונדען. שפעטער וויעדער פאנגט זיך דארט אן א שטענדיגע פינסטערניס, וועלכע האלט אן זעקס מאנאטען כסדר. פולע זעקס מאנאטען בעוויזט זיך דארט ניט דיא זונן און דיא הערשערין פון טאג האט דארט קיין ממשלה. דעם 15טען מערץ זיינען מיר פערביי געפאהרען דיא אינזלען ניו שעטלאנד און זיד ארקני. קאפיטאן נעמא האט מיר דערצעהלט, אז דיעזע אינזלען זיינען אמאל געווען בעוואהנט מיט מאסען סילס (ים־הינד), אבער ענגלישע און אמעריקאנישע וואלפיש־יעגער האבען זיי אזוי לאנג פערפאלגט און פערניכטעט, ביז עס איז פון זיין קיין זכר ניט געבליבען, און דיא אינזלען זיינען ערשט וויסט און טויט און קיין צייכען פון לעבען עקזיסטירט דארט ניט.

דעם 16טען מערץ ארום אכט דעם זייגער אין דער פריה זיינען מיר פון אלע זייטען געווען ארומגעשלאסען מיט אייז. דער וועג נאך זידען איז כמעט אין גאנצען געווען פערשפארט. אבער קאפיטאן נעמא האט אלץ געפיהרט דיא שיף ווייטער, דרעהענדיג זיא פון איין שמאלע עפענונג אין דער אנדערער. דיא ווארהייט זאגענדיג, איז מיר דיא רייזע שטארק געפעלען געוועז. יעדער איינער וואלט ענטציקט געווארען פון דיא שעהנהייטען פון דיא פאלאר געגענדען. דער אייז שטעלט פאר פערשיעדענע געשטאלטען און פאנטאסטישע סצענעס. דא זעהט זיך א גאנצע העל־גלאנצענדע שטאדט, מיט הויכע קירכען שפיצען; און דארט אין אן אנדער זייט שטעלט דער אייז פאר רואינען, א שטאדט וואס איז צושטערט געווארען פון א שרעקליכע ערד־ציטערנים. ווען מען קוקט א לענגערע צייט אויף דיא אייז־בערג בעמערקט מען, אז דאס איז ניט מעהר וויא א שטיקעל קאלטע און טויטע וועלט; אבער ביים ערשטען בליק זעהט אויס אז מען געפינט זיך נאהענט פון אריענטאלישע שטעדט. דיא פאנאראמא

ווערט אלע מאָל אומגעביטען. אמאָל פינקלען דיא אייז־פעלדער פון דיא קרוי־מען זוננען־שטראהלען און אמאָל ווערען זיי בעדעקט מיט א נעבעל פון שנעע שטורם. זעהר אָפט הערט זיך פּלוצלונג א געוואַלדיגער קראַך, אַזוי וויא פון טויזענדע קאַנאָנען. דאָס פאַלען אום אייז־בערג און ווערען צושמעטערט.

אין דעם זעלבען טאָג האָט אַן אייז־פעלד אין גאַנצען פערצאַמט דעם וועג פאַר דער "נאָטילוס". קאַפּיטאַן נעמאָ האָט שוין ניט געפונען קיין מיטעל וויא אַזוי דיעזע הינדערנים אויסצומיידען, דען עס איז ערגיץ ניט געזעהן געוואָרען קיין אָפענער שטיקעל פּלאַץ, דורך וועלכען מען זאָל דיא שיף קענען דורכפיהרען. ער האָט דיא מעכטיגע שיף א שפּאַר געטהאָן מיט אַזא האַסט אויף'ן אייז, אַז דיא גאַנצע פערפראָרענע מאַסע איז צוקראַכט און צושמעטערט געוואָרען. אויף דיעזען אופן האָט דיא "נאָטילוס" זיך דורכגעבראָכען א וועג און האָט פאָרטגעזעצט איהר רייזע.

דער ווינד האָט אָהן אויפהער געשטורמט. אָפטמאָל פלעגט א נעבעל בעדעקען דיא לופט אַזוי געדיכט, אַז מיר האָבען ניט געקענט זעהן פון איין ברעג שיף ביז'ן צווייטען. דער שנעע האָט געשאָטען אין געדיכטע מאַסען און האָט זיך אוועקגעלייגט אויף'ן דעק אַזוי הארט און אַזוי פעסט, אַז אום אָבצוראַמען איהם האָבען מיר געמוזט בענוצען העק. דיא קעלט איז געווען זעהר שטאַרק און דיא שיף איז פון אויסווייניג דורכאויס געווען בעדעקט מיט אייז.

דעם 18טען מערץ איז דיא "נאָטילוס" געבליבען פאָלשטענדיג איינגעשפּאַרט אין אַן אונבעוועגליכע קייט פון אייז־בערג.

— דיא אייז־דעק! — האָט לענד אויסגעשריען.

איך האָב גוט פערשטאַנען וואָס דער קענעדע'ר מיינט מיט דיעזען וואָרט. דיא "אייז־דעק" איז אויף דער שפּראַך פון זעע־פאָהרער א שרעקליכע הינדערנים, וועלכע עס איז אונמעגליך אויסצומיידען. דאָס איז א נאַטור־פעסטונג, וואָס מען קען ניט דורכדרינגען. ארום מיטאָג צייט, ווען דיא זונן איז אביסעל ארויס פון אונטער דיא וואָלקענס, האָט קאַפּיטאַן נעמאָ געמאַכט א גענויע אונטערזוכונג וואו מיר געפינען זיך. זיינע אינסטרומענטען האָבען בעוויזען, אַז מיר זיינען שוין נאָהענט צום 68טען גראַד צו דרום זייט, א פונקט צו וועלכען קיין שיף איז נאָך ביז יעצט ניט צוגעקומען. ווייט ארום אונז איז ניט געווען צו בעמערקען אירגענד וועלכען צייכען פון פליסענדע וואַסער. געגען דער "נאָטילוס" איז געלעגען א אונענדליכעס אייז־פעלד, אויף וועלכע עס זיינען געווען פונאַנדער געוואָרפען שטיקער אייז. אין פערשיעדענע ערטער האָבען געגלענצט דיא שאַרפע שפּיצען פון דיא אייז־בערג, ביז 200 פוס הויך. עטוואָס ווייטער האָבען זיך געזעהן גרויסע רייהען פון הויכע אייז־ווענד, וועלכע האָבען דורך דיא זוננען־שטראהלען געשיינט און געבליאַסקעט אַזוי וויא אונגעהייער גרויסע שפּיעגלען. איבער דיעזע פערפראָרענע, וויסטע נאַטור־פעס־

טונגען האט געשוועבט א טיפע טרויעריגע שטילקייט. אלעס איז געווען טויט. קיין קול, קיין בעוועגונג איז ערגיץ ניט געהערט געווארען, זאגאר אונזערע אייגענע שטימען האבען געקלונגען זאנדערבאר. אונזערע קולות זיינען אזוי וויא פערפראָרען געווארען אין דער לופט און זיי האבען אויסגעוויזען משונה'דיג ווילד.

— הערר פראָפעסאָר — האט לענד צו מיר געזאגט — גלויבט איהר אז אייער קאפּיטאן וועט נאָך ווייטער קענען בעווייזען זיינע קונסט־שטיק?

— וואס מיינט איהר דערמיט צו זאגען, פריינד לענד? — האב איך נעפרעגט.

— איך מיין איינפאך, אז אייער משוגענער קאפּיטאן וועט דא ווייטער ניט קענען פאהרען. ער האט מיט זיין שיף געקענט בעקעמפען דיא פּאָט־פישען, אבער צו דיעזער מאסע אייז וועלען קיינע חכמות ניט העלפען. דא איז א גרעניץ וואס דיא נאטור האט געשטעלט פאר דיא מענשהייט. ביז אהער זאלט איהר קומען, אבער ניט ווייטער! — האט דער שעפּפער פון דער וועלט געזאגט — און קאפּיטאן נעמא איז דא אויך קיין יחסן ניט.

— גאנץ ריכטיג, קאמעראד! אבער איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען וואס הינטער דיעזער אייז־דעק געפינט זיך. טאקי צוליעב דעם גופא וואס דיא וויי־טערע וועג איז פערשטעלט מיט ווענד, ווילט זיך מיר דוקא וויסען וואס הינטער דיא נאטירליכע קאלטע פאַרהאנגען קומט פאר.

— וואס פערשטעהט איהר דא ניט, הערר פראָפעסאָר? הינטער דיא אייז־וועגד איז זיכער קיין אנדער זאך וויא אייז ניטא. אבער זעהן וועט איהר עס זיכער קיינמאל ניט. אט דא איז דיא ענדע. יעצט וועט דער פערדאמטער קאפּיטאן מיט זיין פערדאמטע שיף מוזען צוריק פאהרען, אויב ער וויל דאס אדער ער וויל דאס ניט.

איך האב צוגעגעבען, אז לענד האט רעכט. איך האב געזעהן, אז דיא „נאטילוס" קען זיך אויף קיין פאל ניט ריהרען צו פאהרען ווייטער, און נאָך ערגער איז געווען, וואס דער וועג אויף צוריק איז אונז אויך געווען פערשטעלט. הינטער אונז איז אויך געלעגען א שטארקער דיקער אייז און דיא שיף איז איינפאך געווען איינגעפּראָרען, אדער בעסער געזאגט: איינגעמויערט אין אן אונגעהייער גרויסע מאסע אייז, וועלכע דיא גרעסטע און שטארקסטע קאנאנען וואלטען פיליכט ניט געקענט דורכברעכען. נאך מיינע אנזיכטען איז קאַ־פּיטאן נעמא איינפאך געווען אונפארזיכטיג און איז אריינגעקראכען אין א צרה, פון וועלכע ער וועט ניט קענען ארויסקריכען. איך האב געזעהן וויא ער איז געשטאנען אויף'ן פלאטפארם און בעטראכט דיא לאגע פון אונזער שיף און מיר האט אויסגעוויזען, אז ער בעדויערט שטארק וואס ער האט אזא מיאוס'ן טעות געמאכט.

— נו, הערר פּראָפעסאָר — האָט דער קאפּיטאן צו מיר געזאָגט — וואָס זאָגט איהר דערצו?

— איך דענק — האָב איך געענטפערט — אז מיר זיצען דאָ פעסט, הערר קאפּיטאן.

— און איהר דענקט ווירקליך, אז דיא "נאָטילוס" קען זיך פון דאנען ניט בעפרייען?

— זעהר שווער, קאפּיטאן. איך גלויב ניט, אז עס גיט א מיטעל דיעזען אייז דורכצוברעכען.

— אך, הערר פּראָפעסאָר! — האָט נעמאָ האלב שפּאָטיש אויסגערופען — איהר זיינט נאָך אימער דער זעלבער. איהר זעהט אלץ שוויריגקייטען און הינדערניסע! איך פערזיכער אייך, אז ניט נור וועט זיך דיא "נאָטילוס" בעפרייען פון דאנען, זאָנדערן מיר וועלען נאָך ווייטער פאָהרען.

— נאָך ווייטער צו דרום זייט? — האָב איך ערשטוינט געפרעגט.

— געוויס, מיין הערר! ביז צום זיד־פּאָל, ביז צום ענדע פון אונזער ערד־קוגעל! דאָרט וואו דיא גראַדען, אין וועלכע דיא ערד איז איינגעטהיילט ענדיגען זיך. שוין צייט אייך צו וויסען, אז איך קען מיט מיין "נאָטילוס" אלעם בעווייזען.

יא, איך האָב שוין גענוג קענען געלערענט דעם קאפּיטאן און זיין מערקווירדיגע שיף. איך האָב שוין פון זיי גענוג וואונדער געזעהן. איך האָב געוואוסט, אז דער מערקווירדיגער מאן, נעמאָ, איז ענטשלאָסען אויף אלעם און קיין ריזיקאלישע אונטערנעהמונג שרעקט איהם ניט אָב; אָבער בעזייטיגען אזעלכע הינדערניסע און פאָהרען צום זיד־פּאָל איז ביי מיר אויסגעקומען א ווילדע איידעע. איך האָב געוואוסט, אז דיא גרעסטע זעע־פאָהרער אין דעם נאָרדליכען אייז־מעער האָבען ניט געקענט בעווייזען צו דערגרייכען דעם פּאָל. פיעלע האָבען מיט זייערע לעבענס בעצאָהלט וועלענדיג צוקומען אהין. זיי זיינען ערגיץ פערפראָרען געוואָרען און מען ווייסט ניט וואו זייער געביין איז הינגעקומען, היינט וויא אזוי קען זיך א מענש אונטערשטעלען צו דערגרייכען דעם זיד־פּאָל? וויא אזוי קען זיך א מענש אונטערנעהמען דורכצורייזען דעם זידליכען אייז־מעער, וועלכער איז פיעל פירכטליכער וויא דער נאָרדליכער? וויא אזוי קען א מענש וועלען דורכפיהרען א זאך וועגען וועלכע קיינער האָט זאָגאר ניט געטרוימט? מיר איז דאן איינגעפאלען צו פרעגען דעם קאפּיטאן, אויב ער איז שוין אמאָל צום זיד־פּאָל געקומען.

— ניין, מיין הערר — האָט ער אויף מיין פראגע געענטפערט — איך בין מיט מיין שיף זאָגאר אזוי ווייט וויא דיעזע שטעלע, וואו מיר געפינען זיך יעצט, אויך קיינמאָל ניט געקומען. אָבער יעצט וועלען מיר פאָהרען ווייטער און מיר וועלען צוזאמען ענטדעקען דעם זיד־פּאָל, א פּלאַץ וואָס קיין

לעבעדיגער מענש האט נאך ביז יעצט ניט בעטראטען. איך האף אז איך וועל ייא זאך דורכפיהרען.

— איך גלויב אייך, הערר קאפיטאן! — האב איך זיך איראניש אב־געזופען — איך גלויב אייך אויף'ן ווארט. אלזא פארוועררטס! לאמיר דורכ־ברעכען דיעזע אייז־בערג און פארטזעצען אונזער רייזע, אדער פיליייכט וועלען מיר גאר אריבער פליהען איבער זיי!

— איבער זיי? — האט דער קאפיטאן אויסגערופען — זאגט: אונטער זיי, הערר ארונאקס.

ערשט דאן האב איך פערשטאנען, אז דיא אונגלויבליכע אונטערנעהמונג קען ווירקליך דורכגעפיהרט ווערען דורך דער וואונדערבארער שיף, וועלכע קען שווימען אין דיא טיעפענים פון ים — א זאך וואס קיין אנדער שיף אין דער וועלט קען בעווייזען.

— אונטער'ן אייז! האב איך איבערראשט אויסגעשריען — אונטער'ן אייז! יא, פיליייכט איז עס מעגליך.

— איך זעה, הערר פראפעסאר — האט זיך דער קאפיטאן אבגערופען — אז מיר הויבען זיך אן צו פערשטעהן. איך זעה אז איהר בעגרייפט שוין ערשט, אז דיא זאך קען דורכגעפיהרט ווערען. דאס וואס פאר אנדערע שיפען איז שווער, איז פאר מיין "נאטילוס" גאנץ לייכט. מיר וועלען אלזא פאהרען. אויב דער זיד־פאל איז ארומגערינגעלט מיט טרוקענע לאנד, וועלען מיר זיך געוועהנליך מוזען אבשטעלען אויף'ן לאנד; און אויב דער ים ציהט זיך ביז'ן פאל, וועלען מיר אהין צוקומען מיט אונזער שיף.

— גאנץ געוויס! — האב איך אויסגערופען מיט העכסטע צופריעדענהייט, וויל דיעזער פלאן איז מיר זעהר געפעלען געווארען — זעהר ריכטיג, הערר קאפיטאן. ווען דא, אויבען, פערשטעלען אונז דעם וועג דיא אייז־בערג, איז דאך דאס וואסער אונטען גאנץ פריי, דען וואס טיעפער אין מעער, איז דיא טעמפעראטור אלץ ווארימער, און אויב איך האב קיין טעות ניט, ער־קלערט, דאכט מיר, דיא נאטור־וויסענשאפט, אז יעדע שטיק אייז ליגט דריי טהיילען אין וואסער און דער פיערטער טהייל זעהט זיך אן אין דער הויך. אויב דאס איז ווירקליך אזוי, דארפען מיר זיך ניט ארונטערלאזען זעהר טיעף.

— יא, אזוי איז עס טאקי. איהר האט קיין טעות. וויא הויך דיא אייז־בערג זיינען דארפען מיר רעכענען, אז אין וואסער ליגען זיי דריי מאל אזוי פיעל. דיא אייז־בערג דא זיינען אלזא ניט העכער וויא דריי הונדערט פוס; שליסליך, ליגען זיי אין וואסער ניין הונדערט פוס, הייסט וואס פאר א ווערטה האט ביי דער "נאטילוס" ארונטער צו שווימען ניין הונדערט פוס טיעף? אויסער דעם וועלען מיר דאך אונטען ניט האבען אזא קאלטע טעמפעראטור, און מיר וועלען דארט מאכען א גאנץ בעקוועמע רייזע.

— ריכטיג, זעהר ריכטיג, מיין הערר! — האָב איך איינגעשטימט.

— דיא איינציגע שוויריגקייט בעשטעהט נור אין דעם — האָט דער קאַפּיטאן געזאָגט נאָכדענקענד א קורצע ווײלע — וואָס מיר וועלען מעהרערע טעג ניט קענען ארויפקומען אין דער הויך אויף'ן וואסער, אום פרישע לופט צו שעפּען.

— דאָס אלעס? — האָב איך זיך אָבגערופען — איך גלויב, אז דאָס איז קיין געפאהר. איהר קענט דאָך אָנפילען דיא לופט־בעהעלטער פון שיף מיט לופט און דאן וועלען מיר זיין פערזאָרגט.

— אן אויסגעצייכענטער פּלאן! — האָט נעמאָ געזאָגט מיט א שמייכעל — אָבער איך וויל אייך זאָגען וואָס איך האָב אָנצוואווענדען געגען אייער עצה, אום איהר זאָלט מיך נאכהער ניט בעשולדיגען, אז איך בין געווען אונפאָרזיכטיג און האָב צופיעל ריזיקירט. שטעלט אייך פאָר, אז דער ים איז בעדעקט מיט אייז ביז'ן סאמע זיד־פּאָל, וועלען מיר דאָך א גאנץ לאנגע צייט קיין פרישע לופט ניט קענען בעקומען און עס איז אונז אויך אונמעגליך אָנצוגרייטען לופט אויף פיעלע טעג אָדער וואָכען.

— זעהר גוט, קאַפּיטאן. אָבער דיא "נאָטילוס" האָט דאָך אזא געוואלדיגע קראפט, ווערט זיא ניט קענען אירגענד וואו אויפברעכען דעם אייז און ארויפקומען אין דער הויך? אויסערדעם וועל איך אייך זאָגען נאָך א זאך: דיא וויסענשאפטליכע פאָרשונגען אויף'ן נאָרדליכען אייז־מעער בעווייזען, אז דער מיטעל פונקט פון דיא קעלטען, עס הייסט דער פּלאץ וואו עס עקזיסטירט דיא העכסטע קעלט, איז ניט ביים סאמע פּאָל, ביים סאמע ברעג פון דער ערד, זאָנדערן אן עכט היבשע שטרעקע פון פּאָל, און פון דאָרט ביז'ן פּאָל איז דיא טעמפּעראטור ווארימער. מיר קענען דארום גלויבען, אז ס'א ביים זיד־פּאָל איז אויך אזוי און מיר וועלען ניט האָבען צו פאָהרען דיא גאנצע רייזע אונטער'ן אייז. מעגליך, אז מיר וועלען אין גיכען קומען צו אן אָפּענעם ים אָדער פיליייכט גאָר צו אן אונבעוואוסטע שטיק לאנד.

— איך גלויב אויך אזוי, הערר אראָנאקס! — האָט דער קאַפּיטאן געענטפערט — אָבער איין זאך וואונדערט מיך: פריהער זיינט איהר געווען געגען מיין פּראָיעקט און איהר האָט געלעגט שווערע שטיינער אויף מיין הארץ, אז איך וועל עס ניט קענען דורכפיהרען און יעצט האָט איהר אייער מיינונג געענדערט און איהר רעדט מיך איין צו פאָרטצוזעצען אונזער רייזע!

איך בין ווירקליך זעהר בעגייסטערט געווען פאר דעם פּלאן צו פאָהרען צום פּאָל, פיליייכט נאָך מעהר וויא קאַפּיטאן נעמאָ אליין און איך האָב מיט אונגעדולד ערווארטעט דיא מינוט, ווען אונזער ווייטערע רייזע וועט זיך אָנפאנגען. איך האָב דעם קאַפּיטאן ערקלערט, אז פריהער האָב איך זיך גע־

שראַקען, אז דיא אונטערנעהמונג איז צופיעל ריזיקאַליש, אַבער ערשט בין איך איבערצייגט, אז מיין מורא איז געווען אן אומזיסטע.

דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעגעבען זיין געשפּרעך מיט מיר. אויף זיין סיג־נאַל איז זיין העלפער, אַדער דער שיפס־לייטענאַנט ארויפגעקומען. זיי האָבען זיךביידע דורכגערעדט אויף זייער אונפערשטענדליכע שפּראַך און וויא איך האָב בעמערקט, איז דער לייטענאַנט גאַר ניט איבערראַשט געווען. וואהר־שיינליך, האָט ער שוין אליין אויך גערעכענט דאָס זעלבע וואָס דער קאַפּיטאַן און ער איז געווען ביי זיך פעסט איבערצייגט, אז זיי וועלען עס לייכט אויס־פיהרען. איך האָב פאַר מיינע קאַמעראַדען, קאָנסייל און לענד דערצעהלט וועגען דעם קאַפּיטאַן'ס בעשלוס. קאָנסייל האָט דערויף גענטפערט מיט זיין געוועהנ־ליכע פראַזע: "וואוהין דער הערר געהט, געה איך אויך מיט"; לענד אַבער איז שטארק בייז געוואָרען. "איהר זיינט אלע משוגע!" — האָט ער אויס־געשריען און איז האסטיג אוועק אין זיין קאַיוטע.

אונטערדעסען האָבען זיך אַנגעפאַנגען דיא פּאַרבערייטונגען צו דער וויי־טערער רייזע. דיא מעכטיגע פּומפּען פון שיף האָבען אַנגעפילט דיא לופט רע־זערוואוארען מיט צוזאַמענגעפּרעסטע לופט און מען האָט אויך געמאַכט אנ־דערע הכנות. ארום פיער אוהר האָט מיר דער קאַפּיטאַן אַנגעזאָגט, אז דיא אויבערשטע פלאַטען וועלען באַלד געשלאָסען ווערען און אז איך דאַרף זיך צו־איילען ארונטערצוגעהן אונטען. איך האָב געוואָרפען מיין לעצטען בליק אויף דיא ארומיגע אייז־לאַנדשאַפטען, אונטער וועלכע מיר וועלען דורכפאָהרען. דער וועטער איז געווען ריין, דיא לופט קלאָר, דיא קעלט שטרענג; אַבער קיין ווינד. עס איז מיר דארום געווען מעגליך צו פערטראָגען דיא קאַלטע טעמפּע־ראַטור און איך האָב זיך לייכט געקענט ארומקוקען אין אלע זייטען.

צעהן מאַן זיינען ארונטער פון שיף און ארומגעהאַקט דעם דיקען אייז ארום און ארום. דיא נאַטילוס" איז פריי געוואָרען און איז ארונטער אין דיא טיעפענים פון מעער. איך און מיין דיענער קאָנסייל האָבען זיך אוועקגעזעצט אין זאאַל ביים פענסטער און מיר האָבען בעטראַכט דיא אונטערשטע שיכטען פון דיא אייז־בערג. אין שיף איז געוואָרען פיעל ווארימער. דער מאַנאָמעטער האָט זיך בעוועגט און געצייגט וויא טיעף מיר שטייגען ארונטער. עס איז גע־ווען פּונקט אזוי וויא קאַפּיטאַן נעמאָ האָט פּאַראויס געזאָגט. ביי א נייַן הונ־דערט פוס טיעף איז שוין דיא "נאַטילוס" געשוואומען אונטער דיא אייז־בערג. אַבער דיא שיף איז געזונקען אלץ טיעפער און טיעפער, ביז מיר האָבען דערגרייכט א טיעפענים פון 2,400 פוס. וואָס ניעדריגער מיר האָבען זיך ארונ־טערגעלאָזט איז אין שיף אלץ ווארימער געוואָרען. דיא "נאַטילוס" איז גע־שוואומען רעגעלמעסיג און פּינקטליך און דיא רייזע איז געווען העכסט אנגע־נעהם.

— דער הערר קען זיכער זיין, אז מיר וועלען דיא רייזע דורכמאכען — האט זיך קאנסייל אבגערופען.

— איך רעכען אויך אזוי! — האב איך געענטפערט מיט פאלשטענדיגע איבערצייגונג.

מיר זיינען דאמאלס געווען אריבער דעם 67טען גראד. מיר האבען נאך אל־זא געהאט דורכצומאכען א רייזע פון אריבער 22 גראד, דאס איז א חשבון פון אריבער 1,500 מייל ביז'ן פאל. דיא שיף איז געלאפען מיט דיא שנעלקייט פון 26 מייל א שטונדע. אויב דיא "נאטילוס" וועט דורכאוים אזוי שנעל לוי־פען, דארפען מיר קומען צום פאל אין עטליכע און פופציג שטונדען.

ביז א שטיק אין דער נאכט זיינען מיר געזעסען ביים פענסטער, אבוואהל מיר האבען דארט אייגענליך קיין זאך ניט געזעהן. דאס וואסער ארום איז געווען העל בעלויכטען פון דיא עלעקטרישע לאנטערנעס פון דער" נאטילוס", אבער מעהר וויא ריינעס וואסער האבען מיר ניט געזעהן. אין יענע מיט אייז צוגעדעקטע געגענד געפינען זיך קיינע פיש און דיא נאטור איז דארט טויט. דורך דיא שטארקע בעוועגונג פון דער שיף האבען מיר געפיהלט, אז זיא לויפט נאך שנעלער וויא פריהער. דעם קאפיטאן האב איך דיא גאנצע צייט ניט געזעהן. ער איז וואהרשיינליך געזעסען אין שטייערמאן'ס שטיבעל און איהם געהאלפען קאנטראלירען דיא שיף, אזוי וויא ער האט אימער געטהאן ביי בעזונדערע צופעלע.

גאנץ שפעט בין איך געגאנגען שלאפען. קאנסייל איז אויך אוועק אין זיין קאיוטע. אויף מארגען פריה, דעם 19טען מערץ, בין איך באלד וויא איך בין אויפגעשטאנען וויעדער אוועק אין זאאל און זיך אוועקגעזעצט ביים פענס־טער. איך האב בעמערקט אז דיא "נאטילוס" פאהרט ניט אזוי שנעל וויא געכ־טען, אבער זיא שטייגט לאנגזאם און פארזיכטיג אלץ העכער און העכער. מיין נייגעריגקייט איז פון מינוט צו מינוט געווארען גרעסער. איך בין געווען העכסט אונגעדולדיג. איך האב זעהר געוואלט וויסען וואס דיא ענדע וועט זיין. וועלען מיר ארויסקומען פון אונטער דיא אייז־בערג אויף'ן פרייען מעער, אדער קא־פיטאן נעמא הויבט אויף דיא שיף צוליעב אירגענד וועלכע אנדערע אבזיכ־טען?

דיא שיף האט פלוצלונג א שטארקען ציטער געטהאן. איך האב געפיהלט אז זיא האט זיך אין דער הויך אן עטוואס אנגעשטויסען און זיא האט זיך באלד ארונטערגעלאזט ניעדעריגער. איך האב דערפון פערשטאנען, אז קאפיטאן נעמא האט עם בלויז געמאכט א פראבע, פיליכט וועט דיא שיף קענען אויפ־ברעכען דעם אייז. אבער דיא דיקע, קאלטע סטעליע איז געווען שטארק גענוג און האט געקענט וויעדערשטעהן דעם קלאפ פון דעם שטאהלענעם ריעז. מיר

זיינען דאַמאַלס געווען טויזענד פוס טיעף. דאָס האָט אַלזאָ בעוויזען, אַז דער אייז איבער אונז איז דיקער וויא אין דיא געגענד פון וועלכע מיר זיינען אָב־געפאָהרען. אין פערלויף פון יענעם טאָג האָט דיא "נאָטילוס" אייניגע מאָל פּראָבירט צוקלאַפּען דעם אייז פון אויבען, אָבער עס איז ניט געלונגען. א פּאָר מאָל האָב איך דורך'ן מאַנאָמעטער גע:אוסט, אַז דער אייז איז פּילייכט צוויי מאָל אזוי דיק וויא פריהער. דער גאַנצער טאָג איז כמעט קיין ענדערונג אין דיעזער הינזיכט געווען.

עס איז שוין געווען אכט אוהר אבענדס. ביי געוועהנליכע אומשטענדען וואָלט מען שוין גענדערט מיט פיער שטונדען פריהער דיא לופט אין שיף אָבפרישען. דיא געפערסטע לופט פון דיא לופט־בעהעלטער האָט מען נאָך אויך ניט בענוצט, דאָך האָב איך ווייניג וואָס שווערקייט אין אָטהעמען גע־פיהלט. דיא טעמפּעראַטור איז געווען כמעט וויא געוועהנליך און וויא מיר האָט אויסגעוויזען, וועלען מיר נאָך קענען א היבשע שטיקעל צייט אויסקומען אָהן נייע, פרישע לופט. איך האָב דיא גאַנצע צייט ניט אָבגעטראָטען פון מאַ־נאָמעטער. איך האָב אַלץ געקוקט וויא טיעף מיר געפינען זיך אונטער דיא אָבערפלעכע פון אייז און דערפון אויסגערעכענט וויא דיק דער אייז איז אי־בער אונז. יעדעס מאָל, ווען דער דעק פון דער "נאָטילוס" האָט בעריהרט דעם אייז, האָב איך דורך'ן מאַנאָמעטער געוואוסט גענוי וויא ווייט מיר זיינען פון דעם אויבערשטען אייז־שפּיגעל.

יענע נאכט בין איך געשלאָפען זעהר אונרוהיג. מורא און האָפנונג האָ־בען מיך ניט געלאָזט איינרוהען. אייניגע מאָל בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין געלעגער שפּירענדיג וויא דיא שיף טהוט א קלאַפּ דעם אייז פון אויבען. איך בין יעדעס מאָל געלאָפען צום מאַנאָמעטער און איך האָב אויסגעפונען, אז דער אייז וואָס שיידעט אָב אונזער שיף פון דער אויבערשטער אטמאָס־פערע ווערט אַלע מאָל דינער. דאָס האָט מיך געמאכט מעהר אונגעדולדיג. איך האָב געהאָפט, אז קירצליך וועלען מיר דאָך ארויפקומען אין דער הויך און איך האָב יענעם מאָמענט ערוואַרטעט.

ענדליך ארום דריי אוהר פאַרטאָג האָב איך בעמערקט, אז בלויז 150 פוס שיידען אונז אָב פון דער אָבערפלעכע פון פערפראָרענעם ים. צו מיין פרייד איז קיין ענדע ניט געווען און איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון צופריעדענהייט. אום זעקס אוהר אין דער פריה, דעם 19טען מערץ האָט זיך דיא טהיר פון זאאַל געעפענט און דער קאַפּיטאַן איז אריינגעקומען.

— דער ים איז פריי, הערר פּראָפעסאָר! — האָט ער אויסגערופען און איז באַלד פערשוואונדען.

14טעס קאפיטעל

דער זיד־פאָל

עס איז מיר אונמעגליך צו שילדערען וויא איך האָב געפיהלט הערענ־דיג קאפיטאן נעמאָ'ס ווערטער. איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען אזוי איבערראשט און ענטציקט געווען, וויא אין יענעם מאָמענט. איך בין שנעל ארויפגעלאָפען אויף'ן דעק און זיך איבערצייגט, אז דאָס וואסער ארום איז פריי. בלויז איינצעלנע שטיקלאך אייז שווימען אום פון ווייטען. הינטער אונז, אנטקעגען אונז און איןביידע זייטען פון אונזער שיף, רעכטס און לינקס, אויף דער גאנצער אָבערפלעכע פון מעער זעהען זיך פויגלאך אין דער לופט און מאַסען פיש שווימען ארום אין דיא וואסערען, וועלכע זיינען ערטערווייז בלאָה, אָדער גראָז־גרין. דיא טעמפעראטור איז געווען ניט שטארק קאַלט. עס האָט אויסגעזעהן אז דאָרט, הינטער דיא אייז־בערג, איז פריהלינג; אז עס פאנגט זיך אָן א לעבעדיגע וועלט הינטער דער טויטער פערפראָרענער שטיקעל וועלט, אונטער וועלכע מיר זיינען דורכגעפאָהרען.

— זיינען מיר שוין ביים פאָל? — האָב איך העכסט איבערראשט גע־פרעגט דעם קאפיטאן.

— איך וויים ניט! — האָט ער געענטפערט — מיטאָג צייט וועלען מיר נאָך דער זונן בעשטימט וויסען וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

— אָבער וועט זיך דיא זונן היינט בעווייזען? — האָב איך געפרעגט בעטראכטענדיג דעם פערוואָלקענטען הימעל.

— אויב זיא וועט זיך בעווייזען בלויז אויף איין ווייל, וועט גענוג זיין פאר מיר מיינע פאָרשונגען צו מאכען — האָט נעמאָ געענטפערט.

אומגעפעהר צעהן מייל וויים פון אונז צו דרום זייט, האָט זיך געזעהן א קליינער אינזעל, אריבער דריי הונדערט פוס הויך. דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען דירעקט צו יענעם אינזעל אָבער זעהר פאָרזיכטיג. דער קאפיטאן האָט וואהרשיינליך מורא געהאט, אז אונטער'ן וואסער געפינען זיך פערבאָר־גענע פעלזען און ער האָט געוואָלט פערהיטען א צוזאמענשטויס. א שטונדע שפעטער זיינען מיר צו יענעם אינזעל אָנגעקומען, און אין פערלויף פון דיא נעכסטע צוויי שטונדען זיינען מיר איהם ארומגעפאָהרען ארום און ארום. ער איז בלויז געווען פיער אָדער פינף מייל אין דער לענג און אין דער בריים. ביי איין זייט האָט זיך דער אינזעל אָבגעטהיילט פון לאנד בלויז מיט א שמאָ־לען קאנאל. יענע טרוקענע לאנד האָט געשיינט צו זיין זעהר גרויס. קיין ברעג האָבען מיר ניט געזעהן, ניט מיט אונזערע אָפענע אויגען און אויך ניט דורך טעלעסקאָפען. מיר האָבען דאן איינגעזעהן, אז דיא טהעאָריע פון דעם אמע־

ריקאנער געלערענטען מארי, וועלכער איז משער, אז הינטער דיא אייז־בערג ביים זיד־פאל געפינט זיך אן אונבעוואוסטע שטיק לאנד, איז ריכטיג. מיסטער מארי ערקלערט נעמליך, אז אייז־בערג קענען זיך ניט בילדען אין מיטען ים, זאנדערען ביי ברעגען פון יבשה. ער שליסט דארום דערפון, אז דיא אייז פעל־דער און אייז־בערג, וואס פאנגען זיך אן פון זעכציגסטען גראד, ענדיגען זיך ביי טרוקענע לאנד ביים זיד־פאל. הערר מארי האט עס בלויז פערשטאנען מיט'ן שכל און מיר האבען עס געזעהן מיט אונזערע אויגען.

דיא "נאטילוס" איז געבליבען שטעהן ביי א האלב מייל ווייט פון דאס לאנד. נעמא האט מורא געהאט טרייבען דיא שיף ווייטער, ווייל דער ברעג איז געווען צו פלאך פאר אזא ריעזען־שיף וויא דיא "נאטילוס". מען האט ארונ־טערגעלאזט א שיפעל, אין וועלכע קאפיטאן נעמא מיט צוויי מאטראזען זיי־נען ארונטערגעגאנגען, מיטנעהמענדיג דיא אינסטרומענטען, דורך וועלכע אויס־צוגעפינען דעם ריכטיגען פונקט וואו מיר געפינען זיך. איך און קאנסייל זיינען אויך ארונטער אין שיפעל. נעד לענד איז ניט געווען אויף'ן דעק, וואהר־שיינליך ווייל ער איז ברוגז געווען וואס דיא שיף האט אונז געבראכט צו אונבעוואוסטע און אונבעוואהנטע לאנד און ער האט זיא זאגאר ניט געוואלט אנקוקען. עס האט בלויז א קליינע ווייל געדויערט ביז מיר זיינען צוגעקור־מען צום ברעג. קאנסייל איז שטארק איבערראשט געווען און וויא נור דיא שיפעל האט זיך אבגעשטעלט, איז ער אויפגעשפרונגען און געוואלט ארונטערלויפען אויף דיא טרוקענע ערד, אבער איך האב איהם צוריקגעהאלטען.

— מיין הערר — האב איך זיך אבגערופען צו קאפיטאן נעמא — צו אייך בעלאנגט דיא עהרע דער ערשטער צו בעטרעטען דעם באדען פון דאס ניי ענטדעקטע לאנד.

— יא, מיין הערר! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — דאס איז ווירקליך אן עהרע צו שטעלען א פוס אויף א לאנד וואס קיין מענשליכעס וועזען האט נאך קיינמאל ניט בעטראטען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער שנעל ארויסגעשפרונגען אויף'ן זאמד, און אויף זיין געזיכט איז געווען צו בעמערקען וויא טיעף ער איז געריהרט, בע־טראכטענדיג מיט גליהענדע בליקען דעם אונבעקאנטען באדען, וועלכען ער האט ענטדעקט. איך און קאנסייל האבען דעם קאפיטאן נאכגעפאלגט; דיא צוויי מאטראזען אבער זיינען פערבליבען אין שיפעל.

דער באדען, וויא ווייט מען האט איהם געקענט בעטראכטען, האט גע־האט א רויטליכען אויסזעהן. דיא ערד איז דורכאויס געווען בעדעקט מיט א רויטליכע מאסע אזוי וויא צושטויסענע ציעגעל, ברעקלאך לאווא אדער פימ־שטיין. מען האט לייכט געקענט פערשטעהן, אז אירגענד וואו אויף דיעזען לאנד געפינט זיך א וואולקאן, וועלכער ארבייט נאך וואהרשיינליך און שפיים

מיט פייער, דען עס האט זיך געהערט א שטארקער שוועבעל גערוך און די רויטע מאסע אויף דער ערד האט אויך געשיינט צו זיין פון די שטויב פון א וואולקאן. דאך ארויפגעהענדיג אויף א הויכען פלאץ, האב איך אין א קרייז פון איינינע מיילען ארום קיין קראטער (וואולקאן עפענונג) ניט בע־מערקט.

די פרוכטבארקייט פון יענע געגענד איז געווען זעהר ארעם. אויף די נאקעטע, שווארצע פעלזען האבען זיך געזעהן איינינע פלאנצען, אבער זעהר מאגערע און ניט געראטענע, אזוי וויא די וואס וואקסען געוועהנליך אין וויסטעניסע.ביים ברעג וואסער ,יינען געלעגען פיעלע מאלוסקען (ווייך־טהיערע), מושעלען און אנדערע קליינע בעשעפעניסע. עס האבען דארט אויך געזשומעט מיליארדען פליעגען, וועלכע זיינען די ליעבלינג שפייז פון וואלפישען. די זע פליעגען זיינען בעקאנט אונטער דעם נאמען "קליאסען". זיי זיינען עטוואס מעהר וויא אן אינטש לאנג. א וואלפיש קען איינשלינגען א וועלט מיט אזעלכע ברואים'לאך מיט איין מאל.

דאגעגען איז אבער די לופט געווען זעהר רייך בעלעבט. פויגלען פון פערשיעדענע זארטען און גאטונגען זיינען אומגעפליגען און אומגעפלאטערט טויזענדעוויז. אנדערע האבען גאנץ געדיכט בעדעקט די פעלזען ביים וואסער, האבען געקוקט אויף אונז גאר אהן שרעק און זאגאר צוגעפליגען נאהענט צו אונז. עס זיינען צווישען זיי געווען פינגווינס (פעט־געגנז אין דייטש), וועלכע זיינען אין וואסער פלינק און בעוועגליך אזוי וויא פיש. אבער אויף דער טריקעניס קענען זיי זיך קוים בעוועגען. די זע פויגלען האבען ארויסגעלאזט אזעלכע קולות, אז עס האט אונז איינפאך געקלונגען אין די אויערען. מיר האבען דארט אויך געזעהן אלבאטראסען, וועלכע בעזיצען פליגעל וואס זיינען איבער דרייצעהן פוס לאנג. דארט האבען זיך אויך געפונען גאנצע מחנות שטורם־פויגלען, בלאה און ווייס, מיט ברוינע פליעגלען. די זע פויגלען זיי־נען אזוי דיק, אז זייער לייב בעשטעהט איינפאך פון חלב אדער געדיכטע אויל. אויף די פאראי אינזלען, וואו זיי געפינען זיך פיעל, ווערען זיי פון די איינוואהנער בענוצט אלס לייכטונגס־מיטעל. מען טויטעט א פויגעל, מען שטעקט אין איהר אריין א קניטעל און עס ברענט אקוראט אזוי וויא א ליכט אדער אן אויל־לאמפ.

ווען איך האב עס קאנסייל'ן געזאגט, האט ער בעמערקט:

— שאדע וואס די נאטור האט די זע פויגלען ניט צוגעגעבען קנויטען. ווען זיי האבען נאך דאס אויך, וואלטען זיי געווען פערטיגע נאטור־לאמפען.

ביי א האלב מייל ווייטער זיינען אויף דער ערד געווען מאסען נעסטען פון א אנדער מין פויגלען. די נעסטען האבען זיך געצעהלט פיליכט אין די טוי־זענדער. עס איז געווען א פויגעל־שטאאט, א מדינה פון געפליעגעלטע ברואים.

דיעזע פויגלען זיינען געווען גרויס אזוי וויא גענז און זיי האָבען געברומט אזוי וויא עזלען. זיי זיינען פאר אונז ניט אנטלאָפען און עס איז געווען לייכט זיי צו פאנגען אָדער טויטען מיט א שטיין אָדער מיט וואָס עס איז. מען האָט ניט גערדאַרפט זיין קיין געניטער יעגער אָנצופיהרען א יאגד אויף זיי. קאפיטאן נעמאָ האָט פיעלע פון זיי געכאפט מיט דיא הענד און זיי האָבען זיך ניט געוועהרט. דיא געגענד איז נאָך אלץ געווען איינגעוויקעלט אין א דונקעלען נעבעל, דער הימעל פערוואָלקענט און דיא זונן האָט זיך ניט בעוויזען, אָבוואָהל עס איז שוין געווען עלף אוהר פאָרמיטאָג. איך בין דערפון זעהר אונרוהיג געווען, ווייל אויב דיא זונן וועט זיך ניט בעווייזען ביז האלבען טאָג, וועט ניט מעגליך זיין צו וויסען דעם ריכטיגען פונקט וואו מיר געפינען זיך און מיר וועלען פערבלייבען אין ספק, אויב מיר האָבען דערגרייכט דעם זיד־פאָל אָדער ניט. קאפיטאן נעמאָ איז געשטאנען א היבשע שטרעקע ווייט פון אונז, אָנגעשפארט אָן א פעלזען און זיינע אויגען זיינען געווען געריכטעט צום הימעל. אויף זיין געזיכט איז געווען צו דערקענען, אז ער איז בייז, אונגעדולדיג און צוטראָגען. איהם האָט וואהרשיינליך פערדראָסען וואָס ער קען ניט בעהערשען דיא זונן, אקוראט וויא ער בעהערשט דעם מעער.

עס איז געקומען מיטאָג צייט און דיא זונן האָט זיך נאָך אלץ ניט בעוויזען. אונטער דעם געדיכטען וואָלקען איז זאָגאר ניט געווען צו בעמערקען וואו דיא זונן געפינט זיך. באלד האָט עס אָנגעהויבען שנעען און מיר זיינען שוין זיכער געווען, אז יענעם טאָג וועלען מיר שוין קיין זאך ניט וויסען.

— מיר מוזען ווארטען אויף מאָרגען! — האָט קאפיטאן נעמאָ מיט א טאָן פון פערצווייפלונג געזאָגט, און באלד האָבען מיר זיך געזעצט צוריק אויף'ן שיפעל און אָבגעפאָהרען צו דער "נאָטילוס".

וועהרענד דיא צייט פון אונזער אָבוועזענהייט האָט מען פון דער "נאָטילוס" אויסגעשטעלט דיא נעטצען און איך האָב מיט פיעל אינטערעסע בעטראכט דיא געפאנגענע פישען וואָס מען האָט ארויפגעצויגען. אין דיעזע פאָלאר־וואַסערען געפינען זיך אייניגע זאָרטען וואנדער־פישען, וואָס קומען אהין פון דיא העכערע וועלט־געגענדען, וואו זיי זיינען ווייניגער זיכער וויא אין דיעזע איינזאמע מעערען, אָבוואָהל דאָרט האָבען זיי אויך שונאים און זיי פאלען אָפט אריין אין דיא שארפע צייהן פון מעער־שווינען און אנדערע רויב־טהיערע פון ים.

דער שנעע שטורם איז זעהר שטארק געוואָרען און מיר האָבען אויף'ן דעק ניט געקענט פערבלייבען. זיצענדיג אין זאאל ביים שרייב־טיש האָב איך געהערט דיא געשרייען פון דיא שטורם־פויגעל און אלבאטראָסען, וועלכע פיהלען זיך מונטער און אָנגעפרישט ביי אזעלכע וועטערען. זיי האָבען הנאה פון שנעע און שטורם, אקוראט וויא זומער־פויגעלאך פון ליעבען זומער. דיא

נאַטור האָט זיי בעשאַפען מיט אַזאַ אינסטינקט, אום דאָס לעבען אין דיא קאַלטע געגענדען זאָל זיי זיין אַנגענעהם און זיי זאָלען קענען עקזיסטירען אויף דער וועלט. דיא "נאַטילוס" איז געשוואומען ווייטער צו דרום זייט און מיר זיינען אָבגעפאָהרען ביי אַ צעהן מייל פון דעם פּלאַץ וואו דיא שיף איז פריהער געשטאַנען. דיא געגענד איז געוועזען האַלב בעלויכטען פון דער זונן וואָס האָט זיך אָנגעהויבען בעוויזען פון אונטער דיא וואָלקענס, ביים ברעג פון האָ־ריזאָנט.

אויף מאָרגען, דעם 20טען מערץ, האָט דער שנעע אויפגעהערט. דערפאַר איז אָבער שטאַרק קאַלט געוואָרען. דער נעבעל האָט ארויפגעשטייגט און מען האָט געקענט האָפען, אַז אין דיעזען טאָג וועט מען קענען מאַכען דיא אונטער־זוכונגען נאָך דעם גאַנג פון דער זונן און מיר וועלען ערפאַהרען פּינקטליך וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

דיא "נאַטילוס" איז געשטאַנען ניט ווייט פון ברעג. קאַפּיטאַן נעמאָ איז ערגיץ געוועזען אין זיין קאַיוטע אָדער אירגענד אַנדערשוואו אין שיף און ער האָט זיך אויף'ן פּלאַטפאָרם ניט בעוויזען. איך און מיין דיענער קאָנ־סייל האָבען זיך דערווייל אריינגעזעצט אין אַ שיפעל און מיר זיינען צוגעפאָה־רען צום לאַנד. אויף דאָרט איז דער באָדען געוועזען בעדעקט מיט אַ רויטע מאַסע פון וואולקאַנישע באַסאַלט־שטיינער, אָבער קיין קראַטער האָבען מיר דאָרט אויך ניט געזעהן. אויסער דיא מאַסען פויגלען זיינען דאָרט אויך געוועזען פיעלע זויג־טהיערע פון מעער, וועלכע האָבען אויף אונז געקוקט מיט זאַנפטע בליקען. מיר האָבען דאָרט געזעהן ים־הינד פון פערשיעדענע זאָר־טען. אַ טהייל פון זיי זיינען געלעגען אויף דער טרוקענער ערד, פיעלע אַנדערע האָבען זיך ארומגעטריבען אין וואַסער צווישען שטיקער שווימענדע אייז און מאַנכע זיינען ארויסגעקומען אויף'ן ברעג און געשפרונגען צוריק אין וואַסער. דאָס איז ביי זיי געוועזען אַ מין שטיפעריי אָדער אַ שפּיעל, פון וועלכען זיי האָבען זיך אַמוזירט. זיי האָבען ניט געוואוסט, דיא דאָזיגע ברואים, וואָס פאַר אַ געפעהרליכע בעשעפענים דער מענש איז און זיי זיינען פאַר אונז ניט אַנטלאָפען, ווען זאָגאַר מיר זיינען צו זיי גאַנץ נאָהענט צוגעגאַנגען.

— עס איז ווירקליך גוט וואָס לענד איז מיט אונז אַהער ניט געקומען — האָט קאָנסייל צו מיר געזאָגט — אַזאַ ליידענשאַפטליכער יעגער וויא ער איז, וואָלט דיעזע אַלע אונשולדיגע ברואים באַלד פּערטיג געמאַכט.

— אַלע, איז צופיעל געזאָגט! — האָב איך לאַכענדיג ערוויעדערט — עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אונזער קענעדע'ר וואָלט אייניגע פון דיעזע טהיערע געטויטעט מיט זיין האַרפּון אָדער מיט אַ ביקס, אָבער אויסראָטען אַלע וואָס זיינען דאָ פאַראַן, איז ניט פאַר זיינע כחות. און ווען ער זאָל איי־ניגע פון זיי האַרפּונירען, וואָלט עס קאַפּיטאַן נעמאָ זעהר ניט געוואָלט ליידען,

ווייל ער איז שטארק ניט צופריעדען מען זאָל אָהן נוצען פערגיסען דאָס בלוט פון אונשעדליכע בעשעפעניסע.

— און ער האָט פאָלקאָמען רעכט! אָבער וויל דער הערר מיר ערקלערען דיא נעמען פון דיעזע ברואים?

— דאָס זיינען סילס (ים־הינד) און מאָרסען (ים־פערד), און מיר האָבען ערשט א גוטע געלעגענהייט זיי גענויער צו בעטראַכטען.

עס איז געווען אכט אוהר אין דער פריה. מיר האָבען נאָך אלזאָ געהאט פיער שטונדען ביז מיטאָג. מיר זיינען אוועק צו א גרויסען נאַטירליכען האפען, וואָס איז געווען ארומגערינגעלט מיט גראניט שטיינער. דאָרט האָבען זיך געפונען נאָך מעהר זויג־טהיערע. דער גאנצער ברעג און דאָס וואסער ארום איז געווען בעדעקט מיט דיא ים־חיות, און ניט ווילענדיג האָבען מיינע בליקען געזוכט דעם מיטהאָלאָגישען פאסטוך פראָטעאוס, וועלכער פיטערט דיא סטאַדעס פון דעם מעער־גאָט נעפטון, וויא דיא גריכישע לעגענדע דערצעהלט. דאָרט זיינען געווען מעהר סילס (ים־הינד) וויא אנדערע טהיערע. גרופפען־ווייז אָדער פאמיליען־ווייז זיינען זיי אומגעשוואומען, אָבגעזונדערט איינע פון די אנדערע. דיא וואָס האָבען זיך געפונען אויף דער יבשה זיינען אויך געלעגען גרופפען־ווייז. דער "ער" האָט בעוואכט די האלב־ערוואקסענע קינדער און די "זיא" האָט געזויגען און געצערטעלט דיא גאנץ יונגע קינדער. זייערע בעוועגונגען אויף דער ערד זיינען געווען שווער, קוים וואָס זיי האָבען זיך געריהרט, אָבער אין וואסער האָבען אפילו דיא קלייניווארג אומגעשוואומען פארטרעפליך, און עס איז געווען אינטערעסאנט צו קוקען וויא זיי האָבען מאנעווורירט און געקוקט מיט זייערע סאמעט־שווארצע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן שעהן, מילד און צויבערהאפט, אזוי וויא ביי א שעהנע פרויענצימער. איך האָב מיין דיענער ערקלערט, אז ביי דיעזע ברואים זיינען דיא געהירען ענטוויקעלט מעהר וויא ביי אלע אנדערע זויג־טהיערע. אין דיעזער הינזיכט שטעהן דיא סילס אין דער צווייטער רייהע פון מענשען, וועלכער איז דער בחיר כל היצורים — דער פאָל־קאָמענסטער פון אלע בעשעפעניסען. מען קען דארום דיעזע חיות איינינגערמאַסען בילדען, און ווען מען זאָל זיך נעהמען דיא מיה זיי צו לערנען, וואָלט מען פון זיי געקענט מאכען גוטע יאגד־הינד צו פאנגען פיש אָדער אנדערע ברואים אין ים. צווישען אנדערע חיות האָבען מיר דאָרט אויך געזעהן זעע־עלעפאנטען, מיט קורצע בעווענליכע שנויצען. דיא גרעסערע פון זיי זיינען אריבער דרייסיג פוס לאנג און צוואנציג פוס דיק. זיי האָבען זיך אויך פון אָרט ניט געריהרט, ווען מיר זיינען צו זיי נאָהענט צוגעקומען.

— זיינען דיעזע טהיערע געפעהרליך? — האָט קאָנסייל געפרעגט.

— ניין. מען דארף זיי נור ניט אָנגרייפען. ווען אָבער מען אטאקירט זיי אָדער מען וויל בייזעס טהאָן זייערע קינדער זיינען זיי געפעהרליך. פער־

טהיידיגענדיג זייערע קליינוווארג קענען זיי א פישער־שיפעל צוברעכען אויף פיטצלאך. זיי זיינען נור גוט און פריעדליך ווען מען טשעפעט זיי ניט, קוים אָבער פאנגט מען זיך מיט זיי אָן זיינען זיי שרעקליכע מזיקים.

— זיי האָבען פאָלקאָמען רעכט — האָט קאָנסייל געזאָגט.

— ווער זאָגט דען אז ניט? — האָב איך זיך אָבגערופען — יעדעס לעבעדיגעס וועזען האָט דאָס רעכט צו פערטהיידיגען זיך פון שונאים. ווען ניט דיעזער אינסטינקט, ווען ניט דיעזער געפיהל, וואָלטען פיעלע ברואים פון דער וועלט אָבגעמעקט געוואָרען.

צוויי מייל ווייטער זיינען מיר געקומען צו א קליינעם בערגעל, ביים דרום זייט פון האפען, וועלכער פאלט אראָב אזוי וויא א גלייכע וואנד אין מעער. הינטער דיעזען בערגעל האָבען מיר געהערט א געוואלדיגען ברילען, אזוי וויא פון א גאנצע סטאדע בהמות.

— זעהר שעהן, א קאָנצערט פון אָקסען! — האָט קאָנסייל געלאכט.

— ניין — האָב איך זיך אָבגערופען — דאָס איז א קאָנצערט פון מאָר־סען אָדער ים־פערד. זיי שרייען אזוי אין דער צייט ווען זיי קעמפפען צווישען זיך, אָדער ווען זיי שפיעלען זיך.

מיר האָבען אָנגעהויבען אריבערשטייגען דעם פעלזען־בערגעל, אויס נייע־געריגקייט צו זעהן וואָס דאָרט געהט פאָר. עס איז געווען א שווערע שטיקעל וועג. מיר האָבען זיך זעהר אָפט אויסגעגליטשט אויף דיא גלאטע שטיינער און מיר האָבען זיך געמוזט אָנהאַלטען איינער אָן דעם אנדערען. קאָנסייל איז געווען געשיקטער אויף דיא פיס וויא איך און מיט זיין הילף האָבען מיר ענדליך ארויפגעקלעטערט אין דער הויך. מיר האָבען פון דאָרט געזעהן א פלאכען טהאָל, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט מאָרסען. דיא טהיערע האָבען זיך לוסטיג געשפיעלט אָדער געשטיפט. זיי זיינען ארומגעשפרונגען, אומגעטאנצט און געשטויסען איינע דיא אנדערע פון פערגעניגען וועגען.

דיא מאָרסען אָדער דיא ים־פערד זיינען מערקווירדיגע ברואים. דער גע־בוי פון זייער קערפער איז כמעט עהנליך צו א סיל (ים־הונד), מיט דעם אונ־טערשיעד וואָס זיי, דיא מאָרסען בעזיצען צייהן, וועלכע זיינען געשליפען גלאט און וויים אזוי וויא עלעפאנט־ביין. דיא צייהן זייערע האָבען א גרויסען ווערטה און דארום ווערען דיעזע ברואים פערפאָלגט פון יעגער און מעגליך, אז מיט דער צייט וועט מען זיי אין גאנצען אויסראָטען. אין דיא מעהר בעזוכטע נאָרד־געגענדען זיינען זיי זעהר שרעקעדיג, ווייל זיי וויסען, אז זיי קענען זעהר אָפט בעפאלען ווערען פון יעגער, און ווען עס קומט זיי אויס אירגענד וואו אוועקצולייגען זיך רוהען, שטעלען זיי אויף וויים ארום וועכטער, וועלכע גיבען זיי צו וויסען אין פאל ווען א געפאהר קומט. דאָ אָבער וואו זייער ביטערער פערפאָלגער, דער מענש האָט זיך נאָך ניט בעוויזען, זיינען דיא טהיערע גאנץ

רוהיג און צוטרוילך. מיר זיינען דארום א לאנגע צייט געשטאנען גאר ניט וויט פון זיי און זיי האבען זיך פאר אונז ניט געשראָקען.

ווען איך האָב דיעזע ברואים גענוי בעאָבאכטעט און בעטראכט, האָב איך בעשלאָסען צוריק צו קעהרען צו דער "נאָטילוס". דער זייגער איז שוין געווען עלף און וויא עס האָט אויסגעזעהן, וועט דיעזען טאָג אויך אונמעגליך זיין אויפצונעהמען דיא זונן־צייכענס, אום צו וויסען גענוי, אויב מיר זיינען שוין ביי'ם פאָל אָדער ניט, ווייל דאָס מוז געשעהן אום האלבען טאָג און קיין זונענשיין האָט מען פארלויפיג ניט געזעהן. אונטער'ן הימעל האָבען אומגע־שוועבט גרויסע שטיקער וואָלקען, וועלכע האָבען דיא זונן פערפינסטערט און איך האָב שטארק געצווייפעלט, אויב דיא קעניגין פון טאָג וועט זיך בעווייזען אין איהר פולען גלאנץ און פראכט. אין א האלבע שטונדע ארום זיינער מיר אָנגעקומען צו אונזער שיפעל. דאָרט האָבען מיר געפונען קאפּיטאן נעמאָ שטע־הענדיג ביי א פעלז מיט זיינע אינסטרומענטען און זיינע אויגען זיינען געווען געריכטעט צום הימעל, צום פונקט וואו דיא זונן האָט געדארפט ארויסקומען פון אונטער'ן וואָלקען. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהם שטיל און רוהיג און ערווארטעט דעם מאָמענט, ווען דיא זונן וועט זיך בעווייזען. דיא מיטאגס שטונדע איז שוין נאָהענט און גראדע, אזוי וויא צו להכעיס, בעווייזט זיך דיא זונן ניט. יעדע ווייל'ע דאכט זיך מיר, אז אָט פערשווינדעט דער וואָלקען און דיא זונן געהט ארויס פון איהר בעהעלטענים, אבער עס לאָזט זיך אויס אנדערש. עס איז אלזאָ זעהר א שלעכטע זאך. אויב עס וועט אונז מאָרגען אויך ניט געלינגען צו מאכען דיא בעאָבאכטונגען אויף דער זונן, דאן איז שוין פערפאלען. דאן וועט פאר אונז אליין פערבלייבען א געהיימניס, אויב מיר האָבען דערגרייכט דעם זיד־פאָל אָדער ניט. יענער טאָג איז געווען דער 20טער מערץ און פון דעם 22טען מערץ פאנגט זיך אין יענע געגענד אָן דיא זעקס מאָ־נאטען לאנגע נאכט. מאָרגען וועט אלזאָ דיא זונן מיט איהרע לעצטע שטראה־לען בעלייכטען דעם נאָרדליכען ברעג הימעל און דאן וועט זיא אונטערגעהן און זיא וועט זיך ערשט בעווייזען אין א האלב יאָהר ארום. איך האָב מיין בעדויערען אויסגעדריקט פאר'ן קאפּיטאן.

— איהר האָט רעכט, הערר אראָנאקס — האָט ער צו מיר געזאָגט — אויב מיר וועלען מאָרגען אויך ניט קענען בעווייזען אויפצונעהמען דיא זוננען־צייכענס, דאן קענען מיר עס מעהר ניט טהאָן. יעדענפאלס, וועל איך שוין פון דאנען מיט ליידיגען ניט אוועקפאָהרען. אז דער צופאל האָט מיך שוין יא אהער געבראכט, וועל איך מיך שוין ערקונדיגען, אויב מיר האָבען ענטדעקט דעם זיד־פאָל אָדער ניט.

— וויא אזוי וועט איהר עס מאכען? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— איך וועל עס אויסרעכענען נאָך דעם אָבשיין פון דיא זוננען־שטראה־

לען, וואס דרינגען ארויס פון אונטער דיא וואלקענס. אויב דיעזער רעכענונג וועט ניט זיין אזוי פינקטליך מאכט אויך ניט אויס, ווייל קיין גרויסען טעות קען איך ניט מאכען.

דער קאפיטאן איז אוועקגעפאהרען צוריק צום שיף און איך מיט מיין דיענער זיינען פערבליבען אויף'ן לאנד ביז פינף אוהר נאכמיטאג. מיר האבען דארט וויעדער אויף יעדען שריט און טריט געהאט צו בעוואונדערען דיא מערקווירדיגקייט פון דער נייער אונבעקאנטער שטיק וועלט. פערבייגענדיג האב איך געפונען אן איי פון א מין פויגעל. דיא איי איז געווען זעהר גרויס, אויסערגעוועהנליך גרויס, פון גרויען קאליר, מיט שטרייפען און צייכענס, וואס האבען אויסגעזעהן אזוי וויא דיא פערצייטיגע עגיפטישע היראגליפען. פאר אזא זעלטענהייט וואלט יעדער אנטיקען-זאמלער זיכער געגעבען אמווייניג־סטען טויזענד פראנק. איך האב עס איבערגעגעבען קאנסייל'ען, וועלכער איז דערמיט געווען זעהר פארזיכטיג און עס געבראכט גאנץ אויף דער שיף.

אויף מארגען בין איך אויפגעשטאנען גאנץ פריה, ארום פינף אוהר. איך בין באלד ארויף אויף'ן דעק און איך האב דארט דעם קאפיטאן געטראפען.

— דאס וועטער שיינט קלעהרער צו ווערען — האט ער צו מיר געזאגט — איך האף אז ביז מיטאג וועט דער הימעל ווערען פאלשטענדיג ריין און מיר וועלען אונזערע בעאבאכטונגען קענען מאכען. נאך פריהשטיק וועלען מיר צו־פאהרען אויף'ן לאנד און מיר וועלען דארט אבזוכען א פאסענדען פלאץ דאפיר.

איך האב דיעזען מאל פארגעשלאגען לענד'ען, אז ער זאל מיט אונז אויך מיטפאהרען, אבער דער הארטנעקיגער האלבער פראנצויז האט מיר מיט כעס געענטפערט, אז ער וויל קיין אנטהייל נעהמען אין קיין זאך. זאגאר דיא אויס־זיכטען צו מאכען יאגד האט איהם דיעזען מאל אויך ניט געריידט. עס האט אויף איהם קיין איינדרוק געמאכט און ער איז געווען טרויעריג און פול מיט צארן.

מיר זיינען נאך פריהשטיק אוועקגעפאהרען. דיא "נאטילוס" איז אין פערלויף פון דער נאכט איינינגע מיילען צוריק אבגעשוואומען און ביים נא־הענטסטען ברעג האבען מיר געזעהן א בערגעל, אומגעפעהר פופצעהן הונדערט פוס הויך. פאהרענדיג האב איך געזעהן וואלפישען, פון דריי פערשיעדענע מינים, וועלכע געפינען זיך נור אין דיא וואסערען פון זידליכען וועלט-טהייל. דיעזע טהיערע פיהלען זיך דארט בעקוועם, ווייל זיי ווערען דארט ניט פערפאלגט פון מענשען און זיי שווימען ארום לוסטיג אין דיא רוהיגע וואסערען. איך האב דארט אויך בעמערקט א בעזונדער מין פון לאנגע ווייסע מאלוסקען, וועלכע לעבען גאנצע קאמפאניעס אדער געזעלשאפטען צוזאמען, און אויך אנדערע ברואים, וועלכע מען בעגעגענט זעלטען אין אנדערע ימים.

אום ניין אוהר האבען מיר געלאנדעט. דער הימעל האט זיך אנגעפאנגען

אויסלייטערען. דיא וואָלקענס האָבען זיך געצויגען נאָך זידען; דער טהוי האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם קאַלטען מעער־שפּיעגעל העכער אין דער לופט און עס איז געוואָרען העלער און ליכטיגער. קאַפּיטאַן נעמאָ איז צוגעגאַנגען צו יענעם בערגעל, ביים ברעג ים, אום פון דאָרט דיא בעאָבאַכטונגען צו מאַכען. דאָס ארויפשטייגען אויף'ן בערגעל איז אונז אָנגעקומען שווער. מיר האָבען געדאַרפט קלעטערען איבער שפּיציגע, וואולקאַנישע שטיינער און א שטאַרקער גערוך פון שוועבעל האָט אונז געמאַכט שווער צו אָטהעמען. איך האָב געדענקט, אז פאַר'ן קאַפּיטאַן, וועלכער איז שוין אָבגעוואָהנט פון טרוקענע לאַנד, וועט אונמעגליך זיין דיא שטיקעל וועג דורכצומאַכען, אָבער אין דיא ווירקליכקייט האָט ער זיך בעוועגט פיעל לייכטער און ער האָט געמאַכט שנעלערע טריט פון אונז.

צוויי שטונדען האָט ביי אונז געדויערט ביז מיר זיינען געקומען אויף'ן שפּיץ בארג, וועלכער איז דורכאויס געווען בעדעקט מיט פּאָרפירי און באַסאַלט־שטיינער. דיא פּאַנאָראַמאַ ארום איז געווען גרויסאַרטיג. אין איין זייט האָבען מיר געזעהן ווי דער אונענדליכער ים קומט זיך צוזאַמען מיט'ן הימעל. אין אַן אַנדער זייט ווידער האָבען געפינקעלט שנעע־פעלדער, וואָס האָבען געבלענדט דיא אויגען מיט זייער וואַסקייט, און איבער אונזערע קעפּ איז געווען פערשפּרייט דער ריין־בלויער הימעלס געוועלב. דיא "נאָטילוס" האָט פון וויטענס אויסגעזעהן אַזוי וויא א שלאָפענדער ריעזיגער וואַלפיש.

א פיערטעל פאַר צוועלף האָט זיך דיא זונן בעוויזען ביים ברעג פון נאָרדליכען הימעל. זיא האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א קיילעכדיגע שטיק גאָלד, וועלכע האָט געשיינט און געבליאַסקעט, שיקענדיג איהרע לעצטע שטראַהלען אויף דיעזער איינזאַמער און פערלאָזענער וועלט. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אָנגעשטעלט זיינע אַפּאַראַטען, אום דעם שטאַנד־פּונקט פון דער זונן ריכטיג אויסצומעסטען. איך האָב אויך דיא אינסטרומענטען בענוצט, אום אליין איבערצייגט צו זיין, אויב מיר זיינען אויף'ן פּאָל. אויב דיא זונן וועט פּונקט צוועלף אוהר ארייג־שיינען אין מיטעל פּונקט פון א געוויסע גלאָז, דאַן זיינען מיר ווירקליך ביים זיד־פּאָל, ביי דער ענדע פון ערד־קוגעל, וואו קיין מענש איז נאָך ביז יעצט ניט געווען.

— צוועלף אוהר! — האָב איך אויסגערופען מיט אַן אויפגערעגטע שטימע.

— דער זיד־פּאָל! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען, אָנצייגענדיג וויא דיא זונן שניידעט דורך דיא גלאָז פּונקט אין מיטען.

איך האָב בעטראַכט דיא לעצטע שטראַהלען פון דער זונן, וועלכע האָט זיך געזעגענט מיט יענע געגענד אויף פולע זעקס מאָנאַטען. א דונקעלהייט האָט אָנגעהויבען בעדעקען דיא ניעדעריגע טהיילען פון דאָס וויסטע לאַנד, איבער וועלכע עס וועט באַלד אָנפאַנגען הערשען א לאַנגע, האַלב יעהריגע נאַכט.

קאפּיטאן נעמאָ האָט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף מיין שולטער און האָט געזאָגט:

— איך, קאפּיטאן נעמאָ, האָב דעם 21טען מערץ, 1868, דערגרייכט דעם זיד־פּאָל ביים נײַנציגסטען גראד און איך נעהם דיא שטיק לאנד וואָס איך האָב ענטדעקט אונטער מיין שוץ. דאָס איז א זעקסטער וועלט־טהייל, וועלכער בעלאנגט צו מיר.

מיט דיעזע ווערטער האָט דער קאפּיטאן ארויסגעשטעלט א שווארצע פאָהן, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגענעהט א גרויסער גאָלדענער בוכשטאב "ען". ער האָט נאָך אמאָל בעטראכט דיא שטראהלען פון דער זונן, וועלכע האָבען אָבגעלויכטען אויף'ן ים און ער האָט אויסגעשריען:

— אדיע, זונן! פערשווינד און רוה אונטער דיעזען ים, און לאָז דיא פינסטערע נאכט דאָ הערשען איבער מיין נײַ ענטדעקטער לאנד!

מיר זיינען באלד ארונטער פון בארג און אָבגעפאָהרען צוריק צו דער "נאָטילוס".

15טעם קאפּיטעל

אין אַ געפענגניס פון אייז

דעם נעכסטען טאָג, דעם 22טען מערץ, אום זעקס אזייגער אין דער פריה האָבען זיך אָנגעפאנגען דיא פּאָרבערייטונגען צו דער צוריקקרייזע. דער לעצטער ליכט־שיין איז פערצווינען געוואָרען מיט א נאכט־דונקעלהייט. דיא קעלט איז געווען זעהר שטארק — אזוי שטארק, אז שטעהענדיג אויף'ן דעק האָט זיך אין גאנצען קערפּער געפיהלט א שטעכענדיגער שמערץ. שטיקער אייז האָבען זיך פערמעהרט אויף'ן ים און דאָס וואסער האָט איבעראל אָנגעהויבען צו פריהרען. וויא עס האָט אויסגעזעהן, איז יענער זידליכער אָפּענער מעער, אין דער צייט פון דיא ווינטער זעקס מאָנאטען, אָדער דורך דער לאנגער גרויסער לאנגער נאכט אויך בעדעקט מיט אייז. וואו וועלען זיך הינטהאָן דיא וואלפישען, ווען דער מעער וועט זיין פערצווינגען מיט אייז? וויא אזוי וועלען זיי קענען איבערטראָגען דיא שרעקליכע קעלטען און וויא אזוי וועלען זיי קענען לעבען אונטער'ן וואסער אָהן לופט? וואהרשיינליך, וועלען זיי אונטער דיא אייז־בערג דורכשווימען אין א ווארימערע געגענד, וואו דער ים איז אָפען, וואו זיי וועלען קענען אומשווימען פריי, אזוי וויא זיי זיינען דאָ פריי געווען ביז דיא פינסטערע, לאנגע און פראָסטיגע נאכט איז געקומען. פויגלען, האָבען מיר געזעהן, פליהען שוין אוועק סטאדעסווייז. זיי אנטלויפען פון דעם שרעקליכען ווינטער. דיא וואלפישען און אנדערע ים־טהיערע וואָס קענען ניט אריבערטראָגען קיין אונגעהייער גרויסע קעלט און וואָס מוזען האָבען א פרייען פּלאַץ צו אָטהמען, וועלען

וואהרשיינליך אויף אנטלויפען. וואָס אַנבעלאנגט סילס און מאָרסען, קענען זיי דאָרט אויף פערבלייבען. דיעזע ברואים זיינען אימשטאנד איבערצוטראָגען די שטארקסטע קעלטען און אום צו איינאטהמען פרישע לופט, האקען זיי אויס מיט זייערע שארפע צייהנער לעכער אין אייז און זיי האלטען עס שטענדיג אָפען, אום פון דאָרט צו יעדער צייט פרייע לופט צו בעקומען. וואלפישען קענען אזא זאַך ניט בעווייזען. זיי האָט די נאטור בעשטימט צו וואנדערען, צו זוכען א נייעם קלימאט, ווען איין קלימאט ווערט זיי אונערטרעגליך. איך בין אלזאָ געווען איבערצייגט, אז די סילס און די מאָרסען וועלען אין יענע געגענד פערבלייבען די איינציגע הערשער, ביז דער ווארימערער קלימאט וועט קומען און דער ים וועט ווערען אָפען אזוי וויא פריהער.

אונטערדעסען זיינען די וואסער רעזערוואוארס פון דער "נאָטילוס" אָנגעפילט געוואָרען און מיר זיינען לאנגזאם ארונטער אין מעער ביז טויזענד פוס טיעף. די שרובע האָט אָנגעפאנגען צו ארבייטען און די שיף איז געשוואומען נאָך נאָרדען מיט א שנעלקייט פון פופצעהן מייל א שטונדע. געגען אבענד זיינען מיר שוין געשוואומען אונטער די מעכטיגע אייז־בערג. די לאָדענס פון די פענסטער זיינען געווען געשלאָסען. וואהרשיינליך האָט קאפּיטאן נעמאָ געוואוסט, אז אונטער'ן וואסער שווימען אום שטיקער אייז און ער איז פאָרזיכטיג געווען, אז א צוזאמענשטויס מיט אן אייז־בארג זאָל די שויבען ניט צושמעטערען. ווען די פענסטער וואָלטען געווען אָפען, וואָלט איך פיליכט נייגעריג געווען צו קוקען וואָס אין ים טהוט זיך, אָבער אזוי וויא איך האָב ניט געקענט ארויסקוקען אין דער פינסטערער וואסער־וועלט, האָב איך זיך יענעם טאָג בעשעפטיגט אין בריינגען אין אָרדענונג מיינע שריפטען. מיינע געדאנקען זיינען אָבער געווען פערנומען און מיר איז מיין ארבייט אין קאָפּ ניט געקראָכען. פערשיעדענע עראינערונגען האָבען זיך געפלאָנטערט אין מיין מח. איך האָב פיעל געטראכט וועגען אלע פּאסירונגען וואָס האָבען מיט אונז פּאסירט וועהרענד די מערקווירדיגע רייזע אויף דער "נאָטילוס", וועגען די ענטדעקונג פון זיד־פּאָל און אנדע־רע איבערראשונגען וואָס איך האָב קיינמאָל ניט ערווארטעט, און איך האָב אויך פאנטאזירט וועגען וויטערע וואונדער און מערקווירדיגקייטען, וואָס די רייזע וועט מיר נאָך בעווייזען.

די קומענדע נאכט האָב איך אויך נור געטראכט וועגען די פערגאנגענהייט און פאנטאזירט וועגען די צוקונפט. איך בין זעהר אונרוהיג געשלאָפען. פערשיעדענע חלומות האָבען געשטערט מיין שלאָף און איך האָב זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען. אום דריי אוהר פארטאָג האָב איך פּלוצלונג דערפיהלט א שטארקען שטויס. איך האָב זיך אויפגעכאפּט און זיצענדיג אויף מיין בעטעל האָב איך זיך צוגעהערט וואָס עס געהט פאָר. באלד נאָכדעם האָט זיך די שיף אזוי שטאַרק א טרייסעל געטהאָן, אז איך בין ארונטערגעפאלען פון בעטעל און בין

געבליבען ליגען אויף'ן באָדען אין מיטען צימער. איך האָב בעמערקט, אז דיא "נאָטילוס" איז געבליבען ליגען פעסט אויף א זייט.

איך בין אויפגעשטאנען און האלטענדיג זיך ביי דער וואנד און טאפענדיג אין דער פינסטער, בין איך דורכגעקראָכען דעם קאָרידאָר און בין אריין אין זאאל, וואו עס איז געווען ליכטיג פון דעם אויבערשטען עלעקטרישען לאָמפּ. איך האָב געזעהן, אז דיא מעבעל איז געווען צוואוואָרפען, דיא פּאָרטרעטען פון דער לינקער וואנד זיינען געווען אָבגערוקט פון איהר אויף א פוס ווייט. בלויז דיא גלעזערנע קאסטענס, וועלכע זיינען געווען צוגעשרויפט צום באָדען זיינען געשטאנען אויף זייער אָרט. איך בין דאָן געווען איבערצייגט, אז דיא "נאָטילוס" ליגט אונבעוועגליך אויף איהר רעכטע זייט. איך האָב געהערט טריט אין שיף און פערשיעדענע שטימען רעדענדיג גאנץ הויך. קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך ניט בעוויזען און איך האָב גענומען ארויסגעהן פון זאאל, פילייכט וועל איך איהם אָנטרעפען און זיך פון איהם ערקונדיגען וואָס עס האָט פּאסירט. איידער איך בין פון זאאל ארויסגעגאנגען, זיינען נעד לענד און קאָנסייל אריינגעקומען.

— וואָס האָט דאָ פּאסירט? — האָב איך ביי זיי געפרעגט.

— דעם אנטוואָרט אויף דיעזער פראגע ווילען מיר פון דעם הערר ערפאהרען

— האָט קאָנסייל געענטפערט — ווייס דער הערר אויך ניט וואָס דאָ איז געשעהן?

— צום טייפעל! — האָט דער בייזער קענעדע'ר אויסגעשריען — איך ווייס גאנץ גוט, וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען. דיא "נאָטילוס" זיצט פעסט און וויא עס ווייזט אויס וועט זיא יעצט ניט אזוי לייכט קענען ארויסקומען וויא דאמאלס פון דיא טאָרעס סטרייטס.

— אָבער וויא אזוי איז עס געקומען? — האָב איך געפרעגט — זיינען מיר דען פון אויבען אויף'ן אייז?

— דאָס ווייסען מיר ניט! — האָט קאָנסייל געענטפערט — און דעריבער זיינען מיר געקומען פרעגען, פילייכט ווייסט עס דער הערר.

— מיר קענען עס באלד ערפאהרען — האָב איך זיך אָבגערופען.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף'ן מאַנאָמעטער און איך האָב צו מיין גרויסע איבערראשונג אויסגעפונען, אז מיר זיינען אריבער טויזענד פוס טיעף אונטער'ן וואסער. אויף דיעזען אופן איז דאָך גאנץ לייכט ארויסצולאָזען דיא וואסער פון דיא וואסער־בעהעלטער און דיא שיף וועט זיך אויפהויבען אין דער הויך איבער דעם אייז אָדער דעם פעלז אויף וועלכען זיא זיצט, היינט וויא קומט עס וואָס דער קאפּיטאן ווענדעט ניט אָן דיעזען מיטעל? איך האָב דיא זאך ניט געקענט פערשטעהן און איך האָב מיינע קאמעראדען ניט געקענט געבען קיין ערקלערונג דעריבער.

מיר זיינען ארויסגעגאנגען פון זאאל, אום דעם קאפּיטאן אויפצוזוכען

און פון איהם אן אנטוואָרט אויף דיעזער פראגע צו בעקומען. מיר האָבען איהם געזוכט איבעראל, אין ביבליאָטהעק, אין דער קאיוטע פון דיא מאנשאפט, ביי דיא מיטעלסטע טרעפ, אָבער מיר האָבען איהם דאָרט ניט געפונען. און ניט נור איהם אליין האָבען מיר ניט געפונען, זאָנדערן קיינעם ניט, אזוי וויא אלע מענ־שען פון שיף זאָלען אויף א געהיימניספאָלען אופן פלוצלונג פערשוואונדען ווערען אָדער אויסשטארבען. געהן זוכען דעם קאפּיטאן אין זיין קאיוטע האָב איך ניט געוואגט. איך האָב מורא געהאט, אז דאָס וועט איהם אין צאָרן אריינברייני־גען און איך קען נאָך פון איהם קריגען אָנגעזידעלט. איך האָב געדענקט, אז ער איז פיליי־כט אין שטייערמאן'ס שטיבעל, אָבער אהין האָב איך אויך ניט געוואָלט קומען אלס אונגעבעטענער גאסט.

מיר זיינען אריין צוריק אין זאאל און געווארט, פיליי־כט וועט דאָך דער קאפּיטאן קומען. נעד לענד איז געווען שטארק אויפגערעגט און ער האָט ניט אויפגעהערט צו ברומען און פלוכען. איך האָב ניט געפונען פאר נויטיג צו פער־פיהרען מיט איהם טענות און איך האָב איהם צורוה געלאָזט. אזוי זיינען פאָרי־בער אומגעפעהר צוואנציג מינוטען, דאן איז ענדליך קאפּיטאן נעמאָ אריינגע־קומען. אויף זיין געזיכט איז געלעגען א רוהיגע און קאלטע מינע, דאָך האָט מען אויף איהם געקענט בעמערקען אז ער איז עטוואָס צוטראָגען. ניט קוקענדיג אויף אונז איז ער צוגעגאנגען און בעטראכט דעם קאָמפּאס, דעם מאַנאָמעטער און אנדערע אינסטרומענטען. באלד נאָכדעם האָט ער א היבשע ווײלע געקוקט אויף דער ים־קארטע. איך האָב איהם ניט געוואָלט שטערען, אָבער ווען ער האָט אין א ווײלע ארום אויף מיר א קוק געטהאָן, האָב איך איהם געפרעגט:

— איז עפּעס א סבה געשעהן, העררך קאפּיטאן?

— ניין! — האָט ער געענטפערט — א שטיקעל צופאל דיעזען מאָל.

— אן ערנסטער צופאל?

— פיליי־כט.

— קען עס בריינגען צו געפאהר?

— ניין.

— קען זיך דיא שיף ניט ריהרען פון אָרט? און ווער איז אין דעם שולדיג?

— ניט מיר. פון אונזער זייט איז קיין אונפאָרזיכטיגקייט בעגאנגען גע־וואָרען. דיא נאטור האָט אונז ערשט אָבגעטהאָן א שפּיצעל און מיר האָבען עס ניט געקענט פערהינדערען, ווייל קיינער האָט עס פאראויס ניט געקענט וויסען. מיר זיינען גאנץ בראווע און קלוגע מענשען, אָבער דיא נאטור איז מעהר בריה פון אונז.

איך האָב פון דיעזען אנטוואָרט קיין ריכטיגע ערקלערונג ניט פערשטאנען,

— קען איך פרעגען, מיין הערר, וויא אזוי דיעזער צופאל איז געקומען?

— האב איך ווידער געפרעגט.

— אן אונגעהייער גרויסע שטיק אייז, א גאנצער בארג האט זיך איבער־געקעהרט — האט נעמא געענטפערט — דאס פאסירט אמאל, ווען עס קומט אן א ווארימע שיכטע וואסער, אדער פון א מעכטיגען שטויס פון איין אייז־בארג אן צווייטען. אזא צופאל האט דא יעצט פאסירט. א גרויסע מאסע אייז איז ארונטער אונטער אונזער שיף און זיא אויפגעהויבען. דיא "נאטילוס" זיצט אלזא ערשט אויף אן אונטערוואסערדיגען אייז.

— אבער דערצו איז דאך פאראן א מיטעל. איהר קענט ארויסלאזען דיא וואסער פון דיא רעזערוואארס און דיא שיף וועט ארויפשווימען אין דער הויך!

— דאס טהוט מען טאקי יעצט. איהר קענט, הערר פראפעסאר, הערען וויא דיא פומפען ארבייטען, און טהוט א קוק אויף'ן מאנאמעטער, וועט איהר זעהן, אז דיא "נאטילוס" הויבט זיך אויף אלץ העכער און העכער. אבער דער אייז־בארג שטייגט אויך צוזאמען מיט איהר און איך האב שטארק מורא, אז אונזער לאגע וועט אלץ פערבלייבען איינע און דיא זעלבע, אויב אירגענד וועלכע היני־דערנים וועט דיא בעוועגונג פון דעם אייז ניט אבהאלטען.

אין דיא ריכטיגקייט איז אונזער שיף נאך אלץ געלעגען אויף איהר רעכטע זייט, אבוואהל זיא איז שוין ארויפגעשטיגען ביי א הונדערט און פופציג פוס העכער. אויב דער אייז־בארג פון אונטען וועט זיך אזוי הויבען מיט דער שיף צוזאמען, קענען מיר קומען אין א גרויסע געפאהר. דיא "נאטילוס" קען דער־גרייכען ביז'ן אויבערשטען אייז און זיא קען בלייבען שטעקען אדער, לאמיר זאגען, איינגעמויערט צווישען צוויי אייז־בערג און מיר זיינען פערלארען. דיא שיף קען נאך אזוי צודריקט ווערען און פון אונז וועט קיין זכר ניט בלייבען.

דיעזער געדאנק האט מיך שטארק בעאונרוהיגט און איך האב אנגעהויבען ציטערען מיט אלע גליעדער.

פלוצלונג האבען מיר דערשפירט אין שיף א לייכטע בעוועגונג. עס איז דייטליך געווען צו בעמערקען, אז דיא שיף הויבט זיך ביסלעכווייז אויף און גלייכט זיך אויס. איך האב אכטונג געגעבען אויף דיא וועגד און אויף'ן באדען און איך האב געזעהן און געשפירט אז דיא "נאטילוס" בויגט זיך אלץ פון רעכטס צו לינקס ביז זיא האט זיך אין גאנצען אויסגעגלייכט.

— האבען מיר זיך שוין אויפגעהויבען פון אייז־בארג? — האב איך קוים אויסגעשטאמעלט.

— יא! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — דיא וואסער־בעהעלטער זיינען שוין באלד לעער און מיר מוזען נאך העכער ארויפשטייגען.

מיט דיעזע ווערטער האט קאפיטאן נעמא פערלאזען דעם זאאל. באלד **אבער האב איך בעמערקט, אז אויף זיין בעפעהל האט מען דיא שיף אבגעהאלטען**

פון אויפהויבען זיך העכער. דער קאפּיטאן איז וויא עס האָט אויסגעזעהן געווען פאַרזיכטיג אז דיא "נאַטילוס" זאָל זיך ניט אָבקלאפּען אָן דעם אויבערשטען אייז, אונטער וועלכען זיא איז געשוואומען.

— מיר זיינען נאָך ג‌ִיט ארויסגעקומען — האָט זיך קאָנסייל אָבגערופען.

— יא — האָב איך געזאָגט — מיר האָבען גליקליך געשפּיעלט. מיר האָבען ערשט געקענט צודריקט ווערען צווישען צוויי בערג.

— מיר זיינען געראַטעט פון א קאַלטען שרעקליכען טויט! — האָט קאָנסייל אויסגערופען.

— איהר זיינט נאָך ניט פערטיג! — האָט לענד געברומט — דיעזע פער־דאמטע רייזע איז נאָך נימ געענדיגט.

איך האָב דעם בייזען מענשען ניט געוואָלט ענטפערען און איך האָב איהם צורוה געלאָזט. צו וואָס דיסקוטירען מיט איהם און מאכען איהם מעהר אויפ־געריגט? אויסערדעם האָבען זיך אין יענעם מאָמענט געעפענט דיא לאָדענס פון דיא פענסטער און מיר האָבען געקענט זעהן וואָס דרויסען טהוט זיך. פאר מיר איז געווען מעהר אינטער'עסאנט ארויסצוקוקען אין ים איידער פערפיהרען געשפּרעכען מיט מיין אויפגערעגטען קאמעראַד.

מיר האָבען זיך אלזאָ געפונען אין א פרייען וואסער, אָבער פון ביידע זייטען פון שיף זיינען געשטאנען גלענצענדע ווענד פון אייז. דיא קאלטע מעכטיגע ווענד זיינען געווען בלויז א דרייסיג פוס וויים פון אונז. איבער דער "נאַטילוס" איז געווען א געוועלב פון אייז און אונטער אונז ווידער אן אייז־בארג. מיר זיינען אלזאָ געווען ארומגערינגעלט מיט אייז פון אלע זייטען, איינגעצאמט אזוי וויא אין אן אייז־טונעל. אָבער קיין געפאהר האָב איך פאַרלויפיג ניט געזעהן, ווייל דער וועג פאר דער שיף איז געווען אָפען און דער אונטערשטער אייז איז געלעגען אונבעוועגליך. וואָס אנבעלאַנגט דעם זאָגענאנטען טונעל, וועט ער זיך דאָך וואהרשיינליך ערגיץ ענדיגען און מיר וועלען דאן ארויסקומען פריי אין דער הויך אויף'ן וואסער.

דיא עלעקטרישע ליכטונג אין סטעליע פון זאאל איז פערלאָשען געוואָרען. אָבער דאָס האָט ניט פינסטער געמאכט. דיא אויסערע לאַנטערנעס פון שיף האָבען געוואָרפען זייער שיין ארום און ארום און עס איז געווען ליכטיג אזוי וויא אין מיטען טאָג. דער אָנשיין פון דיא אייז־וועגד האָט געפינקעלט און גע־בליאסקעט, אז עס האָט געבלענדעט אונזערע אויגען. עס איז אונמעגליך צו שיל־דערען דעם פראכט און גלאנץ פון יענע שטראהלען, וועלכע האָבען זיך אָבגע־שפּיעגעלט פון דיא שפּיצען פון דיא אייז־ווענד אין פערשיעדענע קאָלירען און פאַרבען. מיר זיינען געווען אזוי וויא ארומגערינגעלט מיט א ים בעוועגליכע עדעלשטיינער און בריליאנטען. מיר האָבען דאמאָלס געפיהלט אזוי וויא מיר וואָלטען זיך געפונען אין א צויבער־פּאַלאסט.

— אך, וויא הערליך, וויא שעהן! — האט קאנסייל מיט בעגייסטערונג אויסגערופען — דערנקט ניט דער הערר אזוי?

— יא, דאס איז העכסט וואונדערבאר! — האב איך אויסגערופען — ניט וואהר, קאמעראד לענד?

— צום טייפעל, עס איז פראכטפאל! — האט דער קענעדע'ר אויסגעשריען — אבער מיך פערדריסט זעהר וואס איך מוז עס צוגעבען. יא, עס איז אמת, אז אזא ערשיינונג קען קיינער אויף דער וועלט האבען דיא געלעגנהייט צו זעהן, אבער איך זאג אייך, הערר פראפעסאר, אז דאס וועט אונז טהייער קאסטען. א מענש טאר גיט פערלאנגען צו זעהן אזעלכעס וואס גאט וויל האלטען פון איהם פערבארגען.

איך בין געוועזען מיט דער מיינונג, אז נעד לענד האט רעכט. עס איז טאקי געוועזען צופיעל שעהן, צופיעל פרעכטיג. דעם גן עדן קען מען שעהנער און פרעכטיגער ניט פארשטעלען. דאס איז ווירקליך געוועזען א פארשטעלונג פאר מלאכים, ניט פאר זינדיגע מענשען.

פלוצלונג האט קאנסייל א געשריי געטהאן. ער האט זיך האסטיג אבגעקעהרט פון פענסטער און האט פערשטעלט ביידע אויגען מיט דיא הענד.

— וואס איז מיט דיר, קאנסייל? — האב איך ערשראקען געפרעגט.

— זאל דער הערר שליסען דיא אויגען! — האט ער געענטפערט — אה, איך בין פערבלענדעט, פערבלענדעט!

איך האב א קוק געטהאן אין פענסטער, אבער גלייך האט מיר געשטראהלט אזא פייערדיגער גלאנץ, אז איך האב עס ניט געקענט אויסהאלטען. עפעס אזוי וויא דיא העלע זונן זאל מיין פנים פערדעקען. איך האב זיך אויך באלד אבגעכאפט צוריק מיט געשלאסענע אויגען און איך בין שיער אומגעפאלען פון פלוצלונגע איבערראשונג. איך האב באלד פערשטאנען פון וואנען דאס קומט. ביז יעצט איז דיא "נאטילוס" געשטאנען אויף איין ארט אזוי וויא אין א ים פון ליכט. אצינד אבער האט זיא אנגעהויבען לויפען מיט פולע שנעלקייט און דער אונבעוועגליכער גלאנץ האט זיך פערוואנדעלט אין לויפענדע שטראהלען און עס האט אויסגעזעהן אזוי וויא דיא שיף זאל לויפען דורך א ים פון אונענדליכע בליצען.

אין יענעם מאמענט האבען זיך דיא לאדענס פון דיא פענסטער געשלאסען. מיר זיינען א היבשע ווייל געבליבען שטעהן מיט פערמאכטע אויגען, וויייל זיי האבען אונז געשמערצט פון דער שטארקער ליכט. עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז אונזערע אויגען האבען זיך אויסגערוהט און מיר האבען בעקומען דיא רעגעלמעסיגע זעהונגס-קראפט.

— מיין גאט, איך וואלט קיינמאל אין לעבען זיך אזא ערשיינונג ניט פארגעשטעלט! — האט קאנסייל אויסגערופען.

— ווען מיר וועלען צוריק קומען אויף דער ערד — האט קאנסייל געזאגט — וועט זיא ביי אונז האבען א פנים עפעס אזוי וויא א העסליכער געגענשטאנד אויף וועלכען עס איז מיאוס צו קוקען. ווארום וואס פאר אן אויסזעהן האט ווירקליך דיא ערד געגען אזוי פיעל געהיימניספאלע שעהנהייטען פון דער נאטור וואס מיר זעהן דא? וואס פאר א ווערטה וועלען ביי אונז האבען אלע קליינינ־קייטען וואס מענשען־הענד האבען געשאפען געגען דיא ערהאבענע זאכען וואס מיר זעהען דא אונטער'ן אייז? דיא מענשען מיינען אז זיי קענען עפעס אויפ־טהאן, אז זיי קענען שאפען שעהנעס און ערהאבענעס, אבער ניין! דיא בע־וואהנטע וועלט איז גאר ניט, א פינסטערניס איז זיא, א שווארצע, דונקעלע גרוב, אין פערגלייך מיט דיעזער רייצענדער, בעצויבערטער קאלטער וועלטעל!

דאס איז געווען דאס ערשטער מאל וואס איך האב מיין קאלטבלוטיגען האלענדישען דיענער געזעהן אזוי שטארק בעגייסטערט. קאנסייל איז קיינמאל ניט אזוי איבערראשט געווען און דיא לעצטע פאנאראמא האט אויף איהם אזא שטארקען איינדרוק געמאכט! נעד לענד אבער איז שטארק בייז געווארען אויף קאנסייל'ס בעגייסטערונג און ער האט צארנדיג אויסגעשריען:

—דיא בעוואהנטע וועלט, זאגט איהר, וועט ביי אייך קיין פנים ניט האבען? זייט נור רוהיג, מיר וועלען שוין אהין קיינמאל ניט קומען, און איהר האט זיך ניט וואס צו ערגערען, וואס זיא וועט אין אייערע אויגען אויסזעהן מיאוס.

עס איז דאמאלס געווען ארום פינף דעם זייגער אין דער פריה. וועהרענד לענד האט זיינע לעצטע ווערטער אויסגערעדט, האבען מיר געשפירט, אז דער פאדערשטער טהייל פון שיף האט זיך אן עטוואס אבגעקלאפט. דיא ערשטע פאר מינוטען האב איך געגלויבט, אז דיא "נאטילוס" איז געקומען אין צוואַ־מענשטויס מיט א שטיק אייז, וואס איז איהר אנגעקומען אנטקעגען, אדער דער אייז־טונעל, דורך וועלכען מיר פאהרען, פערדרעהט זיך אן א זייט און דער שפיץ פון שיף האט זיך אבגעקלאפט אן דער אייז־וואנד. יעדענפאלס בין איך געווען זיכער, אז קאפיטאן נעמא וועט שוין געפינען א מיטעל וויא אזוי אירגענד וועלכע הינדערניסע צו בעזייטיגען און מיר וועלען אונזער רייזע פארטזעצען, אבער צו מיין גרויס ערשטוינען האב איך באלד בעמערקט, אז דיא "נאטילוס" פאנגט גאר אן צו שווימען צוריק. קאנסייל האט אויך דאס זעלבע בעמערקט.

— מיר פאהרען גאר צוריק? — האט קאנסייל פערוואונדערט געפרעגט.

— יא! — האב איך געענטפערט — וואהרשיינליך איז דא דער אייז־טונעל פערשפארט מיט אייז און דיא שיף קען דא ניט דורכגעהן.

— אויב אזוי — האט קאנסייל בעזארגט געזאגט — איז דאך מיט אונז גאר ניט פרעהליך. אויב אזוי קענען מיר דאך דא פערבלייבען געפאנגען אויף אייביג.

— ווארום דען? — האָב איך איהם געטרייסט — אז דער טונעל איז אין דיעזער זייט פערצאמט, וועט דער קאפיטאן געפינען א פרייען וועג אויף יענער זייט טונעל.

אין אמת'ן האָב איך עס בלויז געזאָגט, אום מיינע קאמעראדען צו בערו־היגען, אָבער איך אליין בין געווען שטארק בעזאָרגט, ווייל איך האָב שטארק געצווייפעלט אויב דיא "נאָטילוס" וועט געפינען א וועג וויא אזוי פון דיעזער אייז־געפענגניס ארויסצוקומען, און טאָמער טאקי ניט, וועט זיך אויסלאָזען אזוי וויא דער קענעדע'ר האָט געזאָגט, אז מיר וועלען שוין דיא וועלט קיינמאָל ניט אָנזעהן.

— ניט אזוי לייכט וויא איהר זאָגט — האָט זיך לענד אָבגערופען — ניט אזוי גיך וועט אייער משוגענער קאפיטאן געפינען א וועג וויא אזוי ארויסצו־דרעהען זיך פון דאנען.

— וואָס מאכט עס אוים? — האָב איך ערווידערט — אייניגע שטונדען פריהער אָדער שפּעטער, אבי מיר וועלען פון דאנען ארויסקומען.

— און ביי מיר איז עס נאָך א גרויסע פראגע! — האָט לענד בעזאָרגט געענטפערט.

איך בין אויף אייניגע מינוטען ארוים פון זאאל אין ביבליאָטהעק. מיינע קאמעראדען זיינען פערבליבען זיצען שטיל. פאלענדיג אויף'ן דיוואן, האָב איך גענומען א בוך אין האנד און אָנגעפאנגען צו לעזען, אָבוואָהל פון גרוים ער־גערנים און אויפרעגונג האָב איך קיין בעגריף געהאט פון דעם אינהאלט פון בוך. איך האָב געקוקט אויף דיא טויטע בוכשטאבען, דיא שורות פון בוך זיינען געפלויגען פאר מיינע אויגען, אָבער ווען אימיצער זאָל מיך קומען פרעגען וואָס איך לעז, וואָלט איך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. אזוי האָב איך ביי זיך געפיהלט און עס האָט זיך באלד פאקטיש ארויסגעוויזען, אז עס איז טאקי אזוי, דען עס האָט לאנג ניט געדויערט און קאָנסייל איז צו מיר אריינגעקומען. ער האָט א קוק געטהאָן אין דעם אָפענעם בוך און זיך אָבגערופען:

— איז דאָס אן אינטערעסאנטעס ווערק, וואָס דער הערר לעזט?

— זעהר אינטערעסאנט! — האָב איך קורץ געענטפערט.

— גאנץ געווים — האָט קאָנסייל געזאָגט — דאָס איז דאָך טאקי דעם הערר'ס פערפאסונג און דאָס מוז העכסט אינטערעסאנט זיין.

איך האָב זיך ארומגעקוקט און זיך איבערצייגט, אז איך האלט ווירקליך מיין אייגענעם ווערק "איבער דיא געהיימניסע פון גרונד פון ים" און איך האָב זיך פאר זיך אליין שטארק פערשעהמט. איך האָב דאָס בוך צוגעמאכט און בין אריין צוריק אין זאאל. לענד און קאָנסייל האָבען זיך אויפגעהויבען ארויסצוגעהן.

— פערבלייבט דאָ, מיינע פריינדע — האָב איך צו זיי געזאָגט — ביז מיר וועלען פון דיעזען אייז־קאסטען ארויסקומען.

— אז דער הערר פערלאנגט מיר זאָלען זיין דאָ, וועלען מיר זיין דאָ — האָט קאָנסייל געענטפערט.

עס זיינען פאָריבער איינינע שטונדען. איך האָב געקוקט אויף'ן מאַנאָ־מעטער, וועלכער האָט געצייגט, אז מיר געפינען זיך ארום ניין הונדערט פוס טיעף אונטער'ן וואסער און דער קאָמפּאַס האָט בעוויזען, אז אונזער שיף שווימט צוריק נאָך דרום זייט מיט א שנעלקייט פון 20 מייל א שטונדע. אין אזא ענגען קאנאל איז אזא רייזע אונגעהייער שנעל, אָבער קאפּיטאַן נעמאָ האָט וואהרשיינ־ליך געוואוסט, אז ביי אזא געפעהרליכע לאגע איז יעדע מינוט טהייער אזוי וויא א גאנצער יאהרהונדערט און ער האָט דיא שיף געטריבען אזוי שנעל וויא מעגליך.

אום פינף און צוואנציג מינוטען נאָך אכט דעם זייגער אין אבענד האָבען מיר ווידער געשפּירט א שטארקען שטויס, אָבער דיעזען מאָל האָט זיך דער הינטערשטער טהייל פון שיף אַן עטוואָס אָבגעקלאַפּט. איך בין פון שרעק קוים אימשטנד געווען צו בלייבען שטעהן אויף מיינע פיס. מיינע קאמעראַדען זיינען צו מיר צוגעלאָפען און קאָנסייל האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן האנד. מיר האָבען אָנגעקוקט איינע דיא אנדערע און יעדער פון אונז האָט לייכט פערשטאַנען דעם צווייטענס געדאנק, דען אונזערע געזיכטער האָבען בעוויזען וואָס מיר טראַכטען אין אונזערע הערצער. באלד איז אויך קאפּיטאַן נעמאָ אריינגעקומען אין זאאל.

— איז דער וועג נאָך זידען אויף פערצאמט? — האָב איך ערשראָקען געפרעגט.

— יא, מיין הערר — האָט דער קאפּיטאַן געענטפערט — מיר זיינען ארומ־גערינגעלט מיט אייז־בערג פון אלע זייטען.

— מיר זיינען, הייסט עס, איינגעשפּארט אין א תפיסה פון אייז?

— יא, מיין הערר.

16טעס קאפּיטעל

עס פעהלט לופט

מיר זיינען אלזאָ געווען געפאנגען אין אן אייז־געפענגניס. איבער אונז אייז, אונטער אונז אייז און אין אלע פיער זייטען ווידער אייז! נעד לענד האָט געקלאַפּט מיט דיא פויסטען אין טיש און האָט געשימפּפט און געפלוכט דעם קאפּיטאַן, דיא „נאָטילוס" און דעם טאָג וואָס מיר זיינען אויף דער שיף אָנגעקומען. קאָנסייל איז געזעסען און געשוויגען. איך האָב א קוק געטהאָן אויף'ן קאפּיטאַן און איך האָב געזעהן, אז ער איז רוהיג און קאלט וויא אימער. ער איז געשטאַנען מיט דיא הענד צוזאמענגעלעגט אויף'ן ברוסט, אָבער זיין מינע איז געווען אונערשראָקען. דיא „נאָטילוס" איז געשטאַנען אויף איין אָרט. נאָך א ווײלע טראַכטען האָט זיך דער קאפּיטאַן אָבגערופען:

— מיינע העררען, אין אונזער יעצטיגער לאגע קענען מיר שטארבען אויף צווייערליי אופנים. צווייערליי זארטען טויט שטעהט אונז יעצט פאר; וועלכער עס איז א בעסערער און א לייכטערער, קען איך ניט זאגען.

דער אונבעגרייפליכער מענש האט דיעזע ווערטער גערעדט מיט א גאנץ רוהיגען טאן, גראדע וויא ער וואלט פארלעזען א לעקציאן אין מאטהעמאטיק.

— ערשטענס — האט דער קאפיטאן פארטגעזעצט — קען זעהר מעגליך זיין, אז דער אייז־בארג אונטער אונז זאל זיך ווידער אמאל אויפהויבען און מיר וועלען צודריקט ווערען אויף טויט; און צווייטענס, זיינען מיר אין געפאהר דערשטיקט צו ווערען, ווייל מיר וועלען ניט האבען קיין לופט. פון הונגער וועלען מיר געוויס ניט שטארבען, ווייל מיר האבען אויף דער "נאטילוס" מעהר לעבענסמיטעל וויא עס איז נויטיג פאר דער צייט וואס אונז בלייבט נאך צו לעבען.

— אבער, קאפיטאן — האב איך זיך אבגערופען — דארפען מיר ווירקליך מורא האבען דערשטיקט צו ווערען, אין דער צייט ווען אונזערע לופט־בעהעלטער זיינען פול?

— געוויס אזוי, ווייל דיא לופט וואס מיר האבען אין זאפאס קען פאר אונז זיין גענוג בלויז אויף אכט און פיערציג שטונדען. מיר זיינען שוין זעקס און דרייסיג שטונדען אונטער'ן וואסער און אין שיף איז שוין יעצט דיא אטמאספערע גענוג שווער און שטיקענד. מען וועט שפעטסטענס אין א פאר טעג ארום זיא מוזען אבפרישען, און אויב מיר וועלען נאכ'ן פערלויף פון דיעזער צייט קיין אויסערליכע לופט ניט בעקומען און דעם זאפאס וועלען מיר אויך האבען אויס־גענוצט, דאן וועלען מיר מעהר ניט האבען מיט וואס צו אטהמען.

— נו, קאפיטאן, קענען מיר אין פערלויף פון אכט און פיערציג שטונדען ניט פריי ווערען פון דיעזער אייז־געפענגניס?

— מיר וועלען פרובירען. ווייניגסטענס וועל איך מאכען א פראבע, פי־לייכט וועט מיר געלינגען איינצוברעכען איינע פון דיא אייז־ווענד.

— אויף וועלכער זייט ווילט איהר דיעזע פראבע מאכען, הערר קאפיטאן?

— האב איך געפרעגט.

— דאס וועלען מיר זעהן! — האט דער קאפיטאן געענטפערט — נאטיר־ליך, וועלען מיר עס פרובירען אין דער זייט וואו דער אייז איז דינער.

— וויא אזוי קענט איהר עס וויסען?

— איינפאך. איך וועל דיא "נאטילוס" ארונטערלאזען צום באדען און מיינע לייטע געקליידעט אין טויכער־בגדים וועלען פרובירען האקען דעם אייז.

מיט דיעזע ווערטער האט קאפיטאן נעמא פערלאזען דעם זאאל און באלד האבען מיר געהערט וויא דאס וואסער רוישט אריינדרינגענדיג אין דיא רעזער־

וואוארם. דיא שיף האט זיך לאנגזאם ארונטערגעלאזט און איז פערבליבען שטעהן אויף'ן אייז־באדען, אריבער טויזענד פוס טיעף.

— מיינע פריינדע — האב איך דאן צו מיינע קאמעראדען געזאגט — אונזער לאגע איז ערשט זעהר ערנסט. מיר שטעהן ערשט אין א גרויסע געפאהר און איך לייג פיעל האפנונג אויף אייער מוטה און ענערגיע. איך דענק, אז איהר וועט זיך ניט ענטזאגען פון העלפען רעטען זיך אליין.

מיין העדר, — האט זיך נעד לענד אבגערופען — יעצט איז ניט דיא צייט בייז צו זיין. איך וועל טהאן אלעס וואס נור מעגליך פאר אונזער אלגעמיינע רעטונג.

דער איינגעשפארטער און שטענדיג צארנדיגער קענעדע'ר איז פיעל וויכער געווארען. דיא מורא פאר'ן טויט האט זיין נאטור געענדערט.

— גוט, פריינד לענד — האב איך צו איהם געזאגט רייכענדיג איהם דיא האנד אלס צייכען פון דאנקבארקייט.

— איך פערשטעהע וויא אנצוגעהן מיט א האק — האט ער גוטמוטהיג געזאגט — אקוראט וויא איך פערשטעה וויא אנצוגעהן מיט א הארפון. איך וועל האפענטליך דיענען וויא ווייט איך וועל קענען נוצען ברייגגען.

— דער קאפיטאן וועט זיכער מיט פערגעניגען אייער הילפע אננעהמען. קומט, לענד.

איך האב דעם קענעדע'ר אריינגעפיהרט אין דער קאמער וואו דיא לייטע פון דער "נאטילוס" האבען געהאלטען אין אנקליידען דיא סקאפאנדערס (טויכער קליידער), אונטער דיא אויפזיכט פון קאפיטאן נעמא. איך האב איהם ערקלערט דעם צוועק פון מיין קומען און ער האט לענד'ען מיט גרויס צופריעדענהייט אנגענומען אלס מיטהעלפער צו האקען דעם אייז.

לענד איז באלד אויך פערטיג געווארען מיט זיין אנקליידונג. זיי האבען אנגעטהאן אלע נויטיגע אפאראטען, בלויז קיין לאנטערנעס האבען זיי ניט מיטגענומען, ווייל דער טונעל איז דורכאויס געווען בעלויכטען פון דיא לאנטערנעס פון שיף.

איך בין צוריק אריין אין זאאל און זיך אוועקגעזעצט מיט קאנסייל ביי'ם פענסטער. דיא לאדענס זיינען געווען פערנאנדער גערוקט און מיר האבען געקענט בעאבאכטען וואס דרויסען געהט פאר. מיר האבען געזעהן וויא צוועלף פערזאן זיינען ארויס פון שיף אויף'ן אייז־באדען. אונזער קאמעראד לענד האבען מיר באלד דערקענט נאך זיין הויכער פיגור. קאפיטאן נעמא אליין איז אויך געווען מיט זיי. דיא לייטע האבען פרובירט האקען דעם אייז פון איין זייט, אבער נאך דעם אבקלאנג פון דיא קלעפ מיט דיא העק האבען זיי פערשטאנען, אז דיא וואנד איז צו דיק. זיי האבען פרובירט אין צווייטען זייט און עס האט זיך אויך דאס זעלבע ארויסגעצייגט. מיר האבען פערשטאנען נאך דיא צייכענס

וואס דער קאפּיטאן האָט געגעבען זיינע מענשען, אז ער ערקלערט זיי אויף שטום־לשון, דאָס עס איז גאָר ניט צו מאכען, ווייל דער אייז איז אונגעהייער דיק און עס וועט נעהמען א צו לאנגע צייט ביז מען וועט איהם דורכהאקען. זיי האָבען ענדליך, וויא איך האָב פערשטאנען, אויסגעפונען, אז דיא בעסטע און שנעלסטע הילף קען קומען, ווען זיי וועלען דורכהאקען דעם אייז־באָדען, וועלכער איז בלויז געווען א דרייסיג פוס דיק. דער פּלאן איז געווען אויסצוהאקען אזא שטיק פּלאץ, וויא דיא "נאָטילוס" פערנעהמט, דאן וועט זיך דיא שיף ארונטערלאָזען אונטער'ן אייז־באָדען אין דיא טיעפענים פון מעער, דען דער אייז איז געשוואומען אין מיטען וואסער און אין דיא אונטערשטע שיכטען פון מעער, וואו דיא טעמפּעראטור איז ווארים, קען שוין קיין אייז ניט זיין און דיא שיף וועט האָבען א פרייען וועג ארויסצוקומען אויף'ן אָפענעם מעער.

דיא ארבייט האָט זיך באלד אָנגעפאנגען. דיא העק האָבען זיך געהויבען און זיך האסטיג ארונטערגעלאָזט. גרויסע שטיקער אייז זיינען אויסגעהאקט געוואָרען און דיא ארבייט פון אָבראמען זיי האָט מען פערשפּאָרט, ווייל זיי האָבען זיך אליין אויפגעהויבען אין דער הויך צו דער אייז־סטעליע. קיין שטיק אויסגעהאקטע אייז איז זאָגאר אויף א ווײלע געבליבען ליגען אויף'ן באָדען. קוים איז זיא לויז געוואָרען, איז זיא ארויפגעשוואומען אין דער הויך.

נאָך א פערלויף פון צוויי שטונדען איז לענד צוריק געקומען זעהר מיעד. דיא אנדערע ארבייטער האָבען זיך אויך צוריקגעקעהרט אין שיף. יעצט האָב איך און קאָנסייל זיך אָנגעקליידעט אין טויכער־קליידער און מיר זיינען ארויס מיט א קאָמפּאני פרישע ארבייטער אונטער דיא לייטונג פון שיף'ס לייטענאנט.

דאָס וואסער איז געווען אונגעהייער קאלט. איך האָב דיא קעלט געשפּירט אין מיין גאנצען קערפּער, אָבוואָהל איך האָב דיא שווערע ים־בגדים געטראָגען. מיר האָבען אָבער באלד אָנגעפאנגען ארבייטען מיט דיא העק און איך האָב זיך דערוואָרימט. מיר האָבען אויך געארבייט צוויי שטונדען צייט, דאן זיינען מיר אריין צוריק אין שיף רוהען און דיא ערשטע קאָמפּאני האָט אונז איבערגענומען. אזוי זיינען אוועק צוועלף שטונדען צייט אין אומוועקסלונג. צוויי שטונדען גע־האקט דעם אייז און צוויי שטונדען גערוהט.

יעדעס מאָל, ווען איך בין צוריק אין שיף געקומען צו רוהען אָדער עטוואָס עסען, האָב איך געשפּירט אז דיא לופט ווערט דאָרט אַלץ שווערער און שטיקענ־דער. אין פערלויף פון דיא צוועלף שטונדען, וואָס מען האָט אָהן אָברוה גע־ארבייט איז בלויז בעוויזען געוואָרען אויסצוהאקען א שיכטע אייז אויף דריי פוס דיק. לויט דער רעכענונג פון דער דיקער מאסע אייז און דיא מאָס אין דער לענג און אין דער ברייט וואָס מיר האָבען נאָך געדארפט אויסהאקען, האָבען מיר נאָך געדארפט ארבייטען פינף נעכט און פיער טעג, ביז דיא שיף וועט האָבען גענוג פרייען פּלאַץ ארונטערצולאָזען זיך אונטער דעם אייז־באָדען.

— פינף נעכט און פיער טעג! — האב איך צו מיינע קאמעראדען געזאגט — וועהרענד מיר האבען אין גאנצען לופט בלויז אויף 48 שטונדען!

— און אויסערדעם — האט נעד לענד צוגעגעבען — ווער ווייסט וויפיעל עס וועט נאך דויערען ביז מיר וועלען ארויסקומען אין אפענעם מעער, נאכדעם וויא מיר וועלען שוין האבען דורכגעהאקט דעם גאנצען אייז! מעגליך, אז דאס ארויסקומען אויף דיא אבערפלעכע פון ים וועט דויערען מעהר וויא דאס אויס־האקען דעם אייז.

דיעזע בעמערקונג איז געווען זעהר א ריכטיגע. אין דיא ווירקליכקייט האבען מיר פאראויס ניט געקענט וויסען וויפיעל צייט אומגעפעהר עס קען נעהמען ארויסצוקומען אין דער הויך אויף'ן וואסער. עס איז אלזא ביי אונז כמעט קיין צווייפעל געווען, אז מיר וועלען אויף'ן בעסטען אופן דערשטיקט ווערען. אונזער לאגע איז געווען זעהר א שרעקליכע. מיר האבען כמעט געקוקט דעם טויט אין דיא אויגען און מיר האבען ניט פיעל געהאפט ארויסצוקומען לעבעדיגע פון דעם אייז־קערקער. דאך האט קיינער פון אונז דעם מוטה אין גאנצען ניט פערלארען און מיר זיינען געווען ענטשלאסען צו קעמפפען געגען דעם שרעקליכען טויט און אנוועענדען אלעס מעגליכע צו רעטען זיך ביז'ן לעצטען אטהעם־צוג.

אין פערלויף פון דיא נעכסטע צוועלף שטונדען איז אבגעטהאן געווארען אזוי פיעל ארבייט וויא אין דיא ערשטע צוועלף שטונדען. ארויסגעהענדיג אין דער פריה צו דער ארבייט האב איך בעמערקט, אז דיא אייז־וועגד שטעהן פיעל נעהענטער צו דער "נאטילוס" וויא מיט אייניגע שטונדען פריהער. האבען זיך דיא וועגד צוגערוקט? — האב איך ביי זיך געטראכט — דאס קען דאך ניט זיין. אבער א ווײַלע שפעטער האב איך פערשטאנען פון וואס דאס קומט. דאס וואסער וואס קומט אין בעוועגונג פון אונזער ארבייט פריהרט שנעלער וויא רוהיג־שטעהענדע וואסערען. דאס איז א נאטור געזעץ אז וואסער וואס איז עטוואס דערוואריםט ווערט שנעלער אנגעגריפען פון פראסט וויא עכט קאלטעס וואסער. דאס וואסער פריהרט אלזא צו צו דיא וועגד און זיי ווערען אלץ דיקער. אויף אזא אופן קענען זיך דיא אייז־וועגד ביסלעכווייז צוזאמענקומען און מיר וועלען פערבלייבען איינגעפראזהרען אין אייז, אדער דער דרוק פון דיא מעכטיגע וועגד וועלען צודריקען דיא שיף מיט אונז צוזאמען.

איך האב וועגען דיעזע נייע געפאהר צו מיינע קאמעראדען א ווארט ניט געזאגט, אום זיי זאלען ניט פערלירען דעם מוטה צו ארבייטען. אבער קומענדיג צוריק אין שיף, האב איך דעם קאפיטאן נעמא ערקלערט וויא ערנסט דיא לאגע איז.

— איך ווייס דאס — האט ער געענטפערט מיט זיין געוועהנליכע קאלט־בלוטיגקייט — איך ווייס גאנץ גוט, אז מיר זיינען אין געפאהר, אבער איך קען קיין מיטעל געפינען וויא אזוי דיעזע געפאהר צו בעזייטיגען. דאס אייגציגע

מיטעל צו רעטען, זיך איז, אז מיר זאָלען ניט צולאָזען דאָס וואסער איינצו־פיהרען. דאָס אלעס.

ניט צולאָזען! וויא אזוי? מיט וואָס פאר אן אופן? דאָס איז געווען א זאך וואָס איך האָב ניט געקענט בעגרייפען.

יענעם טאָג האָב איך אייניגע שטונדען געהאקט דעם אייז מיט דיא קראפט פון פערצווייפלונג. אויסערדעם איז מיר פיעל בעקוועמער און בעסער געווען צו שטעהן ביי דער ארבייט און אטהמען דיא ריינע לופט פון אפאראט איידער זיצען אין שיף, וואו דיא אטמאָספערע איז געווען אזוי פערדאָרבען, באלד צו דער־שטיקט ווערען.

געגען אבענד האָבען מיר געהאט אויסגעגראָבען דעם אייז נאָך אויף דריי פוס מיעטער. אלס איך בין צוריק געקומען אין שיף און דיא פערדאָרבענע לופט האָט מיך אָנגעהויבען פייניגען, האָב איך זיך דערמאָהנט, אז אייגענטליך וואָלטען מיר זאָגאר אין דיעזער אייז־געפענגניס געקענט פרישע לופט שאפען, ווען מיר וואָלטען געהאט דיא כעמישע שטאָפען וואָס זיינען נויטיג דערצו. וויער־שטאָף וואָלטען מיר געקענט ארויסציהען פון וואסער גאנץ גענוג. דאָס וואסער איז רייך מיט דיעזען לעבענס־קראפט און עס איז ניט קיין שווערע זאך ארויסצובעקומען איהם, אָבער וואָס פאר א נוצען קען עס ברייגגען, אז דיא לופט אין שיף איז אָנגעפילט מיט'ן קארבאָניק עסיד וואָס מיר האָבען דורך דער צייט אויסגעאטהעמט? אום צו פערניכטען דיעזען שטיקענדען שטאָף, אום ריין צו מאַכען דיא לופט פון איהם מוז מען האָבען קאָסטיק פאָטאש — אזא כעמישער מאטעריאל, וועלכען קאפיטאן נעמאָ האָט ניט אויף זיין שיף. ער האָט אויף דער "נאָטילוס" אלערליי רייכטהימער, פערשיעדענע אוצרות וואָס זיינען ווערטה מיליאָנען, פערשיעדענע אנטיקען וואָס מען קען זייער ווערטה ניט אָבשאצען, פערמאָגט ער, און אזא קלייניגקייט פעהלט איהם! איך האָב א היבשע צייט וועגען דעם געטראכט און איך האָב זיך ניט געקענט אָבוואונדערען ווארום דער מערקווירדיגער מאן האָט זיך מיט דיעזען כעמישען מאטעריאל ניט בעזאָרגט.

יענעם אבענד איז שוין קאפיטאן נעמאָ געווען געצוואונגען צו עפענען דיא קראנען פון דיא לופט־בעהעלטער און אייניגע שטראָמען פרישע לופט אין שיף ארייצולאָזען, זאָנסט וואָלטען מיר זיכער דיא נאכט ניט איבערגעלעבט.

אויף מאָרגען, דעם 26טען מערץ, וועהרענד איך בין געווען בעשעפטיגט ביי'ם האקען דעם אייז־באָדען, האָב איך בעמערקט, אז דיא אייזווענד ביי ביידע זייטען פון דער "נאָטילוס" זיינען נאָך דיקער געוואָרען. עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל געווען, אז מיר וועלען פערבלייבען איינגעפראָרען, איידער עס וועט אונז מעגליך זיין פון דעם קאלטען טונעל ארויסצוארבייטען זיך. איך בין געוואָרען מוטהלאָז און דיא האק איז מיר כון דיא הענד ארויסגעפאלען. צו וואָס נוצט אין אמת'ן אזוי אנשטרענגען זיך, ווען עס איז ניטאָ קיין אויסזיכט

זיך צו רעטען? קאפיטאן נעמא, וועלכער איז געווען נעבען אונז און האט אויך געהאָלפען האקען דעם אייז, איז אין יענעם מאָמענט נעבען מיר פערביי גע־גאנגען. איך האָב אָנגעריהרט זיין האנד און איהם אָנגעצייגט אויף דיא אייז־ווענד פון אונזער קערקער, וועלכע שטעהען שוין בלויז ביי א צוועלף פוס ווייט פון אונזער שיף. דער קאפיטאן האט מיר א וואונק געגעבען איך זאָל איהם נאָכ־פאָלגען, מיר זיינען באלד אריין אין שיף, ארונטער געוואָרפען פון זיך דיא וואסער־קליידער און מיר זיינען אריין אין זאאל.

— הערר אראָנאקס — האט זיך נעמאָ אָבגערופען — מיר מוזען אויס־טראכטען א מיטעל וויא אזוי זיך צו רעטען, זאָנסט וועלען מיר גאנץ גיך איינ־געמויערט ווערען אין אייז אזוי וויא אין פעסטען צעמענט.

— יא, איהר האט רעכט, הערר קאפיטאן — האָב איך געענטפערט — אָבער וואָס זאָלען מיר טהאָן? וואָס פאר אן עצה קענען מיר געפינען?

— אך! ווען מיין "נאַטילוס" וואָלט געווען שטארק גענוג צו איבערטראָ־גען דעם דרוק פון דיא איינגעפראָרענע וואסער! — האט דער קאפיטאן אויס־געריפען.

— נו? וואָס זשע וואָלט דאן געווען? — האָב איך געפרעגט ניט פער־שטעהענדיג וואָס ער מיינט דערמיט.

— איהר פערשטעהט ניט, הערר פּראָפעסאר? — האט נעמאָ געענטפערט — איך מיין איינפאך, אז אויב נור אונזער שיף וועט ניט צודריקט ווערען פון דיא אייז־ווענד, דאן זיינען מיר זיכער גערעטעט. איהר ווייסט דאָך, אז עס איז א נאטור־געזעץ דאָס אייז פערנעהמט מעהר פּלאץ וויא דאָס וואסער פון וועלכע דיא אייז איז געוואָרען. ווען וואסער איז איינגעשפּארט אין א געוויסען רוים און ווערט פערפראָהרען, דאן צושמעטערט עס דיא ווענד ארום זיך, זאָגאר ווען זיי זיינען אזוי שטארק וויא פעלזען. פּילט אָן א פלאש מיט וואסער און לאָזט דאָס וואסער איינפריהרען, וועט דיא פלאש פּלאטצען. פּילט אָן א גרויסע און פעסטע כלי מיט וואסער און לאָזט עס פערוואנדעלט ווערען אין אייז, וועט זיא אויך צושפּארט ווערען און צוריסען ווערען אויף שטיקער. ווען דאָס וואסער אין דיעזען אָבגעשלאָסענעם קאנאל אָדער טונעל זאָל אלזאָ אין גאנצען פער־וואנדעלט ווערען אין א מאסע אייז, וועלען דיא זייטיגע ווענד, וויא דיק זיי זיינען, מוזען פּלאטצען און צושמעטערט ווערען אויף שטיקלאך, און פון דער געפאהר קען אונז גראדע ארויסקומען א הילף.

— יא, קאפּיטאן, מעגליך אז עס איז טאקי אזוי, אָבער וואָס איז וועגען דעם צו רעדען? איידער דער אייז וועט דיא ווענד צוברעכען, וועט ער דיא "נאַטילוס" צודריקען און זיא פערוואנדלען אין איין דיקע שטיק אייזען.

— לֵיידער איז עס ריכטיג, מיין הערר. מיר האָבען זיך אלזאָ ניט וואָס צו פערלאָזען אויף דיא הילף פון דער נאטור און מיר מוזען זעהן מיט אייגענע

מיטעל זיך צו רעטען. אויסער דיא וועגד פון ביידע זייטען איז שוין דאס וואסער פון פארענט און פון הינטען פון דער "נאטילוס" אויף איינגעפרארען. עס זיינען נור פערבליבען אומגעפעהר צעהן פוס פרייעס וואסער.

— אויף וויא לאנג האבען מיר נאך לופט אין דיא בעהעלטער? — האב איך געפרעגט דעם קאפיטאן.

— איבער מארגען וועלען זיי פאלשטענדיג לעער זיין.

איך בין בעגאסען געווארען מיט א קאלטען שוויים הערענדיג דיזע ווערטער. פון אלע זייטען שטעהט געגען אונז דער פירכטערליכסטער טויט, פון וועלכען מיר קענען ניט געפינען קיין מיטעל זיך צו שיצען. זאגאר יעצט, שרייבענדיג וועגען יענע בעגעבענהייטען, ווערט מיין גאנצער קערפער דורכגעשוידערט נור ביי דיא ערא[י]נערונג פון אזעלכע שרעקניסען.

קאפיטאן נעמא איז איניגע מינוטען געזעסען פערטראכט. עס איז אויף זיין געזיכט דייטליך צו זעהן וויא אנגעשטרענגט זיינע געדאנקען ארבייטען. ענדליך האט ער זיך אבגערופען מיט א לייכטען שמייכעל:

— וועגען אזא קלייניגקייט אזוי לאנג צו דענקען! עס איז דאך גאנץ איינפאך, קאכענדיגעס וואסער.

— קאכענדיגעס וואסער? — בין איך איבערראשט געווארען.

— יא, מיין הערר. מיר זיינען איינגעשלאסען אין אן ענגען רוים, פול מיט א שטעהענדיגען וואסער, וועלכע עס איז לייכט מעגליך צו דערווארימען, זאגאר היים צו מאכען, ווען דיא פומפען פון "נאטילוס" זאלען ניט אויפהערען ארויסצוגיסען אויפגעקאכטעס וואסער, און אויף דיזען אופן וועט עס פערהינדערען דעם ווייטערען איינפריהרען.

— איך גלויב אז דאס איז א גוטער פלאן; מען דארף עס פרובירען.

— ניט נור פרובירען, זאנדערן זיך טאקי נעהמען פעסט צו דער ארבייט — האט נעמא אויסגערופען.

ער האט מיך דאן אריינגעפיהרט אין דיא קיך־צימערען, אין וועלכע עס ארבייטען דיא גרויסע דיסטילאציאנס־אפאראטען; זיי דאמפפען אויס דיא פערשיעדענע זאלצען פון דעם ים־וואסער, אום מען זאל עס נאכהער קענען טרינקען. דיזע אפאראטען זיינען באלד פול געווארען און דיא גאנצע היץ פון דיא עלעקטרישע זיילען איז אריינגעטריבען געווארען אין זייערע רעהרען. אין איי־ניגע מינוטען האט דאס וואסער עררייכט ביי הונדערט גראד היץ און איז אריינגעפיהרט געווארען אין דיא פומפען, וועהרענד דיא דיסטילאציאנס־אפאראטען האבען אימער געשעפט פרישעס וואסער פון ים, וועלכע האט געדארפט אין זיי דורכלויפען און דאן איז עס ארויסגעגאסען געווארען פון דיא פומפען ברענענד־קאכענדיג.

נאכדעם וויא דיזע פומפען האבען אין פערלויף פון דריי שטונדען אזוי

געארביים, איז דאָס וואסער אין אונזער קאנאל געוואָרען נור אויף איין גראַד ווארימער; אָבער צוויי שטונדען שפּעטער אויף גאנצע דריי גראד.

— דער פּלאַן געלינגט אויסגעצייכענט — האָב איך געזאָגט צום קאפּיטאַן, בעטראַכטענדיג וויא דיא קראַנען גיסען אַהן אויפהער זידענדעס וואסער.

— יא, יעצט זיינען מיר זיכער ניט איינגעפּראָרען צו ווערען; וויינינגסטענס האָבען מיר צו טהאָן מיט איין געפאהר, וועלכע וויל אונז דערשטיקען.

אויף מאָרגען, דעם 27 מערץ, זיינען שוין ביז אכטצעהן פוס אייז געוועזן אויסגעהאקט. ביי א צוועלף פוס בלייבט נאָך אלזאָ איבעריג דורך צו ברעכען, דאָס דארף דויערען אכט און פיערציג שטונדען; אָבער דיא לופט אין "נאָטילוס" ווערט אימער ערגער און עס איז שוין באלד ניטאָ מיט וואָס זיא אָבצופרישען.

אום דריי אוהר נאָכמיטאָג האָב איך אָנגעפאנגען צו שפּירען א שרעקליכע קלעמענים. מיין ברוסט אטהעמט האסטיגער, זוכענדיג דיא נויטווענדיגע לופט וואָס איהר פעהלט, און צו גלייכער צייט ווערט מיין גאנצער קערפּער אזוי ווי געלעהמט פון אן אונערטרעגליכער שווערינקייט. איך בין געבליבען ליגען אָהן קראפט, כמעט בעוואוסטלאָז. מיין טרייער קאָנסייל, וועלכער ליידעט אויך דיעזעלבע פּיין, טרעט ניט אָב פון מיין זייט. ער נעהמט אָן מיינע הענד, זוכט מיך אויפצומונטערען, און איך הער וויא ער מורמעלט זעהר טרויעריג:

— אַך, ווען איך וואָלט געקענט אויפהערען צו אטהמען, אום דער הערר זאָל נור מעהר לופט האָבען!

איך בין געריהרט געוואָרען ביז טרעהרען פון דיעזע ווערטער.

ביי דיעזע פורכטבארע לאגע פלעגט יעדער פון אונז מיט א האסטיגע פרייד ארויף ווארפען אויף זיך דיא סקאפאנדער־בעקליידונג. אונזערע הענד זיינען שוין פערוואונדעט פון שווערע ארבייט, אָבער דארויף קוקט קיינער ניט, דען ארבייטענדיג קען מען דאָך האָבען דיא מעגליכקייט צו געניסען דיא ריינע לעבענס־לופט פון רוקווערא̇ל־אפּאראט און פריי אָבציהען דעם אטהעם. דאָך האָט קיינער זיך ניט ערלויבט צו טראָגען דעם אפּאראט לענגער וויא עס איז געוועזן בעשטימט. יעדער איינער האָט עס פּינקטליך צו דער צייט איבערגעגעבען זיין קאמעראד. קאפּיטאן נעמאָ אליין האָט אויך שטרענג ערפילט דיעזע ארדנונג מיט זיין געוועהנליכע רוהיגע בענעהמונג.

דיעזען טאָג איז דיא ארבייט געטהאָן געוואָרען מיט נאָך מעהר קראפט, וועלכע נור דיא פערצווייפלונג קען געבען. עס זיינען נור פערבליבען זעקס פוס אייז אויסצוהאקען, דאן וועלען מיר שוין זיין בעפרייט פון דיעזען שרעקליכען קאנאל. אָבער דיא לופט־בעהעלטער זיינען שוין כמעט לעער, און דיא ביסעל לופט וואָס איז נאָך געבליבען מוז מען איבערלאָזען פאר דיא אפּאראטען פון דיא ארבייטער.

ווען איך בין פון דער ארבייט אין שיף צוריק געקומען, בין איך שיער

דערשטיקט געוואָרען אין דיא פערפעסטעטע לופט. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען אין וועלכע מאַטערניס פון טויט מיר האָבען דיא פאָלגענדע נאַכט דורכגעלעבט. ווען עס איז טאָג געוואָרען איז מיין אטהעם געוועזען פערדריקט; עס האָט מיך געכאַפּט א שווינדעל פון ניט־גוטקייט אז איך האָב געמיינט מיין לעצטע שטונדע איז שוין געקומען. מיינע קאַמעראַדען האַבען זיך אויך קוים אַרומגעשלעפּט. פיעלע פון דיא מאַנשאַפט זיינען געלעגען זיך מאַרטערענדיג וויא אין דער גסיסה.

דיעזען זעקסטען טאָג פון אונזער געפאַנגשאַפט וואָלטען מיר געוויס שוין ניט געקענט איבערלעבען, דארום האָט קאַפּיטאַן נעמאָ בעשלאָסען דיא לעצטע שיכטע אייז מיט איין מאָל דורכצוברעכען. איך מוז ווירקליך בעוואונדערען דיעזען מערקווירדיגען מענשען; ער ליידעט פון לופט־מאַנגעל גראַדע וויא מיר אלע, אָבער קיין געפאַהר, קיינע שמערצען קענען ביי איהם ניט אוועקנעהמען זיין קאַלטבלוטיגע איבערלעגונג.

באַלד איז אויף זיין בעפעהל דיא "נאָטילוס" אויפגעשטיגען פון דעם אייזבאָדען, אויף וועלכען זיא איז ביז יעצט געזעסען, און אריינגעשוואומען אין דיא אונגעהויער גרויסע גרוב, וואָס איז פאר איהר אין פערלויף פון טעג אויסגעגראָבען געוואָרען. דיא וואַסער־בעהעלטער זיינען ווידער אָנגעפילט און אונזער שיף איז יעצט געזעסען אין דיעזעלבע גרוב אויף דעם אייז דעק, דריי פוס דיק, וועלכע טהיילט זיא אָב פון דעם אונטערשטען פרייען מעער. דיא גאַנצע מאַנשאַפט איז געוועזען אין שיף, דיא פלאַטען זיינען אלע געוועזען פעסט געשלאָסען און מיר האָבען פערגעסענדיג אונזערע ליידען געהאָפט און ערוואַרטעט, אז דיעזער רעטונגס־מיטעל וועט געלינגען. איך האָב געהערט וויא אין טרוים, אז עס ברעכט זיך אונטער דיא דעק פון אונזער שיף, וועלכע זינקט אראָב אימער טיעפער, דער אייז קראַכט געוואַלטיג אונטער דיא לאַסט פון דער "נאָטילוס".

— באַלד וועלען מיר בעפרייט ווערען — מורמעלט קאָנסייל מיר אין אויער.

איך בין שוין ניט אים שטאַנד געוועזען א וואָרט צו ענטפערען און איך האָב איהם נור דיא האַנד שוואַך געדריקט, אלס צייכען אז איך האָב פערשטאַנען זיינע ווערטער.

באַלד האָט זיך געהערט א שרעקליכער קראַך און דיא "נאָטילוס" איז אראָב וויא א קויל אין דיא אונענדליכע טיעפענים. באַלד האָבען דיא עלעקטרישע פּומפּען אָנגעפאַנגען שנעל צו ארבייטען, ארויסגעטריבען דעם וואַסער־באַלאַסט פון דיא בעהעלטער און נאָך אייניגע מינוטען האָבען מיר אויפגעהערט אראָב צו זינקען. דער מאַנאָמעטער צייגט שוין, אז אונזער שיף שטייגט צוריק ארויף, דיא שרויבע פאַנגט אָן צו ארבייטען און מיר שווימען מיט דיא העכסטע געשווינדיגקייט נאָך נאָרדען.

אַבער וויא לאנג וועט יעצט דיעזע רייזע אונטער'ן אייז נאָך דויערן? איך ליג אויף'ן דיוואן אין ביבליאָטהעק שוין האלב דערשטיקט, מיט א בלויע געזיכט און געלעהמט אין אלע קרעפטען. איך הער, איך זעה שוין קיין זאך נים.

וויא פיעל שטונדען עס זיינען אויף דיעזען אופן פערביייגעגאנגען וויים איך ניט, אָבער איך שפּיער אז מיין טויט איז שוין נאָהענט.

פּלוצלונג בין איך ווידער צו זיך געקומען. אייניגע טראָפּען פרישע לופט זיינען אריינגעדרונגען אין מיין ברוסט. זיינען מיר שוין ארויסגעקומען פון אונטער'ן וואסער? בעפרייט פון דיא אייז־געפעננגיס?

ניין! מיינע געטרייע פריינדע לענד און קאָנסייל אָפּפּפערען זיך אליין אום מיך צו רעטען. עס איז נאָך אין זייער אַפּאראט איבערגעבליבען א ביסעל לופט, און אָבוואָהל זיי אליין זיינען שוין אויך האלב דערשטיקט, בענוצען זיי עס ניט פאר זיך. איך האָב דעם אפּאראט געוואָלט אָבשטופּען פון זיך, אָבער זיי האלטען מיר צו דיא הענד און איך ציה אָב דעם אטהעם מיט אן אובעשרייב־ליכע לוסט.

דיא אוהר ציינט האלב עלף פארמיטאָג. דיא "נאָטילוס" לויפט מיט א שרעקליכע געשווינדקייט, פיליכט פיערציג מייל א שטונדע. קאפּיטאן נעמאָ בעווייזט זיך ניט און איך וויים ניט אויב ער און דיא מאנשאפט לעבען נאָך. איך האָב א ווייל שפּעטער א קוק געטהאָן אויף'ן מאַנאָמעטער און געזעהן, אז מיר געפינען זיך בלויז צוואנציג פוס פון דער אָבערפלעכע פון מעער. נור איין דינע אייז־פעלד טהיילט אונז אָב פון דער אויסערליכער פרייער וועלט. אָבער וויא ווייט ציהט זיך דיעזע פעלד? פיליכט וואָלט מעגליך געוועזען דיעזען אייז־געוועלב איבער אונז דורכברעכען? — דאָס זיינען געוועזען פראגען, וועלכע איך האָב ניט געקענט ענטשיידען.

וועהרענד מיין מח איז געוועזען פערנומען מיט דיעזע געדאנקען, האָב איך געשפּירט וויא דיא הינטער־שטע טהייל פון שיף לאָזט זיך ארונטער ניעדריגער און זיא בלייבט שטעהן משופע מיט'ן פאָדערשטען שפּיץ ארויף. דאן האָט זיך דיא "נאָטילוס" האסטיג אויפגעהויבען און דערלאנגט א מעכטיגען קלאפּ אין אייז־דעק. דער אייז האָט אָנגעפאנגען צו קראכען. דיא "נאָטילוס" האָט זיך ווידער אמאָל ארונטערגעלאָזט משופע אזוי וויא א לויט־ער און האָט זיך ווידער אמאָל אויפגעהויבען און א געוואלדיגען שטויס געטהאָן דעם אייז, וועלכער האָט געקנאקט און געקראכט, אזוי וויא דיא שיסע פון הונדערטע קא־נאָנען. באלד נאָכדעם האָט געפּלאַצט א דריטער שטויס און דער אייז איבער אונז איז צופאלען געוואָרען אויף טויזענדע שטיקער.

דיא שיף איז דאן ארויסגעשוואומען אין דער הויך. דיא פלאטען זיינען האסטיג אויפגעעפענט געוואָרען און פרישע לופט איז אריינגעדרונגען אין אלע טהיילען פון דער "נאָטילוס".

17טעס קאפיטעל

דער טייך אמאזאן

ווי אזוי איך בין געקומען אויף'ן דעק פון שיף, האב איך זיך פאר קיין פאל ניט געקענט ערפאנערען. פיליכט האט מיך לענד אהין ארויפגעטראגען. אבער איך האב אנגעהויבען אטהמען פריי. איך האב די פרישע ים־לופט געצויגען אין זיך מיט אזא אפעטיט, מיט אזא חשק אזוי ווי א הונגעריגער ווען ער עסט א גוטען מאכל. מיינע צוויי קאמעראדען זיינען אויך געלעגען נעבען מיר גענע־סענדיג די געשמאקע לופט מיט פולע אטהעמס. ווען אונז וואלט אויסגעקומען אזוי לאנג צו ליידען פון מאנגעל אין שפייז, וואלטען מיר געמוזט פארזיכטיג זיין און ניט בעפרידיגען דעם הונגער מיט איין מאל, ווייל דאס קען אמאל שעדליך זיין. מיט די לופט אבער האבען מיר זיך ניט געדארפט היטען, מיר האבען זיך ניט געדארפט צוריקהאלטען, ווייל לופט קען קיינמאל ניט שאדען. מיר האבען אלזא געשעפט די ערקוויקענדע לופט פיעל אונזערע הערצער האבען געגלוסט און פיעל אונזערע לונגען האבען געקענט פערנעהמען.

— אך! — האט קאנסייל אויסגערופען — ווי ערקוויקענד איז דער זויער־שטאף! יעצט דארף דער הערר ניט ציטערען איבער א ביסעל לופט. עס איז דא גענוג פאר אלעמען.

נעד לענד האט גאר ניט גערעדט. אבער ער האט זיין מויל געהאלטען ברייט אפען און האט געאטהעמט מיט אזא קראפט, אז א האי־פיש וואלט זיך פאר איהם דערשראקען. ביסלעכווייז זיינען מיר צו אונזערע קרעפטען געקומען און איך בין ערשטווינט געווארען, ווען איך האב זיך ארומגעקוקט און זיך איי־בערצייגט, אז מיר זיינען אליין אויף'ן פלאטפארם און קיין איינציגער פון די מאנשאפט איז דארט ניטא. קאפיטאן נעמא מיט זיינע לייטע האבען זיך וואהר־שיינליך בענוגענט מיט די אינערליכע אבגעפרישטע לופט אין דער "נאטילוס", און דאס איז מיר געווען א גרויסער וואונדער.

מיט די ערשטע ווערטער האב איך אויסגעדריקט מיין הערצליכען דאנק צו מיינע טרייע קאמעראדען, נעד לענד און קאנסייל, וועלכע האבען מיך גערע־טעט און דערלענגערט מיין לעבען, אין די לעצטע שטונדען, ווען איך האב זיך געראנגעלט צווישען לעבען און טויט. איך האב ניט געקענט געפינען גענוג ווערטער מיין דאנקבארקייט אויסצושפרעכען.

— גענוג וועגען דעם — הערר פראפעסאר — האט זיך לענד אבגערופען — איהר ברויכט אונז ניט צו דאנקען. מיר האבען נור געטהאן אונזער פפליכט.

— ניין, מיינע פריינדע — האב איך ערוויעדערט — איהר האט זעהר פיעל געטהאן פאר מיר און איך בין צו אייך אייביג פערפפליכטעט און צוגעבונדען. איהר האט דאס רעכט צו פערלאנגען עס פון מיר.

— דיעזע רעכט, הערר פּראָפעסאָר — איז לענד ארויסגעשפּרונגען — וויל איך טאַקי בענוצען און וועל עס פון אייך פאָדערען.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט קנסייל געפרעגט.

— איך מיין — האָט דער קענעדע'ר געענטפערט — אייך מיטצונעהמען, ווען איך וועל דיעזע פערדאמטע שיף מיט איהר פערדאמטען קאַפּיטאן פערלאָזען.

— דערווייל האלט נאָך ניט דערביי — האָט זיך קאָנסייל אבגערופען — אָבער איך וואָלט וועלען וויסען נאָך וועלכע ריכטונג פאָהרען מיר יעצט.

— נאָך נאָרדען — האָב איך געענטפערט — דאָס זעה איך נאָך דער זונן נאָך.

— דאָס איז שוין ריכטיג! — האָט לענד צוגעגעבען — אָבער איך וואָלט איבערהויפּט וועלען וויסען, אויב מיר פאָהרען נאָך דעם שטילען אָדער נאָך דעם אטלאנטישען אָקעאן? דאָס הייסט, אין בעזוכטע אָדער איינזאמע וואסער געגענדען?

אויף דיעזער פראגע האָב איך פּאָרלויפיג קיין בעשטימטען אנטוואָרט ניט געקענט געבען, אָבוואָהל איך האָב דאמאָלס געקלערט, אז קאַפּיטאן נעמאָ פיהרט אונז נאָך דעם אונגעהייער גרויסען אָקעאן וואָס ציהט זיך ארום אזיען און אמעריקא. איך האָב משער געווען, אז דערמיט וועט ער ענדיגען דיא רייזע ארום דער וועלט און נאכהער וועט דער קאַפּיטאן ווידער אוועקשווימען מיט זיין שיף אין דיא וויסטע ים־געגענדען, וואו זיא וועט קענען פריי און אונגעשטערט אומוואנדערען. אויב עס וועט ווירקליך אזוי געשעהן, האָב איך ביי זיך געטראכט, וועלען לענד'ס פּראָיעקטען צו אנטלויפען קיינמאָל ניט קענען אויסגעפיהרט ווערען. יעדענפאַלס, ווען אפילו עס זאָלען זיין אויסזיכטען דיא זאך דורכצופיהרען, קען מען עס אויך ניט אָבטהאָן אָהן איבערלעגונג און מען דארף זיך וועגען דעם גוט בעדענקען.

דיא "נאָטילוס" איז געשוואומען זעהר שנעל. מיר זיינען אריבערגעשוואומען דיא פּאָלאר געגענד און אונזער שיף האָט זיך געווענדעט צו קייפּ האָרן. דעם 31טען מערץ, אום זיעבען אוהר אבענדס זיינען מיר אָנגעקומען געגען דעם שפּיץ פון אמעריקאנישען באָדען.

דיא פערגאנגענהייט מיט איהרע אַלע ליידען און טויט שרעק זיינען פערגעסען געוואָרען. מיר האָבען פערגעסען אָן דיא אייז־בערג, אָן דעם מאנגעל אין לופט, און אונזערע געדאנקען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט טראכטען וועגען דיא נעכסטע צוקונפט. קאַפּיטאן נעמאָ האָט זיך מעהר ניט בעוויזען, ניט אין זאאַל און ניט אויף'ן פּלאטפאָרם. דער לייטענאנט פלעגט אַלע טאָג בעצייכנען אויף'ן קארטע דעם פּונקט וואו מיר געפינען זיך און דיא גענויע ריכטונג פון דער שיף. דיא קארטע איז אימער געווען אָפען און איך בין שטענדיג אימ־

שטאנד געווען דיא ריכטונג פון דער "נאָטילוס" צו וויסען. צו מיין גרויסע בע־פריעדיגונג האָב איך זיך יענעם אבענד איבערצייגט, אז מיר פאָהרען צוריק נאָך נאָרדען דורך דעם אטלאנטישען מעער. איך האָב עס מיינע קאמעראַדען ערקלערט.

— גוטע נייעס! — האָט לענד אויסגערופען — זעהר גוטע נייעס! אָבער וואוהין פיהרט אונז ערשט דיא "נאָטילוס"?

— דאָס קען איך ניט ערקלערען — האָב איך געענטפערט.

— איז מעגליך אז דער משוגענער קאפּיטאן דענקט ערשט פון זיד־פּאָל צום נאָרד־פּאָל פאָהרען? אָבער אויב אפילו יא, האָפּ איך, אז מיר וועלען ערגיץ וואו מוזען דורכפאָהרען פערביי בעזעצטע לאנד און מיר וועלען לייכט קענען פטור ווערען פון דיעזען שטאָהלענעם קערקער און דעם ווילדען קאפּיטאן וואָס קריכט אין אלע צרות.

— איהר דאַרפט זיך אזוי ניט אויסדריקען — האָט זיך קאָנסייל אָבגע־רופען — יעדענפאלס איז קאפּיטאן נעמאָ א זעלטענער מענש און מיר מעגען צופריעדען זיין פון דיא בעקאנטשאפט מיט איהם.

— און איך וואָלט מעהר צופריעדען געווען, ווען איך וואָלט איהם ניט געקענט — האָט לענד בייז געברומט.

עס וואָלט פיליכט געקומען צו אן ערנסטע קריעג צווישען מיינע צוויי קאמעראַדען, אָבער איך האָב זיי אָבגעהאלטען און ניט צוגעלאָזט צו וויטערע דיסקוסיאָנען.

אויף מאָרגען, דעם ערשטען אפּריל, ווערענד דיא "נאָטילוס" איז גע־שוואומען אין דער הויך 'אויף'ן וואסער, האָבען מיר ארום מיטאג צייט דערזעהן פון וויטענס אין מערב זייט א ברעג. דאָס איז געווען "פייער־לאנד" — א גרופּע אינזלען וואָס ציהען זיך אויף עטליכע צעהנדליגע מייל ווייט. שפּאנישע ים־רייזענדע, וועלכע זיינען פערביי דיעזע אינזלען דורכגעפאָהרען, האָבען זיי א נאָמען געגעבען "טערראָ דעל פיוגאָ" — דאָס לאנד פון פייער. זיי האָבען דיא אינזלען בעטיטעלט מיט דיעזען נאָמען צוליעב דעם רויך וואָס עס האָט זיך אויפגעהויבען פון דיא געצעלטען פון דיא דאָרטיגע ווילדע איינוואָהנער. דיא ברעגען האָבען אויסגעזעהן זעהר פלאך. אָבער אין מיטען פון דיעזע אינזלען האָ־בען זיך געזעהן גאנץ הויכע בערג. וויא מיר האָט אויסגעזעהן, האָב איך דאָרט בעמערקט דעם סארמיענטאָ בארג, וועלכער איז שמאָל און שפּיציג וויא א זייל און איז אריבער 6200 פוס הויך איבער דיא אָבערפלעכע פון ים. אויף דיעזען בארג זאָגט מען, אז ער איז א נאַטירליכער באראָמעטער. מען בעהויפּטעט, אז ווען אויפ'ן שפּיץ בארג זעהט זיך א נעבעל אָדער א טהוי איז א סימן אויף רעגען און ווען דיא לופט איבער'ן בארג איז לויטער, איז א צייכען אויף שעהנעם

וועטער. אין יענער צייט איז דער שפּיץ בארג געווען קלאָהר און גלויבענדיג, אז דער סארמיענטאָ־בארג איז א שטיקעל וועטער־נביא, האָבען מיר געהאט צו ערווארטען זונען־שיין און שעהנע וועטערען.

באלד נאָכדעם איז דיא "נאָטילוס" ארונטער אונטער'ן וואסער און איז געשוואומען נעהענטער צום ברעג. מיר זיינען שפּעטער געפאָהרען בלויז אייניגע מייל ווייט פון דיא אינזלען. איך בין געזעסען ביי'ם פענסטער און ארויסגע־קוקט דרויסען. איך האָב אין וואסער געזעהן אזעלכע מינים מעער־גראָזען, וועלכע טראָגען א מין פרוכט. דיא זאָנדערבארע ים־וואקסונגען לאָזען פון זיך ארויס פעדים, וועלכע זיינען אומגעפעהר 900 פוס לאַנג און זיינען א פינגער דיק. זיי זיינען אזוי שטארק, אז מען בענוצט זיי אלס שטריק פאר שיפען. אן אנדער גראָז וואָס איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען וועלפּ, מיט גרויסע בלע־טער, פיער פוס לאַנג האָט בעדעקט א גרויסען טהייל פון דעם גרונד פון ים. אונטער דיעזע בלעטער לעבען מיליאָנען פערשיעדענע ים־חיה'לאך, וועלכע ערנעהרען זיך פון זיי. דיא בלעטער דיענען אלס וואָהנונגען, אלס נעסטען און אויך אלס לעבענס־מיטעל. ים־הינד און אָטערען (א זאָרט ביבער) פרעסען אויף דיעזע בלעטער, אלס פאָר־שפּייז אָדער צו־שפּייז צו דיא פליישׁ פון פיש, וועלכע זיי בענוצען אלס זייער הויפּט שפּייז.

איבער דיעזען פרוכטבארען גרונד פון ים איז דיא "נאָטילוס" געפאָהרען זעהר שנעל. געגען אבענד זיינען מיר געקומען צו דער גרופּע פון דיא פאָלקלאנד אינזלען, וועלכע מיר האָבען דעם נעכסטען פריהמאָרגען געקענט גענוי בע־טראכטען, ווייל אונזער שיף איז אין דער פריה געשוואומען אין דער הויך ניט ווייט פון דיא פאָלקלאנד ברעגען. וועהרענד אונזער רייזע אויף דיא אָבערפלעכע פון ים, האָבען זיך מאסען ווילדע גענז און אנדערע פויגלען ארונטער געלאָזט אויף'ן דעק פון שיף. מיר האָבען פיעלע פון זיי געפאנגען און מען האָט זיי נאטירליך געגעבען א פּלאץ אין קיך פון שיף און נאכהער האָבען מיר זיך מיט זיי געזעהן אויף דיא טעלער.

דיא פיש־נעצען זיינען פערשפּרייט געוואָרען און דיא מאטראָזען האָבען ארויפגעצויגען פערשיעדענע זאָרטען פישען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אזעלכע מערקווירדיגע וואָס איך האָב נאָך ביז יענעם טאָג ניט געזעהן. איך האָב דאָרט געזעהן א מין פיש וואָס איז געווען וויניגער וויא א האלב פוס לאַנג און האָט געהאט דעם אויסזעהן פון א פּראָפּען־ציהער, בעדעקט מיט ווייס־ליכע און געלבע פלעקען. איך האָב דאָרט אויך געזעהן אזעלכע פלאנצען־טהיערע וואָס האָבען אויסגעוויזען אזוי וויא קליינע שירמלאך, מיט רויט־ברוינע שטרייפען און ארומגעהאנגען מיט צוועלף קליינע בלומען. אנדערע וויעדער האָבען געהאט דעם געשטאלט פון א קערבעל פון וועלכען עס וואקסען ארויס בלעטער און רויטע צווייגלאך. דיעזע לעבעדיגע פלאנצונגען זיינען שעהן זאָ־

לאנג זיי ליגען אין וואסער, קוים אָבער נעהמט מען זיי ארויס פון זייער געבורסט־פּלאַץ ווערען זיי צושמאָלצען אזוי וויא וואקס אויף'ן פייער.

ווען דיא לעצטע בערג־שפּיצען פון דיא פאָלקלאנד אינזלען זיינען פון אונזערע אויגען פערשוואונדען געוואָרען, איז דיא "נאַטילוס" ווידער ארונטער אונטער'ן וואסער אין א טיעפעניס פון אומגעפעהר זעכציג פוס. זיא איז גע־פאָהרען פערביי דיא אמעריקאנישע ברעגען. קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך דיא גאנצע צייט ניט געלאָזט זעהן. ביז דעם דריטען אפּריל זיינען מיר געפאָהרען פערביי דיא ברעגען פון פּאטאגאָניען, אמאָל אויף'ן וואסער, אָבער מעהרסטענ־טהייל אונטער'ן וואסער. דיא שיף איז אזוי דורכגעשוואומען דעם טיעפען אָבגרונד וואָס ציהט זיך פון לא־פּלאטא, ביז מיר זיינען דעם פיערטען אפּריל אָנגעקומען געגען דאָס לאנד אורוגוואי (א זיד־אמעריקאנישע רעפּובליק), אָבער מיר זיינען געווען פופציג מייל ווייט פון ברעג. אונזער רייזע האָט זיך געצויגען אַלץ נאָך נאָרדען, פערביי דיא קרומע ברעגען פון זיד־אמעריקא. אין גאנצען זיינען מיר שוין ביז יעצט אָבגעפאָהרען זעכצעהן טויזענד מייל, זינט מיר האָבען אָבגערייזט פון יאפּאנעזישען מעער.

ארום עלף אוהר פארמיטאָג זיינען מיר געשוואומען פערביי דעם הויכען ברעג פון קייפ פריאָ, אין בראַזיליען. יענע געגענד איז זעהר גוט בעוואָהנט און דאָרט וואָלט נעד לענד פּילייכט געקענט דענקען דורכצופיהרען זיין פּלאן צו אנטלויפען, אָבער צו זיין גרויסע ערגערניס איז דיא "נאַטילוס" דאָרט געפלויגען מיט אזא שנעלקייט, אז קיין פיש און זאָגאר קיין פויגעל וואָלט איהר ניט געקענט נאָכקומען. מיר האָבען זאָגאר ניט געקענט בעטראכטען דיא מערקווירדיגקייטען פון דער נאטור מיט וועלכע יענע געגענד פון ים איז זעהר רייך, אזוי געשווינד איז דיא שיף געלאָפען.

מיט אזא אויסערגעוועהנליכע שנעלקייט זיינען מיר געפאָהרען אייניגע טעג, ביז דעם ניינטען אפּריל, ווען מיר זיינען געקומען צו קייפ סאן ראק, אין זיד אמעריקא. אָבער דאָ איז דיא "נאַטילוס" ווידער אוועק ווייט פון ברעג אין דיא גרעסטע טיעפעניסען צווישען אמעריקא און אפריקא. דאָרט בילדעט דער ים א לאנגען טיעפען טהאָל, וועלכער איז ערטערווייז אָבגעצאמט מיט הויכע פעלזען־ווענד און ענדיגט זיך מיט אן אונגעהייער טיעפען אבגרונד, אריבער ניין טויזענד יארד אָדער 27,000 פוס טיעף.

צוויי טעג כסדר זיינען מיר געפאָהרען דורך יענע וויסטע, טיעפע וואסערען. דעם עלפטען אפּריל איז דיא "נאַטילוס" פּלוצלונג ארויפגעשטיגען אויף'ן וואסער און מיר האָבען געזעהן טרוקענעס לאנד ביי'ם אמאזאָן טייך. דיא וואסערען פון דיעזען טייך אָדער שטראָם פליסען אריין אין ים אין אזוי פיעל מאסען, אז אויף אייניגע מיילען פערלירט דאָס מעער־וואסער איהר געזאלצענעם טעם און מען קען עס געברויכען צום טרינקען.

מיר זיינען אריבערגעפאָהרען דעם עקוואטאָר (דער מיטעל־פונקט פון דער וועלט צווישען דרום און צפון) לאָזענדיג צוואנציג מייל אויף דער וועסט זייט דאָס פראנצויזישע שטיק לאנד גווינעא. דאָ וואָלטען מיר אויך געהאט א גוטע געלעגענהייט דיא "נאָטילוס" צו פערלאָזען, אָבער דער ווינד האָט געבלאָזען אזוי שטארק און דיא וועללען אין ים האָבען אזוי וויטהענד געשטורמט, אז עס געווען איבעריג צו דענקען וועגען אזעלכע פראָיעקטען. נעד לענד האָט זיך דערפון שטארק געערגעט, אָבער ער האָט זיין פערדרוס געשטיקט אין הארצען און ער האָט א וואָרט ניט גערעדט. דעם קאפיטאן פלעגט ער אָפט אָנשילטען, אָבער געגען דיא נאטור האָט ער ניט געוואגט א קרום וואָרט רעדען. איך פון מיין זייט האָב גראדע יענע פאָר טעג הנאה געהאט פון דער רייזע, ווייל איך האָב געפונען אינטערעסאנטעס מיט וואָס אָבצוגעבען זיך. דיא מאטראָזען האָבען אין יענע פאָר טעג ארויפגעצויגען דיא נעצען מיט פערשיעדענע מערק־ווירדיגע זאָרטען פון טהיער־פלאנצען, פישען און שרצים, וועלכע האָבען גע־צויגען מיין אויפמערקזאמקייט און איך האָב זיי מיט גרויס פערגעניגען בע־אָבאכטעט.

עס זיינען ווערטה געווען צו בעטראכטען דיא זעלטענע פיקטאלינען, וועלכע געהערען צו דיא שטראהלען־טהיערע, וואָס לעבען נור אין יענע געגענד פון ים, אויסערדעם מאָלוסקען, זאָנדערבארע טינט־פישען, וועלכע לאָזען פון זיך ארויס א מין שווארצע פליסיגקייט, אז דאָס וואסער אין ים ווערט דערפון עכט שווארץ. דיעזע פליסיגקייט דיענט דעם פיש אלס וואפע צו פערטהיידיגען זיך פון שונא. ווען אנדערע גרעסערע פיש אָדער טהיערע ווילען איהם פאנגען, לאָזט ער פון זיך ארויס דעם טינט און דאָס וואסער ווערט פערדונקעלט אזוי, אז דער רויב־פיש קען ניט זעהן וואוהין זיין געגנער אנטלויפט. מיר איז דאָרט אויך אויסגעקומען צו זעהן אייניגע זאָרטען גרויסע קאלמארען און נאָך פיעלע אנדערע אזעלכע בעשעפניסע. איינמאָל האָבען דיא מאטראָזען מיט'ן נעץ ארויפגעצויגען א זעהר פלאכען ראָכען־פיש, וועלכער איז געווען פאָלקאָם רונד אזוי וויא א קליינער ראָד פון א וועגעל און האָט געוואויגען ביז פיערציג פונט. דיעזער פיש איז אויבען וויים און אונטען רויטליך, מיט טיעף בלויע פלעקען. ליגענדיג אויף'ן פלאטפאָרם האָט ער זיך שטארק געצאפּעלט, געקייקעלט און געשפרונגען, אום צוריק אין וואסער צו קומען. ער איז שוין איינמאָל געקומען אזוי נאָהענט צום ברעג פון דעק, אז עס האָט שוין זעהר ווייניג געפעהלט, ער זאָל צוריק אין ים אריינפאלען. אָבער קאָנסייל איז צוגעלאָפען און האָט איהם אָנגעכאפּט מיט ביידע הענד. פלוצלונג איז דער נעריכער קאָנסייל אומגעפאלען מיט דיא פיס אויסגעשטעלט אין דער לופט, ווערהענד דער אויבערשטער טהייל פון זיין קער־פער איז געווען אזוי וויא פאראליזירט.

— אה, מיין הערר, מיין הערר! הילפע, רעטונג !— האט ער אנגעהויבען שרייען.

דאס איז געוועזן דאס ערשטע מאל וואס מיין דיענער האט צו מיר גערעדט ניט אזוי וויא וועגען א דריטע פערזאן. ער פלעגט מיך שטענדיג רופען "דער הערר" און דיעזען מאל, וואהרשיינליך אוים צוטומלעניש האט ער זיך אויסגע־דריקט "מיין הערר".

איך און נעד לענד זיינען צו איהם צוגעלאפען און האבען איהם אויפגע־הויבען. מיר האבען איהם געריבען מיט אלע קרעפטען, אבער עס האט לאנג גע־דויערט ביז מיר האבען איהם צו זיך געבראכט. דער מאן איז ניעדערגעשלאגען געווארען פון אן עלעקטרישען שטראם, וואס דער ראד־פיש האט אין איהם אריינ־געיאגט.

— א ציטער־פיש, א ציטער־פיש! — האט קאנסייל געמורמעלט.

— יא, קאנסייל — האב איך בעשטעטיגט — דאס איז א ציטער־פיש, וועלכער האט דיך מיט זיין אינערליכע עלעקטרישע קראפט אזא שטארקען שטויס געגעבען. דו האסט ווירקליך בעגאנגען א פעהלער, וואס דו האסט זיך מיט איהם אנגעפאנגען.

דיעזער מין פיש האט א זעלטענע אייגענשאפט. ער בעזיצט א מין זאנ־דערבארע אינערליכע קראפט. שווימענדיג אין וואסער איז ער פעהיג זאגאר אויף אייניגע איילען ווייט צו געבען אזעלכע פירכטליכע עלעקטרישע קלעפ, אז דיא שטארקסטע טהיערע מוזען דערפון ניעדערשלאגען ווערען. ער איז א מין לע־בעדיגער עלעקטרישער אפאראט, וועלכער ווארפט עלעקטרישע שטראמען פון זיך אליין.

דעם נעכסטען טאג, דעם 12טען אפריל איז אונזער שיף אנגעקומען צו דעם פלאץ וואו דער טייך מאראני פליסט אריין אין ים. דארט האבען מיר געפונען א טרופע פון אייניגע זעע־קיה. דאס זיינען נעמליך געוועזן דיא וואסער־טהיערע, וועלכע ווערען אנגערופען מאנאטי און געהערען צו דער קלאסע סי־רענען (ים־געטינס) אזוי וויא דער דיוגאנג. דיעזע שעהנע, פריעדליכע זויג־טהיערע זיינען ביז 21 פוס לאנג און יעדע פון זיי וועגט וויינגסטענס ביז 1600 פונט. איך האב ערקלערט מיינע קאמעראדען, אז דיא נאטור האט זיי בעשאפען אום זעהר א וויכטיגע זאך צו פערזארגען. זיי זיינען גראז־פרעסענדע טהיערע און זיי פערצעהרען מאסען פערשיעדענע שעדליכע פלאנצונגען וואס בע־דעקען געדיכט דעם גרונד פון ים און טייכען אין דיא ווארימע געגענדען.

— און ווייסט איהר — האב איך צו מיינע קאמעראדען געזאגט — וואס עס איז שוין יעצט ארויסגעקומען דערפון וואס מענשען פערפאלגען און פערניכטען דיעזע טהיער? דיא שעדליכע גראזען, וועלכע זיי וואלטען געוועזן אויפגעפרעסען ווערען פערפוילט און זיי פאנגען אן צו פערפעסטען דיא לופט. פון דעם קומט

דער געלער־פיבער — א טויטליכע קראנקהייט, וועלכע ברייננט אום פיעלע מענשען אין דיא הייסע געגענדען, וואס פערניכטען גאנצע דערפער און שטעדט. דיא גיפטיגע פלאנצונגען זיינען אונטער דיא וואסערען פון דעם הייסען וועלט־טהייל פערמעהרט געווארען, ווייל דער מענש פערניכטעט ביסלעכווייז דיעזע חיות וואס וואלטען זיי פערצעהרט און דיא געלע פעסט פערברייטעט זיך פון ריא דע לא פלאטא ביז פלארידא. אויב מיר זאלען גלויבען דעם געלעהרטען טאוסענעל, איז דיא יעצטיגע פלאגע וואס ווערט פעראורזאכט פון דיא צור־פוילטע גיפטיגע גראזען אויף'ן גרונד פון ים גאר ניט געגען דיא מגפות וואס דיא קינפטיגע דורות וועלען מוזען ליידען, אויב די געיעגען אויף וואלפישען, ים־הינד, זעע־קיה און אנדערע גראז־פרעסענדע זויג־טהיערע וועלען ווייטער אזוי אנגעהן. ווען דיעזע טהיערע וועלען אויסגראטען ווערען, וועט דער ים פול ווערען מיט פוילענים. עס וועלען זיך אין איהם אנקלייבען פאולפען, מעדוסען און קאוטל־פישען, וועלכע וועלען פיליייכט פערפעסטען דעם גאנצען ערד קוגעל און עס וועט ברייננען פערניכטונג און פערוויסטונג איבעראל.

דיא מאנשאפט פון שיף האבען זיך, אזוי וויא אלע זעע־פאהרער אדער יעגער, וועגען דער צוקונפט ניט געקימערט און זיי האבען באלד א האלב דוצענד פון דיא נוצליכע טהיערע געטויטעט. דער מענש איז שוין אימער אזוי. ער זוכט נור צו בעפריעדיגען דיא נויטוועגדיגקייט פון דער געגענווארטיגער צייט און פאר דיא צוקונפטיגע דורות קימערט ער זיך ניט. דער מענש זוכט צופריעדען צו שטעלען זיין "איך" און עס אארט איהם ניט, וואס דאס וועט פיליייכט שפעטער שאדען אנדערע. אין דיא שפייכלער פון דער "נאטילוס" איז דער פלייש זאפאס אויסגעגאנגען און מען האט זיך דארום פערזארגט מיט פלייש פון דיעזע טהיערע, וואס איז פיעל בעסער און געשמאקער פון רינד אדער קאלב פלייש. דיא יאגד אויף דיא מאנאטים איז לייכט. זיי לאזען זיך רוהיג טויטען, אהן אירגענד וועלכען וויעדערשטאנד. אייניגע טויזענד פונט פלייש פון מאנאטים זיינען דאן געבראכט געווארען אויף'ן שיף צו טריקענען. אויסער דעם זיינען דארט אונזערע שפייכלער פערזארגט געווארען מיט מאסען פיש, וועלכע דיא מאטראזען האבען געפאנגען.

אלס דער לעצטער נעטץ איז פון וואסער ארויסגעצויגען געווארען, האט דיא "נאטילוס" זיך דערנעהענטערט צום ברעג. דארט זיינען א גרויסע צאהל זעע־שילדקרעטען געלעגען שלאפענדיג אויף'ן וואסער. עס וואלט זעהר שווער געווען זיי צו פאנגען, דען פון דעם קלענסטען גערויש כאפען זיי זיך אויף און דורך דעם הארטען פאנציר, מיט וועלכען זייערע קערפער זיינען בעדעקט, קען קיין הארפון און קיין קויל ניט דורכדרינגען. עס איז אונז אבער געלונגען מיט דיא הילף פון זעע־איגעלען אייניגע שילדקרעטען צו בעקומען. דיעזע ברואים זיינען לעבעדיגע פיש־הוקס און מען קען מיט זיי פאנגען דיא גרעסטע פישען.

דיא מאטראָזען האָבען דיא איגעלען פריהער ארויפגעצויגען מיט זייערע נעט־צען. זיי האָבען זיי ערשט צוגעבונדען צו שטארקע, לאנגע שטריקלאך און גאנץ שטיל אוועקגעלאָזט אין מעער. דיא זעע־איגעלען זיינען גלייך צוגעשוואומען צו דיא שלאָפענדע שילדקרעטען און האָבען זיך אזוי פעסט אייגעזויגען אין זייערע בויך־פאנצירם, אז עס איז דאן גאנץ לייכט געווען זיי צוזאמען מיט דיא קרעטען ארויפצושלעפען אויף'ן דעק פון שיף.

אייניגע פון דיא געפאנגענע געפאנצערטע ברואים זיינען געווען א דריי פוס לאנג און האָבען געוואויגען ביי א פיער הונדערט פונט. זייערע פאנצירס זיינען טהייער. זיי ווערען פיעל געברויכט צו מאכען פערשיעדענע ארטיקלען, אָבער פאר אונז האָבען זיי קיין ווערטה געהאט. פאר אונז איז איבערהויפט פיעל וויכטיגער געווען זייער פלייש וואָס איז נארהאפט און גאנץ געשמאק.

נאָכדעם וויא דיעזע יאגדען האָבען זיך געענדיגט האָבען מיר פערלאָזען דעם אמאזאָן טייך און דיא זעלבע נאכט איז דיא "נאָטילוס" צוריק אוועק אויף'ן הויכען מעער.

18טעס קאפיטעל

אַ בלוטיגע מלחמה מיט קאַטל־פיש

אייניגע טעג האָט זיך אונזער שיף אלץ דערוויטערט פון דיא אמעריקא־נישע ברעגען. וויא עס האָט אויסגעזעהן האָט קאפיטאן נעמאָ געוואָלט אויס־מיידען דעם גאָלף (מעער־בוזען) פון מעקסיקאָ. יענע געגענד איז געווען צו ריזיקאליש פאר איהם, ווייל דאָרט געפינען זיך פיעלע בעוואָהנטע אינזלען און שיפען פאָהרען דאָרט שטענדיג ארום, און ווייל דער קאפיטאן האָט זיך ניט געוואָלט ציינען פאר דער אויסערער וועלט, האָט ער פיעל מעגליך אזעלכע געגענדען אויסגעמיטען.

דעם 16טען אפריל זיינען מיר געקומען גענען דיא אינזלען מארטיניק און גוואדאלופ, וועלכע מיר האָבען געזעהן פון א ווייטקייט פון אומגעפעהר דרייסיג מייל. איך האָב פון ווייטענס געזעהן זייערע שפיצען, אָבער בלויז אויף א ווייל. אונזער קענעדע'ר האָט גערעכענט אז מיר וועלען אריינפאָהרען אין גאָלף און דאָרט וועט פילייכט מעגליך זיין צו פערווירקליכען דעם פלאן פון אנטלויפען, מיט וועלכען ער האָט זיך ארומגעטראָגען אזא לאנגע צייט, דען אין יענע געגענד פאָהרען שטענדיג אום פערשיעדענע שיפלאך פון איין אינ־זעל צום אנדערען, אָבער אז קאפיטאן נעמאָ האָט אזוי וויא איהם, אָדער אונז אלע דריי להכעים געהאלטען דיא "נאָטילוס" אין מיטען ים, איז וועגען אנט־לויפען ניט געווען וואָס צו דענקען.

לענד, קאָנסייל און איך האָבען ווידער א לאנגע צייט זיך בעראטהען

וואס מיר זאלען טהאן. שוין זעקס מאנאטען זיינען אריבער זייט מיר זיינען אויף דער "נאטילוס" אנגעקומען. שוין זעקס מאנאטען זיינען מיר געפאנגענע און ווען וועט שוין דערצו אן ענדע נעהמען? מיר האבען שוין ביז יענער צייט דורכגעמאכט א רייזע פון זיעבעצעהן טויזענד ליגס, און איך האב געמוזט צו־געבען אז נעד לענד'ס בעהויפטונג, דאס אונזער רייזע וועט זיך קיינמאל ניט ענדיגען, איז א ריכטיגע. דען פארלויפיג איז נאך קיין ברעקעל אויסזיכט גע־ווען, אז קאפיטאן נעמא זאל דענקען צו מאכען א סוף צו זיין שטענ־דיגען אומוואנדערען. לענד האט מיר דארום געמאכט א פארשלאג, אז איך זאל איינמאל פאר אלע מאל פרעגען דעם קאפיטאן, אויב ער מיינט ווירקליך צו האלטען אונז אייביג געפאנגען אויף זיין שיף.

מיר איז דיעזער פלאן ניט געפעלען געווען. וויא איך האב געדענקט, וועט אזא שאלה צו קיין גוטעס ניט פיהרען, ווייל עס איז זיכער ניט צו ער־ווארטען, אז קאפיטאן נעמא זאל אונז מיט זיין גוטען ווילען בעפרייען, הייגט צו וואס טויגען דיא פראגעס? צו וואס איהם אנזאגען: "קאפיטאן, האלט אויף אונז אן אויג, ווייל מיר ווילען פון אייך פטור ווערען?" אויסער דעם, איז דער מערקווירדיגער מאן דיא לעצטע צייטען געווארען פיעל וויינינגער פריינד־ליך צו אונז און ער האט זיך אלץ צוריקגעצויגען פון אונזער געזעלש.פט. וויא עס האט אויסגעזעהן האט ער מיך אויך געזוכט אויסצומיידען, אנשטאט וואס פריהער פלעגט ער מיט מיר פערברייינגען און מיט מיר רעדען וועגען דיא וואונדער פון ים און אויך אנדערע אנגעלעגענהייטען. דיא לעצטע צייטען בין איך שטענדיג געזעסען איינער אליין און איך האב דעם קאפיטאן אין דיא אויגען ניט אנגעזעהן. הייגט וויא אזוי קען איך איהם געהן אויפזוכען און איהם שטעלען אזא פראגע, וועלכע וועט איהם אהן צווייפעל אין כעס אריינ־ברייננגען? מיין עצה איז דארום געווען ניט צו מאכען קיינע אנפראגען ביים קאפיטאן און דולדען און ווארטען אויף א געלעגענהייט, ווען מיר וועלען אהן דעם קאפיטאן'ס ערלויבנים קענען פערלאזען דיא "נאטילוס", אום מעהר ניט צו קומען אויף איהר.

אבער דער קענעדע'ר איז צו מיר צוגעשטאנען, אז איך זאל דאך מיט'ן קאפיטאן פרובירען רעדען דעריבער. אין דער זעלבער צייט האב איך זיך אויך בעדענקט, אז נעמא וועט אפשר גאר ניט איבערראשט ווערען, ווען ער וועט ערפאהרען פון אונזער וואונש. ווארום אין דיא ריכטיגקייט האב איך ניט געקענט פערשטעהן, ווארום ער דערווייטערט זיך אזוי לעצטענס פון מיר. איך פון מיין זייט האב געגען איהם גאר ניט פערזינדיגט, און איך האב דארום געדענקט, אז אונזער אנוועזענהייט אויף'ן שיף איז איהם שוין איבערדריסיג גע־ווארען און ער וועט זיך ניט קימערען, ווען איך וועל איהם ערקלערען אונזער וואונש צו פערלאזען איהם. איבריגענס, האב איך זיך געטראכט, דארף איך

איהם גאר ניט זאגען אויסדריקליך וואס מיר פערלאנגען, זאנדערן פערפיהרען מיט איהם אזא געשפרעך פון וועלכען איך זאל קענען פערשטעהן וואס ער דענקט צו מאכען מיט מיר און מיינע קאמעראדען.

מיין לעצטער בעשלוס איז אלזא געווען צו איבערלעגען זיך, צו בעטראכטען דיא זאך אויף ריכטיג, אויב עס לוינט זיך נאכצוקומען לענד'ס פארשלאג. אום ער זאל ניט זיין אזוי געאיילט און היציג אין דער זאך, האב איך דעם בייזען קענעדע'ר איינגערעדט, אז מיר האבען זיך ניט זעהר פיעל צו בעקלאגען אויף אונזער לאגע, אז עס איז גאר ניט אזוי שלעכט וויא איהם דאכט זיך, אז מיר זיינען נאך אלעמען, נאך אלע געפאהרען און שרעק וואס מיר זיינען ביים זיד־פאל אויסגעשטאנען, אין בעסטען געזונדהייטס צושטאנד; אז מיר זיינען נאך אלעמען ניט קיין געפאנגענע און מען בעהאנדעלט אונז ניט שלעכט אין אלע הינזיכטען, און עס בעשטעהט אין דעם קיין אונגליק, אויב מיר ווע־לען אין ערגסטען פאל פערבלייבען אויף דער "נאטילוס" נאך א לענגערע שטי־קעל צייט.

און איך האב עס טאקי געמיינט ערנסט. צייטענווייז איז מיר נמאס געווארען צו אומוואנדערען איבער דיא ימים, אבער מאנכעס מאל האב איך חשק געהאט צו זעהן און לערנען עטוואס מעהר פון דיא נאטור־מערקווירדיג־קייטען אין דיא וואסערען. אבער איך האב געוואלט מיינע ערפאהרונגען מיט־טהיילען מיינע מענשען־ברידער אויף דער וועלט און ניט מיטנעהמען זיי אין אירגענד וועלכען קבר אין ים.

אויך דאמאלס זיצענדיג ביים פענסטער פון זאאל, האבען זיך פאר מיינע אויגען פארגעשטעלט זעלטענע וואונדער. איך האב דארט געזעהן טהיער־פלאנ־צונגען אין פערשיעדענע פארבען און געשטאלטען; גרויסע ראכען, צו צעהן פוס לאנג וואס וועגען צו 60 פונט; לאנגע אנעלידען, מאנכע פון זיי מעהר וויא פינף און א האלב פוס לאנג, מיט זייערע 1,700 בעוועגונגס ארגאנען, וועלכע האבען זיך בעוועגט אין וואסער. דיא אנעלידען זיינען זאנדערבארע בעשעפעניסע. זיי בעשטעהען פון א לאנגע רייהע רינגען, ביז 1,700 אין צאהל, וועלכע זיינען אזוי וויא ארויפגעצויגען אויף א פאדים און יעדער רינג בעוועגט זיך בעזונדער. דארט האבען זיך אויך געפונען אנדערע מינים גרויסע ים־ברואים מיט גאלדענע שטרייפען פון קאפ ביז'ן עק; זילבער־פארביגע מאנד־פישען, פון וועלכע עס האט אבגעשלאגען א שיין אזוי וויא פון דער לבנה אונטער'ן ריי־נעם הימעל, און פיעלע אנדערע שעהנע און פראכטפאלע פישען און טהיערע, צווישען זיי מולעטען (בארטפיש אין דייטש) — א וואונדער שעהנער פיש, אויף וועלכע עס געהט א ווערטעל, אז ווער עס פאנגט איהם, עסט איהם ניט.

דעם צוואנציגסטען אפריל זיינען מיר געפאהרען טיעף אין וואסער, צווי־שען הויכע פעלזען־ווענד, וואס שטייגען ארויס הויך איבער'ן מעער. אין דיעזע

פעלזען־וועגד האָבען זיך געזעהן גרויסע פינסטערע לעבער אזוי וויא הייהלען. דיא עלעקטרישע שטראהלען פון אונזערע לאנטערנעס האָבען אהין ניט געקענט אריינדרינגען. דיא פעלזען זיינען איבעראל געוועזן בעוואקסען מיט פערשיעדענע געדיכטע וועלדלאך און אלערליי ים וואקסונגען. א וואהרע ריעזען־וועלט פון זעע־פלאנצונגען.

עס איז געוועזן אומגעפעהר עלף אוהר, ווען נעד לענד האָט מיך אויפ־מערקזאם געמאכט אויף פירכטליכע קוויטשערייען, וואָס האָבען זיך געהערט פון צווישען דיא מאסען בוימלאך, בלעטער און גראָזען.

— יא — האָב איך געזאָגט — אין דיעזע הייהלען וואָהנען זיכער גרויסע זאָרטען פולפען, אָדער וויא זיי זיינען בעסער בעקאנט אונטער דעם נאָמען "אָקטאָפוסען", וואָס בעדייטעט: אכט־פיסיגע. און איך וואָלט ניט שטארק איבערראשט געוואָרען, ווען מיר זאָל אויסקומען צו זעהן אייניגע פון דיעזע "מאָנסטערס".

— דער הערר מיינט וואהרשיינליך קאָטל־פיש? — האָט קאָנסייל גע־פרעגט.

— יא — האָב איך געענטפערט — אָבער דאָ מוזען זיך געפינען גרויסע פון דיעזע זאָרטען ברואים, אזעלכע וואָס מען קען געוועהנליך זעלטען וואו אָנטרעפען.

— און איך וועל ניעמאלס גלויבען, אז אָקטאָפוסען אָדער קאָטל־פישען עקזיסטירען אין דיא ווירקליכקייט — האָט זיך לענד אָבגערופען — אָבוואָהל איך האָב אמאָל געהערט דערצעהלען פון אזעלכע ברואים, אָבער איך האָב אין דעם קיין אמונה ניט.

— קיין זאך גלויבט איהר ניט! — האָט איהם קאָנסייל פאָרווירפע גע־מאכט — איך וויים וואָס דאָס איז פאר א מין בעשעפענים. דאָס איז א בריאה וואָס זיינע פים וואקסען ארוים פון קאָפּ און איך געדענק, אז אזא חיה האָט ארונטערגעשלעפט א שיף אונטער'ן וואסער און זיא דערטרונקען.

— האָט איהר עס געזעהן? — האָט דער קענעדע'ר האלב בייז געפרעגט.

— יא, איך האָב עס געזעהן.

— מיט אייערע אייגענע אויגען?

— געוויים מיט מיינע אויגען. וואָס דען, מיט אייערע אויגען האָב איך געזעהן?

— וואו האָט איהר עס געזעהן?

— אין סעינט מאלאָ.

— וואו אין סעינט מאלאָ? ביים פאָרט, אָדער אויף'ן ים?

— ניין, אין א קירכע.

— אין א קירכע? — האָט לענד פערוואונדערט אויסגעשריען.

— יא, פריינד לענד, אין א קירכע אויף א פּאָרטרעט! — האָט קאָנסייל מיט אן ערנסטע מינע געענטפערט.

— זעהר פיין! — האָט נעד לענד געזאָגט און אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

— אָבער קאָנסייל זאָגט אמת — האָב איך זיך אָבגערופען — אזא בילד איז ווירקליך פאראן אין יענער קירכע. נאטירליך, איז דיא פאָרשטעלונג נור געגרינדעט אויף לעגענדעס, אויף פּאָלקס ערצעהלונגען, און וואָס פאר א ווערטה אזעלכע לעגענדעס האָבען פאר דיא וויסענשאפט איז דאָך שוין לאנג בעקאנט.

— אָבער איז דען אין דיעזע לעגענדעס קיין טהייל װאָרהייט ניטאָ? — האָט קאָנסייל געפרעגט.

— ניין מיינע פריינדע. ווען עס קומט צו רעדען וועגען אונגעהייער גרויסע ברואים, דאן שפּיעלט זיך ביי מענשען פונאנדער א ווילדע פאנטאזיע און מען דערצעהלט וועגען זיי אזעלכע משונה'דיגע מעשיות, אז עס גיבען אָקטאָפּוסען אָדער קאָטל־פּישען וואָס קענען שיפען ארונטער שלעפּען. נאָך מעהר: א געוויסער אלעאוס מאגנוס פערזיכערט, אז איינינע פון דיעזע ברואים זיינען א מייל לאנג, און ווען זיי לייגען זיך רוהען אויף'ן וואסער, קען מען א טעות האָבען און מיינען אז דאָס זיינען אינזלען. אזעלכע נארישקייטען דערצעהלט מען אויך וועגען דעם פּאָטפּיש. עהנליכע לעגענדעס האָט מען אין פערצייטיגע יאָהרען זעהר פיעל דערצעהלט. עס געהט, צום ביישפּיעל אום א לעגענדע, אז דער בישאָף פון נידראָס האָט אויפגעבויט אן אלטאר אויף א גרויסען פעלז און אָבגעהאלטען אויף איהם א גאָטעס־דיענסט מיט א פּרעדיגט, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פעלז, זאָנדערן א שלאָפענדער קאָטל־פּיש אָדער אָקטאָפּוס, וועלכער האָט זיך שליסליך ארונטערגעלאָזט אין וואסער. אן אנדער בישאָף, פאנטאפּידאן, דערצעהלט פון אזעלכע ברואים, וואָס אויף איינעם פון זיי וואָלט א גאנצער רעגימענט קאוואלעריע געקענט מאנעווורירען. אָבער יעצט גלויבט קיינער ניט אין אזעלכע נארישע לעגענדעס.

— און וויא גרויס זיינען אין דיא ווירקליכקייט דיא עקזיסטירענדע אָקטאָפּוסען?

— יעדענפאלס, קיינמאָל ניט אזוי גרויס וויא א וואלפיש. אָבער איך וועל אייך ערקלערען פון וואנען דאָס שטאמט וואָס מען דערצעהלט אויף דיעזע ברואים, אז זיי זיינען גרויס אָהן שיעור. דאָס קומט דערפון, וואָס דיעזע זאָרטען בעשעפּניסע בעזיצען זעהר לאנגע פיס אָדער הענד. אן אקטאפּוס אָדער א קאָטל־פּיש וואָס איז בלויז זיעבען פוס לאנג בעזיצט לאָפּעס אָדער טענטאקלס, וויא מען רופט עס אין ענגליש, וועלכע זיינען אריבער צוואנציג פוס לאנג. מיט דיעזע הענד, פיס אָדער טענטאקלס קען ער ווירקליך א געפעהרליכען אנגריף מאכען און דיא לעגענדעס מאכען שוין דערפון א גאנצען בארג.

— טרעפט עס אז מען פאנגט אזעלכע געפעהרליכע ברואים ? — האט לענד געפרעגט.

— דאס האב איך ניט געהערט, אבער זעהן זעהט מען זיי אפט. איינער פון מיינע פריינדע, א געוויסער קאפיטאן פאס, פון האוור האט מיר דער־צעהלט, אז אין אינדישען מעער איז איהם אויסגעקומען צו בעגעגענען זיך מיט דיעזע אומגעלומפערטע ים־חיות. א פאקט וואס האט פאסירט מיט אייניגע יאהר צוריק, אין יאהר 1861 בעווייזט, אז עס איז גאר קיין צווייפעל, אז ריעזען־קאטל־פישען עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט.

— קענט איהר, הערר פראפעסאר אונז דערצעהלען יענעם פאקט ? — האט לענד נייגעריג געפרעגט.

— געוויס — האב איך געזאגט — אט האט איהר עס : אין יענעם יאהר איז ניט ווייט פון טענעריפא, אומגעפעהר אין דיא זעלבע גראדען וואו מיר געפינען זיך יעצט, דורכגעפאהרען דיא פאסט־שיף "אלעקטאן". דיא מאנשאפט פון שיף האבען בעמערקט אן אונגעהייער גרויסען קאטל־פיש שווימענדיג אין וואסער. דער קאמאנדיר פון שיף, הערר בוגער איז צוגעפאהרען נעהענטער צום טהיער און איהם אנגעגריפען מיט הארפונען און ביקסען, אבער דאס האט אויף איהם ווייניג וואס געווירקט, וויל דיעזע חיה איז א מאלוסק, וואס האט קיין ביינער און איהר גאנצע לייב איז ווייך אזוי וויא פערקיהלטע פעטע זופ. א קויל פון א ביקס לויפט דורך איהר דורך און עס שאדעט איהר כמעט ניט. נאך מעהרערע אומזיסטע בעמיהונגען, איז ענדליך דער מאנשאפט געלונגען ארויפצוווארפען אויף'ן "מאנסטער" א שטריק מיט א פעטליע, אין וועלכע זיין עק איז אריינגעכאפט געווארען. מען האט דאן אנגעפאנגען שלעפען דיא שטריק, אבער דער קאטל־פיש האט זיך אויסגעריסען, איבערלאזענדיג דעם עק אין פעטליע און איז אליין פערשוואונדען געווארען אין דיא טיעפענים פון ים.

— איז דאס ווירקליך א פאקט ? — האט דער קענעדע'ר געפרעגט.

— געוויס, מיין פריינד. א פאלקאמענער פאקט, א ריכטיגע פאסירונג. מען האט זאגאר פארגעשלאגען צו רופען יענעם מין פיש אויף קאפיטאן בוגער'ס נאמען : "בוגער־קאטל־פיש".

— און וויא גרויס איז דאס טהיער געוועזען ?

— פיליכט ביי א זיעבען איילען. האט זיך קאנסייל אבגערופען קוקענ־דיג אין פענסטער.

— גראדע אזוי גרויס — האב איך בעשטעטיגט.

— האט ער אויך געהאט אכט פיס אדער העכער, וואס וואקסען ארויס פון זיין קאפ און צאפלען זיך אין וואסער אזוי וויא שלאנגען ? — האט קאנ־סייל געפרעגט.

— גאנץ ריכטיג! — האָב איך געענטפערט.

— זיינען זיינע אויגען געווען משונה'דיג גרויס?

— יא, קאָנסייל, דיא שילדערסט איהם גראדע אזוי וויא דו וואָלסט איהם אליין געזעהן.

— און זיין שנאָבעל איז פערקרימט גראדע אזוי וויא ביי א פאָפוגאי, אָבער ער איז פורכטבאר גרויס?

— ווירקליך, קאָנסייל, אזוי זעהט ער אויס.

— אויב אזוי — האָט זיך מיין דיענער אָבגערופען — קען דער הערר אויף האָבען דיא געלעגענהייט צו זעהן א בוגער קאָטל־פיש, אָדער אן אָקטאָפוס, וויא איהר זאָלט עס ניט רופען.

איך האָב פערוואונדערט א קוק געטהאָן אויף מיין דיענער און לענד איז באלד צוגעלאָפען צום פענסטער.

— אָה, וויא שרעקליך! — האָט ער מיט שוידער אויסגערופען.

ווען איך בין אויך צוגעגאנגען צום פענסטער און א קוק געטהאָן, איז מיר ניט גוט געוואָרען פון עקעל און אבשייליכקייט. פאר מיינע אויגען האָט זיך בע־וועגט א משונה'דיג העסליכעס בעשעפעניס, פון דיא ברואים, וואָס נור לעגענ־דעס קענען וועגען זיי דערצעהלען.

דאָס איז טאקי געווען א קאָטל־פיש, ביי א פיער און צוואנציג פוס לאנג. ער איז געשוואומען זעהר שנעל, גראדע צו דער "נאָטילוס". זיינע פירכטליכע גרויסע, גראָה־גרינע אויגען זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דער שיף, אז עס האָט געכאפּט א מורא צו קוקען אויף זיי. זיינע אכט הענד אָדער פיס וואק־סען ארויס פון זיין קאָפּ. מען רופט דארום דיעזע זאָרטען טהיערע אויך "קאָפּ־פיסלער". דיא פיס זיינען געווען צוויי מאָל אזוי גרויס וויא זיין גאנצער קערפּער און זיי האָבען זיך געצאפּעלט איבער זיין מיאוס'ן קאָפּ אזוי וויא א מאסע שלאנגען. עס איז דייטליך געווען צו זעהן וויא דיא פיס זיינען דורכאויס בעדעקט אזוי וויא מיט האלב רונדע קאפּסולען (באנקעס). איך האָב איבערגעצעהלט ביז אריבער צוויי הונדערט. מיט דיעזע קאפּסלען קען זיך דער קאָטל־פיש אָדער אָקטאָפּוס צוזויגען צו יעדען געגענשטאנד אזוי פעסט וויא ער זאָל זיין צוגעשרויפט מיט גרויסע, שטארקע שרויפען. דער מויל פון דיעזען "מאָנסטער" איז ווירקליך א ביינערנער שנאָבעל, אין דער פאָרמע פון דעם שנאָבעל פון א פאָפּוגאי, עפענט זיך און שליסט זיך אזוי וויא אן אונגעהויער גרויסע שער. עס איז ווירקליך וואונדערבאר: א מאָלוסק, א וויך־טהיער, וואָס האָט קיין ביינער אין זיין קערפּער, און זיין מויל איז א ביינערנער! דיא גאנצע בריאה אין אלגעמיין איז א מאסע וויכע פלייש וואָס וועגט פון פיער ביז פינף טויזענד פונט. דער קאָליר פון דיעזער בעשע־פעניס איז ניט אימער גלייך. איהר געשטאלט ווערט אומגעענדערט און אומ־

געוועקסעלט זעהר שנעל. ווען זיא איז רוהיג זעהט זיא אויס אַנדערש און ווען זיא איז אויפגערעגט, בעקומט זיא אַן אַנדער אויסזעהן.

דער עקעלהאַפטער "מאָנסטער" וואָס איז געשוואומען אַנטקעגען אונז האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר אויפגערעגט, דען זיין גראָה־שוואַרצליכער קאָליר האָט בעקומען אַ ברוין־רויטליכען פאַרב. ער איז צוגעשוואומען צום שיף און ער האָט זיך איינגעגעסען מיט זיינע לאַפּעס אין וואַנד פון שיף און ס'האָט דיא אייזערנע פלאַטען געביסען און געריסען מיט זיין פירבטליכען מויל, אָבער ער האָט נאַטירליך גאָר ניט געקענט מאַכען. און וויא עס האָט מיך געעקעלט צו קוקען אויף איהם, בין איך דאָך צופריעדען געוועזען פון דעם צופאַל, וואָס איך האָב געהאַט דיא געלעגענהייט צו בעטראַכטען איהם גענוי. איך האָב גענומען אַ בלייפעדער און אָנגעפאַנגען צייכענען זיין שרעקליכע געשטאַלט.

— פיליכט איז עס דער זעלבער קאַטל־פיש, וועלכען מען האָט געזעהן פון דער שיף "אַלעקטאָן"? — האָט קאָנסייל געפרעגט.

— ניין! — האָט לענד געענטפערט — יענער האָט דאָך זיין עק פערלאָרען און ביי דיעזען איז דער עק גאַנץ.

— דאָס איז קיין בעווייז ניט — האָב איך זיך אָבגערופען — ביי דיעזע ברואים קענען דיא אָבגעהאַקטע גליעדער צוריק אָבוואַקסען. עס איז שוין זיעבען יאָהר זייט יענע פאַסירונג מיט'ן קאַטל־פיש, אַ צייט וועלכע עס איז גאָך מעהר וויא גענוג, אַז דער זילבער מאָלוסק זאָל אַן אַנדער עק בעקומען.

— איבריגענס מאַכט עס ניט אויס, אויב דאָס איז דער זעלבער אָדער ניט — האָט דער קענעדע'ר בעמערקט — יעדענפאַלס איז דאָך יענער ניט געוועזען דער איינציגער אויף דער וועלט און עס זיינען ערשט אויך זיכער פאַראַן מעהרערע פון זיי.

און באַלד האָבען זיך טאַקי בעוויזען נאָך אייניגע אַזעלכע טהיערע ביים פענסטער. זיעבען שטיק זיינען זיי געוועזען. זיי האָבען בעגלייט דיא שיף און איך האָב געהערט וויא זיי האָבען מיט זייערע שנאָבלען געקראַצט דיא ווענד. מיר זיינען דאַן געפאָהרען עכט לאַנגזאַם און איך האָב געקענט קוקען אויף דיא העסליכע ברואים און זיי מאָהלען אויף'ן פאַפּיער.

פּליצלונג איז דיא "נאַטילוס" געבליבען שטעהן. זיא האָט בעקומען אַ שטויס און איז אין גאַנצען אויפגעטרייסעלט געוואָרען.

— וואָס איז געשעהן? — האָב איך געפרעגט — זיינען מיר שוין געבליבען זיצען אויף אַ פעלז?

— ניין — האָט לענד געענטפערט — עס קען זיין אַ קלאַפּ אָן אַ פעלז, אָבער דיא שיף איז פריי.

מיר האָבען ווירקליך געקענט שפירען, אַז דיא "נאַמילוס" איז פריי אין וואַסער, דאָך שטעהט זיא אויף איין אָרט און דיא שרובע אַרבייט ניט. אַ פּאָר

מינוטען שפּעטער איז קאַפּיטאַן נעמאָ אריינגעקומען אין זאאל אין דיא בע־גלייטונג פון זיין לייטענאנט.

איך האָב שוין דעם קאַפּיטאַן א רעכטע צייט ניט געזעהן און ווען איך האָב ערשט אויף זיין געזיכט א בליק געטהאָן, האָב איך בעמערקט, אז ער איז פער־דריסליך. ניט רעדענדיג א וואָרט, זאָגאר ניט קוקענדיג אויף אונז, איז ער צו־געגאנגען צום פענסטער, האָט בעטראַכט דיא שרעקליכע טהיערע און האָט גע־זאָגט אייניגע ווערטער צו זיין לייטענאנט, אין דער שטענדיגער אונפערשטענד־ליכער שפּראַך.

דער לייטענאנט איז ארויסגעגאנגען און דיא לאָדענס פון דיא פענסטער זיינען פערמאכט געוואָרען. דער זאאל איז וויא אימער געבליבען בעלויכטען פון דעם עלעקטרישען לאָמפּ אויבען אין געוועלב. איך בין צוגעגאנגען נעהענטער צום קאַפּיטאַן און האָב צו איהם געזאָגט:

— א מערקווירדיגע זאמלונג פון קאַטל־פיש.

— יא, הערר נאַטור־פאָרשער — האָט זיך נעמאָ אָבגערופען — אָבער אונז שטעהט יעצט פאָר מיט דיעזע געפעהרליכע בעשעפעניסען א קאַמפּף אָנצו־פיהרען.

— א קאַמפּף? — האָב איך מיט פערוואונדערונג איבערגעפרעגט.

— יא, מיין הערר. מיר מוזען עס טהאָן. דיא שרובע ארבייט ניט, וואהר־שיינליך האָט איינער פון דיא "מאָנסטערס" אהין אריינגעשטעקט זיין שטאר־קען שנאָבעל און ער האָט דורך דעם דיא שיף אָבגעשטעלט.

— און וואָס רעכענט איהר צו טהאָן?

— מיר ווע‍לען ארויפשטייגען אין דער הויך אויף דער אָבערפלעכע פון ים און מיר וועלען דיא גאנצע באנדע פערניכטען.

— אָבער איך דענק אז דאָס וועט זיין א שווערע שטיק ארבייט.

— גאנץ געוויס. דיא עלעקטרישע קוילען פון מיינע ביקסען וועלען אויף זייער ווייכע פלייש ניטווירקען, ווייל זיי פליהען דורך זייער קערפּער ניט פלא־צענדיג. מיר וועלען זיי דארום מוזען אָנגרייפען מיט העק.

— און איך מיט א הארפּון! — האָט לענד אויסגעשריען — נאַטירליך אויב איהר וועט עס מיר ערלויבען און מיין הילף ניט צוריקווייזען.

— איך נעהם עס אָן, הערר לענד — האָט קאַפּיטאַן נעמאָ פריינדליך געזאָגט.

— מיר וועלען אייך אויך בעגלייטען — האָב איך זיך אָבגערופען — פּי־לייכט וועל איך און קאָנסייל אייך אויך עפּעס קענען העלפען.

באלד נאָכדעם זייען מיר צוזאמען מיט'ן קאַפּיטאַן געקומען צו דיא מי־טעלסטע טרעפּ, וועלכע פיהרען צום אויבערשטען דעק. דאָרט האָבען מיר גע־

טראָפען צעהן מאַן, וועלכע זיינען שוין געוועזן בעוואפענט מיט העק אין דיא הענד. איך און קאָנסייל האָבען אויך גענומען העק און נעך לענד זיין הארפון.

דיא "נאָטילוס" איז שוין אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אין דער הויך אויף'ן וואסער. איינער פון דיא מאטראָזען איז ארויף אויף דיא אויבערשטע טרעפ און האָט אָנגעפאנגען עפענען דיא פלאטען. קוים האָט ער נור בעוויזען דעם לעצטען שרויף אָבצושרויפען, איז דיא אייזערנע פלאטע מיט געוואלד אויסגעריסען געוואָרען פון דיא הענד פון דיא קאָטל־פיש, וואָס האָבען זיך צו איהר צוגעזויגען.

אין דעם נעכסטען. אויגענבליק האָט זיך ארייגעלאָזט איינע פון דיעזע אָבשייליכע לאַנגע הענד אזוי וויא אַן אונגעהייער גרויסע שלאַנג. נאָך א צוואַנציג אנדערע האָבען זיך באלד אָנגעהויבען דרעהען און רינגלען אויבען איבער'ן דעק. קאפיטאַן נעמאָ האָט דער'לאַנגט א שטאַרקען זעץ מיט זיין האק און דיא פירכטליכע האנד איז אראָבגעפאלען צאפּלענדיג זיך אונטער דיא טרעפ.

אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען מיר האָבען זיך געשפּארט און געדרונגען ארויפצוקומען אויף'ן דעק, האָבען זיך ארונטער געלאָזט צוויי אנדערע הענד דורכשניידענדיג דיא לופט און האָבען אָנגעגריפען א מאטראָז וואָס איז געשטאַנען נעבען קאפיטאַן נעמאָ. דער מאַן איז אויגענבליקליך אויפגעהויבען געוואָרען אין דער לופט.

קאפיטאַן נעמאָ האָט ארויסגעלאָזט א פירכטליכען געשריי. ער איז שנעל ארויסגעלאָפען און מיר אַלע נאָך איהם.

וואָס פאר א מורא'דיגע, וואָס פאר א שוידערליכע סצענע עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט פאר אונזערע אויגען! דער אונגליקליכער מאטראָז איז צוזאמענגעדריקט געוואָרען אין דיא שלאַנגען הענד פון דעם העסליכען מאָלוסק. זיינע באנקעס האָבען זיך איינגעזויגען אין מאַן'ס קערפּער און דיא פירכטליכע בריאה האָט איהר אָפּפער געשאָקעלט אין דער לופט. דער מאטראָז האָט געשריען מיט א פערשטיקטען קול: "רעטעט! רעטעט!" דיעזע ווערטער זיינען צו מיין העכסטע איבערראשונג אויסגעשפּראָכען געוואָרען אין דער פראַנצויזישער שפּראך. אלזאָ געפינט זיך אויף דער "נאָטילוס" איינער פון מיינע לאַנדסלייט און פיליכט זיינען נאָך דאָ מעהרערע. זיינע הערצררייסענדע געשרייען וועל איך מיין גאנצען לעבען ניט קענען פערגעסען.

דער אונגליקליכער איז פערלאָרען! ווער איז דען אימשטאַנד ארויסצורייסען איהם פון דעם קאָטל־פיש'ס מעכטיגע לאַפּעס? דער קאפיטאַן איז צוגעלאָפען און האָט דעם "מאָנסטער" נאָך א האנד אָבגעהאקט. דער לייטענאנט האָט מיט שרעקליכען וואוטה געקעמפפט מיט נאָך איינעם פון דער באַנדע עקעלהאפטע ברואים, ביי דער זייט פון שיף. דיא גאנצע מאנשאפט ארבייטען פערצווייפעלט מיט העק. דער קענעדע'ר, קאָנסייל און איך שטעהען אויך ניט

לײדיג און מיר קלאפּען און האקען אין דיא פלײש־מאסען, וואו נור מיר טרעפען. דיא לופט איז שוין דורכגענומען מיט דעם גערוך פון דיא פעטע פלײש־מאסען. עס איז געווען שרעקליך, שוידערליך!

איין אויגענבליק איז א שטראהל פון האָפנונג דורכגעלאָפען אין מיין מח און איך האָב געדענקט אז מיין לאנדסמאן איז געראטעט. זיעבען הענד פון דער אומגעלומפּערטער חיה זיינען שוין געווען אָבגעהאקט. עס איז בלויז פערבליבען איינע, וועלכע האָט זיך געטרייסעלט ארום איהר אָפּפער, וואָס האָט זיך געצאפּעלט אין דער לופט. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען דער קאפּיטאן און זיין לייטענאנט זיינען צוגעלאָפען ברייגנען דיא לעצטע הילף צו זייער קאָלעגע, האָט דער "מאָנסטער" פון זיך ארויסגעלאָזט א שטראָם פון א דיקע שווארצע פליסיגקייט גראדע אין אונזערע געזיכטער און דאָס האָט אונז דיא אויגען פערבלענדעט. ווען דער שווארצער שטראָם איז פאָריבער און מיר האָבען אונזערע אויגען געעפענט, איז שוין דאָס צוהאקטעס טהיער מיט מיין אונגליקליכען לאנדסמאן פערשוואונדען.

צעהן אָדער צוועלף פון דיא פירכטליכע ברואים האָבען נאָך אלץ בעזעצט דעם דעק פון שיף און האָבען מיט זייערע שרעקליכע שלאנגען־הענד געזוכט צו כאפּען נאָך אָפּפער. פערצווייפעלט האָבען מיר געהאקט רעכטס און לינקס און מאסען צוהאקטע שטיקער זיינען געפאלען אין אלע זייטען. דיא העסליכע גליעדער האָבען זיך געצאפּעלט אויף'ן פּלאטפאָרם אין א טייך בלוט און טינט, וועלכע דיא קאָטל־פישען האָבען פון זיך ארויסגעלאָזט, אום צו פערבלענדען אונז דיא אויגען.

עס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא דיא קלעפּעדיגע שלאנגען־הענד פון דיזע מיאוס'ע ברואים וואקסען אָן אויף דאָס ניי אויף זייערע קעפּ. נעד לענד האָט געציעלט מיט זיין הארפּון אין דיא גראָה־גרינע אויגען פון דיא שרעקליכע מזיקים און עס איז איהם געלונגען איינינע פון זיי אויסצושטעכען. דער קענעדע'ר איז אפילו געגוג געשיקט און פאָרזיכטיג געווען, דאָך האָט ער פון גרויס אויפרעגונג אין פערצווייפלונג ניט בעמערקט וויא א האנד פון איינעם פון דיא טהיערע האָט זיך אויף איהם פלוצלונג ארָאבגעלאָזט און ער איז געפאלען צום באָדען.

אך! מיין הארץ איז שיער צופּלאצט געוואָרען פון שרעק און אנגסט. איך האָב געזעהן וויא דער שנאָבעל פון דער חיה איז שוין געווען אָפּען. נאָך א מאָמענט און מיין קאמעראד איז פערלאָרען. נאָך איין אויגענבליק און דער אָרימער קענעדע'ר ווערט צוריסען אין שטיקער! איך בין געלאָפען איהם רעטען, אָבער קאפּיטאן נעמאָ איז פריהער צוגעלאָפען. זיין האק איז טיעף איינגעזונקען אין דיא גרויסע באקען פון טהיער און לענד איז וויא דורך א וואונדער געראטעט

געוואָרען. ער איז באלד אויפגעשפּרונגען, און האָט אריינגעשטעקט זיין האר־פון אין "מאָנסטער'ס" ברוסט און האָט דורכגעלעכערט זיין דרייפּאכיגע הארץ.

— איך וועל מיך אליין קאָמפּליפּענטירען פאר דיעזע רעטונג! — האָט קאפּיטאן נעמאָ געזאָגט.

לענד האָט זיך פערנייגט אלס צייכען פון דאנקבארקייט.

דער קאמפף האָט געדויערט מעהר וויא א פיערטעל שטונדע. צוהאקט, צוקלאפּט און האלב פערניכטעט זיינען די פּירכטליכע ברואים ענדליך פער־שוואונדען געוואָרען אין די טיעפענים פון ים. קאפּיטאן נעמאָ איז אָבגעטונקט אין בלוט פערבליבען שטעהן אונבעוועגליך ביים ברעג פון דעק, האָט שטארק בעזאָרגט נעקוקט אויף די וואסערען, וועלכע האָבען פערשלונגען איינעם פון זיינע לייטע, און גרויסע טראָפּען טרעהרען זיינען געפאלען פון זיינע אויגען.

19טעם קאפּיטעל

דער גאָלף־שטראָם

דיעזע פּירכטליכע סצענעס פון 20טען אפּריל וועט קיינער פון אונז ניעמאלס פערגעסען. ווערהרענד איך בעשרייב יעצט ריכטיג יענע בעגעבענהייטען שטעלען זיי זיך נאָך אמאָל פאָר אין מיינע גדאנקען אין זייער גאנצע גרויזאמקייט, אָבער איך ווייס אז קיין פעדער איז ניט אים שטאנד דיעזע שרעקעניסען געטרוי אָבצושילדערען. דער שמערץ פון קאפּיטאן נעמאָ איז געוועזען זעהר גרויס. יעצט האָט ער נאָך איינעם פון זיין מאַנשאַפט פערלאָרען. און דורך וואָס פאר א מורא'דינגען טויט! צוקוועטשט, צודריקט, צוריסען פון אן אבשייליכעס טהיער, האָט ער געפונען זיין קבר ניט אויף דעם שטילען קאָראלען־בית־עולם פון מעער־גרונד, זאָנדערן אין בויך פון אן עקעלהאפטען מאָלוסק!

אויף מיר האָט דער פערצווייפלונגס־געשריי פון דעם אונגליקליכען גע־מאכט א הערץ־רייסענדען איינדרוק. אין דער מינוט פון טויטליכע אנגסט האָט ער גערופען אויף זיין מוטער־שפּראך. איך האָב אלזאָ געהאט א היימאטס־גע־נאָסע צווישען דיעזע לייטע, וואָס זיינען דעם קאפּיטאן נעמאָ איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע! איז ער געוועזען דער איינציגער זוהן פון פראנקרייך אין דיעזע געזעלשאפט וואָס איז צוזאמענגעמישט פון פערשיעדענע נאציאָנען? אויף דיעזע פראגע האָב איך קיינמאָל קיין ריכטיגע ערקלערונג ניט ערהאלטען.

קאפּיטאן נעמאָ האָט זיך צוריק געצויגען אין זיין צימער און איניגע צייטען האָב איך איהם ניט געזעהן. אָבער אז ער איז טרויעריג פערצווייפעלט און אז זיין זעעלע איז פערפינסטערט מיט די ערנסטע פיין בעווייזט מיר דער יעצטיגער גאנג פון דער "נאָטילוס". אונזער שיף פאָהרט ניט מעהר נאָך א בעשטימטע ריכטונג, זאָנדערן טרייבט זיך ארום איבער די וועללען אזוי וויא

א טויטער קערפּער. דיא שרובע איז פריי, אָבער זיא ארבייט ניט און לאָזט דאָס שיף זעגלען וויא דער ווינד יאָגט זיא.

אזוי זיינען פארבייגעגאנגען גאנצע צעהן טעג. ערשט דעם ערשטען מאי, ווען דיא "נאָטילוס" איז צופעליג געקומען ניט ווייט פון דיא באהאמא אינזלען,ביים באהאמא קאנאל, האָט נעמאָ אָנגענומען א בעשטימטע ריכטונג נאָך נאָרדען. מיר זיינען דאן געפאָהרען מיט׳ן שטראָם פון דעם גרעסטען מעער־טייך, וועלכער האָט זיינע אייגענע ברעגען, אייגענע קלימאטען און בעזונדערע זאָרטען פיש. דאָס איז נעמליך געוועזן דער גאָלף־שטראָם וואָס פליסט דורך׳ן אטלאנטישען אָקעאן. דאָס איז א ברייטער גרויסער טייך וואָס לויפט אין מיטען ים און זיינע וואסערען צומישען זיך ניט מיט דיא וואסער פון ים. דיא וואסער פון גאָלף איז פיעל געזאלצענער אלס דיא וואסער פון מעער דורך וועלכען ער שטראָמט. זיין טיעפענים איז דורכשניטליך ניין טויזענד פוס און ער איז אין מעהרסטע טהיילען ביי א צעהן מייל ברייט. אין מאנכע ערטער פליסט דער שטראָם מיט א שנעלקייט פון דריי מייל א שטונדע. וואסער ענטהאלט ער אין זיך מעהר וויא אלע טייכען פון דער וועלט.

מיר האָבען אין דעם גאָלף־שטראָם געזעהן פערשיעדענע לעבעדיגע זאכען. אלערליי פישען און ים טהיערע זיינען דאָרט אומגעשוואומען. מיר האָבען דאָרט בעגעגענט קליינע האי־פישען, בלויז דריי פוס לאנג, אָבער מיט זעהר גרויסע קעפּ, לויט דיא פּראָפּאָרציאָן פון זייער קערפּער; וואסער פויגלאך, וואָס האָבען מיט זייערע שעהנע קאָלירען און פארבען געקענט פערשעהמען אלע שעהנסטע פויגלאך פון דער יבשה; ברואים וואָס האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא איינגע־וויקעלט אין אלערליי פארביגע סטיינגעס (ריבאָנס) און נאָך פערשיעדענע בעשעפּניסען, וועלכע זיינען געוועזן שעהן פאר׳ן אויג. איך מוז זאָגען, אז דער פּראכט און גלאנץ וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין יענע וואסערען האָבען פערדונקעלט דיא עלעקטרישע שיין פון דער "נאָטילוס".

דער גאָלף שטראָם אָדער מעער־טייך וואָס פליסט דורך׳ן אטלאנטישען אָקעאן האָט א זאָנדערבארע אייגענשאפט. ער איז דער טעמפּעראטור רעגולאָ־טאָר פון דיא ווארימע וואסערען אין דיא הויכע געגענדען מיט דיא פערפראָהרענע ימים אין קאלטען נאָרדען. זיין טעמפּעראטור איז א מעסיגע און ער שפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין אויסגלייכען דיא טעמפּעראטור.

ארום מיטאג צייט בין איך מיט קאָנסייל׳ען געזעסען אויף׳ן פלאטפאָרם און איך האָב איהם ערקלערט דיעזע בעזאָנדערע אייגענשאפט פון דעם גאָלף־שטראָם, זאָגענדיג ער זאָל פּרובירען אריינשטעקען זיין האנד אין וואסער. קאָנסייל איז זעהר פערוואונדערט געוואָרען אלס זיין האנד האָט ניט געשפּירט אין וואסער קיין ווארעמקייט און קיין קעלט.

— דאָס קומט דערפון — האָב איך איהם ערקלערט — ווייל דאָס וואסער

פון גאָלף־שטראָם ענטהאלט אין זיך אזא גראד טעמפעראטור וויא דאָס בלוט אין א מענשליכען קערפער. דיא ברעגען פון דיא איראָפּייאישע לענדער קענען זיך אויספוטצען מיט דיא שעהנסטע גרינסען נור דורך דיזע ווארעמקייט וואָס ער פיהרט מיט זיך.

דער גאָלף־שטראָם איז אזוי צוזאמענגעדריקט פון דעם ארומיגען מעער, אז זיינע וואסערען זיינען א רעכט ביסעל העכער. מיט זיין בלויען פארב אונ־טערשיידעט ער זיך אויך בעדייטענד פון דיא גרינע מעער־וואסערען. ביינאכט בליצט דער גאָלף שטראָם מיט א פאָספאָר־קאָליר.

דעם 8טען מאי זיינען מיר געפאָהרען פערביי קייפּ האטעראס גענגען דיא נאָרד־קאראָלינען, וואו דער גאָלף־שטראָם איז פינף און זיעבציג מייל ברייט און מעהר וויא צוויי הונדערט איילען טיעף. דיא "נאָטילוס" פאָהרט נאָך אימער אָהן א בעשטימטען פּלאן און גאנץ לאנגזאם. דאָס מעער אין דיזע געגענדען איז שטענדיג בעזוכט פון גרעסערע און קלענערע דאמפּפער, וועלכע לויפען צווישען ניו יאָרק אָדער באָסטאָן און דער גאָלף פון מעקסיקאָ. און אָבוואָהל מיר געפינען זיך ביי א דרייסיג מייל ווייט פון נעכסטען ברעג, דאָך זיינען דיזע פערהעלטניסע זעהר גינסטיג אויסצופיהרען אונזער פלאן, פון שיף צו אנטלויפען.

אונגליקליכער ווייזע שטערט אונז יעצט א זאך גענען וועלכע מיר קענען זיך גאָר קיין ראטה ניט געבען. אין דיזע ים־געגענדען הערשען אימער גרויסע שטורמס און יעצט איז אויך דער וועטער אזוי שלעכט אז מיר קענען אויף קיין פאל ניט ריזיקירען זיך אראָבצולאָזען אין מעער אויף א קליינע שיפעל. דיא געפאהר אומצוקומען אין דיא וועללען וואָלט אונז דאן זיכער בעגעגענט. נעד לענד האָט דאָס אויך איינגעזעהן און ער איז אין א טיעפע מעלאנכאָליע אריינגעפאלען.

— מיין הערר — האָט ער צו מיר געזאָגט — דיא זאך מוז שוין אן ענדע נעהמען. איך קען שוין מעהר ניט דולדען. איך קען עס ניט אריבערטראָגען און מיר מוזען איינמאָל פאר אלע מאָל מאכען א סוף. אייער קאפּיטאן נעמאָ פאָהרט יעצט ווידער אוועק פון דיא בעוואָהנטע געגענדען אין דיא ריכטונג פון וויסטען נאָרדען. אָבער פאר מיר איז שוין מעהר וויא גענוג אז איך בין געוועזען ביי'ם זיד־פּאָל. איך וועל צום נאָרד־פּאָל פאר קיין פאל ניט מיטפאָהרען.

— אָבער וואָס זאָלען מיר טהאָן, פריינד לענד? — האָב איך געפערגט — זעהט איהר ניט, אז יעצט איז ניט דיא צייט צו דענקען וועגען אנטלויפען?

— מיר מוזען וועגען דעם דענקען, מיר מוזען וועגען דעם רעדען! — האָט לענד אין העכסטע אויפרעגונג אויסגערופען — ווען מיר וועלען אלץ ווארטען אויף מעגליכקייטען, אויף געלעגענהייטען, וועלען מיר זיך אייביג אויף קיין זאך ניט דערווארטען. איך בלייב ביי מיין מיינונג, אז מען דארף וועגען דעם

איבערערעדען מיט'ן קאפּיטאן. פון שווייגען און פערלאָזען זיך אויף נסים וועט געוויס גאָר ניט זיין. אין אייניגע טעג ארום וועט דיא "נאָטילוס" אָנקומען קיין נאווע סקאָשע (ניי־שאָטלאנד), דאָרט וואו דער טייך סעינט לאורענס פאלט אריין אין מעער. דיעזער טייך איז מיין היימאטה'ס טייך. ביי זיין ברעג שטעהט מיין געבורטס שטאָדט. אָה! ווען איך עראינער זיך אָן דעם ווערט מיין הארץ אויפגעקאָכט, און איך זאָג אייך, מיין הערר, אז אויב עס וועט קיין אנדער אויס־זיכט ניט זיין וויא דאָ ווייטער צו פערבלייבען, וועל איך זיך ליעבער אין ים אריינוואַרפען!

וויא איך האָב געזעהן, האָט זיך אונזער קענעדע'ר אין גאנצען פערלאָרען. זיין געדולד האָט פּאָלשטענדיג געפּלאצט און ער האָט ווירקליך ניט געקענט איבערטראָגען דיא לאנגע געפאנגשאפט. איך האָב איהם שטארק בעדויערט און מיין הארץ האָט מיר וועה געטהאָן אויף זיינע ליידען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט וויא ער ווערט געפּייניגט, וויא ער ליידעט פון דיא בענקעניס, און טראַכטענדיג וועגען איהם האָט זיך מיר אויך שטארק אָנגעהויבען בענקען אהיים. מיר איז שוין אויך זעהר אונאנגענעהם געוואָרען דאָס זיין אויף דער "נאָטילוס". דיא לעצטע צייט, זייט דער אונגליקליכער מאטראָז איז אומגעקומען דורך דיא אָק־טאָפּוסען, איז אויף'ן שיף אומעטיג. דער קאפּיטאן איז פערטרויערט, בייז אויף דער וועלט, ווייזט זיך ניט פאר קיינעם, רעדט ניט מיט קיינעם און דאָס לעבען אויף'ן שיף איז שוין ווירקליך געוועזן א שווערע לאסט. דיא בעגייסטערונג פון אמאָל און דיא לוסט צו זעהן אלע מאָל נייע וואונדער איז שוין ביי מיר פאָריבער און איך האָב שוין אין יענעם מאָמענט חשק בעקומען פריי צו ווערען. בלויז אזא קאלטבלוטיגע נאטור וויא מיין האָלענדישער דיענער קאָנסייל האָט געהאַט, האָט עס לענגער געקענט אויסהאלטען.

— נו, מיין הערר? — האָט לענד געפרעגט, זעהענדיג אז ער בעקומט פון מיר קיין אנטוואָרט.

— איך האָב דאָך אייך שוין אמאָל געזאָגט, אז עס לוינט פּילייכט ניט צו רעדען מיט'ן קאפּיטאן דעריבער. ווילט איהר נאָך אלץ אז איך זאָל איהם פרעגען, אויב ער וועט אונז פריי לאָזען?

— יא, מיין הערר. אויב איהר ווילט ניט רעדען פאר אייך אליין און פאר אייער דיענער, דאן רעדט מיט איהם פון מיינעטוועגען.

— אָבער איך זעה איהם ניט דיא לעצטע צייט און איך האָב קיין געלע־גענהייט מיט איהם צו רעדען. איך האָב שוין אייניגע מאָל געוואָלט פערפיהרען מיט איהם א געשפרעך, אָבער ער מיידט מיך אויס.

— דאָס מאכט ניט אויס. אויב איהר ווילט נור מיט איהם רעדען, קענט איהר אין זיין צימער אריינגעהן.

— גוט! — האָב איך ענדליך ענטשלאָסען געזאָגט — איך וועל מיט איהם רעדען.

— אָבער ווען? — האָט דער קענעדע'ר אונגעדולדיג געפרעגט.

— ביי דיא ערשטע מעגליכקייט, ווען איך וועל איהם אָנטרעפען.

— הערר אראָנאקס, ווילט איהר, איך זאָל אויך אריינגעהן צום קאפּיטאן?

— אָה, ניין! איהר וועט נאָך אַלעס פערדארבען. לאָזט בעסער איבער דיא זאך צו מיר אַליין. אלזאָ מאָרגען —

— איך קען ניט ווארטען אזוי לאנג. איך וויל, איהר זאָלט עס נאָך היינט טהאָן — איז לענד צוגעשטאנען.

— פון מיינטוועגען — האָב איך נאָכגעגעבען — וועל איך זיך נאָך מיט איהם היינט זעהן.

לענד איז פון מיר אוועקגעגאנגען. איך בין אויפגעשטאנען, מיט דעם אבזיכט אויפצוזוכען דעם קאפּיטאן. אויב שוין יא רעדען מיט איהם, ווארום אָבלעגען?

ווען איך בין אריינגעקומען אין מיין צימער, האָב איך געהערט וויא קאפּיטאן נעמאָ געהט אום אין זיין קאיוטע הין און צוריק. דיעזע געלעגענהייט איהם צו טרעפען דארף איך ניט פערזאמען — האָב איך ביי זיך געטראכט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט קוראזש און אָנגעקלאפּט אין זיין טהיר. אָבער קיין אנטווארט איז געקומען. איך האָב אָנגעקלאפּט נאָך אמאָל, אליין געעפענט דיא טהיר און בין אריינגעגאנגען.

איך האָב דעם קאפּיטאן געפונען זיצענדיג פערטיעפט ביי זיין ארבייטסטיש. איך פערשטעה, אז ער האָט ניט געהערט מיין אָנקלאפּען אין טהיר און ער האָט אויך ניט בעמערקט מיין אריינקומען. אָבער איך האָב געהאט בעשלאָסען ניט אוועקצוגעהן מיט ליידיגען און איך בין צוגעטראָטען נעהענטער צום טיש. ער האָט זיך שנעל אומגעווענדעט צו מיר און אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען א מינע פון פערדרוס.

— איהר זיינט עס? — האָט ער געפרעגט מיט א טאָן פון אונאנגענעהמע איבעראשונג — וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

— איך האָב מיט אייך וואס צו רעדען, קאפּיטאן — האָב איך געענטפערט א ביסעל צושראָקען.

— אָבער איהר זעהט דאָך, מיין הערר, אז איך בין בעשעפטיגט מיט נויטיגע ארבייט — האָט ער זיך אָבגערופען — איך ערלויב דאָך אייך אויף מיין שיף אַליין צו זיין ווען איהר ווילט און פיעל איהר ווילט, דארפט איהר דאָך ווייניגסטענס מיר אויך דיעזע פרייהייט פערגינען.

אזעלכע ווערטער האָבען מיר נאטירליך קיין מוטה ניט געקענט צוגעבען. אָבער איך בין געווען פעסט ענטשלאָסען אַלעס אויסצוהערען, זאָגאר געזידעלט

צו ווערען, אבי איך זאָל איינמאָל פאר אלע מאָל וויסען וואס מיר האָבען פון דיעזען מאן צו ערוואַרטען.

— מיין הערר! — האָב איך קאלטבלוטיג געזאָגט — עס טהוט מיר לייד אייך צו שטערען, אָבער דיא זאַך וועגען וועלכע איך וויל רעדען קען ניט אָבגעלייגט ווערען.

— וואס איז עס, מיין הערר? — האָט נעמאָ איראָניש געענטפּערט — האָט איהר פיליייכט געמאכט אן ענטדעקונג פון וועלכע איך וויים ניט? האָט איהר ערפונדען אירגענד וועלכע נייע וואונדער אָדער נייע סודות אין ים?

דער קאפּיטאן האָט אויף מיר א בליק געטהאָן און ער האָט וואהרשיינליך בעמערקט וויא אונצופריעדען איך בין מיט זיין אנטוואָרט. אָבער איידער איך האָב צייט געהאט נאָך עטוואָס צו זאָגען, האָט ער מיר אָנגעצייגט אויף אן אָפּענעם מאנוסקריפּט אויף'ן טיש און ער האָט צו מיר געזאָגט אין אן ערנסטען טאָן:

— זעהט איהר, הערר אראָנאקס. דיעזעס בוך איז פערפאסט אין איינינע שפּראַכען. עס ענטהאלט אין זיך אלע מיינע וויסענשאפטליכע ערפאהרונגען, וועלכע איך האָב געמאכט אין מיינע רייזען איבער פערשיעדענע ימים פון דער וועלט און א קורצע בעשרייבונג פון מיין לעבענס־געשיכטע. איך וויל אז דיעזע שריפטען זאָלען ניט געהן צו גרונד צוזאמען מיט מיר. דער לעצטער וואס וועט איבערלעבען אלע אנדערע אין "נאָטילוס" וועט פאר זיין טויט דאס בוך פערפּאקען אין א קעסטעל וואס קען ניט דערטרונקען ווערען, און אריינוואַרפען אין מעער, עס וועט שווימען איבער דיא וועללען ביז יעמאנד וועט עס געפינען.

אויף מיר האָבען דיעזע ווערטער געמאכט א טיעפען איינדרוק. דער ריכטיגער נאָמען פון דיעזען מערקווירדיגען מאן, זיין לעבענסגעשיכטע און זיין געהיימנים וועלען דאָך א מאָל ענטדעקט ווערען. איך האָב באלד בערעכענט אז גראָדע דיעזער געשפּרעך איז א פּאסענדע געלעגענהייט, אום מיין וואונש צו ערקלערען.

— קאפּיטאן — האָב איך זיך אָבגערופען — איך קען נור זאָגען אז אייער אבזיכט איז פּאָלקאָמען ריכטיג. דיא פרוכט פון אייער ארבייט דארף פאר דיא וויסענשאפטליכע וועלט ניט פערלאָרען געהן. אָבער גלויבט איהר עס צו ערווייכען דורך אזא מיטעל? ווער וויים וואו דער ווינד וועט דעם קעסטעל מיט'ן בוך פערטראָגען? אין וועלכע הענד דאס וועט אריינפאלען? איז דען ניט מעגליך פאר דיעזען ציעל א בעסערען פּלאן צו געפינען? קען פיליייכט יעמאנד פון אייערע לייטע, אָדער זאָגאר איהר אליין —

— אָה, ניין, דאס ניט! — האָט נעמאָ מיינע רייד איבערגעשלאָגען.

— אָבער איך און מיינע קאמעראדען וואָלטען בערייט געווען אייער בוך אויפצובעהאלטען, און אויב איהר וואָלט אונז דיא פרייהייט צוריקגעבען —

— דיא פרייהייט? — האט דער קאפּיטאן איבערגעפרעגט, זיך אויפהויבענדיג פון שטוהל.

— יא, מיין הערר, און גראדע וועגען דעם בין איך געקומען היינט מיט אייך רעדען. עס זיינען שוין זיעבען מאָנאטען פאַריבער זייט מיר געפינען זיך אויף אייער שיף. אצינד פרעג איך אייך אין דעם נאָמען פון מיינע קאמעראדען און פון זיך אליין: ווילט איהר אונז איביג צווינגען דאָ צו פערבלייבען?

— הערר אראָנאקס, איך קען היינט אייך געבען נור דעמזעלבען ענטפער וויא דאמאָלס מיט זיעבען מאָנאטען צוריק: ווער עס קומט איינמאָל אויף דער "נאָטילוס", דארף איהר מעהר ניט פערלאָזען.

— דאָס הייסט גאנץ איינפאך, אז איהר מיינט צו האלטען אונז דאָ מיט געוואלט אלס געפאנגענע שקלאפען.

— פון מיינעטוועגען רופט עס וויא איהר ווילט.

— אָבער א שקלאף האט אין דער גאנצער וועלט דאָס רעכט זיין גערויבטע פרייהייט צוריק צו שאפען און ער מעג אָנווענדען אלע מיטלען דערצו.

— און ווער נעהמט ביי אייך אוועק דיעזע פרייהייט? — האט דער קאפּיטאן געענטפערט גאנץ גלייכגילטיג — האָב איך דען אייך געבונדען מיט א שבועה, אָדער זאָגאר מיט אן עהרענוואָרט איהר זאָלט דאָ פערבלייבען? איהר, פון אייער זייט, מעגט אייך טהאָן וואָס איהר קענט.

— מיין הערר — האָב איך ערווידערט — ניט איך און ניט מיר וועט זיין אנגענעהם וועגען דעם נאָך אמאָל צו רעדען. יעצט אָבער, ווען מיר האָבען שוין אָנגעפאנגען צו בעשפּרעכען דיא פראגע, איז גלייכער מיר זאָלען זיך דיא זאך גענויער ערקלערען. איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אז דאָ האנדעלט זיך ניט וועגען מיין פערזאָן אליין. פאר מיר איז שטודירען און לערנען אזא טהייערע און וויכטיגע זאך צוליעב וועלכע איך וואָלט בערייט געוועזען אלעס אין דער וועלט צו פערגעסען. גראדע אזוי וויא איהר, בין איך וויליג צו לעבען אָבגעזונדערט פון דער וועלט און ארבייטען פלייסיג און מיט פערגעניגען פאר דער וויסענשאפט, מיט דיא אונזיכערע האָפנונגען, אז פיללייכט וועט דיא וועלט אמאָל ערפאהרען פון מיר דורך א קעסטעל וואָס וועט ווער וויים וויא לאנג זיך ארומטרייבען אויף דיא וועללען פון ים. מיט איין וואָרט: איך קען אייך בעגרייפען און בעוואונדערען און נאָכפאָלגען אייער ביישפּיעל אָהן פיעל פערדרוס. אָבער איך זעה, אז אין אייער לעבען געפינען זיך אירגענד וועלכע געהיימניסע, אייער לעבענס-געשיכטע איז פערבונדען מיט זאָנדערבארע סודות, אז איהר שטרעבט צו א געוויסען ציעל, וועלכער וועט פאר אונז פערבלייבען דונקעל און דארום וועלען מיר דאָך אימער זיין פרעמדע אויף אייער שיף. דאָס מאכט אונזער לאגע זעהר ניט גוט, זעהר ניט בעקוועם, איינפאך אונערטרעגליך, זאָגאר פאר מיר, היינט ווער רעדט שוין וועגען מיין קאמעראד נעד לענד? אויב איהר ווילט אריינגעהן

אין זיין לאגע, אויב איהר ווילט בעגרייפען זיינע געפיהלען, דאן שטעלט זיך דיא פראגע: וואס עס הייסט פרייהייטס־ליעבע, האס געגען שקלאפעריי, ראכע פאר אונטערדריקונג, און איבערהויפט נאך ביי אזא כאראקטער וויא דער קעפ־נעדע'ר וועלכער מוז טראכטען מאכען פלענער און פערזוכען —

— אייער נעד לענד — האט דער קאפיטאן ווידער אונטערבראכען מיינע ווערטער — מעג זיך דענקען, מאכען פלענער און פראבירען וואס ער וויל; צו מיר האט דאס גאר ניט. איך האב נאך איהם ניט געשיקט ער זאל אהער אויף מיין שיף קומען, און איך האלט איהם דא אויך ניט צוליעב פערגניגען. איהר, הערר אראנאקס, קענט אלעס בעגרייפען, זאגאר ווען מען רעדט וויניגער. מעהר האט איך אייך דארויף ניט וואס צו ענטפערען; און איך בעט אייך, אז היינטי־גער ערשטער געשפרעך וועגען דיעזען געגענשטאנד זאל אויך דער לעצטער זיין, ווען א צווייטען מאל וועל איך זאגאר ניט וועלען אייערע רייד אויסהערען.

דערמיט בין איך ארויסגעגאנגען. אונזער לאגע איז נאטירליך פון דיעזען טאג אן געוועזען נאך וויניגער אנגענעהם. איך האב מיינע קאמעראדען גענוי ערקלערט דעם אינהאלט פון מיין געשפרעך מיט דעם קאפיטאן נעמא.

— יעצט ווייסען מיר וויניגסטענס וואס מיר האבען פון דיעזען מאן צו ערווארטען — האט לענד זיך אבגערופען — דיא "נאטילוס" קומט באלד ניט ווייט פון לאנג־איילאנד. מיר וועלען אנטלויפען זאגאר ביי דעם ערגסטען וועטער.

אבער דאס וועטער איז גראדע צו דיעזע צייט געווארען אימער מעהר געפעהרליך; עס האבען אנגעפאנגען זיך צו בעווייזען אלע בעוואוסטע צייכענס אז קירצליך וועט קומען אן אונגעוועהנליך גרויסער שטורם. דיא לופט איז געוועזען ווייסליך, אזוי וויא מילך־פארביג. ביי דיא ברעגען פון הימעל זיינען בילעכווייז פערמעהרט געווארען דיקע, פינסטערע וואלקענס. דיא כוואליעס פון מעער האבען אנגעפאנגען אויפצושטייגען אימער העכער. אויסער דיא שטורם־פויגלאך זיינען אלע אנדערע פערשוואונדען. דער באראמעטער צייגט, אז דיא גאנצע לופט איז פול מיט עלעקטריציטעט און באלד וועט זיך אנפאנגען א געוואלטיגער קאמפף פון דיא ערשיינונגען אין דער נאטור.

דאס געוויטער האט אויסגעבראכען דעם 18טען מאי, גראדע דאמאלס ווען אונזער שיף איז געשטאנען געגען לאנג־איילאנד, בלויז אייניגע מייל פון דעם נויארקער האפען. קאפיטאן נעמא איז דיעזעס מאל ניט אראבגעשטיגען וויא געוועהנליך אין דיא טיעפענים פון ים, אום דארט אין דיא שטילע רוהיגע וואסע־רען דעם שטורם אבצוווארטען. דיא "נאטילוס" איז אזוי וויא צו להכעיס דיא אויפגערעגטע וועללען פערבליבען אין דער הויך אויף דיא אבערפלעכע פון ים.

אנפאנגס האט מען געקענט רעכענען, אז דאס איז בלויז א שטארקער ווינד, וועלכער וועהט פון זיד־וועסט, מיט דיא געשווינדקייט פון עטליכע אין פיערציג פוס אין א סעקונדע. אבער ארום דריי אוהר נאכמיטאג איז שוין דיעזער ציפער

במעט פערדאָפּעלט געוואָרען. דער שטארקער ווינד האָט זיך אלזאָ פערוואנדעלט אין א שטורם.

קאַפּיטאן נעמאָ האָט דיעזען מאָל גראדע פערנומען א פּלאַץ אויף'ן פּלאַטפאָרם, אַבוואָהל דער שטורם האָט געשטויסען און געשליידערט מיט א געוואַלדיגע מאַכט. אום זיכער צו זיין, אז דיא מעכטיגע וועללען, וואָס האָבען זיך אויפּגעהויבען גאַנץ הויך זאָלען איהם ניט ארונטערשלעפּען אין ים, האָט ער זיך אין האַלבען קערפּער צוגעבונדען צום דעק. איך האָב אויך דאָס זעלבע געטהאָן, ווייל איך האָב געוואָלט זעהן דיא וואונדער וויא דער שטורם ארבייט איבער'ן וואַסער און צו דער זעלבער צייט איז אויך געווען אינטערעסאַנט צו זעהן וויא דער מערקווירדיגער מאַן — קאַפּיטאן נעמאָ, האָט קיין מורא זאָגאר פאַר דיא קאַפּריזען פון דיא אויפגערעגטע נאַטור.

צוריסענע שטיקער וואָלקען זיינען, געיאָגט פון שטורם, געפלויגען ניעדעריג איבער'ן ים, וועלכער איז אויפגעקאָכט געוואָרען און האָט געבּרויזט און געשטורמט מיט שרעקליכען וואוטה. דיא כוואַליעס האָבען זיך אויפגעהויבען אזוי וויא הויכע בערג. זיי זיינען געווען אזוי געדיכט, אז איך האָב גאָר ניט בעמערקט וויא זיי פאַלען צוריק. זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון 150 ביז 175 פוס הויך און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז זיי שטעהן אזוי וויא גרויסע וואַסערבערג, וועלכע בעוועגען זיך און קעמפּפען איינע מיט דיא אנדערע. דיא "נאָטילוס" האָט זיך געקייקעלט איבער דיא וועללען און האָט זיך געבויגען, געדרעהט און געוואָרפען אין אלע זייטען. אזעלכע שטורמס האָבען פּאַסירט דעם 23טען דעצעמבער, 1864. נאָכדעם וויא דער שטורם פון יענעם יאָהר האָט פערניכטעט דיא שטאָדט יעדאָ, אין יאַפּאַן, האָט ער איינגעדרונגען ביי דיא ברעגען פון אמעריקא און האָט אויך פעראורזאַכט חורבנות.

ארום פינף אוהר האָט אנגעהויבען גיסען א שלאַגס רעגען. עס האָט געגאָסען און געפליוכעט שטראָמענווייז. עס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א גאַנצער ים זאָל זיך גיסען פון אויבען ארונטער. דער געוואַלטיגער שטורם האָט אויסגעבראָכען אלץ שטארקער און שטארקער און איז געפלויגען מיט א שנעלקייט פון 45 איילען אין א סעקונדע. ביי אזאַ שטארקייט איז דער ווינד אימשטאַנד געווען ארונטערצורייסען הייזער, אראָבצוטראָגען דעכער, צוברעכען שטארקע מויערען און זאָגאר צושטערען גאַנצע דערפער און שטעדט. קיין שיף, זאָגאר דיא שטארקסטע און בעסטע, איז דאַמאָלס ניט געווען זיכער אויף'ן וואַסער, און ווער ווייסט וויפיעל סבות עס האָבען יענעם טאָג פּאַסירט. דיא "נאָטילוס" אָבער האָט אלעס רוהיג איבערגעטראָגען. עס איז אזוי וויא אן ערפאַהרענער, בעריהמטער אינזשיניר האָט אמאָל געזאָגט: "דיא שיף וואָס קען זיך ניט שטעלען געגען דיא מאַכט פון מעער, דיא שיף וואָס קען ניט פערנעהמען דיא קאַפּריזען פון דער נאַטור, איז ניט ריכטיג געבויט". אזעלכע ברויזענדע וועללען

קענען צוברעכען א פעלזען אויף שטיקלאך, אָבער זיי זיינען ניט געווען אימ־שטאנד צו שאדען דער "נאָטילוס", וועלכע האָט זיך בעוועגט איבער זיי אָהן מאסטען און אָהן זעגלען, ניט שפירענדיג קיין געפאהר.

ביז פארנאכט איז דער שטורם נאָך שטארקער געוואָרען. איך האָב בעמערקט צו דער זעלבער צייט דאָרט, אירגענד וואו וויט, וויא א גרויסע שיף קעמפפט צווישען הימעל און וואסער. דאָס איז וואהרשיינליך געווען א דאמפ־פער פון דיא נויאָרק־ליווערפול ליניע, וועלכער איז געווען אין אזא גרויס געפאהר.

ווען עס איז נאכט געוואָרען האָט זיך דער גאנצער הימעל אָנגעצונדען אין פייער און פלאמען און דיא לופט איז געווען פול מיט אונאויפהערליכע בליצען. מיר זיינען ביינאהע דיא אויגען פערבלענדעט געוואָרען, וועהרענד קאפיטאן נעמאָ האָט ניט אָבגעווענדעט זיינע בליקען קוקענדיג מיט אזא צו־פריעדענהייט, אזוי וויא ער וואָלט מיט פערגניגען דיא זעלע פון שטורם איינ־אטהעמען. שרעקליך איז דאָס ברויזען און רוישען איבעראל ארום אונז; עס קאָכען דיא געבראָכענע וועללען, דער שטורם־ווינד ברומט, דער דונער קלאפט און דער ווינד פייפט פון אלע זייטען מיט אן אונגעהויערע קראפט.

יא! דער גאָלף־שטראָם איזווירקליך וויא מען רופט: "דער קעניג פון דיא שטורמס!" דיא פערשיעדענהייט פון דיא טעמפעראטור אין דיא לופט איבער איהם בריינגט זעהר אָפט צו אזעלכע געפעהרליכע אויפרוהרען.

נאָך דעם שלאגס רעגען איז געקומען א רעגען פון פייער. יעדער טראָפּען וואסער האָט זיך אָבגעשפיגעלט מיט פערשיעדענע שטראהלען אין דיא פייער־דיגע בליצען. מען וואָלט קענען מיינען, אז קאפיטאן נעמאָ איז דארום געבליבען זיצען אויף'ן דעק, אום צו געפינען א גיכען פאסענדען טויט. ביי איינע פון דיא שרעקליכע בעוועגונגען וועהרענד דיא "נאָטילוס" האָט זיך אויפגעשטעלט מיט דעם שטאָהלענעם שנאָבעל ארויף, אזוי וויא א בליין־אבלייטער, האָב איך געזעהן, אז עס פליהען פון איהם לאנגע פונקען.

לענגער איז דאָס מיר ניט געווען מעגליך צו פערטראָגען און קריכענדיג אויף אלע פיער האָב איך עררייכט דיא פלאטע, אָבגערוקט און אראָבגעשטיגען אין זאאל. דאָס געוויטער איז יעצט געקומען צו דיא העכסטע שטופע און זאָגאר אינווענינג אין שיף איז ניט מעגליך געווען אויף דיא פיס זיך צו האלטען.

ארום האלבע נאכט איז קאפיטאן נעמאָ ארונטער געגאנגען. איך האָב גע־הערט וויא דיא וואסער־בעהאלטער ווערען אָנגעפילט און דיא שיף האָט זיך רוהיג אָנגעהויבען ארונטערצולאָזען אין דיא טיעפענים פון מעער.

דורך דיא אָפענע פענסטער פון זאאל האָב איך בעמערקט וויא גרויסע פיש זיינען אומגעשוואומען זעהר צושראָקען. אייניגע פון זיי זיינען פאר מיינע אויגען פון בליץ געטראָפען געוואָרען. דיא "נאָטילוס" האָט געזונקען אלץ טיעפער און טיעפער. איך האָב געמיינט אז ביי א פופציג פוס טיעף וועלען מיר

געפינען רוהיגעס וואסער, אָבער פאקטיש איז ניט אזוי געווען. דיא אויבערשטע וואסער־שיכטען זיינען געווען צופיעל אונרוהיג, צופיעל געיאָגט און געטריבען פון שטורם און דיא געוואלדיגע בעוועגליכקייט האָט דורכגעבראָכען דיא וואַ־סערען גאנץ טיעף. רוהיג האָבען מיר ערשט געפונען, ווען מיר האָבען זיך ארונטערגעלאָזט ביי א 150 פוס טיעף. דאָרט איז געווען שטיל און רוהיג, אזוי רוהיג, אז קיינער וואָלט גאָר ניט געגלויבט, דאָס אין דער הויך וויטהעט א שטורם מיט זיין פורכטבארסטע מאכט.

20טעם קאפיטעל

דיא שיף פון נקמה

דער פריהער בעשריבענער שטורם האָט אונזער שיף פערוואָרפען א שטיק וויית נאָך אָסטען (מזרח זייט). יעדע האָפענונג צו אנטלויפען ביי אירגענד וועלכען האפען פון ניו יאָרק אָדער סעינט לאורענס איז דערמיט פערשוואונדען געוואָרען. דער אָרימער נעד לענד האָט אויס פערצווייפלונג און פערדרוס זיך צוריק געצויגען פון אונזער געזעלשאפט, אזוי וויא קאפיטאן נעמאָ. קאָנסייל איז דאן פערבליבען מיין איינציגער קאמעראד און פריינד מיט וועלכען איך האָב געקענט רעדען און פערברייננגען. אין דער ריכטונג וואו דיא "נאָטילוס" איז פון שטורם פערשטויסען געוואָרען, איז זיא געשוואומען אזוי וויא אָהן א בעשטימטען ציעל, אמאָל אויף דער אָבערפלעכע פון ים און אמאָל אונטער'ן וואסער.

אזוי זיינען מיר געפאָהרען עטליכע טעג נאָך אָסטען אָדער ריכטיגער גע־זאָגט: נאָך נאָרד־איסט. דיא געגענד ארום איז געווען בעדעקט מיט א געדיכטען נעבעל, וואָס קומט הויפזעכליך דערפון וואס דער אייז צושמעלצט און פילט אָן דיא לופט מיט פייכטקייט. פאר זעע־פאָהרער איז דער נעבעל אָדער טהוי אויפ'ן ים זעהר געפעהרליך. אָה, וויפיעל אונגליקען ווערען פעראורזאכט צוליעב דעם נעבעל! וויפיעל צוזאמענשטויסע צווישען שיפען קומען פאָר און וויפיעל שיפען ווערען צושמעטערט אָן פעלזען! דער גרונד פון ים אין יענע געגענד האָט אונז בעוויזען וואָס פאר א קאטאסטראָפען עס האָבען דאָרט פאסירט, וואָס פאר אן אונגליקען עס זיינען דאָרט געשעהן אין אזעלכע נעבעל וועטערען. דער גרונד פון מעער האָט אויסגעזעהן אזוי וויא א שלאכטפעלד, בעדעקט מיט שטיקער פון דיא מענשען־אָפפער, וועלכע דער ים האָט פערשלונגען. דאָ און דאָרט האָבען זיך געזעהן גאנצע און צובראָכענע שיפען פון פערשיעדענע ארטען, וועלכע זיינען אונטערגעגאנגען מיט דיא מאַנשאפט און פאסאזשירען. יענע געגענד איז איבערהויפט א געפעהרליכע און דאָרט טרעפען מעהר סבות וויא אין אנדערע געגענדען פון ים.

דעם 15טען מאי זיינען מיר אנגעקומען צום זידליכען זייט פון ניופאונדלענד. ביי דיעזען ברעג פון ים איז דאס וואסער בעדעקט פון אויבען מיט פערשיעדענע צוזאמענגעשוואומענע געגענשטענדע, וועלכע קומען אהין טהיילווייז מיט'ן גאלף שטראם פון דיא הייסע עקוואטאר־לענדער, אדער מיט דעם געגען־שטראם וואס לויפט פערביי דיא אמעריקאנישע ברעגען פון וויטען נארד־פאל. דיעזע אנגע־שוואומענע געגענשטענדע פערנעהמען א היבשע שטרעקע. דארט זיינען געווען צוזאמענגעשפארט האלץ, בוימער, פערשיעדענע פלאנצונגען און אויך טויטע קערפער פון מאלוסקען, פישען און אלערליי אנדערע ברואים, וועלכע זיינען צוליעב געוויסע סבות אויסגעשטארבען אדער געטויטעט געווארען פון יעגער אדער אנדערע ים־טהיערע.

דיא טיעפקייט פון מעער איז אין יענע ערטער ניט גרויס, העכסטענס אייניגע הונדערט איילען. אבער א ביסעל וויטער נאך זידען געפינט זיך א מין לאך, א מין קעסעל־גרוב וואס איז אריבער דריי טויזענד איילען טיעף. דער גאלף־שטראם פערברייטעט זיך דארט גאנץ ווייט. ער פערלירט דארט זיין געשווינדע שטראמונג און זיין בעזאנדערע טעמפעראטור און ער פערוואנדעלט זיך אין א וואהרען מעער.

מיט צוויי טעג שפעטער, וועהרענד מיר זיינען געווען 500 מייל וויט פון הארט'ס קאנטענט (א האפען אין ניופאונדלענד), אין א טיעפענים פון אריבער אכט טויזענד פוס, האב איך דערזעהן אן עלעקטרישען קייבעל, א פון דראט געפלאכטענע שטריק, ליגענדיג אויף'ן גרונד פון מעער. קאנסייל האט עס אויך געזעהן און ער האט אנפאנגס געמיינט, אז דאס איז א ריעזען ים־שלאנג. אבער איך האב איהם ערקלערט דיא ווירקליכקייט וואס דאס איז אזעלכעס. דאס איז אין אמת'ען געווען דער קייבל אדער טעלעגראפישער דראט וואס פערבינדט אייראפא מיט אמעריקא. איך האב מיין דיענער דערצעהלט דיא געשיכטע פון דיעזע ניצליכע קונסט־שטיק:

— דער ערשטער קייבל אויף'ן גרונד פון אטלאנטישען ים איז געלעגט געווארען אין דיא יאהרען 1857 און 1858. עס זיינען דורך איהם אריבערגע־שיקט געווארען ביי א פיער הונדערט דעפעשען און דאן האט ער אויפגעהערט צו ווירקען. פינף יאהר שפעטער, אין יאהר 1863 האבען אינזשינירען פערפער־טיגט אן אנדער קייבל, פיעל גרעסער און שטארקער אלס דער ערשטער. דער נייער קייבעל איז געווען 2000 מייל לאנג און האט געוואויגען 4500 טאן, אדער ניין מיליאן פונט. דיא לאנגע דראטענע שטריק איז געפיהרט געווארען פון אייראפא נאך אמעריקא אויף דער שיף "גרעיט איסטערן", אבער דיא אינ־זשינירען האבען דיא אונטערנעהמונג ניט געקענט פערפערטיגען און מען איז געצוואונגען געווען דיא גאנצע זאך אויפצוגעבען.

דיא אמעריקאנער האבען אבער דעם מוטה ניט פערלארען. א געוויסער

סירוס פיעלד, א רייכער מאן, וועלכער האט פאר דיעזע אידעע זיין גאנצען פערמעגען געאפפערט איז געוועזען פעסט ענטשלאָסען אלע מעגליכקייטען אנצור־ווענדען און דיא זאך ברייננגען אין פאָלקאָמענהייט. ער האט איינגעזעהן וואס פאר א נוצען דאס וועט ברייננגען, ווען דיא צוויי וועלט־טהיילען, אמעריקא און איירֶאפּא וועלען זיין פערבונדען און ער האט געארבייט מיט לייב און לעבען דיא אידעע פון טעלעגראף אונטער'ן וואסער דורכצופיהרען.

הערר פיעלד האט זיך ענערגיש גענומען און איהם איז געלונגען צו גרינדען א גרויסע קאָמפּאני מיט א ריעזען־קאפּיטאל און דיא נייע אונטערנעהמונג האט זיך אנגעפאנגען מיט מעהר ערפאהרונג און אונטער בעסערע אומשטענדען וויא די ערשטע צוויי. דיא ערשטע קייבלס זיינען געוועזען צו שוואך און זיי האבען זיך איבערגעריסען. אויסער דעם איז דער עלעקטרישער שטראם, וואס מען האט דורך דיא דראָטען דורכגעלאָזט, אבגעהאקט געווארען אין מיטען ים צוליעב פערשיע־דענע סבות. מען האט שוין דארום בעווארענט, אז אזעלכעס זאל ניט קענען פאסירען. דיעזען מאל האט מען דעם דראט ארומגעוויקעלט מיט געוויסע שטאפען, בעשיצט אין א מעטאלענעם שייד, וועלכער איז פון אויבען בעצויגען געווארען מיט גומע. דיא שיף "גרעיט איסטערן" האט דיעזען מאל אויך גע־פיהרט דיא דראָטען. דעם 13טען יולי, 1866 איז דיא שיף ארויסגעפאָהרען, אום דעם קייבל אויסצולייגען. דיא ארבייט איז אנפאנגס אנגעגאנגען זעהר גוט. אבער נאכהער האט מען זיך ארומגעזעהן, אז דיא גומענע שייד ארום דראט איז דורכגעלעכערט אזוי וויא מיט גרויסע טשוועקעס. דאס האט א פאר מאל פּאַ־סירט און דער שולדיגער איז ניט ענטדעקט געווארען. קאפּיטאן אנדערסאן, וועלכער האט קאמאנדירט דיא שיף, האט בעקאנט געמאכט, אז אויב דער וואס טהוט עס וועט ענטדעקט ווערען, וועט מען איהם זיכער אין ים ארייננשליידערען. פון דאמאלס אן האט מען שוין דעם קייבל מעהר ניט בעשעדיגט.

צעהן טעג שפּעטער, דעם 23טען יולי, ווערהענד דיא "גרעיט איסטערן" איז געוועזען ניט מעהר וויא 500 מייל ווייט פון ניופאונדלענד האט מען צו דער שיף טעלעגראפירט פון אירלאנד דיא נייעס וועגען דיא וואפען־שטילשטאנד וואס איז געשלאָסען געווארען צווישען עסטרייך און פּרייסען, אין דער מלחמה וואס זיי האבען דאמאלס געפיהרט. דעם 27טען יולי איז דיא "גרעיט איסטערן" אנגעקומען אין האפען פון הארט'ס קאָנטענט. דיא אונטערנעהמונג איז דאן גליקליך געענדיגט געווארען. דיא ערשטע דעפּעשע וואס דיא יונגע אמעריקא האט דורך דיעזען קייבל געשיקט צו דער אלטער איירֶאפּא, איז בעשטאנען פון דיא ווערטער: "עהרע צו גאט און הימעל און פריעדען און גוטער ווילען צו מענשען אויף דער ערד".

איך האב ניט ערוואַרטעט צו זעהן דיא עלעקטרישע שטריק גאנץ און אין גוטען צושטאנד פונקט אזוי וויא זיא איז ארויס ניי פון דיא פאבריקען, וויא

אין אונענדליכע שלאנג. האט זיך דיא געפאנצירטע דראטען־שטריק געצוויגען איבער'ן גרונד פון מעער. כושעלען האבען איהר בעדעקט ארום און ארום און דער עלעקטרישער שטראם איז דורך איהם געלאפען אונגעשטערט, איבערגע־בענדיג א דעפעשע פון אמעריקא נאך אייראפא אין פערלויף פון אביסעל מעהר וויא דריי סעקונדען. איך האב ניט געצווייפעלט אז דיעזער קייבל איז עכט דויערהאפט, ווייל דיא גוטא־פערטשע — דער זארט גומע מיט וועלכען ער איז בעצויגען — ווערט שטארקער ליגענדיג אין ים־וואסער. אויסערדעם איז דער קייבל אזוי געלעגט, אז ער קען זיך ניט צוברעכען אדער צורייסען.

דיא "נאטילוס" איז געפאהרען אין דיא זעלבע ריכטונג וויא דער אונ־טערוואסערדיגער טעלעגראף דראט איז געלעגען, ביז מיר זיינען דעם 28טען מאי געקומען צו דעם פלאץ וואו דיא ערשטע קייבל האט אין יאהר 1863 גע־פלאצט. ווייטער איז אין גרונד פון ים געווען א טיעפער טהאל, פילייכט הונ־דערט מייל ברייט. אין אסטען האט זיך דיעזער טהאל געגרענעצט מיט א וואנד ביי צוויי טויזענד איילען הויך. מיר זיינען דאמאלס געווען בלויז 120 מייל ווייט פון דיא אירלענדישע ברעגען.

וואוהין קאפיטאן נעמא ציעלט מיט זיין רייזע האב איך ניט געקענט וויסען. צו מיין איבערראשונג האט ער דיא שיף אבגעקירעוועט צו דרום זייט, צוריק אין דיא אייראפעאישע וואסערען. מיר זיינען פערבייגעפאהרען דעם לייכט־טהורם פון קייפ־קליר, וועלכער ווארפט א ליכט פאר דיא טויזענדע שיפען וואס לויפען פון ליווערפול און גלאזגאוו. א וויכטיגע פראגע איז דאן אריינגעלאפען אין מיין מח: דענקט דער זאנדערבארער קאפיטאן צו פיהרען דיא "נאטילוס" אין ענגלישען קאנאל ביי א ברעג פון פראנקרייך? נעד לענד, וועלכער איז א היבשע צייט געווען אבגעזונדערט פון אונז, האט זיך ערשט ווידער בעוויזען און ער האט מיך פערמאטערט מיט דיעזער פראגע, אבער וואס האב איך איהם דערויף געקענט ענטפערען? קאפיטאן נעמא האט זיך נאך אליין ניט געלאזט זעהן. ווען איך וואלט איהם געווען זעהן וואלט איך איהם פילייכט געפרעגט, אבער וויסען אויסוואייניג וואס ביי איהם אין הארצען איז, האב איך געוויס ניט געקענט. פילייכט וועט ער מיר געבען א געלעגענהייט א קוק צו טהאן אויף א פראנצויזישען ברעג און פילייכט ניט.

דעם דרייסיגסטען מאי זיינען מיר געקומען ניט ווייט פון לענד'ס ענד, צווישען דעם גרענעץ פון ענגלאנד און דיא סצילי אינזלען, וועלכע זיינען אונז פערבליבען אין דער רעכטער זייט. אויב דער קאפיטאן דענקט אריינפאהרען אין ענגלישען קאנאל, האט ער געדארפט פאהרען נאך אסטען, אבער ער האט עס ניט געטהאן און איך האב פארלויפיג קיין אויסזיכט געהאט צו זעהן איר־גענד וועלכען ברעג פון מיין פאטערלאנד.

אויף איבערמאָרגען, דעם ערשטען יולי, איז דיא "נאַטילוס" דעם גאַנ־צען טאָג אומגעשוואומען הין און צוריק, אזוי וויא זיא זאָל זוכען ערגיץ א פאסענדען אָרט אָבצושטעלען זיך. מיך האָט עס שטארק אינטערעסירט און איך האָב נאָכגעקוקט איהר יעדע בעוועגונג. מיטאָג־צייט איז קאפּיטאַן נעמאָ אליין ארויפגעגאנגען אויף'ן פּלאטפאָרם אויפצונעהמען דיא צייכענס פון דער זונען־שטאנד. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין אומעטיג און ער האָט מיך זאָגאר ניט בעגריסט. וואָס זאָל עס בעדייטען? ווארום איז ער עפּעס אזוי צוטראָגען? דאָס האָב איך ניט געקענט פערשטעהן. דער ים איז געווען רוהיג, דער וועטער פּראכטפאָל שעהן. אומגעפעהר אכט מייל ווייט פון אונז האָבען מיר געזעהן א גרויסען דאמפפער, אָבער קיין פלאג האָבען מיר ניט געקענט בעמערקען אויף זיין מאסט און מיר האָבען דארום ניט געקענט וויסען צו וועלכע לאנד ער געהערט. אייניגע מינוטען איידער דיא זונן איז אונטערגעגאנגען האָט דער קאפּיטאַן אויף זיינע אינסטרומענטען בעאָבאכטעט דיא זונן און דיא ארומיגע געגענד. דיא שיף איז דאמאָלס געשטאנען רוהיג אין גאנצען אונבעוועגט אויף'ן וואסער. נעמאָ האָט א היבשע ווייל געקוקט און געטראכט, דאן האָט ער אויסגעמורמעלט דיא ווערטער: "דאָ איז עס".

ער האָט זיך דאן אָבגעווענדעט און איז אראָבגעגאנגען אונטען. איך האָב געזעהן אז יענע דאמפּף שיף האָט אונז בעמערקט און האָט זיך אומגעדרעהט אין אזא ריכטונג, אום שנעלער צו אונז צו קומען. איך האָב געוואָלט פער־בלייבען אויף'ן דעק און זעהן וואָס דאָ וועט זיין, ווען דיא צוויי שיפען וועלען זיך בעגעגענען, אָבער איך האָב באלד געהערט א סיגנאל אויף ארונטערצוגעהן. איך בין ארונטער אין זאאל און אין דיעזען מאָמענט האָב איך געהערט וויא דיא וואסער בעהאלטער ווערען אָנגעפילט און אונזער שיף איז געזונקען ביז צום גרונד פון מעער, אומגעפעהר ביי א 25 טויזענד פוס טיעף. אין זאאל איז געווען פינסטער, אָבער באלד זיינען דיא לאָדענס פון דיא פענסטער פונאנדער־געגרוקט געוואָרען און דער גרונד פון ים איז העל בעלויכטען געוואָרען פון דיא לאנטערנעס פון שיף וויינינגסטענס אויף א האלב מייל אין אלע זייטען ארום דער "נאַטילוס".

ביי דער רעכטער זייט פון דער שיף איז קיין זאך ניט געווען צו זעהן, אויסער דיא רוהיגע וואסערען, וועלכע זיינען ביים שיף געווען בעלויכטען און ווייטער האָבען זיי זיך געצויגען אין א ווייטע דונקעלהייט. אָבער א קוק טהאָנדיג לינקס, האָב איך באלד דערזעהן א גרויסע רואינע, וועלכע איז געווען בעדעקט מיט מושעלען און האָט אויסגעזעהן, אזוי וויא זיא זאָל זיין איינגעוויקעלט אין א מאנטעל פון שנעע. בעטראכטענדיג בעסער יענעם געגענשטאנד, האָב איך דערקענט אז דאָס איז א דערטרונקענע שיף, וועלכע ליגט שוין געוויס אויף'ן גרונד פון ים זייט יאָהרען. דיא מושעלען מיט וועלכע זיא איז געווען בעדעקט

האָבען געדיענט אלס ציינגניס, אז עס זיינען שוין פיעלע יאָהרען פאָריבער זייט דיא שיף איז געזונקען.

וואָס איז עס פאר א שיף? ווארום איז דיא "נאָטילוס" צו איהר געקומען אויף א בעזוך? איז זיא אליין אונטערגעגאנגען דורך א געוויסע סבה אָדער האָט איהר א שונא געזונקען? דאָס איז פאר מיר געווען א רעטעניס, וועלכע איך האָב ניט געקענט ערקלערען. וויא איך בין אזוי געשטאנען פערטראַכט און געקוקט אויף דער פערונגליקטער שיף, האָב איך דערהערט קאפיטאן נעמאָ'ס שטימע רעדענדיג לאנגזאם און שטיל:

— אמאָל איז דיעזע פראנצויזישע שיף גערופען געוואָרען "מארסעליי". זי איז ארונטערגעלאָזען געוואָרען אין וואסער אין יאָהר 1762 און האָט געטראָגען פיער און זיעבציג קאנאָנען. דעם 13טען אויגוסט פון יאָהר 1778, וועהרענד לא פאָיפ ווערטריע האָט זיא קאָמאנדירט האָט זיא העלדיש געקעמפפט געגען דער ענגלישער קריעגס־שיף "פרעסטאָן". דעם פיערטען יולי, 1779 האָט זיא צוזאַמען מיט דער פלאָטע פון אדמיראל עסטיינג איינגענומען דיא פעסטונג פון גראנאדא. דעם פינפטען סעפטעמבער פון יאָהר 1781 האָט זיא אנטהייל גענומען אין דער מלחמה געגען ענגלאנד מיט גראף דע גראסע אין שעסאפיק בעי. אין יאָהר 1794 האָט דיא פראנצויזישע רעפובליק געענדערט איהר נאָמען. דעם 16טען אפריל פון זעלבען יאָהר האָט זיא זיך אָנגעשלאָסען צו דער פלאָטע פון ווילארע דזשאָיעס, וועלכע האָט געפיהרט געטריידע פון אמעריקא נאָך פראנקרייך, אונטער דיא קאָמאנדע פון אדמיראל וואן סטאבעל. דיעזע שיף האָט זיך קורץ נאָכדעם צוזאמענגעטראָפען מיט א שטארקע ענגלישע פלאָטע און עס איז ענטשטאנען א פורכטבארער קאמפף. היינט איז דער ערשטער יוני, 1868. גראדע מיט 74 יאָהר צוריק האָט אויף דיעזען פלאַץ דער קאמפף פאסירט. מעהר וויא א דריטעל פון דיא מאנשאפט פון דיעזער שיף זיינען שוין געווען אויסגעשלאכטעט אָדער טויטליך פערוואונדעט. לענגער איז שוין ניט מעגליך געוועזן צו שטעהן געגען דעם מעכטיגען שונא. איידער זיך אונטערגעבען, האָט דער קאָמאנדיר פון שיף געהייסען דורכבויערען אין איהר א לאָך און זיי האָבען איהר געזונקען אין ים מיט דער פרייהייטס פלאַג אויסגעשטעלט. איהרע 356 מאטראָזען זיינען פערשוואונדען געוואָרען אונטער דיא כוואליעס פון ים אויסשרייענדיג: "עס לעבע דיא רעפובליק!"

אָה, מיין גאָט! — האָב איך אויסגעשריען — דאָס איז אלזאָ דיא בעריהמטע פאטריאָטישע ראכע־שיף!

— יא, מיין הערר, דיא ראכע־שיף! א שעהנער נאָמען, ניט וואהר? — האָט קאפיטאן נעמאָ געמורמעלט מיט א טיעפען געפיהל פערלעגענדיג זיינע הענד איינע אויף דיא אנדערע.

21טעם קאפיטעל

דער מאסען־מארד

דיא ארט און וויזע וויא דער קאפיטאן האט אזוי קאלטבלוטיג דערצעהלט דיא געשיכטע פון דער געזונקענער פאטריאטישער שיף, דיא זאנדערבארע בעוועגונג מיט וועלכע קאפיטאן נעמא האט זיינע לעצטע ווערטער אויסגערעדט און דער נאמען "ראכע־שיף", וואס האט אין צייט פון איהר עקזיסטענץ ארויפ־געיאגט א שרעק אויף לאנד און לייט — דאס אלעס האט אויף מיר א טיעפען איינדרוק געמאכט. איך האב ניט געקענט אראבנעהמען דיא אויגען פון קאפיטאן נעמא, וועלכער איז געשטאנען קוקענדיג מיט ברענענדע אויגען אויף דער הים־מארישער רואינע. פילייכט וועל איך קיינמאל ריכטיג ערפאהרען ווער דיעזער קאפיטאן איז, פון וואנען ער קומט און וואוהין ער ציעלט, אבער וואס ווייטער בין איך אלץ מעהר איבערצייגט געווארען, אז ער און זיינע חברים, דיא מאנ־שאפט פון דער "נאטילוס" האלטען זיך אבגעזונדערט פון דער וועלט אין דיא טיעפענים פון מעער איבער א שרעקליכען מענשען־האס, א האס וואס קען פילייכט קיינמאל ניט געשטילט ווערען. זוכט דיעזער מערקווירדיגער מאן אויך צו נעהמען ראכע פון אימיצען? איז דיא "נאטילוס" אויך א "ראכע־שיף"? זוכט זיא יעמאנדען צו בעזיעגען אדער פערניכטען צוליעב א געוויסען אידעאל? דיא נעכסטע צוקונפט האט מיר בעוויזען, אז דאס איז טאקי אזוי.

דיא "נאטילוס" איז ארויפגעקומען צוריק אויף דער אבערפלעכע פון ים און איך האב עס באלד דערשפירט. אין דיעזען אויגענבליק האט זיך געהערט א דונער־קראך. איך האב א קוק געטהאן אויף'ן קאפיטאן און איך האב געזעהן אז ער שטעהט אויף איין ארט אונבעוועגט.

— קאפיטאן! — האב איך אויסגעשריען.

אבער ער האט מיר ניט געענטפערט און האט זיך זאגאר ניט אומגעקוקט.

איך האב איהם איבערגעלאזט און בין ארויף אויף'ן דעק. נעד לענד און קאנסייל זיינען שוין דארט געווען.

— פון וואנען איז עס געקומען דער קראך? — האב איך זיי געפרעגט.

— דאס איז געווען א שאס פון א קאנאנע! — האט דער קענעדע'ר גע־ענטפערט.

איך האב א קוק געטהאן און געזעהן אז יענער דאמפפער וועלכען איך האב פריהער בעמערקט קומט נעהענטער צו אונז. ער איז געווען אומגעפעהר זעקס מייל ווייט פון דער "נאטילוס".

— וואס איז עס פאר א שיף, פריינד לענד? — האב איך געפרעגט.

— וויא עס זעהט אויס — האט לענד געענטפערט — איז עס א קריעגס־

שיף, אבער צו וועלכע נאציאן זיא געהערט קען איך ניט וויסען, ווייל קיין פלאג איז אויף איהר ניט ארויסגעשטעלט. פילייכט וועט זיא אונז אניאגען און וועט פערניכטען דיא פערפלוכטע "נאטילוס".

— פריינד לענד — האט זיך קאנסייל אבגערופען — וואס קען דיזע שיף טהאן דער "נאטילוס"? קען זיא איהר אטאקירען אונטער'ן וואסער? קען זיא אויף איהר שיסען אויף'ן גרונד פון ים? איך דענק אז דער קאמאנדיר פון יענער קריעגס-שיף מאכט זיך לעכערליך וואס ער געהט זיך אנפאנגען מיט דער "נאטילוס".

א פיערטעל שטונדע צייט איז יענע אונבעקאנטע שיף געשוואומען אלץ נעהענטער צו אונז. לענד האט זיא שוין דייטליכער געקענט זעהן און ער האט מיך פערזיכערט, אז דאס איז ווירקליך א גרויסע קריעגס-שיף מיט א געפאנ־צירטען דאפעל-דעק. איך האב שוין אויך דייטליך געזעהן וויא א געדיכטער רויך האט ארויסגעשפארט פון איהרע צוויי קוימענס און זיא איז געלאפען זעהר שנעל און עס האט אויסגעזעהן אז זיא וועט אונז גאנץ שנעל דערגרייכען, אויב קאפיטאן נעמא וועט עס צולאזען.

— מיין הערר — האט נעד לענד געזאגט — אויב דיא שיף וועט צו־קומען א מייל ווייט פון אונז, וועל איך ארונטערשפרינגען פון דעק און וועל צו איהר צושווימען.

איך האב דערויף גאר ניט געענטפערט און ניט אראבגענומען מיינע אויגען פון דער אונבעקאנטער קריעגס-שיף, פיליכט וועל איך דאך בעמערקען פון וואס פאר א לאנד זיא קומט. יעדענפאלס — האב איך ביי זיך געטראכט — אויב זיא איז אן ענגלישע, א פראנצויזישע אדער אן אמעריקאנישע, קענען מיר בעשטימט רעכענען אז זיא וועט אונז אויפנעהמען און איך האב שוין גע־וואלט זאגען דעם קענעדע'ר אז איך בין איינשטימיג מיט זיין פלאן. אבער אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך פון יענער שיף דערזעהן א ווייסער רויך. באלד האט געפאלגט א שרעקליכער קראך און א קאנאנען קויל איז אריינגעפלוי־גען אין וואסער הארט ביי דער "נאטילוס". א זייל וואסער האט זיך אויפגעהוי־בען פון דער עקספלאזיאן און מיר זיינען אלע אבגעשפריצט געווארען.

— ווארום שיסען זיי אויף אונז? — האב איך אויסגעשריען.

— בערוהיגט זיך, מיין הערר — האט זיך לענד אביסעל שפאטיש אבגע־רופען — זיי האבען דערזעהן דעם ריעזיגען נארוואל, וויא איהר האט אמאל אויך דיא "נאטילוס" אנגענומען, און זיי ווילען דיזע שטאהלענע חיה טויטען.

— אבער זיי זעהען דאך דא מענשען, היינט וויא אזוי קענען זיי עס אנ־געהמען פאר א טהיער? — האב איך געפרעגט.

— טאקי דערפאר גופא — האט לענד געענטפערט — שיסען זיי אויף אונז. זיי וויסען וואהרשיינליך מיט וועמען זיי האבען צו טהאן.

לענד'ס לעצטע ווערטער האָבען אין מיר ארויסגערופען גאַנץ אַנדערע געדאַנקען. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז דער קאָמאַנדיר פון דער "אייברעהעם לינקאָלן" האָט דאַמאָלס ווען מיר זיינען פון דער שיף אַרונטערגעשליידערט געוואָרען דערקענט, אַז דאָס איז ניט קיין ריעזען־נאַרוואַל, זאָנדערן אַן אונטערוואַסערדיגע שיף, וועלכע איז נאָך פיעל געפעהרליכער וויא דאָס גרעסטע און שטאַרקסטע טהיער, און ווען ער איז אַהיים געקומען האָט ער וועגען דעם בעריכטעט און יעצט פערפאָלגט מען דיא "נאָטילוס" און מען וויל דיא פירכטליכע צושטערונג־מאַשינע פערניכטען.

— יאַ — האָב איך ווייטער ביי זיך געטראַכט — דיא "נאָטילוס" איז וואַהרשיינליך געבויט געוואָרען מיט דעם צוועק צו פערניכטען און פערוויסטען. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט וואַהרשיינליך שונאים און דורך זיין שיף זוכט ער פון זיי ראַכע צו נעהמען. דיא אורזאַכע פון זיין פיהרען קריעג מיט אימיצען איז מיר פאַרלויפיג אונבעקאַנט געווען, אָבער איך בין אין יענעם מאָמענט זיכער געווען, אַז אין יענע נאַכט ווען מען האָט אונז בעטויבט און איינגעשפּאַרט אין אונזערע צימערען איז דיא "נאָטילוס" געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט אַ פיינדליכע שיף און דער פערוואונדעטער מאַטראָז, וועלכער איז נאַכהער געשטאָרבען, האָט דיא וואונדען בעקומען אין שלאַכט מיט דיא שונאים. מיר איז שוין דאַן קלאָהר געווען, וואַרום קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיט אַזאַ געפיהל גערעדט וועגען דער פראַנצויזישער ראַכע־שיף, ווייל וואַהרשיינליך האָט ער אויך געשוואָרען ראַכע, פיליייכט צו דיא גאַנצע מענשהייט.

דיא שיסעריי פון דיא קאַנאָנען איז פאָרטגעזעצט געוואָרען. איינינע קוילען האָבען ניט דערגרייכט אונזער שיף און מאַנכע וויעדער זיינען פערפלויגען פיעל ווייטער. אָבער קיינער האָט אונזער שיף ניט געטראָפען. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט זיך אַלץ ניט בעוויזען, אָבוואָהל דיא פיינדליכע קריעגס־שיף איז שוין געווען בלויז דריי מייל פון אונז און דיא "נאָטילוס" **איז געווען אין געפאַהר** צוקלאַפּט צו ווערען פון דיא קאַנאָנען קוילען.

— מיין הערר — האָט זיך לענד צו מיר אָבגערופען — **מיר מוזען** אָנווענדען אַלע מיטלען פון דיעזער צרה אַרויסצוקריכען. לאָמיר זיי **געבען** אַ סיגנאַל, פיליייכט וועלען זיי דאָרט פערשטעהן, אַז מיר זיינען אָרענטליכע, אונשולדיגע מענשען.

ביי דיעזע ווערטער האָט דער קענעדע'ר אַרויסגענומען אַ טאַשען־טוך און האָט עס אָנגעפאַנגען שאָקלען אין דער לופט. אָבער ביי דיא ערשטע בעוועגונג האָט איהם אַ מעכטיגע האַנד צום באָדען געשליידערט. דאָס איז געווען קאַפּיטאַן נעמאָ.

— דו נאַרישער מענש! — האָט דער קאַפּיטאַן העכסט אויפגערעגט

אויסגעשריען — ווילסט דו אז איך זאָל דיך צודריקען און פערניכטען איידער איך וועל עס טהאָן מיט יענער שיף?

א שרעק איז אונז בעפאַלען הערענדיג דיעזע ווערטער און נאָך מעהר האָבען מיר זיך דערשראָקען ווען מיר האָבען דערזעהן דעם קאַפּיטאַן'ס געזיכט. ער האָט אויסגעזעהן פּירכטליך. זיין פּנים איז געווען בלאַס וויא דער טויט, זיינע ליפּען האָבען געציטערט און זיינע הענד האָבען זיך פיעבערהאַפט גע־טרייסעלט. א קורצע ווייל́ע איז ער געשטאַנען נעבען קענעדע'ר, וועלכען ער האָט נור וואָס אומגעשליידערט, דאַן האָט ער קוקענדיג אויף דער אונבעקאַנטער שיף מיט שרעקליכע אויפרעגונג אויסגעשריען:

— אָהּ, דו שיף פון א פערפלוכטע נאַציאָן, דו ווייסט ווער איך בין! איך ברויך ניט דיין פלאַג צו דערקענען דיך. קוק, און איך וועל דיר מיין פלאַג ווייזען!

רעדענדיג דיעזע ווערטער האָט ער ביים שפּיץ פון שיף ארויסגעשטעלט א שוואַרצע פאָהן, עהנליך צו יענער וועלכע ער האָט אוועקגעשטעלט ביים זיד־פּאָל. אין יענעם מאָמענט האָט זיך א קאַנאָנען קויל אָנגעקלאַפּט אָן וואַנד פון דער "נאָטילוס", אָבער זיא איז צוריק אָבגעשפּרונגען און פערזונקען אין וואַסער. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט געצויגען זיינע אַקסלען, אַזוי וויא ער זאָל עטוואָס בעוואונדערען, דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און האָט געזאָגט מיט א בייזע מינע:

— געהט ארונטער אונטען צוזאַמען מיט אייערע קאַמעראַדען.

— מיין הערר — האָב איך זיך אָבגערופען — דענקט איהר אָנצוגרייפען יענע שיף?

— יא, איך וועל זיא דורכלעכערען און זינקען! — האָט נעמאָ געענטפערט.

— וועט איהר עס ווירקליך טהאָן? — האָב איך ווידער געפרעגט.

— געוויס וועל איך עס טהאָן! — האָט ער קאַלט געענטפערט — און איך ראַטהע אייך, אז איהר זאָלט מיך ניט אורטהיילען און קיינע עצות ניט געבען. א צופאַל האָט אייך בעוויזען א זאַך וואָס איהר דאַרפט ניט זעהן, אָבער שוין גענוג. געהט ארונטער.

— וואָס פאַר א שיף איז עס? — האָב איך געוואַגט צו פרעגען.

— איהר ווייסט ניט? — האָט נעמאָ געענטפערט — זעהר גוט. אַמוויי־ניגסטען וועט דאָס פאַר אייך פערבלייבען א געהיימניס. געהט שוין ארונטער!

איך און מיינע קאַמעראַדען האָבען נאַטירליך געמוזט פאָלגען. אין יענעם מאָמענט האָבען זיך בעוויזען פופצעהן פערזאָן פון דיא מאַנשאַפט פון דער "נאָטילוס" און זיי האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום קאַפּיטאַן. זיי האָבען אַלע געקוקט אויף דער קריעגס־שיף מיט בלישצענדע אויגען און זייערע געזיכטער האָבען אויסגעדריקט האַס און ראַכע. איך האָב געוואָרפען א בליק אויף יענער

שיף און מיר זיינען ארונטערגעגאַנגען. ארונטערגעהענדיג האָבען מיר געהערט וויא א קאַנאָנען־קויל האָט ווידער אונזער שיף געטראָפען. דער קאַפּיטאַן האָט דאַן אויסגעשריען:

— שים, דו נארישע שיף, שים! ווארף דיא קוילען דיינע! און דאַן וועט דער שפּיץ פון דער "נאַטילוס" דיך דורכלעכערען. אָבער ניט דאָ, וואו עס ליגט דיא רואינע פון דער ראַכע־שיף וועל איך דיך זינקען, איך וועל דיך אוועקפיהרען ווייטער! דיין אָרט דאַרף ניט זיין נעבען יענער שיף, וועלכע האָט געקעמפפט פאַר גערעכטיגקייט, פאַר פרייהייט!

ווען איך בין אריין אין מיין צימער האָב איך געשפּירט, אַז דיא "נאַטילוס" אנטלויפט ווייט. עס האָט ניט פיעל געדויערט און דיא קוילען פון דער פיינד־ליכער שיף האָבען שוין ניט געקענט דערגרייכען דיא "נאַטילוס". אָבער קאַפּיטאַן נעמאָ האָט זיין שיף געהאַלטען אין אַזאַ שטאַנד, אַז יענע שיף וואָס האָט אונז געיאָגט זאָל דיא "נאַטילוס" קענען זעהן און זיא ניט פערלירען פון דיא אויגען.

ארום פיער דעם זייגער נאָכמיטאָג האָב איך שוין פון אונגעדולד ניט גע־קענט אויסהאַלטען און איך בין ארויסגעגאַנגען צום מיטעל־טרעפּ. דיא פּלאַטען פון אויבען זיינען געווען אָפען און איך האָב בעשלאָסען ארויפצוגעהן אין דער הויך אויף'ן דעק. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט דאָרט אומשפּאַצירט הין און צוריק און האָט זיך איינגעקוקט אויף דעם שונא'ס שיף, וועלכע איז געווען פינף אָדער זעקס מייל ווייט פון אונז. נעמאָ איז געווען בייז אַזוי וויא א ווילדע חיה. ער האָט זיך געלאָזט פערפאָלגען און ער האָט דיא פיינדליכע שיף פערשלעפּט אַלץ ווייטער און ווייטער נאָך אָסטען. איך האָב אביסעל שפּעטער בעמערקט, אַז דער קאַפּיטאַן איז עטוואָס רוהיגער געוואָרען און איך האָב פּרובירט רעדען א פּאָר ווערטער, אום אָבצוּוואָוענדען איהם פון זיין שרעקליכען ראַכע־פּלאַן. אָבער ער האָט מיך ניט געלאָזט רעדען און האָט אויסגעשריען:

— שווייגט! איך אַליין בין דאָס געזעץ און אויך דער ריכטער. איך בין דער אונטערדריקטער און דאָרט איז דער אונטערדריקער! דורך איהם האָב איך פערלאָרען אַלעס וואָס מיר איז געווען ליעב און טהייער. דער טיראַנישער אונטערדריקער האָט פון מיר גערויבט מיין היימאַטה, מיין פרוי, מיינע קינ־דער, מיין פאָטער און מיין מוטער. אַלע זיינען פאַר מיינע אויגען אומגעקומען פון דיעזער מערדערישער האַנד און איך האָב פולע רעכט צו נעהמען ערשט ראַכע פון איהם. אייערע רייד וועלען אַלזאָ גאָר ניט העלפען!

איך האָב געוואָרפען מיין לעצטען בליק אויף יענער שיף וועלכע וועט וואָהרשיינליך פאַלען אַלס אָפּפער פון קאַפּיטאַן נעמאָ'ס צאָרן, און איך בין צוריק ארונטער צו מיינע קאַמעראַדען.

— מיר וועלען פון דאנען אנטלויפען! — האָב איך צו מיינע פריינד אויסגעשריען.

— גוט! — האָט זיך לענד אָבגערופען — וואָס איז עס פאר א שיף, דיא וואָס יאָגט דיא "נאָטילוס"?

— איך ווייס ניט. אָבער צו וואָס פאר א נאציאָן זיא געהערט וועט זיא אלץ זינקען נאָך איידער עס וועט נאכט ווערען. יעדענפאלס איז בעסער צו זינקען מיט איהר איידער צו זיין אין קאָמפאני מיט דיא ראכע נעהמער, וועלכע וועלען אומברייננגען מענשען און מיר ווייסען ניט, אויב זיי האָבען רעכט אָדער ניט.

— איך מיין אויך אזוי — האָט זיך לענד אָבגערופען — לאָמיר וואַרטען ביז נאכט.

עס איז נאכט געוואָרען. אויף דער "נאָטילוס" איז פאָרלויפיג געווען שטיל און אין איהר גאנג האָב איך קיין ענדערונג בעמערקט. איך און מיינע קאמע־ראדען האָבען בעשלאָסען צו אנטלויפען אין דעם מאָמענט ווען יענע שיף וועט נור קומען נעהענטער צו אונז. דיא נאכט איז דאמאָלס געווען א ליכטיגע. דיא לבנה האָט געשיינט און איהרע שטראהלען האָבען זיך העל אָבגעשפּיעגעלט אויף'ן ים. מיר האָבען דארום געקענט האָפען אז עס וועט אונז ניט שווער זיין אונזער פּלאן דורכצופיהרען. ווען נור אונז וועט געלינגען קומען אויף יענער שיף, וועלען מיר דאָרט דיא לייטע ווארנען, אז זיי זאָלען אנטלויפען, ווייל דיא "נאָ־טילוס" איז צו מעכטיג און צו געפעהרליך אָנצופיהרען מיט איהר א קאמפף, און מעגליך אז מיר וועלען געראטעט ווערען מיט דער שיף צוזאמען; אויב ווידער ניט, וועלען מיר זינקען מיט איהר צוזאמען.

אזוי איז פאָריבער א טהייל פון דער נאכט. מיר זיינען דיא גאנצע צייט געשטאנען און אויסגעקוקט אויף א געלעגענהייט, ווען עס וועט קומען א גינסטיגע צייט אז מיר זאָלען קענען ארונטערשפּרינגען פון דער "נאָטילוס". נעד לענד איז פערטיג געווען יעדע וויילע ארויפצוגעהן אויף'ן דעק און ארונ־טערוואַרפען זיך אין ים. איך האָב דעם אונגעדולדיגען מאן קוים אָבגעהאלטען.

דריי דעם זייגער פארטאָג בין איך ווידער ארויף אויף'ן פּלאטפאָרם. קאפּי־טאן נעמאָ איז נאָך אלץ דאָרט געשטאנען ביי זיין שווארצען פלאג קוקענדיג אויף יענער שיף, וועלכע איז געווען בלויז צוויי מייל ווייט פון אונז. דיא אונ־בעקאנטע שיף האָט פערפאָלגט דיא "נאָטילוס" נאָך דעם עלעקטרישען שיין וואָס האָט זיך פון איהר פערשפּרייט אויף'ן וואסער. דער ים איז געווען שטיל און רוהיג. דיא וועללען האָבען זיך קוים בעוועגט, וועהרענד אין דיא הערצער פון קאפּיטאן נעמאָ און זיינע מענשען און אויך אין דיא הערצער פון דיא וואָס זיינען געפאָהרען אויף דעם אונבעקאנטען דאמפּפער האָט עס וואהרשיינליך געקאָכט פון האס און צאָרן. געשאָסען האָט מען פון יענער שיף ניט, פיליי

האָבען זיי געוואָלט איינשפּאָרען קוילען, אָדער זיי האָבען געוואַרט אויף א בעד־סערע און גינסטיגערע געלעגענהייט צו מאכען א שטארקערען איבערפאַל. עס איז געוואָרען זעקס אוהר אין דער פריה. קאפּיטאן נעמאָ האָט מיך ניט בעמערקט, אָבוואָהל איך בין א לאַנגע צייט געווען אויף'ן דעק. יענע שיף איז צוגעקומען נאָך נעהענטער. ווען עס איז ליכטיג געוואָרען האָט מען פון יענער שיף ווידער אָנגעהויבען שיסען. זיא איז שוין געווען בלויז איין מייל ווייט פון אונז. איך האָב ערוואַרטעט, אז באלד וועט שוין קומען דער מאָמענט, און איך און מיינע חברים וועלען דיא "נאָטילוס" פערלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט, אויף לעבען אָדער טויט.

ווערענד איך האָב געוואָלט ארונטערגעהן און אָנזאָגען מיינע קאמעראַדען, אז זיי זאָלען זיין גרייט דורכצופיהרען אונזער פּלאן, איז דער לייטענאנט מיט איינינע מאטראָזען ארויפגעקומען. איך האָב געזעהן אז זיי מאכען געוויסע פּאָר־בערייטונגען צו עטוואָס נייעס, אָבער איך האָב ניט געקענט וויסען צו וואָס מען גרייט זיך צו. איך בין ארונטערגעגאנגען אין זאאל וואו מיינע קאמעראדען האָבען מיך ערוואַרטעט.

— מיינע פריינדע — האָב איך צו זיי געזאָגט — דער ריכטיגער מאָ־מענט צו אנטלויפען איז יעצט געקומען. גאָט זאָל אונז בעהילפיג זיין.

נער לענד איז געווען פול ענטשלאָסען, מיין דיענער קאָנסייל האָט זיך גע־צייגט גאַנץ קאַלטבלוטיג. איך בין פון גרויס אויפרעגונג קוים אימשטאנד גע־ווען צו בעהערשען זיך. מיר האָבען אָנגעהויבען געהן מיט שנעלע טריט צו דיא טרעפּ. אָבער קוים זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, האָבען מיר געהערט וויא דיא פּלאַטען פון אויבען האָבען זיך געשלאָסען. קאפּיטאן נעמאָ און דיא גאנצע מאנשאפט זיינען שוין וואהרשיינליך אויך געווען אונטען אין שיף. מיר האָבען באלד געהערט וויא מען לאָזט אריין וואסער אין דיא רעזערוואוארען און מיר זיינען געבליבען שטעהן העכסט פערצווייפעלט. דאָס וואסער האָט אריינ־דרינגענדיג אין דיא וואסער־בעהעלטער גערוישט און ניט וויינינער האָט עס גערוישט און געקאָכט אין אונזערע קעפּ און אין אונזערע הערצער. איך האָב גוט פערשטאנען צו וועלכען צוועק דאָס ווערט געטהאָן. קאפּיטאן נעמאָ וויל וואהרשיינליך דורכלעכערען דעם שונא'ס שיף ניט אין איהר זייט, וואָס איז בעשיצט מיט א דאָפּעלטען קופּערנעם פּאנציר, זאָנדערן אונטען אין איהר דעק און דערפאר לאָזט ער דיא "נאָטילוס" ארונטער אין וואסער.

אונזערע האָפנונגען זיינען אלזאָ פערשוואונדען און מיר זיינען ווייטער פערבליבען געפאַנגענע, און מיר וועלען געגען אונזער ווילען מוזען צוקוקען דיא שרעקליכע סצענעס וואָס וועלען זיך אָבשפּיעלען אונטער'ן וואסער. איך האָב עס זעהר ניט געוואָלט זעהן מיט מיינע אויגען און איך בין דארום אזוי וויא א וואהנזיניגער אריינגעלאָפען אין מיין צימער. מיינע קאמעראדען האָבען מיר

נאָכגעפאָלגט. איך בין געווען אזוי וויא צומישט און איך האָב אליין ניט געוואוסט וואָס מיט מיר טהוט זיך. איך קען גענוי ניט וויסען וויא לאנג איך בין דאָרט אין אזא צושטאנד פערבליבען, אָבער דאָס געדענק איך, אז איך בין פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען מיט א ווילדען שרעק־געשריי. איך האָב געהערט א שטויס און וויא דער שטאָהלענער שנאָבעל פון דער "נאָטילוס" האָט זיך אריינגעשטעקט אין א וואנד, וואהרשיינליך פון יענער שיף און האָט זיא דורכגעשטאָכען זוי וויא דיא נאָדעל פון א זעגעל־מאכער דורך דיא שטיקער ליינוואנד.

עס איז מיר אונמעגליך געווען צו פערבלייבען לענגער אין מיין צימער און איך בין אריינגעלאָפען אין זאאל ציטערענדיג מיט אלע מיינע גליעדער. קאפּיטאן נעמאָ איז דאָרט אויך געווען. שטום, מיט אן אויסדרוק פון גרויזאמע ראכע אויף זיין געזיכט איז ער געשטאנען און האָט ארויסגעקוקט דורך'ן פּענסטער ביי דער לינקער זייט פון שיף, וואו דער פיינדליכער דאמפּפער האָט ווירקליך אָנגעהויבען זינקען, און אום בייצוואוואָהנען דיא סצענעס וויא דיא לייטע פון יענער שיף ראנגלען זיך מיט'ן טויט, האָט זיך דיא "נאָטילוס" אויף א בעפעהל פון קאפּיטאן ארונטערגעלאָזט צוגלייך מיט דער צושמעטערטער שיף. איך האָב אויך ניט ווילענדיג א בליק געטהאָן אין פּענסטער און איך האָב געזעהן יענע שיף, וואָס איז געווען אומגעפעהר דרייסיג פוס ווייט פון אונז, וויא דאָס וואסער דרינגט אין איהר אריין מיט א דונער־גערויש. דער דעק איז געווען פול מיט געשטאלטען פון מענשען, וועלכע זיינען אומגעלאָפען מיט פערצווייפעלטע בעוועגונגען.

דאָס וואסער האָט געשטראָמט אין שיף אריין אלץ מעהר און מעהר. דיא אונגליקליכע האָבען געקלעטערט אויף דיא שטריק און אויף דיא מאסטען און האָבען זיך געצאַפּעלט און געדרעהט אונטער'ן וואסער. וויא געלעהמט בין איך געשטאנען און צוגעקוקט דיעזע שוידערליכע סצענעס פון דעם מאסען־מאָרד וואָס נעמאָ איז בעגאנגען. איך האָב געשפּירט אז דער אָטהעם האָט מיך פערשטיקט, דאָך האָט מיך אן אונבעגרייפליכע מאכט אזוי וויא צוגעשמידט אויף מיין אָרט נעבען פּענסטער און איך האָב זיך פון דאָרט ניט געקענט ריהרען. איך האָב דיא פירכטליכע מאטערניסען פון דיא אונגליקליכע ניט געוואָלט זעהן, דאָך האָב איך מיינע אויגען ניט אָבגעווענדעט פון פּענסטער.

דיא צובראָכענע שיף איז געזונקען אלץ ניעדריגער און ניעדריגער און מיט איהר צוזאמען דיא "נאָטילוס". פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א שרעקליכער קראַך פון אן עקספּלאָזיאָן. דיא צוזאמענגעפּרעסטע לופט פון יענער שיף האָט געפּלאצט און ארויסגעשפּארט פון דעק אזוי וויא א פייער וואָלט אויסגעבראָכען. דיא "נאָטילוס" איז פון דיא שטארקע בעוועגונג אין וואסער אויף א רעכטע שטיק אָבגעשליידערט געוואָרען.

יעצט האָט דיא אונגליקליכע שיף אָנגעפאנגען שנעלער צו זינקען. איך האָב

געזעהן אז דיא באלקענס זיינען געווען פול מיט מענשען, וועלכע האבען זיך קוים אנגעהאלטען מיט פערגליווערטע הענד מאטערענדיג זיך אין טויטליכע ליידען. ענדליך האט זיך בעוויזען דער שפיץ פון הויפט־מאכט און דאן איז דיא גאנצע מאסע מיט דיא דערטרונקענע מאנשאפט געפאלען צום גרונד פון מעער.

איך האב א קוק געטהאן אויף'ן קאפיטאן נעמא. דער קאלטבלוטיגער הענקער, דער מאסען־מערדער איז נאך אלץ געשטאנען און געקוקט אויף זיינע קרבנות, ביז דיא פורכטבארע סצענע האט זיך געענדיגט. דאן האט ער זיך געלאזט געהן צו זיין צימער. ניט ווילענדיג האב איך איהם נאכגעקוקט און איך האב געזעהן אויף'ן וואנד א בילד פון א יונגע פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. נעמא איז איינינע אויגענבליקען געשטאנען בעטראכטענדיג דיעזען בילד, דאן האט ער אויסגעשטעלט זיינע הענד געגען דיא טויטע פיגורען, איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אויסגעבראכען אין א געוויין.

22טעם קאפיטעל

קאפיטאן נעמא'ס לעצטע ווערטער

דיא לאדענס פון דיא פענסטער האבען זיך געשלאסען באלד נאכדעם וויא דיא שוידערליכע סצענע האט זיך געענדיגט. אין דער "נאטילוס" איז געווען פינסטער און א טויטע שטילקייט האט אין איהר געהערשט. דיא שיף איז געלאפען מיט א פולע שנעלקייט ביי א הונדערט פוס אונטער'ן וואסער. וואוהין פאהרען מיר ווייטער? וואוהין לויפט קאפיטאן נעמא נאכדעם וויא ער האט פיעלע מענשען אומגעבראכט? דאס האב איך ניט געקענט וויסען. איך האב צום קאפיטאן געפיהלט א שרעקליכע שנאה. איך האב איהם בעטראכט אלס טיראן, אלס א גרויזאמען, שרעקליכען מערדער. אבוואהל איך האב פערשטאנען, אז ניט אומזיסט האט ער דיא שיף מיט דיא מענשען געזונקען, דאך האב איך איהם פעראכטעט, וויל וואס ער זאל ניט האבען געליטען פון דיא מענשען, האט ער אלץ קיין רעכט געהאט אזעלכע גרויזאמע ראכע טהאטען דורכצופיהרען.

איך האב זיך אומגעקעהרט צוריק אין מיין צימער, וואו לענד און קאנסייל זיינען פערבליבען פון פריהער. לענד איז געווען אזוי פערצווייפעלט, אז ער האט גערעדט וועגען בעגעהן זעלבסטמארד און קאנסייל האט געהאט גרויסע שוועריגקייטען איהם צו טרייסטען און אבצוהאלטען פון זיינע משוגענע פלענער.

אום עלף דעם זייגער זיינען דיא עלעקטרישע לאמפען אנגעצונדען געווארען. איך בין אריין אין זאאל, אבער איך האב דארט קיינעם ניט געטראפען. איך האב בעטראכט דיא פערשיעדענע אינסטרומענטען און איך האב זיך איבערציינט, אז דיא שיף לויפט מיט דיא שנעלקייט פון 25 מייל א שטונדע. איך האב

אויף אויסגעפונען, אז מיר זיינען פערבייגעפאָהרען דעם אָנפאנג פון ענגלישען קאנאל און דיא "נאָטילוס" לויפט נאָך דיא נאָרדליכע וואסערען. דיא שיף איז דאמאָלס טהיילווייז געשוואומען אין דיא הויך אויף דער אָבערפלעכע פון ים און טהיילווייז אונטער'ן וואסער.

עס איז נאכט געוואָרען. דער ים און דיא ארומיגע געגענד איז בעדעקט געוואָרען מיט א דונקעלהייט. איך בין אוועק אין מיין צימער שלאָפען, אָבער עס האָט מיך קיין שלאָף ניט גענומען. איך בין איינגיע מאָל אנדרעמעלט געוואָרען, אָבער שרעקליכע חלומות האָבען מיך אויפגעוועקט. דיא שוידערליכע סצענעס פון דער צובראָכענער שיף מיט איהרע קרבנות זיינען מיר געשטאַנען פאר דיא אויגען און איך האָב אויפגעשוידערט ביי יעדען גדאנק וואָס איז דורכגעפלויגען אין מיין קאָפּ.

פון דאן אָן האָב איך ניט געקענט וויסען וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט. קאפּיטאן נעמאָ, זיין לייטענאנט אָדער ווער עס איז פון דיא מאנשאפט איז ניט געווען צו זעהן. דיא זונען־אויפנאהמען האָט מען ניט געמאכט יעדען טאָג, אויף דער קארטע האָב איך קיין נייע צייכנונגען ניט געפונען, זאָגאר דיא זייגערס זיינען געשטאנען און איך האָב ניט געקענט וויסען דיא צייט פון טאָג.

אזוי זיינען, לויט וויא איך האָב משער געווען, פאָריבער צוויי וואָכען צייט. אויף ריכטיג האָב איך עס ניט געקענט וויסען, ווייל בייטאָג זיינען מיר מעהרסטענטהייל געווען טיעף אונטער'ן וואסער און אָנשעפען פרישע לופט פלעגט דיא "נאָטילוס" ארויפשטייגען אין דער הויך ביינאכט. נעד לענד איז אויס פערצווייפלונג שטענדיג געזעסען אין זיין קאיוטע און איך און קאָנסייל זיינען פערבליבען אליין, איינזאם, עלענד, אזוי וויא אין א טיעפע, פינסטערע וויסטע.

איין פריהמאָרגען — איך קען ניט וויסען וואָס פאר א דאטום דאָס איז געווען, צוליעב דעם וואָס מען האָט אונז פריהער געהאלטען אין בלענדענים — בין איך ארייגעפאלען אין א טיעפען שלאָף. ווען איך האָב זיך שפּעטער אויפגעכאפּט, שוואך און געפּייניגט פון טרויעריגע גדאנקען, איז לענד צו מיר ארייגעקומען און שטיל, מיט א שוואכע שטימע האָט ער צו מיר געזאָגט:

— מיר וועלען פון דאנען אנטלויפען.

— ווען וועלען מיר אנטלויפען? — האָב איך געפרעגט.

— דיא קומענדע נאכט, אויב נור איהר זיינט איינשטימיג — האָט דער קענעדע'ר געענטפערט — קיינער גיט דאָרט ניט אכטונג. זיי שלאָפען אלע אָדער זיי ליגען גע'חלש'טע און מען זעהט זיי אין דיא אויגען ניט אָן. וועט איהר אלזאָ זיין גרייט, מיין הערר?

— יא. אָבער וואו געפינען מיר זיך?

— דאָס ווייס איך ניט, אָבער דורך דעם מאָרגען מהוי האָב איך געזעהן לאנד אומגעפעהר צוואנציג מייל ווייט פון אונז.

— געוויס לענד, מיר וועלען לויפען! — האב איך געזאגט — ווען אפילו מיר וועלען וויסען, אז דיא וועללען פון ים וועלען אונז איינשלינגען.

— דער ים איז ערשט אונרוהיג, דער ווינד איז שטארק — האט לענד פארטגעזעצט — דאך וועלען מיר אין א קליינע שיפעל קענען צופאהרען דיא צוואנציג מייל ביז'ן לאנד. איך האב שוין געמאכט אלע פארבערייטונגען דיא שיפעל פון דער "נאטילוס" אבצושרויפען, איך האב אויך אביסעל לעבענסמי־טעל פערשאפט און אונזער פלאן וועט דיעזען מאל זיכער געלינגען.

איך בין אויף אלעם געוועזען ענטשלאסען. דער טאג האט זיך פאר מיר געצויגען אזוי וויא אן אונענדליכע אייביגקייט. איך האב וואס שנעלער גע־וואלט דערלעבען נאכט און דורכפיהרען אונזער פלאן. מיט מיינע קאמעראדען האב איך אין יענעם טאג ניט פיעל גערעדט, אום יעמאנד פון שיף זאל אויף אונז ניט בעמערקען, אז מיר האבען אין זינען אויפצוטהאן נייעס.

איך בין פערבליבען אליין אין מיין קאיוטע. אום זעקס אוהר האב איך גע־געסען, אבוואהל איך בין ניט געוועזען הונגעריג. איך האב איינפאך געגעסען מיט געוואלד, אום איך זאל קרעפטיגער זיין און קענען העלפען טרייבען דיא שיפעל. מיר האט זיך אייגענטליך זעהר געוואלט זעהן דעם קאפיטאן פאר מיין אנטלויפען פון איהם, אבער אין דער צווייטער זייט האב איך בערעכענט, אז עס וועט פיעל גלייכער זיין אז איך וועל איהם שוין מעהר ניט בעגעגענען, ווייל טאמער פערפיהרט ער מיט מיר א געשפרעך און ער וועט זיך אנשטויסען וואס איך און מיינע קאמעראד'ען דענקען, דאן וועט ער אונזערע פלענער צושטערען. אום האלב נאך זיבען דעם זייגער איז לענד צו מיר אריינגעקומען און געזאגט:

— מיר וועלען זיך שוין ניט זעהן ביז מיר וועלען אבפאהרען. אום צעהן אוהר וועט נאך דיא לבנה ניט אויפגעהן און אין דיא פינסטערנים פון דער נאכט וועלען מיר אונזער פלאן גאנץ לייכט קענען דורכפיהרען. איהר זאלט דאן ארויפקומען אויבען צום שיפעל. איך און קאנסייל וועלען אייך דארט ערווארטען.

מיט דיעזע ווערטער איז לענד ארויסגעגאנגען. איך האב בערעכענט, אז עס איז וויכטיג צו וויסען אין וואס פאר א ריכטונג מיר פאהרען יעצט און איך בין אריין אין זאאל און א קוק געטהאן אויף'ן קאמפאס, וועלכער האט געוויזען, אז דיא שיף לויפט נאך אסט־נארד. דיא אנדערע אינסטרומענטען האבען מיך איבערצייגט אז מיר פאהרען מיט א שרעקליכע געשווינדקייט, מעהר וויא 150 פוס טיעף אין וואסער. איך האב געווארפען מיין לעצטען בליק אויף אלע מערקווירדיגע נאטור־וואונדער וואס האבען זיך דארט געפונען, אויף דיא אוצרות פון רייכטהום און קונסט, וועלכע וועלען וואהרשיינליך פערבלייבען בעגראבען אין דיא טיעפענים פון מעער צוזאמען מיט דעם מאן, וועלכער האט זיי געזא־מעלט. איך האב געוואלט, אז אין מיין מוח זאל פערבלייבען אן אונפערגעסליכער

איינדרוק פון דיא אלע ערהאבענע שעהנהייטען פון יענעם מערקווירדיגען מרזעאום און איך בין דארט א גאנצע שטונדע פערבליבען, קוקענדיג אויף דיא קאסטבארע און ווערטהפאלע אנטיקען, וואס האבען געגלאנצט אין דיא גלעזערנע קאסטענס אונטער דיא העלע עלעקטרישע בעלייכטונג, דאן בין איך אריין צוריק אין מיין צימער.

דארט האב איך אנגעצויגען מיינע שטארקע ים־קליידער. לאנגזאם און פינקטליך האב איך צוזאמענגעפאקט מיינע נאטיצען, וועלכע איך האב געהאלטען פאר דיא גרעסטע וויכטיגקייט, און אריינגעשטעקט אין מיינע טאשען. מיין ברוסט האט שטארק געקלאפט און איך האב מיין אויפרעגונג ניט געקענט בעהערשען. ווען קאפיטאן נעמא וואלט דאן אויף מיר איין בליק געגעבען, וואלט ער זיכער באלד פערשטאנען וואס ביי מיר אין הארצען טהוט זיך.

איך בין אלע ווײלע אלץ מעהר אונרוהיגער געווארען. מיין איינבילדונגס קראפט, מיין פאנטאזיע האט זיך אין מיר צושפיעלט און איך בין אויסער זיך געוועזען. איך האב זיך צוגעהערט ביים טהיר פון קאפיטאן'ס צימער און איך האב געהערט אז מען געהט דארט אום. נעמא שלאפט נאך אלזא ניט. מיר האט זיך יעדע ווײלע געדאכט, אז ער קומט אריין צו מיר אין צימער און ער ווארפט אויף מיר בייזע בליקען און ער פרעגט מיך ווארום איך וויל אנטלויפען. מיט איינמאל איז מיר דורכגעלאפען א געדאנק, אז עס פאסט ווירקליך ניט פאר מיר איך זאל אנטלויפען אזוי וויא א פערברעכער. קאפיטאן נעמא האט מיך געאכטעט און פיעלע מאל העכסט פריינדליך בעהאנדעלט און מיין פפליכט איז צו שיידען זיך מיט איהם אויף א גאנץ אנדער אופן, אנשטענדיג, פיין, וויא עס פאסט זיך פאר גוטע פריינד. עס איז מעהר פאסענד — האב איך ביי זיך געטראכט — אריינצוגעהן צו איהם אין צימער און איהם עפענטליך ערקלערען, אז ביי מיין פאלשטענדיגען רעספעקט צו זיין פערזאן און צו זיינע קענטניסע, קען איך לענגער ביי איהם ניט פערבלייבען, נאכדעם וויא איך האב זיינע גרויזאמע און פורכטבארע ראכע־טהאטען געזעהן.

אבער איך האב זיך בעדענקט און איך האב עס ניט געטהאן. איך האב זיך אוועקגעלעגט אויף מיין בעט אום מיין אויפרעגונג און גערוועזיטעט עטוואס צו שטילען. איך האב זיך א ביסעל בערוהיגט, און מיינע געדאנקען האבען זיך אומגעקעהרט צו דער פערגאנגענער צייט. מיין פאנטאזיע האט מיר פארגעשטעלט אלע גליקליכע און אונגליקליכע בעגעבענהייטען וואס האבען מיט מיר פאסירט פון דעם טאג, ווען איך בין ארונטערגעשליידערט געווארען פון דער "אייברעהעם לינקאלן", ביז דער לעצטער סצענע פון דעם מאסען־מארד, און זיין פירכטערליכע ראכע געגען יענעם אונבעקאנטען קריעגס־דאמפפער, וואס איז פאר מיינע אויגען מיט זיין גאנצע מאנשאפט געזונקען אין דיא טיעפענים פון מעער.

עס איז שוין געוועזען האלב צעהן דער זייגער. איך האב מיין קאפ געהאל־

מען צוגעדריקט מיט ביידע הענד, ווייל מיר האָט זיך געדאכט, אז מיינע געהירען פּלאַצען. איך האָב געוואָלט פערטרייבען מיינע מחשבות, אָבער דאָס איז מיר אונמעגליך געווען. איך האָב איינפאַך מורא געהאט, אז איך ווער משוגע.

באלד האָב איך דערהערט וויא מען פאנגט אָן שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ א זעהר טרויעריגע מעלאָדיע, וואָס האָט אויסגעדריקט א זאָנדערבארע בענקעניס, א זאָנדערבארען שמערץ וואָס געהט ארויס פון א פערקלעמטעם הארץ. איך בין קוים אים שטאנד געווען דעם אָטהעם אָבצוציהען. דיא מוזיקאלישע טענער האָבען מיך אזוי וויא מיט אן אונבעגרייפליכע מאכט אוועקגעטראָגען ווייט, איבער דיא גרענעצען פון דער שטערבליכער וועלט.

דאן האָט מיך פּלוצלונג א נייער גערדאנק דערשראָקען. קאפּיטאן נעמאָ געפינט זיך דאָך ערשט אין זאאל, דורך וועלכען איך מוז דורכגעהן אום צו אנטלויפען. ער זיצט דאָך דאָרט ביי דער פּיאנאָ און ער וועט מיך פיליכט דערזעהן און מעגליך, אז ער וועט מיט מיר אָנפאנגען רעדען, היינט וויא איז עס מעגליך, אז ער זאָל ניט פערשטעהן, דאָס איך בין אויף'ן וועג צו אנטלויפען? וועט ער מיך דען ניט אָבהאלטען? וועט ער מיך דען לאָזען דורכפיהרען אונזער פּלאן? געוויס ניט! זיין איין וואָרט, זיינער אן איינציגער וואונק וועט גענוג זיין צו פערהאלטען אונז ווייטער אויף דער "נאָטילוס".

דערווייל דארף שוין באלד שלאָגען צעהן אוהר. דער וויכטיגער ערוואר־טעטער מאָמענט איך זאָל פערלאָזען מיין צימער און זיך אָנשליסען צו מיינע קאמעראדען וואָס ערוואַרטען מיך, איז געקומען.

איך קען שוין לענגער ניט פערזאמען. איך מוז זאָפאָרט געהן, זאָגאר ווען קאפּיטאן נעמאָ זאָל מיר אָנקומען אנטקעגען. שטיל און פאָרזיכטיג האָב איך געעפענט דיא טהיר פון מיין צימער. אָבער וויא איך האָב זיך געהיט, האָט מיר אלץ אויסגעוויזען, אז זיא מאכט צופיעל גערויש. דאָס האָט מיך וואהרשיינליך דיא איינבילדונגס-קראפט בלויז געשראָקען.

איך בין אויף דיא שפּיץ פינגער דורכגעגאנגען דיא קאָרידאָרען, ביז איך בין געקומען צום זאאל. העכסט פאָרזיכטיג האָב איך דיא טהיר געעפענט און בין אריינגעקומען. עס איז דאָרט געווען עכט פינסטער. קאפּיטאן נעמאָ איז געזעסען ביי דער פּיאנאָ. זיינע פינגער האָבען זיך בעוועגט איבער דיא בייג־דלאך און שוואכע אומעטיגע טענער האָבען געקלונגען אין מיינע אויערען. דער קאפּיטאן האָט מיך ניט בעמערקט. מעגליך, אז זאָגאר ביי דיא העלע ליכט פון טאָג אָדער ביי דער שיין פון דיא עלעקטרישע בעלייכטונג וואָלט ער מיך אויך ניט געזעהן, ווייל זיין נשמה איז געווען פערזונקען אין דיא מעלאָדיען וואָס ער האָט געשפּיעלט.

לאנגזאם בין איך געגאנגען אויף'ן ווייכען דיוואן וואָס האָט בעדעקט דעם באָדען פון זאאל און איך האָב זיך שטארק געהיט, אז איך זאָל קיין מינדעסטען

געריוש ניט מאַכען און זיך אליין ניט פערראַטהען. גאַנצע פינף מינוט צייט האָט ביי מיר גענומען ביז איך בין געקומען צו דער אַנדערער טהיר וואָס פיהרט צו דער ביבליאָטעק.

איך האָב שוין אויסגעשטרעקט מיין האַנד, אום דיא טהיר צו עפענען, ווען א טיעפער זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון נעמאָ'ס ברוסט האָט מיך אָבגעשטעלט. איך האָב געהערט אַז ער הויבט זיך אויף פון זיין שטוהל. איך האָב אָבגעווענדעט מיין קאָפּ און האָב אין דער פינסטער בעמערקט, אַז ער געהט גראַדע צו מיר, דיא הענד צוזאַמענגעלעגט אויף זיין ברוסט, שוועבענדיג אַזוי וויא א גייסט. א שטילער געוויין האָט זיך אַרויסגעגאָסען פון זיין האַרץ, וואָס איז וואַהרשיינליך העכסט פערקלעמט געווען. איך האָב געהערט וויא ער האָט געמורמעלט צו זיך אַליין. איך האָב אַלע ווערטער ניט געקענט כאַפּען, אָבער דיא לעצטע ווערטער וואָס איך האָב דייטליך געהערט, זיינען געווען:

— אַלמעכטיגער גאָט! גענוג! גענוג!

— וואָס זאָל ער מיט דיזע ווערטער מיינען? — האָב איך ביי זיך גע־טראַכט — פּלאַגט איהם פיליכט זיין געוויסען פון דיא גרויזאַמע און שוידער־ליכע ראַכע־טהאַטען וואָס ער איז בעגאַנגען?

אין דער גרעסטער פערצווייפלונג בין איך דורכגעלאָפען דיא ביבליאָטעק, בין אַרויף מיט'ן לייטער וואָס האָט געפיהרט צו דעם קאַמער, וואו דאָס שיפעל האָט זיך געפונען און אין א ווייל ארום בין איך שוין דאָרט געווען. איך בין אַריינגעקראָכען דורך דיא עפענונג און איך האָב דאָרט מיינע צוויי קאַמעראַדען געפונען וואַרטענדיג אויף מיר.

וויא אַזוי דאָס שיפעל איז געווען איינגעריכטעט, אַז מען זאָל מיט איהר קענען אַרויפשטייגען אין דער הויך פון אונטער'ן וואַסער, האָב איך שוין בע־שריבען אין צוועלפטען קאַפּיטעל פון מיין ערצעהלונג. נעד לענד האָט זיך בע־וואָרגט מיט א שליסעל צו עפענען און צוריק פערשליסען דעם אַריינגאַנג צום שיפעל און אויך צו דער אויבערשטער פּלאַטע וואָס האָט געדאַרפט געעפענט ווערען, אום דאָס שיפעל זאָל אַרויפשטייגען, און מיר האָבען וועניג וואָס געהאַט צו טהאָן, ווייל אַלע פאַרבערייטונגען זיינען שוין געווען פערטיג.

— שנעל! לאָמיר געהן, לאָמיר געהן! — האָב איך אויסגעשריען.

— טאַקי שוין, אין דיזען אויגענבליק! — האָט זיך דער קענעדע'ר אָב־גערופען.

דאָס טהירעל פון קאַמער איז באַלד פעסט פערשלאָסען געוואָרען. מיר האָבען זיך אַלע דריי אַריינגעקליבען אין שיפעל און זיך פעסט איינגעשלאָסען אין איהם, אום קיין וואַסער זאָל ניט אַריינדרינגען און עס האָט בלויז געפעהלט מיר זאָלען אָבשרויפען א פּאָר שרויפען מיט וועלכע דאָס שיפעל איז געווען צוגעפעסטיגט צום וואַנד פון דער גרויסער שיף און דאַן וועט זיא זיך אויפהויבען

אין דער הויך און דאָס וואסער וועט איהר ארויפשליידערען אויף דיא אָבערפלע־כע פון ים.

נעד לענד האָט שוין אָנגעפאנגען אָבדרעהען דיא שרויפען, ווען פּלוצלונג האָבען זיך דערהערט קולות און האסטיגע טריט לויפענדיג אין שיף. וואָס זאָל עס בעדייטען? — האָב איך ביי זיך געטראכט — האָט מען אונז בעמערקט און מען וויל אונז שטערען צו געווינען אונזער פרייהיים? נעד לענד האָט מיר עפּעס אריינגערוקט אין האנד. איך האָב אין דער פינסטער אָנגעטאפּט, אז דאָס איז א לאַנגער מעסער.

— יא, האָב איך געזאָגט — איך בין ערשט בערייט צו שטארבען אין קאמפף פאר אונזער בעפרייאונג.

לענד האָט אויפגעהערט דרעהען דיא שרויפען. דאן האָט איך געהערט א וואָרט, וועלכעס איז פיעלע מאָל ווידערהאָלט געוואָרען פון דיא לייטע פון שיף און עס איז מיר באלד קלאָר געוואָרען, אז דאָ האנדעלט זיך ניט וועגען אונזער אנטלויפען, זאָנדער'ן וועגען א פיעל ערגערע זאך.

— דער מעלשטראָם! דער מעלשטראָם! — האָב איך אויסגעשריען אין העכסטער פערצווייפלונג.

דער מעלשטראָם! קיין שרעקליכערע געפאהר האָט אונז אין דער פירכ־טערליכער לאגע, אין וועלכער מיר האָבען זיך געפונען, ניט געקענט טרעפען. מיר זיינען דאמאָלס געווען אין דעם געפעהרליכסטען פלאץ פון ים ביים ברעג פון נאָרוועגיען; דאָרט וואו א ברויזענדער, שרעקליכער אָבגרונד וויטהעט שטענדיג; דאָרט וואו דיא שטארקסטע און מעכטיגסטע שיף קען ניט דורכגעהן; דאָרט וואו דיא "נאָטילוס" מיט איהרע אלע פעסטע איינריכטונגען קען צו־קלאפּט ווערען אזוי וויא גלאָז אונטער א שווערען האמער, היינט וויא אזוי וועט אונזער קליין שיפעל קענען וויעדערשטעהן אזא געוואלדיגע מאכט?

מעלשטראָם אָדער וויא דיא ענגלענדער דריקען עס אוים "מעֵילסטראָם" איז א מין קעסעל־גרוב, וואו דאָס וואסער דרעהט זיך אזוי וויא א ראָד, צווי־שען דיא נאָרוועגישע אינזלען פערא און לאָפאָדען. דאָס וואסער דרעהט זיך דאָרט אונגעהייער שנעל און מיט א געוואלדיגע מאכט פון פיעלע דאמפף־מאשי־נען. פון אלע זייטען קומען אהין אָן מעכטיגע כוואליעס, וועלכע פעראייניגען זיך אין א ברויזענדען מיטעלפּונקט. דיא קראפט פון דיעזען מעלשטראָם איז אזוי שטארק, אז ער קען צושלעפּען שיפען פון צוועלף מייל ווייט און פער־וואנדלען זיי אין שפּענדלאַך. און ניט נור שיפען איז דאָס געפעהרליכע וואסער בכוח צו ברייגגען צושלעפען, זאָנדערן אויך וואלפיש און אנדערע גרויסע ים־ברואים, וועלכע ווערען פון דער געוואלדיגער קראפט צודריקט און צוריבען.

און אין דיעזען מעלשטראָם, אין דיעזען שרעקליכען אָבגרונד האָט קאפּיטאן נעמאָ אריינגעפיהרט זיין "נאָטילוס"! אויב ער האָט עס אבזיכטליך געטהאָן,

אום זיך מיט זיינע מענשען מיט איינמאָל צו פערניכטען, אָדער ער האָט אהין פערבלאָנדזעט — דאָס האָב איך ניט געקענט וויסען. דיא "נאָטילוס" האָט זיך געדרעהט און געוואָרפען אזוי וויא א שפּענדעל אין ברויזענדען ים. מיט דער שנעלקייט פון א בליץ האָט זיך דיא שיף געשלי דערט און גדרעהט אליין נעהענטער צום מיטעלפּונקט. אונזער שיפעל, וועלכעס איז נאָך ניט געווען אין גאנצען אָבגעשרויפט פון דער "נאָטילוס", איז אויך מיטגעשלעפּט געוואָרען. עס האָט אונז אָנגעהויבען שווינדלען אין דיא קעפּ, א קאלטער שוייס האָט בעדעקט אונזערע קערפּער און א טויט שרעק איז אונז בעפאלען. עס האָט גע־רוישט און געקאָכט ארום אונזער שיפעל, אין וועלכען מיר זיינען געזעסען צו־געדריקט איינע צו דיא אנדערע. עס האָט געקלאפּט און געקראכט. פעלזען זיינען אונטער'ן וואסער צושמעטערט געוואָרען, בוימער זיינען אויסגעריסען געוואָרען, "ארומרייבענדיג זייערע גאנצע פעלצען", וויא דיא נאָרוועגיער זאָגען א ווערטעל.

וויא שרעקליך עס איז צו געפינען זיך אין אזא לאגע! מיר זיינען ארומ־געשליידערט געוואָרען הין און צוריק, אזוי וויא ארבעס אין א זידענדען טאָפּ. דיא "נאָטילוס" האָט זיך פערטהיידיגט אזוי וויא א מענשליכע ריעזען־בעשעפע־ניס. איהרע שטאָהלענע מוסקולען האָבען געקראכט און יעדע וויילע האָט זיא זיך אוועקגעשטעלט מיט'ן שפּיץ ארויף און מיר זיינען מיט איהר אויך מיטגע־שלעפּט געוואָרען.

— מיר מוזען זיך פעסט האלטען! — האָט נעד לענד אויסגעשריען — און דיא שרויפען צוריק פערדרעהען. אז מיר ווע‏לען ניט צולאָזען אונזער שיפעל אָבצורייסען זיך פון דער "נאָטילוס" וועלען מיר פיל‏לייכט גערעטעט ווערען.

איידער ער האָט נאָך בעוויזען צו ענדיגען זיינע ווערטער, האָט זיך גע־הערט א געוואלדיגער קראך. דיא שרויפען זיינען אָבגעבראָכען געוואָרען, דאָס שיפעל האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין קאמער און איז מיט אונז צוזאמען גע־שליידערט געוואָרען אזוי וויא א שטיין אין מיטען פון דעם ברויזענדען קעסעל־גרוב.

מיין קאָפּ האָט געקראָגען א שטארקען קלאפּ אָן א שטיק אייזען, איך האָב דערפיהלט א שרעקליכען שמערץ און איך בין געבליבען ליגען בעוואוסטלאָז.

23טעם קאפּיטעל

שלום

דערמיט האָט זיך געענדיגט אונזער רייזע אונטער'ן ים. וואָס עס איז יענע נאכט ווייטער פאָרגעקומען, וויא אזוי אונזער שיפעל איז גערעטעט געוואָרען פון דעם פורכטבארען מעלשטראָם און אויף וועלכען אופן איך, לענד און קאָנסייל זיינען פון דאָרט ארויסגעקומען, דאָס אלעס קען איך ניט ערקלערען.

אָבער ווען איך בין צו זיך געקומען, בין איך געלעגען אין א ביידעל פון א פישער אויף'ן אינזעל לאָפאָדען. מיינע צוויי קאמעראדען, געזונד און מונטער, זיינען געשטאנען נעבען מיר און געדריקט מיינע הענד. מיר האָבען זיך אומגעארמט זעהר הערצליך און צו אונזער פרייד איז קיין שיעור ניט געווען.

מיר האָבען אין יענעם מאָמענט ניט געקענט דענקען וועגען פאָהרען נאָך פראנקרייך. דיא פערבינדונגען צווישען יענע איינזאמע געגענד מיט'ן מעהר בעפעלקערטען נאָרדליכען נאָרוועגיען זיינען זעהר קליין. און מיר האָבען געמוזט ווארטען אויף א שיף, וועלכע קומט איין מאָל אין מאָנאט פון קייפּ נאָרד.

און צווישען דיעזע גוטע מענשען, וועלכע האָבען אונז פריינדליך אויפגענומען און האלטען אונז אויף אויף'ן בעסטען אופן, זעה איך נאָך אלע מיינע בעשרייבונגען און רעקאָרדס וואָס איך האָב פערצייכענט, וועהרענד מיין מערקווירדיגער רייזע אונטער'ן ים און איך געפין אויס, אז אלעס איז גענוי און פּינקטליך ערקלערט, קיין פאקט ניט דורכגעלאָזט און קיין זאך ניט איבערטריבען. דאָס איז א טרייע ערצעהלונג פון אן אונגליקליכע רייזע דורך דעם נאסען עלעמענט, וואָס איז אָבגעשלאָסען פון דער מענשהייט, אָבער צו וועלכע דער פאָרטשריט פון דער מענשהייט און דער וויסענשאפט וועט נאָך אמאָל עפענען א פרייען וועג פאר אלעמען.

וועט מען מיר גלויבען? איך ווייס עס ניט. איבריגענס איז עס מיר נאָך אלעמען א קליינער אונטערשיעד, אויב מען וועט מיר גלויבען אָדער ניט. וואָס איך בעהויפּטע יעצט איז, אז איך האָב פאָלקאָם רעכט צו רעדען וועגען יענע ימים, אונטער וועלכע איך האָב אין פערלויף פון צעהן מאָנאטען דורכגעמאכט א רייזע פון 20,000 ליגס — א רייזע וועלכע האָט מיר ענטדעקט זעהר פיעל וואונדער פון דער נאטור.

אָבער וואָס איז געוואָרען פון דער "נאָטילוס"? האָט זיא אויסגעהאלטען דעם געוואלדיגען דרוק פון דעם מעלשטראָם? לעבט נאָך דער קאפּיטאן נעמאָ? פערפאָלגט ער נאָך זיינע שרעקליכע ראַכע־פּלענער אונטער דיא טיעפע אָבגרונדען פון ים, אָדער ער איז ביי זיין לעצטען פיעלפאכען מאָרד שטעהן געבליבען?

און וועלען אמאָל דיא וועלען פון ים ברייננגען זיין מאנוסקריפּט, וועלכער ענט־האלט זיין לעבענס־בעשרייבונג? וועל איך ווען עס איז וויסען דעם ריכטיגען נאָמען פון דיעזען מערקווירדיגען מאן?

איך האָף אז יא. איך האָף אויך, און בין געניינגט צו גלויבען, אז דיא מעכטיגע "נאָטילוס" האָט בעזיעגט דעם שרעקליכען אָבגרונד פון מעער און איז ארויס אונבעשעדיגט פון יענעם געפעהרליכען פּלאַץ, וואו פיעלע שיפען זיינען פערלאָרען געגאנגען. אויב דאָס איז ריכטיג אזוי, אויב קאפּיטאן נעמאָ וואָהנט נאָך אלץ אין דיא טיעפענים פון מעער, וואו ער האָט זיין היימאטה גע־מאכט, ווינש איך איהם, אז דער ווילדער האס אין זיין הארצען זאָל געשטילט ווערען. דיא בעטראכטונגען פון אזוי פיעל וואונדער פון דער נאטור זאָלען אויף איהם ווירקען אויסצולעשען דעם געפיהל פון ראכע אויף אימער. זאָל ער אויפהערען זיין א ריכטער, א שטראָף־געבער און זאָל ער בעסער פערבלייבען א פריעדליכער פילאָזאָף און פאָרטזעצען זיינע פאָרשונגען אין דיא ימים. זיין שיקזאל איז זאָנדערבאר, אָבער אויך ערהאבען. ער לעבט אן אוננאטירליכען לעבען, אָבער וואָס פאר נוצען ער קען ברייננגען פאר דיא מענשהייט!

מיט טויזענדע יאָהרען צוריק האָט מען אין דיא ביבלישע שריפטען גע־שטעלט דיא פראגע: "ווער איז דען אים שטאנד געווען דיא טיעפענים פון מעער אויסצופאָרשען?" אין דער גאנצער מענשען־וועלט גיבען עס נור צוויי וואָס קענען אויף דיעזער פראגע אן אנטוואָרט געבען — קאפּיטאן נעמאָ און איך.

נאכבעמערקונג.

ווער איז געווען קאפּיטאן נעמאָ? איבער וועלכע אורזאכען האָט ער זיך אָבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט? ווער זיינען געווען דיא יעניגע פון וועלכע ער האָט אזא שוידערליכע ראכע גענומען? ווארום האָט ער אזא שארפע שנאה געטראָגען אויף יענע לייטע? און וואָס איז פון איהם אליין דער סוף געוואָרען? דיעזע אלע פראגען ווערען ערקלערט אין אן אנדער בוך פון זשול ווערן.

קאפּיטאן נעמאָ איז געווען אן אינדישער פּרינץ מיט דעם נאָמען דאקאר. זיין פאָטער איז געווען א ראדזשא (פירסט) פון דער דאמאָלס אונאבהענגיגער טעריטאָרי בונדעלקונד. ווען ער איז נאָך א קינד געווען האָט איהם זיין פאָטער אוועקגעשיקט נאָך אייראָפּא, אום ער זאָל געניסען אייראָפּעאישע בילדונג און ער זאָל אויסוואקסען א וויסענשאפטס־מאן און קענען קעמפּפען געגען דיא אונ־טערדריקער פון זייער לאנד — דיא ענגלענדער.

צוואנציג יאָהר האָט פּרינץ דאקאר פערבראכט אין דער ציוויליזירטער וועלט. ער איז געווען פעהיג און פלייסיג און ער איז ווירקליך א גרויסער וויסענ־שאפטס מאן געוואָרען. ער האָט גרינדליך אויסגעלערענט פיעלע חכמות וואָס דיא **ציוויליזאציאָן האָט געשאפען און אין פיעלע היגזיכטען האָט ער איבערשטיגען**

דיא גרעסטע געלעהרטע פון יענע צייט. ער האָט בעזוכט אלע אייראָפּעאישע לענדער מיט דעם אבזיכט צו זאמלען מעהרערע ידיעות וואָס אָנבעלאנגען צו פיהרען מלחמות, כדי ער זאָל קענען בעפרייען זיין פאָטערלאנד פון דעם יאָך פון דיא ענגלענדער.

ער איז אהיים געקומען פול מיט וויסענשאפט און העכסט בעלעהרענט אין דער קריעג־קונסט. ער האָט געהייראט א שעהנע אינדישע פּרינצעסין, וועלכע האָט איהם צוויי קינדער געבוירען. ער האָט זיין פרוי און קינדער זעהר געליעבט און זיין פאָטער און מוטער זיינען ביי איהם אויך געווען זייער טהייער, דאָך האָט ער איין מינוט ניט פערגעסען דעם אונטערדריקטען צושטאנד פון זיין פאָטערלאנד און ער איז געווען פערטיג צו אָפּפערען זיין פאמיליען גליק פאר דעם גליק פון זיינע לאנדסלייט.

דער ציוויליזירטער קריעגס־העלד איז געוואָרען דער אָנפיהרער פון א רעוואָלוציאָן. ער האָט אליין אין פיעלע מלחמות געקעמפּפט אויף לעבען און טויט, אָבער דער מעכטיגער שונא האָט ענדליך געזיעגט און דיא רעוואָלוציאָן איז אונטערדריקט געוואָרען. ווען פּרינץ דאקאר איז צוריק געקומען אין דיא בערג פון בונדעלקונד האָט ער געפונען, אז זיינע עלטערען און זיין פרוי און קינדער זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרען פון דעם זיעגרייכען פיינד.

פול מיט ברענענדען האס און צאָרן געגען דיא גאנצע ציוויליזירטע מענשהייט אין אלגעמיין און בעזאָנדערס געגען דיא ענגלענדער, וועלכע ער האָט פערעכענט פאר ווילדע טיראנען, האָט פּרינץ דאקאר צוזאמענגענומען אלע זיינע רייכטהימער און איז פערשוואונדען געוואָרען צוזאמען מיט צוואנציג פון זיינע טרייע קריעגס־קאמעראדען.

אָט דיעזער אינדישער געלעהרטער און קריעגס־העלד האָט עס נאָך זיין פערשווינדען יאָהרען לאנג, אונטער דעם נאָמען קאפּיטאן נעמאָ, אומגעוואנדערט אויף׳ן גרונד פון ימים אין דער "נאָטילוס", וועלכע ער האָט אליין אויסגעבויט. די שיף וועלכע ער האָט געזונקען איז, זעלבסטפערשטענדליך, געווען אן ענגלישע.

דיא "נאָטילוס" איז גערעטעט געוואָרען פון דעם מעלשטראָם און קאפּיטאן נעמאָ האָט נאָך געלעבט א לאנגע צייט. וואו ער האָט פערבראכט דיא לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען און וואָס עס איז פון איהם דער סוף געוואָרען, ווערט בעשריבען פון׳ם גרויסען ראָמאנען־דיכטער זשול ווערן אין א בעזאָנדערען בוך, וואָס רעכענט זיך אלס דער בעסטער ראָמאן וואָס זשול ווערן האָט געשריבען.

דער נאָמען פון דעם ראָמאן איז "דער געהיימניספאָלער אינזעל". מיר האָבען איהם אויך איבערזעצט אין א שעהנע לייכטע אידיש און וועלען איהם קירצליך האָבען פערטיג, אלס אן איבערראשענדע פּרעמיום פאר אונזערע לעזער.

ע נ ד ע.